STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06823

OT GEYT A MENTSH

Alexander Granach

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלעקסאַנדער גראַנאַך

אָט גייט אַ מענטש

אַלעקסאַנדער גראַנאַך

אָט גייט א מענטש

פון דייטשן אָריגינאַל איבערגעזעצט

דורך

יעקב מעסטל

איקוף פארלאג

OT GEHT A MENTSH

(THERE GOES A MAN)

By

ALEXANDER GRANACH

Translated by

JACOB MESTEL

Copyright 1948 by
YKUF

189 Second Ave., New York 3, N. Y.

געדרוקט אין 2600 עקזעמפּלאַרן

אין דער „פּראָמפּט פּרעס“, 113 — 4טע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.

געזעצט דורך י. בוראַקאָוו

209

PRINTED IN U.S.A.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך

אינהאַלט

זייט

אַלעקסאַנדער גראַנאַך—פון יעקב מעסטל 9

•

אַט גייט אַ מענטש

מ׳האָט מיר אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ וואוילן, ליבן מענטש 26
איך בין געבוירן אין אַ רעגנדיקער נאַכט 33
ווי מ׳טרייבט אַרויס פון מיר דאָס שד׳ל 37
מיינע עלטערע ברידער, אָדער איינער פעלט 40
ס׳חלומט זיך דער מאַמען 44
צוויי פאַמיליעס—פיר פריינטשאַפטן 47
דער ערשטער קרבן 53
ניט געקענט לייענען, אָבער אויך ניט געהערט דעם גלח 57
מיר לאָזן זיך אין מרחקים—אָבער ס׳איז אַלץ די זעלבע וועלט 61
דאָס דאָרף שפייט אונדז אויס 63
בעצירקס־הויפּטשטאָט האָראָדענקאַ—די גרויסע קאָנקורענץ 69
מיין רבי שימשעלע מילניצער, ווען מ׳האָט געמוזט צוליב טאָן 76
אפשר מיין ערשטע ראָל 85
משה „ברעכט מען שויבן" 93
די משפחה ווערט קלענער—די אָרעמקייט גרעסער 96
מיין ברודער שמואל, מיט דער רייכער פאַנטאַזיע, קומט צוריק 101
יעדער קעמפט מיט זיין אייגענעם כלי־זין 105
מענטשן דערוואַכן צו ליבע אין האָראָדענקאַ 110
אין דער פרעמד איז קאַלט, אָבער מ׳קאָן עפּעס לערנען 121
נייגעריקייט 130
אין דער פרעמד איז גוט צו האָבן אַ דערוואַקסענעם ברודער 137
חוה שד 145
טעאַטער 151
אַ הונט, אַ וועגעלע און אַ פרוי 165
די ערשטע טריט אין בערלין 173
דאָס וואָרט 184
אַ נאָמען איז נישט בלויז קלאַנג און רויך 197
און דאָס קרומע האָט זיך אויסגעגלייכט 211
אַ שאָד די שיינע וועלט 225
כמעט אַ פרעמדער אין דער אייגענער היים 234
גלענצנדע פּערספּעקטיוון 245
זאָלן מענטשן זען וואָס פאַר אַ מענטשן עס זיינען פאַראַן 253
אַזוי זיינען מיר אַריין קיין איטאַליע 262
וועגן פירן שטענדיק ערגעץ־וואו 270
שוין אין מיטן וועג קומט דאָס לעבן אַקעגן 278
אַ צוזאָג, וואָס איך וועל אייביק האַלטן 292

זייט
אין דער היים, אין דער היים וועט מען ווידער זיך זען 300
אַ מענטש איז ניט קיין בוים 311
איבערגעריסן אַ פּראָבע 318
שיילאָק 326

●

אַרטיקלען און רעדעס פון אַלעקסאַנדער גראַנאַך

אַ ביסל קריטיק און זעלבסט־קריטיק 335
מיין קומען איצט קיין פּוילן 338
וועגן דעם יידישן טעאַטער און פּובליקום 344
דאָס לעצטע וואָרט פונעם באַשולדיקטן שיילאָק 345
דער מאָראַלישער כח 352
מאַקס פאַלענבערג 356

●

אַלעקסאַנדער גראַנאַך—מענטש און קינסטלער, פון נחמן מייזיל 359

●

פונעם אַלעקסאַנדער גראַנאַך בוך־קאָמיטעט 382

●

פּאָרטרעטן און בילדער

אַלעקסאַנדער גראַנאַך 5
דער קאַסירער—אין געאָרג קאַיזערס „פון מאָרגן ביז מיטערנאַכט" 12
הויפּט פון געשטאַפּאָ, גרובער—אין פילם „הענגמען אַלזאָו דאַי" 19
סצענע פון פּאָול אָסבאָרנס „עי בעל פאָר אַדאַנאָ" 23
יאַנקל שאַפּשאָוויטש—אין שלום אַשס „גאָט פון נקמה" 157
שיילאָק—אין שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעדיג" 157
אַסמוס (אין דער מאַסקע פון לענין)—אין ע. וועלקס פּיעסע
„געוויטער איבער גאָטלאַנד" 157
מעפיסטאָ—אין געטעס „פאַוסט", צווייטער טייל 204
קעניג עצעל—אין פרידריך העבעלס „די ניבעלונגען" 218
קעניג ניקאָלאָ—אין פראַנץ וועדעקינדס פּיעסע „קעניג ניקאָלאָ" 227
אַלעקסאַנדער גראַנאַך און זיין מוטער, רבקה גראַנאַך 239
אַלעקסאַנדער גראַנאַך און אַ קריגס־קאַמעראַד 257
קאַרל טאָמאַס—אין ערנסט טאָלערס „האָפּלאַ, מיר לעבן" 323
שיילאָק—אין שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעדיג" 327
לעווינע—אין ה. לייוויקס „קייטן" 341
סצענע פון פרידריך וואָלפס „די געלע לאַטע" („פּראָפעסאָר מאַמלאָק") 341
סצענע פון אַלטער קאַציזנעס „וועלט־געוויסן" („שלום שוואַרצבאַרד") 375
סצענע פון סאָוועטישן פילם „ציגיינער" 379
שיילאָק—אין וו. שעקספּירס „סוחר פון ווענעדיג" 379

אַלעקסאַנדער גראַנאַך

אַ מזרח־גאַליציאַנער. פון ווייטסטן דרום־מזרח אין גאַליציע, וואו אין די ליימיקע סטעזשקעס פון די קאַרפּאַטן־בערג זיינען זיכער נאָך ערגעץ־וואו פאַרגליווערט די פוס־טריט פון היייליקן בעל־שם.

איבער יענע סטעזשקעס וואַנדלט סטיכיע און דערהויבנקייט, פעלד־מענטש און צדיק, ערדישקייט און הימלישע התלהבות — חסידישער פּרימיטיוו, וואָס איז כסדר אויף די שפּורן פון פויער און דיכטער.

אין יידיש האָט נאָך קיינער ביז איצט אַזוי ניט באַזונגען אָט דאָס שוואַרץ־זאַפטיק, מזרח־גאַליציש ווינקל, יענע „גוטע, פעטע קו, וואָס שטייט רואיק און לאָזט זיך געמיטלעך מעלקן", ווי עס טוט דאָס — מיט אַזוי פיל צאַפּלדיקער ליבשאַפט — אַלעקסאַנדער גראַנאַך, באַלד ביים אַריינפיר צום ערשטן קאַפּיטל פון בוך. דער בעסטער ביאָגראַף וועט אונדז ניט געבן קיין מער־אויספירלעכע און כאַראַקטעריסטישע סביבה־שילדערונג, ווי עס גיט אונדז גראַנאַכס אויטאָביאָגראַפיע אין ערשטן אָפּ־שניט פון זיין לעבן — ביז די יאָרן 1919־1920. יעדע ביאָגראַפישע דאַטע וואָלט דאָ אויסגעקוקט נישטיק קעגן דער וואונדערלעכער באַשרייבונג פון זיין קינדהייט און זיין רייף־ווערן (אין די ערשטע זיבן קאַפּיטלען פון זיין בוך), ווען עס פאַלט אויף זיין נשמה יענער „געטלעכער פונק", ווי ער דריקט זיך אויס, וואָס צעטליעט אין אים אין אומאויסלעשבאַרער גליאונג דעם אייביקן פלאַם צו טעאַטער. גראַנאַך גייט דאָ מיטן לייענער טריט ביי טריט, ביז ער שפּילט אויס אויף דער בינע דעם טרוים פון זיין יוגנט — שעקספּירס „שיילאָק" (1919).

בלייבט דאָ בלויז צו קאָרעגירן די דאַטע פון זיין געבורט. דרינגענדיק פון 2טן, 39טן און 40טן קאַפּיטל פון זיין אויטאָביאָגראַפיע, איז גראַנאַך געבוירן געוואָרן אין אַפּריל 1890 (ניט ווי עס איז אָנגעגעבן אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" — 1893). געשטאָרבן איז ער אין ניו־יאָרק, דעם 14טן מערץ 1945.

„שיילאָק" איז דער ערשטער עטאַפּ אין אויפשטייגנדיקן בינע־וועג פון דעם גראַנאַך־קלימאַקס. און שוין זיין ערשטער אויפשטייג איז געווען אַ זעלטן געראָטענער. „די גרויסע ראָל — שרייבן דעמאָלט די ‚מינכענער ווייעסטע נאַכריכטן' — האָט צום גליק געשפּילט אַ יונגער שוישפּילער מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער גראַנאַך. . . . דער יונגער מענטש האָט געשפּילט ווי אַ קליינער שילדקרויט, ליידנשאַפטלעך, פלינק . . . מיט אַ געוויסן

שפּראַך־אַקצענט . . . הגם קינסטלעריש־צוריקגעהאַלטן.״ און אַזוי אויך די אַנדערע דייטשע פּרעסע. די „מינכענער ציַיטונג״ שרייבט, אַז „גראַנאַך האָט אין אַלע פּרטים געַנוי געשפּילט אין סטיל פון שילדקרויטן . . . מיט אַ זייער שטאַרקן דערפאָלג.״ די „נויע צייטונג״: „די שענסטע מאָמענטן האָט געבראַכט אַלעקסאַנדער גראַנאַך. אָט דער איינגעשפּאַרטער ייד [שײַלאָק] איז [ביי אים] געוואָרן אַ מענטש. . . . מען האָט געפילט, אַז זיין נשמה שרייט אַרויס פון דער טיף פון אַ געפּלאָגטער מענטשן־זעל.״ „דער קאַמף״ (האָלענדער) שרייבט: „די אייגנטלעכע אַנטפּלעקונג דעם אָוונט איז אַלעקסאַנדער גראַנאַך. . . . אַן אור־טעמפּעראַמענט, ווילד, ניט־געצוימט, בראַנד־פייער, אַ שאַרפער אינטעלעקט, אין וועלכן עס פּולסירט בוילעט בלוט. אַ צוקונפטיקער, אויף וויפיל עס וועט געלינגען אָט דעם טעמפּעראַמענט אַריינצוצווינגען אין ראַם פון שעפערישקייט — אָבער אויך שוין אַ קעגנוואַרטיקער.״

אַ יאָר שפּעטער (25 סעפּטעמבער 1920) שפּילט גראַנאַך אין מינכען דעם העטמאַן אין וועדעקינדס „הידאַלאָ״. שרייבן די „מינכענער נויעסטע נאַכריכטן״: „דער איינציקער, וועלכער האָט זיך איינגעלעבט אין דער נשמה פון שטיק, איז געווען הער גראַנאַך. מיט זיין העטמאַן האָט ער פאַר זיך געוואונען דעם גאַנצן דערפאָלג פון אָוונט. . . . אָט דער קליינער גראַנאַך רעדט און שפּילט, דאַכט זיך, שטיל, ווי בלויז פאַר זיך, און פּלוצים פּלאַצט עס פון אים אַרויס, ווי אַ ברויזנדיקער וואולקאַן וואָלט אויסגעבראָכן, און ער נעמט שרייען אויף אויבערשטע טענער מיט אַזאַ אויבערמאַכט, אַז מ׳האָט מורא דאָס טעאַטער זאָל ניט איינפאַלן.״

יענע מינכענער קריטיקער זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען גערעכט. גראַנאַך האָט פאַרגעטערט זיין עלטערן קאָלעגע רודאָלף שילדקרויט (מיר זעען עס אויך פון גראַנאַכס בוך). אַז ער איז ביז אין רייפקייט פון זיין קאַריערע געשטאַנען אונטער שילדקרויטס איינפלוס, האָב איך זיך איבער־צייגט שוין יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב אין ניו־יאָרק (אין 1936) געשפּילט מיט אים תובל אין אַ שײַלאָק־סצענע פון שעקספּירס טראַגיקאָמעדיע. און זיין „ניט־געצוימטן טעמפּעראַמענט״ האָט גראַנאַך מיט זיך מיטגעבראַכט אַזש ביז קיין האָליוואָוד...

זיינע וויטערדיקע דערפאָלגן אין מינכען מאַכט גראַנאַך אין פ. קאַפקאַס „קין״, אין מאַן פון בריעיס „דאָס רויטע קלייד״, אין פאָטער פון בערנאַרד שאָ׳ס „קאַנדידאַ״ א. אַ., און ענדלעך ווי דער פאָטער אין ווילהעלם שמידט־באָנס „דער פאַרלוירענער זון״, וואו ס׳איז אים ווידער אויסגעקומען צו שפּילן שילדקרויטס אַ באַרימטע ראָל. דאָס איז געווען אַ ריזיקע דערגרייכונג פאַר גראַנאַכן. ווי האָט ער אַמאָל מקנא געווען דעם גרויסן שילדקרויט, שפּילנדיק מיט אים אין דער זעלבער פּיעסע ביי ריינהאַרטן (אין 1913),

אַ ראָל פון קוים 3 ווערטער! „הער פּראָפעסאָר — האָט ער זיך דעמאָלט געבעטן ביי ריינהאַרטן — ווען איך זאָל קאָנען רעדן כאָטש אַ צען, צוועלף ווערטער"... „און שפּילן 3 ווערטער אין ריינהאַרט־טעאַטער דאַרף מען ניט קענען? — האָט צווייזדייטיק געענטפערט דער פּראָפעסאָר — געדולד, יונגערמאַן, געדולד."

און גראַנאַכס געדולד, אייגנטלעך זיין אומגעדולד, זיין אומרו, האָט אים ווייטער געפירט. אין אַפּריל 1921 טרעפן מיר שוין גראַנאַכן אין בערלינער לעסינג־טעאַטער. באַלד נאָכן ערשטן אויפטריט (ווי דער קאַסירער אין געאָרג קייזערס „פון מאָרגן ביז מיטערנאַכט" — אַ ראָל, פריער געשפּילט אין ווין פון באַרימטן מאַקס פּאַלענבערג) שרייבט מאַקס אָסבאָרן אין דער „בערלינער מאָרגנפּאָסט": „מיר דאַכט, אַז מיר וועלן געדענקען דעם טאָג, אין וועלכן מיר האָבן זיך באַקענט מיט אָט דעם אַלעקסאַנדער גראַנאַך. עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ טאַלענט פון אַ הויכער מדרגה." דער „בערלינער לאָקאַל־אַנצייגער" באַמערקט: „אַלעקסאַנדער גראַנאַך באַהערשט מער ווי אַלע אַנדערע דעם עקספּרעסיאָניסטישן סטיל אין קרעאירן מענטשן." די „בערלינער אַלגעמיינע צייטונג" גיט צו: „אַלעקסאַנדער גראַנאַך — ניט געקוקט אויף זיין, דאַכט זיך, נאָך ניט צייטיקער שפּראַך־טעכניק — איז אַ ווערטפול געווינס פאַרן לעסינג־טעאַטער." אַזוי אויך דאָס רוב פון דער בערלינער פּרעסע. עס זיינען אָבער אויך געווען געוויסע ספקות וועגן אים. דווקא אַלפרעד קער שרייבט (אין „בערלינער טאַגעבלאַט"): „צי הער גראַנאַך פאַרמאָגט נאָך עפּעס אין זיין ברוסט, אַ חוץ פייער, טעמפּאָ און טומל, וועט ער ערשט דאַרפן באַווייזן אין אַ טעאַטער־שטיק, וואָס באַשטייט ניט פון לויטער טעמפּאָ, פייער און טומל." און דער באַקאַנטער טעאַטראַל זיגפריד יאַקאָבסאָן באַמערקט אין זיין זשורנאַל „די וועלטבינע": „ס'וואָלט נויטיק זיין, אַז דעם יונגן הער גראַנאַכס מויל זאָל זיך לערנען אַזוי רעדן, ווי עס רעדן שוין זיינע הענט, און ער זאָל נאָך שפּילן ראָלן, אין וועלכע ער זאָל קאָנען ניט נאָר סקעלעטירן, נאָר אויך קרעאירן אַ מענטשן."

סיי ווי — גראַנאַך איז זייט דעמאָלט איינער פון די „סטאַרס" אין די דייטשע טעאַטערס. ער גאַסטראָלירט פון איצט אָן ניט נאָר אין „זיין" מינכען (אין דער פּראָגרעסיווער „נייע בינע", מיט רעציטאַציעס און איינ־אַקטערס), נאָר אויך אין אַנדערע גרעסערע און קלענערע שטעט פון דייטשלאַנד, און שפּילט אַפילו די הויפּט־ראָל אין פילם „דער גרויסער שעף".

אין זעלבן יאָר שפּילט ער אויך אין לעסינג־טעאַטער די טיטל־ראָל אין יוליוס בערסטלס „דער זינדיקער הער טשו" און באַווייזט זיך אַלס



ו׳ער קאַסירער — אין געאָרג קאַיזערס דייטשער פּיעסע „פון מאָרגן ביז מיטערנאַכט“
(בערלין, 1921), אין וועלכער אַלעקסאַנדער גראַנאַך איז אויך אויפגעטראָטן
אין יידיש (אין ניו־יאָרק, 1931).

מעפיסטאָ אין געטעס „פאַוסט" — אַ ראָלע, וואָס דער באַרימטער יאַנינגס האָט פריער געשפּילט אין זעלבן טעאַטער.

אין מאַי 1922 טרעט ער אויף ביי די מאָרגן־אויפפירונגען פון דער „יונגע בינע" אין „פאַטער־מאָרד" פון אַרנאָלד בראָנען (רעזשי—בערטאָלד פירטעל), און האָט שפּעטער גרויס דערפאָלג אין אַן עפּיזאָדן־ראָל פון אַן אַלטעטשקן אין ערנסט טאָלערס „מאַשינען־שטירמער". ענלעכע אָנער־קענונג באַקומט ער אויך פאַרן בעטלער אין „פאַטער און זון" פון יאָאַכים פאָן דער גאָלץ, און פאַרן צוריקגעקומענעם סאָלדאַט אין בערט ברעכטס „פויקן אין דער נאַכט". אַפילו דער שטרענגער און וואָרט־קאַרגער אַלפרעד קער שרייבט שוין דעמאָלט (אין „בערלינער טאַגעבלאַט"): „גראַנאַך האָט [אין בעטלער] אַמבעסטן צוגעטראָפן די מעלאָדיע פון רעדן, גראָטעסקייט און עלטער — וואונדערבאַר"; און [אין סאָלדאַט] „. . . אַ מעטאַלענער געשריי. . . . גראַנאַך פאַרמאָגט מער פאַרביסענעם כעס, ווי שמערץ. אָבער . . . ער איז געווען מער ווי בלויז שרייער, ווייל ער איז איצט וויניקער שרייער." נאָך מער לויב גיט אים אַלפרעד קער פאַר זיין לייזער אין טשיריקאָווס „יידן" (אין בערלינער רענעסאַנס־טעאַטער, 9 יאַנואַר 1923).

אין פעברואַר 1923 שפּילט גראַנאַך שטערנהיימס „בירגער שיפּעל" (אין לעסינג־טעאַטער). דאָס איז געווען באַלד נאָכן באַקאַנטן שטרייק פון די בערלינער שוישפּילער (נאָוועמבער־דעצעמבער, 1922), אין וועלכן אויך גראַנאַך האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל — „כדי צו באַשיצן די קונסט", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. זיין לאָזונג איז דעמאָלט געווען: מחיצה צווישן קונסט — און האַלב־ אָדער פערטל־קונסט און שונד. גראַנאַך גייט דעמאָלט — לויט לעאָ ריין — אויף דער ליניע פון סאָציאַלער פאַרביטערונג. כמעט אַלץ, וואָס ער שפּילט אין יענער צייט, זיינען געשטאַלטן פון פּראָלע־טאַריער און געקריוודעטע פאָלקס־מענטשן. ס'איז שווער זיך אים פאָר־צושטעלן אין אַ ראָל פון אַ סאַלאָן־מענטש. זיין פאָרם איז — טעמפּאָ, זיין אויסדרוק — עקספּלאָזיע, זיינע מיטלען — זשעסט און שפּראַך, כאָטש זיין שטים איז נאָך אַלץ האַרט ווי מעטאַל.

און זיין סטיל? כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין אופן שפּילן איז דער אַנעקדאָט, וואָס מ'פלעגט דערציילן אין טעאַטער־קרייזן וועגן פאַלענבערגס באַגעגעניש מיט גראַנאַכן:

— איר שפּילט, הער איך — זאָגט פאַלענבערג — די ראָל פון קאַסירער אין קייזערס „פון מאָרגן ביז מיטערנאַכט". אַ פיינע ראָל. איך האָב זי געשפּילט אַביסל ניט נאַטירלעך.

— און איך שפּיל זי — ענטפערט גראַנאַך — אינגאַנצן ניט נאַטירלעך.

גראַנאַך אַליין דערציילט וועגן יענער צייט: „איך האָב ניט געקאָנט

זיין רואיק. איך האָב געגוואָלדעוועט, געשריגן, ווי מ׳וואָלט מיך בראָטן אויף הייסע קוילן — ווי אַלע ״יונגע״, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון מלחמה. מיר האָבן אָנגעטראָפן אַן אָנגעפּרעסענע, פוילע וועלט, וואָס האָט געוואָלט געניסן רו — האָבן מיר אַריינגעשריגן אין זייערע אויערן אונדזער אַנטוישונג, אונדזער פאַרצווייפלונג, אונדזער פּראָטעסט!״

אויף דעם זעלבן אופן שפּילט ער אויך די הויפּט־ראָל אין פּאול קאָרנפעלדס ״די פאַרפירונג״ (אין די ״קאַמערשפּילע״, מאַי, 1923). ״גראַנאַך איז אָן ספק די וווּרטפולסטע קראַפט פון דעם נייעם שוישפּילער־דור, און וועט אין אַ יאָר צוויי אַרום זיין דער גרעסטער דייטשער שוישפּילער — שרייבט דעמאָלט ווערנער הירש אין ״12־אור־בלאַט״ — אָבער, זיין אַנטוויקלונג הענגט אָפּ פון אַ פּאַסיקן רעזשיסער, וועלכער זאָל צולייגן אַ געניטע מאָס צו זיין שטימלעכער מאָס־לאָזיקייט.״ ענלעכע באַמערקונגען הערן מיר, ווען ער שפּילט, מיט דעם ניי־געגרינדעטן שוישפּילער־טעאַטער, פראַנץ מאָר אין שילערס ״רויבער״ (צענטראַל־טעאַטער, יולי, 1923). אויך אין ״לוציוס׳ רעוואָלט״ פון ק. ט. בלוט וואָרנט אים פעליקס האָלענדער זיך אויסצוהיטן פון ״קראַמף, געשריי און היסטעריע״. אָט די וואָרנונג צוימט אים שוין טיילווייז, ווען ער שפּילט (אַפּריל, 1924) דעם קעניג עצעל אין העבעלס ״ניבעלונגען״ (רעזשי — פעהלינג) און ווערעקינדס ״קעניג ניקאָלאָ״ (אין שילער־טעאַטער, רעזשי — יעסנער). ״מיט ניקאָלאָ און עצעל — שרייבט מאָנפרעד געאָרג אין דער ״בערלינער פאָלקס־צייטונג״ — האָט גראַנאַך דערגרייכט דעם הויפּט־פונקט פון זיין רייף־ווערן.״

גאַסטראָלירנדיק שפּעטער אין בערלין און אין אַנדערע דייטשע טעאַטער־שטעט אין פאַרשיידענע ראָלן פון זיין פריערדיקן רעפּערטואַר (מיט גרעסערן און קלענערן דערפאָלג), באַווייזט זיך נאָך גראַנאַך אַלס איזאָלאַני אין שילערס וואַלענשטיין־טרילאָגיע (אין שטאַטס־טעאַטער), אַלס יאַנקל שעפּשאָוויטש אין אַש׳ס ״גאָט פון נקמה״ (ווידער אַ שילדקרויט־ראָלע!), אַלס אַדוואָקאַט אין סטרינדבערגס ״טרוימשפּיל״, אַלס פּאַק אין שעקספּירס ״מיטזומערנאַכט־חלום״, און אַלס לוקאַ אין גאָרקיס ״נאָ דניע״, וועגן וועלכן ערווין פּיסקאַטאָר, גראַנאַכס רעזשיסער אין בערלין, דריקט זיך אויס: ״גראַנאַך האָט געשפּילט דעם אַלטיטשקן לוקאַ מיט אַ שווייגן, וואָס איז געוועזן אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו זיין, גראַנאַכס, געוויינלעכער ברוינזנדיקייט.״ ווי מיר זעען, אַ גרויסע ענדערונג אין זיין אופן שפּילן.

אין זיינע אַלץ־נייע זוכונגען, פאַרבינדט זיך איצט גראַנאַך (אין 1927) מיט דער ניי־געגרינדעטער פּיסקאַטאָר־בינע. דאָ איז אים באַשערט, אַחוץ אייניקע קלענערע ראָלן, צו שפּילן איינעם פון זיינע גרעסטע דערפאָלגן — קאַרל טאָמאַס אין טאָלערס ״האָפּלאַ, מיר לעבן״. ״פון דעם יונגן סטודענט, דעם אינטעלעקטועלן רעוואָלוציאָנער, מאַכט גראַנאַך אַן אַרבעטער . . .

מיט געדעמפּטן, שטיל־געפּאַסטן טאָן[!] . . . ער האָט איינגעשלאָסן די פיגור אין ראַם פון אַ מענטשן און זי אויסגעשפּילט פון אינעווייניק . . . פון האַרצן, — דעם וויכטיקסטן רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן. . . . אַזוי איז אים געלונגען אַריבערצוטראָגן אַט די געשטאַלט איבער דער בינע־ראַמפּע, ביז טיף אין אונדזער וועזן.״ (אַרנאָלד צווייג — „יידן אויף דער דייטשער בינע״ [דייטש], ז״ז 153־156.)

דאָס איז אָבער וויניק פאַר גראַנאַכן. ער גרינדעט אין אַפּריל 1929 אַן עקספּערימענטאַלע טעאַטער־גרופּע פון יונגע שוישפּילער, וואָס רופט זיך „נאָוועמבער־סטודיאָ״. די לאָזונג פון דער סטודיע: „אַזוי ווי דער מענטש האָט אַ קורצן זכרון און פאַרגעסט אַלע דורכגעליטענע אומרעכטן, וואָס מען האָט אים געטאָן — ווילן מיר אים דאָס דערמאָנען דורך קינסט־לערישע אויפפירונגען.״ די סטודיע האָט איינגעפירט אַ „קאָלעקטיווע רעזשי״ (ווי פּיסקאַטאָר האָט זיך באַמיט צו עטאַבלירן אַן אופן פון שרייבן פּיעסן „קאָלעקטיוו״!) און געלייגט דאָס הויפּט־געוויכט אויפן שוישפּילער (ווי פּיסקאַטאָר — אויפן רעזשיסער!). געשפּילט האָט מען (בלויז זונטיק בייטאָג, אין פאַרשיידענע טעאַטערס) האַנס מיניכס „נאַכטלעגער״, עריך מיזאַמס „סאַקאָ און וואַנזעטי״ א. אַ. די קריטיק איז געווען געטיילט לויט „רעכט־לינקער״ פּאַרטיי־ליניע.

לאַנג האָט זיך די סטודיע ניט געהאַלטן. אָבער אויך גראַנאַכס ווייטערע טעאַטער־קאַריערע איז איצט מער ניט קיין „סטאַבילע״. ער שפּילט אין פאַרשיידענע טעאַטערס אין אַ גאַנץ פאַרשיידנאַרטיקן רעפּערטואַר. אַמאָל— קלאַסיקער, ווי גריל־פּאַרצערס „דער טרוים, אַ לעבן״ און שילערס „יונג־פרוי פון אָרלעאַן״, אין וועלכן, אונטער יעסנערס רעזשי, ער פאַרדינט אַ זעלטענעם לויב פון דעם אין יענער צייט באַדייטנדיקן דייטש־יידישן קריטיקער יוליוס באַב: „פון גראַנאַכן האָבן מיר געקאָנט לערנען, ווי מ׳קאָן פאַראייניקן פשטות פון גרונדטאָן מיט ריינער, רייכסטער באַלעבונג פון קינסטלערישער רעציטאַציע. . . . זיין ריטער ראַאול איז אַ באַ־וואונדערנסווערטע לייסטונג.״ אַ צווייט מאָל שפּילט ער טענדענציעזע ספּעקטאַקלען, ווי ב. ברעכטס „מאָס־רעגלען״ און „מאַן איז מאַן״ — פון קלאַבונדס „דאָרפישע ליבע״, ביז אַזעלכע „סענסאַציעס״, ווי די אַמעריקאַנער באַקסער־פּיעסע „האַרטע באַנדאַזשן״.

נאָך אַ קורצן באַזוך אין וואַרשע (1930), קומט גראַנאַך קיין ניו־יאָרק און טרעט אויף אין יידיש (1931), פריער אין פּאָבליק טעאַטער, דערנאָך מיטן נייעם „אַנסאַמבל קונסט־טעאַטער״. אָבער, אַנטוישט אין יידישן אַמעריקע, פאָרט ער צוריק קיין דייטשלאַנד און שפּילט אין בערלין (1932) זיגפריד גראַפס „דער אומענדלעכער שטראָז״ און שילערס „רויבער״. גאַסט־ראָלירט דערנאָך איבער דער דייטשער פּראָווינץ מיט זיין ליבלינג־ראָל

„שיילאָק", קומט צוריק קיין בערלין און שפּילט (1933) ווידער מעפּיסטאָ (אין צווייטן טייל „פאַוסט") און אייניקע קלענערע ראָלן. ער איז אַצינד פיל געזעצטער, געצוימטער, הגם נאָך אַלץ ברויזנדיק אין זיין טעמפּעראַ־מענט. ער וואָלט איצט מסתּם געקאָנט געבן נייע, פאַרטיפטע קרעאַציעס אויף דער דייטשער בינע. אָבער די היטלער־מגפה האָט שוין געבושעוועט אויך אין דייטשן טעאַטער, און גראַנאַך מוז אַוועק פון דייטשלאַנד. ער טרעט נאָך אָפּ אין ווין, שפּילט דאָרט עטלעכע חדשים (אַ געוויסע צייט מיט אַלעקסאַנדער מאָיסי), און פאַרלאָזט ענדלעך די דייטשע בינע — דעם מאָל שוין אויף תּמיד. ער פאָרט איצט קיין פּוילן שפּילן יידיש טעאַטער.

„איך בין גליקלעך איצט אָפּצוצאָלן אַן אַלטן חוב פאַר מיינע ערשטע איבערלעבענישן, וואָס איך האָב געהאַט אין יידישן טעאַטער — זאָגט גראַנאַך ביי זיין ערשטער קאָנפערענץ מיט דער יידישער פּרעסע — דער פרילינג פון מיין לעבן איז געווען אונטער דעם הימל פונעם יידישן טעאַטער; פון דאָרט — די ערשטע צאַפּלדיקע אָנרעגונג." אַלס דילעטאַנט האָט ער געשפּילט אויף יידיש אַשס „מיטן שטראָם", פּינסקיס „פאַמיליע צבי" און אַפילו „כינקע פינקע". זיין אוריאל מזיק אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול" האָט אים געבראַכט אין דער דייטשער דראַמאַטישער שול און אים שפּעטער דערמעגלעכט צו שפּילן דעם גרויסן מעפּיסטאָ אין געטעס „פאַוסט". שוין זייענדיק אין ריינהאַרטס טעאַטער־שול אין בערלין (1913) און שפּילנדיק שוין קליינע ראָלן אין „דויטשעס טעאַטער", פלעגט ער פאַרברענגען זיינע פרייע אָוונטן ביי אונדזער קליינער יידישער טרופּע אין בערלין, לעכצנדיק אַלץ צו שפּילן יידיש טעאַטער. ער האָט אויך קיין־מאָל ניט אָפּגעלייקנט זיין יידישקייט (ווי ער האָט זיך אויך ניט געשעמט מיט זיין אַמאָליקער בעקער־פּראָפעסיע); פאַרקערט, ער פלעגט אָפּט פּאַראַדירן מיט דעם, אַפילו ווען ער איז שוין געווען דער באַרימטער דייטשער שוישפּילער. די קאָנסערוואַטיוו־אַנטיסעמיטישע דייטשע פּרעסע פלעגט אים, איבריקנס, גאַנץ אָפט דערמאָנען אָן זיין יידישקייט — זיין „מזרח־אייראָפּייאישן טעמפּעראַמענט", אַפילו מיט אַ „דאָזע נעגערטום" א. אַז. וו. אָבער אין דער סאַמע גדולה פון זיינע דערפאָלגן, ווען ער דערגרייכט דעם הויך־פּונקט פון זיין שאַפן (אַלס „קעניג עצעל" און „קעניג ניקאָלאָ"), שפּילט ער (אין יוני 1929, אין סאַמע קאָך פון יונקערישן בערלין, אין וואַלנער־טעאַטער) יאַנקל שאַפּשאָוויטש אין אַשס „גאָט פון נקמה" — אויף יידיש. פון אַ דייטשן אַקטיאָר איז דאָס זיכער געווען אַ וואַגעניש. צו יענער צייט (זומער, 1930) באַזוכט ער אויך וואַרשע און טרעט אויף אין „פילהאַרמאָניע"־זאַל מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקן פּראָגראַם אין יידיש און אין דייטש. „דער פאַרשיידנפאַרביקער קאָנצערט — דערציילט נחמן מייזיל, וועלכער איז געווען אַן אינטימער פריינט פון גראַנאַכן — האָט איבער־

געלאָזט אַ געוואַלדיקן רושם אויף אַלע בייגעווען. עס זיינען געווען עכטע מייסטערשטיק פון אַ גלענצנדיקן שוישפּילער־קינסטלער.״

אין דער זעלבער צייט פירט אויך גראַנאַך פאַרהאַנדלונגען מיטן יידישן ״פּאַבליק טעאַטער״ אין ניו־יאָרק. מען וואָרנט אים, אַז דאָס איז ניט דאָס פּאַסיקע טעאַטער פאַר זיין רעפּערטואַר. אָבער, געשטיצט אָפּנים אויף זעלבסטפאַרטרויען אין זיינע ביז־איצטיקע דערפאָלגן, קומט ער (1931), אויף דער איינלאַדונג פון זיינע לאַנדסלייט, אין ניו־יאָרק, און טרעט אויף אין פּאַבליק־טעאַטער אין זיין אַמאָליקן דערפאָלג אויף דער דייטשער בינע — דער קאַסירער אין קייזערס ״פון מאָרגן ביז מיטערנאַכט״.

דער שריט איז געווען אַ פאַטאַלער: אַ ניט־פּאַסיקער עולם, אַ שלעכטע אויפפירונג — אויך די פּרעסע איז געווען געטיילט. מער ווי איין פאָרשטעלונג האָט ער ניט געגעבן.

נאָך אַ קורצן איבעררייס, טרעט גראַנאַך אַריין (הארבסט, 1931) אין ניי־געגרינדעטן ״יידישן אַנסאַמבל קונסט־טעאַטער״ און שפּילט די טיטל־ראָל אין לייוויקס ״גולם״. אויך דאָ האָט ער ניט קיין באַזונדער מזל: אַ שוואַכער שפּיל־טעקסט, מיטלמעסיקע רעזשי, אויך די ראָל האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט צו אים. אַנטמוטיקט, האָט גראַנאַך אַפילו גענומען חוזק אויף דער בינע, און נאָך אַ סכסוך מיט דער שוישפּילער־פאַרוואַלטונג, פאַר־לאָזט ער דעם אַנסאַמבל און פאָרט צוריק קיין אייראָפּע.

דריי יאָר שפּעטער (1934) האָט ער זיין ערשטן גרויסן דערפאָלג אויף דער יידישער בינע. ער שפּילט אין וואַרשע דעם פּראָפעסאָר מאַמלאָק אין פרידריך וואָלפס פּיעסע, וועלכע גראַנאַך רופט אויף יידיש ״די געלע לאַטע״. סיי דער טעאַטער־עולם, סיי די פּרעסע נעמען אויף די פאָרשטעלונג מיט גרויס באַגייסטערונג. איבער אַ יאָר צייט שפּילט ער די פּיעסע (מיט פאַר־שיידענע אַנסאַמבלען) אין וואַרשע, לאָדזש, ווילנע און איבער צענדליקער שטעט פון דער פּוילישער פּראָווינץ, און אומעטום מיט גרויס דערפאָלג. אָבער אויך דאָס שטעלט ניט צופרידן זיין אייביק־אומרואיקע נאַטור. ער לאָזט איבער די אַלע דערפאָלגן און קלויבט זיך צו פאָרן קיין סאָוועט־רוס־לאַנד. ווען מען לייגט אים פאָר צו בלייבן אין פּוילן און טאָן ״עפּעס ממשותדיקס״ פאַרן יידישן טעאַטער, דערקלערט ער אין ווילנער ״טאָג״: ״איידער איך האָב אָנגעהויבן צו שפּילן טעאַטער אויף דייטש, האָט אויך געמוזט נעמען אַ פּאָר יאָר, ביז איך האָב זיך קוואַליפיצירט דערצו. מוז מען אויך אין דער יידישער סביבה האָבן אַ באַשטימטע צייט אויף צו באַקענען זיך מיט איר, אויב מען וויל בלייבן אַרבעטן.״ און דאָ איז דער שליסל צו אַלע זיינע אָפּטע דערפאָלגן, אָבער אויך דורכפאַלן אין זיין טעאַטער־קאַריערע: דאָס שטענדיקע זוכן תירוצים אויף זיין נישט־

קאָנסעקוווענטקייט — סיי אין קינסטלערישן, סיי אין פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכן זין — האָט גורם געווען זיין שפּעטערדיקע טיילווייזע ירידה.

געזאָלט האָט ער פאָרן קיין סאָוועט־רוסלאַנד אויפצוטרעטן אין דעם דאָרט ניי־געגרינדעטן דייטשן טעאַטער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון גוסטאַוו פאָן וואַגענהיים און ערווין פּיסקאַטאָר. ליידער זיינען אונדז ניט באַקאַנט גראַנאַכס אויפטועו בעת זיין ווילן אין ראַטנפאַרבאַנד. אויף וויפיל מיר ווייסן, זיינען אויך דאָרט זיינע אַקטיאָרישע אַמביציעס ניט פאַרפולט געוואָרן. וואָס מיר האָבן באַקומען צו זען פון זיינע דעמאָלטיקע לייסטונגען, איז די הויפט־ראָל אין רוסישן פילם „ציגיינער״.

אין 1938 קומט ער ווידער קיין אַמעריקע. צו זיין קבלת־פּנים אין ניו־יאָרק שפּילט ער (צוזאַמען מיט יעקב מעסטל) אַ סצענע פון שעקספּירס „שיילאָק״. זיין אַמאָליקער „טומלדיקער טעמפּעראַמענט״ איז אויך איצט צו בוילעט, זיין „שול״ איז ניט אין איינקלאַנג מיטן מאָדערנעם אַמעריקאַנער געשמאַק. דאָך פּלאַנט ער אַפילו (צוזאַמען מיט קורט קאַטש און יעקב מעסטל) צו גרינדן אַ נייע יידישע קינסטלער־טרופּע. אָבער ווידער פּערזענ־לעכע, דעם מאָל שוין „סטאַרישע״ אַמביציעס שטערן צו רעאַליזירן דעם פּלאַן. גראַנאַך פאָרט באַלד אַוועק קיין קאַליפאָרניע, וואו ער האָפט צו מאַכן אַ פילם־קאַריערע.

שוין פריער האָט ער אַ סך מאָל זיך באַטייליקט אין דייטשע פילמען, שפּילנדיק — ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט — „גרויזאַמע פאַר־ברעכער מיט מילדע אויגן״ („די טענצערין פון נאַראַנאַ״ מיט אַסטאַ ניעל־סען, אין „לוקרעציאַ באָרדזשיאַ״, „שאַטנס״ א. אַ.). אָבער אין האָליוואוד מוז ער איינגיין אויף אַ סך קאָמפּראָמיסן. ניט נאָר שפּילט ער (אין ענגליש) קלענערע, אומבאַדייטנדיקע ראָלן אין קלאַנג־פילם, נאָר אויך ראָלן, וואָס זיינען לחלוטין געווען קעגן זיין אָנגעגעבענער פּאָליטיש־סאָציאַלער איינ־שטעלונג („נינאָטשקאַ״ מיט גרעטאַ גאַרבאָ). ער פּרואווט אפשר דעמאָלט פאַרטרייבן זיין אומצופרידנקייט מיט אַקטיוויטעט אַרום פּראָגרעסיווע קרייזן, אַרבעט אַפילו אַ קורצע צייט מיט אַ דאָרטיקער יידישער אַמאַטאָרן־גרופּע — אָבער אויך דאָס געלינגט אים ניט. ער בענקט צום „לעגיטימען״ בינע־טעאַטער.

אַזוי טרעפן מיר אים (אין סעזאָן 1944־1945) שפּילן אין ניו־יאָרק די קליינע, אָבער גאַנץ אימפּאָזאַנטע ראָל אין דער ענגלישער אויפפירונג פון פּאָול אָסבאָרנס „עי בעל פאָר אַדאַנאָ״ — און דאָ האָט אים דער טויט איבערוואָלטיקט, ווי דורך אַ ביזווויליקן שפּאַס. אַלעקסאַנדער גראַנאַך מיט דעם — ווי דער דייטש וואָלט געזאָגט — „שטעמיקן״, קלאָציש־ברייט־ביינערדיקן גוף מיט די קורצע פיס און מאַסיוון קאָפּ, מיט די שוואַרצע, וואָל־געדיכטע האָר און פינקלדיק־לעבעדיקע אויגן, מיט דעם כמעט־

הויפּט פון געשטאַפּאָ, גרובער — אין ענגלישן פילם „הענגמען אַלזאָו דאַי"
(האָליוואוד, 1943)



שטענדיקן שמייכל אויפן פאַרברוינטן פנים, מיט אָט דער זעלטן־שטאַרקער לעבעדיקייט און לעבנסלוסט; גראַנאַך, דער קאַרליק־ריזיקער דעמב, איז אונטערגעהאַקט געוואָרן דורך אַ — אין מעדיציניש־כירורגישן זין מסתם „נישטיקער באַגאַטעליע" — אַ קליינע אָפּעראַציע אויפן בלינד־דאַרם — — אפשר אַ קרבן פון זיין אָפּט־קאַפּריזנער עקשנות „ניט אונטערצוגעבן זיך". ער האָט, זאָגט מען, שוין אַ לענגערע צייט פריער פאַרשוויגן ערנסטע ווייטיקן. ווען איך האָב אים עטלעכע טעג פאַרן אומדערוואַרטן טויט באַ־געגנט ביים אַריינגאַנג צום טעאַטער (ביי דער 44טער גאַס און בראָדוויי) מיט אַ שווערן פּאַק ביכער אונטערן אָרעם (צווישן זיי אויך אַן עקזעמפּלאַר פון זיין „אָט גייט אַ מענטש", וועלכן ער האָט געהאַלטן אין איין אויס־בעסערן), האָט ער מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן זיין קראַנקהייט. „אַרבעט, אַרבעט" — האָט ער בלויז געשמייכלט — „אַ וועלט מיט אַרבעט", קיבעצנדיק מיך אָפּנים מיט אַלגינס ווערטער.

דער טויט האָט איבערגעריסן זיין שטענדיקע אַרבעט, וועלכע וואָלט נאָך אפשר געווען געקאָנט זיין פּראָדוקטיוו אויף אַ סך אופנים. דאָס „קערפּערלעכע", וואָס איז ביי אַ שוישפּילער ניט גלאַט אַ „שאָלעכץ פאַרן קערנדל", נאָר גאַנץ אָפּט אַ דעצידירנדיקער טייל פאַרן אינערלעכן וועזן, האָט אַ סך מיטגעווירקט אין אויספורעמען דעם וועג פון זיין שוישפּילער־קאַריערע. דער דעפעקט פון ניט־פּראָפּאָרציע צווישן זיין ווייניקער ווי מיטל־וואוקסיקן אויבער־ און אונטער־קערפּער, האָט אים אָפּט דערפירט צו „אויפגעבלאָזענער הערגאַישקייט" און אַנשטעלערישן מימיק־שפּיל אין העלדן־ראָלן; זיין וואַקלענדיקער גאַנג האָט אים געבראַכט צו ניט־זעלטן גראָטעסק־קאָמישער אַקראָבאַטיק; זיין שוואַכע מיטל־לאַגע אין דער שטים האָט אים געמאַכט „זיך איבערצושרייען" אויף די העכסטע טענער, אָדער קוים „פּליסטערן", ביז אומפאַרשטענדלעכקייט. דאָס גבורהשע אין זיין פיזיק, זוכנדיק צו „פאַרטושן" די פיזישע דעפעקטן, האָט זיך אָפּט אַרויפ־געשרויפט צום גיגאַנטיש־אוממעגלעכן — אין ווידערשפּרוך צו זיין גייסטיקייט, וואָס איז אַליין געווען אַ געוועב פון גאָלע ווידערשפּרוכן. גראַנאַך האָט בלי ספק פאַרמאָגט אַן אינערלעכע גייסטיקייט, וואָס איז אָבער צו אָפּט געשטערט געוואָרן דורך גשמיות „פון דרויסן". אַן אומגלויבלעכער פאַנטאַזיאַר — און אַן ערדישער זולל־וסובא; עקסטאַטישע, פלאַמיקע באַ־גייסטערונג — און טרוקענע, אַש־קאַלטע אויסרעכענונג; גלויביקייט — און אומפאַרשטענדלעכע פּרינציפּלאָזיקייט; טיף־פּיליק, און ניט זעלטן — אַ „פּאָוזער".

דאָס איז געווען אַ סכום פון זיין גאַנצן לעבנס־גאַנג. עמערסאָן, דאַכט מיר, האָט געזאָגט: „ווען אַלץ אַרום דיר שרייט אַזוי, קאָן איך ניט הערן וואָס דו זאָגסט." ס'איז אָבער דער חוב פון מענטש צו מענטש אויס־

צוגעפּינעןן, וואָס עס „שרייט אַזוי" אַרויס פון אים. אין פאַל גראַנאַך איז דאָס, גלויב איך, ניט שווער צו דרינגען פון זיין ביאָגראַפיע: פון טיפּסטער אָרעמשאַפט — ביז שאַמפּאַניער־סאַלאָנען; פון אַן אַמכאָדיקן האָרעפּאַשניק — ביז אַ וואויליונגערישן „באָהעם"; פון פאָלקלאָריש־זאַפטיקער יידישקייט — ביז אַ באַמאַנאָקלטן העלעניזם אין אַ פרעמדער — דייטשישער — שפּראַך; און ענדלעך — פון קינסטלערישער „גאָטזוכעריי" ביזן דעפּראַווירטן הור־האַ פון קאַריערע־זוכעריי. אין אָט דעם גאַנצן מטושטשן זיג־זאַג פון פאַרשיידענע מדרגות און סאָרטן, איז ביי גראַנאַכן (ווי ביי אַ סך קינסטלער פון זיין שטאַנד) דער שאַרפסטער מינוס געווען די אויסגעוואָרצלטקייט — געאָגראַפיש און גייסטיק. פונעם יידישן קליינשטעטל — אין דער פרייסיש־יונקערישער מעטראָפּאָליע; פון דאָרט — איבער דעם חסידיש־באַגייסטערטן אויפבלי פון „יונג־יידיש" אין וואַרשע, ביז דעם בייגאַנג פון דער אַסקעטיש־דיסציפּלינירטער, בויענדיקער מאָסקווע; און מיט אַמאָל דער שליידער איבערן אַטלאַנטיק צום טעכניש־פּערפעקטן, אָבער גייסטיק־פאַרביזנעוועטן דאָלער־לאַנד פון האָליוואָוד. פון אייגנאַרטיקן יידיש — צום „צוגעאייגנטן" דייטשיש און רוסיש, ביז צום לחלוטין פרעמדן ענגליש — — אַ פיזישע און גייסטיקע באַדנלאָזיקייט. „זיכער איז אַלעקס [גראַנאַך] געווען אַן עכטער ייד — שרייבט ערווין פּיסקאַטאָר אין זיין נעקראָלאָג נאָך גראַנאַכן („יידישע קולטור", מאַי, 1945) — אָבער אין משך פון פיל יאָר אויך אַן אמתער דייטש, ווען איך האָב באַוואונדערט אַ סך מער ווי אַנדערע דייטשן, ווייל ער האָט געטאָן מער צו פאַרדינען עס." דאָס איז זיכער אַ קאָמפּלימענט און אַ זכיה. אָבער גיכער איז גראַנאַך געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון דייטשטום און יידישקייט. וואָלט זיין ערשטע יידישע „גאָט, מענטש און טייוול"־פאָרשטעלונג געווען דורכגעגאַנגען די אַלע טעאַטער־קאַנאַלן — אָנגעהויבן מיט זיין דערלערנטער שפּראַך־טעכניק, ביז דער קינסטלעריש־דיסציפּלינירטער ריינהאַרט־שול און די שטרעבונגען און פאַרמעסטונגען פון די מאָדערניסטן — ווען ער זאָל דאָס אַלץ געווען דורכדעסטילירן אויף אַ יידישן באָדן, אין דער סביבה פון יידיש, — וואָלט גראַנאַך זיכער געווען פאַרבליבן אַ יש, לכל הפחות ביי דער יידישער בינע.

אומשטענדן — נויגונגען — נאַציאָנאַל־שפּראַכלעכע מעגלעכקייטן און שטערונגען...

גראַנאַך איז אויך געווען אַ גוטער רעדנער. אָבער ביי אַן אַקטיאָר פון גראַנאַכס דערפאַרונג איז דאָס ניט קיין חידוש. דראַמאַטישע שוישפּילער (בפרט — ווי מאָדנע עס זאָל ניט זיין — דווקא יידישע) זיינען אָפט אויך גוטע רעדנער. די נאַכט־נעכטלעכע אינטימיטעט מיטן עולם, די פּייאיקייט פון שפּראַך־זשאָנגלירונג, דער עיקר אָבער — דאָס איינמעמאָרירן פון אומצאָליקע ראָלן, מאַכט זיי פייאיק (אַפילו אימפּראָוויזירטערהייט) צוזאַמענ־

צופלעכטן אַ בוקעט פון גאַנץ שיינע, אָפּט טיפע פּראָזן, און זיי לויזערהייט, ווי איינצלנע בלומען, אַ שליידער טאָן מיט אַ העכסט־געלונגענעם עפעקט צווישן אַן עולם פאַרערער. גראַנאַכן איז דאָס אָפט געלונגען אין אַ גאַר אימפּאָזאַנטער מאָס. אַזעלכע שוישפּילער זיינען אויך גאַנץ וואוילע דער־ציילער אין אַ געזעלשאַפט.

זעלטענער צווישן שוישפּילער איז דער טיפע שרייבער. גראַנאַך האָט געהערט צו אָט די אויסנאַמעס. ער איז ניט געווען קיין ליטעראַט „פון פאַכו". אָבער שוין זיין בויגונג צו אַנעקדאָטישקייט, סיי אין זיינע גערן־אויפגעכאַפּטע דיסקוסיעס, סיי ווי אַ דערציילער אין פּריוואַטע שמועסן, האָבן געוויזן סימנים פון שריפטשטעלערישער באַגאַבונג. „איך האָב גע־קענט גראַנאַכן באַלד 25 יאָר — שרייבט נחמן מייזיל (אַלעקסאַנדער גראַנאַך און זיין ווערק „אָט גייט אַן אַקטיאָר", „מאָרגן־פרייהייט", 15 יולי 1945) — און אָט די אַלע יאָרן האָב איך אַרויסגעשפּירט און אַרויסגעפילט אין גראַנאַכן דעם שרייבער, דעם דערציילער. און אָפט מאָל איז אָט דער עלעמענט פאַר מיר געווען רייצנדיקער, מערקווירדיקער, טיף־אָריגינעלער, ווי דער שוישפּילער־עלעמענט אין אים..."

פאַקטיש האָט גראַנאַך שוין אַפילו פריער געהאַט זיך געפּרוואווט אויף דעם געביט: נאָך אין 1931 האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַן אייגענע סצענאַריע — „די וואַנט" — וואָס ער האָט גערעכנט צו לאָזן פאַרפילמען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט זיך אַפילו באַוויזן אין דער „נייער שוי־בינע" מיט אַן אייגן־באַאַרבעטער לעגענדע. פון צייט צו צייט האָט ער אויך געשריבן קורצע אַרטיקלען וועגן קולטור־ענינים. אָבער גאַנץ איבער־ראַשט האָט ער מיט דער סטיכישער קראַפט און שימערירנדיקער בילדלעכ־קייט, מיט דער סקולפּטורישער בוילעטקייט און דערציילערישער פליסיקייט אין אָט דעם פאַרליגנדיקן בוך — „אָט גייט אַ מענטש".

אַ גרויסער שאָד, וואָס דער פריצייטיקער טויט האָט איבערגעריסן אַ פאַרהעלטנישמעסיק יונג און אַזוי זעלטן אינטערעסאַנט לעבן, און מיט דעם אויך געלאָזן אין מיטן די וואונדערלעכע אויטאָביאָגראַפיע פון גראַנאַך דעם מענטש און דעם קינסטלער. ער האָט נאָך געהאַט אַ סך און אַ סך צו דערציילן...

אין מיין איבערזעצונג האָב איך זיך באַמיט געטריי נאָכצוגיין דעם סטיל און גייסט פון דייטשישן אָריגינאַל. זאָל מיין באַשיידענער ביישטייער זיין אַן אָנדענק־טאָוול נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם פריינט און קאָלעגע, א. גראַנאַך.

ניו־יאָרק, מערץ, 1948 —

צום דריטן יאָרצייט נאָך אַלעקסאַנדער גראַנאַך

יעקב מעסטל

סצענע פון פּאָול אָסבאָרנס ענגלישער פּיעסע „עי בעל פאָר אַדאַנאָ“ (ניו־יאָרק, 1944—1945). פון רעכטס: אַלעקסאַנדער גראַנאַך (טאָמאַסיני — די לעצטע ראָל, וואָס גראַנאַך האָט געשפּילט פאַר זיין טויט), מיס מאַרגאָ (טאָמאַסיניס טאָכטער), פ. מאַרטש (דזשאַפּאָלאָ).

אַט גייט אַ מענטש

מ׳האָט מיר אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ וואָוילן, ליבן מענטש

די ערד אין מזרח־גאַליציע איז שוואַרץ און זאַפּטיק און קוקט שטענדיק אויס אַ ביסל שלעפעריק, ווי אַ גוטע, פעטע קו, וואָס שטייט רואיק און לאָזט זיך געמיטלעך מעלקן. דאַרף מען זי ניט איבעריק פאַרגיטיקן מיט מיסט און כעמישע שטאָפן. די ערד איז דאַנקבאַר פאַר אַלץ, וואָס מען לייגט אין איר אַריין, און גיט עס פּילפאַכיק צוריק. מזרח־גאַליצישע ערד איז רייך און פאַרשווענדעריש. זי באַזיצט פעטן אויל און געלן טיטון, שווערע זאַנגען תבואה און אַלטע, פאַרחלומטע וועלדער, טייכן און אָזערעס, און דערהויפּט שיינע, געזונטע מענטשן: אוקראַיִנער, פּאָליאַקן און יידן. נישט געקוקט אויף זייערע פאַרשיידענע מנהגים און געוואוינהייטן, זייַנען זיי אַלע ענלעך איינער אויפן צווייטן. דער מזרח־גאַליצישער מענטש איז שווערלעך, גוטמוטיק און אַ ביסל פויל, און פרוכטבאַר ווי זיין ערד. מען ווימלט זיך ווי די קעצלעך. וואו מען כאַפּט אַ בליק — קינדער. אויף די הויפן, פאַר די טירן, אין די פעלדער, שפּייכלערס און שטאַלן — קינדער, קינדער און קינדער. ווי זיי וואַלטן, אַן אַ בייז אויג, געוואַקסן ווי די קאַרשן אויף די ביימלעך. באַלד מיטן פרילינג באַווייזן זיך אין גאַליצישן דאָרף קעלבלעך, חזירימלעך, לאָשעקלעך, הינדעלעך און אויך די קליינע, קוויטשענדיקע מענטשישע ברואימלעך: קינדער.

מיין געבורט־דערפל הייסט וויערזשבאָוצע אויף פּויליש, ווערבאָוויץ אויף יידיש און ווערביוווצי אויף אוקראַיִניש. עס ליגט לעבן סעראַקאַ. סעראַקאַ ליגט לעבן טשערניאַטין. טשערניאַטין לעבן האָראָדענקאַ. האָראָדענקאַ לעבן גוואָזשדזשעץ. גוואָזשדזשעץ לעבן קאָלאָמיי. קאָלאָמיי לעבן סטאַניסלאַוו. סטאַניסלאַוו לעבן לעמבערג. און לעמבערג איז שוין באַרימט איבער גאָר דער וועלט.

מייַנע עלטערן האָבן געוואוינט אין דאָרף ווערביוווצי און האָבן געהאַט, קיין עין־הרע, אַכט קינדער. אַ שווער לעבן געווען, בפרט פאַר מיין מוטער. זי איז געווען ביי מיין טאַטן דאָס ווייב און די געליבטע. זי האָט אים יעדעס יאָר אַ קינד געבוירן, געווען די באַלעבאָסטע און אַליין געקאָכט, געבאַקן און וועש געוואַשן, איז געשטאַנען אין קראָם, ווען עס זייַנען געווען קונים, און באַאַרבעט דעם גאָרטן — נישט חלילה צו פאַרזעצן בלומען, נאָר אַרויסצוקריגן פון אים אַ קאַרטאָפל, אַ הויפּטל קרויט, אַ ביסל ציבעלעס און עטלעכע דיניעס. יעדע רגע פלעגט קומען צו לויפן אַן אַנדערער שנעק און

רייסן פאַרן קלייד: עסן! אמת, די עלטערע קינדער האָבן אַ ביסל צו־געהאָלפן אַרום די קלענערע: זיי פאַרשפּילט, געטראָגן אויף די הענט, געהאָדעוועט, געוואַשן, זיי געהאָלפן אָנטאָן און אויסטאָן, געלייגט זיי שלאָפן און אָפּט אויך גוט אָנגעהרגעט. אָבער די שווערסטע לאַסט איז געפאַלן אויף אונדזער קליין מאַמעלע. אויפגעשטאַנען מיט די הינער באַגלייך, פלעגט זי אַרומפאַדען אַ גאַנצן טאָג און אַ מידע אַוועקפאַלן שפּעט ביינאַכט. מיט אירע צוויי הענט האָט זי באַלעבאַטעוועט פאַר גאַנצע צען נפשות, אָבער אין שטוב האָט מען זיך אַלץ ניט געקאָנט אָנעסן צו זאַט. מיר האָבן געבאַקן דאָס ביליקסטע, שוואַרץ־ראַזעווע ברויט, נאָר ס'האָט אונדז געשמעקט אַפּילו אָן פּוטער. יאָ, ציבעלעס און קנאָבל האָט מען אויסבאַהאַלטן פון אונדז, ווייל דאָס רייצט דעם אַפּעטיט. אויך דאָס פּריש־געבאַקענע ברויט האָט מען באַהאַלטן, נישט, חלילה, אויס מורא, אַז מיר וועלן זיך מיט דעם די מעגעלעך פאַרדאַרבן, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס פּריש ברויט שלינגט זיך לייכטער. האָט מען עס אונדז געגעבן עסן ערשט עטלעכע טעג שפּעטער. מען האָט אָנגעקאָכט ריזיקע טעפּ בולבעס, איז עס פאַרצערט געוואָרן ווי מן. מען האָט געבאַקן מאַלאַי פון קוקורוזע־מעל, געקאָכט מאַמעליגע מיט פּאַסאָליע־זופּ — די מאַמעליגע האָט מען שטענדיק געשניטן מיט אַ פאָדעם — אָנגעקאָכט קרויט, מערן, ריבן, רייז מיט פּאַסאָליעס, אַמאָל אויך לאַנגע, לאָקשענע טייגלעך, אַפּילו וואַרעניקעס געפילט מיט קאַרטאָפל, און מיר האָבן עס אַלץ פאַרשלונגען ווי די היישעריקן!

און דאָך איז אונדזער קינדהייט געווען פול מיט שפּיל און קונדאַסעריי, וואָס איז ניט צו טרעפן אין שענסטן און רייכסטן שפּיל־צימער פאַר קינ־דער. מיר פלעגן צעגראָבן דעם גאָרטן, זיך אויסבויען הייזלעך פון ליים און שטרוי, געמייסטרעוועט וועגענער פון צעבראָכענע בענקלעך און גע־מאַכט שליטנס פון אַלטן, אָפּגענוצטן האָלץ. דערביי האָבן די יונגע חיות און עופות פון די שכנים געמוזט צוהעלפן: קעלבער און לאַשעקלעך, אַפּילו קאַטשקעס און הינער פלעגן מיר איינשפּאַנען אין די וועגענער. ווער שמועסט נאָך הינט! נאָר קעץ און גענז האָבן זיך ניט געלאָזט. די קעץ פלעגן אַנטלויפן און די גענז פלעגן זיך בייסן. נאַרישע גענז!

צי די חיות האָט עס אַזאַ הנאה געטאָן ווי אונדז, ווייס איך נישט, מיר אָבער זיינען געווען דערפון גליקלעך. די עלטערע פון אונדז האָבן זיך געהאַלטן מעשה סטאַטעק, אָבער ווען קיינער האָט ניט געזען, האָבן אויך זיי זיך באַטייליקט אין שפּיל. אַפּילו דער טאַטע האָט ליב געהאַט זיך אַ שפּיל טאָן מיט אונדז. נאָר די מאַמע, די אָרעמע ליבע מאַמע, איז שטענדיק געווען מיד און ברוגזלעך. ווען מען האָט איר צופיל דערקוטשעט, האָט זי גענומען דערלאַנגען קלעפּ, פּעטש, ריפּנשטויסן און אַפּילו געקנייפּט און געקאָפּעט. אָרעמע, קליינע מוטער! ניט געווען מיט וואָס זי מקנא צו זיין.

וואָרים די עלטערע קינדער האָבן דעם טאַטן אַ סך מער ליב געהאַט. איך ווייס ניט פאַרוואָס — דער טאַטע האָט אויך שווער געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, אָבער פאַר די קינדער האָט ער תמיד געהאַט צייט. ווער שמועסט נאָך שבת אין דער פרי, ווען קליינוואַרג פלעגט אַריינקריכן צו אים אין בעט, זיך זעצן רייטן אויף אים און פלעכטן צעפּלעך פון זיין באָרד! און האָט מען אים עפּעס געפרעגט, פלעגט ער אונדז תמיד געבן אַ קלוגן ענטפער, און אַלץ מיט אַנדערע ווערטער. יאָ, דער טאַטע האָט אונדז באַהאַנדלט ווי דער־וואַקסענע, און מיר האָבן זיך גענומען פילן וויכטיק.

אַט אַזוי זיינען מיר אַלץ מער געווען צוגעבונדן צום טאַטן. און ווייל ער איז געווען אַ שטיקל יודע־ספר, געקענט אַ ביסל גמרא, גערעדט מיט פסוקים און געלייענט און געשריבן אויף פויליש, האָבן אויך די שכנים און די פויערן פון דאָרף געהאַט פאַר אים דרך־ארץ. האָט זיך ביי אונדז קינדער אַנטוויקלט אַן אמתע, אויפריכטיקע ליבע צום טאַטן, און כמעט דאָס קעגנטייל צו דער מאַמען — אונדזער אָרעמע, קליינע מאַמע! די מוטער און פרוי, געליבטע און דינסט, די געווינערין און די אָם, איז געווען זייער, זייער אומגליקלעך. איז זי דאָך אַליין נאָך געווען אַ קינד, אַן אומשולדיק, אומוויסנדיק קינד, אַן פרייד און אַן נחת, פאַרשקלאַפט צו אַרבעט און זאָרג, זאָרג און אַרבעט.

ביז איינמאָל איז זי, אַ מידע, אַ פאַרהאָרעוועטע, אַוועקגעפאַלן אונטערן יאָך און מער ניט געקאָנט אויפשטיין. אין מיטן העלן טאָג האָט זי זיך אַריינגעלייגט אין בעט און גענומען וויינען און שרייען און נאָר געוואָלט אָדער שטאַרבן, אָדער זיך גטן.

ביי אַזעלכע פאַלן פלעגט שטענדיק צו אונדז קומען פון שטאָט אַן אָרעמער קרוב, דער אַלטער ישעיה בערקאָוויץ. ער איז געווען נאָך אָרעמער פון אונדז און פלעגט אָפט קומען אין דאָרף אַריין אָפּזיצן אַ וואָך צוויי, אַמאָל ביי איין יידן אין שטוב, אַן אַנדערש מאָל ביי אַ צווייטן. דעמאָלט פלעגט ער אויסגלייכן אַלע קלאָגענישן און קריגערייען, פלעגט רעדן מיטן לערער, פאַרהערן די קינדער, געמוסרט די מענער און איבערגערעדט מיט די ווייבער. און אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו אים מיט ליבע און דרך־ארץ, בפרט די אוקראַינישע פויערן. און ביי וועמען ער איז איינגעשטאַנען, איז די שטוב דאָרט שטענדיק געווען פול געפּאַקט אין אָוונט. אַלטע פויערן פלעגן ביי אים פרעגן פאַרשיידענע זאַכן, און ער האָט תמיד אויף דעם געפונען אַ פּאַסיקע תשובה, מיט אַ קלוגן משל און אַ נמשל. ער איז געווען אַ ייד פון אַרום זיבעציק, קליין, און האָט אַליין אויסגעקוקט ווי אַ פויער. דאָס פנים, פאַרברוינט ווי געגאַרבטע לעדער, איז געווען ביי אים כמעט נאַקעט, נאָר טיף אונטערן קין און צווישן די קינבאַקן און אויערן, אויך אויף דער אויבערשטער ליפּ, האָבן געוואַקסן ביי אים קליינע, ווייסע זשמענ־

קעלעך האָר, שטייף ווי דראָט. אָנגעטאָן איז ער געווען האַלב־אוקראַיניש, מיט אַ פוטער־היטל זומער און ווינטער, פאַר היץ און קעלט. געהאַט גרויסע, קלוגע און גוטמוטיקע אויגן, און צוליב זיין קלוגשאַפט האָבן אים די גוים גערופן „שאַיקאָ ראָזום". אָפט פלעגט ער אַפילו אויסזינגען גאַנצע קאַפּיט־לעך תהילים אויף אוקראַיניש, מחמת דער רבונו־של־עולם, האָט ער געהאַלטן, פאַרשטייט אַלע לשונות, אַבי מען טוט עס נאָר מיט אַן ערלעכער כוונה. און ר׳ שאַיקע האָט שטענדיק געהאַט די ערלעכסטע כוונה — געזאָגט דעם אמת אין די אויגן אַפילו דעם גרעסטן יחסן און דעם רייכסטן גביר, אָבער תמיד מיט אַ ווערטל און מיט אַ משל. און דער עיקר: ער האָט פיינט געהאַט געלט און קיינמאָל צו דעם זיך ניט צוגערירט. דערפאַר אָבער האָט ער ליב געהאַט אַן עס און אַ טרונק, און קוים האָט ער פרייטיק־צו־נאַכטס אָדער אום שבת אַריינגעגאָסן אַ כוסה, פלעגט ער נעמען זינגען יידישע און אוקראַינישע לידלעך און דערציילן אַן אַ שיעור יידיש־גויאישע מעשהלעך און לעגענדעס.

אַזאַ איז ער געווען, שאַיקע ראָזום, וועלכער איז אויך איצט צו אונדז געקומען.

האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַמען אויפן בעט, ווי אַ דאָקטאָר, האָט אַלעמען אַרויסגעשיקט פון שטוב, אויסגעהערט דער מאַמעס רייד און לאַנג מיט איר איינגעטענהט. דער טאַטע איז געשטאַנען אין דרויסן, אַ פאַרלאָרענער, און האָט זיך אין פאַרלעגנהייט גענומען דאָ צו איין אַרבעט, דאָ צו אַ צווייטער. ער פלעגט שטענדיק צוהעלפן ביי דער אַרבעט: אויס־געמאָלקן די קו, געמאַלאַיצעט תבואה, געשניטן שטרוי און צוגעגרייט עסן פאַר די בהמות. היינט האָט ער אויך אַליין געקאָכט. מיר קליינוואַרג פלעגן זיך תמיד פרייען, ווען דער טאַטע האָט געקאָכט. ער פלעגט דאָס שטענדיק טאָן ערב די יום־טובים און ווען די מאַמע איז געלעגן אין קימפעט. און אונדזער קליין, גוט מאַמעלע פלעגט דאָך ליגן אין קימפעט איעדעס יאָר.

שאַיקע ראָזום איז אַרויסגעקומען פון שטוב און גענומען דעם טאָטן אויף אַ שפּאַציר אין פעלד אַריין. דאָס קליינוואַרג האָט דערוויל אַרומ־געליאַרעמט מיט די שכנישע קינדער איבער די גאָרטנס, די עלטערע האָבן געטאָן זייער אַרבעט. דער טאַטע מיט שאַיקען זיינען צוריקגעקומען שווייגנדיקע. מ׳האָט זיך געלייגט פרי שלאָפן, און באַלד פאַרטאָג האָט מען געשפּאַנט פערד־און־וואָגן און דער טאַטע מיט דער מאַמען און דער אַלטער שאַיקע ראָזום זיינען אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. די עלטערע קינדער האָבן זיך געפאָרעט אַרום הויז, די יינגערע זיינען אַוועק מיט אַ כאָפּטע שכנישע קינדער רייסן אויבסט אין אַ סאָד, און קיינער האָט זיך ניט אָנ־געשטויסן וואָס עס גייט איצט אָן צווישן טאַטע־מאַמע.

דאָס קלוגע, ווייסע פערד, דער שימל, וואָס האָט געהערט צו דער

משפחה ווי אַ גרעסערער ברודער, האָט היינט באַקומען אַ פּאַרציע האָבער. ער איז געגאַנגען אין שפּאַן מיט כּוח און פלינק, ווי זיין פערדישער שכל וואָלט וועלן זאָגן: „אויב דו דערלאַנגסט האָבער, ברודערקע, וועל איך דיר ערשט באַווייזן וואָס איך קאָן!“

אויף שטרוי, פאַרשפּרייט מיט אַ דעקע, זיינען געזעסן אין ענגן וואָגן די דריי פאַרשווינען און געשוויגן. דער טאַטע האָט אַנגעטריבן.

דער אַלטער שאַיקע האָט גענומען דערציילן אַ מעשה: זיין פעטער מיטן ווייב זיינען אַמאָל געגאַנגען צום רב זיך גטן. ווי נאָר זיי זיינען אָנגעקומען צום רבס הויז, האָבן זיי באַגעגנט אין דרויסן זייערס אַ שכן, וועלכער האָט אָוועקגענומען דעם פעטער אָן אַ זייט און צו אים אַ זאָג געטאָן: „נו, חיים, דו מוזט זיך שעצן גליקלעך צו פּטרן אַזאַ ארורה ווי דיין ווייב!“. האָט דער פעטער חיים אויף אים אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „הערט נאָר, ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו רעדן אַזוי צו מיר וועגן מיין ווייב?“. און ווען דער פעטער חיים איז אַרויס פונעם רב אָן אָפּגעגטער, איז דער זעלבער שכן ווידער צוגעקומען און אַ מאַך געטאָן: „נו, חיים, איצט מעג איך דיר שוין אָפּגעבן מזל־טוב וואָס דו האָסט געפּטרט אַזאַ מכשפה?“. האָט זיך דער פעטער אַ קער געטאָן צו אים און געזאָגט: „איר דאַרפט זיך שעמען צו רעדן אַזוי צו מיר וועגן אַ פרעמדער פרוי!“, און ער האָט אים געלאָזט שטיין.

אַלע האָבן געשוויגן. פאַרנדיק אַזוי ווייטער, האָבן זיי באַגעגנט אָנקומען אַ ברוין־לאַקירטע קאַרעטע מיט פיר פערד נאַשפּיץ. שאַיקע האָט געהייסן דעם טאַטן זיך אָפּשטעלן.

— קוק זיך גוט צו צום פּאַרל אין דער קאַרעטע — האָט שאַיקע געזאָגט.

די קאַרעטע איז געקומען אַלץ נעענטער און נעענטער. אויף דער קאָזלע זיינען געזעסן דער קוטשער מיט אַ דינער, און אין דער קאַרעטע, איינגעוויקלט אין אַ גריבער סאַמעט־דעקע, זיינען געזעסן דער גוטבאַזיצער און זיין פרוי און האָבן הויך געלאַכט און געשטיפט. די יידן האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און דער גוטבאַזיצער האָט זיי קוים געענטפערט אויפן גרוס, צולייגנדיק אַ פינגער צום דאַשעק. ווי נאָר די קאַרעטע איז פאַרבייגעפאָרן, האָט שאַיקע ראַזום זיך געווענדעט צום טאַטן:

— נו, האָסט געזען אַ פריילעכקייט? האָסטו געזען ווי ער האָט זי אָנגעקוקט און געצערטלט, און זי האָט געלאַכט? מיינסטו, אהרן, אַז זי איז פאַר אים מער ווי אַ באַלעבאָסטע אין שטוב און אַ ווייב אין בעט? זי האָט אים געבוירן צוויי קינדער, און דערפאַר האָט זי ביי אים קעכינס און דינערשאַפטן און קוטשערס און אַמען און גוואוערנאַנטקעס. דיינע האָט, ברוך־השם, שוין געהאַט מיט דיר אַכט קינדער און איז דיר אַ ווייב און

אַ קעכנע און אַן אַם און אַ גוואווערנאַנטקע און אַ דינסט און אַ וועשערין און אַ באַלעבאַסטע און וואָס נישט. אָבער יענער שמייכלט צו איר, קעכלט זי, מאַכט זי פריילעך, און דו, אהרן, פאַרסט גאָר אין שטאַט אַריין צום רב איר געבן אַ גט!

האָט דער טאַטע געמומען גענומען מורמלען אין פאַרלעגנהייט:

— נו, פאַרדרייט־זשע ניט די יוצרות, ר' שאַיקע ראַזום. נישט איך פאַר זיך גטן, נאָר מיין ווייב וויל זיך גטן. און וואָס בין איך שולדיק, אַז יענער איז אַ גוטבאַזיצער און איך אַ וויסטער קבצן?

האָבן זיך מיין מאַמען אַ לאָז געטאָן טרערן איבערן פּנים, אָבער אויפן האַרץ איז איר געוואָרן לייכטער און זי האָט גענומען טענהן:

— ווער זאָגט דען, אַז איך וויל זיך דווקא גטן?... איך האָב קיינמאָל קיינעם ניט פאַרגעוואָרפן רייך אָדער אָרעם.

— יאָ, יאָ, — זאָגט דער אַלטער שאַיקע — מיר מוזן סיי־ווי זיך אומקערן אַהיים. מ'מוז דאָך פריער אָנפרעגן ביי די קינדער ווער עס וויל גיין מיטן טאַטן און ווער מיט דער מאַמען.

דאָ צעשמייכלט זיך שוין די מאַמע, נאָך מיט די נאַסע טרערן אויפן פּנים, און זאָגט שטיל:

— אַהיים פאָרן יאָ, אָבער פרעגן דאַרף מען נישט. חלילה עמעצער זאָל זיך דערוויסן וועגן דעם.

האָט דער טאַטע אויסגעקערעוועט דעם וואָגן, און שאַיקע ראַזום טוט אַ זאָג:

— פאָר, פאָר אַהיים וואָס גיכער, אהרן. אין דער היים איז נאָך תּמיד בעסער.

— ניין — מאַכט דער טאַטע — איר זעט דאָרט די קרעטשמע? פריער שטעלן מיר זיך אָפּ אָט דאָרטן.

איז מען פאַרפאָרן צו דער קרעטשמע. שאַיקע ראַזום איז דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פור, נאָך אים דער טאַטע און ער האָט נאָך געהאָלפן דער מאַמען אַראָפּקריכן. ביי דער מאַמען האָבן איצט געפלאַמט די באַקן. זיי זיינען ביידע געשטאַנען נאָענט איינער צום אַנדערן און אפשר צום ערשטן מאָל אין לעבן האָבן זיי איצט זיך געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. האָט דער טאַטע זיך אָנגערופן:

— דו ביזט דאָך מיין באַשערטע. ביזט נישט מיין דינסט, נישט קיין וועשנע, נישט קיין קעכנע אָדער אַ גוואווערנאַנטקע ביסטו מיר. דו ביזט די מאַמע פון מיינע קינדער. און אַ פריינט ביסטו מיר, אַ פריינט אין נויט און פרייד, אויף אייביק.

אַזוי איז מען, פאַרשעמט אַ ביסל און שמייכלענדיק, אַריין אין שענק. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט מיט שאַיקען ביים טיש, געמאַכט אַ לחיים און

געגעסן האַרטע אייער מיט פרישע ווייסע זעמל, ווי זיי וואָלטן געווען די גרעסטע נגידים. דער אַלטער שאַיקע האָט געטרונקען און געשמייכלט. דערנאָך האָט מען נאָך איינגעקויפט זעמל און געזאַלצענע בייגל פאַר די קינדער, און מ'איז אַהיימגעפאָרן. — — —

און פונקט צו ניין חדשים בין איך געבוירן געוואָרן.

אין משך פון די ניין חדשים האָט אונדז שאַיקע נאָך עטלעכע מאָל באַזוכט. דערנאָך איז ער געשטאָרבן, דער גוטער ר' שאַיקע. — — —

האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן נאָך אים. און נישט איין מאָל פלעגט דער טאַטע צו מיר זאָגן: „קינד מיינס, מען האָט דיר אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ וואוילן, ליבן מענטש.״

איך בין געבוירן אין אַ רעגנדיקער נאַכט

אין אונדזער דאָרף ווערביוועצי האָבן געלעבט הונדערט און פופציק אוקראַאינישע און פיר יידישע משפחות. אַלע האָבן זיי באַאַרבעט די ערד. די יידן האָבן נאָך געהאַט אַ זייטיק שטיקל פרנסה פון קליינע קראָמען און איינער האָט געהאַלטן די קרעטשמע, וואָס ער האָט גענומען אין אַרענדע פונעם גוטבאַזיצער. דאָס דאָרף האָט פאַרמאָגט צוויי בערגלעך. אויף איינעם איז געשטאַנען דאָס הילצערן קלויסטערל מיט אַ דאַך געפורעמט ווי אַ ציבעלע, אויפן אַנדערן איז געלעגן דאָס גוט. די קליינע כאַטעס אין דאָרף האָבן געהאַט שטרויענע דעכער, וואָס זיינען געווען ברוין און שוואַרץ פאַררויכערט פון די קוימענס, דורך וועלכע עס פלעגט אַריינרעגענען. לויטן גערוך פונעם רויך האָט מען געקאָנט דערשמעקן, צי מ'קאָכט פלייש ביי אַ שכן. אויך די דעכער פון די שטאַלן, שפייכלערס, און די געביידע פאַר די פאַראָבקעס און פאַרנאַלן ביים גוט, זיינען געווען געדעקט מיט שטרוי. נאָר איין הויז איז געווען ווייס געקאַלכט, מיט בלומען אַרום, און האָט פאַרמאָגט אַ גאָנטענעם דאַך. דאָרט האָט געוואוינט דער פוילישער גוטבאַזיצער. צווישן אים און דעם דאָרף איז געווען ווי עפעס אַ וואַנט — אַ פרעמדע וועלט. ער, זיין פרוי און די קינדער, אַפילו זיינע דינערשאַפטן, פלעגן זיך ניט מישן מיטן דאָרף. אויך זייער שפּראַך איז געווען אַן אַנדערע — פויליש. זיי פלעגן זיך אַנדערש אָנטאָן, אַנדערש רעדן, אַנדערש עסן. איך קאָן מיך נאָך דערמאָנען ווי דער קליינער ניקאָלאַ, אין מיינע יאָרן, דעם שכן יוז פעדאָרקיווס שייגעצל, איז אַמאָל געקומען צו לויפן צו זיין מוטער אַ פאַרפלאָמטער: „מאַמאַ, אוי מאַמאַ, זיינען ווייסע זעמעלעך מיט פוטער געשמאַק!״. „פון וואַנען ווייסטו דאָס, קינד מיינס?״ — האָט די מוטער

געפרעגט. „איך האָב ערשט אַליין געזען ווי דעם גוטבאַזיצערס פּאַניטש האָט עס געגעסן."

מיר דאָרפסקינדער, יידן ווי אוקראַינער, האָבן זעלטן ווען זיך באַגעגנט מיטן קליינוואַרג פונעם גוטבאַזיצער. מיר פלעגן זיי בלויז זען פאַרבייפאָרן אין דער קאַרעטע, אָזעלכע אויסגעפּוצטע, מיט געלאָקטע, פאַרקעמטע האָר, מיט קאָלאָשן, ווען ס'האָט גערעגנט, און מיט הענטשקעס אַפילו אום זומער. זיי פלעגן אויף אונדז אַראָפּקוקן אַזוי בייז, נאַריש און שטאָלץ — פונקט ווי זייער פאָטער פלעגט אַראָפּקוקן אויפן גאַנצן דאָרף. פונעם גוט האָט זיך געצויגן אַ געדיכטע אַלייע טאָפּאָליע־ביימער ביז צום שטראָז צו, פון וועלכן ס'איז נאָך געווען עטלעכע מייל צום דאָרף. די קרעטשמע האָט געהאַלטן אלקנה. אין דאָרף האָט נאָך געוואוינט דער אַלטער דוד בערקאָוויץ, מיין פעטער לייזער און מיר — אהרן גראַנאַך מיט דער משפּחה. אַלע יידן האָבן פאַרמאָגט אייגענע שטיבלעך, גאָרטנס, עטלעכע אַקער פעלד, בהמות און קליינע קרעמלעך, אין וועלכע מ'האָט געקאָנט באַקומען אַלץ, אין וואָס דאָס דאָרף האָט זיך געניטיקט: פּאָדקאָוועס, טשוועקעס, קאָלירטע וואָל, פּאָדעם, הערינג, נאָדלען, נאַפט, זעמל. דזשעגעכץ און דאָיעט, געצייג, פעפער, זאַלץ, ליכט, פּאַטשיילעס, האָניק, זויערע אוגערקעס און נאָך און נאָך פאַרשיידענע זאַכן. אַחוץ דעם האָבן מיר נאָך אונטערגעהאַנדלט מיט אייער, תבואה און בהמות. דאָס הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט, איז באַשטאַנען פון אַ שטאָל, אַ שפּייכלער, אַ מיסטבערגל, אַ גאָרטן און צוויי שטיבער מיט אַ סך פלעצער צום שלאָפן. אום זומער פלעגן די מייסטע קינדער שלאָפן אין סטאָדאָלע און אויך אין שטאָל. אָבער ווינטער פלעגן ביידע שטיבער זיין געפּאַקט. ווי נאָר דער פראָסט האָט גענומען מאָלן בלומען אויף די פענצטער, האָט מען נאָך געמוזט אַריינגעמען אין שטוב אַ יונג קעלבל אָדער אַ לאַשעקל, און מיר, קליינוואַרג, האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט דעם. אין איין שטוב איז געווען דער אויוון מיטן פריפּעטשיק און די קיך, און אין אַ ווינקל איז געווען אויפגעשטעלט דאָס שטיקל געוועלבל. די שוועל אַריבער האָט אַן אָפענע טיר־ראַם געפירט צו דער צווייטער שטוב, די „בעסערע", וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי בעטן, אַ טיש מיט בענק, און אויף די ווענט זיינען געהאַנגען בילדער: איינס פון באַראָן הירש מיט די פאַרדרייטע וואָנצעס, מיט דער ווייסער „ברוסט" און שטייפן קאָלנער מיט אַ שוואַרצן קראַוואַט; דאָס צווייטע האָט פאָרגעשטעלט אהרן הכהן אין לאַנגע, מיידלשע קליידער מיט אַ לאַנגער, שניי־ווייסער באָרד, און מיט די ברילּיאַנטענע אורים־ותומים, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די צוועלף שבטים; אויפן דריטן בילד איז געשטאַנען משה רבנו מיט אַ לאַנגן שטעקן, ווי ער פירט אַרויס די יידן פון מצרים.

אין איינעם פון די בעטן איז איצט געלעגן אַ קליינע פרוי און זיך געקאָרטשעט אין ווייען: זי האָט באַדאַרפט געלעגן ווערן מיטן ניינטן קינד. איר מאַן, אַ הויכער, מיט ברייטע פלייצעס, גוטמוטיק־ברוינע אויגן און אַ לאַנגער, טונקעלער באָרד, איז געשטאַנען אין דער פאָדערשטער שטוב ביי דער קראָם. די שטוב איז געווען פול געפּאַקט מיט פויערן, וועלכע האָבן פּאַמעלעך געזופּט הייסע טיי און קנאַקנדיק צוגעביסן מיט שטיקלעך צוקער. רויכערנדיק די ליולקעס, האָבן זיי געהאַלטן אין איין שפּייען אויף דער ערד און דערביי פּאַוואָליע און איבערגעלייגט געשמועסט וועגן פּאָליטיק און גערעטעניש און נאָך פויערישע זאַכן. אַנדערע זיינען אַריין און אַרויס — געקויפט אַ ליכטל אָדער אַ הערינג, נאַפט אָדער זעמל, שוועבעלעך, האָניק, זאַלץ אָדער אַ פּאָדקאָווע, אַ בייטש אָדער רובאַרבערים. באַצאָלט האָבן זיי צוביסלעך מיט פריש־געלייגטע אייער און אַ ביסל מיט תבואה, פלאַקס אָדער מעל, אָדער גאָר געהייסן פאַרשרייבן ביז די היגער וועלן זיך לייגן, אַ קו וועט זיך קאַלבן אָדער ביז צום קומענדיקן שניט. דערביי האָט מען זיך געדונגען און געטענהט, ווארים מען איז דאָך פריער אַרומגעגאַנגען זיך צעפרעגן ביי אַלע דריי קרעמער, און ווער ס׳האָט געגעבן ביליקער, דער האָט געמאַכט דאָס געשעפט.

פון דער צווייטער שטוב האָבן זיך דערהערט קרעכצן. די עלטערע גויים האָבן זיך איבערגעקוקט. איינער האָט אַ וואונק געטאָן מיטן אויג, אַן אַנדערער האָט אונטערגעשמייכלט ביטרע — זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז די „אַראָנעכע״ גייט צו קינד. האָבן זיך אויפגעהויבן איינער נאָכן צווייטן און געזאָגט אהרנען „אַ גוטע נאַכט״, וואָס האָט געקלונגען אי ווי אַ ווינטשעוואַניע אי ווי אַ ביסל באַדויערן. וואָרים אַ נייער מיטגליד אין אַ משפּחה האָט געמיינט: סיי אַ ביסל הילף, סיי אַ נייער פרעסער. נאָך דריי יונגע פּאַראָבקעס האָבן זיך געמאַכט תמעוואַטע און ווייטער געבליבן זיצן. זיי האָבן זיך גענומען חכמהנען מיט אהרנען, אים געשטעלט קלאָץ־קשיות און הנאה געהאַט פון זיין פאַרלעגנהייט און פון זיין ווייבס קרעכצן.

ס׳איז געקומען אַן אַלטע באָבע פון דאָרף. זי איז געווען אַ שטיקל הייבאַם און אַ שטיקל מכשפה, אַ האַלבער דאָקטאָר און אַ האַלבע וואָרזאָגערין: זי פלעגט אָפּנעמען קינדער און צוטרעפן חתנים פאַר די מיידלעך, געגעבן קרייטעכצער פאַר עקרות און געמאַכט שמירעכצער פאַר אַלערליי קראַנקהייטן. נישט אַלץ האָט געהאָלפן, אָבער מען האָט זיך געשראָקן פאַר איר, ווייל זי האָט געוואוסט פון כישוף און פלעגט מוראדיק שעלטן. שטענדיק האָט זיך געפילט פון איר מיט בראָנפן. קוים אַריינגעקומען, האָט זי אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער, וואָס האָט געמיינט: אַ גלאָז בראָנפן אַהער! זי האָט ניט געעפנט דאָס מויל, ביז מען האָט איר נישט דערלאַנגט

אַ גרויס טיי־גלאָז בראַנפן. אויסגעטרונקען, האָט זי ערשט געזאָגט „אַ גוטן אָוונט".

זי האָט געהייסן די פאַראָבקעס פאַרלאָזן די שטוב. זיי אָבער האָבן אַרויסגענומען טיטון פון די ברייטע, לעדערנע גאַרטלען, גענומען דרייען פאַפּיראָסן און זיך געמאַכט ווי ניט זיי מיינט מען. האָט די אַלטע געמאַכט פייער, אויפגעשטעלט וואַסער, אויסגעשפּיגן דריי מאָל אויףביידע שוועלן, זיך אַוועקגעשטעלט פאַד־באַקיעם און ווידער באַפוילן די יונגען זיי זאָלן פאַרלאָזן די שטוב. יענע אָבער האָבן זיך צעלאַכט, אַרויסגענומען דודקעס פון די פאַזוכעס און אָנגעהויבן שפּילן אַ לידל. דאָ האָט שוין די אַלטע גענומען זידלען און שעלטן, דריי מאָל איבערגעצלמט די שטוב און מיט משונהדיקע העוויות זיך צעשריגן:

— גיכער, גיכער אַרויס פון דאַנען, איר מיאוסע יונגען! גיכער, גיכער — אַ ניט וועט איר דאָ אויף אייביק בלייבן זיצן געליימטע און פאַרשטאַרטע ווי אַ קופּע היוניאַקעס אום ווינטער!

פון דער אַנדערער שטוב האָט זיך געטראָגן דאָס קרעכצן פון אַ מענטש, וואָרים אַ צווייטער מענטש האָט געהאַלטן אין קומען אויף דער וועלט. די שקצים האָבן געלאַכט און זיך געוויצלט, אַז זיי זיינען שוין פאַרשאָלטן — זיי זיצן שוין געליימט, פאַרשטאַרט און פאַרפרוירן און קאָנען זיך מער פון אָרט ניט רירן.

די אייגענע פיר זין זיינען אָנגעקומען פונעם יאַריד. מען האָט זיך גענומען באָרען האַלב אין שפּאַס, האַלב אויף אַ רעכטן אמת, ביז מ׳האָט די שקצים אַרויסגעוואָרפן. די אַלטע האָט זיי נאָך נאָכגעגאָסן אַ פאַמאַי־ניצע וואַסער, האָט פאַרריגלט די טיר און אויסגעטרונקען אַ צווייט גלאָז בראַנפן. די געווינערין האָט נאָך אַלץ געקרעכצט. די שקצים אין דרויסן האָבן אויפגעשפּילט אַ קאָמיש לידל, און דאָ האָט אַ מענטש זיך געקאָר־טשעט אין די לעצטע ווייען — ביז ס׳האָט זיך באַוויזן אַ קליין באַשעפעניש׳ל און ווינענדיק גענומען כניקען און פישטשען.

מיט אַ זעץ אין די פענצטער האָבן די שקצים באַגריסט דעם ניי־געבוירענעם מענטשן־ברודער — אויסגעהאַקט די שויבן און אַנטלאָפן. דאָס קליינע נפשל האָט אַ ציטער געטאָן און די גלידערלעך האָבן זיך גענומען קאָרטשען אין קרעמפן.

די מענער האָבן פאַרשטעקט די פענצטער מיט קישנס און שמאַטעס און דערנאָך שווייגנדיק געריכערט פאַפּיראָסן. די זין האָבן געקוקט אויפן פאָטער מיט אַ ביסל פאַריבל, און ער איז געזעסן אַ פאַרלאָרענער.

דערווייל האָט די אַלטע אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז בראַנפן און גע־נומען באָדן דאָס קינד, וואָס האָט זיך אַלץ געוואָרפן אין קרעמפן. די קימ־פעטאָרין האָט זיך צעוויינט, און די אַלטע האָט זי גענומען טרייסטן:

— ס'איז גאָרניט אַזוי געפערלעך. אין קינד איז בלויז אַריין אַ קליין, נישטיק שד'ל, אַן ציין. וואָרים דער אמתער נישט־גוטער זיצט גאָר איצט ערגעץ אין דער פינצטערניש אויף עק וועלט, אין דער קלעם פון אַ קלוג, ראַזעווע מלאכל, און וועט נאָך אַזוי שוויצן אין אייגענעם בלוט און וואַסער אַ דריי, פיר חדשים. דאָ קאָן ער קיין שום שליטה ניט האָבן.

זי האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז בראָנפן און פאַרזיכערט, אַז ביז די דריי, פיר חדשים קאָן זי זייער לייכט אַרויסטרייבן דאָס שד'ל, נאָר מיט איין באַדינג: מ'טאָר קיינעם ניט דערציילן וועגן דעם!

די קימפעטאָרין האָט צוגעזאָגט צו שווייגן.

דאָס בין איך טאַקע געווען דאָס קליינע נפשל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יענער רעגנדיקער נאַכט, אין חודש אַפּריל.

ווי מ'טרייבט אַרויס פון מיר דאָס שד'ל

בין איך, הייסט עס, געבוירן געוואָרן אין אַ רעגנדיקער אַפּריל־נאַכט און געבראַכט מיט זיך נאָך מער אומרו אין אונדזער אומרואיקן לעבן, נאָך מער דאגות אין אַ זאָרגפולער עקזיסטענץ.

אין אַ וואָך אַרום איז די מאַמע אויפגעשטאַנען פון קימפעט. דאָס יינגסטע ברידערל, שבתי, קוים אַ יאָר אַלט, איז פלוצים געוואָרן אַ „דער־וואַקסענער", און איך בין געוואָרן דאָס „קינד". און נאָך וואָס פאַר אַ קינד: אַ פיטשענקע, וואָס האַלט אין איין וואָרפן מיט די הענטלעך, קאָפּעט מיט די פיסלעך און וויינט טאָג ווי נאַכט.

די אַלטע באָבע, די זנאַכערקע, פלעגט צו אונדז אַריינקומען נאָר ווען דער טאַטע מיט די עלטערע ברידער זיינען ניט געווען אין דער היים. דעמאָלט פלעגט זי געבן סגולות ווי אַזוי אַרויסצוטרייבן פון מיר דאָס שד'ל. מיין קליין פאַרציטערט מאַמעלע האָט געהאַלטן וואָרט: זי האָט קיינעם ניט דערציילט וועגן די באָבסקע רפואות און קיינער האָט ניט גע־וואוסט וויפיל זי האָט באַצאָלט דערפאַר. אַפילו די מאַמע אַליין האָט עס ניט געוואוסט, וואָרים צאָלן פלעגט זי מיט אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אין געוועלבל: מיט זאַלץ, נאַפט, האָניק, הערינג, קוילישן, לאָפּעטעס, טשוועקעס. זי האָט איר אַפילו אָוועקגעגעבן אַ זעג און אַ האַק. די אַלטע האָט עס, פאַרשטייט זיך, באַלד פאַרקויפט דעם רייכן שכן יוז פעדאָרקיוו און דערנאָך דאָס געלט פאַרשיכורט.

זי פלעגט זיין זייער פאַרזיכטיק, די אַלטע, נישט צו באַגעגענען זיך מיטן טאַטן. נאָך מער האָט זי מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט אונדזער עלטסטן ברודער. איינמאָל איז ער אָנגעקומען, ווי די מאַמע האָט איר געגעבן אַ גלאָז בראָנפן. האָט ער תיכף אויסגעגאָסן דאָס בראָנפן און אָנגע־

זאָגט דער מאַמען מיטן האַרבן וואָרט, זי זאָל עס מער ניט טאָן. דאָ האָט די אַלטע גענומען סטראַשען, אַז זי וועט פאַרכישופן זיין קעלבל. האָט זי דער ברודער געוואָרנט פאַר עדות, אַז ער מאַכט זי איצט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געזונט פון זיין קאַלב: אויב עס זאָל עפּעס געשען, זאָל ער נאָר באַמערקן די קלענסטע סימנים פון אַ לויז מעגעלע ביים קעלבל, וועט ער זי גלייך לאָזן אָפּפירן מיט זשאַנדאַרן! זייט דעמאָלט האָט שוין די אַלטע מער געציטערט איבערן קעלבל ווי דער ברודער.

אַרויסטרייבן דאָס שד׳ל האָט די אַלטע אָנגעהויבן מיטן אויסגראָבן אַ גרוב ביי אונדז אין גאָרטן. קיינער האָט ניט געוואוסט צוליב וואָס און פאַר וועמען. אָבער איינמאָל ביינאַכט, איידער די מענער זיינען צוריק־געקומען פון יאַריד, האָט די אַלטע אַריינגעלייגט דאָס קינד מיט די ווינדע־לעך אין אַ דייזשע וואַסער, אַרויסגעטראָגן אין גאָרטן און עס אַריינגעשטעלט אין גרוב. די מאַמע האָט דערביי צוגעלויכטן מיט אַ ליכטל. די קינדער אין שטוב האָבן זיך צעוויינט פאַר שרעק. צוגעדעקט דעם גרוב, האָט די אַלטע אויסגעשפּיגן דריי מאָל און גענומען מורמלען דעם כישוף־שפּרוך: „זע, אַראַנקאַ, ווי דאָס גראָז וואַקסט . . . אַזוי וועט דיין קינד וואַקסן און לעבן און איבערוועלטיקן דעם בייזן רוח.“ איצט האָט זי ווידער געעפנט דעם גרוב, אַרויסגענומען דאָס קינד און עס צוריק אַריינגעטראָגן אין שטוב.

צומאָרגנס, זאָגט מען, איז אויף יענעם אָרט אויסגעוואַקסן געדיכט גראָז, אָבער דעם קינד איז ניט בעסער געוואָרן: ס׳האָט אַלץ זיך געריסן אין קרעמפּן און געבראַכן. האָט די אַלטע געגעבן אַ נייע סגולה: ווען דאָס רוחל וועט ווידער מוטשען דאָס קינד, זאָל מען עס אָוועקלייגן ביים בעט אויף דער ערד און אַזוי אָפּוואַרטן, ביז דער רוח וועט אַרויס.

ביינאַכט האָט מיך די מאַמע אָוועקגעלייגט אויף דער ערד. אָבער איך, אָפּגעם מיט דער הילף פונעם רוחל, האָב זיך אַזוי צעגוואַלדעוועט, אַז אַלע אין שטוב האָבן זיך אויפגעכאַפּט. דער טאַטע האָט ליכטיק געמאַכט. דער־זען דאָס קינד, האָט ער געמיינט, אַז ס׳איז אַרויסגעפאַלן פון בעט, און האָט עס צוריק אָוועקגעלייגט לעבן דער מוטער. דאָס קינד האָט ווידער דערפילט דער מוטערס וואַרעמקייט, האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער ברוסט און זיך באַרואיקט.

איצט איז די זנאַכערקע געקומען מיט אַ דריטער סגולה. ווידער אין אַ דינסטיק, ווען אַלע דערוואַקסענע זיינען געווען אויפן יאַריד, האָט די אַלטע מיטגעבראַכט אַ שטיק טייג, האָט איינגעהייצט אין אויוון און זיך געשטעלט באַקן אַ ריזיק־גרויסן בייגל. קוים האָט זיך דער בייגל צו־געברוינט, האָט מען דאָס קינד אַרויפגעלייגט אויף דער לאָפּעטע און עס ניין מאָל אַריינגערוקט און אַרויסגערוקט פון אויוון. פאַרטיק געוואָרן מיטן באַקן, האָבן ביידע פרויען ניין מאָל אַדורכגעשטופּט דאָס קינד דורכן לאָך

פון בייגל ווי דורך אַ רייף, און די אַלטע האָט דערביי געהאַלטן אין איין איבערחזרן דעם שפּרוך:

קליינער שאַיקאַ דורכן בייגל,
ס'קליינע שד'ל אינעם בייגל;
ווער אים עסט, ניט פאַרגעסט,
אַז ער אויך דאָס שד'ל פרעסט.

דערנאָך האָט מען אָפּגעבאָדן דאָס קינד און די אַלטע איז אַוועק מיטן בייגל אין אַ זאַק.

ווען מ'האָט יענעם אַוונט זיך אומגעקערט פונעם יאַריד, איז דעם רייכן יוז פּעדאַרקיווס שוואַרצער וואַלפּהונט, ווי אַלעמאָל, געלאָפן פאַראויס און דערשמעקט אַ פרישן ביסן אויפן שטיינערנעם צלם ביים שיידוועג. שטענדיק הונגעריק, איז ער אונטערגעשפּרונגען און אַראָפּגעשלעפּט פון צלם אַ גרויסן בייגל. ער האָט עס געגומען פרעסן. אָבער פּלוצים האָט ער זיך צעוואָיעט ווי זיינע עלטער־זיידעס, די וועלף, פאַרן פגרן, און אַזוי יאָמערלעך, אַז אַלע הינט אין דאָרף האָבן אָנגעהויבן בילן. דאָס אָרעמע הינטישע באַשעפעניש האָט זיך געוואַלגערט אין קרעמפּן. ער האָט נאָך געפּרוּווט לויפן, איז אָבער צוריקגעפאַלן, און ווידער געלאָפן, ביז ער האָט זיך קוים צוגעראַטשקעוועט אַהיים און איז אויסגעגאַנגען. וואָרים אַחוץ מעל און וואַסער, זיינען נאָך אין דעם טייג פון גרויסן בייגל געווען אַריינגעקנאָטן ניין מאָל ניין קעפּלעך פון סירניקלעך.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט געקאַכט. און באַלד אין דער פרי איז די אַלטע אַוועקגעפירט געוואָרן פון זשאַנדאַרן.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דאָס אַרויסטרייבן פון מיר דאָס שד'ל. פון איצט אָן האָט מיך די מאַמע נאָרמאַל געזויגן. נאָר ווייל איך בין געווען אַ שרעקלעכער פרעסער, האָט נאָך אונדזער שכנה אַ ביסל צוגעהאָלפן מיט איר ברוסט.

אַ יאָר שפּעטער איז די מאַמע ווידער געלעגן געוואָרן. איצט בין איך שוין געוואָרן „אויס קינד". איך בין שוין צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער און הויז־חיות אַרומגעקראָכן איבערן הויף און גאָרטן, בין אויסגעוואַקסן געזונט און קרעפּטיק און געוואָרן איינער פון די ווילדסטע קונדסים אין דאָרף—דער בעסטער גליטשער און בוים־קלעטערער, דער פלינקסטער ביים יאָגן זיך מיט רייפן און שליטלען. בין איך טאַקע שטענדיק אַרומגעגאַנגען צעדראַפּעט און צעשטשיפּעט, צעריסן און צעשליסן, און ניט איינמאָל פאַרלוירן די הייזקעס, ווייל דאָס שטריקל אַרום מיין לייב האָט געפּלאַצט.

און ווען די מאַמע האָט זיך צעבייזערט, פלעגט זי נישט איין מאָל זאָגן: „איך בין נאָך אַלץ ניט זיכער צי מען האָט שוין פון דיר אַרויסגעטריבן דאָס קליינע שד'ל" — — —

מיינע עלטערע ברידער

אָדער

איינער פעלט

מיין עלטסטער ברודער האָט געהייסן שכנא פּאַטשוק. ער איז געווען גרויס, שטאַרק און אַ שטילער, ערגייציק און זייער אַרבעטזאַם. מ׳האָט אים קיינמאָל ניט געזען אַרומגיין ליידיק, צי גלאַט אַזוי פּטרן צייט מיט רייד. אַפילו שבת און יום־טובים האָט ער אויך געפונען וואָס צו טאָן: אַרויס אין פעלד אַ בליק טאָן אויף דער תבואה, באַטראַכט די בהמות, אָדער גאָר נאָכגעציילט און איבערגעציילט די סחורה אין געוועלבל. ער איז געווען דער פּאַקטישער באַלעבאָס פון הויז און האָט מער ווי דער טאַטע געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין שטוב. האָט אָפט דער טאַטע זיך צוגעהערט צו אים, ווי ער וואָלט געווען זיינס אַ יינגערער ברודער.

שכנא האָט פיינט געהאַט אָרעמקייט און פלעגט זאָגן, אַז ס׳איז נישט רעכט פון די קבצנים פריער צו האָבן קינדער און ערשט נאָכדעם צו זוכן פּרנסה פאַר זיי. די רייכע טוען אַנדערש: קודם האָבן זיי געלט און נאָכדעם קינדער. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרדינען געלט און אָפּשפּאָרן געלט. דערביי איז ער געווען גוטמוטיק און פיינט געהאַט צו קאָמאַנדעווען, זיך שאַפן מיט יענעם. „עס נעמט תמיד וויניקער צייט — פלעגט ער טענהן — אַליין אָפּצוטאָן די אַרבעט, איידער עס הייסן יענעם טאָן.״

איינמאָל, ווען שכנא האָט געבראַכט צופירן קיין קאָלאָמיי אַ וועגעלע תבואה פאַר דעם מעל־הענדלער יעקב ברעסלער, איז ברעסלערן אַזוי געפעלן געוואָרן ווי שכנא לאָדט־אָפּ אויף גיך די זעק, אַז ער האָט אים אָנגעשטעלט ביי זיך אין געשעפט. ער האָט אים געגעבן צען גולדן אַ יאָר מיט קעסט און קוואַרטיר, און בעת יאַרידים נאָך פינף קרייצער עקסטראַ פאַר אָפּלאָדן און אויפלאָדן יעדע פור. נאָך אַ יאָר צייט איז שכנא צוריקגעקומען אַהיים מיט נייע שטיוול, אַ פיינעם שוואַרצן קאַפּעלוש, אַ זיידענעם קאַפּטן, צוויי ווייסע, אייגנס געמאַכטע העמדער, מיט מתנות פאַר די קינדער — און מיט עפּעס אַן איינגעוויניקסטן פעלער. ער האָט אויסגעקוקט בלאַס ווי אַ קלויזניק און געהוסט. אָבער פאַרן אָפּגעשפּאָרטן געלט האָט ער געקויפט אַ קעלבל און עס אַליין אויפגעצאָוועט. דערנאָך האָט ער די טעלעצע געפירט צום בוהיי, און ווען זי האָט זיך געקאַלבט, האָט ער זי צוריק פאַרקויפט, און אַזוי אַרום געבליבן אי מיט געלט אי מיט אַ קעלבל. איצט איז ער שוין געווען אַ שטיקל עושר, און דער טאַטע, ווי די קינדער האָבן געקוקט אויף אים מיט דרך־ארץ. ס׳האָט אים שוין טאַקע גענומען שפּראָצן אַ בערדל און דאָס האָט אים געמאַכט אויסקוקן נאָך מער ערנסט. דער טאַטע

פלעגט האַלטן עצות מיט אים און גאָר אָפט געבאָרגט ביי אים אַ גולדן אָדער צוויי.

שכנא האָט אויפגעהערט עסן אונדזער שוואַרץ ברויט און זיך יעדע וואָך מיטגעבראַכט פון יאַריד אַ גרויס קאָרנברויט, באַשיט מיט קימל. ס׳פלעגט ליגן אויף אַ פּאָליצע, איינגעוויקלט אין אַ האַנדטוך און קיינער האָט זיך צו דעם ניט צוגערירט. בלויז ווען אַ קינד איז געגאַנגען פאַר אים אַ גאַנג, אים אָפּגעפּוצט די שטיוול אָדער אַכטונג געגעבן אויף זיין קעלבל, האָט ער אים געגעבן צו פאַרזוכן אַ שטיקל. דאָס בעמלעכע מיט די פאַרשיידנפאַרביקע באַנבאָנעס אָדער לעקעך, וואָס ער האָט צומאָל מיט־געבראַכט פון יאַריד. די סלינע פלעגט איבערגיין, ווען מען האָט עס דער־זען; און האָט מען עס געגעסן, פלעגן אַזש קומען טרערן אין די אויגן!

נאָך שכנאן איז דער עלטסטער געווען אברהם. ייִנגער מיט אַ יאָר, איז ער דאָך געווען גרעסער, ברייטער און שטאַרקער פון שכנאן, אָבער שווער אויפן שכל און אויפן דיבור. וואָס ער האָט ניט געזאָגט, פלעגט מען זיך צעלאַכן, און ער פלעגט רויט ווערן דערביי ווי אַ בורעק. מען האָט אים טאַקע געגעבן אַ צונאָמען „דער רויטער בורעק״. האָט ער שוין בעסער געשוויגן און די מענטשן האָבן אויפגעהערט לאַכן פון אים. שטאַרק ווי אַן אָקס, פלעגט ער שוויגנדיק אָפּטאָן די שווערסטע אַרבעט אין דאָרף. ס׳האָט אים בלויז געאַרט וואָס מען נעמט אים ניט ערנסט. ניט געווען געלט־גייציק, אָפילו ניט מקנא געווען דעם עלטערן ברודער, אָבער ער האָט אויך געוואָלט מאַכן אַ ביסל געלט. איז ער אַוועק אין שטאָט און געוואָרן אַ טרעגער. ער פלעגט דאָרט אַרבעטן פון מאָנטיק ביז פרייטיק, און אַזוי נאָך עטלעכע חדשים אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, וועלכעס ער האָט געהאַלטן אין אַ טאָפּ, פאַרגראָבן ערגעץ אין גאָרטן. פאַרן געלט האָט ער בשותפות מיטן אָרעמסטן פּויער פון דאָרף געקויפט בסוד אַ ליאַכע, וועלכע האָט זיי געבוירן פערצן חזירימלעך. דאָס דאָרף האָט אָנגעהויבן רעדן: ווער ווייסט וואו דער פּויער האָט עס געגנבעט... האָט דער פּויער זיך מיישב געווען און אויסגעזאָגט ; עם סוד, און ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער קאָך: סטייטש, אַ ייד זאָל האַנדלען מיט חזירים! ס׳האָט ניט געהאָלפן וואָס אברהם האָט באַלד אָפּגענומען דאָס געלט און איז אַרויס פון שותפות —די בושה האָט געלאָזן אַ פלעק אויף דער גאַנצער משפחה. אברהם האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן: ס׳איז אים שוין ליבערשט געווען דאָס אָפּלאָכן פון זיינע רייד, איידער מען זאָל אויף אים שטומערהייט טייטלען מיט די פינגער.

כדי אָפּצואווישן דעם פלעק פון דער משפחה, האָט דער עלטסטער ברודער, שכנא, פאַרקויפט זיין קעלבל און בשותפות מיט אברהמען און דעם דריטן ברודער, יאַנקל, זיך גענומען האַנדלען מיט פערד.

יאַנקל איז געווען אַ פּריילעכער און געמאַכט פאַרשיידענע שטוקעס: האָט געקאָנט פאַרדרייען די אויגן און קוקן קאַסאָקע, האַווקען ווי אַ הונט, מרוקען ווי אַ קו, קוואַקען ווי אַ הון און אויסבויגן די פיס ווי רייפן. אָנ־געטאָן האָט ער זיך אוקראַיניש, ווייל אַזוי איז געווען וואַרעמער אום ווינטער, קילער אום זומער און טאַקע ביליקער אַ גאַנץ יאָר. ער האָט זיך אויך מייסטנס אַרומגעפירט מיט שקצים. אַ שיינער געווען, און די שיקסעס פון דאָרף פלעגן אים ממש נאָכלויפן. אַ סך אַרבעטן האָט ער ניט ליב געהאַט. פלעגט איבערליגן אין קרעטשמע און דער שענקער האָט אים אָפט טראַקטירט מיט אַ טרונק, ווייל ער פלעגט אונטערהאַלטן דעם עולם. איינמאָל האָט אַפילו דעם גוט־פאַרוואַלטערס פאַרטרעטער געשפילט מיט אים אין קאָרטן. ווייטער איז נישטאָ וועגן אים וואָס צו דערציילן.

אַ גאַנץ אַנדערער איז געווען דער צווייטער פון אים, שמואל. מאָגער און זשוואַווע, מיט אַ שוואַרץ־געאָלקטן קאָפּ האָר, אַ ביסל דערפינדעריש און חוצפּהדיק, איז ער געווען איבערצייגט, אַז ער איז קליגער פון אַלע. האָט ער אויך אַלץ געוואָגט צו טאָן. אַ שטיקל באַרימער געווען און פלעגט אָפט זאָגן ליגן. מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט פערד. גאַנצענע טעג אַרומגעשפּאַנט איבערן דאָרף, פון איין שטאַל צו דער צווייטער, און געקענט אַלע פערד ביי די נעמען. מ'האָט געזאָגט, אַז די פערד האָבן אויך אים געקענט און אים ליב געהאַט. איז אַ פערד שטאַרק קראַנק געוואָרן, אַז אַפילו דער שטאָטישער פערד־דאָקטאָר האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן, האָט שמואל שטענדיק נאָך געפונען אַ מיטל פאַר דעם. האָט אים טאַקע דער פערד־דאָקטאָר פיינט באַקומען און די פויערים אין דאָרף האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „שמילקאָ קאָניוך" — מחמת ער איז אַ זנאַכער אויף פערד. פאַרשטייט זיך, אַז די ברידער האָבן אויך אים אַריינגענומען אין זייער פערד־האַנדל; אָבער באַלד אויפן ערשטן יאַריד האָט ער זיך צעהרגעט מיטן עלטסטן ברודער.

פונעם יאַריד פלעגט מען אַהיימקומען דינסטיק שפּעט אין דער נאַכט. באַלד צו מאָרגנס האָט דער טאַטע מיט נאָך שכנים באַטראַכט די איינ־געקויפטע פערד, געשאַצט און געפּרוווט טרעפן דעם פּרייז. דערנאָך איז מען אַוועק צו שכנים זען און באַטראַכטן וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט, אָדער הערן וויפיל זיי האָבן באַקומען אויפן יאַריד ביים פאַרקויפן אַ קו, אַ קאַלב אָדער אַ חזיר. אַזוי איז אַוועק דער מיטוואָך.

דאָנערשטיק האָט מען זיך שוין געגרייט אויף שבת. מ'האָט ראַשטשי־נעט ברויט און חלה, און פאַרמישט קוקורוזע־מעל אויף מאַלאַי. זיינען ווייבער אַרומגעלאָפן און געפּאַדעט אין דער לעצטער מינוט צו באָרגן אַ שטיקל זויער־טייג, אַ שייטל האָלץ, אָדער גלאַט פרעגן אַן עצה.

אין דער נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק הייצט מען איין דעם

אויוון, מ׳פּלעכט קוילעטשן און מ׳שיילט קאַרטאָפּליעס, און שוין זידן טעפּ אויף דער קיך. דערנאָך באַקט מען ברויט, חלות, מאַלאַי און מאַנדאַבור־טשיניק, וואָס ווערט תיכף אין דער פרי הייסערהייט פאַרצערט מיט פּוטער אָדער סמעטענע.

פרייטיק ווערט אַלץ געוואַשן, געפּוצט און אויפגערוימט. די עלטערע קינדער צוואָגן די קלענערע מיט נאַפט, וואָס איז זייער גוט קעגן לייז. שמעקט אין שטוב מיט פריש־געבאַקענעם ברויט און ראָסל־פלייש, און טאַקע מיט נאַפט. שפּעט נאָכמיטיק פאַררוקט מען דעם טשאָלנט, דערנאָך פאַרקלעפּט מען די טשעלישטשעס מיטן טשאָלנט־ברעטל און מען פאַר־קאָלכט עס ציכטיק. אויך די ערדענע פאַדלאָגע ווערט פריש באַקלעפּט מיט ליים, און די אונטערשטע ראַנדן פון די ווענט ווערן באַמאָלן מיט אַ גרינעם שטריך. אויפן ווייס־געדעקטן טיש שטייען שוין די גלאַנציקע מעשענע לייכטער און צוגעגרייטע טעלער, פאַר יעדן באַזונדער. יעדער פון דער משפחה האָט זיך זיין פּלאַץ ביים טיש — לויט עלטער און חשיבות. די מאַנסבילן זיינען שוין ביים דאַוונען. טאַקע נאָר פיר יידישע משפחות אין דאָרף, אָבער אַ מנין איז שוין, גאָט צו דאַנקען, דאָ. ווערט יעדן שבת די הינטערשטע שטוב פון דער קרעטשמע פאַרוואַנדלט אין אַ שולעכל.

דערוויל האָט די מאַמע געבענטשט ליכט און זיך אויסגעטעגהט מיטן רבונו של עולם ווי אַ טאָכטער מיט אַן אייגענעם פאָטער, ער זאָל למען־השם ניט פאַרגעסן אָן איר, אָן איר מאַן און די קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין. אַזוי פירט זי זיך יעדע וואָך.

נאָכן דאַוונען זיינען דער טאַטע מיט די בנים אַריין אין שטוב מיט אַ ברייטן „גוט שבת״. אָפּגעמאַכט קידוש, וואַשט מען זיך צום עסן און די מאַמע מיט דער שוועסטער דערלאַנגען צום טיש. די געפעפערטע פיש קיצלען שוין אין דער נאָז, נאָר אַלע וואַרטן אויפן טאַטן. אָבער דער טאַטע זיצט אויבנאָן אַ פאַרכמורעטער און האַלט אין איין קוקן אויפן דריטן פּלאַץ ביים טיש, וואו איין טעלער שטייט אַ פאַרשעמטער — איינער פעלט!

ערשט איצט האָבן עס אויך די אַנדערע באַמערקט.

— וואו איז שמואל? — פרעגט דער טאַטע.

— כ׳האָב אים געזען נאָך דינסטיק אויפן יאַריד — ענטפערט שכנא, דער עלטסטער.

קיינער האָט אים טאַקע זייט דינסטיק ניט געזען, אָבער וועמען זאָל איינפאַלן — אַז מ׳טרעפט זיך סיי ווי נאָר פרייטיק־צו־נאַכטס און שבת ביים טיש. די מאַמע וויינט שוין — צוערשט שטיל, דערנאָך העכער, ביז זי צעקלאָגט זיך אויף אַ קול:

— גאָטעניו, פאַרוואָס בין איך מער געשטראָפט פון אַלע מאַמעס אויף

דער וועלט ? אין איינעם איז אַריין אַ רוח, און דער אַנדערער גייט דער רוח ווייסט וואו — פאַר וועמעס זינד קום איך אָפּ, רבונו של עולם ?...

— מען טאָר נישט פאַרשטערן דעם שבת ! — רייסט איר איבער דער טאַטע און נעמט זינגען אויף זיין וואָרעמען באַס־באַריטאָן : „כל מקדש שביעי כראוי לו״...

די קינדער כאַפּן־אונטער שטיל און מוטלאָז : „כל מקדש״...

כאַטש הונגעריקע, עסט מען אָן אַפּעטיט. די מאַמע בייסט די ליפּן און פאַרגנבעטערהייט ווישט זי אָפּ אַ טרער. אָבער מען עסט ווייטער און ווידער זינגט מען זמירות, נאָר ביי יעדן אין מוח דלובעט איין געדאַנק : וואו קאָן איצט זיין שמואל ?

דער ערשטער איז אַוועק פון דער היים, זיך געלאָזט אין דער ווייטער וועלט אַריין. ווי ווייט קאָן דאָס אָט די וועלט זיין ? — — —

ס׳חלומט זיך דער מאַמען

די זמנים פון יאָר פלעגן אָנקומען אין אונדזער דאָרף און אַוועקגיין ווי זיי וואָלטן געווען מענטשלעכע ברואים. פרילינג איז געקומען ווי אַ טייערער פריינט, אַ גאַסט, אויף וועלכן מען האָט שוין לאַנג געוואַרט. מ׳ווייסט גענוי ווי ער קוקט אויס, און דאָך ווערט מען איבעראַשט ווען ער קומט. ער באַשענקט אונדז יעדן טאָג מיט מתנות און ווערט אונדז וואָס אַמאָל טייערער, ליבער, נענטער. אָט האָט זיך ביי אים אין קופּערט פאַר־וואָלגערט נאָך אַ קליינינקייט ; שענקט ער ווידער אַ מתנהלע, און מ׳שעמט זיך שוין כמעט עס אָנצונעמען. קודם צעשיינט זיך די ליבלעכע, געלע זון, טרוקענען־אויס די וועגן און שטעגן. דערנאָך באַדעקן זיך די לאָנקעס און פעלדער מיט געל־גרינע טעפּיכער און פון די ביימער און קוסטעס נעמען שפּראָצן צאַרטענקע, ווייכע קנאָספּן. באַהעפט מען זיך מיטן פרילינג ווי מיט אַן אייגענעם ליבן מענטש, אַלץ וואָרעמער און נענטער, ביז מען באַ־מערקט גאָרנישט ווי פאַרחברט מען איז. אַזוי שפּאַצירט מען מיט אים אין זומער אַריין, מ׳פראַוועט אַ חתונה און מ׳בויט־אויף אַ לעבן. צייטיקט מען זיך אינאיינעם, מ׳זאַמלט־איין דעם רייכן שניט אין שפּייכלער און ס׳קומט מזל־ברכה אין שטוב.

דער האַרבסט האָט באַוויזן די ערשטע שפּורן. די ערד שטייט ווי אַן אָפּראַזירטע, אַ נאַקעטע, און שעמט זיך וואָס זי האָט אַלץ פון זיך אויסגעטאָן. אָבער דער מענטש ציילט דאָס עשירות, רעכנט און שפּאָרט — אָסיען. ס׳האָט שוין גענומען רעגענען און דער ווינט בלאָזט דורך שפּאַרעס. שטעלט מען אַריין טאָפּל־פענצטער און די הייזלעך ווערן איינגעדעקט מיט זאַהאַטעס

פון שטרוי אָדער קוקורוזע־שטאַנגען. מיט אַמאָל ווערט קאַלט, די לופט איז ריין און לויטער. ביז מען שטייט־אויף אין אַ פרימאָרגן, און אַלץ איז ווייס. שניי־ווייס. שניי און פראָסט. בלייבט מען שווין אין שטוב; אַחוץ די, וואָס האָבן גאַנצע שיך און קאָנען זיך שליטלען אָדער גליטשן זיך.

אין אַט אַזאַ ווינטער־טאָג זיינען מיר קינדער געשטאַנען מיט דער מאַמען ביים פענצטער. די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין ווישן מיטן פאַרטוך די פאַרפרוירענע שויב, און מיר האָבן דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט צום בערגל, וואו ס׳איז געשטאַנען דאָס הילצערן קלויסטערל מיט דעם ציבעלע־דאַך. פון דאָרט האָט זיך געצויגן אַ פראָצעסיע: פאָראויס האָט איינער געטראָגן אַ גרויסן צלם, אויף וועלכן ס׳איז געהאַנגען אַ געקרייציקט, האָלצערן מענטשל. הינטער אים איז געגאַנגען דער גלח מיט קליינע יינגעלעך, אָנגעטאָן אין ווייסע העמדלעך, און נאָך זיי דאָס גאַנצע דאָרף מיט אָנגעצונדענע ליכט. זייערע פלעמלעך האָבן געציטערט אין ווינט. מ׳האָט געזונגען און געזאָגט תפילות — ס׳איז געווען די גויאישע חגא ריזדוואָ, וויינאַכטן.

אונדז קינדער האָט עס אויסגעקוקט מאָדנע. אַ גאַנצע וואָך זיינען מיר, דאַכט זיך, געווען חברים, זיך געהאָלפן איינער דעם אַנדערן, געהאַט די זעלבע זאָרגן און די זעלבע פריידן: געפּאַקט און געמאָזלט צוזאַמען און מיט די זעלבע באַבסקע רפואות זיך געהיילט; אינאיינעם זיך געגליטשט און זיך געבאָדן אין זעלבן טייכל — אָבער שבת האָט מען אונדז דער־מאָנט, אַז מיר זיינען יידן, און אום זונטיק האָט מען זיי דערמאָנט, אַז זיי זיינען גויים. דאָס האָט אונדז אָפּגעפרעמדט און שיער נישט געמאַכט אונדז פאַר שונאים. ווען ביי אונדז איז געווען פסח אָדער שמחת־תורה, האָבן די גויים דערציילט זייערע קינדער, אַז ס׳איז נאַריש פון די יידן נישט צו עסן קיין חזיר־פלייש און ס׳איז בכלל אַן אומגליק צו זיין אַ ייד; ווייל יידן גלויבן ניט אין הימלישער דערלייזונג און אַז גאָט איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים. און בעת זייערע חגאות האָט מען אונדז ווידער דערציילט וואָס פאַר אַ שטראָף, נעבעך, עס איז צו זיין אַ גוי. וואָרים די גויים וועלן ניט זוכה זיין צו זיצן אין גן־עדן מיט משה רבנו און מיט דער מוטער רחל; וועלן זיי אַפילו נישט פאַרזוכן דעם טעם פון לוויתן און שור־הבר. און אַ פאַרגלייך אַביסל חזיר להבדיל מיט לוויתן!

האָט די מאַמע שטילערהייט אָפּגעשפּעט פון דער פראָצעסיע, פונעם גלח און פון די אַלע גלויביקע דאָרטן. „אונדזער גרויסער גאָט“, האָט זי געזאָגט, „זיצט אין הימל אויף אַ פייערדיקן שטול און האָט אונדז צוגעשיקט משהן צו שפּאַלטן דעם ים. האָט אונדז משה אַרויסגעפירט פון מצרים, וואו ס׳איז אונדז געווען נאָך ערגער ווי דאָ, און אונדז געפירט אין אַ גע־בענטשט לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק און וואו אַלץ איז דאָ צו

זאַט. דערצו האָט ער אונדז נאָך געגעבן די תורה און אַלע חכמות פון דער וועלט. אָבער יענע דאָרט קניען און בוקן זיך פאַר געטער פון האָלץ...״

דאָס פענצטער האָט זיך ווידער פאַרצויגן מיט אַ דיק פראָסטיק הייטל און ס׳איז טונקל געוואָרן אין שטוב. די מאַמע האָט איצט גענומען דער־ציילן וועגן גייסטער און רוחות, וועגן שדים, מכשפות, שרעטעלעך און פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס טראָגן זיך אַרום אין דער לופטן — — דאַרף מען זיין גוט און פרום און מיט אַ ריין האַרץ כסדר בעטן גאָט, דעם איינציקן האַר פון דער וועלט. וואָרים נאָר ער אַליין קאָן אונדז דורכפירן דורך דער שטאָק־פינצטערניש.

אין שטוב איז שוין טאַקע געווען גוט פינצטער. מיר זיינען געווען אָנגעפולט מיט אַזאַ מורא, אַז די האָר אין קאָפּ האָבן געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. און אַפילו די מאַמע אַליין האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר טאָן אָנ־צוצינדן דעם לאָמפּ. מיר האָבן זיך געטוליעט צו דער מאַמען ווי הינדעלעך צו אַ קוואָטשקע. פלוצים האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר.

— ווער איז דאָרט ? — האָט די מאַמע אַ געשריי געטאָן.

— איינער פון יענער וועלט — האָט געענטפערט אַ בת־קול.

מיר זיינען געבליבן פאַרגליווערט. אָבער באַלד האָט דאָס קול זיך צעלאַכט, און מיר האָבן דערקענט אונדזער ברודער יאַנקל, וועלכער האָט דאָס, ווי שטענדיק, געמאַכט אַ וויצעלע. ער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. מיר זיינען נאָך אַלץ געווען צעשראָקן און מיט די הענטלעך זיך געריבן דאָס פלוצימדיקע ליכט פון די אויגן. די מאַמע האָט זיך צעבייזערט און גענומען מאַכן פייער אָפּצוקאָכן וועטשערע. אָבער קיינער האָט זיך ניט געטרויט אַרויסצוגיין אין פאַרהויז ברענגען וואַסער. די מאַמע אויך ניט. יאַנקל אַליין האָט עס געמוזט טאָן.

ס׳זיינען אַהיימגעקומען דער טאַטע מיט די עלטערע ברידער. שכנא האָט אונדז געגעבן באַנבאַנעס. אָבער די שרעק איז אונדז נאָך געלעגן אין די ביינער. האָבן מיר, שווייגנדיק, אָפּגעגעסן די מאַמעליגע מיט דער פאַסאָליע־זופּ, אויף גיך געלייענט קריאת־שמע און באַלד זיך געלייגט שלאָפן, כדי ניט דאַרפן מער טראַכטן וועגן די מוראדיקע זאַכן, וואָס די מאַמע האָט אונדז דערציילט.

אין מיטן נאַכט האָבן מיר פלוצים דערהערט די מאַמע שרייען: „גייך, גייך, איך וועל ניט לאָזן נעמען מיין קינד! אהרן! אהרן, זע — אָט קומט נאָך אַ מכשפה. זי קריכט דורכן קוימען — אויף די הענט קריכט זי, מיטן קאָפּ אַראָפּ, די לאַנגע, שוואַרצע האָר נאָכגעהאַנגען — אַוועק, מכשפה! הילף! אהרן, קינדער, שטייט אויף! צוויי מכשפות אין אונדזער הויז!״

דער טאַטע איז אַראָפּ פון בעט און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. די מאַמע האָט נאָך אַלץ געיאָמערט מיט עפּעס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און די

קינדער האָבן מיטגעוויינט. זי איז איצט געלעגן מיט אָפענע אויגן, גע־האַלטן דאָס יינגסטע קינד ביי דער ברוסט און עס געטוליעט ווי עמעצער וואָלט עס וועלן אַוועקנעמען ביי איר. דער טאַטע האָט אָפּיגעזוכט דעם טלית און גענומען זאָגן תהילים: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים"... דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער מזוזה, אַ קוש געטאָן, און אָנגעהויבן: „פּאַטער אין הימל! אונדזער הויז איז אָפּגעהיטן און ריין ווי עס שטייט אין די הייליקע ספרים, און נישט־גוטע האָבן דאָ ניט קיין שליטה. אונדזער שוועל איז באַשיצט פאַר אַלדאָס בייז, די הייליקע מזוזה איז אונדזער וועכטער..."

מיר האָבן איצט נאָך מער געציטערט ווי ווען די מאַמע האָט געשריגן. דער טאַטע איז ביי אונדז געווען דאָס העכסטע. איז, אויב ער איז אַזוי צעשראָקן, וואָס־זשע ערשט מיר ?...

פּלוצים רופט זיך אָן אונדזער פרייליכער ברודער יאַנקל:

— טאַטע, וואָלסט אפשר וועלן פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס ? כ'האָב היינט געוואונען אין אַ וועט אַ פּעקל „דרייצענער".

— הערסט — טוט זיך אַ כאַפּ שכנא — דרייצענער האָט ער! גיב אַ פּאַפּיראָס.

דער טאַטע האָט אַוועקגעלייגט דעם טלית, פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און פאַררויכערט איבערן גלעזל פון לאָמפּ. שכנא און יאַנקל, די איינציקע צוויי, וואָס האָבן געוואָגט צו רויכערן אין קעגנוואַרט פון טאַטן, האָבן געטאָן דאָס זעלבע. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן טאָג־טעגלעכע זאַכן: פאַרוואָס יוז פעדאַרקיוו וויל פאַרקויפן די שקאַפּע; אַז די קאַרטאָפּליעס אין גרוב מוז מען בעסער איינדעקן, מיט מער שטרוי, אַניט וועלן זיי פאַרפרוירן ווערן; אַז מ'דאַרף פירן די קו צום בוהיי, און וועגן נאָך און נאָך פאַרשיידענע זאַכן.

מען האָט פאַרגעסן וועגן דער מאַמעס חלומות. די קינדער האָבן שוין ווידער געשנאָרכט, און דער טאַטע האָט בלויז אַביסל איינגעדרייט דעם לאָמפּ און זיך צוריקגעלייגט. ער האָט אַ צוויי מאָל געפּרואווט אַ רוף טאָן די מאַמען, אָבער אויך זי איז שוין געשלאָפן. האָט ער בלויז אַ מאַך געטאָן ווי צו זיך: „נאַ, חלומות האָט מיר גאָט באַשערט... אַ גוטע נאַכט." — — —

צוויי פאַמיליעס — פיר פריינטשאַפטן

צומאָרגנס האָט דאָס גאַנצע דאָרף גערעדט וועגן אונדז. די דער־וואַקסענע זיינען אַרויס צו זייער אַרבעט, אָבער פאַר אונדז קליינוואַרג איז געווינטלעך געבליבן נאָר איין פאַר איבעריקע שטיוול פון אַן עלטערן

ברודער, און אָנטאָן די שטיוול האָט געמעגט נאָר דער, וואָס האָט געדאַרפט טאָן אַ נוצלעכע אַרבעט פאַר דער שטוב: פירן דאָס פעסל וואַסער אויפן שליטעלע, ברענגען האָלץ צום איינהייצן, גיין צו אַ שכן, עפּעס לייען אָדער אָפּטראָגן. פלעגט מען זיך רייסן איבער די איינציקע פּאָר שטיוול: יעדער פון אונדז האָט געוואָלט פירן וואַסער, ברענגען האָלץ, פאָלגן אַ גאַנג, אַבי אַרויס פון דער פאַרדומפּענער שטוב און שעפּן אַביסל פרישע, קאַלטע לופט, זיך שליטלען, גליטשן, זען חברים, הערן נייעס. נאָר היינט האָט מען שוין גאָר איבערגעקערט די שטוב, זוכנדיק אַלטע שקראַבעס, צעריסענע שיך — מעג זיין אַ רעכטער צו אַ לינקן! מ׳האָט פאַרשטאָפּט די לעכער מיט שמאַטעס, איבערגעבונדן די פּאָדעשווועס מיט אַ שטריקל אָדער דראָט און זיך געריסן וואָס גיכער אַרויסצוגיין אין גאַס און דערציילן די שכנים וואָס ס׳האָט פּאַסירט ביי אונדז לעצטע נאַכט. און ווער וויל דאָס טאַקע בלייבן אין אַ שטוב, וואו ס׳האַלטן זיך אויף שדים און רוחות?

יעדער פון אונדז האָט דערציילט די זעלבע מעשה, נאָר אויף אַן אַנדערן אופן — ווער מער, ווער אַביסל ווייניקער. און אַלע אין דאָרף האָבן זיך געוואָלדיק צוגעהערט. יידן האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט אונדז גאָט גע־שטראָפט, ווייל מיר זיינען ניט געגנוג פרום; מיר שלעפּן זיך אַרום גאַנצענע טעג פּוסט־און־פּאָס מיט גויאישע קינדער און נעמען ניט קיין יידיש וואָרט אין מויל אַריין — איז עס אַ וואָרנונג פון זיין ליבן נאָמען. די גויים ווידער, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן אין זייערע יום־טובדיקע קליידער און שאַפּענע פעלצן זיך פאַרזאַמלט ביי דער קרעטשמע צו גיין אין קלויס־טער, האָבן געזען אין דעם אַ פינגער פון גאָט און זיך שטילערהייט מחיה געווען: „אַזאַ גרויס הויזגעזינד, די אַראַבס", האָט געזאָגט יוזעכאַ פעדאַר־קיוו, אונדזער בעסטע שכנטע, „און אַזוי ניט פרום. מיט אונדזערע חגאות קומט אויך גאָטס וואָרנונג צו די אומגלויביקע — אפשר וועלן זיי נאָך דערלייזט ווערן..."

דער אַלטער יוז פעדאָרקיוו איז אַריין צו אונדז אין שטוב. מ׳האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי. האָט ער זיך פּאַמעלעך אָוועקגעזעצט, געזופּט די הייסע טיי און געשוויגן. די געדיכטע וואָנסעס זיינען אים ערנסט אַראָפּ־געהאַנגען איבערן מויל, דער גרויער קאָפּ איז געווען צעשויבערט און דורכן צעכראַסטעטן, דיקן העמד האָט מען געקאָנט זען זיין באַוואַקסענע ברוסט.

שוין אַ סך יאָרן ווי ער פירט מיט מיין פאָטער אַלץ דעמזעלבן שמועס. ווען זיי זאָלן זיך נישט טרעפן, הויבן זיי שטענדיק אָן דאָרט, וואו זיי זיינען לעצטן מאָל שטיין געבליבן. „אַראָן", הויבט געווינלעך אָן פעדאָרקיוו, „נעכטן, אָדער אייערנעכטן, צי יענע וואָך, האָסטו באַוויזן, אַז . . ."

ענטפערט געווינלעך מיין פאָטער: „יוזיו, איך באַווייז קיינמאָל גאָר־

נישט. איך מיין נאָר, אַז ווען עמעצער וואָלט אַזוי און אַזוי געזאָגט, וואָלט מען אים געקאָנט ענטפערן . . .״

אַזוי נאָך איז מען ווידער אַריין אין אַ שמועס, וואָס ציט זיך שוין ביי זיי פון יאָרן אָן. און אַלץ דאָס זעלביקע: פאַרוואָס דער רבונו של עולם, וועמען אַלע פעלקער און רעליגיעס האַלטן דאָך פאַר דאָס גרעסטע, און „ער״, ווי דער פאָטער פון אַלע באַשעפענישן, נעמט זיך אָן אַפילו פאַרן קלענסטן ווערעמל, — פאַרוואָס האָט „ער״ ניט באַשאַפן איין פאָלק, אײן גרויס פאָלק, און אַזוי אַרום איין רעליגיע פאַר אַלע?... און וועגן „זיין״ אַלמעכטיקייט האָבן זיי גערעדט, וואָס „זיינע״ וואונדער באַשטעטיקט דאָך יעדער צוריקגעקומענער באַטשאַן אום פרילינג און דאָס קלענסטע מייזל אין פעלד. און וואָלט ער נאָר וועלן, קאָן ער דאָך אַלע שדים און רוחות פאַר־שפאַרן אין אַ נאָרע פון אַ שטשור און אַזוי אַרום זיך אָפּרעכענען מיט זיי... יאָ, פאַרוואָס האָט ער זיי בכלל באַשאַפן, אָט די אַלע שדים און נישט־גוטע, וואָס צעטומלען בלויז אונדזערע מחשבות?!...

די לעצטע וואָכן האָבן זיי גערעדט וועגן די זעקס טעג, אין וועלכע גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. דאָ האָבן זיי שוין מיט אַ באַזונדערער פרומ־קייט זיך באַגייסטערט פאַר גאָטס וואונדער: „ער״ האָט בלויז אַ זאָג געטאָן „ס׳אַל ווערן״, און ס׳איז געוואָרן. פון גאָר נישט, פון נאָך ווייניקער ווי פון אַ ליידיקער קעשענע, — וואָרים כדי אַ קעשענע זאָל קאָנען זיין ליידיק, מוז דאָך פריער זיין אַ קעשענע!

נאָר איין קליין פראַגעלע האָט געמאַטערט אונדזער פריינט פעדאָרקיוו: די מויז האָט זיך איר נאָרע, דער באַטשאַן זיין נעסט, דאָס פערד און הונט האָבן זייערע שטאַלן, דער לייב זיין מדבר, דער פריץ זיין גוט; מיר האָבן אויך גאָט צו דאַנקען אַ ווינקל פאַר זיך און פאַר דער כודאָבע; און דער רבונו של עולם האָט זיך זיין הימל! און דאָס שענסטע אין דער וועלט איז דאָך טאַקע אָט די טיפע, קלוגע אָרדענונג — — אָבער דער הימל איז דאָך ערשט אַנטשטאַנען ביים באַשאַפן די וועלט, אויפן זעקסטן טאָג. — טאָ וואו־זשע האָט דער רבונו של עולם געוואוינט איידער ער האָט באַשאַפן דעם הימל?!...

דאָס זיינען געווען זייער ערנסטע מחשבות, און אויף קיין האָר ניט, חלילה, אפיקורסיש. ווייל ניט צו גלויבן, אָדער אַפילו נאָר צווייפלען, וואָלט דאָך געמיינט ווי חלילה ניט גלויבן אָדער צווייפלען, אַז די געזיכערטע, פעסטע ערד קאָן דיך טראָגן, אַז די זון גייט אויף יעדן פרימאָרגן; אַז נאָכן האַרבן ווינטער מוז קומען דער פרילינג, צי גאָר אַז די זריעה וועט חלילה ניט אויפגיין, ווען דער שניי וועט צעשמאָלצן!

היינט האָבן זיי גערעדט וועגן דער מאַמעס חלומות פון לעצטער נאַכט. דער פאָטער טראַכט אַריבערצוכאַפן זיך צו אַ גוטן־ייד, טאַקע צו זיין רבין,

און זיך צעפּרעגן וועגן דעם. ער האַלט, אַז דאָס זיינען צייכנס פונעם רבונו של עולם, אַז די יונגע חברה איז געוואָרן אַביסל לייכט־גלויביק.

— אַט בין איך — זאָגט ער — יענע וואָך אַהיימגעפאָרן פון האָראָדענקע מיט דיין זונדל, דעם סטודענט. האָט ער געהאַלטן אין איין ווערטלען זיך וועגן אייער אייגענעם גלויבן און האָט ביים שייד־וועג אַפילו ניט אַראָפּגענומען דאָס היטל פאַרן צלם.

— יאָ, יאָ — באַשטעטיקט דער אַלטער פעדאָרקיוו — מיינע צלמען זיך ניט, דיינע דאַווענען ניט, דערפאַר אַט די אַלע צייכנס און אָנשיקענישן...

מיר האָבן זיך זייער גוט פאַרהאַלטן מיט די פעדאָרקיווס. מיר האָבן געוואוינט אין שכנות און דער טאַטע מיט יוז פעדאָרקיוו זיינען געווען אמתע גוטע־פריינט. אחוץ דעם זיינען אין ביידע משפחות געווען קינדער פונעם זעלבן עלטער. די מאַמע האָט געקינדלט אַרום דער זעלבער צייט ווי די יוזעכאַ פעדאָרקיוו. פלעגן ביידנס קליינוואַרג אַרומקריכן אין ביידנס כאַטעס, גריזשען אין ביידנס שטיבער וואָס מ'האָט נאָר דערטאַפּט, און ביידנס פּיצעלעך האָבן אַפילו ביי ביידע מאַמעס די ברוסט געזויגן.

אַ באַזונדערע פריינטשאַפט האָט געהערשט צווישן פעדאָרקיווס סטודענט, איוואַן, וועלכער איז געגאַנגען אין האָראָדענקע אין גימנאַזיע, און מיין 14־יעריק שוועסטערל, רחל. ווי נאָר איוואַן פלעגט אַהיימקומען פון שטאָט, פלעגט ער תיכף אויסוואַקסן ביי אונדז מיט אַ תירוץ — עפּעס קויפן, אָדער איבערגעבן דעם טאַטן אַ שליחות פונעם שטעטל. אַלע אין שטוב האָבן געוואוסט, אַז ס'איז גלאַט אַן אויסרייד, אַז אין אמתן קומט ער גאָר זען רחלען און כאַפּן מיט איר אַ שמועס. איינמאָל האָב איך געזען ווי ער האָט איר בגנבה אונטערגערוקט עפּעס אַ דין ביכעלע. רחלס פּנים האָט זיך דערביי געראָיטלט. אין טאָג, ווען זי האָט אים דערוואַרט, פלעגט זי איינפלעכטן רויטע און גרינע סטענגעס אין אירע האָר און זיך אָנטאָן אַ ניי פאַרטוכל.

די עלטערע ברידער האָבן זיך אַלץ אָנגעשטויסן און איר אַריינגעזאָגט שטעכווערטלעך דערפאַר. זיי האָבן אַפילו געסטראַשעט זי אָנצוהערגענען פאַר האָבן עסקים מיטן שייגעץ. נאָר זיי האָבן עס ניט געוואָגט צו טאָן, ווייל זי איז געווען די איין־איינציקע טאָכטער און דער טאַטע האָט זי זייער געפּיעשטשעט. זי איז געווען אַ שיינע. געהאַט צוויי פייערדיקע, טיף־שוואַרצע קאַרשן־אויגן, הויך און בויגעוודיק, מיט צוויי לאַנגע, ברוינע צעפּ ביזן הינטן און יונגענקע, קיילעכדיקע בריסטלעך ווי עפּעלעך. זי פלעגט גערן לאַכן און שטיפן מיט די אוקראַאינישע חברטעס, וועלכע האָבן זי שטאַרק מקנא געווען צוליב איוואַן פעדאָרקיווס „שאַרן זיך צו איר". האָט רחל זיך אויסגעלאַכט פון די ברידער און זיי געהאַלטן פאַר פראַסטאַקעס; זיי פאַרגינען ניט איוואַנען וואָס ער שטודירט און איז געלערנט, וואָס ער לייענט

ביכער און טראַכט וועגן זאַכן אַנדערש ווי זיי. אויך זיינע אייגענע ברידער פאַרשטייען אים ניט. אָבער ער ווייסט אַ סך מער פונעם דאָרף־לערער, פונעם גלח און אַפילו מער פון די יידן. ער ברענגט איר ביכלעך, וואו עס דערציילט זיך וועגן אַזוינע שיינע, קלוגע און מוטיקע מענטשן, וועלכע געפינען שטענדיק אַן אויסוועג פון די גרעסטע געפאַרן. קלערט זי אַפילו נישט צו פרעגן ביי אירע ברידער מיט וועמען זי זאָל רעדן אָדער גיין שפּאַצירן — זיי ווייסן אַליין גאָרנישט.

איוואַנס עלטערע ברידער איז אויך נישט געפעלן זיין חברן זיך מיט רחלען. זיי מאַכן פון אים חוזק און זידלען אים פאַרוואָס ער האַלט אין איין „אַרומטשעבעטשען" מיט אַט דעם יידישן קעלבל. האָבן זיי אים גע־געבן אַ צונאָמען „פּאַניטש" און „איוואַן זשידלאַק". אָבער איוואַן איז אַפילו ניט ברוגז דערפאַר. זיי זיינען, זאָגט ער, פּונקט ווי אַראָנס זינדלעך און מען מוז זיי געדולדיק לאָזן רעדן, — ביז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען זיי וועלן אָנהויבן בעסער פאַרשטיין, וועלן זיי באַדויערן זייער נאַריש אויפפירן זיך און וועלן אַפילו אים, דעם יינגערן איבערבעטן.

האָבן מיר שוין אַזוי אַרום דריי פריינטשאַפטן אין די פאַמיליעס: דער טאַטע מיטן אַלטן פעדאָרקיוו, די מאַמע מיט דער יוזעכאַ, און די שוועסטער רחל מיטן סטודענט איוואַן.

אָבער נאָך אַ זייער וויכטיקע פריינטשאַפט איז געווען צווישן דיביידע פאַמיליעס: ביי די פעדאָרקיווס איז געווען אַ ניט־געראָטן שייגעצל, וועלכן מ'האָט געגעבן אַ צונאָמען „באַהו דיעקאָוואַטע" — „גאָט צו דאַנקען". ער איז אַלט געווען אַן ערך צוועלף יאָר, אַ ברייטינקער, אַ פּולער, מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ מיידלעש פּנים, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט אַ פּאָר גלאָזיקע, קעלבערנע אויגן. אַז מ'האָט אים עפּעס געפרעגט, פלעגט ער גוטמוטיק זיך צעשמייכלען, געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, און אויף אַלץ געענטפערט: „גאָט צו דאַנק, גאָט צו דאַנק." האָבן נאַרישע, שלעכטע מענטשן ליב געהאַט זיך אַ וויצל טאָן מיט אים און אים פאַרטשעפּען: „אמת, דו גייסט באַלד חתונה האָבן מיטן גלח?". האָט ער באַלד געענטפערט: „גאָט צו דאַנק, גאָט צו דאַנק." „איאָ, דיין פאָטער וועט באַלד שטאַרבן?", און ער: „גאָט צו דאַנק, גאָט צו דאַנק." „דיינע ברידער וועלן דיך קוילען אויף פּאַסכע." „גאָט צו דאַנק, גאָט צו דאַנק", האָט ער אַלץ געענטפערט מיט קעלבערנע אויגן און מיט גוטמוטיקייט אין קול. דאָס פלעגט אָבער פאָרקומען נאָר, ווען קיינער פון די פעדאָרקיווס איז ניט געווען דערביי. וואָרים פאַר די פעדאָרקיוו־ברידער האָט דאָס גאַנצע דאָרף געציטערט. איינמאָל האָבן זיי געפּאַקט דעם וואַטס זינדל זיך רייצן מיט „גאָט צו דאַנק", האָבן זיי אים אַזוי צעממיתט, אַז ער האָט זיך אָוועקגעלייגט קראַנק.

די פעדאָרקיווס האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט און יעדער פון זיי

פלעגט באַזונדער אים אונטערטראָגן אַ ביסן. האָט ער שטענדיק געהאַלטן אין קייען און זיך אויסגעפּאַשעט ווי אַ פעט חזירל.

אויך ביי אונדז איז געווען אַ יינגל אין זיינע יאָרן — טאַקע אינאיינעם זיך אַנטוויינט. איינמאָל איז ער אַראָפּגעפאַלן פון אַן עפּלבוים מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט ער פאַרלוירן דאָס לשון און דאָס געהער און אָנגעהויבן וואַקסן אויף דער קרום. זיינען ביי אים די פּלייצע, די הענט און פיס, און אַפילו דאָס פּנים געווען פון איין זייט קלענער און פון דער אַנדערער זייט גרעסער. ער האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט זיך צו שפּילן מיט קינדער — כאָטש דער טאַטע האָט דווקא אָנגעזאָגט מען זאָל זיך יאָ מיט אים שפּילן — איז געוואָרן שטיל, מעלאַנכאָליש, און בלויז געקוקט מיט זיינע גרויסע, ברוינע אויגן, ווי בעטלענדיק עפּעס. דערפאַר האָבן אַלע אויף אים רחמנות געהאַט און אים געגעבן דעם צונאָמען „רחמנותל".

און אָט די צוויי, „גאָט צו דאַנק" און „רחמנותל", האָבן אַן קיינעמס הילף זיך פאַרבונדן אין אַ צאַרטער פריינטשאַפט. כמעט שטענדיק האָט מען זיי געזען צוזאַמען. זיי האָבן געקאָנט אַזוי אָפּזיצן שעהן־לאַנג און שווייגן ווי צוויי קליינע לאַשעקלעך. אַמאָל נאָר פלעגט איינער דעם אַנדערן אַרומכאַפּן און מיט אַמאָל זיך נעמען קאַטשען און קאַטשען, ביז זיי האָבן זיך צעלאַכט, און ווידער געבליבן זיצן רואיק. זיי האָבן זיך געטיילט מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט. פלעגט אַמאָל „רחמנותל" אַהיימקומען אין „גאָט צו דאַנקס" העמד, און „גאָט צו דאַנק" אין „רחמנותלס" רעקל. אָפט האָט מען זיי געטראָפן ליגן אין אַ הויפן שטרוי, אָדער זיך שפּילן מיט אַ הויז־חיה אויף דער קופּע מיסט. זיי האָבן אויך ליב געהאַט זיך צו באָרען: דערלאַנגט איינער אַ זעץ, כאַפּט זיך דער צווייטער מיט דער האַנט, וואו ס'האָט אים ווי געטאָן, וואַרט אָפּ אַ ווײַלע, און דערלאַנגט דערנאָך צוריק אַ שטויס. אַזוי כסדר, שפּילעוודיק, מיט איבערייסן. אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי זיך געביסן די הענט, די אויערן, די נעזלעך, — אָבער קיינמאָל ניט מיט רוגזה אָדער כעס, אַלץ אויף קאַטאָוועס, גוטמוטיק. זייער באַ־ליבטסטע שפּיל איז געווען צו שטיין ביי דער קרענעצע און באַטראַכטן אין וואַסער זייערע אָפּגעשפּיגלטע פּנימער, איבערקרימען זיך, אַריינלאַכן אין וואַסער און אַריינשפּייען. זיי האָבן זייער ליב געהאַט אַריינשפּייען אין קרענעצע.

אַזוי זיינען ביידע פאַמיליעס געווען געבונדן דורך פיר פריינטשאַפטן: די ביידע טאַטעס, וועלכע האָבן געפירט אַ שמועס צווישן זיך שוין צוואַנציק יאָר כסדר; זייערע ווייבער, וואָס האָבן געקינדלט אין דער זעלבער צייט און זיך קעגנזייטיק געהאָלפן דערציען די קינדער, אָנזויגנדיק אַפילו איינע דער צווייטערס קינד; דער סטודענט איוואַן מיט דער שוועסטער רחל, און „גאָט צו דאַנק" מיט „רחמנותל". אַחוץ דעם האָט קליינוואַרג זיך גע־

שפּילט אויף זייערעביידנס פּאַדווירעס, זיך געטיילט מיטן ביסן און גערעדט די זעלבע שפּראַך.

אָבער צווישן די איבעריקע פון ביידע פאַמיליעס, צווישן די זעכצן־ביז דרייסיק־יאָריקע, איז אַנגעגאַנגען ווי עפּעס אַ שטילער געראַנגל. מ׳קאָן ניט זאָגן, אַז זיי זיינען זיך געווען שונאים, אָבער די באַציאונג צווישן זיי איז געווען ווי אָנגעלאָדן מיט פּולווער און האָט ביי יעדער געלעגנהייט עקספּלאָדירט. אַ געוויינלעכער זונטיק, דאַכט זיך, אָדער אין אַ חגא, מ׳זיצט אין קרעטשמע, מ׳חכמהט זיך, — נאָר פּלוצים לאָזט איינער פאַלן אַ זידל־וואָרט, אַ צווייטער באַרימט זיך מיט עפּעס, און שוין נעמען אַנדערע אונטערהעצן און מ׳הויבט־אָן זיך באַטאַפּן די מוסקלען און באָרען זיך. אַפּריער נאָר גלאַט אַזוי זיך, אויף שפּאַס, הייסט עס. אָבער איינער האָט ווי עס איז איבערגעכאַפּט די מאָס, און שוין פאַלט דער ערשטער ריפּנ־שטויס, דערנאָך אַ זעץ און אַ קנאַק, ביז מ׳פּאַקט זיך פאַר דער טשופּרינע און ס׳ווערט אַ געשלעג. נאָך אַלץ לאַכנדיק, ווי אויף קאַטאָוועס, אָבער באַלד האָט מען זיך צעהיצט, און ס׳נעמען פליען גלעזער און פלעשער, בענקלעך, לאָמפּן, לייכטער און פיסלעך פון טיש. די גאַנצע קרעטשמע ווערט איין קנויל, מ׳קאַטשעט זיך אַרויס אין דרויסן. פאַרבייגייער שפּרינגען אַריין אין געשלעג, נעמען אַ צד, ביז צווי ריזיקע כאַפּטעס, צווי מחנות שלאָגן און הרגענען זיך איינע די אַנדערע ביז בלוט. די ווייבער קוויטשען.

דער עלטסטער פון דאָרף, דער וואָיט, קומט אָן שטענדיק מיט אַ שעה שפּעטער. די קליגערע, געזעצטערע פויערים שטילן־איין, באַרואיקן, זוכן שלום צו מאַכן... און באַלד זיצט מען ווידער אין קרעטשמע. מ׳בעט זיך איבער, מ׳טרינקט בראָנפן און ביר, און מ׳רעדט ווי פאַכלייט וועגן די פאַר־שיידענע קלעפּ, וואָס מ׳האָט זיך דערלאַנגט. איינער איז שטאָלץ מיט זיין בלוי אויג, אַ צווייטער מיט זיין צעדראַפּעטער נאָז, צעקאַליעטשעטן האַלדז־און־נאַקן, אָדער גלאַט מיט אַן אָפּגעשיילטער הויט. איז מען ווידער חבר־גוטברודעריש, מ׳כאַפּט נאָך אַ שנעפּסל און שיכורלעך צעגייט מען זיך אַהיים — ביז ווידער אין אַ זונטיק, אָדער אַ חגא, חזרט זיך איבער אין דער זעלבער קרעטשמע דאָס זעלבע געשלעג אויפן זעלבן אופן.

דער ערשטער קרבן

בעת דער לעצטער חגא איז דאָס קליינע הילצערנע קלויסטערל געווען פול געפּאַקט. דער פּעטלעך־קיילעכדיקער גלח, מיטן שמאָלן שטערן און דראַטענע הערלעך ווי אַ בערשטל, האָט געמוסרט דעם עולם און גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. יעדער האָט געוואוסט, אַז ער איז נעכטן

געווען ביים גוטבאַזיצער, האָט דאָרט געגעסן און געטרונקען, און איז אַהיימ־געגאַנגען מיט אַ סך מתנות. איצט חזרט ער איבער, וואָס מ׳האָט אים דאָרט דערציילט: „. . . דער יידישער באַנקיר, הער יונגערמאַן, האָט געוואָלט פענדן דעם גוטבאַזיצער . . . אַלע יידן עסן פרייטיק־צו־נאַכטס ווייסע חלה מיט פיש און פלוימען־צימעס . . . האָבן דאָך די יידן גע־קרייציקט אונדזער דערלייזער, — און עס געפינען זיך נאָך מענטשן אין דאָרף, וואָס לעבן מיט זיי אין פריינטשאַפט, קאָרמענען זייערע קינדער און מישן זיך אויס מיט זיי!״ . . .

ער האָט ניט אָנגערופן די פעדאָרקיווס ביים נאָמען, נאָר אַלע האָבן געוואוסט וועמען ער מיינט. אינעם ענגן קלויסטערל זיינען אויך געשטאַנען פעדאָרקיווס זינדלעך. זיי האָבן זיך צוגעהערט צום גלחס שטעכווערטלעך און העצעריי, און האָבן שוין גענומען צוטראַכטן פאַרשיידענע בוכצעס און קלעפּ, וואָס זיי וועלן אויסטיילן ביים היינטיקן געשלעג.

פאַר אונדז, קליינוואָרג, איז היינט געווען אַן אמתער גן־עדן. דער ווינט האָט אָפּגעקערט דעם שניי פונעם פאָטיעקל, איז דאָס אייז געווען שאַרף ווי גלאָז — אַ מחיה זיך צו גליטשן! מיט אונדז איז אויך געווען אונדזער „רחמנותל״. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען אָנקומען פעדאָרקיווס יונגוואָרג מיט די שליטעלעך, האָט ער זיך באַלד צוגעשאַרט צו זייער „גאָט צו דאַנק״. אַרומגעלאָפן אַביסל איבערן שניי, זיינען זיי ביידע דערנאָך אַריין אין אונדזער שטאַל, וואו ס׳איז געווען וואַרעם פון די בהמות, און זיך איינגעגנורעט אין דער קופּע היי.

ביי דער קרעטשמע איז געוואָרן לעבעדיק. דער עולם איז געגאַנגען פון קלויסטער, זיינען אייניקע אַריין אין קרעטשמע און גענומען דעם ערשטן טרונק בראַנפן. די אָרעמערע פּויערים זיינען געשטאַנען אין דרויסן און געוואָרט, די רייכערע זאָלן זיי פאַרבעטן צו אַ טרונק. אין דרויסן זיינען אויך געבליבן די ווייבער. אייניקע פּויערטעס האָבן איינגעהאַנדלט אַ פלעשל שנאַפּס, און דאָס אייניציקע גלעזל האָט געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט. מ׳האָט זיך צוגעווינטשעוועט ביים טרינקען און, לויטן אַלטן מנהג, איינע דער אַנדערער געקושט די הענט. וואָס מער זיי האָבן געטרונקען, אַלץ פריינטלעכער זיינען זיי געוואָרן, אַלץ האַרציקער האָבן זיי גערעדט איינע מיט דער צווייטער.

דער סטודענט איוואַן פעדאָרקיוו איז איצט געזעסן ביי אונדז אין שטוב און זייער ערנסט גערעדט מיטן טאַטן און רחלען. היינט, האָט ער נעטענהט, ווען דער גלח אין קלויסטער האָט אַזוי געהעצט, דאַרף דער פאָטער אַכטונג געבן, אַז די עלטערע זין זאָלן אויסמיידן אַ קריגעריי. דערנאָך איז ער אַוועק צו זיך אַהיים און דאָס זעלבע איינגעטענהט מיט זיין אייגענעם פאָטער. עס זיינען אָנגעקומען זיינע ברידער, אַביסל שוין אָנ־

געטרונקען, און אַנדריי, דער עלטסטער, האָט געפרעגט ביים פּאָטער צי ס׳איז אים היינט געפעלן דעם גלחס דרשה. האָט דער פּאָטער אים גע־ענטפערט, אַז אין די הייליקע ביכער האָט גאָט אַליין אַריינגעשריבן: „זאָלסט ליב האָבן דיין מיט־מענטשן ווי זיך אַליין״, און דער גלח האָט גאָר גערעדט וועגן האַס און קיין איין וואָרט נישט געזאָגט וועגן ליבע און פאַרגעבונג. — דערוויל האָבן די ווייבער דערלאַנגט צום טיש און די מענער האָבן גענומען צו ביסלעך פון אַ גרויסער פלאַש...

„רחמנותל״ און „גאָט צו דאַנק״ זיינען געלעגן ביי אונדז אין שטאַל, פאַרפלאָכטן איינער אין אַנדערן. היינט האָבן זיי זיך צעדראַפּעט די פּנימער, צעביסן די נעזער, זיך אַרומגעקאַטשעט, געלאַכט און געשריגן, ביז עמעצער פון דער שטוב האָט עס דערהערט און זיי צעשיידט. מ׳האָט אַריינגענומען „רחמנותלען״ אין שטוב אַריין, האָט ער זיך פאַרקליבן אויפן פּיעקעלעק און שטילערהייט געלאַכט צו זיך אַליין.

ווען „גאָט צו דאַנק״ איז אַהיימגעקומען אַ צעדראַפּעטער, מיט אַ פאַרבלוטיקטער נאָז, האָט אים אַנדריי צוגעפירט צום פּאָטער און אַזוי געזאָגט:

— אַט זעט איר, פּאָטער, ווי די יידן האָבן ליב זייער מיט־מענטש. אָבער מיר וועלן נאָך היינט זיך אָפּרעכענען מיט זיי!

די אַנדערע ברידער האָבן דערוויל אַריינגעבראַכט שטעקנס און צווייגן און גענומען גרייטן דרענגלעך צום שלאָגן זיך. האָט דער אַלטער פּעדאָר־קיוו געכאַפּט איינעם פון די שטעקנס און אַ זעץ געטאָן איבערן טיש, אַז שפּענער זיינען געפלויגן, און אַלע אין שטוב זיינען ווי פאַרגליווערט גע־וואָרן. ענדלעך האָט איוואַן, דער סטודענט, זיך אָנגערופן האַלב צום פּאָטער און האַלב צו די ברידער:

— אַז דער גוטבאַזיצער מאַכט שלעכטע געשעפטן מיטן באַנקיר, מוזן זיי זיך אַרומהרגענען מיט אַראַנס זין!

— דאָס האָט דיר אַזוי דיין יידיש קעלבל דערציילט? — גיט אים אַ שטאָך אַנדריי.

— ניין — מישט זיך אַריין דער אַלטער פּעדאָרקיוו — דאָס האָט אונדז היינט אונדזער קסיאָנדז אין קלויסטער געפּרעדיקט.

פּעדאָרקיווס זין זיינען איינער נאָכן אַנדערן אַרויס פון שטוב און גע־גאַנגען גלייך אין קרעטשמע, וועלכע איז שוין געווען פול־געפּאַקט.

דער אַלטער פּעדאָרקיוו און איוואַן זיינען דערוויל אַוועק צו אונדז. דער טאַטע האָט דערלאַנגט טיי, און איוואַן האָט פּאַרזיכטיק אָנגעהויבן איינצורעדן אונדזערע ברידער, זיי זאָלן זיין פּאָרזיכטיק און היינט אויסמיידן אַ קריגעריי.

— הייגט נאָך מער ווי אַן אַנדערש מאָל — האָט ער זיך געבעטן — ווייל דאָס גאַנצע דאָרף איז אויפגעהעצט דורכן גלחס רייד.

רחלע האָט מיט פלאַמיקע אויגן געשלונגען יעדעס וואָרט פון איר קלוגן פריינט, און די ברידער האָבן עס באַמערקט. איז אברהם צו צום סטודענט און אַ זאָג געטאָן:

— ווייסטו וואָס, איוואַן? האָב מיר אַ גוטע נאַכט!

איוואַן האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען. אַ פיינלעך שטילשווייגן האָט געהערשט אין שטוב. רחל האָט געכאַפּט אַ שאַלעכל און איז אַרויס נאָך איר פריינט. „רחמנותל", וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט די שוועסטער, איז אַראָפּ פון פּיעקעלעק און איז איר נאָכגעלאָפן. דער טאַטע האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ — ס'איז געוואָרן נאַכט.

אין דרויסן האָט „רחמנותל" דערזען דעם אויסגעשטערנטן הימל. לייכטע וואָלקנדלעך האָבן זיך געטראָגן איבער דער פולער לבנה. האָט ער פאַרגעסן אַן דער שוועסטער (וועלכע איז דערווייל אַוועק מיט איוואַנען אויף אַ שפּאַציר אונטער די טאָפּאָליע־ביימער), ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט פון הויז און מיט חידוש זיך איינגעקוקט אין דער שוועבנ־דיקער לבנה.

אין קרעטשמע האָט מען געשיכורט און געטומלט. די פּעדאַרקיווס אַ פריינט, וועלכער האָט שטענדיק אומזיסט מיטגעשיכורט, האָט איבער־געקערט דעם קאָזשוך מיטן פוטער אַרויף און גענומען קריכן אויף אַלע פיר, האַווקענדיק ווי אַ הונט און ברומענדיק ווי אַ בער. אַלע האָבן גע־לאַכט. נאָך אייניקע האָבן געפּרואווט איצט נאָכמאַכן די קונץ, און באַלד האָט די קרעטשמע אויסגעזען ווי אַ פולע שטייג מיט טומלענדיקע בערן, וועלף און הינט. איינער האָט פאַרגעשלאָגן מ'זאָל אַזוי צוקריכן צום ייד־ אַראָנס פענצטער און זיי דאָרט איבערשרעקן. געשטאַרקט מיט נאָך אַ פּאָר גלעזלעך משקה, איז מען וואָיענדיק און האַווקענדיק אויף אַלע פיר אַרויס־געקראָכן פון דער קרעטשמע.

„רחמנותל" איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט, פאַר־שפּילט מיט די שטראַלן פון דער לבנה. דערזעענדיק קריכנדיקע „חיות", האָט ער גענומען לויפן. האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים, ניט ווויסנדיק אַפילו נאָך וועמען זיי יאָגן זיך. דערגרייכט דעם ברונעם, האָט „רחמנותל" זיך אָפּגעשטעלט. אויך די „חיות" הינטער אים זיינען געבליבן שטיין. זיין הערצל האָט געקלאַפּט ווילד און פאַרצווייפלט. ס'האָט אים אויסגעוויזן, אַז זיי קומען אַלץ נענטער און נענטער, און ער האָט זיך געלאָזט לויפן אין אַ צווייטער ריכטונג. אָבער אויך אַהין יאָגן אים נאָך די חיות. פּרוואוט ער ווידער זיי אויסמיידן און לויפט אויף צוריק, אָבער דאָ נעמען זיי אים אַרומרינגלען. אַ פאַרצווייפלטער, איז „רחמנותל" צוגעפאַלן צום ראַנד פון

ברונעם, און פּלוצלונג דערזען דאָרט אינעווייניק אַ לבנה, פּונקט ווי אויפן הימל. נאָר אָט קריכן שוין צו אים די חיות פון אַלע זייטן! ער פאַרמאַכט די אויגן, און לבנות, חיות און ברונעמער נעמען טאַנצן אין זיינע קראַנקע געהירן — ער שפּרינגט אַריין...

פּעדאַרקיווס חברה האָוקען ווייטער און שפּרינגען נאָך אַלץ אַרום אויף אַלע פיר. מיט אַמאָל באַמערקן זיי, אַז דער געיאָגטער איז פאַר־שוואונדן. זיי ווייסן אָבער ניט וואוהין, און ווייסן אַפילו ניט נאָך ווען זיי האָבן זיך געיאָגט...

דערהערט אַ געפּילדער, איז מיין פאָטער מיטן אַלטן פּעדאַרקיוו אַרויס פון שטוב.

— דאָס זיינען דאָך מיינע סינאַקעס — האָט דער אַלטער פּעדאַרקיוו אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

זיי האָבן זיך אַביסל פאַרשעמט, אויפגעשטעלט זיך און אַוועק. און קיינער פון זיי האָט ניט באַמערקט, אַז אין ברונעם האָבן איצט קליינע, צאַרטע הענטלעך געפּרואווט זיך אָנכאַפּן אָן די מאָכיקע שטיינער, — איין מאָל און אַ צווייט מאָל, און אַלץ ווידער זיך אַראָפּגעגליטשט.

דער אַלטער פּעדאַרקיוו איז אַהיימגעגאַנגען און זיינע זין זיינען אַהיים־געגאַנגען. אויך איוואַן האָט רחלען אַהיימגעבראַכט. אַלע זיינען שוין געווען אין זייערע וואַרעמע שטיבער. און וואָלט עמעצער פון זיי אַ בליק געטאָן אין ברונעם, וואָלט ער נאָך געקאָנט באַמערקן דאָס לעצטע פּליושקען פונעם וואַסער, די לעצטע וואַסער־רינגען ווי נאָך אַן אַריינגעוואָרפענעם שטיין.

דערנאָך איז אויך דאָס וואַסער געוואָרן רואיק — ס'האָט פאַרשלונגען דעם ערשטן קרבן. — — —

ניט געקענט לייענען, אָבער אויך ניט געהערט דעם גלח

אויף מאָרגן, ווען אַ שכן איז געקומען שעפּן וואַסער, האָט ער געפונען אַ דערטרונקענעם — „רחמנותל". דאָס דאַרף איז אויפגעציטערט געוואָרן — און ביי אונדז אין שטוב איז געלעגן אַ בר־מינן...

אונדז, קלענערע, האָט מען אַוועקגעפירט צום פעטער לייזער. קיינער האָט צו אונדז ניט גערעדט, אָבער זייערע ערנסטע, טרויעריקע בליקן האָבן אונדז געבראַכט טרערן אין די אויגן. מיר האָבן ניט געוואָלט וויינען און זיינען זיך פאַרקראָכן אין אַ ווינקל פון פעטער לייזערס שטוב, אָבער

אַרום האָרץ האָבן מיר געפֿילט ווי עפּעס אַ ליידיקייט, און ס׳האָט זיך געכליפּעט.

ניט ווייט פֿונעם דאָרף, אויפֿן וועג אין שטאָט אַריין, איז געווען אַרומ־געצוימט אַ קליין שטיקל פֿעלד — דאָס יידישע הייליק־אָרט. נאָר צוויי מתים זיינען דאָרט געלעגן: דער אַלטער פֿאָטער פֿונעם פֿעטער לייזער און דער קלוגענקער שייקע ראָזום. לעבן אים האָט מען איצט אויסגעגראָבן נאָך אַ קבר, פֿאַר אונדזער „רחמנותל״.

אַרום מיטאָג־צייט האָט מען אונדז אַהיימגעפֿירט צו אונדזער ברודערלס לוויה. פֿיר עלטסטע יידן האָבן אויפֿגעהויבן די מיטה, זי געטראָגן אַ האַלבן וועג, דערנאָך האָט זי איבערגענומען דער טאַטע מיט אונדזערע דריי עלטסטע ברידער. צוויי ווייבער האָבן געפֿירט די מאַמען. זי האָט קיין וואָרט ניט גערעדט און קיין טרער ניט פֿאַרגאָסן. קיינער האָט ניט געוויינט, נאָר אונדז, קליינוואַרג, האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

אין ווייסע תכריכים האָט מען אַראָפּגעלאָזט „רחמנותלען״ אין קבר אַריין, און די מאַמע האָט בלויז אַ שעפּטשע געטאָן צו די ווייבער: „זעט ווי געאיילט זיך! וואָס פֿאַר אַן אויסכאַפּעניש . . . אַן אויסכאַפּעניש...״ דער טאַטע האָט אָנגענומען אַ זשמעניע ערד און אַריינגעוואָרפֿן אין קבר, די אַנדערע האָבן אים נאָכגעטאָן. איצט האָט ער אָנגעהויבן זאָגן קדיש. אָבער ווייטער ווי די ערשטע ווערטער „יתגדל ויתקדש שמיה רבא...״, איז עס ניט געגאַנגען, און ער האָט פּלוצים גענומען רעדן אין אַ פּשוטן וואָכע־דיקן טאָן: „קינד מיינס — ס׳איז דאָך קעגן דעם פּשוטן גאַנג פֿון דער וועלט. ניט אַ טאַטע זאָל קדיש זאָגן נאָך אַ זון, נאָר פֿאַרקערט — דו וואָלסט דאָך געדאַרפֿט נאָך מיר קדיש זאָגן...״ דאָס איבעריקע האָט מען שוין ניט געהערט. ס׳האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געוויין און כליפּעריי, מיט אַזעלכע האַרצרייסנדיקע קולות, ווי דאָס ביז־איצטיקע שווייגן וואָלט פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָלקנברוך פֿון יאָמער און געקלאָג.

אין דאָרף זיינען געשטאַנען גרופּקעס מענטשן און גערעדט וועגן דעם אומגליק. מיט אַמאָל האָט מען דערזען ווי דער שווערלעכער „גאָט צו דאַנק״ לויפֿט אַ פֿאַרסאָפּעטער — שטעלט זיך אָפּ, זוכט, און לויפֿט ווידער. ער האָט זיך דערנענטערט צו אַ גרופּע. אַ וויינענדיקע פֿרוי האָט צו אים געזאָגט:

— אָרעם יינגל, האָסט נעבעך דיין בעסטן פֿריינט פֿאַרלוירן...

— גאָט צו דאַנק, גאָט צו דאַנק — האָט ער אויף גיך געענטפֿערט און איז ווייטער געלאָפֿן.

שפּעטער האָט מען אים באַמערקט ביי דער קרעניצע. ער האָט אַריינ־געקוקט אין ברונעם, דערזען דאָרט זיין אייגן פּנים און גענומען וואַרפֿן שטיקער ברויט אין וואַסער אַריין — געקייט און געוואָרפֿן, און ווידער גע־

קוקט, און אַזוי פריינטלעך געשמייכלט און אַלץ געשעפּטשעט: „גאָט צו דאַנק, גאָט צו דאַנק...“

ס׳זיינען אָנגעקומען די פּעדאָרקיוו־ברידער. „ניט דאָ וועט וואוינען דיין פריינט“, האָבן זיי דערקלערט דעם ברודערל, „נאָר אויפן פעלד, וואו עס שטייען די צוויי גרויסע שטיינער.“ און זיי האָבן גענומען פאַרקלאַפּן דעם ברונעם מיט ברעטער.

„גאָט צו דאַנק“ איז אַהיימגעלאָפן, גענומען זאַלץ און אַ ברויט, און זיך געלאָזט צום פעלד. אויפן וועג זיינען אים אַנטקעגן געקומען די יידן מיט די קינדער פון דער לוויה. „גאָט צו דאַנק“ האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך זיי זיינען געווען אין דער נייער דירה פון זיין פריינט, און פאַרביילויפנדיק האָט ער זיי געוויזן דאָס ברויט און זאַלץ, וואָס ער טראָגט צו זיין פריינט. אָבער קיינער, אַפילו ניט די קינדער, האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף אים.

ער איז אָנגעקומען אויפן הייליק־אָרט, ווען דער פעטער לייזער האָט פאַרענדיקט צושיטן דאָס פרישע קבר. „יאָ, יאָ“, האָט לייזער צו אים אַ מאַך געטאָן, „אָט דאָס איז איצט דיין חברס אייביקע שטוב. דאָ וועט ער שוין וואוינען לענגער ווי מיר אַלע צוזאַמען וועלן לעבן.“ ער האָט גענומען דעם ריסקאַל און איז אַוועקגעגאַנגען.

„גאָט צו דאַנק“ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אַוועקגעשטעלט דאָס ברויט און זאַלץ אויפן קבר, און געוואַרט—געוואַרט, אַז זיין פריינט זאָל אויסשטרעקן די האַנט און עס אַריינגעמען צו זיך אין דער נייער „שטוב“. און אַז דאָס ברויט מיטן זאַלץ איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן פלאַך פונעם קבר, האָט עס „גאָט צו דאַנק“ פאַרפאַרפּלט טיפער אין דער ערד און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויף אַ צייכן פון זיין חבר...

ווען איינער פון אונדזערע ברידער האָט דערזען, אַז מ׳האָט פאַרקלאַפּט אונדזער ברונעם, האָט ער אַרויסגעבראַכט אַ צוואַנג מיט אַ האַק און גענומען אָפּרייסן די צוגענאָגלטע ברעטער. אָבער פּעדאָרקיווס זינדלעך האָבן עס תיכף ווידער פאַרקלאַפּט. האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צוויי מחנות ווי אויף וואַך: אונדזערע האָבן אָפּגעריסן די ברעטער און די פּעדאָרקיווס האָבן זיי ווידער צוגעשלאָגן. האָט פאַוואָליע זיך אָנגעהויבן ווי עפּעס אַ פויל ראַנגלעניש: ווי מיד און דערשלאָגן זיי זיינען ניט געווען, האָבן זיי גענומען אָפּשטופּן איינער דעם אַנדערן, דערלאַנגט אַ שטורך, אַ דריי, אַ זעץ. אַן אַנדערש מאָל וואָלט שוין געקומען צו אַן אמתער שלעגעריי, אָבער היינט האָט זיך עפּעס דאָס געשלעג ניט איינגעגעבן. ס׳האָט אויסגעזען ווי זאָטע מענטשן וואָלטן זיך געצוואונגען צו עסן — ס׳איז עפּעס ניט געגאַנגען.

מיט אַמאָל האָבן זיך באַוויזן רחל און איוואַן פּעדאָרקיוו. אַנדריי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָט איז מיין פיין־געלערנטער ברודער. ער וועט נאָך באַלד מיט אייך גיין דאַווענען אום שבת.

האָט אברהם אַ זאָג געטאָן:

— און אונדזער ליב שוועסטערל וועט נאָך באַלד פאַרמערן אייער משפחה מיט אַ פּאָר קליינטשיקע איוואַנטשיקלעך.

רחל האָט זיך צעוויינט. דער שטענדיק־רואיקער איוואַן האָט פאַרלוירן די געדולד און אַ זעץ געטאָן אברהמען אין פּנים.

— וואַרט, דאָס איז מיין אַרבעט! — האָט אַנדריי זיך אַ וואָרף געטאָן צווישן אברהמען און איוואַנען — אַרויס פון דאָרף, דו איוואַנקאַ זשידלאַק!

— און דו, גויאישע קורווע — האָט אברהם זיך צעשריגן — פאַרנעם זיך שוין מיט אים אינאיינעם!

דער גאַנצער האָס און ווייטיק פון די פּעדאַרקיווס און אַראַנס האָט זיך פּלוצים אויסגעלאָדן קעגן אָט די צוויי יונגע מענטשן. אויך זייטיקע האָבן זיך אַריינגעמישט, און די גרויסע, דיקע וואַרוואַראַ, אַנדרייס ווייב, האָט זיך צעשריגן:

— מיר זיינען קריסטן, די אַראַנס זיינען יידן, — און אָט די צוויי זיינען ניט אַהין און ניט אַהער! זיי ברענגען דאָס די אומגליקן אויף אונדז. יאָגט זיי, האָניעט זיי אַרויס פון דאָרף!

דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי...

ס'האָט אָנגעהויבן שיטן אַ שניי — אַ זאַווערוכע און טונקלקייט האָבן איינגעהילט דאָס דאָרף. „גאָט צו דאַנק״ איז דערווייל געזעסן אויף „רחמנותלס״ קבר און געציטערט פון קעלט. ער האָט ווידער אַרויסגע־פּאָרפּלט דאָס ברויט מיטן זאַלץ און געטראַכט: „קאַלט . . . קאַלט מיין חבר . . . ער קאָן אַפילו ניט ברויט מיט זאַלץ אַריינגעמען אין זיין נייער שטוב . . . קאַלט . . . ווי קאַלט איז דיר, חבר מיינער...״

ער האָט אויסגעטאָן זיין שאָפּענעם פּעלץ און צערטלעך איינגעדעקט דאָס קבר פון אַלע זייטן. דער געדיכטער שניי האָט גענומען פרירן אויף זיין פּנים. אָבער ער האָט נאָר פאַרמאַכט די אויגן און קינדיש־גוטמוטיק געשמייכלט: „גאָט צו דאַנק, גאָט צו דאַנק . . . מיין חבר איצט . . . ניט אַזוי קאַלט . . . ווי מיר . . . גאָט צו דאַנק, גאָט צו דאַנק...״ און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז אים באַפאַלן אַ שלאָף...

דערווייל האָט מען איוואַנען מיט רחלען געטריבן איבער גאַרטנס און סטעזשקעס און זיי אַרויסגעיאָגט פונעם דאָרף. אָפּגעקילט אַביסל דעם כעס, זיינען איצט ביידע פּאַרטייען אַוועק אין קרעטשמע צו באַגיסן מיט בראַנפן זייער אָפּגעטועגע „העלדישקייט״.

מידע און פאַרשעמטע, זיינען רחל און איוואַן זיך פאַרגעקומען ווי די העלדן פון יענעם ביכל, וואָס ער האָט איר אַמאָל געבראַכט. זיי האָבן

נאָר ניט געקאָנט אַזוי שיין רעדן ווי יענע צוויי יונגע מענטשן אינעם ביכל...
— כ׳וואָלט נאָך וועלן זען רחמנותלס קבר — האָט רחל געזיפצט — דערנאָך וועלן מיר גיין אין שטאָט אַריין.

צוגעקומען צום קבר, האָבן זיי דערזען עפּעס אַ פאַרשנייטן הויפן. זיי האָבן עס דערקענט: אויף „רחמנותלס״ קבר איז געזעסן „גאָט צו דאַנק״ אַ פאַרפרוירענער.

איוואַן האָט גענומען זיין טויט ברידערל אויף די פּלייצעס און אים אַהיימגעטראָגן.

אויפן אַנדערן טאָג האָט מען „גאָט צו דאַנק״ געפירט אויפן צווינטער. אָבער אָן דעם גלח. אַזוי האָט געוואָלט דער אַלטער פעדאָרקיוו: „ ׳גאָט צו דאַנק׳ האָט ניט פאַרשטאַנען צו לייענען אין די הייליקע ביכער״ — האָט ער געזאָגט — „אָבער ער האָט אויך ניט צוגעהערט זיך צום פּרעפּלען פון אונדזער קסיאָנדז . . . דערפאַר האָט ער ליב געהאַט זיין חבר מיט אַ צערטלעכקייט און געטריישאַפט, וואָס איז זיכער געפעלן געוואָרן דעם באַשעפער פון אַלע באַשעפענישן . . . און דאָס וועט אַזאַ דאָרפס-גלח ווי אונדזערער קיינמאָל ניט קאָנען פאַרשטיין...״

מיר לאָזן זיך אין מרחקים — אָבער ס׳איז אַלץ די זעלבע וועלט

געוועזן אַ טייכל ביי אונדז אין דאָרף, וואו מיר קינדער פלעגן זיך אַרומפּליושקען אום זומער און זיך גליטשן אום ווינטער. מיין „מילך-ברודער״ ניקאָלאַ, מיט וועלכן כ׳האָב פון איין ברוסט געזויגן, האָט גע-האַלטן, אַז ווען אַלע — מיר און די פערד און די קי און די שאָף און די פייגל — גייען שלאָפן, און ווען אויפן הימל צינדן זיך אָן די אַלע מיליאָנען ליכטער, דעמאָלט בלייבט אויך שטיין דאָס טייכל און רוט זיך אויס נאָכן לויפן אַ גאַנצן טאָג.

מיר זיינען געוועזן טשיקאַווע צו זען, ווען דאָס טייכל לייגט זיך שלאָפן. אָבער ווי שפּעט מיר זאָלן נישט געווען אויף-בלייבן און ווי פרי מיר זיינען נישט אויפגעשטאַנען, האָט דאָס טייכל אַלץ געשטראָמט, געהאַלטן אין איין לויפן, אין איין באַוועגן זיך.

אויך מיר זיינען ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. די משפּחה האָט זיך יעדעס יאָר פאַרמערט מיט נאָך אַ קליינעם עסער. דער טאַטע האָט זיך דורכגעשמועסט מיט אונדזער עלטסטן ברודער און עצות געהאַלטן מיט די יידן פון דאָרף, וועלכע זיינען געקומען צו אונדז דאַווענען בעת דער שבעה: „די קינדער וואַקסן אויס ווילד — צייטן זיינען שלעכטע — קיין מלמד

קאָן מען מער נישט האַלטן — אין אַ שטאָט איז כאָטש פאַראַן אַ חדר און אַ שולע..."

די עלטערע זיינען נאָך אַלץ געזעסן שבעה נאָך „רחמנותלען". דעם ערשטן טאָג נאָך זיין קבורה האָבן מיר גאַרנישט געגעסן. אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונדז געגעבן אַן עפּל און צו שטיקלעך פון שכנאס געשמאַקן קאָרנברויט. האָבן מיר עס געשלונגען מיט טרערן, ווייל מיר האָבן אַלץ געטראַכט פון „רחמנותלען", וועלכער ליגט איצט אַליין אין קבר.

אויפן דריטן טאָג איז געקומען צופאָרן מיין מאַמעס שוועסטער, די מומע פייגע דעם פעטער לייזערס, און אונדז אָפּגעקאָכט אַ שלעכטע וואַסער־דיקע פאַסאָליע־סופּ. קיינער האָט ניט ליב געהאַט די מומען, ניט אַפילו איר עסן און איר רחמנות. האָט מען קוים אַ לעק געטאָן פון שיסל און ווייטער געשוויגן.

דער טאַטע האָט אונדז פאַרטייטשט פון אַ ספר אַרויס וועגן אַ זייער פרומען און גאָטס־פאַרכטיקן מאַן, וועמען גאָט האָט באַשאָנקען מיט גנאָד און אים געגעבן אַ סך סטאַדעס שאָף און רינדער און גוט־דערצויגענע קינדער. אָבער מיט אַמאָל האָט אים אָנגעהויבן גיין שלעכט און ער האָט אַלץ פאַרלוירן: די בהמות זיינען אומגעקומען אין אַ מגפה, די זין זיינען אויסגעשטאָרבן, זיינע הייזער, שטאַלן און שפּייכלערס זיינען אַוועק מיטן פייער, און אים אַליין האָט גאָט געשטראָפט מיט מכות, בלאָטערן און קרעץ.

אָבער גאָט האָט זיך מרחם געווען און ס'האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזט צום גוטן: דער מאַן איז געזונט געוואָרן און גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט נאָך אַ גרעסערן פאַרמעגן. דאָס איז באמת געווען פאַר אונדז אַ טרייסט. וואָרים מיר האָבן דאָך נאָר פאַרלוירן אַ קליין ברידערל; און כאָטש מיר זיינען אָרעם, האָבן מיר דאָך ניט קיין קרעץ און ניט קיין בלאָטערן, אַפילו קיין פאַרך ניט, ווייל יעדע וואָך צוואָגט מען אונדז די קעפּלעך מיט נאַפט.

יענעם נאָכמיטאָג האָט זיך באַוויזן ביי אונדז אַ מאַן אין שטאָטישע קליידער, וועלכער האָט גערעדט זייער פריינטלעך און געשמייכלט. ער האָט איבערגעציילט די דערוואַקסענע און די קינדער, און פאַרשריבן עפּעס מיט אַ זילבערנעם בליישטיפט אין אַ קליין ביכעלע. ער האָט דער־ציילט, אַז אין דער שטאָט סקאַליע האָט אַ רייכער הער, ליפּשיץ, געעפנט אַ גרויסע פאַבריק פון שוועבעלעך, און דער הער ליפּשיץ האָט אים, דעם „שמייכלענדיקן", געשיקט אויסצוגעפינען פאַמיליעס מיט אַ סך קינדער. פאַר וועלכע ער וועט אַפילו באַצאָלן די הוצאות צו פאָרן קיין סקאַליע. אַנשטאָט די קינדער זאָלן אַרומלויפן אין דאָרף פּוסט־און־פּאַס און זיך נאָר גליטשן און עסן, וואָלטן זיי אין סקאַליע געקאָנט אַרבעטן אין דער פאַבריק, פאַרדינען געלט און העלפן די עלטערן. דאָרט וואָלטן זיי געקאָנט גיין אין

חדר און אין שולע, און אויסגעוואַקסן צו גאָט און צו לייט. און טאַקע ווי אין פסוק שטייט: „משנה מקום, משנה מזל"... אַ ניי אָרט, העלפט גאָט.

דער טאַטע האָט זיך דורכגעשמועסט מיטן עלטסטן ברודער, שכנא, און איז באַלד איינגעגאַנגען אויף דעם אָנבאָט. נאָך שבעה זיינען פאַרפאָרן צו אונדז דריי פורן און מ'האָט אַרויפגעלייגט דאָס גאַנצע האָב און גוטס: קופערטן, בעטן, טישן, בענקלעך, קוישן און גלאָט געפעק, און מיר האָבן זיך צעזעצט אויף די פורן — ווער אויף אַ בעט און ווער אויף אַ שטול, אַנדערע אינעם היי און אינעם שטרוי.

דאָס גאַנצע דאָרף, גויים און יידן, האָבן אונדז באַגלייט. אין שטוב ביי אונדז איז פאַרבליבן בלויז שכנא. אונדז, קליינוואַרג, איז די גאַנצע זאַך פאַרגעקומען זייער טשיקאַווע און מיר האָבן זיך מיט אַמאָל דערפילט זייער שטאָלץ — אַ קלייניקייט! מיר לאָזן זיך אין דער וויטער וועלט אַריין.

מיר זיינען געפאָרן דורך פעלדער און וועלדער, שטעטלעך און דערפער, ביז ס'איז געוואָרן נאַכט און מיר זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט, זיינען מיר שוין געווען אין אָט דער וויטער וועלט. און מאָדנע, מיר האָבן נישט געגלויבט אונדזערע אייגענע אויגן: אין אָט דער וויטער וועלט איז געווען נאַכט ווי ביי אונדז, און אויפן צווייטן טאָג איז ווידער ליכטיק געוואָרן ווי ביי אונדז; אויף די פעלדער האָט געוואַקסן תבואה און אין די גאָרטנס קאַרטאָפליעס — פונקט ווי ביי אונדז. די ערד האָט געהאַט דאָס זעלבע פּנים. איז אונדז לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ: מיר וועלן זיך גאַרנישט פילן אַזוי פרעמד אין אָט דער וויטער וועלט. — — —

דאָס דאָרף שפּייט אונדז אויס

סקאַליע איז געווען אַ קליין שטעטל, וואו ס'האָבן געלעבט יידן, פּאָליאַקן און אוקראַינער. דער טאַטע און אַלע קינדער איבער אַכט יאָר זיינען גע־גאַנגען אַרבעטן אין דער פאַבריק פון שוועבעלעך, פון וואַנען ס'האָט זיך שטענדיק געפילט דער גערוך פון שוועבל און פאַספאָר. אייניקע האָבן געאַרבעט אין דער סטאָלעריי, וואו מאַשינען האָבן געזעגט און געהאַקט האָלץ אויף קליינע שטעקעלעך. אַנדערע האָבן זיך געפאָרעט ביי גרויסע קאַסטנס און רעמלעך מיט איינגעקאַרבטע שטאָבעס, איינס איבער ס'אַנ־דערע. אין יעדן קאַרב איז געלעגן אַ קליין העלצל. די קאַסטנס מיט די רעמלעך האָט מען געטונקען אין אַ געלער פליסיקייט, דערנאָך זיי אַריבער־געטראָגן אין אַ צווייטן פלאַץ, וואו מען האָט זיי נאָכאַמאָל געטונקען אין אַ גרינער פליסיקייט. איצט האָט מען זיי איבערגעטראָגן אין אַ באַזונדערן

פלאַץ צום טרוקענען, און פון דאָרט זיי געגומען צום פּאַקן, וואו ס׳האָבן שוין געאַרבעט קליינע, אַכט־יאָריקע קינדער: זיי האָבן מיט די קליינע, פלינקע הענטלעך אַנגענומען פון די שטאָבעס אַ פולע זשמעניע פאַרטיקע שוועבעלעך און זיי אַריינגעשטופּט אין די קליינע פודעלעך.

נאָך עטלעכע טעג האָט שוין אונדזער גאַנצע שטוב זיך געפילט מיט שוועבל. דאָס עסן, דאָס ברויט, די קליידער און די וועש, אַלץ האָט געהאַט אַ דומפּן, פוילן, זיסלעך־ביטערן גערוך. מיר האָבן זיך באַקענט מיט שכנים, וועלכע זיינען פּונקט ווי מיר געקומען מיט זייערע קינדער פון די דערפער; און זיי האָבן דערציילט, אַז דער שוועבל און פאָספאָר קריכן אַזוי אַריין אין די ביינער, אַז נאָך אַ שטיקל צייט באַקומען אַלע אַרבעטער קרומע פיס. דער טאַטע האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן, עפּעס האָט זיך אים דאָס ניט געגלויבט.

איך מיט מיין ברודער שבתי — ער זעקס יאָר אַלט און איך פינף — זיינען געגאַנגען אין חדר. מיר האָבן גערעדט יידיש מיט אַ דאָרפישן אַקצענט, האָט מען אונדז גערופן „די גוימלעך״. דער רבי האָט אונדז עפּעס ניט ליב געהאַט און האָט אונדז שטילערהייט געקניפּן. איך האָב אים דערפאַר פיינט געהאַט, און יעדן טאָג האָט מען מיך מיט געוואַלד געמוזט שלעפּן אין חדר אַריין.

מיט מער חשק, פאַרשטייט זיך, פלעגן מיר לויפן אין וואַלד אַריין, וואו מיר האָבן געקליבן פאַזיאָמקעס און שוואַרצע יאַגדעס, וואָס איז געווען אַ מחיה צו עסן מיט ברויט.

סקאָליע האָט זיך געהאַט אַן אייגן, רירעוודיק לעבן. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט זיך אויפן מאַרק באַוויזן אַ וואָרעם־שלאַנג. איז דאָס גאַנצע שטעטל זיך צוזאַמענגעלאָפן, זיך געקאָכט און געטומלט, ביז מ׳האָט מיט העק און ריסקאָליעס צעהאַקט דאָס קליינע שלענגל אויף שטיקער. פּלוצים האָט מען דערציילט, אַז מ׳האָט געזען ווי אַ שטשור האָט זיך געוואָרפן אויף אַ קאַץ. דאָס האָט שוין אינגאַנצן צערודערט דאָס שטעטל. אַ צווייט מאָל איז אין אַ שבת־צו־נאַכטס געקומען צולויפן אין שול אַריין אַ באַוואָקסענער, באָרוועסער מאַן. ער איז אַרויס פון וואַלד, האָט מען געזאָגט. דער רב האָט געהייסן אַלעמען פאַרלאָזן די שול און האָט איינער אַליין זיך פאַרמאַכט מיטן פרעמדן. שפּעטער איז דער רב אַרויסגעקומען, געהייסן דעם עולם זיך אויסדרייען מיט דער פּליצע צו דער שול, און ערשט דעמאָלט איז אַרויס דער מאַן און איז פאַרשוואונדן. און ווען מ׳האָט דעם רב געפרעגט: סטייטש? האָט ער בלויז מיט אַ שמייכל געענטפערט, אַז פרומע יידן פרעגן ניט קיין שאלות, און זיי געהייסן גיין אַהיים און זאָגן תהילים.

אַזוי האָט סקאָליע דורכגעלעבט איין סענסאַציע נאָך דער צווייטער.

מיר האָבן געהאַט אַ גויאישן שכן, דאַבוש (דאַבוש האָט אויך געהייסן דער לעגענדאַרער רויבער אין יענער געגנט). אויך דאַבוש האָט געהאַט אַ גאַנצע כאָפּטע קינדער, וועלכע זיינען געווען אַביסל עלטער ווי מיר. באַלד דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר מיר זיינען אָנגעקומען, זיינען זיי אונדז באַפּאַלן מיט צונעמען און געשריען: „יידעלעך זיינען געקומען!" דערביי האָבן זיי זיך צוגעזונגען אַ לידל:

„זשיד פּאַרך, פּאַרכאַלופּ, זאַהוביוו קאָפּעליוך,
יאַ אישאָוו טאַי זנאַישאָוו, טאָם אוסראָוו, טאַי פּישאָוו."
(„ייד, פּאַרך איבער ד'אויערן, האָט אַ קאַפּעליוש פאַרלוירן,
געפונען, האָב איך ניט געטראַכט און באַלד אין קאַפּעליוש
אָנגעמאַכט.")

מען האָט אונדז פריער געוואָרנט: דאַבוש איז געווען אַ געזונטער גויעץ, אַ כעסן, און האָט ער זיך אָנגעשיכורט, האָט ער באַלד געזוכט אַ זאַטשעפּקע מיט יידן. „אַז איך בין אָנגעטרונקען — פלעגט ער טענהן — מוז איך האָבן אַ יידן אויף צו פאַרבייסן."

אַ זלידנער שכן געווען, מיט שלעכטע קינדער.

ווי נאָר דער ווינטער איז געקומען, זיינען מיר יעדן טאָג געגאַנגען מיט אונדזערע שליטעלעך אין וואַלד אַריין, צו קלויבן האָלץ און טאַקע זיך אַ שליטל טאָן. איינמאָל, אויפן וועג אַהיים, זיינען אונדז באַפאַלן דאַבושעס קינדער, איבערגעקערט אונדזערע שליטעלעך און אונדז נאָך גוט אָנגע־הרגעט. מיר האָבן עס פאַרשוויגן און אַפילו מורא געהאַט צו דערציילן אין דער היים, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז אונדזערע עלטערע ברידער קוקן נאָר אויס אויף אַ געשלעג מיט זיי. אָבער דאַבושעס קינדער האָבן זיך געגרויסט מיט דעם. זיי האָבן זיך אַפילו אַוועקגעשטעלט מיטן פאָטער פאַר דער טיר און אַריבערגעקוקט צו אונדז מיט שפּאָט און געלעכטער, און זיך געריצט מיט אונדז.

ס'איז געווען אין אַ פרייטיק נאָכמיטאָג. דער טאַטע איז גראָד אַהיימ־געקומען פון מרחץ און, ווי שטענדיק, געטראָגן מיט זיך דאָס פיר־עקיקע פלעשל מיט אַכט־און־ניינציקער אָקאָוויט אויף שבת. אויפן וועג האָבן אים שוין שכנים דערציילט וואָס דאַבושעס קינדער האָבן אונדז אָפּגעטאָן. אונ־דזער פאָטער האָט זיך געפירט יידישלעך. מיר האָבן באַדאַרפט פאָלגן אים און די עלטערע ברידער — נישט אויס מורא חלילה, נאָר ווייל אַזוי פירט זיך אין אַ פרום, יידיש הויז. ער האָט אונדז זעלטן ווען געשלאָגן. און האָט ער עס געטאָן, פלעגן מיר וויינען, ניט ווייל ס'האָט אונדז ווי געטאָן, נאָר ווייל ס'האָט אונדז געאַרט וואָס דער טאַטע, וועמען מיר האָבן אַזוי שטאַרק ליב, דאַרף אונדז שלאָגן. איינמאָל האָט מיך דער סאַדאָווניק גע־כאַפּט רייסן אויבסט אין זיין גאָרטן. האָט ער מיך אַזוי צעממיתט, אַז איך

בין קוים אַהיימגעקראָכן אויף אַלע פיר ווי אַ הונט. האָט מיך דער טאַטע אָנגענומען פאַר דער האַנט, אַריבערגעגאַנגען מיט מיר צום סאַדאָווניק און אים פאַר מיר אין די אויגן דערלאַנגט ניט ווייניקער קלעפּ, ווי דער סאַדאָווניק האָט מיר געגעבן. מאַכט נישט אויס וואָס דערנאָך, אין דער היים, האָב איך באַקומען פון טאַטן אַ באַזונדערע פּאָרציע קלעפּ. אָבער — האָט דער טאַטע געטענהט — ער אַליין וועט באַשטראָפן זיין קינד, ניט קיין פרעמדער!

מיט אָט דעם זין פאַר גערעכטיקייט האָט אונדז דער טאַטע געלערנט אָפּצוהיטן טויזנטער ניט־געשריבענע געזעצן.

אויף דעם מאָל האָט דער טאַטע קודם געפרעגט ביי אונדז וואָס ס'איז פאָרגעקומען. מיר האָבן זיך געפילט ווי געשלאָגענע הינטלעך און נישט געקאָנט אַלץ פאַרלייקענען, אָבער מיר האָבן אויך ניט געזאָגט דעם גאַנצן אמת, מורא האָבנדיק פאַר די דאַבושעס. איז דער טאַטע שוין ניט אַריין אין שטוב, נאָר געגאַנגען גלייך צו דאַבושן. אַ שרעק איז אונדז באַפאַלן. דאַבוש איז שוין געווען ביי זיך אין הויז, האָט דער טאַטע אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין זיין פענצטער און אַריינגעשריגן:

— העי, דאַבוש, קום אַרויס! אָט איז בראַנפן, מיט אַ ייד צום פאַרבייסן!

דאַבוש איז אַרויס מיט אַ האַק. אָבער איידער ער האָט זיך אַ ריר געטאָן, האָט אים דער טאַטע דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער פיר־עקיקער פלאַש שנאַפּס גלייך אין פּנים אַריין, דערצו נאָך אַ פּראַסק אין דער מאָרדע און אַזאַ קאָפּ אין בויך אַריין, אַז דאַבוש איז מיט זיין גאַנצער גבורה באַלד געלעגן אין בלאָטע... דער טאַטע האָט מיטגענומען די האַק און איז אַהיימגעגאַנגען. האָט נאָך אונדזער ברודער יאַנקל זיך אַ וויצל געטאָן: „טאַטע, אויב אַזוי, שיק אים שוין אויף די פּיש. וואָס פאַר אַ טעם האָבן געפעפערטע פּיש אָן אַביסל אַכט־און־ניינציקער!"

— וואָס איז? — האָט דער טאַטע זיך צוריק־געוויצלט — אַמאָל מעג מען דאָך אַ גוטן שכן טראַקטירן מיט אַ פלעשל שנאַפּס.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און יאַנקל איז געגאַנגען קויפן אַנדערן בראַנפן.

אָבער סיי־ווי־סיי איז ניט געווען איבעריק היימלעך אין סקאַליע. אין אַ צייט אַרום האָבן די מייסטע פון אונדז באַקומען בלאַסע פּנימער און דערפילט אַ ווייטיק אין די געלענקן, בפרט אין די קני. ביי אברהמען און יאַנקלען האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע סימנים פון קרומע פיס.

איינמאָל אין אַ שבת־צו־נאַכטס זיינען געקומען צו אונדז געסט: דער פעטער לייזער און נאָך אַ באַלעגאָלע מיט צוויי גרויסע בוידן. מען האָט תיכף אַלץ איינגעפּאַקט, אָנגעלאָדן אויף די וועגענער און אַוועקגעפאָרן.

דעם צווייטן אין־דער־פרי האָט אונדז דער „שמייכלענדיקער" אָגענט אָנגעיאָגט אין שטעטל דאַלינאַ, אָבער דאָס מאָל האָט ער שוין גאָרניט גע־

שמייכלט. די צוויי זשאַנדאַרן, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, האָבן געהייסן דעם טאַטן פאַרקירעווען צוריק אַהיים. דער טאַטע האָט ניט גע־וואַלט הערן און איז אַוועק מיט די זשאַנדאַרן צום בירגערמייסטער פון דאַלינאַ. האָט דער בירגערמייסטער געפּסקנט, אַז כל־זמן דער „שמייכלענ־דיקער" קאָן ניט באַווייזן, אַז מיר האָבן דעם הער ליפּשיץ באַגנבעט — און אַ מאָרד זיינען מיר דאָך אַוודאי ניט באַגאַנגען — קאָן אונדז קיינער ניט צווינגען צוריקצופאָרן. וואָרים ווער קאָן עס עפּעס האָבן קעגן אַ מענטשן, וועלכער וויל ניט דערלאָזן, אַז זיינע קינדער זאָלן ווערן קאַליקעס!

אַזוי זיינען מיר צוריקגעקומען אין ווערביוּוצי, וואו אונדזער עלטסטער ברודער האָט זיך מיט אונדז שטאַרק דערפרייט. נאָך אַ לאַנגן שמועס מיטן טאַטן, זיינען זיי ביידע באַלד צומאָרגנס אַוועק אין שטאָט אָנקוקן אַ כלה פאַרן ברודער. זי איז געווען אַן אָרעמע קרובה פון דעם רייכן שלמה בער אָפּענבערגער. אַ זייער שיין מיידל געווען, אַ געזונטע, אַביסל אַ ברייטלעכע. טאַקע ביים הער אָפּענבערגער אין הויז האָט מען געשריבן תנאים, און ער האָט צוגעזאָגט צו געבן הונדערט און פופציק גולדן נדן. דער ברודער האָט פאַרגעלייגט, אַז מיט דעם געלט זאָל דער טאַטע זיך אַריבערקלייבן מיט דער גאַנצער משפחה אין דער בעצירקס־שטאָט האָראָדענקאָ.

אין עטלעכע חדשים אַרום האָט מען אין שטאָט געפּראַוועט די חתונה. מיר קלענערע זיינען געבליבן אין דער היים, און דערנאָך האָט מען אונדז געבראַכט לעקעך און אַנדערע זיסיקייטן. דער ברודער האָט אויך מיט־געבראַכט זיין יונג ווייבל. מיר זיינען איר ניט איבעריק געפעלן געוואָרן, און זי אונדז אויך ניט. האָבן מיר זיך אַריבערגעקליבן אין אַ באַזונדערער דירה, און דער ברודער האָט שוין אָנגעהויבן זיך האַלטן פון דער ווייטנס.

ביז ס'איז געקומען אַ טאָג און מען האָט אונדז ווידער אַרויפגעפּאַקט אויף צוויי פורן און אונדז אַוועקגעפירט פון דאָרף. אויפן וועג האָט אונדז געכאַפּט אַ רעגן און אַלץ איז געוואָרן פּיטש־נאַס. דער טאַטע האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גוטן סימן: מיט דעם, האָט ער געזאָגט, וועט אָפּגעוואַשן ווערן פון אונדז אַלדאָס בייז פון פריער.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין האָראָדענקאָ, האָט שוין געשיינט די זון. אָבער ווען מיר האָבן פאַרקירעוועט אין דער ערשטער גאַס אַריין, איז אונדז איבערגעגאַנגען אַ פּרוי מיט ליידיקע עמערס. דער טאַטע איז גע־וואָרן בלייך ווי קרייד און געהייסן זיך אָפּשטעלן. ער האָט גענומען ווישן דעם שווייס פון שטערן און אַ זאָג געטאָן:

— קינדער, ס'איז נישט גוט. אָבער אומקערן זיך טאָר מען נישט.

אַזוי זיינען מיר פאַרפאָרן אין אַ הינטער־געסל צו אַ קליין, אָרעם הייזל, וואו מיר האָבן געדונגען אַ שטוב ביים אָרעמען שניידער חיים קאַריניק. נישט געווען דאָרט קיין שטאַל און נישט קיין סטאָדאָלע, נישט

קיין מיסט־בערגלעך און נישט קיין בהמות. געשלאָפן זיינען מיר צוזאַמענ־געפּרעסט אויף שמאָלע געלעגערס, פיר אין אַ קליין באַנק־בעטל — צוויי צוקאָפּנס און צוויי צופוסנס — און די אַנדערע אויף דער ערד און אויפן פּיעקעלעק.

באַלד ווי מיר זיינען אָנגעקומען, האָט אויסגעבראָכן אַ טיפוס אין שטאָט. אויף אַ סך הייזער האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע קוילן־צייכנס, וואָס האָט באַדייט: „טיפוס״! אויך אונדזער הויז האָט באַקומען אַזאַ שוואַרצן צייכן און מיר זיינען אַלע געלעגן אין פיבער און קדחת. איך האָב ניט געוואוסט צי שלאָף איך, צי בין איך וואַך. כ׳האָב בלויז געזען גאַנצע מחנות גרויסע לייז מיט גרינע בייכלעך און רויטלעכע רוקנס, וואָס זיינען אַרומגעקראָכן איבער מיר ווי מערשקעס איבער אַ בערגל. איך בין געווען ווי געליימט און ניט געקאָנט רירן מיט קיין אבר, געווען ווי שטום און ניט געקאָנט אַפילו שרייען. פּלוצים האָב איך דערזען יוז פעדאָרקיווס שוואַרצן וואָלפס־הונט. אויך ער האָט איצט געהאַט אַ גרינעם בויך און אַ רויטע פעל אויף זיך. פון זיין ריזיקן פּיסק איז נאָכגעהאַנגען אַ פלאַם־פייערדיקע, צעהיצטע צונג. ער האָט אַריינגעכאַפּט מיין קאָפּ אין זיין פּיסק און מיך גענומען שלידערן און זיך דרייען מיט מיר אַרום־און־אַרום, אַהין און אַהער, און דאָך איז מיין קאָפּ געבליבן אויף מיין קערפּער. כ׳האָב געוואָלט שרייען און געוואַלדעווען מיט אַלע כחות, אָבער דער האַלדז איז געווען ווי פאַר־לייגט. און די גרין־רויטלעכע לייז האָבן געהאַלטן אין איין אַרומקריכן צווישן די פּיס און די ליטקעס, אויפן בויך און אויפן רוקן, אין די פּאַכוועס און צווישן די פינגער, אַרום האַלדז און די אויגן. כ׳האָב געוואָלט זיי אָפּ־טרייסלען פון זיך, זיך אַ קראַץ טאָן, אָבער מיינע גלידער זיינען געווען שטייף. דאַכט זיך, דער טאַטע מיטן ברודער לייבציע זיינען געקומען פון מרחק. כ׳האָב זיך געריסן זיי עפּעס צו זאָגן, אָבער די ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט און קיין קלאַנג ניט אַרויסגעבראַכט. האָבן זיי גוטמוטיק געקוקט אויף מיר און געשמייכלט, גלייך ווי איך וואָלט בלויז מאַכן אַ שפּאַס מיט זיי.

מיט אַמאָל איז פון גאַנצן בערגל לייז געוואָרן אַ הויכע, משופּעדיקע וואַנט, און איך האָב זיך אַרונטערגעקאַטשעט אַלץ טיפער און טיפער — איך בין געבליבן ליגן און פאַר שרעק געעפנט די מידע אויגן. כ׳בין איינגאַנצן געווען אויסגעוויקט אין שוויס. דער טאַטע און לייבציע, מיט וועלכן איך פלעג שלאָפן אויפן פּיעקעלעק, האָבן מיר אַרומגעבונדן אַרום שטערן אַ האַנטוך מיט רעפּטלעך רויע, קילע קאַרטאָפליעס. דער פעט־לעכער דאָקטאָר קאַנאַפּאַס האָט געהאַלטן מיין האַנט און געקוקט אויף זיין זייגער, גרויס ווי אַ ציבעלע. דורך זיין צוויקער האָבן דורכגעשיינט צוויי רויטלעך־פאַרלאָפענע אויגן ווי פריער ביי יוז פעדאָרקיווס הונט. ער האָט מיך עפּעס געפרעגט אויף פּויליש און זיך געהייסן ווייזן די צונג. אויך

דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן דעם הונט און איך האָב זיך צעוויינט. דער טאַטע האָט גענומען רעדן צו מיר, מיך געגלעט, און איך האָב זיך איינ־געשטילט. איך בין געווען אַזוי מיד... איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן מיט מיין ברודער לייבציע אויפן פּיעקעלעק, וואו ס'איז אויך געשטאַנען אַ גאַנץ קעסטל בעקעריי, וואָס גוטע שכנים האָבן אַריינדערלאַנגט דורכן פענצטער. אָבער מיר' טאָרן דאָך ניט עסן. פונדעסטוועגן האָב איך אַרויסגעגנבעט אַ גאַנצע בולקע און זיך צעטיילט מיט מיין ברודער. ס'האָט געשמעקט אַ מחיה! האָבן מיר בשתיקה ווידער געגנבעט און ווידער געגעסן, און אַזוי זיך אָנ־געפרעסן, אַז מיר זיינען פּאַוואָליע אַליין ווידער געזונט געוואָרן. מיר זיינען די ערשטע אויפגעשטאַנען פון דער קרענק און די ערשטע פון דער טוכלער שטוב אַרויס אויף דער פרייער לופט.

אַזוי האָט אונדז די בעצירקס־הויפטשטאָט האָראָדענקאָ ניט איבעריק פריינטלעך אויפגענומען, אָבער דאָס דאָרף האָט אונדז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעשפּיגן.

בעצירקס־הויפּטשטאָט האָראָדענקאָ — די גרויסע קאָנקורענץ

צווישן דעם דאָרף ווערביוווצי און דעם שטעטל האָראָדענקאָ איז געווען אַ פיל גרעסערער אונטערשייד ווי צווישן האָראָדענקאָ און סיי וועלכער גרויסער אייראָפּייאישער הויפטשטאָט. האָראָדענקאָ האָט שוין געהאַט אַלע סימנים פון אַ ניט־זיכערער, האַווענדיק־יאַגנדיקער, קאָנקורירנדיקער שטאָט. בעת דאָס דאָרף ווערביוווצי איז געווען אָוועקגעשטעלט רויק, פרידלעך.

אין דאָרף האָט מען געצויגן חיונה פון דער ערד און מ'איז געווען צו איר צוגעבונדן. אין האָראָדענקאָ האָט מען געלעבט איינער פונעם אַנדערן און אַרום דעם אַנדערן, און מ'האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט איינאַנדער. דאָס דאָרף האָט געהאַט אַ שטיקל „סדר” און מען האָט געוואוסט פון וואָס מען לעבט און וואָס מען פאַרמאָגט. מען האָט געלעבט מיט די הויז־חיות, מיט דער ערד, אַפילו מיט דעם כסדרדיקן בייטן זיך פון די זמנים. אויך אין דאָרף האָט ניט געפעלט קיין צרות. טרעפט, אַז אַ בהמה פאַלט אָוועק, אַ טרוקעניש פרעסט אויף די ערד, אָדער פלוצים, אין מיטן ווערבע, טוט אַ פלאַץ אַראָפּ אַ האָגל און מאַכט אַ תל פון דער גאַנצער זריעה און פון די בליטן. אָדער גאָר פונקט אין מיטן זומער, ווען די אַרבעט אין פעלד ברענט אונטער די הענט, רוקט זיך אָן פון ערגעץ אַ מעוברתער וואָלקן, פאַר־

טשעפּעט זיך איבער אַ היימיש, שטיל וואַלקנדל, און — בליאַפּ! גיסט אויס דעם גאַנצן רעגן. דעמאָלט ווערט מען ניט גלאַט פאַרמרה־שחורהט, נאָר פּשוט פאַרצאַרנט. מען קוקט דעמאָלט אויפן הימל און מען שעלט דעם נאַרישן פרילינג, וואָס שיקט פּלוצים אַ האָגל אויף זיין אייגענער זריעה און בליטן; אָדער מען שפּעט גאָר אָפּ פון דעם צעדרייטן זומער, וואָס גיסט אויס זיינע וואָלקנס נישט אויפן ריכטיקן אָרט און נישט אין דער געגעבענער צייט.

אין דאָרף איז אויך געווען אָרעם און רייך. אָבער אַז ס'איז געקומען אַ האָגל, אַ טרוקעניש, אָדער אַ מגפה אויף בהמות, האָט עס געטראָפן אַלע־מען, אַלע באַגלייך. האָט מען זיך אַרויסגעהאָלפן איינער דעם צווייטן, וואָרים דערויף איז מען דאָך שכנים.

אַזוי האָט זיך געפירט אין ווערביוזי. גאַנץ אַנדערש איז געווען אין האָראָדענקאַ:

דאָ האָט מען געלעבט נישט פון דער ערד, נאָר פון מענטשן. אין דאָרף האָט מען געקוקט צום הימל און געגלויבט, אַז אַלץ קומט פון דאָרטן. אין שטאָט איז עס געווען דער פּוילישער גוטבאַזיצער ראָמאַשקאַן און דער יידישער באַנקיר יונגערמאַן, צו וועלכע מען האָט אַרויפגעקוקט. זיי האָבן געקאָנט אַ מענטשן באַגליקן אָדער רואינירן. זיי האָבן זיך געהאַט זייערע פאַרוואַלטער און מעקלערס, וועלכע האָבן געקאָנט פאַרטיילן גוטע שטעלעס צו אַנדערע; פון אָט די אַנדערע האָבן געלעבט נאָך אַנדערע, פון זיי ווידער די וויניקער גליקלעכע, און ערשט אַרום זיי האָבן געפּאַדעט די אָרעמסטע פון די אָרעמע.

האָראָדענקאַ איז אויך געווען אַנדערש אויסגעבויט ווי דאָס דאָרף. איבערן דאָרף זיינען געלעגן צעוואָרפן אַ גאָרטן מיט אַ שטוב דאָ, אַ שטיבל מיט אַ גאָרטן דאָרט, ווייט איינס פון דאָס אַנדערע. אַ בעסערע כאַטע, אַן ערגערע — אָבער אַלע האָבן געהאַט אויף זיך דעמזעלבן שטרויענעם דאַך, און אַלע מענער האָבן געטראָגן דאָס זעלבע לייוונטענע העמד איבער די לייוונטענע הויזן, דעם זעלבן בעסערן אָדער ערגערן קאַזשוך.

אין שטאָט איז אַלץ געווען אַנדערש. אַ טייל, בפרט באַאַמטערס, זיינען געווען אָנגעטאָן אין קורצע רעק, מיט לאַק־שיך, אַ הויכן „סטאַיאַנצע" קאָלנער מיט אַ האַרטן שטייף־הוט און הענטשקעס. געפּאַרן זיינען זיי שפּאַצירן אין עקוויפּאַזשן, בעת אַנדערע זיינען אַרומגעלאָפן נאַקעט און באָרוועס. אויסגעבויט איז געווען האָראָדענקאַ אין „רינגען". דער ערשטער רינג איז געווען שטאַרק ענלעך צום דאָרף: הייזלעך מיט שטרויענע דעכער, כאָטש אייניקע האָבן שוין געהאַט רויטע קאַכליעס אויפן דאַך. דאָרט האָבן געלעבט די אוקראַינער, וועלכע האָבן יעדן טאָג געבראַכט אין מאַרק אַריין

צו פאַרקויפן זייער ביסל קאַרטאָפליעס, ציבעלעס, ריבן, פּאַסאָליעס, אַרבעס, אַ הון און אַנדערע דאָרפישע סחורות.

אין צווייטן, מיטלסטן רינג זייַנען שוין געשטאַנען הייזלעך מיט גאָנטענע דעכער און גערטנדלעך מיט בלומען, ווי אין ווילִיעס. דאָרט האָבן געוואוינט באַאַמטערס פון שטייער־אַמט, פון געריכט און פון דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט. אין דער מיט, ווי אַרומגעצוימט פון אָט דיביידע רינגען, האָבן געוואוינט די יידן.

וואָס פאַר אַ פּנים האָט געהאַט אָט דאָס יידישע האָראָדענקע? פּונקט אין מיטן איז געווען דער מאַרק, אַרומגערינגלט מיט הייזער פון אַלע זייטן. אַרויסגעסטאַרטשעט פון זיי האָט די פּאָסט־געביידע, אָבער נאָך מער דער ציכטיקער קלויסטער מיט דער ווי אַ ציבעלע לענגלעך־בויכיקער קופּאָל אויפן דאַך. ער איז געווען ווייס געקאַלכט און ריין. אין קופּאָל האָבן געפּעלט צוויי ציגל, האָבן דאָרט סאָוועס זיך געמאַכט אַ נעסט. דורכן מאַרק האָט זיך געצויגן דער קייזער־שטראָז, און קווער איבער אים אַ צווייטער הויפּט־שטראָז. אַזוי אַרום איז פּונקט פאַרן קלויסטער אויסגעקומען אַ קרייץ־וועג, ביי וועלכן עס זייַנען געהאַנגען פיר אויפשריפטן: צו מזרח־צו האָט עס געפירט צום דניעסטער איבער דעם שטעטל אושטשעטשקאָ ביז צו דער רוסישער גרענעץ; צו מערב—קיין קאָלאָמיי־סטאַניסלאַוו ביז לעמבערג; אויף דרום—קיין זאַליעשטשיקי, וואָס איז באַקאַנט געווען ווי דאָס גאַליצישע מעראַן; און צפון צו — קיין אָבערטין, די שטאָט פון פערד־הענדלער און גנבים. אַז מען האָט עמעצן אַ פרעג געטאָן: „זייט איר ניט אַן אָבערטינער?" — האָט ער גלייך געענטפערט: „איר זייט אַליין אַ גנב!" איבער אָט די אַלע פיר געגנטן זייַנען געלעגן אַכט־און־פערציק דערפער, וואָס האָבן געהערט צו דער בעצירקס־הויפּטשטאָט.

דער קייזער־שטראָז האָט איבערגעשניטן דאָס יידישע פערטל אין צוויי טיילן: אין „אויבערשטע" גאַסן און אין „אונטערשטע". די אויבערשטע גאַסן האָבן געהאַט טראָטואַרן מיט קאַשטאַנען־אַלייען, וואָס האָבן געפירט צום געריכט (די ערשטע גרויסע געביידע אין דער מערב־זייט) ביז איבער דעם מאַרק און דעם קלויסטער מיט דעם זאַליעשטשיקי־שטראָז אַזש ביז צו דער באַראָן הירש־שולע.

מיט די אויבערשטע גאַסן האָט די שטאָט זיך געצאַצקעט; מען האָט זיי געקערט און באַשפּריצט מיט וואַסער. די „אונטערשטע" זייַנען קיינעם ניט אָנגעגאַנגען. געווען דאָ אַ גרויסער ריוו, דער „פּראָוואַל", האָט מען דאָרט אַריינגעשאָטן דאָס מיסט און דעם אָפּפאַל און אַריינגעגאָסן די פּאָמויניצעס. גאַנץ פרי האָט מען דאָרט געקאָנט טרעפן אויסגעזעצט גאַנצע מחנות מיט האַלב־אָפּגעדעקטע לייבער, וועלכע האָבן דאָרט אָפּגעטאָן זייערע

באַדערפעניש. האָט דאָרט געשטונקען פון שמוץ און קויט, און ווען נישט דער רעגן און פראָסט, וואָלט מען געקאָנט דערשטיקט ווערן.

די קליינע שטיבלעך זיינען דאָ געשטאַנען איינס לעבן דעם אַנדערן, וואָרים ס׳האָט דאָך וויניקער געקאָסט צוצובויען אַ הייזל צום שכנס וואַנט. האָט זיך געדריקט איין הייזקע צו דער צווייטער, זיך געשטיצט און אָנ־געהאַלטן איינס אָנעם אַנדערן ווי אַ שוואַכענקער, פאַר קעלט ציטערנדיקער חלוש, וואָס האָט מורא צו שטיין אַליין. דאָ האָט געוואוינט די סאַמע אָרעמשאַפט: שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרעס, בלעכערס, באַנדערס, מוליאַרעס, קירזשנערס, בעקערס און אַלערליי באַלעגאָלעס און טרעגערס — אַלץ האָרעפּאַשנע מענטשן, וואָס האָבן אַרומגעפּאָדעט אַ גאַנצן טאָג צו פאַרדינען פינף גרייצער אויף אַ ברויט פאַר דעם קיין־עין־הרע היפּשן הויז־געזינד. געוואוינט האָבן אַלע דער עיקר אויפן דינסטיק, ווען יידן און גויים פון די אַרומיקע אַכט־און־פערציק דערפער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויפן יאַריד. פון אָט דעם דינסטיק־יאַריד האָט מען דאָס געלעבט.

האָט זיך עס דעמאָלט אָפּגעטאָן אַ געדרענג און אַ לויפעריי, אַ שטופּע־ניש און אַ האַוועץ — ווי די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט! דער הויפּט־יאַריד איז פאָרגעקומען אויפן מאַרק פאַר פערד און בהמות, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט, אויף דער „טאָלאָקע״. דאָ האָבן אָגערס דער־שמעקט מיט דער לופט זייערע אַלטע שקאַפּעס, אָדער גאָר פרישע לאָשעקלעך־כלות, און האָבן צעהירזשעט ווילדע גרוסן צו זיי. די אָרעמע קי, וועלכע מ׳האָט היינט ניט געמאָלקן, כדי זיי זאָלן האָבן פולע אייטערס, האָבן זיך יאָמערלעך צעמרוקעט מ׳זאָל זיי העלפן. די שעפּעלעך מעקען, וויינענדיק נאָך די גרינע לאָנקעס. אָבער דעם גרעסטן ליאַרעם מאַכן־אָן די חזירים. זיי קוויטשען ווי מען וואָלט לעבעדיקערהייט געשניטן שינקען פון זייער פעטן הינטער־חלק. און צווישן אָט דעם געמויזעכץ יאָגן אַרום די הענדלער מיט די מעקלערס — שוויצן, שרייען און דינגען זיך מיט צע־צונדענע אויגן: אַ קלאַפּ אין דער דלאָניע איינער דעם צווייטן, אָט־אָט האָט מען שוין, דאַכט זיך, אויסגעדונגען, דער חילוק איז אינגאַנצן אין אַ דריי גולדן — דער קונה איז שוין אייגנטלעך פאַרטיק צוצונעמען דאָס פערד, די קו, די שאָף אָדער דעם חזיר — נאָר די לעצטע דריי גולדן! איז נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ אין דער דלאָניע, מ׳מאַכט פשרות — האַלב און האַלב, אַ גולדן פופציק מער — ביז מ׳איינינקט זיך אויף צוויי גולדן, און פאַר דעם דריטן טרינקט מען „מאַהאַריטש״, מיט מזל, הייסט עס, אַ לחיים און אויך צו געזונט פאַר דער בהמה.

אויפן שטאָטישן מאַרק איז דער האַנדל שוין אַ קלענערער. אָרעמע פויערן פאַרקויפן דאָ זייערע הינער, גענדז, קאַטשקעס, תבואה, פלאַקס, אויל, אַליין־געמאַכטע לייוונט. דערנאָך גייען זיי אין די קלייטן און קויפן

קאָלירטע פּאַטשיילעס, גלעזערנע פּאַטשערקעס, וואָל אויף אויסצושטיקן די העמדער, צוקער, זאַלץ, טעפּ, שוועבעלעך, הערינג. די שענקען זיינען פול: מ׳טרינקט בראָנפן, ביר, מעד, רום, מ׳עסט פעטע סאָלאָנענע און קאָלבאַס, מען איז פריילעך, שיכורלעך.

אין דרויסן יאָגט מען זיך דערווייל אינעם פיבערדיקן הו־האַ מיט צעשראָקענע, זוכנדיקע אויגן. דאָ איז אַ קינד פאַרלוירן געגאַנגען, דאָרט האָט מען געכאַפּט אַ גנב; אַ צעפּלאָשעטע פערד האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלייך אין מיטן צווישן די ערדענע טעפּ, וואָס מען פאַרקויפט — אַ קראַך און געשרייען, אַ „טפרו...״ און זידלערייען — מ׳רופט אויס הונדערטערליי סחורות צום פאַרקויפן, קאַרוסעלן לאָקן און רופן, און צווישן אַלץ־דורכ־איינאַנדער שלייעט אַרום אָרעמקייט פון די הינטערגעסלעך, אַ גרייצער צו פאַרדינען. סטאָליאַרעס זוכן צו פאַרקויפן זייערע קאַסטנס און קופערטן, שוסטערס זייערע שטיוול און שיך, קירזשנערס און שניידערס זייערע מלבושים. גייט נישט מיט געלט, בייט מען די סחורה ביי די פויערן פאַר תבואה, הינער, גענדז, קאַטשקעס, אייער. אַמייסטן פאַרהאַוועט זיינען די ווייבער. זיי פאַרקויפן חלות, זעמל, קוכן, געקאָכטן אַרבעס און בוינעס, פּיראָגן מיט קאַרטאָפל, מיט קעז, מיט פלייש, מיט קאַרשן און ווײַנשל און שוואַרצע בערלעך. אַלץ לויפט, שרייט, וויל זיך איבעריאָגן — מען קאָנ־קורירט, שעלט זיך און מען באַשווינדלט אויף אַ גראָשן.

פאַר אונדז קליינוואַרג איז עס אַ ווילדער יום־טוב. מיר פרייען זיך וואָס אויך מיר קאָנען דערביי מיט־טאַנצן אין קאָן און זיין כאָטש אַ טייל פון אָט דעם גרויסן געטומל. מיר טראָגן אַרום אין גלעזערנע קרוגן קוואַס צום פאַרקויפן — אַ מין געמיש פון עפּל־זאַפט און עפּעס אַ געהיימען צומיש פון פּיוועלע קוואַסניק, וועלכער פלעגט אונדז ניט איינמאָל אָנדרייען די אויערן, ווען מיר האָבן ביי אים דעם קוואַס געקויפט. מיר האָבן אים פיינט געהאַט און זיך געהאַט אונדזער לידל אויף אים:

„פּייוול טייוול, גיב דעם קוואַס,
קוש אין תחת און באַקום די פראַס.״

אין קוואַס האָט מען אַריינגעטאָן אייז, כדי ווען עס צעגייט זיך, זאָל עס זיין אי קעלטער אי וואַסערדיק־מער. מיר פלעגן שטאַרק אויסלויבן אונדזער סחורה, אַמאָל אויך זיך בעטן, אָדער גאָר סטראַשען מען זאָל קויפן:

„פרישער קוואַס — אַ געוואַלד!
געשמאַק און אייז־קאַלט!״

אָדער:

„קויפט קוואַס, קויפט!
ערשט וואָס אָנגעשרויפט!
אַ משקה גאָר אַ נייע —

ווער עס טרינקט, איז זיך מחיה!״

אַמלייכטסטן האָט זיך פאַרקויפט מיט סטראַשונקעס. איך פלעג זיך צעשרייען:

„קוואַס! קוואַס! אייז־קאַלטער קוואַס!
ווער עס טרינקט אים, ווערט געזונט!
טרינקט ניט ווער — פגרט ער ווי אַ הונט!״

דערויף פלעגן אַלטע פויערטעס זיך איבערצלמען, תיכף קויפן אַ גלאָז קוואַס און אַמאָל נאָך דערצו געבן מער מיט אַ העלער. אָבער דערביי פלעגן זיי אויך באַמערקן, אַז ס'איז נישט כדאי אַזוי זיך צו שעלטן. „גע־רעכט — פלעג איך טראַכטן — אָבער ווען איך שעלט ניט, וואָלטן זיי אפשר קיין קוואַס ניט געקויפט, און ניט געגעבן נאָך אַן איבעריקן העלער דערצו.״ דאָס שעלטן האָט פאַרט עפּעס אַריינגעבראַכט. פלעג איך ווייטער אויסרופן מיין סחורה מיט קללות און סטראַשונקעס, און אַזוי אַרום האָב איך פאַרדינט איעדן דינסטיק מיינע דרייסיק ביז פערציק גרייצער. דאָס געלט האָב איך אָוועקגעגעבן דעם טאַטן. פלעגט ער מיך לויבן פאַר מיין אויסטויגן זיך, און דאָס האָט מיך געמאַכט שטאָלץ און גליקלעך. מיין עלטערער ברודער, שבתי, האָט פאַרדינט קוים אַ דריטל פון דעם, וואָס איך האָב פאַרדינט, איז ער מיך מקנא געווען, און דאָס האָט מיך געמאַכט נאָך פריילעכער און זיכערער ביי זיך.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע קאָנקורענץ אין שטעטל.

אין איינעם אַ דינסטיק איז געקומען פון דאָרף דער עלטסטער ברודער, שכנא. קעגן אָוונט איז ער אַוועק מיטן טאַטן צום מעל־הענדלער שלום לופט און איינגעצאָלט ביי אים גאַנצע פינף־און־צוואַנציק גולדן. דאָס האָבן זיי באַשלאָסן מיר זאָלן עפענען אַ בעקעריי, און דער הער לופט זאָל ליפערן מעל מיט אַ קרעדיט אויף נאָך פינף־און־צוואַנציק גולדן, פאַר וועלכן דער ברודער האָט גאַראַנטירט.

איז געקומען אַ טאָג, ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון הינטער־געסל און איבערגענומען אפרים גלאַגערס בעקעריי, אין שכנות מיטן הער צוליף, ניט ווייט פון דער באַראָן הירש־שולע. און אַזוי זיינען מיר מיט אַמאָל געוואָרן „פיינערע״ מענטשן. מיר פלעגן אויסבאַקן ברויט און חלה און ראָגאַליעס און קייזער־זעמל. און וויל מיר האָבן אַלע מיט־געהאָלפן אין דער בעקעריי — און קיין סך קונים זיינען אין אָנהויב סיי־ווי ניט געווען — האָבן מיר אַלץ געקאָנט פאַרקויפן ביליקער ווי אַנדערע בעקערס. אָבער די בעסטע קונים זיינען געווען מיר אַליין. כאָטש דער טאַטע האָט בפירוש פאַרבאָטן אָנצורירן דאָס געבעקס, האָבן מיר ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און יעדער איינער האָט אַריינגערוקט אַ טאָג אַזוי אַ פערציק, פופציק פרישע זעמעלעך, ראָגאַליעס און בייגל. יעדער פון

אונדז איז געווען איבערצייגט, אַז נאָר ער אַליין טוט עס בגנבה, אָבער געגעסן האָבן אַלע. איז קיין וואונדער ניט וואָס די בעקעריי האָט אָנגעהויבן גיין שלעכט.

איך מיט שבתין זיינען געגאַנגען אין דער באַראַן הירש־שולע, אָבער אין דער נאַכט האָט מען אונדז אויפגעוועקט צו העלפן דרייען ראָגאַליעס און פלעכטן קוילעטשן. און שוין ביי אַט דער אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס, וואָס האָט פאַר מיר און מיין ברודער געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן גאַנצן לעבן. ער איז אַלט געווען זיבן, איך זעקס. ער איז געווען לאַנג און דין, איך ברייט־ביינערדיק, נאָר קליין־געוואַקסן. כ׳האָב תמיד געמוזט צו אים אַרויפקוקן, און דאָס האָט האָט מיך געערגערט. אָבער ווען מ׳פלעגט אונדז ביידע אויפוועקן צו דער אַרבעט, האָט אים שטענדיק גענומען זייער לאַנג אויפצושטיין, און איך פלעג באַלד אויפשפּרינגען ווי אַ וויזל־טיר. ער פלעגט זיך ווערן און וויינען, און איך, באַמערקנדיק דאָס, פלעג זיך מאַכן נאָך פרישער און וויליקער. דאָס איז געווען דער אָנהויב פאַר מיין שפּעטערדיקן זעלבסט־פאַרטרויען. מ׳פלעגט מיך לויבן אויף זיין חשבון. ער האָט אָנגעהויבן מיך צו האַסן, און איך האָב אויסגענוצט זיין הילפלאָזיקייט. ער איז געוואָרן אַלץ אומזיכערער, און איך אַלץ מער פעסט ביי זיך. אַזוי איז געווען אין שולע, אין גאַס, ביים שפּילן זיך און ביים פאַרקויפן קוואַס. זאָל מיר גאָט מוחל זיין, אָבער אַביסל איז עס טאַקע געווען מיין שולד. און ווען איך האָב באַגעגנט מיין ברודער דרייסיק יאָר שפּעטער, האָב איך זיך געפילט אַביסל שולדיק קעגן אים. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט דערוואַקסענע קינדער, אָבער זיי האָבן אים באַהאַנדלט פּונקט אַזוי שלעכט ווי מיר פלעגן עס טאָן מיט דרייסיק יאָר צוריק. ער אַליין האָט זיך כמעט ניט געענדערט: זיינע רויטלעך־פאַרוויינטע אויגן האָבן אויך איצט נאָך געקוקט מיט עפּעס אַ מין פאַרוואורף, און גערעדט האָט ער שטאַמלענדיק ניט־זיכער, ווי אַמאָל. נאָר איצט האָט ער געהאַט עפּעס ווי אַ געקיגבצלטע באָרד. אַזעלכע בערד האָבן געוויינטלעך ניי־אָנגעשטעלטע כאָריסטן אין דער אָפּערע.

כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל ווי איך וואָלט באַגאַנגען אַ שטיל פאַרברעכן, ווי איך וואָלט אַוועקגענומען זיין זעלבשטענדיקייט און מיט דעם מיין אייגענע זעלבשטענדיקייט געשטאַרקט. האָבן מיר דאָך געלעבט אין קאָנקורענץ. מיר זיינען דאָך מער ניט געווען אין דאָרף, נאָר אין דער בעצירקס־הויפּטשטאָט האָראָדענקאָ, וואו דער שטאָטישער מענטש קאָן ניט אויסקומען, אויב ער איז ניט קיין קאָנקורענט. וואָרים פון דאָרף ביז צום שטעטל האָראָדענקאָ איז אַ פיל ווייטערער וועג ווי פון האָראָדענקאָ ביז צו סיי וועלכער גרויסער אייראָפּייאישער הויפּט־שטאָט.

מיין רבי שימשעלע מילניצער, װעמען מ׳האָט געמוזט צוליב טאָן

דאָס חדר אין האָראָדענקאַ איז געװען אַ סך בעסער װי אין סקאַליע. אונדזער מלמד, ר׳ שימשעלע מילניצער, איז געװען אַ שטילער, גוטער מענטש. ער האָט אונדז קיינמאָל ניט געשלאָגן און איז געװען צופרידן, װען מיר האָבן אים געלאָזט צורו. ס׳איז אים ליבער, פלעגט ער זאָגן, אַ צעלאָזן ייִנגל, אָבער מיט אַ גוט קעפּל, װאָס קען לערנען, — איידער אַ „װאױל״, „פײַן״ קינד מיט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. מיר פלעגן דאָס אויסנוצן און זייער אָפט אים אָפּטאָן שפּיצלעך.

איינמאָל האָבן מיר צוגעבונדן זיין קאַפּאָטע צום בענקל, װאו ער איז געזעסן. אַ צװייטן מאָל האָבן מיר מיט אַ שטריקל פאַרקרעמפּעװעט זיין פוס צום טיש. ער פלעגט דערויף נאָר אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ און גוט־מוטיק שמייכלען. אָן אַנדערש מאָל, װען ער איז — װי געװיינטלעך ביים לערנען — אַנדרימלט געװאָרן מיטן קאָפּ אויפן טיש, האָבן מיר מיט װאַקס צוגעקלעפּט צום טיש זיין באָרד. װען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער קיין װאָרט ניט געזאָגט, נאָר אָפּגעשקראָבעט דעם טיש און זיך אויסגעצופּט דעם װאַקס פון דער באָרד. ער האָט יענעם טאָג אַפילו ניט דערמאָנט װעגן דעם. אָבער עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער געזאָגט: „קינדער, אַנומלט האָט עמעצער פון אייך געמאַכט אַן הלצהלע מיט מיין באָרד. כ׳האָב גאָר־נישט געזאָגט, נישט דערפאַר, װייל ס׳האָט מיך ניט פאַרדראָסן. פאַרקערט, כ׳האָב געהאַט אַזױפיל עגמת־נפש דערפון, אַז כ׳האָב אַפילו ניט געקאָנט קיין װאָרט אַרויסרעדן. איר װייסט דאָך, אַז איך בין אַ ייִד אַ קבצן, אַחוץ דעם האָב איך אויך גענוג צרות. אָבער דער רבונו־של־עולם האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ באָרד פּונקט װי יעדן אַנדערן ייִד, גלייך װי איך װאָלט געװען װער װייסט װאָס פאַר אַן עושר. איז די באָרד אַ שטיקל טרייסט פאַר מיר. קומט איר צוגיין און װילט מיר די באָרד אויסצופּן. נו, פרעג איך אייך: מיך װאָלט איר אָרעמער געמאַכט מיט אַ באָרד; אָבער איר אַליין װאָלט דאָך דערפון ניט רייכער געװאָרן.״

דאָס איז געװען אין אַ דאָנערשטיק. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגט ער פאַסטן און פאַר שװאַכקייט רעדן זייער שטיל. מיר האָבן אַראָפּ־געלאָזט די קעפּ פאַר בושה, און ער האָט אונדז יענעם טאָג אַהיימגעשיקט פון חדר מיט אַ שעה פריער. אָבער זייט יענעם טאָג איז ער אונדז הייליק געװאָרן װי אַ ספר־תורה. מיר האָבן מער ניט געחוזקט פון אים און אים מער קיין שפּיצלעך ניט אָפּגעטאָן.

ער האָט אונדז קודם געלערנט דעם אלף־בית. די אותיות האָבן אויס־געזען װי קליינע קעסטעלעך, װי קליינינקע שטיקלעך געצייג, אָדער װי

קליינע כאַטקעלעך מיט האַלבע טיר־און־פענצטערלעך. אין סקאַליע פלעגן די דאָזיקע אותיות מיר טאַנצן פאַר די אויגן און כ׳האָב ניט געקאָנט זען קיין חילוק פון אַן אלף ביז תיו. אָבער דאָ האָט דער געדולדיקער רבי מיך אויסגעלערנט זיי פאַנאַנדערצוקלויבן, און איך האָב באַלד דערפילט דעם טעם דערפון. ס׳האָט ניט לאַנג גענומען, און איך האָב אָנגעהויבן צוזאַמענ־שטעלן די אותיות טאַקע ווי קליינע קעסטעלעך, אַט די אותיות מיט די נקודות אונטער זיי — כ׳האָב אָנגעהויבן לערנען טראַף. מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, אָבער אַזוי האָבן מיר זיך אויסגעלערנט דאַווענען, נאָכזאָגן תפילות און מאַכן אַ ברכה.

ביז כ׳האָב מיט מזל אָנגעהויבן חומש. איצט האָט שוין דער רבי גענומען פאַרטייטשן און אויסטייטשן. ער האָט אונדז דערציילט וועגן אַ גאָר ווייטער וועלט פון אַמאָל און אַמאָל; ווען דער הימל און דער רבונו־של־עולם זיינען נאָך געווען אַזוי נאָענט, אַז משה רבנו און די אָבות אברהם, יעקב מיט דער מוטער רחל פלעגן אַריין־ און אַרויסגיין ביי גאָט, ווי להבדיל גרויסע סוחרים ביי אונדז אין האַראַדענקאַ זיינען אַריינגייער ביים באַראָן ראַמאַשקאַן, אָדער ביים באַנקיר יונגערמאַן.

און אַז מ׳הויבט אָן לערנען חומש, מוז מען אויך מאַכן אַ גרויסע סעודה. האָט מען מיר יענעם שבת אָנגעטאָן אַ ניי אנצוגל און ביי אַלע קרובים און שכנים האָט מען אָנגעבאָרגט אפשר צוואַנציק זייגערס מיט קייטן, וועלכע מען האָט אָנגעהאַנגען אויף מיר און אויף מיינעם אַ חבר, דעם „אָפּפרעגער״. נאָכמיטיק האָט מען אונדזביידע אַוועקגעשטעלט אויפן געדעקטן טיש, און דער רבי מיט טאַטע־מאַמע, קרובים און שכנים האָבן אין דער ענגער שטוב זיך אַרומגעזעצט און אַרומגעשטעלט אַרום טיש און מיט געשפּאַנטקייט און צעלויכטענע אויגן געוואַרט אויף מיין דרשה.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן. דער „אָפּפרעגער״ האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענטלעך ווי צום בענטשן און צו מיר אַזוי געזאָגט:

„הרכין את ראשך ואברכך —
בויג אָן דיין קעפּעלע און איך וועל דיך בענטשן.
בן פורס יוסף, בן פורס אליהו —
שיינער יוסף, חנעוודיקער יוסף — —

„אַזוי ווי יוסף הצדיק, וועלכער האָט געפונען לייטזעליקייט ביי גאָט און ביי לייט, אַזוי זאָלסטו אויך, יינגעלע קליינס, בחורל פיינס, געפינען חן און לייטזעליקייט ביי גאָט און ביי אַלע מענטשן.״

„אמן, אמן, אמן״, האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט.

איצט האָט ער גענומען פרעגן, און איך האָב אָפּגעענטפערט:

אָפּפרעגער: וואָס לערנסטו, יינגעלע?

איך: חומש, צו מזל.

אָפּפרעגער: וואָס הייסט חומש?

איך: פינף.

אָפּפרעגער: וואָס פינף? פינף בייגל פאַר אַ גרייצער?

איך: ניין, פינף הייליקע ספרים האָט די הייליקע תורה.

אָפּפרעגער: וועלכס ספר לערנסטו, יינגעלע?

איך: ויקרא.

אָפּפרעגער: סטייטש ויקרא?

איך: און ער האָט גערופן.

אָפּפרעגער: ווער האָט גערופן? דער שמש האָט גערופן אין שול אַריין?

איך: ניין. גאָט האָט גערופן צו משהן ער זאָל אים אָנזאָגן די דינים פון קרבנות. אַ קרבן איז הייליק, און איך, קליין יינגעלע, בין אויך הייליק. דערפאַר האָט דער רבי אָנגעהויבן מיט מיר לערנען ויקרא.

אָפּפרעגער: לערן, יינגעלע, לערן, און באַוויז וואָס דו קענסט.

דאָ האָט ער אַ וואונק געטאָן צו די אָרומיקע, און אַלע האָבן פריידיק געשמייכלט.

האָב איך גענומען זאָגן אויפן קול: „ויקרא, און ער האָט גערופן — אל, צו — משה, איינער האָט געהייסן משה...״

אָבער דאָ האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן: „מזל טוב, מזל טוב!״ — מען האָט מיר איבערגעשלאָגן אין מיטן.

די מאַמע וויינט פאַר גליק און נחת, און די שכנות וויינען מיט איר מיט. מען כאַפּט מיך קושן — קעגן מיין ווילן. וואָרים איך פיל זיך שוין מעשה גרויסער. אַלע קוקן אויף מיר, און איך מייד אויס זייער בליק — קיינמאָל האָבן נאָך אַזוי פיל מענטשן ניט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ פרייד — איך ווייס, אַז זיי אַלע זיינען געקומען אַהער צוליב מיר, און ס׳ווערט מיר אַזוי גוט און וואויל אויפן האַרץ, נאָך בעסער און זיסער ווי דער האָניק־לעקעך, וואָס איך עס איצט.

זייט דעם שפּיצל מיט דער באָרד האָבן מיר שטאַרק ליב באַקומען אונדזער רבין, ר׳ שימשעלע. אַמליבסטן זיינען מיר נאָך געגאַנגען אין חדר אום ווינטער. מ׳האָט געלערנט ביינאַכט און אַהיימגעגאַנגען איז מען מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס. מיט חשק האָבן מיר זיך צוגעהערט צום רבינס רייד, וועלכער האָט אויף יעדן פסוק, כמעט אויף יעדן וואָרט, געהאַט צו דערקלערן אַ גאַנצן פשט און דערציילן אַ גאַנצע מעשה. און גערעדט האָט ער וועגן דער הייליקייט פון דער תורה, וועגן דעם טייטש פון יעדן וואָרט און וועגן דעם מיין, וואָס ליגט הינטער דעם. האָט ער געקאָנט אָנ־הויבן אַזוי: „שמעון ולוי אחים — שמעון און לוי זיינען געווען ברידער״. — און באַלד האָט ער גענומען דערקלערן: וואָס פאַר אַ ברידער זיי זיינען

געווען און ווי שטאַרק און ווי גרויס און ווי מעכטיק. און לוי האָט ער געהייסן, ווייל איינמאָל, ווען די פּלישתּים האָבן אים נאָכגעיאָגט און ער איז געבליבן אַ פאַרשמאַכטער אין מיטן מדבר, און לייבן זיינען אויף אים אָנ־געפאַלן, האָט ער געפּאַקט אַ לייבעכע מיט איין האַנט ביים פּיסק, מיט דער צווייטער ביים עק, זי אויפגעהויבן אין דער הויך, זיך אָנגעטרונקען מיט דער מילך פון אירע ברוסטן און נאָכדעם זי אָוועקגעשליידערט פון זיך. שמעון ווידער האָט געקאָנט גאַנצע בערג אויפהויבן אויף זיינע אַקסלען און מיט זיי צושיטן זיינע פיינט. און אַ שוועסטער האָבן זיי געהאַט אַ יפת־תואר. זיינען די פּלישתּים זי באַפאַלן, ווען די ברידער זיינען אין דער היים ניט געווען, און זי פאַראומרייניקט און געשענדט. זיינען די ברידער אַוועק אין דער שטאָט פון די פּלישתּים און מיט זייערע שווערדן אויסגעהרגעט אַלע מענער און חרוב געמאַכט די שטאָט אויס נקמה פאַר זייער שוועסטער.

אָן אַנדערש מאָל האָבן מיר געלערנט: „ואני, און איך, יעקב״, — און דער רבי האָט באַלד אָנגעהויבן דערציילן: „ואני — און איך, יעקב, וואָס גיי איצט שטאַרבן דאָ אין מצרים, זאָג דיר אָן, מיין זון יוסף, אַז נאָך מיין טויט זאָלסטו איבערפירן מיינע ביינער קיין כנען און מיך דאָרט איינ־זאַמלען צו מיינע אָבות; כאָטש איך האָב מיט דיין מוטער רחל ניט געטאָן אַזאַ חסד: איך האָב זי מקבר געווען אויפן וועג קיין בית־לחם און זי אַפילו אין שטאָט ניט געפירט. און ווילסטו וועלן מיינען, אַז דעמאָלט האָט גע־רעגנט, אָדער די וועגן זיינען געווען צו שווער, וועל איך דיר ענטפערן: ניין; די ערד איז געווען טרוקן און געלעכערט ווי אַ זיפּ. ס׳איז געווען נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעדינט ביי לבנן, צוערשט זיבן יאָר פאַר לאהן און דערנאָך זיבן יאָר פאַר דיין מוטער רחל. מיר זיינען אַנטלאָפן פון לבנן, און ער האָט אונדז נאָכגעיאָגט און אונדז דערגרייכט און געזאָגט, אַז מיר האָבן אָוועקגעגנבעט זיינע געצנבילדער. האָב איך זיך מצער געווען איבער זיינע רייד און אַזוי געזאָגט: „ווער ס׳האָט דיינע געצנבילדער געגנבעט, דער זאָל שטאַרבן.״ און פאַרוואָר — דיין מוטער רחל האָט גע־האָט די געצנבילדער מיטגענומען, און זי איז געשטאָרבן! און איך האָב זי מקבר געווען אין מיטן פעלד, אויפן וועג קיין בית־לחם. פאַרוואָס? — ווילסטו ווידער פרעגן, מיין זון. וועל איך דיר אַזוי ענטפערן: איך האָב געהאַט אַ זעאונג, און געזען האָב איך, אַז אונדזער פאָלק וועט וואַנדערן אין דער מדבר, פאַרלאָזן און נידערגעשלאָגן. וועלן זיי פאַרבייגיין דער מוטער רחלס קבר און ביי איר בעטן און וויינען און קלאָגן: „מוטער רחל, מוטער רחל, זע וואָס ס׳איז געוואָרן פון דיינע קינדער!״ וועט די מוטער רחל אויפשטיין פון איר קבר און זיך ווענדן צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: „פאָטער אין הימל, זע וואָס דו האָסט געטאָן צו מיינע קינדער!״ וועט גאָט איר

ענטפערן: „דאָס שטראָף איך זיי אַזוי." וועט די מוטער רחל פרעגן: „פאַר־וואָס באַשטראָפסטו זיי?" וועט גאָט איר ווידער ענטפערן: „איך שטראָף זיי פאַר זייערע זינד וואָס זיי האָבן געטאַנצט פאַרן גאָלדענעם קאַלב." וועט דעמאָלט די מוטער רחל זאָגן: „פאָטער אין הימל, הער אויס מיינע רייד, וואָס איך וועל דיר דערציילן: ווען יעקב איז געקומען מיך נעמען פאַר אַ ווייב, איז ער געווען גרויס און שטאַרק און אָנגעגעם פון אויסזען; און מיר האָבן באַלד פון ערשטן אָנקוק ביים ברונעם געפונען חן אין די אויגן איינער ביים צווייטן. אָבער מיין פאָטער לבן איז געווען כיטרע־פאַרעקשנט און האָט פריער געוואָלט פטור ווערן פון לאהן, וועלכע איז געווען קליין און מיאוס, מיט פאָקן אויפן פנים און שטומפיק אויפן צונג. און ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָט ער אַריינגערופן יעקבן אין דער פינצטערער שטוב; און מיר האָט ער געהייסן זיך לייגן אונטערן בעט און רעדן פאַר לאהן, דאָמיט יעקב זאָל מיינען, אַז לאה בין איך, און איך בין לאה. און אַזוי האָט יעקב חתונה געהאַט מיט לאהן. און איך האָב יעקבן ליב געהאַט מיט מיין גאַנצן נפש און נשמה און מיט אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט; און האָב דאָך נישט געטראָגן קיין קנאה צו מיין שוועסטער לאה. איך בין נאָר געווען אַ פּשוטער בשר־ודם, און האָב זיך נישט מתקנא געווען. און דו, גרויסער גאָט, באַשעפער פון אַלע וועלטן, ביזט זיך מתקנא אויף אַ גאָלדן קאַלב?" וועט דעמאָלט כביכול אַזוי איר ענטפערן: „גיי, מיין טאָכטער רחל, ברענג טרייסט צו דיינע קינדער און זאָג זיי אָן: איך וועל זיי קיינמאָל ניט פאַרלאָזן."

און וועגן משה רבנו האָט ער געוואוסט צו דערציילן יעדעס מאָל נייע מעשות מיט נייע אויסטייטשונגען. איינמאָל האָט ער אונדז געהייסן אַ האַלבן טאָג ניט טרינקען קיין וואַסער, ווייל ער דאַרף אונדז דערציילן אַ זייער טיפע מעשה. מיר האָבן אים געפאָלגט, און ווען ער האָט באַמערקט, אַז אונדזערע ליפּן זיינען שוין טרוקן פאַר דורשט, האָט ער אונדז געהייסן נעמען אַ טרונק וואַסער און געזאָגט: אַ גוטע מעשה דאַרף מען ניט נאָר הערן מיט די אויערן, דערפילן מיטן האַרץ און באַנעמען מיטן שכל — מען דאַרף זי אויך קאָנען דערשפּירן מיט הונגער און מיט דורשט אויף דער צונג. אַזוי האָט ער אונדז היינט ניט געהייסן טרינקען קיין וואַסער, כדי מיר זאָלן נאָך אַ האַלבן טאָג דורשטן קאָנען פאַרשטיין ווי שווער ס׳איז געווען פאַר משהן און דעם גאַנצן פאָלק ישראל צו וואַנדערן פערציק יאָר דורך דער מדבר, וואו ס׳איז בכלל ניט געווען קיין ברונעם. און ער האָט גענומען דערציילן וועגן משה רבנו און אונדזער פאָלק ישראל אין דער מדבר: „נאָכדעם ווי זיי זיינען אָפּגעגאַנגען פערציק יאָר אין דער מדבר, איז דאָס פאָלק שוין געווען מיד און פאַרצווייפלט, און פאַרלוירן דעם בטחון אַריינצוקומען ווען ס׳איז אין צוגעזאָגטן לאַנד. זיינען זיי גע־

װאָרן קלײנמוטיק און קריגעריש און װידערשפעניק, און גענומען צוריק־בענקען נאָך די טעפּ פלייש. האָט משה אויפגעהויבן די אויגן צו גאָט, און ס׳האָט גענומען דונערן און בליצן, און די יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז גאָטס קול. איז משה פאַרשוואונדן און דערנאָך געקומען צוריק און האָט צונויפגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק און אַזוי געזאָגט: גאָט האָט מיר געהייסן אייך זאָגן, אַז יעדער מאַן פון אייך, אַלט און יונג, זאָל נעמען אַ גראָב־אייזן און אַליין פאַר זיך אויסגראָבן אַ גרוב און נאָך היינט אויף דער נאַכט זיך אין אים אַריינלייגן. פרעגט נישט נאָך וואָס און פאַר ווען, ווייל אַזוי וויל גאָט.

„האָבן אַלע מאַנספאַרשוינען, זקנים און יונגע, אויסגעגראָבן פאַר זיך אַ גרוב און נאָך דעמזעלבן אויף דער נאַכט זיך אַריינגעלייגט אין אים, ווי גאָט האָט באַפוילן צו משהן.

„און ווען די זון איז צומאָרגנס אַרויס פון איר פוטערפאַס, זיינען צוויי דריטל פון דער עדה געבליבן ליגן אין זייערע קברים און בלויז איין דריטל איז פון די קברים אויפגעשטאַנען. האָט משה זיך געווענדט צום פאָלק, אַזוי צו זאָגן: הערט אויס דאָס וואָרט פון גאָט! די קליינע אין מוט, די שרעקעוודיקע און שוואַך־האַרציקע אין גלויבן, וועלן שוין אַזוי ליגן בלייבן אין זייערע קברים; און נאָר די שטאַרקע און מוטיקע, וואָס פילן ניט קיין פּחד און קיין שרעק, וואָס זיינען באַהאַרצט מיט גלויבן און בטחון, נאָר זיי וועלן געשטאַרקט און פאַרייניגערט ווערן, זיי וועלן אָנגעפילט ווערן מיט נייער קראַפט אויף וייטער צו וואַנדערן, צו קאָנען אַריינקומען אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד כנען.״ — — —

אַ ייד אַן אביון איז געווען אונדזער מלמד, ר׳ שימשעלע מילניצער. געלערנט ביי אים האָבן בלויז קינדער פון אָרעמעלייט, און ער אַליין האָט געהאַט אַ פולע שטוב אייגענע קינדער. פלעגט ער דאַרפן אַרומלויפן גאַנצענע טעג לייען און באָרגן. ביי אונדז פלעגט ער נעמען ברויט אויפן חשבון פון זיין מלמדות — וויפיל ער האָט נאָר באַדאַרפט — מ׳האָט אים קיינמאָל נישט נאָכגערעכנט. נישטאָ קיין מער באַגאַטישער האַנדל, פלעגט דער טאַטע זאָגן, ווי אויסבייטן ברויט פאַר תורה; און וועדליק די ברויט־לעך, וואָס דער רבי נעמט ביי אונדז, מוזן מיר אויסוואַקסן גרויסע לומדים און אפשר גאָר אַליין ווערן רבנים.

אַמאָל פלעגן מיר אויך מאַכן אַ סעודהלע אין חדר. מיר זיינען געווען אַרום זעכצן ביז צוואַנציק קינדער. האָט יעדער, לויטן שטאַנד, צושטייער געגעבן אַ גרייצער אָדער צוויי, און מ׳האָט איינגעקויפט זעמל, הערינג, פּאָווידלע, אַביסל האָניק און אַ קליין ביסל בראָנפן פאַרן רבין. דעמאָלט פלעגן מיר זיצן מיט אים אַרום טיש ווי דערוואַקסענע מענטשן, ממש ווי זיינס גלייכן.

איינמאָל האָבן מיר צו אַזאַ סעודה איינגעקויפט אַביסל מער בראָנפן ווי געווייינלעך, איז דער רבי געוואָרן באַריידעווודיק און גענומען אונדז דערקלערן פאַרוואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט אָנגערירט קיין תלמיד, ווי אַנדערע מלמדים האָבן ליב צו טאָן. ער טראַכט תמיד, האָט ער געזאָגט, וועגן יהושע בן נון און משה רבנו, דעם גרעסטן תלמיד און דעם גרעסטן רבי זייט ששת־ימי־בראשית. ביים דריטן גלעזל האָט זיך זיין פּנים אויס־געלויטערט און ער האָט ווייטער געזאָגט: „אייגנטלעך איז דאָס אָן ענין צווישן דעם רבונו של עולם מיט משה רבנו און יהושע בן נון. גאָט האָט אַמאָל גערופן צו משהן און אים אַזוי געזאָגט: הער אויס, מיין געטרייער קנעכט משה, דו האָסט זיך שוין גענוג געפּלאָגט מיט מיין פאָלק ישראל, און איך מיין, אַז ס'איז שוין צייט דו זאָלסט אָפּרוען און זאָלסט ווערן איינ־געזאַמלט צו דיינע אבות. מיינסטו נישט אַזוי, מיין זון? האָט משה זיך פאַרוואונדערט און זיך אָפּגערופן: ניין, מיין האַר, ניין — איך מוז דאָך פריער אַריינפירן דיין פאָלק אין געבענטשטן לאַנד. דערנאָך מעגסטו טאָן מיט מיר לויט דיין ווילן. איצט אָבער, אַ גרויסער האַר, האָב איך קיין צייט ניט, איך אייל זיך.

„און ער איז אַוועק.

„מיט אַ צייט שפּעטער רופט ווידער גאָט צו משהן און זאָגט אים: ווייסטו, משה מיין קנעכט, די מלאכים אין הימל גרייטן שוין זייערע שופרות און פידלען, און האַלטן אין איין נאָכפרעגן ווען זיי וועלן שוין קאָנען אויפ־נעמען משה רבנו ביי זיך אין הימל. דו ווייסט דאָך, משה מיין זון, ווי שטאַרק ליב דו ביזט אונדז.

„האָט משה זיך ווידער אָנגערופן: יאָ, איך ווייס עס, פאָטער אין הימל. אָבער וואָס וואָלסטו זאָגן, גרויסער באַשאַפער פון וועלטן, ווען אין מיטן פון די ששת ימי בראשית וואָלט דיך עמעצער אַוועקגענומען און דיר געשטערט אין דיין גרויסן באַשאַף? און ווער נאָך ווי דו קאָן עס וויסן, אַז אַן אָנגעהויבענע אַרבעט מוז פאַרענדיקט ווערן? זיי דאַרום מוחל, גרויסער האַר; וואַרים איך ווייס, אַז דיין הימל מיט די מלאכים וועסטו מיר קיינמאָל ניט פאַרווייגערן. וויל איך טאַקע זיך צואיילן, כדי מיט דיין הילף און דיין לייטזעליקייט צו קאָנען וואָס פריער קומען אין דיין אייביקייט.

„און ער איז ווידער אַוועק.

„אין אַ צייט אַרום האָט גאָט ווידער גערופן צו משהן. דעם מאָל האָט שוין משה אַליין אָנגעהויבן דעם געשפּרעך און אַזוי געזאָגט: איך ווייס, האַר, אַז די מלאכים אין הימל איז לאַנגווייליק און זיי וואַרטן שוין אויף אַ גרויסער סעודה, און אַז פאַר מיר איז שוין דאָרט גרייט אַ גאָלדענער שטול. אָבער איך האַלט גראָד אין פאַרענדיקן מיין שליחות, און איך שטיי שוין גאָר נאָנט פון כנען. איז — באַפעל דיין קנעכט וואָס צו טאָן, באַשעפער

פון דער וועלט, און פאַרהויל נישט פאַר אים קיין זאַך; וואָרים דעם מאָל אייל איך זיך שוין גאָר שטאַרק, אַ האַר פון דער וועלט.

„האָט דער האַר פון דער וועלט אין זיין אייביקער גוטסקייט און לייט־זעליקייט אַ שמייכל געטאָן און אַזוי געזאָגט: משה, משה, איך וויל פאַר דיר גאָרנישט פאַרהוילן, ווי דו האָסט פאַר מיר גאָרנישט פאַרהוילט. דו ווייסט וואויל וויסן, אַז איך בין שטענדיק געווען, און בין, און וועל שטענדיק זיין מיט דיר. אָבער אויך איך מוז אָפּהיטן געוויסע דינים און משפטים פון דער וועלט. איז הער זיך איין, מיין זון: דו האָסט אַ תלמיד, יהושע, וועלכער לערנט שוין ביי דיר גאַנצע פערציק יאָר. ער היט־אָפּ דיין געבאָט און טוט אַלץ, וואָס דו באַפעלסט אים צו טאָן. ער איז שוין ווייט אין די יאָרן און אין זיין באָרד האָבן זיך שוין באַוויזן גרויע לאָקן; און ער זיצט נאָך אַלץ און וואַרט און וואַרט. איז געקומען די צייט, ווען דיין תלמיד יהושע דאַרף ווערן דער לערער און פירער פונעם פאָלק ישראל. איצט ווייסטו עס, מיין זון.

„און משה האָט אויפגעהויבן די אויגן צו גאָט און אַזוי געזאָגט: איצט ווייס איך דיין באַשייד, דו האַר פון דער וועלט. וואָס־זשע איז צו טראַכטן? מאַך אים פאַר דעם לערער און פירער פון דיין פאָלק. אָבער לאָז מיך כאָטש איבער ווי זיין תלמיד, איך זאָל צוזען, בלויז פון ווייטן צוזען, וואָס עס ווערט פון מיין אַרבעט און מיין שליחות.

„און גאָט דער האַר האָט אַזוי געזאָגט: משה, מיין געטרייער קנעכט, האָסט געפונען גנאָד און לייטזעליקייט אין מיינע אויגן, און איך וועל טאָן וואָס ס׳איז דיין באַגער. גיי, און איך וועל דיך באַשיצן און באַשערמען.

„איז משה געגאַנגען; און גאָט דער האַר האָט אים באַגלייט מיט אַ גנאָדפולן בליק און מיט אַ גלעט פון זיינע לייטזעליקע שטראַלן.

„און ווען משה האָט אַראָפּגענידערט צו דער עדה, האָט געבליצט און געדונערט. איז אויפגעשטאַנען זיין תלמיד יהושע און געוואוסט, אַז דאָס רופט אים גאָט. און ער איז געגאַנגען צום באַרג נבו, און גאָט דער באַ־שאַפער האָט גערעדט צו אים, און דאָס פאָלק האָט מיט ערפורכט געוואַרט.

„און ווען יהושע איז צוריקגעקומען, איז ער געגאַנגען גלייך צום מקדש; און אַלע האָבן געזען די שכינה לייכטן איבער זיין קאָפּ, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז גאָט האָט היינט יהושען אַ קוש געטאָן. האָט משה אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און ביי אים געפרעגט: זאָג, יהושע, וואָס האָט דיר גאָט געזאָגט? האָט יהושע אַרויסגענומען זיין אָרעם פון משהס הענט, זיך אַ קער געטאָן ווייטער גיין און בלויז אָפּגעענטפערט: האָסטו, משה, מיר ווען ס׳איז דערציילט וואָס גאָט האָט דיר געזאָגט?

„מיט דעם איז ער אַריין אין מקדש, און דאָס פאָלק נאָך אים.

„און קיינער האָט מער נישט באַמערקט ווי משה איז איצטער, פאַר־

שעמט און געבראָכן, אויפגעשטיגן אין איילעניש צום באַרג נבו מיט זייטיקע וועגן. גאָט דער האַר האָט שוין געוואַרט אויף אים. און משה האָט אויפגעהויבן די אויגן צו גאָט און געזאָגט: דאָ בין איך, מיין פאָטער און האַר, איך בין געקומען."

— איצט פאַרשטייט איר שוין — האָט אונדזער רבי ווייטער געזאָגט — פאַרוואָס איך וויל אייך ניט באַטראַכטן פאַר בלויז תלמידים און קליינע קינדער? מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן ווער ס׳איז דער תלמיד און ווער דער רבי. עס קאָן קומען אַ טאָג, ווען איינער פון אייך וועט זיין דער גרויסער רבי, און איך בלויז זיין תלמיד. איר זיצט דאָ און איר קוקט מיר אין מויל אַריין ווי איר וואָלט שוין געווען דערוואַקסענע יידן, און מיר קומט פאָר ווי איך וואָלט ערשט אַליין אָנגעהויבן גיין אין חדר. אָט ערשט, דאַכט זיך, האָב איך געלייגט זיך שלאָפן ווי אַ קינד, און בין פלוצים אויפגעשטאַנען באַוואַקסן מיט אַ באָרד; און אָט האָב איך איצט שוין אַליין אַ פולע שטוב מיט קינדער.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און מיט אַמאָל אָנגעגומען אַן אַנדערע ווענדונג: „אַצינד איז שוין פאַר מיר צו שפּעט אויסצולערנען אַ מלאכה. אָפט בין איך מקנא די סטאָליאַרעס, די שוסטערס, די שניידערס און בעקערס — זיי דאַרפן ניט אויסשטרעקן די האַנט נאָך מענטשנס גאָב..."

(אונדזער רבי פלעגט נאָך מוזן דאַנערשטיק אַרומגיין איבער די הייזער, וואָס פלעגט אים פאַרשאַפן אַ סך עגמת־נפש.)

„לערנט אַ מלאכה — האָט ער פלוצים געזאָגט — ווייל עס וועט קומען אַ טאָג, ווען אויך איר וועט באַוואַקסן ווערן מיט בערד, איר וועט באַפאַלן ווערן מיט אַ שטוב קינדער, און דעמאָלט וועלן זיך אָנהויבן צרות און זאָרג — ווי ביי מיר, ווי ביי אַ סך פון אייערע טאַטעס..."

ער האָט אָנגעהויבן זינגען אַ זמרל און געגומען דערציילן מעשות וועגן גייסטער, רוחות און בלאָנדזשענדע נשמות, וועלכע טרעפן זיך אין דער נאַכט אַרום דעם שייד־וועג; ווי די דאָזיקע נשמות וואַנדלען אַרום צווישן הימל און דער שאול־תחתיה און ווערן מגולגל אין אַ געשלאָגענעם הונט, אין אַ חזיר אָדער אַ האָן, און קאָנען קיין רו ניט געפינען, ביז זיי ווערן „דערקענט" דורך אַ הייליקן צדיק און באַקומען זייער דערלייזונג דורך אַ הייליקן פסוק. ער האָט דערציילט וועגן שרעקלעכע רוחות און נאַרישע לצים, בפרט וועגן די קליינע שרעטעלעך, וועלכע טרייבן ליצנות אויף זייער אייגענעם אופן: ווען זיי קומען ביינאַכט אין שטוב, קערן זיי אַלץ איבער, אָדער שיטן־אויס טאַבאַקע צום ניסן, פאַרהאַקן די טירן מיט טשוועקעס אָדער פאַרבייען די אַרבל פון העמדער, מ׳זאָל זיי ניט קאָנען אָנטאָן.

אַזעלכע שווידערלעכע און לוסטיקע מעשות האָט דער רבי געקענט דערציילן.

און ווען מיר זיינען ביינאַכט אַהיימגעגאַנגען פון חדר מיט אונדזערע קליינע לאַמטערנדלעך, פלעג איך זיך אָפּשטעלן ביים שייד־וועג און אָנהויבן שרייען: „כישוף־מאַכערס, שדים און רוחות, באַווייזט זיך! קומט אַהער! קומט אַהער!! קומט אַהער!!! פאַרשווינדט! פאַרשווינדט!! פאַרשווינדט!!!". די קינדער פלעגן זיך צעלויפן פאַר שרעק. און איך אַליין האָב געציטערט אין טאָפּלטער שרעק: אי פאַר די שדים, אי אויס מורא וואָס איך רוף זיי צוזאַמען. אָבער דאָס געפיל וואָס איך קאָן זיי אָפּנאַרן, זיי זאָלן מיינען, אַז איך אַליין האָב נישט קיין מורא, האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט, און די צווייטע נאַכט פלעג איך ווידער טאָן דאָס זעלבע. האָבן די קינדער יעדע נאַכט מיך פאַרוואָרפן מיט מתנות — אַלטע ביינדלעך, שטיקלעך אייזן, קנעפּ, וואָס זיי האָבן אָפּגעשונדן פון זיך אָדער פון דעם טאַטנס און ברידערס רעקלעך — אַבי איך זאָל מער ניט צוזאַמענרופן די שדים און רוחות. אָבער ווי נאָר מיר זיינען געקומען צום שייד־וועג, האָב איך ווידער ניט געקאָנט זיך איינהאַלטן — כ׳האָב פאַרגעסן אַלץ, וואָס זיי האָבן מיט מיר אויסגענומען, און ווידער אָנגעהויבן צוזאַמענרופן די שדים. איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פון זייער שרעק.

אַט אַזאַ מין פאַרשייטער, אָבער אומשולדיקער קליינער יאַט בין איך געווען.

ביז איינמאָל, ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, האָט דער רבי צו מיר געזאָגט: „איך ווייס, אַז דו ביזט אַ סך דרייסטער ווי די אַנדערע קינדער. דו ביזט דאָך אָבער אויך אַ סך קליגער פון זיי. דאַרפסטו זען זיי צו באַשיצן, און ניט אָנוואַרפן אַ מורא אויף זיי. איך וויל מיך חלילה ניט מישן אין אייערע אַלעמענס עסקים — אָבער איך לאָז עס איבער צו דיין אייגענעם שכל."

האָב איך אים פאַרשטאַנען און טאַקע מער עס ניט געטאָן. אָבער דער עיקר האָב איך מיט דעם געוואָלט צוליב טאָן מיין רבין ר׳ שימשעלע מילניצער, וועמען מען האָט פשוט אַלץ געמוזט צוליב טאָן.

אפשר מיין ערשטע ראָל

מ׳פלעגט ביי אונדז דערציילן, אַז אַ געוויסער ייד, הער הירש, איז געווען אַזוי רייך, אַז דער קייזער האָט אים אַרויסגערופן צו זיך קיין ווין, האָט אים אָפּגעגעבן אַ סך כבוד און אים אָנגעבאָטן אַ הויכן אַמט. נאָר דער הער הירש האָט געזאָגט: „אַ דאַנק דיר, גרויסער מלך, אָבער איך

קאָן עס ניט אָננעמען." „פאַרוואָס?", האָט דער קייזער זיך געוואונדערט. האָט דער הער הירש געענטפערט: „גרויסער קייזער, דער הער גאָט האָט מיך רייך געמאַכט, און דו ווילסט מיר צוטיילן כבוד און מיר געבן אַ גרויסן אמט. אָבער אין דיין לאַנד גאַליציע לעבן אַזוי פיל קליינע יידישע קינדער, און זייערע אָרעמע עלטערן קאָנען זיי ניט דערנערן און ניט קליידן; זיי האָבן אַפילו ניט מיט וואָס זיי אין שולע צו שיקן. און אַזוי ווי איך האָב אַצינד דאָס גליק צו שטיין פאַר דיר פנים אל פנים, האָב איך צו דיר אַ גרויסע ביטע: זאָלסט מיר דערלויבן דאָרט צו עפענען שולן אויף מיינע קאָסטן, וואו די קליינע קינדערלעך זאָלן קאָנען לערנען און אויפוואַקסן קלוגע מענטשן, זיי זאָלן דערנאָך ווערן פאַר דיר בראַווע סאָלדאַטן." „דאָס געפעלט מיר — האָט דער קייזער געזאָגט — דאָס געפעלט מיר זייער, מיין ליבער הער 'באַראָן' הירש."

אַזוי איז דער הער הירש שוין אַהיימגעפאָרן ווי דער באַראָן הירש. האָט ער דערנאָך געמאַכט באַראָן הירש־שולן איבער גאַנץ גאַליציע, און אין שולע אויך אין האָראָדענקאַ.

ס'איז געווען אַ גרויסער חילוק צווישן דער באַראָן הירש־שולע און דעם חדר. אין חדר איז געווען פינצטער און שמוציק; אָבער שימשעלע דער מילניצער האָט אונדז ליב געהאַט און צו אונדז גערעדט ווי צו זיינס גלייכן. אין דער שולע איז געווען ליכטיק און ציכטיק; נאָר די לערער האָבן אונדז באַהאַנדלט ווי קליינע חיהלעך און אונדז געשלאָגן. אָבער פאַר לערנען זיך האָט מען געגעבן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק; פאַר בעסער לערנען זיך האָט מען שוין באַקומען אַ פאָר הויזן; פאַר נאָך בעסער לערנען — אויך אַ רעקל דערצו; און פאַר זייער גוט לערנען האָט מען אונדז אויס־געפוצט פון קאָפּ ביז די פיס, אַפילו מיט העמדער און נאָז־טיכלעך. מען האָט אַכטונג געגעבן, אַז מיר זאָלן קומען אין שולע אָריין אָפּגעוואַשן און רייך, אַפילו מיט געפוצטע שיך, אַנישט האָט מען פאַרשעמט דאָס קינד און עס צוריק אַהיימגעשיקט. די לערער זיינען געווען אָנגעטאָן „דייטש" און גערעדט פויליש. אויב די „זאַדאַניעס", וואָס מען האָט באַדאַרפט צוגרייטן פאַר דער שולע, זיינען געווען שלעכט געמאַכט, אָדער מען האָט נישט ריכטיק געענטפערט אויף אַ פראַגע, האָט דער לערער געשלאָגן מיט דער ווירע איבער דער פלאַך פון דער האַנט. אַ טייל האָבן עס געטאָן נאָר לפנים, האָט עס כמעט ניט ווי געטאָן. אָבער דער לערער פון יידיש, הער וויזעל־בערג, פלעגט אַ זעץ טאָן איבער דער האַנט מיטן קאַנט פון דער ווירע. דאָס איז געווען דער ערשטער שלעכטער מענטש, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן. ער האָט געהאַט געלבלעך־בלאָנדע באַקן־בערד ווי קייזער פראַנץ יאָזעף, און פלעגט האַלטן אין איין קוקן אין שפיגל און זיך קעמען, — בפרט נאָכדעם, ווי ער האָט אונדז געשלאָגן. זיין פנים פלעגט דערביי

ווערן רויט ווי אַ בוראַק. אויפן טיש ביי אים איז געלעגן די ווירע, זיין דינער יאַמשערנער שטעקן צום שלאָגן, און אויך דאָס קעמעלע מיט אַ שפּיגעלע צו קעמען די באָרד. ניט איינמאָל האָט ער אונדז אַריבערגעלייגט איבער דער באַנק און אַריינגעפּיטשקעט מיטן יאַמשערנעם שטעקן. אַ טייל קינדער פלעגן זיך דערפאַר אויסבעטן די הייזלעך מיט קליינע קישעלעך און שמאַטעס. אָבער אַך־און־ווי צום קינד, ווען הער ווייזלבערג האָט עס באַמערקט. ער האָט אים באַלד געהייסן אַרונטערלאָזן די הויזן און אים דערלאַנגט מיטן שטעקן איבערן נאַקעטן לייב. האָט עס ניט נאָר שטאַרק וויי געטאָן, נאָר ס׳איז נאָך געווען אַ בושה דערצו. הער ווייזלבערג איז געווען אַ מייסטער אויף צו שלאָגן, און מיר האָבן אים דערפאַר געהאַסט; אים און אַפילו זיינע קינדער, וועלכע זיינען מיט אונדז געגאַנגען אין דער זעלבער שולע. אַלע לערער פלעגן שלאָגן, אַפילו די לערערין כאַמיידעס (דאָס האָט אונדז שוין גאָר שטאַרק פאַרדראָסן), אָבער הער ווייזלבערג האָט מער געשלאָגן ווי געלערנט.

נאָר מיר האָבן זיך צוביסלעך אין זיי צוקום געווען. אום ווינטער פלעגן מיר מיטברענגען אין קלאַס שטיקלעך אייז און געפּרווירענעם שניי, און מיט דעם פאַרפּירט צווישן זיך גאַנצע שלאַכטן. אין פרילינג ווידער זיינען אַרומגעפלויגן מיליאָנען זשוקעס, פלעגן מיר זיי כאַפּן, און אויף אַ גע־געבענעם צייכן זיי אַלע אויף אַמאָל אַרויסגעלאָזט פליען איבערן קלאַס. די לערערין כאַמיידעס פלעגט דערביי ווערן היסטעריש און שרייען, האָבן מיר אַנגעשטעלט נעבעכדיקע פּנימער, גלייך מיר ווייסן פון גאָרנישט, און שטילערהייט זיך געפרייט. איינמאָל, בעת אַן איבעררייס, האָבן מיר אָנ־געפּילט אירע הענטשקעס מיט זשוקעס — אַ זשוקל אין יעדער הענטשקע־פינגער. ביים אַהיימגיין, ווען זי האָט געוואָלט אָנטאָן די הענטשקעס, האָט זי אַזש צעקוויטשעט זיך פאַר שרעק; און מיר האָבן געקוויטשעט פאַר פרייד. זי האָט אַריינגערופן דעם דירעקטאָר בערלאַס — אַ לאַנגער, מאָגערער, שטרענגער מענטש, מיט אַ בלייך פּנים און אַרויפגעדרייטע וואָנסעס. האָט ער אונדז, פאַר אַ שטראָף, געהייסן איבערבלייבן אין קלאַס אַ גאַנצן טאָג. אָבער אויך די לערערין האָט געמוזט בלייבן מיט אונדז.

נאָר אין לערער האָט אונדז קיינמאָל אַפילו ניט אָנגערירט — זיין נאָמען איז געווען דרייפוס. אַז אַ יינגל האָט אים אָפּגעטראָגן די שול־העפטן אַהיים, פלעגט ער אים מכבד זיין מיט צוקערלעך. דער לערער דריי־פוס איז אָבער פּלוצים געשטאָרבן, און אויף זיין קבר האָט עמעצער אָנ־געשריבן:

„ווען דו וואָלסט ניט געווען די באָרד ראַזירט,
וואָלסטו אין גן־עדן איצט שפּאַצירט.“

דאָס גוטס, וואָס דער באַראָן הירש האָט פאַר אונדז געטאָן, האָט אונדז

געמאַכט לייכטער אַריבערצוטראָגן אַלע צרות, וואָס מיר האָבן געדאַרפט אויסשטיין פון די אַנדערע לערער. די שיינע אָנצוגלעך פאַר יום־טובים, די געשמאַקע פּאַסאָליע־זופּ אום ווינטער און דאָס שפּילן זיך אויפן הויף פון דער שולע, האָט אונדז פאַר אַלץ באַלוינט.

דאָס לעבן אין דער היים איז זיך געגאַנגען אין אַ סדר, ווייל אַלע האָבן געאַרבעט, יעדער האָט געהאַט וואָס צו טאָן. מיר פלעגן אויפשטיין פיר פאַרטאָג צו פלעכטן בייגל און קנעטן זעמל; און זעקס דעם זייגער פלעגן מיר עס שוין אין געפלאָכטענע קוישלעך צעטראָגן צווישן די קונים און צו דער שטעל אויפן מאַרק. אַכט אַזייגער זיינען מיר געגאַנגען אין שולע. איך האָב שטענדיק געהאַט אַרום די נעגל איבערגעבליבענע שטיקלעך טייג; פלעג איך דאָס מיט שטאָלץ באַווייזן די קינדער אין שולע און זיך באַרימען, אַז איך אַרבעט שוין ביינאַכט פונקט ווי די גרויסע געזעלן.

מיין עלטערער ברודער, שבתי, איז שטענדיק געווען אַ טרויעריקער, אַ מידער און ניט אויסגעשלאָפענער, מיט רויטלעך־פאַרלאָפענע אויגן. ער פלעגט זיך מיט קיינעם ניט שפּילן, נאָר האַלטן אין איין לערנען פאַר דער שולע — און ערשט ווען דער לערער האָט אים אַרויסגערופן, פלעגט ער שטיל און ניט זיכער אַרויסשטאַמלען אין שרעק אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. איך דער איינציקער האָב פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. האָט דער לערער אים פאַרשעמט, געהייסן אים זיך אָוועקזעצן, און מיך אַרויסגערופן. האָב איך נאָר באַדאַרפט הויך און מיט קוראַזש איבערחזרן, וואָס איך האָב געהערט פון ברודער — און שוין האָט מיך דער לערער געלויבט אויף מיין ברודערס חשבון. מיין אָרעמער ברודער שבתי...

מיר זיינען געזעסן אין דער דריטער באַנק. לעבן מיר זיינען געזעסן צוויי בלאָנדע, פאַרפּיעשטשעטע קינדער, אין אונדזער עלטער. זיי האָבן געהאַט לאַנגע, בלאָנדע לאָקן מיט רויטע בעקעלעך, און אָנגעטאָן זיינען זיי געווען אין העל־בלויע אָנצוגלעך מיט מאַטראָסן־קרעגעלעך. דאָס זיינען געווען די קינדער פון באַנקיר יונגערמאַן. יעדן טאָג האָבן זיי מיטגעבראַכט אַנדערע נאַשערייען: איינמאָל חלה מיט אַ שטיקל הון, אַ צווייט מאָל זעמל מיט פּוטער און איינגעמאַכטס, אָדער מיט האָניק; צי גאָר ראָזשינקע־קוכן מיט פּוטער און אויבסט דערצו — קאַרשן, ווייַנשל, אַן עפּל, אַ באַר אָדער אַפילו אַ פערשקע. איינמאָל, בעתן איבעררייס, איך בין הונגעריק ווי שטענדיק, — קוק איך אַזוי אויף זייערע נאַשערייען, אַז די סלינע רינט מיר פון מויל. נעם איך זיך בעטן ביי דעם קלענערן יונגערמאַן ער זאָל מיר געבן אַ ביס צו טאָן.

— ניין! — ענטפערט ער ווי אַ גזלן און פרעסט ווייטער.

איך האָב געפילט, אַז דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין פאַר בושה. זייט דעמאָלט האָב איך זיי ביידע פיינט באַקומען און יעדן צווייטן טאָג

האָב איך צוגעטראָכט אַנדערע זביטקעס פאַר זיי. כ׳האָב מיטגעבראַכט סאַזשע און אויסגעשמיט אויף זייער באַנק. האָבן זיי זיך אויסגערוסט די אַנצוגלעך און די העפטן. כ׳האָב זיי אונטערגעלייגט שפּיציקע שטיינדלעך אונטערן געזעס, איינמאָל אַפּילו אַ שפּיציק טשוועקל. האָט איינער פון זיי ביים זעצן זיך אַזוי געגומען קוויטשען, אַז אַלע האָבן אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער, נאָר איך איינער האָב זיך געמאַכט אומשולדיק און געשוויגן. אַן אַנדערש מאָל האָב איך אָנגעפילט מיין טינטער ביז איבערן ראַנד מיט טינט און האָב עס אָוועקגעשטעלט שיף איבערן לעכל פון באַנק — אַזוי, אַז ווען די לערערין האָט מיך אויסגערופן, האָב איך ביים אויפשטיין נאָר איין שאַר געטאָן מיט דער האַנט, און די טינט האָט אַ פליוך געטאָן אויף מיין שכנס וויס פנימל און בלאָנדע לאָקן, און איינגאַנצן פאַרגאָסן זיין מאַטראָסן־קאָלנער. ערשט איצט האָט דער גאַנצער קלאַס אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער! דער קליינער יונגערמאַן האָט זיך צעוויינט; די לערערין האָט געפּרואווט אים איינגעמען, און איך האָב ווידער געמאַכט אַן אומשולדיק רחמנות־פּנימל. אָבער שטילערהייט האָב איך זיך שטאַרק געפרייט, נאָך מער ווי מיט זיין זיסן ראָזשינקע־קוכן מיט פּוטער.

אַזוי האָב איך יעדעס מאָל צוגעטראַכט אַנדערע זביטקעס. דאָ האָב איך געגעבן אַ פּלי אַריין אין באַנק און דערביי מיט מיין שפּיציקן עלנבויגן דערלאַנגט דעם קליינעם באַנקיר אַזאַ זעץ אין די ריפּן, אַז ער האָט שיער נישט איבערגעקערט אַלע אַנדערע קינדער אין באַנק. אַ צווייט מאָל האָב איך ביים אויפהייבן זיך „גאַנץ צופעליק״ אים אַזאַ טרעט געטאָן אויפן פוס, אַז טרערן זיינען אים געקומען אין די אויגן. פלעגט ער זיך שוין היטן פאַר מיר, מורא האָבנדיק פאַר אַ נײַ שפּיצל.

ביז איינמאָל, ווידער אין איבעררייס, קומט ער צו מיר צו:

— פאַרוואָס בעטסטו נישט עפּעס ביי מיר?

— און אַז איך בעט — זאָג איך — ווילסטו דען געבן?

מישט זיך אַריין זיין צווייטער ברודער:

— דו בעט נאָר.

ענטפער איך אָפּ:

— און דו גיב נאָר!

און איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויגן: זיי האָבן שוין געהאַלטן צוגעגרייט פאַר מיר אַ גאַנץ פּעקל עסן, און נאָך אַ באַר דערצו.

זייט דעמאָלט פלעגן זיי מיר שוין ברענגען יעדן טאָג עפּעס אַנדערש צום עסן, אַז ס׳איז געווען אַ פרייד צו גיין אין שולע. האָט שוין דאָס טינטער מער זיך ניט אויסגעגאָסן, ניט געווען מער קיין שפּיציקע שטיינדלעך און טשוועקלעך אונטערן געזעס, און מיינע הענט און פיס האָבן זיך שוין מער ניט פאַרטשעפּעט אָן זיי. מיר זיינען געוואָרן חברים,

און נאָך דער שולע פלעג איך זיי מיטנעמען גנבענען אויבסט אויפן מאַרק. מיר האָבן געהאַט לאַנגע שטעקנס מיט אַ טשוואָק ביים שפּיץ. ווי נאָר אַ זיצערקע האָט זיך אָוועקגעדרייט, האָבן מיר מיטן טשוואָק פאַרטשעפּעט אַן עפּל אָדער אַ באַר, און קאַטשיי אַוועק! מיר זיינען געווען אַ קליינע אָרגאַניזירטע רויבער־באַנדע, וואָס פלעגט באַפאַלן אַ סאָד מיט אויבסט, אָדער בעת אַ שרפה לויפן „ראַטעווען", און דערווייל ווי אַ טשאַטע וואָראָנעס צוכאַפּן וואָס עס האָט זיך געלאָזט. ביים קאָוואַל האָבן מיר „געפונען" (ווען קיינער האָט ניט געזען) שטיקלעך אייזן, פּאָדקאָוועס, טשוועקעס, און פלעגן עס פאַרקויפן דעם פרומאַק מרדכי, וואָס האָט געהאַנדלט מיט אַלטן אייזן־ברוך. לויט די פּרייזן, וואָס ער האָט אונדז דערפאַר געצאָלט, האָט מען שוין געקאָנט זען, אַז ער ווייסט גענוי פון וואַנען די זאַכן שטאַמען. אָבער מיר האָבן אים דערפאַר אָפּגעדינט. מיר זיינען שטענדיק געווען פינף, זעקס חברה־לייט צוזאַמען. איז בשעת איין טייל האָט אים פאַרקויפט און זיך געדונגען, האָט דערווייל דער אַנדערער טייל ביי אים געגנבעט שטיקלעך אייזן פון זיין אייגענער קראָם און עס טאַקע אים אַליין ווידער פאַרקויפט. אַזוי האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז ער האָט ביי אונדז צוויי און דריי מאָל אָפּ־געקויפט די זעלבע פּאָדקאָווע, די זעלבע טשוועקעס — און מיר האָבן געקייכט פאַר געלעכטער. געזען עס גייט, האָבן מיר איינמאָל ביי אים צו־געגנבעט אַן אַלטן סאַמאָוואַר און עס באַלד אויף דער שטעל אים דערלאַנגט צו קויפן. ס'איז אים געוואָרן פאַרדעכטיק. ער האָט גענומען קוקן דאָ אויף אונדז, דאָ אויף זיין קראָם — און אָנגעהויבן אַראָפּנעמען דעם פּאַסיק פון די הויזן. האָבן מיר אים אַ וואַרף געטאָן דעם סאַמאָוואַר אין פּנים אַריין, גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און מער מיט אים קיין געשעפטן ניט געמאַכט.

איינמאָל איז צו אונדז געקומען דער פּריוואַט־לערער פון דעם באַנקיר יונגערמאַנס קינדער און מיך פאַרקלאָגט פאַרן טאַטן, אַז ניט נאָר בין איך אַליין אַ גנב, נאָר איך וויל נאָך יונגערמאַנס קינדער אויך מאַכן פאַר גנבים. האָט דער טאַטע אים אַרויסגעוואָרפן און אים נאָך נאָכגעשריגן, אַז אַ צווייטן מאָל זאָל ער זיך שטאַרק היטן צו רעדן רכילות אויף זיינע קינדער! אָבער ווען דער לערער איז אַוועק, האָט דער טאַטע אַלעמען אַרויסגעשיקט פון שטוב און צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— איך גלויב דעם מענטשן יעדעס וואָרט, וואָס ער זאָגט. נאָר איך וויל עס הערן פון דיר אַליין; זאָג: יאָ, צי ניין. דו לערנסט ביי אַן ערלעכן מלמד, שימשעלע מילניצער, און אין דער תורה שטייט „לא תגנב", זאָלסט נישט גנבענען. כל זמן דו ביזט ניט בר־מצווה, בין איך און דער רבי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיינע זינד. זיי־זשע זיך מודה — יאָ, אָדער ניין — און גיב זיך אַליין אַרויס אַ שטראָף, וויפל שמיץ איך זאָל דיר געבן.

— יאָ — האָב איך אַרויסגעשעפּטשעט אַ פאַרשעמטער און זיך געהייסן געבן 25 שמיץ אין הינטן.

— אויב אַזוי, מיין זון — האָט דער טאַטע געזאָגט — ביסטו נאָך ניט קיין גנב; ווייל גנבים זיינען אויך ליגנערס. זאָג־זשע מיר צו, אַז דו וועסט עס מער קיינמאָל ניט טאָן, און איך וועל דיר שענקען די שטראָף.

איך האָב עס אים צוגעזאָגט. איצט האָט דער טאַטע אַריינגערופן די איבעריקע און געזאָגט צו זיי:

— דער הער יונגערמאַן איז אַליין אַ גנב. ער באַגנבעט גאָט און די מענטשן און די גאַנצע וועלט. דערפאַר האָט ער מורא, אַז אויך זיינע קינדער וועלן ווערן גנבים. מיר זיינען ברוך־השם ערלעכע מענטשן און דאַרפן ניט מורא האָבן פאַר דעם.

כ׳האָב דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען מיין גוטן, קלוגן טאַטן. אָבער אויב ס׳איז דאָ ערגעץ אַ גן־עדן, זיצט ער דאָרט אַצינד און שמייכלט אַוודאי און טראַכט: ווי לאַנג עס דאַרף דאָס נעמען אַ קינד צו פאַרשטיין די פּשוטסטע זאַכן...

אין אַ דינסטיק, בעת דעם יאַריד, האָט פּאַסירט ביי אונדז אַן אויסער־געוויינלעכע זאַך. מ׳האָט אויסגעשפּאַנט אַ לאַנגן שטריק, וואָס האָט זיך געצויגן פון הער בוימאַנס הויכער שטאָקיקער געביידע ביז צום פּאָסט־אַמט. אַ מאַן, אַ פרוי און אַ ייִנגל פון מיין עלטער זיינען געווען אָנגעטאָן אין קאָלירטע טריקאָ מיט פליטערלעך: די מוטער אין גרין, דער פאָטער אין רויט און דאָס ייִנגל אין העל־בלוי. זיי זיינען אַלע אַרויף אויף אַ לייטער. די מוטער האָט גענומען פּויקן, דאָס ייִנגל האָט געגעבן דריי לאַנגע סיגנאַלן אויף זיין טראָמפּייט און דער פאָטער האָט געהאַלטן אַ רעדע: ער רעדט, זאָגט ער, אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. נאָר דאָ רעדט ער פּויליש, ווייל דער הער בירגערמייסטער אַליין רעדט אויך פּויליש. זיי זיינען אַלע דריי גרויסע קינסטלער, אַ סימן — די אַלע אָרדענס און מעדאַלן, וואָס ער האָט באַקומען פון אַלע קייזערס און קעניגן פון דער וועלט. זיי זיינען גע־קומען קיין האָראָדענקאָ ווייזן זייערע קונצן נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן דאָ אַזאַ פיינעם בירגערמייסטער. איצט, זאָגט ער ווייטער מיט כמעט אַ וויינענדיק קול, גייט ער איינשטעלן דאָס לעבן פון זיין איינציק קינד, און אַלץ צוליב דער קונסט. זיין אַכט־יאָריק קינד (פּונקט אין מיין עלטער) וועט באַלד גיין אין דער לופט אויף אָט דעם שטריק פון איין הויז צום אַנדערן. ער פאַרלאַנגט נישט דערפאַר קיין געלט אין פאָראויס, ווייל — גיט ער צו שוין מיט טרערן — אויב מיט זיין קינד זאָל חלילה עפּעס געשען, איז צו וואָס דאַרף ער נאָך דאָס געלט? אָבער אויב דער הער גאָט וועט בשלום אַריבערפירן זיין קינד אין דער לופטן איבער דעם שטריק פון איין הויז צום צווייטן, וועלן ער און זיין פרוי און דאָס קינד זיך דער־

לויבן אַרומצוגיין מיטן היטל און מאַכן אַ קליינע זאַמלונג. ער איז איבער־צייגט, זאָגט ער, אַז אין האַראַדענקאַ געפינען זיך ניט אַזעלכע האַרצלאָזע מענטשן, וועלכע זאָלן אַוועקגיין נאָכדעם ווי מ׳האָט זיי געוויזן אַזאַ גרויסע קונץ. ער איז זיכער, אַז אַלע וועלן שטיצן די גרויסע קינסטלער, וועלכע שטעלן איין זייער לעבן אין קאָן, און וועלכע זיינען פון אַלע קייזערס און קעניגן פון דער וועלט באַשאָנקען געוואָרן מיט אַזוי פיל מעדאַלן.

טויזנטער מענטשן האָבן באַלאַגערט דעם מאַרק און געוואַרט מיט גרויס שפּאַנונג. די עלטערן האָבן צוגעבונדן צוויי שטריק צום קינדס גאַרטל, אים געגעבן אין די הענט אַ לאַנגע שטאַנג „צום באַלאַנסירן“. און דאָס קינד האָט אַרויפגעקלעטערט צום שטריק. צווישן די מענטשן איז געוואָרן טויט־שטיל — מ׳האָט גענומען אַרויפקוקן. דער פאָטער האָט צו אים עפּעס אַרויפגעשריגן, די מוטער האָט געווישט אַ טרער, און דאָס קינד האָט זיך איבערגעצלמט.

— באַטשנאָשטש! אַכטונג! קוקט זיך צו, האָכגעשעצטעס פּובליקום!

— האָט דער פאָטער אויסגערופן אפשר אין צוואַנציק שפּראַכן — די פאַר־שטעלונג הויבט זיך אָן.

באַגאָפּט פון טויזנטער מענטשן, האָט דאָס קינד גענומען שטעלן אַ שריט נאָך אַ שריט, ווי ער וואָלט וועלן אויסטאַפּן דעם שטריק, באַלאַנ־סירנדיק אַלץ מיט דער שטאַנג. ער איז געגאַנגען פּאַוואָליע, שיבנדיק די פיסלעך איבערן שטריק, אַ טריט נאָך אַ טריט, אַלץ ווייטער און ווייטער. דער עולם קוקט צו אַ געפּלעפּטער. ער איז שוין אין מיטן וועג, — אָבער דאָ נעמט ער באַוועגן די שטאַנג צו ביידע זייטן אַראָפּ און אַרויף, און צע־שרייט זיך פּלוצים מיט אַ האַרצרייסנדיק קול:

— פאָטער! דער ווינט!

די צוקוקער ווערן פאַרציטערטע, גויים צלמען זיך. אָבער — גאָט זיי דאַנק, דאָס קינד גייט ווייטער! ער גייט נאָך אַפילו שנעלער ווי פריער. ער באַלאַנסירט מיט דער שטאַנג און גייט אַלץ גיכער און גיכער. נאָך פינף טריט — אָט! ער האָט דערגרייכט דעם דאַך פון דער פּאָסט־געביידע. דער גאַנצער מאַרק צעשרייט זיך, קוויטשעט, טאַנצט פאַר דערלייכטערונג. דער פאָטער, די מוטער און דאָס קינד זאַמלען געלט, און קיינער גייט ניט אַוועק — אַיעדער שטופּט זיך צו זיי צו דערלאַנגען זיין גראָשן.

איך שטיי ניט ווייט פונעם קינד און איך זאַפּ אין זיך אַריין זיין גאַנץ וועזן. אַ מענטש, אַ קינד נאָך ווי איך, האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט זיין לעבן — — איך באַוואונדער אים און בין אים מקנא...

שבת נאָכן עסן רוף איך צונויף מיינע חברים און גלאַט עטלעכע קינדער פון די שכנים. אויף דער ערד ליגט שוין אויסגעצויגן אַ לאַנגער שטריק. איך נעם אונדזער ברויט־לאָפּעטע אין די הענט, פאַרמאַך די אויגן, נעם

צוזאַמען אַלע כחות און הויב אָן שטעלן אַ פוס נאָך אַ פוס איבערן שטריק. איך גיי פונקט ווי יענער, טריט ביי טריט, און אין מיטן מאַך איך זיך ווי איך וואָלט שיער נישט אַראָפּגעפאַלן, און נעם שרייען: „פּאַטער, דער ווינט! פּאַטער, דער ווינט! פּאַטער, דער ווינט!"

די קינדער זיינען באַגייסטערט. מיין ברודער לייבציע קוקט מיך אָן מיט אויפגעריסענע אויגן. מיר רינט שוין דער שוויס פון שטערן, אָבער איך חזר־איבער נאָכאַמאָל די זעלבע קונץ, און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל — און איך שריי ווידער: „פּאַטער, דער ווינט! פּאַטער, דער ווינט!"

שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן; אונדזער בעקעריי איז פול מיט מענטשן. אַ טויבע שכנה פרעגט ביי אַ צווייטער: „וואָס איז דאָ אַזוינס?" שרייט איר די אַנדערע אַריין אין אויער: „איר זעט ניט? אין דער בעקעריי איז הייס צום דערשטיקט ווערן, און ער גייט אַרום און שרייט: פּאַטער, ווינט! פּאַטער, ווינט! ער איז אַוודאי נעבעך משוגע געוואָרן, דאָס אָרעמע קינד!"...

משה „ברעכט מען שויבן"

אין האָראָדענקא זיינען געווען אַ סך שטאָט־משוגענע, אָבער משה דער וואַסערטרעגער איז אויף זיין אופן געווען אַ נוצלעכער משוגענער. אַ הויכער, מיט ברייטע פלייצעס, אַ רואיקער, איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין אייגענע מחשבות און מיט קיינעם ניט גערעדט. האָט מען אים עפּעס געפרעגט (און זייער אָפט, כדי מיט אים זיך צו רייצן), פלעגט ער אַוועק־דרייען דעם קאָפּ, כדי נישט צו דאַרפן קוקן יענעם אין די אויגן, און ענטפערן קורץ, שווער, ווי די ווערטער וואָלטן ערשט באַדאַרפט ביי אים געבוירן ווערן. און שטענדיק האָט ער דערביי אַריינגעמישט אַ צוויי, דריי ווערטער, וואָס האָבן ניט געהערט צום ענין. איינמאָל, ווען איך בין מיט ווייס־חברה פאַרבייגעגאַנגען דעם מרחץ, האָבן מיר אים דערהערט שרייען און קריגן זיך מיט אַזעלכע באַנומענע, פאַרשטיקטע קולות, אַז מיר האָבן געמיינט עמעצער איז אים באַפאַלן און וויל אים וואַרגן. מיר האָבן פון דרויסן געעפנט דאָס פענצטער און דערזען ווי ער שטייט אין דער מיט פונעם האַלב־טונקעלן באָד, וואַרפט מיט די הענט און רעדט ווי צו קיינעם נישט: „איז אויסגעוואַקסן אַ לייטער צום הימל . . . און בליצן זיינען גע־פלויגן אויף פאַרכאַטע קעפּ!! און צוליב דעם ברעכט מען שויבן? גאַנצע ברונעמער אין פנים געשפּיגן . . . און ביימער ווי צומעס געשליידערט אין אָפּגרונט . . . און דעריבער ברעכט מען שויבן?? געאַקערט גמרא מיטן גראָבן פינגער . . . און געטריבט דאָס בלוי פון הימל . . . דערפאַר ברעכט

מען שויבן?? ברעכט מען שויבן? ברעכט מען שויבן?" — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן.

קודם זיינען מיר געשטאַנען צעשראָקענע, געקוקט און געגאַפט, און ענדלעך האָבן מיר אָנגעהויבן אים נאָכקרומען: „אויף לייטערס פאַרכאַטע קעפּ אין הימל געוואַקסן — ברעכט מען שויבן, משה? ברעכט מען שויבן?? ברונעמער מיט באַלקנס געשלונגען און געשפּיגן — משה, ברעכט מען שויבן? גערויבטע גמרות אין בלויען הימל — ברעכט מען שויבן, משה? ברעכט מען שויבן? ברעכט מען שויבן??"

ווי נאָר ער האָט אונדז דערזען, איז ער תיכּף געוואָרן רואיק און זיך גלייכגילטיק אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, ווי גאָרנישט וואָלט געווען. מיר זיינען ווייטער געלאָפן זיך שפּילן; אָבער זייט יענעם טאָג האָט מען אים שוין אין גאַנצן שטעטל גערופן „משה ברעכט מען שויבן".

„משה ברעכט מען שויבן" איז געווען אָנגעטאָן אין טראַנטעס, אָבער אַנדערש ווי די איבעריקע שטאָט-משוגענע. די שמאַטעס אויף זיין לייב זיינען געווען ריין און אַרומגעבונדן אַרום זיינע פיס מיט שטריקלעך. סיי זומער סיי ווינטער איז ער געגאַנגען באָרוועס; און ער האָט געהאַט זייער שיינע פיס. איז ער הונגעריק געוואָרן, האָט ער גענומען צוויי קענדלעך פון באַד און געטראָגן וואַסער. וואַסער פאַר עסן. געוויינטלעך פלעגט ער ברענגען דאָס וואַסער גלייך אין דער בעקעריי און דערפאַר באַקומען אַן אַלטן לאַבן ברויט. אָבער פאַרלאָזן זיך אויף אים האָט מען ניט געקאָנט, ווייל ער פלעגט טראָגן וואַסער נאָר ווען ער איז געווען הונגעריק. זאַט געוואָרן, האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס וואַסער טראָגן און ווידער זיך פאַר־קליבן ערגעץ אין מרחץ, אָדער אויף אַ הויפן שטרוי אין אַ שייער, וואו ער פלעגט ליגן און שטילערהייט רעדן צו זיך אַליין.

ווען קינדער האָבן זיך געטשעפּעט צו אים, פלעגט ער זעלטן ווען זיך אומקוקן אויף זיי. קוים אָבער האָט אַ דערוואַקסענער חברה-יונג אים דערקוטשעט, איז ער באַלד געוואָרן ווילד, אָנגעהויבן קריצן מיט די ווייסע ציין און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן גענומען אַרויספינקלען פון זיין טונקל, באַוואַקסן פּנים. ווייס־חברה האָבן זייער שטאַרק זיך געהיט פאַר אַ קלאַפּ פון זיינע קנאָכיקע הענט, וואָס פלעגן געמיטלעך זיך נאָכטאַלעפּען צו ביידע זייטן פון זיינע ברייטע אַקסל.

„משה ברעכט מען שויבן" איז ניט געווען קיין האָראָדענקער; געקומען פון ערגעץ — קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען; מ'האָט וועגן דעם ניט גערעדט. ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם וועג פון לעבן; איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אַ פּערזענלעכקייט: האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזאַ ווירדיקע איידלקייט, וואָס האָט געשאַפן אַ מין מחיצה צווישן אים און אַנדערע. וואָס קאָן שוין זיין ערגער ווי אַ שטאָט-משוגענער? און דאָך

האָט יעדער געוואוסט, אַז „משה ברעכט מען שויבן“ איז אַן אמתער יחסן אין פאַרגלייך מיט די דורכשניטלעכע באַלעבעסלעך אין האָראָדענקאַ — פון שטאָט־משוגענע שוין אָפּגערעדט.

איינמאָל, אום פסח, האָט אים עמעצער געגעבן אָנצוטאָן אַ ריין העמד און אַן אָנצוג. איז ער, אַן אָפּגעוואַשענער, אַרומגעגאַנגען איבער די הינטערגעסלעך און זעלטן שיין אויסגעזען. מ׳האָט אים נאָכגעקוקט פון אַלע זייטן — אין גאַס, פון פאַר די טירן, דורך די פענצטער — פונקט ווי מ׳וואָלט אים צום ערשטן מאָל געזען. ווייבער האָבן זיך געדרויטלט, און מאַנסבילן האָבן אים באַטראַכט מיט שטומער אייפערזוכט; באַלמעלאָכעס האָבן אים מקנא געווען מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, די לערנער — מיט זיין איידל פּנים, און קיינער האָט אפילו מער ניט געוואַגט אָפּצוחוזקן פון אים. מען האָט אָנגעהויבן זיך שושקען, אַז „משה ברעכט מען שויבן“ איז נישט גלאַט „אַבי ווער“, אַז ער איז גאָרנישט קיין משוגענער. די פרומע חנה רחל, די פירזאָגערין, האָט געשוואוירן, אַז זי האָט מיט אירע אייגענע אויגן געזען די שכינה אויף זיין פּנים. דער קרומער יאָשע, דער שניידער מיטן לונגען־פעלער, האָט זיך געוואונטשן, אַז „הלוואי אויף זיינע זיבן קינדער געזאָגט געוואָרן“ — „משה ברעכט מען שויבן“ איז נישט אַנדערש ווי אַ לאַמעד־וואָווניק. חיים באַלעגאָלע ווידער האָט געטענהט אויף זיין אופן: פאַר אַזאַ איינעם קאָנען זיך אַמאָל די הימלען עפענען. אויב האָראָדענקע זאָל אים נישט ריכטיק באַהאַנדלען, קאָן ער נאָך דאָרטן אַזאַ קנאַל טאָן מיט דער הימלישער בייטש, אַז גאַנץ האָראָדענקע זאָל אָפּגעווישט ווערן פון דער וועלט! „אַ קלייניקייט — האָט אַן אַנדערער צוגעגעבן — דו שפּילסט זיך מיט אַ לאַמעד־וואָווניק!“...

אָבער אין אמתן איז משה געווען אַ בחור פון בראָד — די באַרימטע שטאָט אין גאַליציע, ביי דער רוסישער גרענעץ. ער האָט געזאָלט דאָרט חתונה האָבן מיט חנה שפּרהן, די דינסט ביים רייכן קרעמער ר׳ האָראָוויץ. איז אָבער די קרענקלעכע מאַדאַם האָראָוויץ פּלוצים געשטאָרבן, און דעם פעט־לייביקן גביר האָראָוויץ האָט זיך פאַרגלוסט, גאַנץ בראָד אויף להכעיס, חתונה צו האָבן מיט דער געזונטער און פעטער דינסט.

אין דער חופּה־נאַכט, ווען מ׳האָט דאָס נייע פּאָרל געפירט שלאָפן, האָט משה אויסגעזעצט ביים גביר אַלע שויבן און איז פאַר בושה און ערגערניש אַנטלאָפן קיין האָראָדענקאַ.

ערשט דאָ, אין האָראָדענקאַ, איז ער משוגע געוואָרן. האָט ער געטראָגן וואַסער, ווען ער איז געווען הונגעריק, און איז געשלאָפן אין מרחץ, אָדער אויף שטרוי אין אַ סטאַדאָלע. דעמאָלט האָבן די האָראָדענקער קינדער אים אַ נאָמען געגעבן „משה ברעכט מען שויבן“, און מיט דער צייט האָבן יידן אָנגעהויבן אים האַלטן פאַר אַ לאַמעד־וואָווניק.

די משפּחה ווערט קלענער — די אָרעמקייט גרעסער

אַלץ אין דער וועלט האָט זיך זיין אָרדענונג — אַפילו אין דער אומ־אָרדענונג איז פאַראַן אַ געוויסער סדר. אויך אין דער צעשויבערטקייט פון אונדזער משפּחה איז געווען אַ געוויסע רגילות. דער עלטסטער ברודער האָט מיט זיין נדן געהאָלפן דעם טאַטן צו עפענען אַ בעקעריי, און אַליין האָט ער געלעבט אין דאָרף פּונקט ווי מיר האָבן אַמאָל דאָרט געלעבט. זיין ווייב האָט אים יעדעס יאָר געבוירן אַ קינד, גענוי ווי אונדזער מאַמע פלעגט עס טאָן, האָבן זיך אים באַזעצט זאָרגן אויפן פּנים און קנייטשן אויפן שטערן, פּונקט ווי ביי אונדזער טאַטן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט אונדזער ברודער יאַנקל, דער וויצלער, איינגעפּאַקט זיין קופערטל און זיך אויסגעשניצט אַ נייעם שטעקן פון אַ שמעקעדיקער ווײַנשל־צווייג. און ווען דער טאַטע האָט אים געפרעגט וואָס דאָס מיינט, האָט אים יאַנקל דערציילט, אַז אין דער אונגאַרישער שטאָט מישקאָלץ האַלט אַ רייכער, קינדערלאָזער מאַן ביים שטאַרבן; האָט ער געשיקט נאָך יאַנקלען, ער זאָל קומען ירשענען זיין פאַרמעגן.

— גראָד געשיקט נאָך דיר? — שמייכלט דער טאַטע.

פאַרענטפערט עס יאַנקל מיט דעם, אַז עמעצער האָט דערציילט דעם רייכן מאַן וואָס פאַר אַ קאָמישע קונצשטיק יאַנקל קאָן באַווייזן; האָט ער נאָך אים געשיקט, ווייל ער וויל נאָך איין מאָל לאַכן איידער ער שטאַרבט. און באַלד טאַקע האָט יאַנקל אָנגעהויבן רעדן ווי אַ בויך־רעדנער, האָט פאַרדרייט די אויגן און אויסגעקרומט די פּיס ווי אַ רייף, זיך צעבילט ווי אַ הונט און זיך געלאָזט לויפן נאָך אונדז, געמרוקעט ווי אַ קו און געקרייעט ווי אַ האָן, און אַלע אין שטוב האָבן האַרציק געלאַכט. און אַז דער טאַטע האָט אים געפרעגט ווען ער דענקט צוריקצוקומען, האָט יאַנקל אַ נעם געטאָן דעם שטעקן אין האַנט, און מיט אַן אָפּגעווענדטן בליק שטילערהייט, ווי פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן גאַנץ ערנסט:

— דער רייכער מאַן פאַרמאָגט גאַנצע קאַמערן מיט גאָלד. באַלד נאָך זיין טויט, ווי איך וועל נאָר פאַרטיק ווערן מיטן איבערציילן זיין פאַרמעגן, וועל איך צוריקקומען מיט צוויי פּאָר פערד נאַשפּיץ און וועל מיטברענגען פאַר אייך אַ פולן וואָגן גאָלדענע מתנות.

דערנאָך האָט ער גענומען זיין קופערטל, געזאָגט, אַז ער קומט באַלד צוריק זיך געזעגענען, און איז אַוועק.

ער איז קיינמאָל ניט צוריקגעקומען. מיר האָבן אים מער נישט געזען און נישט געהערט פון אים. און האָט עמעצער געפרעגט אויף אים, פלעגן מיר ענטפערן: „אַ, יאַנקל — אַלץ הייסט גליקלעך! ער האָט געירשנט

אַ רייכן מיליאָנער ערגעץ ווייט אין אונגאַרן; גייט אַרום אין סאַמעט און אין זייד און ציילט דאָרט די קאַמערן מיט גאָלד; און באַלד ווי ער איז פּאַרטיק, קומט ער גלייך אַהיים, נעמט אונדז אַהין אַריבער און מאַכט אונדז אַלעמען גליקלעך.״

אַזוי האָבן מיר געוואָרט אויף אים דאָס גאַנצע לעבן.

דער צווייט־עלטסטער ברודער, אברהם, איז איינמאָל אַוועק מיט די באַלעגאָלעס קיין לעמבערג און איז שוין דאָרט פֿאַרבליבן. נאָך אַ שטיקל צייט איז ער אַהיימגעקומען, שוין שטאָטיש געקליידט, מיט מתנות, האָט געשמייכלט אַ גליקלעכער, און געבעטן דער טאַטע זאָל מיט אים פֿאָרן קיין לעמבערג אָנקוקן זיין כלה. ער וויל, זאָגט ער, וויזן די מענטשן, אַז אויך ער איז ניט פֿון קיין שטיין געבוירן, און זאָל טאַקע דער טאַטע אים באַשיינען די חתונה.

האָט דער טאַטע, אַ באַגליקטער, אָנגעטאָן זיינע שבתדיקע בגדים און איז מיט אים געפֿאָרן פּראַווען אַ חתונה. צוריקגעקומען, האָט דער טאַטע דערציילט גאַנצע וואונדער וועגן אברהמס שיין ווייבל און וועגן דער גרויסער שטאָט לעמבערג: אברהם האַנדלט דאָרט מיט אויבסט און איז אָנגעזען ביי מענטשן; קיינער רופֿט אים גאָר נישט קיין צו־נעמען און לאַכט נישט פֿון אים ווען ער רעדט; אַלע מענטשן דאָרט זיינען פּריינטלעך, לעבן בשלום צווישן זיך; אַלע אַרבעטן און פֿאַרדינען אַסך געלט און האָבן נישט קיין ליידיקע צייט, ווי ביי אונדז אין האָראָדענקע, צו טרייבן רכילות און אָפּשפּעטן איינער פֿון צווייטן — אַ קלייניקייט, אַ כרך לעמבערג!

דעם טאַטנס אָנדערציילן זיך האָט אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז שטילערהייט האָט איעדער פֿון אונדז זיך געוואונטשן צו קאָנען אַנטלויפֿן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, וואו אַלע אַרבעטן און זיינען פּריינטלעך צווישן זיך, און האָבן נישט קיין צייט אויף קיין רכילות און אָפּשפּעטעריי.

אַזוי זיינען ברוך־השם זיך צעקראָכן פֿון דער היים שוין פֿיר ברידער.

ווען מיר האָבן געעפֿנט די בעקעריי, איז אונדזער שוועסטער, רחל, צוריק אַהיימגעקומען. זי איז געווען, האָט זי געזאָגט, אין וויזשניץ ביי דער מומע טויבע, דעם טאַטנס שוועסטער, און האָט זיך דאָרט געלערנט זיין אַ מאָדיסטקע. זי האָט טאַקע געמאַכט, פֿון שטאָף, דראָט און שטרוי, זייער שיינע היטעלעך. קיינער האָט זי ניט געפֿרעגט וועגן איר פּריינט איוואַן. אַלע זיינען געווען צופֿרידן וואָס זי איז ווידער אין דער היים און מ׳האָט פֿאַרשטאָפּט מיט דעם לייטישע מיילער. זי איז אַ סך אונטערגעוואַקסן און געווען נאָך שענער ווי פֿריער. איצט איז ביי אונדז יעדן שבת פֿול געווען די שטוב מיט בחורים, וועלכע זיינען געקומען קלאַמפּערשט מיט אַן אויסרייד זיך צו חברן מיט די ברידער, אין אמתן אָבער זיינען זיי געקומען זען רחלען. אונדז האָט עס געערגערט, ווייל מיר אַליין האָבן דאָך אויס־

גערעדט די שמד אויף מיידלעך, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען מיט בחורים. מיר האָבן געוואָלט אָפּהיטן דעם כבוד פון דער פאַמיליע — סיי ווי ברידער, סיי ווי שוין דערוואַקסענע מענער; און טאַקע אַביסל אויס קנאה אויך — און מיר האָבן געוואָרנט אונדזער שוועסטער. אָבער זי האָט זיך געמאַכט אַ פּיס־באָד פון אונדז. זי האָט ווייטער מיט זיי געשטיפּט, געוואונקען מיט אירע בלישטשענדיקע, שוואַרצע אויגן, געשמייכלט מיט אירע גרויסע, שניי־ווייסע ציין און מיט די צוויי חן־גריבעלעך אין אירע קיילעכדיקע, פאַרפלאַמטע בעקלעך, און האָט פון יעדן וואָרט זייערן, פון יעדער נאַריש־קייט געלאַכט און געהירזשעט ווי אַ ווילד לאָשעקל. דאָס האָט אונדז נאָך מער פאַרדראָסן און מיר האָבן זי כמעט פיינט באַקומען; וואָרים מיר האָבן זיך גענוג אָנגעהערט פון די בחורים שמוציקע באַמערקונגען וועגן אַנדערע מיידלעך.

ביז איינמאָל אַ טאָג האָבן מיר געהערט פון אַ בחור אַן ענלעכע באַ־מערקונג וועגן אונדזער שוועסטער. האָבן מיר קודם מיט אַ שטיין געעפנט דעם בחור דעם קאָפּ. דערנאָך זיינען מיר אַוועק אַהיים און געפּאַקט אונדזער שיינע שוועסטער ביי די צעפּ. דער טאַטע האָט זיך אַריינגעמישט, און מיר האָבן זיך צעוויינט און דערקלערט, אַז מיר ווילן נישט האָבן קיין שוועסטער אַ קורווע. האָט אויך רחל זיך צעוויינט, און דער טאַטע האָט אונדז גוט אויסגעשטראָפט, אַז ער וויל מער נישט הערן אַזעלכע רייד ביי אונדז אין שטוב! אונדזער משפחה איז ריין פון אַזעלכע זאַכן.

מער האָבן מיר וועגן דעם ניט גערעדט. נאָר רחל איז זייט דעמאָלט געוואָרן ווי אַן אַנדערע. זי איז שוין געוועזן אַ סך פאַרזיכטיקער, פלעגט גיין שפּאַצירן בלויז מיטן טאַטן, און איז אָפּט אויך געזעסן ביי אונדזער שטעל אין מאַרק און פאַרקויפט געבעקס. אָבער אַ צייט שפּעטער האָבן מיר געפונען ביי איר נאָזטיכלעך מיט אַן אויסגעהעפטן ליבעס־שפּרוך און מיט אויסגעשטיקטע נעמען פון איר און דעם יונגנמאַן, מיט וועמען זי האָט געפירט אַ „געהיימע ליבע‟. ס'האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ קריגעריי און דעם מאָל איז שוין רחל אינגאַנצן אַוועק צו דער מומען אין ווישניץ.

ביי אונדז האָבן אויך געאַרבעט צוויי געדונגענע געזעלן. איינעם פון זיי האָט מען גערופן „דאָס פּעסל‟. ער איז געווען דיק און קרעפּטיק און באַקומען אַ גולדן־פּופּציק אַ וואָך מיט „קאָסט און קוואַרטיר‟, — וואָס האָט געמיינט צו שלאָפן אום זומער אויף די זעק מעל און אום ווינטער אויפן פּיעקעלעך. אַזוי זיינען מיר אַלע געשלאָפן זאַלבענאַנד. איך האָב מקנא געווען דאָס „פּעסל‟ צוליב אַ סך זאַכן: נאָך דער אַרבעט האָט ער זיך געקאָנט גיין שפּאַצירן, און האָט געהאַט גענוג געלט זיך צו קויפן, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, בעת מיר, די אייגענע קינדער, פלעגן אי מער אַרבעטן, אי ניט קריגן דערפאַר באַצאָלט. ער האָט אויך געהאַט גאָלדענע

הענט. פון אים האָב איך טאַקע זיך אָפּגעלערנט צו אַרבעטן געשווינד, אויף גיך, און מיט דער צייט בין איך געוואָרן דער פלינקסטער בייגל־פּלעכטער און זעמל־קנעטער.

דער עלטסטער ברודער אין דער היים איז איצט געווען לייבציע. העל־בלאָנד, זעכצן יאָר אַלט, האָט ער אָבער אויסגעקוקט פיל עלטער, ווייל ער איז געווען הויך, ברייט און אַביסל שווערלעך. ער איז געווען דאָס פּעטסטע קינד צווישן אונדז און האָט אָנגעהויבן גיין און רעדן ערשט ביי פינף יאָר. וועגן אָנטועכץ האָט לייבציע זיך ניט געזאָרגט; ער האָט אָבער ליב געהאַט גוט צו עסן, און ביינאַכט, ווען אַנדערע זיינען געשלאָפן, פלעגט ער אַליין זיך אָפּקאָכן די בעסטע מאכלים און זיך טיילן מיט מיר. אַ שטילער געווען, קיינמאָל זיך ניט געקריגט און האָט געקאָנט פון זיך אָוועקגעבן די נשמה. ממש קיין גאַל אין זיך ניט געהאַט. זייט מיר זיינען ביידע געלעגן קראַנק אויף טיפוס, זיינען מיר געוואָרן די אמתע גוטע־ברידער: איך האָב ליב באַקומען זיין שווערע אַרבעט און אים איז געפעלן געוואָרן מיין פלינקייט. איך דער איינציקער האָב געוואוסט, אַז פרייטיק־צו־נאַכטס נאָכן עסן גייט ער אין באָרדעל מיט פאַרשיידענע מתנות. אַמאָל, אין אַ וואָכנטאָג, פלעגט ער אויך מיט מיר אַריבערשיקן אַ פּאָר זיידענע זאָקן, אַ קאָלירט טיכל אָדער טשאָקאָלאַדע פאַר דער קליינער פּראָסטיטוטקע סאַלקע, אין וועלכער ער איז געווען שטערבלעך פאַרליבט. זי ווידער פלעגט אים דורך מיר איבערשיקן בריוולעך, וועלכע איך האָב אים באַדאַרפט פאָרלייענען, ווייל ער אַליין האָט ניט געקענט לייענען און שרייבן. איך האָב אים אויך אָנ־געשריבן די ענטפערס צו איר, וואָס איך פלעג צוזאַמענשטעלן פון אַ בריוו־שטעלער. גאַנצע דריי בריוו־שטעלערס האָב איך געקענט פון אויסנווייניק. זייער אָפט פלעג איך אויך פאַר אים גנבענען געלט ביים טאַטן. אַזוי אַרום זיינען מיר געוואָרן אמתע פריינט: איך האָב באַוואונדערט אין אים דעם מאַנסביל, און ער אין מיר די געשיקטקייט און וואוילקענעוודיקייט.

סאַלקע איז שפּעטער קראַנק געוואָרן. מ׳האָט זי געמוזט אָוועקנעמען אין שפּיטאָל און פון דאָרט אין אַן אַנדערער שטאָט. איז מיין ברודער געוואָרן נאָך שווייגנדיקער און אָנגעהויבן אויסקוקן שלעכט. ביז איין מאָל אין דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן און לייבציע האָט פאַר אונדז ביידע געבראָטן אַ שטיק לעבער אויף קוילן, זאָגט ער מיר, אַז ער האָט פאַר מיר אַ סוד; אָבער איך מוז די וואָך גנבענען פאַר אים כאָטש אַ צוויי גולדן. איך האָב עס פאַר אים געטאָן. שבת נאָכן עסן רוימט ער מיר איין, אַז איך זאָל זיך טרעפן מיט אים ביי דער געריכטס־געביידע. דאָס האָט מיך געמאַכט שטאַרק נייגעריק און איך בין זיך פאָרגעקומען געוואַלדיק וויכטיק.

איך בין געווען אויפן באַשטימטן פּלאַץ נאָך פאַר אים. פון דאָרט

זיינען מיר אַוועק הינטער דער שטאָט, און ערשט דאָ האָבן מיר זיך אַוועק־געזעצט ביים ריוו, און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן: ער קאָן מער נישט בלייבן אין דער היים און ער מוז אויך אַוועק. מיר האָבן זיך ביידע צע־וויינט, און ער האָט מיר צוגעזאָגט מיך צו באַציען אומעטום, וואו ער וועט נאָר זיין. ס׳איז אַפילו בעסער, זאָגט ער, וואָס ער, דער גרעסערער, גייט פריער אַוועק — וועט ער טאַקע זיך קאָנען אומקוקן וועגן מיר אויך.

מיר האָבן זיך צעקושט, און איך בין געבליבן ווי אַ פאַרשטאַרטער אויפן אָרט. ער האָט זיך נאָך עטלעכע מאָל אומגעקוקט, צוגעוואונקען מיטן היטל, ביז ער איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, אָט שוין ווי אַ שטיקל בליישטיפט גרויס, און איז פאַרשוואונדן.

איך בין אַהיימגעגאַנגען אַ צעבראָכענער. אויף דער נאַכט בין איך אַריין אין דער בעקעריי און זיך גענומען צו לייבציעס אַרבעט: פאַרקנאָטן דאָס ברויט און ראָשטשינעט אויף חלה. ווען דער טאַטע איז אָנגעקומען און דערזען, אַז לייבציע איז ניטאָ, האָט ער בלויז אַ זאָג געטאָן:

— מיינע ליבע קינדערלעך זיינען ווי די פייגל פריי — קוים דערפילט פעדערן, הויבט מען זיך אויף און מען אַנטלויפט אָן אַ וואָרט צום טאַטן, אָן אַ זיי־געזונט... נו, מסתם דאַרף אַזוי זיין...

כ׳האָב זיך געשעמט וואָס איך דערצייל ניט אַלץ דעם טאַטן, אָבער איך האָב פלייסיק געטאָן לייבציעס אַרבעט און שטילערהייט געבענקט נאָך אים. אַ האַלב יאָר שפּעטער איז געקומען פון אים אַ פּאָסט־קאַרטל. דער טאַטע האָט אָנגעטאָן די ברילן און פאַרגעלייענט אויפן קול: „ליבער טאַטע, איך האָב דיר ביז איצט ניט געשריבן, ווייל דו האָסט מיך ניט געלערנט שרייבן און לייענען. אָבער איצט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פיין מיידל, און זי שרייבט פאַר מיר. איך אַרבעט אין סטאַניסלאַוו ביים בעקער סייבאָלד און בין גאָט זיי דאַנק געזונט. דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן. דיין געטרייער זון לייבציע.״

דער טאַטע האָט אויסגעטאָן די ברילן, אַריינגעלייגט אין דער שקאַ־טולקע, און צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער זיין באָרד. צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען וויינען.

אַזוי איז אונדזער משפחה געוואָרן אַלץ קלענער, אָבער די אָרעמקייט גרעסער. מיר האָבן שוין געהאַט פאַרבאַקט דעם ברודערס גאַנצן נדן און מער ניט געקאָנט אָנהאַלטן די בעקעריי; מיר זיינען געוועזן באַנקראָט.

אונטערגעוואַקסן אַביסל, האָב איך אויפגעהערט גיין אין שולע און זיך אָנגעשטעלט פאַר אַ געזעל ביי אַן אַנדערן בעקער, טאַקע ביי אונדזער געוועזענעם קאָנקורענט. אַזוי איז מיר געוועזן בעסער; מיט מיינע צען יאָר בין איך שוין געוועזן אַ זעלבשטענדיקער מענטש און זיך געקאָנט אַליין מפרנס זיין. דאָס האָט מיר שפּעטער אַ סך געהאָלפן אין מיין לעבן.

מיין ברודער שמואל, מיט דער רייכער פֿאַנטאַזיע, קומט צוריק

עטלעכע יאָר נאָך שמואלס פֿאַרשווינדן, איידער מיר האָבן פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף, האָבן גויים דערציילט, אַז זיי האָבן געזען שמואלן אויפֿן פֿערד־מאַרק. אין אָוונט איז געקומען דער פֿעטער לייזער אָפּגעבן מזל־טוב — ער האָט אויפֿן יאַריד גערעדט מיט שמואלן, ער קומט אַהיים. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ פֿולע שטוב בהורים און פּאַראָבקעס, שמואלס חברים; ס׳איז געקומען אויך אלקנה דער קרעטשמער—אַלע האָבן געוואָלט הערן די גרויסע נייעס, וואָס שמואל האָט צו דערציילן פֿון דער גרויסער וועלט. מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט ביז שפּעט אין דער נאַכט — שמואל איז נישטאָ.

אָבער אין דערזעלבער נאַכט איז פֿון יוז פּעדאָרקיווס שטאַל פֿאַר־שוואונדן זיין בעסט פֿערד, אַ דריי־יאָריק שקאַפּקעלע. דאָס דאָרף האָט געקאָכט. אויפֿן צווייטן יאַריד האָט יוז פּעדאָרקיוו דערקענט זיין שקאַפּע ביים פֿערד־הענדלער מענדל שפּירער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעריי. מענדל האָט זיך געשוואוירן, אַז ער האָט דאָס פֿערד געקויפֿט ביי גראַנאַכס אַ זון, און היינט האָט ער אים באַדאַרפֿט ברענגען די פּאַפּירן.

— אויב אַזוי — האָט פּעדאָרקיוו געטענהט — האָסטו סיי־ווי ניט קיין רעכט אויפֿן פֿערד.

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿרישע קריגעריי. אונדזער עלטסטער ברודער, שכנא, וועלכער האָט תמיד געזוכט אָפּצוהיטן דעם כבוד פֿון אונ־דזער משפּחה, איז אַריין מיטן פֿערד־הענדלער און מיט יוז פּעדאָרקיוו אין אַ שענק, און ביי עטלעכע גלעזער ביר האָט מען זיך געאייניקט, אַז אַלע דריי דאַרפֿן בשותּפֿות טיילן דעם שאָדן, און פּעדאָרקיוו האָט צוריקגעקראָגן זיין שקאַפּע.

יאָרן זיינען אַוועק. מיר האָבן שוין געוואוינט אין האָראָדענקאַ און די מעשה מיטן פֿערד איז שוין לאַנג געווען פֿאַרגעסן. פּלוצים יאַוועט זיך שמואל. ער איז אַלט געוואָרן 21 יאָר און זיך באַדאַרפֿט שטעלן פֿאַר אַ זעלנער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שיינעם פֿוטער מיט אַ קרימסקע קאָלנער און געטראָגן רייט־הויזן מיט ברוינע שטיוול, ווי אַ קאַוואַלעריע־אָפֿיציר. אויף שבת האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ שוואַרצן אָנצוג מיט לאַקירטע שיך, און די לעדערנע הענטשקעס האָט ער געטראָגן אין האַנט, מען זאָל אָנזען די רינגען אויף זיינע פֿינגער. אין דער געפּלאָכטענער אָקסן־בייטש איז ער געגאַנגען אַרויס אין גאַס. דעם גרינעם סאַמעטענעם קאַפּעליוש האָט ער געטראָגן אַביסל אויף אַ זייט, כדי עס זאָל זיך אַרויסזען די לאַנגע טשופּרינע פֿון זיינע געקרייזלטע האָר. קיין יידיש וואָרט האָט ער נישט

געוואָלט נעמען אין מויל אַריין — ער רעדט נאָר „דאַאַטש". די מאַמע האָט זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל כאָטש מיט איר רעדן יידיש — זי וויל פאַרשטיין וואָס ער רעדט.

— ניין, מאַמער — האָט ער געטענהט — ניקס יודיש. איש קאָם פאָן מיסלאָוויץ (אַ קליינער העק לעבן מעריש אָסטראָו, אין אַמאָליקן עסטרייך), וואָ נור שפּרעכען דאַאַטש.

ער האָט אַלעמאָל געוויזן זיין גרויסע בריוו־טאַש, פול געפּאַקט מיט באַנקנאָטן, און האָט זיך באַרימט, אַז ווען ער וויל, קאָן ער איצט קויפן אַפילו אַ גוט. אויפן יאַריד האָט ער זיך טאַקע געקויפט אַ שיין פערדל, אויף וועלכן ער פלעגט אַרומרייטן איבער דער געגנט און רעדן „דאַאַטש".

איינמאָל האָט ער פאַרגעסן די בריוו־טאַש אין דער היים. אונדזער שוועסטער איז געווען נייגעריק צו זען וויפל מיליאָנען ער האָט אַהיימגעבראַכט, און זי האָט עס געעפנט. פונקט פינף־און־זעכציק קראָנען אמת געלט איז געווען אין בריוו־טאַש! אחוץ דעם זיינען דאָרט געלעגן אַ סך פּאַפּירלעך, אָפּגעדרוקט פון איין זייט ווי אַ טויזנטער, אָבער אויף דער אַנדערער זייט איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן: „פונקט אַזוי פיל האָט די ווערט איין גלאָז פּילזנער ביר, וואָס מיר פאַרקויפן פאַר פינף קרויצער — גאַסטהויז 'צור גלאָקע' אין מיסלאָוויץ."

דער סוד האָט נאָך דעמזעלבן טאָג זיך צעטראָגן איבער די הינטערגעסלעך, און אַלע האָבן זיך געפרייט וואָס אַפילו אין מיסלאָוויץ וואַלגערן זיך ניט קיין מיליאָנען אין די גאַסן. אָבער אונדזער ברודער, וועלכן מען האָט ביז איצט גערופן „שמולקע קאַניוך", האָט איצט באַקומען אַ נייעם צו־נאָמען: „דער דאַאַטש מיט די מיליאָנען". דער טאַטע האָט געשמייכלט און פאַרזיכערט, אַז מיט דער צייט וועט שוין שמואל זיך ווידער אויסלערנען יידיש און זיך צוגעווייגען, אַז אין האָראָדענקע קאָן מען לעבן אויך אָן מיליאָנען.

מיר האָבן געהאַט אין שטאָט אַ ווייטע קרובה, וועלכע מיר האָבן גערופן מומע העניע. זי האָט געהאַנדלט מיט געננדז און הינער, און האָט געהאַט דריי דערוואַקסענע קינדער: צוויי אויסגעגעבענע זין, שטאַרקע, געזונטע חברה־לייט, איינער אַ באַלעגאָלע, דער אַנדערער אַ טרעגער; און אַ נאַרישע מויד, צעוואַקסן ווי אַ קו. אין אַ שבת נאָכן עסן איז שמואל מיט איר געגאַנגען הינטער דער שטאָט און זיך אַוועקגעלייגט מיט איר אין תבואה־פעלד. קעגן נאַכט צו איז די מויד געקומען צולויפן מיט אַ יאָמער און געקלאָגט:

— מאַמע! שמואל, אין פעלד, האָט מיר עפּעס אָפּגעטאָן! העלף מיר, מאַמע, העלף! איך בין אַזוי אומגליקלעך...

מענטשן זיינען זיך צונויפגעלאָפן. די מומע העניע האָט געשיקט

נאָכן טאָטן. נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט דער מומע העניע, איז דער טאַטע צוריקגעקומען אַהיים און נאָר בייזלעך אַ וואָרטשע געטאָן:

— ער האָט זיך אָפּגעלערנט מיאוסע שטיק פון די „דאַטשן״!...

מען האָט געוואַרט ביז שמואל איז אַהיימגעקומען. אין שטוב איז שוין געווען טונקל, אָבער מען האָט נאָך ניט געטאָרט קיין ליכט אָנצינדן. דער טאַטע האָט ניט געוואַרט אויף קיין הבדלה און באַלד זיך גענומען צו שמואלן:

— הער אויס, סינאַק מיינער: מילא, איך האָב גאָרנישט געזאָגט וואָס דו האָסט אַרומגעפּלאַפּלט אויף דיין נאַריש דייטשמעריש; איך האָב קיין וואָרט נישט געזאָגט, ווען דו האָסט אַלעמען גענאַרט מיט דיינע גע־דרוקטע שמאַטעס, אַז דו ביזט אַ מיליאָנער; איך האָב דיך קיינמאָל ניט געפרעגט וועגן דיינע פערד־עסקים. אָבער ווען דו מיינסט, אַז ווייל דו גייסט אין רייט־הויזן מיט אַ פוטער און מיט לאַקירטע שיך, האָסטו שוין אַ רעכט זיך אויפצופירן ווי אַ ליידאַק, מאַכסטו אַ גרויסן טעות. קודם וועל איך דיך אַזוי לאַנג שלאָגן מיט דיין אייגענעם געפלאָכטענעם שטעקן, ביז דו וועסט ווידער אָנהויבן רעדן יידיש און פאַרגעסן דיינע פּאַפּירענע מיליאָנען. און איצט רוף איך שוין די מומע העניע, און דו וועסט תיכף שרייבן תנאים מיט איר טאָכטער!

שמואל האָט פּלוצים עפּעס אָנגעהויבן ווי צו רעווען, האָט געוואָרפן מיט די הענט און זיך געשלאָגן אין ברוסט, האָט גענומען זיך רייסן די צונג פון מויל און די האָר פון קאָפּ — ס'האָט אים אָפּגענומען ס'לשון. מיר זיינען געבליבן ווי פאַרשטיינערט. מ'האָט געמאַכט ליכטיק, און דער טאַטע האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיר מיט אַ בליישטיפט. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט שמואל אָנגעשריבן, אַז ער איז געוואָרן שטום און בעט מ'זאָל תיכף שיקן נאָך אַ דאָקטאָר. האָט מען באַלד פאַרגעסן אָן דער מומע העניע מיט איר טאָכטער מיטן תבואה־פעלד, און מ'האָט געשיקט רופן דעם דאָקטאָר.

דאָקטאָר קאַנאַפּאַס האָט אים אַרומגעקלאַפּט, אים געשטורכעט עפּעס אין מויל, געריבן אים די שלייפן. אין דרויסן האָט דערווייל זיך געשטופּט אַן עולם און געוואָלט זען דעם שיינעם שמואל מיט די מיליאָנען, וועמען גאָט האָט אַזוי גיך באַצאָלט און געשטראָפט מיט שטומקייט. דער דאָקטאָר האָט זיך געהייסן געבן צוויי גולדן און פאַרזיכערט, אַז אַזוי ווי שמואל איז אַ רייכער יונגערמאַן, וועט אים גאָרנישט זיין. דערווייל וועט ער אַריינ־קומען יעדן טאָג אים זען, און וועט צוגלייך אָנשרייבן צו אַ גרויסן פּראָ־פעסאָר אין ווין, צו הערן זיין עצה. מעגלעך, האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז נאָר אַ פאַרקילונג פון די אָדערן אין האַלדז; סיי־ווי וועט ער מאָרגן נאָכאַמאָל קומען. ער האָט געהייסן אים אַריינלייגן אין בעט און אים געבן

שנאַפּס מיט פּעפער, ער זאָל זיך גוט אויסשוויצן. דערנאָך האָט ער צעטריבן דעם עולם און איז אַוועק.

שמואל האָט אַ גאַנצע נאַכט געקרעכצט און זיך געוואָרפן אין היץ. ס'איז געווען אַ רחמנות אויף אים צו קוקן. אין דער פרי האָט מען אים, אַ טויט־בלייכן, אָנגעטאָן און מיר זיינען אַלע מיט אים אַוועק צום רבין.

דעם רבינס שטיבל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. דער טאַטע האָט אַלץ איבערגעגעבן ווי געווען, און דער רבי האָט קיין אויג ניט אָפּגעלאָזן פון שמואלן. ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— שמואל בן אהרן! בפני כל עם ועדה בין איך אויף דיר גוזר זאָלסט מיט אונדז צוזאַמען אָפּריכטן אַ תפילה.

שמואלן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— איך זע טרערן אין דיינע אויגן — האָט דער רבי ווייטער געזאָגט — דאָס איז אַ סימן, אַז דו האָסט זיך גענומען אונדזערע ווערטער צום האַרצן. איך ווייס, אַז דו ביזט איצט ווידער פרום און ערלעך. יידן, צייט אָנצוהויבן. לאָמיר תפילה טאָן מיט אַ ריינער כוונה, אַז די שערי־רחמים זאָלן זיך עפענען און פאַרנעמען אונדזער געבעט.

יידן האָבן זיך אַ נעם געטאָן צום דאַווענען מיט התלהבות. און ווען ס'איז געקומען צו „שמע־ישראל", האָט זיך פּלוצים דערהערט אויך שמואלס קול: „שמע ישראל ד' אלהינו ד' אחד"!

— מזל־טוב, מזל־טוב! — האָט דער רבי איבערגעריסן די תפילה און געהייסן די יידן אויסטאָן טלית און תפילין.

שמואל איז געוואָרן אַ צעטומלטער און געגעבן צייכנס, אַז ער איז נאָך אַלץ שטום. אָבער דער רבי האָט געזאָגט:

— מיין קינד, מיר אַלע האָבן נאָר וואָס געהערט, אַז דו קאָנסט רעדן. נאָר אויב דו ווילסט דווקא זיך און אונדז אַלעמען איינרעדן, אַז דו ביזט נאָך שטום — מילא. דער עיקר אָבער איז, אַז איך און דיינע עלטערן און גאַנץ קהל, וואָס איז דיר בייגעשטאַנען, ווייסן איצט, אַז דו קאָנסט ברוך־השם רעדן און ביזט נישט אין קיין סכנה.

מ'האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש מיט לעקעך־און־בראָנפן און אייער־קיכלעך. דער רבי האָט דערלאַנגט שמואלן אַ גלעזל און געמאַכט מיט אים אַ לחיים:

— דער אויבערשטער זאָל העלפן, אַז דיין צונג זאָל דיר שטענדיק דינען ווי יעדן גוטן, פרומען ייד.

— אמן, רבי! — האָט שמואל אַרויסגעפּלאַצט מיט פרייד.

ערשט איצט האָבן אַלע געטרונקען לחיים און דערנאָך נאָך לאַנג זיך משמח געווען.

יאָרן זיינען אַוועק. איך בין שוין געווען אין בערלין. שמואל, אויפן

וועג קיין אַמעריקע, האָט אָפּגעטראָטן מיך צו זען. ער האָט קיין וואָרט דייטש ניט געקענט רעדן.

— סטייטש? — האָב איך ביי אים געפרעגט — ביזט דאָך אַמאָל געווען אַ גאַנצער „דאַטש״?

— אַ „מיסלאָוויצער דאַטש״ — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל.

יאָרן שפּעטער, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָט שוין מיין ברודער געהייסן סעם, געווען אַ רייכער מאַן און געהאַט שוין דערוואַקסענע קינדער — אַלע געבוירן אין אַמעריקע, און פריי און ליב ווי נאָר די אַמעריקאַנער יוגנט קאָן זיין. אויך איצט האָט ער נאָך געהאַלטן אין איין דערציילן בבא־מעשׂות וועגן זיך, און זיינע עכט־אַמעריקאַנער קינדער האָבן עס אים פּונקט אַזוי ווייניק געגלויבט, ווי מיר אין דער „אַלטער היים״ פלעגן עס אים ניט גלויבן. אָבער זיי האָבן אים זייער ליב געהאַט און אים פאַרשטאַנען: ער האָט שטענדיק געהאַט די רייכסטע „פאַנטאַזיע״ אין אונדזער משפּחה, און פלעגט אַליין גלויבן אין זיינע אויסגעטראַכטע מעשׂות. זיינע קינדער האָבן מיט מיר גאַנץ אָפן גערעדט וועגן דעם: „מיר ווייסן, אַז אונדזער פאָטער דערציילט ניט־געשטויגענע מעשׂות. אָבער ערשטנס, איז ער דער בעסטער פאָטער אין דער וועלט — איז זאָל ער זיך האָבן זיין ׳פאַן׳; צווייטנס, גלויבן מיר, אַז די מייסטע אייראָפּייער האַלטן זיך ניט שטאַרק נאָענט צום אמת...״

איך בין דעמאָלט נאָך געווען אַ „גרינער״ אין אַמעריקע און האָב שיער ניט אַביסל זיך געשעמט פאַר מיין אַלטן אייראָפּע.

יעדער קעמפט מיט זיין אייגענעם כלי־זין

דער טאַטע, מיין ברודער שבתי און איך האָבן איצט געאַרבעט אין דער הויף־בעקעריי פון וואָלף בעקער. געצאָלט האָט מען דעם טאַטן פאַר אַלע דריי. און געאַרבעט האָבן מיר שווערער ווי פערד: אָנגעהויבן שבת נאָך הבדלה, האָבן מיר אַזוי אַריינגעאַרבעט טאָג און נאַכט ביז פרייטיק נאָכמיטיק, מיט קוים עטלעכע שעה שלאָף אַ מעת־לעת. פרייטיק נאָכמיטיק איז מען געגאַנגען אין באָד אַריין, פרייטיק־צו־נאַכטס איז מען געשלאָפן אין דער היים, און שבת איז געווען דער איינציקער פרייער טאָג. נאָך הבדלה — ווידער צוריק אין דער בעקעריי ביז קומענדיקן פרייטיק נאָכמיטיק.

איך בין שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ גוטן געזעל, און איך האָב שטילערהייט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו אַנטלויפן פון דער היים. אויף ימים־טובים זיינען אַהיימגעקומען אַ סך געזעלן, וועלכע האָבן גע־

אַרבעט אין פֿאַרשיידענע שטעט. זיי זיינען אַלע געווען אויסגעפּוצט, און האָבן דערציילט, אַז אומעטום איז שענער און בעסער ווי אין האָראָדענקא. מיין חבר ראָזענקראַנצס ברודער איז געקומען פֿון טשערנאָוויץ. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוי־געשטרייפֿטן אָנצוג מיט אַ „סטאָיאָנצע" קאָלנער און אַ קאָלירטן קראַוואַט, אַ גרויען פֿלושענעם הוט און „האַנטשו". און שיך האָט ער געהאַט פֿון ווייכער קאַלבס־לעדער, מיט גומענע קנאַפּל. דאָס האָט שוין גאָר געמאַכט אַן אויפֿזען אין האָראָדענקא. אויף די דאָזיקע גומקעס איז מען בישט געגאַנגען — מ׳האָט ממש געטאַנצט אויף זיי. דער־ביי זיינען זיי געווען אי שיין, אי פּראַקטיש: אַז זיי טראָגן זיך אָפּ, האָט מיין חברס ברודער דערציילט, קאָן מען פֿאַר עטלעכע העלער קויפֿן פֿרישע גומקעס, און די שיך זיינען ווידער ווי ניי. מיין חבר און איך פֿלעגן אים שטענדיק נאָכגיין. איך בין אים מקנא געווען ניט נאָר מיט זיינע גומקעס, נאָר מיט אַלץ: מיט זיין אויסטערליש גענגל, מיט דעם אופֿן ווי ער האָט געוואונקען צו די מיידלעך, מיט דעם אָנגעאוילטן לאָק אויף זיין שטערן, און דער עיקר מיט זיין „שמייכעלע", וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פֿון טשערנאָוויץ... גאַנץ האָראָדענקא האָט עס באַוואונדערט.

נאָך יום־טוב איז ער צוריקגעפֿאָרן קיין טשערנאָוויץ, אָבער זיינע גומענע קנאַפּל האָט מען ניט געקאָנט פֿאַרגעסן. זיי האָבן געוואונקען און געשעפּטשעט: „מאַך אַ סוף — קאָנסט אויך האָבן אַזעלכע גומקעס ווי ער; אָבער נישט דאָ, אין האָראָדענקא."

אין אַ שבת נאָכן עסן האָבן מיר, איך און מיין חבר ראָזענקראַנץ, אָנ־געטאָן צוויי העמדער, איינס אויפֿן אַנדערן, און דעם שבתדיקן אָנצוג אויפֿן וואָכעדיקן, און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו־פֿוס קיין קאָלאָמיי. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. קעגן אָוונט־צו זיינען מיר פֿאַרבייגעגאַנגען אונדזער דאָרף וואַרביוזצי, און מיר האָבן באַשלאָסן איבערצונעכטיקן ביי דער מומע פּייגע. צו מיין עלטסטן ברודער האָב איך מורא געהאַט אַריינ־צוגיין, ער זאָל אונדז ניט איבעררעדן זיך אומצוקערן צוריק אַהיים.

פֿאַרטאָג זיינען מיר אויפֿגעשטאַנען, אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט גרינע אוגערקעס און ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיר גייען אַזוי אָפּ אפשר שוין אַ האַלבע שעה, הערן מיר פֿלוצים ווי די מומע פּייגע רופֿט אונדז!

די מומע פּייגע האָט קיינמאָל קיין שמייכל ניט געטאָן. זי איז געווען אַזוי „וואַסערדיק" און אָן אַ טעם ווי אירע פֿאַרשיידענע זופּן, וואָס זי פֿלעגט קאָכן; אייגנטלעך ניט קאָכן, נאָר אויפֿוואַרעמען. פֿון אַלץ האָט זי געמאַכט אַ זופּ; מיר דאַכט, אַז אַפֿילו פֿון וועש און שמאַטעס; און שטענדיק האָט זי געהאַט עפּעס אויפֿצוואַרעמען פֿון נעכטן אָדער אייערנעכטן. ווען האָט זי עס אייגנטלעך אָפּגעקאָכט? מיר האָבן זי טאַקע גערופֿן די „אויפֿ־

געוואָרעמטע מומע״, מחמת זי אַליין האָט אויסגעזען ווי פון אייערנעכטן. איצט איז זי אונדז נאָכגעלאָפן און איבערגעקערט אונדזערע קעשענעס — זי האָט געמיינט, אַז מיר האָבן ביי איר געגנבעט אייער! איך האָב זיך אַזוי געשעמט פאַר מיין חבר, אַז איך האָב עס איר קיינמאָל ניט געקאָנט מוחל זיין; אַפילו נאָך היינט נישט!

נאָך אַ האַלבן טאָג וואַנדער זיינען מיר אָנגעקומען אין שטעטל גוואָזש־דזשעץ, וואָס איז נאָך קלענער פון האָראָדענקאַ. דער מאָגן איז געווען ליידיק. האָבן מיר פאַרקויפט די שבתדיקע בגדים, און פאַר דעם געלט זיך איינגע־קויפט ברויט מיט קעז און פּוטער און מילך. געזעטיקט דעם הונגער, זיינען מיר ווידער געוואָרן אויפגעלייגט און וויטער געשפּאַנט, ביז מיר זיינען אין אָוונט אָנגעקומען קיין קאָלאָמיי. איך בין גלייך אַוועק צו איין בעקעריי, צו אַ צווייטער, און צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך זיך באַנוצט מיט דער בעקערישער לאָזונג „אושיץ״, אויף וואָס די געזעלן האָבן תיכף מיר אָפּגעענטפערט „לעמשיץ״. מיר דאַכט, אַז אָט די לאָזונג שטאַמט פון די צוויי ווערטער „אָן שוץ״ און „נעם שוץ״. בעקער־געזעלן פלעגן זייער אָפט וואַנדערן, בפרט אום זומער. ווינטער האָט מען נאָך דורכגעשטאָרקעט פאַר אַ פּאָר גולדן וואו עס איז. אָבער באַלד מיטן פרילינג האָבן זיך באַ־וויזן אויף די וועגן הונדערטער וואַנדערנדיקע בעקער־געזעלן, וועלכע האָבן זיך געגריסט מיט „אושיץ—לעמשיץ״, און אַזוי אַרום דערפילט אַן אחדות, אַן אמתע בעקערישע וואָרעמקייט צו אײנאַנדער.

די בעקער־יונגען דאָ האָבן צו מיר גערעדט ווי צו זייערס גלייכן, האָבן מיר געגעבן אָפּצועסן און מיך געשיקט אין שטעטל יאַבלאָנאָוו, וואו מ׳האָט גראָד געדאַרפט אַ יונגן בעקער־געזעל ווי איך. דאָרט האָט מען מיך באַלד צוגענומען פאַר צוואַנציק גולדן אַ יאָר, מיט קעסט און קוואַרטיר — דאָס מיינט: שלאָפן אויפן פּיעקעלעק, עסן צוויי מאָל אַ טאָג, און דערצו נאָך צוויי גרייצער אַ טאָג „אויף צו־קויפן עפּעס צום ברויט״ פאַר אָנבייסן. איך האָב תיכף גענומען חלומען וועגן די שיינע זאַכן, וואָס איך וועל זיך קאָנען קויפן אויף פּסח, בפרט וועגן די גומענע קנאַפּל.

מיין חבר ראָזענקראַנץ איז געוואָרן אָנגעשטעלט אין קאָלאָמיי ווי אַ „קאָמי״ אין אַן אייזנגעשעפט. ניט אַזוי גוט באַצאָלט ווי איך, אָבער דערפאַר אַ סך אַ בכבודיקער פּאָסטן.

יאַבלאָנאָוו ליגט ניט וויט פון קאָלאָמיי, קנאַפּ ביי די קאַרפּאַטן. די אָרומיקע פּויערים דאָרט רופט מען שוין אויך „הוצוליעס״. ווען איך בין, נאָך אַ נאַכט אַרבעט, אַרויס אין מאַרק מיט מיינע צוויי גרייצער קויפן ביי אַ „הוצול״ יאַגעדעס אויף אָנבייסן, דערזע איך פּלוצים אַראָפּקריכן פון אַ פור איינעם מיט ברייטע פּלייצעס. ער דרייט זיך אום — ס׳איז מיין טאַטע!

איך לויף אים אַקעגן, און ער נעמט אָן מיין ציטערדיקע האַנט און זאָגט צו מיר שטיל און ווייך:

— גיי, מיין קינד, טו זיך איבער; איך וועל דאָ צוואַרטן.

אין פינף מינוט אַרום בין איך געווען פאַרטיק. מיר האָבן זיך אויפ־געזעצט אויפן וועגעלע, וואָס דער טאַטע האָט געהאַט געבאָרגט ביי שכנאַן, און מיר זיינען צוריקגעפאָרן. איך האָב אָנגעטריבן — דער טאַטע האָט גע־וואוסט, אַז איך האָב עס ליב. מיר האָבן דעם גאַנצן וועג גערעדט וועגן די קאַרפּאַטן־בערג, וועגן דער פעטער, שוואַרצער ערד אין דער געגנט, איבער דעם יקרות אין שטאָט און וואָס פאַר אַ פיינע קינדער שכנאַ האָט. דער טאַטע האָט אַפילו דערציילט, אַז ער רעכנט אַריבערצוכאַפּן זיך קיין טשאָרטקאָוו צום רבין — וועגן אַלץ האָט ער גערעדט, נאָר ניט וועגן מיין אַנטלויפן פון דער היים. מיין ליבער, גוטער טאַטע, דעם ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן!

אַהיימגעקומען, בין איך באַלד געגאַנגען אַרבעטן ביי יאָשע באַנעס. ער איז אַמאָל געווען ביי אונדז אַ געזעל, דערנאָך האָבן מיר צוזאַמען גע־אַרבעט ביי וואָלף בעקער. אַליין אַן ערשט־קלאַסיקער אַרבעטער, האָט ער חתונה געהאַט און זיך געמאַכט זעלבשטענדיק. אַ האַרציקער מענטש געווען, און האָט מיך זייער ליב געהאַט. ער האָט מיר געצאָלט אַ גולדן אַ וואָך, מיט קעסט און קוואַרטיר. די גאַנצע שכירות פלעג איך, פאַרשטייט זיך, געבן אַהיים.

מיט מיר האָט דאָרט אויך געאַרבעט אַ בחור פון שטעטל אָבערטין. קיינער האָט ניט געוואוסט זיין נאָמען; מען האָט אים גערופן „דער אָבער־טינער שטשאָר". מיר האָבן זיך פיינט באַקומען באַלד ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט. ער איז געווען אין מיין עלטער, נאָר אַביסל גרעסער פון מיר; אַ מאָגערער, מיט אַ לעדערן, ברוין־גרינלעכן פּנים פול מיט קנייטשן ווי ביי אַ זקן, און אַ מויל האָט ער געהאַט שפּיציק ווי ביי אַ מויז. ער האָט געסלינעט ביים רעדן און ביים עסן, און איז טאַקע געווען עקלהאַפט ווי אַ נאַסער וואָרעם, ווי אַ קראַנקע מויז. ער האָט קיינמאָל ניט געלאַכט, און קיין זאַך איז אים ניט געפעלן געוואָרן ביי אונדז אין שטאָט — נישט די הייזער, נישט די מענטשן. אין מיר האָט ער געפונען לויטער חסרונות און פלעגט מיך שטענדיק פאַרקלאָגן ביים מייסטער. ער פלעגט זיך חנפענען צו דער מייסטערין און פאַר איר אויפרוימען די שטוב, איר צו־העלפן אין קיך און ניאַנטשען די קינדער. זי ווידער האָט זיך גערן צו־געהערט צו זיינע רכילות און זיך שטילערהייט געגרויסט מיט דעם, וואָס איך, דער זון פון איר מאַנס געוועזענעם מייסטער, מוז איצט אַרבעטן ביי זיי.

איינמאָל אַ נאָכמיטיק, מיר זיינען פאַרטיק געווען מיט דער אַרבעט און זיך צוגעלייגט שלאָפן הינטערן אויוון, האָט דער „שטשאָר" זיך גענומען

טשעפּען, למאי איך פּוץ זיך צופּיל, איך האַלט זיך גרויס און לויף נאָך די מיידלעך. איך שווייג. נעמט ער זיך רייצן מיט מיר, אַז איך וועל שוין קיינמאָל ניט אונטערוואַקסן און וועל בלייבן קליין ווי אַ קאַרליק. ווער איך שוין בייז:

— הער, אָבערטינער שטשאַר — זאָג איך — אויב דו וועסט נישט אויפהערן און מיך ניט לאָזן צורו, וועסטו חרטה האָבן.

— וואָס קאָנסטו מיר טאָן? גראָבער־יונג!

— איך קאָן דיר צעקלאַפּן דיין שטשאַרישע מאָרדע.

— פריער וועלן דיר די הענט אָפּדאַרן!

— און איך וועל דיר פריער דיין פּאַסקודנע פּיסק אָפּדרייען.

— דיין טאַטן וועסטו עס טאָן, נישט מיר.

מער האָב איך נישט געוואַרט — איך האָב אים דערלאַנגט דעם ערשטן טראַסק אין פּרעסער אַריין.

ער האָט געוואוסט ווי שטאַרק איך האָב ליב מיין טאַטן; אַז איך האָב זיך אַמאָל זאַמירעט אויף איינעם מיט אַ האַק, ווייל ער איז באַפאַלן מיין טאַטן — האָט ער מיך נישט צוריקגעשלאָגן, נאָר גאַנץ קאַלטבלוטיק אַ זאָג געטאָן:

— אַ רוח אין דיין טאַטנס פּערעיאָפּ טאַטן אַריין.

אַ צווייטער פליאַסק האָט אָפּגעהילכט אויף זיין פּרצוף, און ער האָט ווידער אַ זאָג געטאָן:

— אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין.

האָב איך אים ווידער דערלאַנגט אַ זעץ, און אַזוי האָבן זיך גענומען איבערחזרן, אַלץ גיכער און אַלץ מעכאַנישער, אַ פּאַטש און אַ קללה: איך — אַ זעץ אין מאָרדע, ער — „אין טאַטן אַריין". איך בין שוין מיד פון שלאָגן, אָבער ער האַלט אין איין איבערחזרן „אין טאַטן אַריין", און איך פּאַטש — — וועט ער זיך אַזוי לאָזן שלאָגן אַ גאַנצן טאָג? איך וואָלט וועלן אויפהערן; נאָר, טראַכט איך זיך, ער שלאָגט דאָך מיך אויך צוריק, מיט אַ קללה שלאָגט ער מיך, — מיט דעם שעלטן פאַרטיידיקט ער זיך; דאָס איז זיין כלי־זין.

עס נעמט מיך עקלען, ווי איך וואָלט געזעצט מיט מיינע פויסטן אין אַ קופּע שמוציקן קויט, אין אַ הויפן נאַסע, קלעפּיקע ווערעם; און עס באַפאַלט מיך פּלוצים אַ רחמנות: ווי וואָלט איך עס געפילט, ווען איך בין איינער אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט, מיט אָט אַזאַ פּנים און אַזאַ פאַר־סלינעטן מויל ווי ער, און עמעצער שלאָגט מיך אַזוי אָן אויפהער, ווי איך אים — — ?

איך האָב אים אויפגעהערט שלאָגן. כ'האָב פאַרמאַכט די אויגן און זיך

דערפילט ווי איך אַליין וואָלט געווען אַ פרעמדער דאָ אין שטאָט — אַזוי עלנט און אומגליקלעך און הילפלאָז...

מיינע הענט זיינען געווען שמוציק און פייכט פון סלינע. עס האָט מיך גענומען דראָזשען, ווי איך וואָלט געווען קראַנק. איך האָב זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָב לאַנג, לאַנג געוויינט.

זיך בארואיקט, האָב איך דערפילט אַ בושה פאַר זיך אַליין. דער אָבערטינער איז נאָך געלעגן שטיל, מיט אָפענע אויגן, אָן אַ שום אויסדרוק. איך האָב זיך אויפגעהויבן, בין אַרויס פון דער בעקעריי, און מער שוין נישט צוריקגעקומען צו יאַשע באַנעס.

וואָכן־לאַנג האָב איך געפילט אין דער רעכטער האַנט אַ שטייפקייט פונעם שלאָגן; מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז איך קאָן ניט גענוג אָפּווישן די האַנט פון יענעמס סלינע. און די גאַנצע צייט האָב איך געטראַכט פון אַ קליינעם, זעקס־יאָריקן יתומל, וועלכער פלעגט ביי אונדז אַרומגיין בעטלען, און די קינדער פלעגן אים שלאָגן: „אַז דו וועסט מיך שלאָגן — פלעגט ער זיך בעטן מיט זיין טשיפּעליאַווע, קינדעריש קולכל — וועט מיין מאַמע קומען דיך וואַרגן.“ די קינדער האָבן אים געלאָזן צורו עטלעכע טעג, און ווען זיין טויטע מאַמע איז אַלץ ניט געקומען זיי וואַרגן, האָבן זיי אים ווידער געשלאָגן. „מיין טאַטע איז געווען אַ שוחט — פלעגט ער איצט זיך בעטן — און אַז איר וועט מיך שלאָגן, וועט ער קומען פון יענער וועלט מיט זיין לאַנגן חלף און אייך אויסקוילען.“ די קינדער האָבן אים ווידער ניט געטשעפּעט עטלעכע טעג, און דערנאָך אים ווידער געשלאָגן. דעם מאָל האָט שוין דער יתום זיי געסטראַשעט: „ווען איר וועט מיך שלאָגן, וועל איך עפּעס אָפּטאָן!“ און מען האָט אים געמעגט גלויבן: אויב ער האָט נאָר געוואָלט, האָט ער געקאָנט אַזוי מאַכן, אַז עס זאָל זיך פון אים פילן נאָך ערגער ווי פון אַ טכויר, און די קינדער האָבן געמוזט זיך צעלויפן פון אים.

יאָ, יעדער קעמפט מיט זיין אייגענעם כלי־זין.

מענטשן דערוואַכן צו ליבע אין האָראָדענקאַ

אין האָראָדענקאַ האָט אויך געלעבט די פאַמיליע גלאַגער. מ׳האָט זיי גערופן „די יערוכעמניקעס“, אויפן נאָמען פונעם אַכציק־יאָריקן זיידן ירוחם. דער אַלטעטשקער האָט שטענדיק געהאַט אַ פריילעך, צעפלאַמט פּנים פון דעם שנעפּסל, וואָס ער האָט „גראַד“ ערשט־נאָר־וואָס גענומען. זיינע קליינטשיקע, לוסטיקע אייגעלעך פלעגן דורכבלישטשען דורך די לאַנגע, דיקע ברעמען, און זיין געדיכטע, ווייס־געלע באָרד, ווי פון

קליאַטשע און הובליענקעס, האָט געוואָקסן איינזייטיק, ווי דער ווינט וואָלט זי געהאַלטן אין איין בלאָזן אויף אַ זייט. ער האָט געהאַט אַכט זין, זיבן פון זיי אויסגעגעבענע, און אַלע זיינען זיי געווען גלעזערס און סטאָליאַרעס. זיי זיינען געווען פּראָסטע מענטשן, הויכגעוואַקסענע, שטאַרקע. גאַנץ האָראָדענקע האָט פאַר זיי געציטערט, בפרט פאַרן יינגסטן, וועלכער איז דווקא געווען אַ נידעריקער, אָבער מיט ברייטע פּלייצעס און אַ דרייסטער. ער האָט געהייסן סראָל־קונע. די ברידערלעך זיינען ס'רוב געווען צעקריגט צווישן זיך, דער עיקר צוליב זייערע ווייבער, וועלכע האָבן מקנא געווען איינע די אַנדערע. האָט מען אָפּט יאַרנלאַנג ניט גערעדט צווישן זיך. נאָר קוים האָט איינער פון זיי זיך צעשלאָגן מיט אַ „פרעמדן", זיינען תיכף אַלע אים געקומען צו הילף.

אָבער פונקט אַזוי זיינען זיי אַלע גרייט געווען מיטן גאַנצן האַרץ און פולע הענט צו העלפן, ווען עמעצער אין שטאָט איז געווען אין נויט. סראָל־קונע איז געווען דער הילף־גרייטסטער און פריי־געביקסטער פון אַלע. ער האָט זיך געחברט מיט די סטאָליאַר־יונגען, מיט די קצבים, פערד־הענדלער און טרעגערס, וועלכע פלעגן אים פאָלגן בלינדערהייט. ער מיט זיינע פריינט פלעגן אַריינקוקן אין די אָרעמסטע שטיבער, און דערנאָך, מיט סטראַשונקעס און אויף כח, צווינגען די נגידים, זיי זאָלן העלפן. האָבן די רייכע אים פיינט געהאַט און געשריבן אויף אים מסירות צו דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, און די קבצנים האָבן אים ממש פאַרגעטערט. דאָנערשטיק פלעגן די אָרעמעלייט גיין איבער די הייזער. פלעגן סראָל־קונע מיט זיין חברה זיך נאָכפרעגן, ווער ס'האָט יאָ געגעבן אַ נדבה און ווער ניט. איינמאָל האָט זיך דעם רייכן קמצן, הער אָפּענבערגער, פאַרגלוסט אַרויסצוטרייבן די אָרעמעלייט פון שטוב. דערביי האָט ער זיי נאָך נאָכגעשריגן, אַז ער וועט זיך מער ניט לאָזן אָפּשרעקן פון דעם וואַגאַבונד סראָל־קונע מיט זיין באַנדע. ער וועט מער קיין פרוטה ניט געבן! דאָס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק. דאָס גאַנצע שטעטל האָט גערעדט וועגן דעם. נו, פרייטיק־צו־נאַכטס האָט זיך „צופעליק" אָנגעכאַפּט הער אָפּענבערגערס דאַך, און זיין הויז איז אַוועק מיטן רויך. אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז סראָל־קונעס אַרבעט און מ'איז געווען דערמיט שטאַרק צופרידן, אָבער קיינער האָט וועגן דעם ניט גערעדט.

שבת אין דער פרי זיינען אַ סך מענטשן געשטאַנען אַרום דעם אָפּגעברענטן הויז. אויך סראָל־קונע מיט זיינע פריינט זיינען פאַרבייגעגאַנגען.

— דאָס הייסט אַן עבירה פאַר גאָט! — האָט סראָל־קונע זיך גערייצט מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע — פונקט אום שבת אָנמאַכן אַזאַ שרפה. דאָס האָט אַפּנים דער רבונו של עולם אַליין געטאָן, כדי צו באַשטראָפן אָפּענבערגערן פאַר זיין ענגהאַרציקייט קעגן אָרעמעלייט.

אָפּענבערגער איז אַפילו געווען פאַרזיכערט קעגן פייער, אָבער זייט דעמאָלט האָט ער שוין ווידער אָנגעהויבן געבן נדבות, נאָך גרעסערע ווי פריער. ניט מער, ער האָט געפועלט ביי דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, מען זאָל אַראָפּשיקן קיין האַראַדענקע נייע, שטרענגערע זשאַנדאַרן. צווישן זיי איז געווען אַ וואַכמייסטער מיט אַרויפגעדרייטע וואָנסעס, וואָס האָבן אים געגרייכט ביז די אויגן. ווען זיין בייזער בליק האָט אויף עמעצן אַ שאָס געטאָן איבער די העכסטע הערעלעך פון זיינע וואָנסעס, האָט מען געמוזט די אויגן אַרונטערלאָזן פאַר מורא. ער פלעגט אויך אַרעסטירן יעדן איינעם, וועלכער איז אים ניט געפעלן געוואָרן, און דערנאָך אים מערדער־לעך שלאָגן. ער איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער ביי אָפּענבערגערן. אויס־געטרונקען אַ שנעפּסל, פלעגט ער ביי אים „קויפן" פאַרשיידענע זאַכן, און דערפאַר אים צוזאָגן: „יאָ, הער אָפּענבערגער, איצט וועט שוין דאָ זיין אָרדענונג!" אָפּענבערגער פלעגט אים טאַקע שטענדיק אַקעגנטראָגן אַ פריינטלעכן „גריס גאָט, הער אָרדענונג", און דעריבער האָט דאָס גאַנצע שטעטל גערופן דעם וואַכמייסטער „הער אָרדענונג".

איינמאָל, אויפן יאַריד, האָט סראָל־קונע פאַרפירט אַ געשלעג מיט עמעצן, און „הער אָרדענונג" האָט אים אַרעסטירט. סראָל־קונעס חברה האָבן אים אַפילו געוואָלט באַפרייען מיט געוואַלד, אָבער סראָל־קונע האָט ניט געהייסן. ער האָט רואיק אויסגעשטרעקט די הענט, מען זאָל אים אָנטאָן די קייטעלעך, און האָט בלויז געזאָגט: „ריכטיק, עס מוז זיין אָרדענונג אין האַראַדענקע, און עס וועט זיין אָרדענונג!" מען האָט אים אַוועקגעפירט, און דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויפגעבראַכט. אָבער באַלד דעם צווייטן טאָג האָט מען סראָל־קונען באַפרייט. ער האָט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט וועגן דעם.

אַ צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען, אין אַ נאַכט, געפּאַקט דעם „הער אָרדענונג", צוגענומען ביי אים דאָס געווער, אים גוט אָנגעבויקערט און אים אָפּגעשניטן איינע פון די לאַנגע וואָנסעס. אים אַליין האָט מען דערנאָך ווי אַ הויפן מיסט צוגעשטעלט אין שפּיטאָל אַריין. זיין ביקס מיט דעם געפלאַנצטן באַיאָנעט, דעם זעבל מיט דער טראָלד, די הענט־קייטעלעך און דעם שטייפן הוט מיט די לאַנגע שוואַרץ־בלויע פעדערן, האָט מען אַריינ־געשיקט צו דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, מיט אַזאַ צושריפט:

„צו דעם קייזער־קעניגלעכן בעצירקס־הויפּטמאַן,
האַראַדענקאַ!

מיר האָבן לעצטע נאַכט געפונען דעם זשאַנדאַרן־וואַכמייסטער ליגן שיכור אין אַ ריוו. מיט דעם האָט ער באַשמוצט דעם קייזערס מונדיר און דעם קייזערס וואָפן. מיר האָבן דעם שיכורן וואַכמייסטער

אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, און די וואָפן און דעם פעדער־הוט שיקן מיר דעם קייזער־קעניגלעכן בעצירקס־הויפּטמאַן. לאַנג לעבן זאָל דער קייזער!

סראָל־קונע גלאָגער און פריינט.״

אפרים גלאָגער, ביי וועמען מיר האָבן געדונגען די בעקעריי, האָט געהאַט אַ יינגל אין מיין עלטער, משה מענדל. מיר זיינען אינאיינעם גע־גאַנגען אין שולע, אין חדר, צוזאַמען געגנבעט אויבסט און „געזוכט״ פּאַדקאָוועס, און געהאַט טויזנטער סודות מיט איינאַנדער. מיר פלעגן זיך דערציילן אַלץ, וואָס מיר האָבן געוואוסט, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן, אָדער וואָס מיר האָבן גלאָט געוואָלט וויסן. און וויסן האָבן מיר געוואָלט אַלץ. דער עיקר אָבער האָבן מיר געוואָלט ווערן זייער שטאַרק. קוים האָבן מיר אָפּגעגעסן בגנבה אַ שטיקל פריש ראַזעווע ברויט מיט פּוטער, האָבן מיר באַלד באַטאַפּט אונדזערע מוסקלען, איבערציינגט, אַז זיי זיינען שוין געוואָרן שטאַרקער. האָבן מיר אויסגעזויגן אַ גוטן מאַרכביין, זיינען מיר זיכער געווען, אַז אויך אונדזערע אייגענע ביינער זיינען פול געוואָרן מיט מאַרך. מיטן עסן אַ הערצל, נירן, אָדער לונג־און־לעבער, איז ביי אונדז קיין ספק ניט געווען, אַז אויך אונדזער האַרץ, נירן און לונג־און־לעבער ווערן שטאַרקער. מיר האָבן אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז שטאַרק זיין אָן פאַרשטאַנד איז ניט גענוג. האָבן מיר פאַרגנבעטערהייט אָנגעהויבן קויפן אין אַ רעסטאָראַן געקאָכטע אָדער געפּרעגלטע געהירן, כדי אַזוי אַרום אויך אונדזער שכל צו פאַרשטאַרקן.

צו יענער צייט האָט מען אין האָראָדענקע געמאַכט אַ פּאַרק מיטביימער, בלומען און בושיקע קשאַקעס, מיט ביידלעך און בענק און הוידעלקעס און די אַלע געהעריקע זאַכן. דער „שפּאַציר־גאָרטן״ האָט מען דעם פּאַרק גערופן. שבת און זונטיק, און אויך נאָכמיטיק אין וואָכנטעג, האָט מען דאָ געקאָנט טרעפן שפּאַצירן הונדערטער יונגע בחורים און מיידלעך. צוערשט איז מען געגאַנגען גרופּעסווייז, יינגלעך באַזונדער און מיידלעך באַזונדער, און מען האָט בלויז פון ווייטנס זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ וואָרט, מיט אַ וויץ. דערנאָך איז מען שוין געגאַנגען פּאָרלעכווייז. ביז מ׳האָט אין שטעטל אָנגעהויבן רעדן, אַז „דער און די גייען אַרום״, אָדער „דער און די רעדן״. און ווען „דער און די״ זיינען אַרומגעגאַנגען און גערעדט שוין אַ שטיקל צייט, האָט מען אָנגעהויבן זאָגן אין שטעטל, אַז זיי „פירן״ אָדער „שפּילן אַ ליבע״.

די מייסטע ליבעס האָט מען געפירט שבת. אין דער פרי זיינען די באַלמעלאָכע־יונגען געגאַנגען אין שול אַריין, ניט אַזוי צוליב דאַווענען, ווי גלאַט זיך טרעפן. דערנאָך איז מען אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין שענקל

און טראַקטירט איינער דעם צווייטן מיט אַ לחיים און צוביים. מען איז געוואָרן פריילעכער און גענומען אַביסל באַרעדן דעם און יענעם, אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן די מיידלעך, און מען איז אַוועק אין „שפּאַציר־גאָרטן״. דאָרט האָבן שוין געוואַרט שניידער־מיידלעך, מאָדיסטקעס, דינסטמיידלעך און אַנדערע, און באַלד האָט מען זיך געלאָזט שפּאַצירן פאַרלעכוויז. דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט „ראָמאַנען״ און „ליבעס״, און עס זיינען אַפילו געשאַפן געוואָרן שפּאַט־לידלעך וועגן אַ „טעכטל־מעכטל״ אָדער אַ „פאַרפירטער ליבע״. דאָ זיינען אויך פאָרגעקומען קליינע טראַגעדיעס. האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז אַ מיידל פון די „אויבערשטע גאַסן״, פון „בעסערן קרייז״, האָט זיך „אַראָפּגעלאָזן״ און זיך „פאַרכליעפּטשעט״ אין אַ שיינעם באַלמעלאָכע־יונג; האָבן באַלד די עלטערן זיך אַריינגעמישט, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס געוויינלעך מיט „אַנטלויפן און שטעלן אַ חופּה״, אַמאָל אויך מיט אַ סקאַנדאַל און מיט פּאָליציי.

דאָס אַלץ איז געווען אַ נייעס אין האָראָדענקע. עלטערע מענטשן האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ: „אין אונדזערע צייטן האָט מען ניט געטאָרט אַזוי...״ מיט אַמאָל האָט מען אַלץ געמעגט. עס איז געווען דער ערשטער דור, וואָס האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן אַ שדכן. אויב אַ בחור האָט געוואָלט מען זאָל זיך רעכענען מיט אים, מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ דערוואַקסענעם יונגנמאַן, האָט ער געמוזט אָנהויבן „גיין מיט אַ מיידל״, „רעדן מיט איר״, אָדער אַפילו „שפּילן אַ ליבע״. איז דער „שפּאַציר־גאָרטן״ פול געווען מיט ליבעס־זיפצן און ליבע־דערקלערונגען, מען האָט געליטן „ליבעס־שמערצן״, זיך „געאָפּפערט״ צוליב געפילן און געמאַכט מעלאַנכאָלישע אָנשטעלן. און ראָמאַנען האָט מען זיך אָנגעלייענט, אַז ס׳האָט אַזש געשווינדלט פאַר די אויגן! אין איינעם האָט זיך דערציילט די באַרימטע געשיכטע וועגן דעם פאַרליבטן בחור, וועמען זיין ריוואַל האָט פאַרהונגערט אין אַ פינצטערן שלאָס. און ווען ער איז, אין זיין פאַרצווייפלונג, אַראָפּגעשפּרונגען פון העכסטן טורעם, איז פּונקט אין לעצטן מאָמענט אונטערגעקומען זיין געליבטע מיט אַ הויכער פור היי, אויף וועלכער דער געליבטער איז בשלום אַרויפגעשפּרונגען. די חתן־כלה פאַלן זיך, פאַרשטייט זיך, אין די אָרעמס און פאַרגיסן גליקלעכע פריידנס־טרערן — צוזאַמען מיט דעם גליקלעכן לעזער. אין אַ צווייטן ראָמאַן ווערט דערציילט די געשיכטע פון דעם יונגן באַראָן, וועלכער האָט, אויף להכעיס זיין שלעכטן קרובֿ, זיך פאַרליבט אין זיין אייגן דינסט־מיידל. האָט מען אים צוזאַמען מיט איר אַרויסגעטריבן און פאַריאָגט. וואַנדערן זיי ווי בעטלער דורך רעגן, שניי און פראָסט איבער דער גאַנצער וועלט, ביז זיי פאַלן אַוועק אין אַ גאַס־רעגן און קאָנען ווייטער נישט גיין. און אין לעצטן מאָמענט, פּונקט אידער דער אָטעם לאָזט זיך זיי אויס, וועקט זיי אויף דער בריוו־טרעגער מיט אַ גוטער בשורה: דעם

באַראָנס פאַרשטאָרבענער זיידע האָט פאַרשריבן זיין גאַנץ פאַרמעגן אויפן יונגן באַראָן. דאָס פּאָרל נעמט זיך אַרום, זיי קערן צוריק אַהיים, און דער גליקלעכער באַראָן מאַכט דאָס אָרעמע, פאַרשטויסענע דינסט־מיידל פאַר זיין אמתער באַראָנעסע.

* * *

ביים רייכן הער קאָפּלער איז געווען אַ קליין, שיין דינסטמיידל, רבקהלע, פון דעם שטעטל אוסציעשקאָ. זי איז געווען אָרעם, איינפאַך געקליידט, אָבער ציכטיק. דאָס קליידל איז געווען ווי אויסגעגאָסן אויף איר שלאַנק, פערצן־יאָריק קערפּערל און האָט נאָך בוילעטער געמאַכט אירע רונדלעכע, פולע גלידער. זי האָט געהאַט אַ שניי־ווייסע הויט, ברוין־זיידענע האָר, גרויסע שוואַרץ־גליענדיקע אויגן, צוויי חן־גריבעלעך אין אירע פאַר־רויטלטע בעקעלעך און צוויי קליינע זעמעלעך אין איר בלוזקע. ווען איך פלעג גאַנץ פרי ברענגען צו זיי דאָס געבעקס — אין מיין געוויינלעכער בעקער־טראַכט: ווייסע הויזן מיט אַ פאַרטוך, די אַרבל פון העמד אַרויפ־געקאַטשעט, און אויפן קאָפּ מיין צעריסן מיצל, וואָס האָט געשיצט מיינע האָר פון מעל — פלעגט זי מיך באַגריסן מיט איר קלינגענדיק־לאַכנדיק שטימעלע: „אָ, דאָס צעריסענע מיצל האָט היינט געבראַכט שיינע ראָגע־לעך”, אָדער „... בלאַסע זעמעלעך”, אָדער „... גוט אויסגעבאַקענע קייזער־זעמל!”. אַזוי יעדן פרימאָרגן: „צעריסן מיצל” דאָס, „צעריסן מיצל” עפּעס אַנדערש, אַז ס׳פלעגט מיר אַזש אַ צופּ טאָן ביים האַרץ. נאָר קוים האָט זי אַמאָל דורכגעלאָזן איר שפּרוך מיטן „צעריסן מיצל”, האָב איך זיך ממש געפילט אומגליקלעך.

איך האָב אָנגעהויבן איר נאָכקוקן, און שפּעטער אויך פון דער ווייטנס איר נאָכגיין.

איר חברטע, הער קאָפּלערס צווייט דינסטמיידל, האָט אַמאָל מיט אַ וואונק מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי האָבן באַמערקט ווי איך גיי זיי נאָך. האָב איך שוין אָנגעהויבן גאַנץ אָפט „צופעליק” זיך יאָווען פאַר זייער הויז. אויך זי און איר חברטע פלעגן אָפט צוקומען צום פענצטער און גיבע קוקן אין אַ צווייטער ריכטונג. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען וואָכנלאַנג, אָן אַ וואָרט, נאָר מיט האַרץ־קלאַפּעניש. איינמאָל זאָג איך אַזוי הויך צו מיין פריינט:

— ווייסט, איך וואָלט איצט וועלן שפּאַצירן אין גאָרטן.

רופט זיך אָן רבקהלע צו איר חברטע, אויך העכער ווי געוויינלעך:

— איך דאַרף נאָר צורוימען, דערנאָך וועלן מיר גיין שפּאַצירן — יאָ?

אוןביידע זיינען פאַרשוואונדן פון פענצטער. מיר וואַרטן. ענדלעך קומען זיי ביידע אַרויס און גייען גלייך צום „שפּאַציר־גאָרטן”; מיר, פון ווייטן, הינטער זיי.

אין גאָרטן זייַנען מיר אַרומגעגאַנגען אין אַן אַליי. זיי — אַראָפּ, מיר — אַרויף, זיי — אַרויף, מיר — אַראָפּ. פאַרבייגייענדיק, האָבן מיר זיך צו־געוואָרפן באַדייטונגפולע בליקן, אָבער קיין וואָרט ניט גערעדט. עס פּאַסט ניט, זאָגט מיר מיין חבר, איך דאַרף צו איר עפּעס זאָגן. גערעכט. אָבער יעדעס מאָל, ווען איך באַגעגן זי, נעמט מיר אָפּ דאָס לשון און איך קאָן דאָס מויל ניט עפענען!

אָפּגעגאַנגען אַזוי עטלעכע שעה צייט, זאָגט זי הויך צו איר חברטע, אַז זי גייט שוין אַהיים. מיר גייען־נאָך מיט האַרץ־קלאַפּעניש און שטעלן זיך ווידער אַוועק ביים הויז. די מיידלעך באַווייזן זיך אין פענצטער, און עס הויבט זיך אָן אַ געשפּרעך, אָבער ניט דירעקט; מיר קוקן זיך אַפילו ניט אָן — איך רעד צו מיין פריינט, און זי ענטפערט איר פריינדין:

— אַז מ׳גייט־נאָך אַ מיידל — זאָג איך צו מיין פריינט — אַפילו, אַז מען רעדט נישט צו איר, ווייסט מען דאָך געניי וואָס דאָס מיינט.

— אַז מען ווייסט עס אַזוי געניי — ענטפערט זי איר פריינדין — פאַרוואָס־זשע מאַכט מען דערפון אַ סוד?

— ס׳איז נישט קיין סוד. יעדער קאָן זען, אַז איך בין אין עמעצן פאַרליבט.

— ס׳איז נאָך ווייניק וואָס יעדער קאָן עס זען. מען דאַרף עפּ דאָך אַמאָל דעם עמעצן זאָגן.

עס ווערט מיר וואַרעמער אַרום האַרץ:

— מען וועט שוין פון מיר הערן.

— מען דאַרף זיך אָבער צוזיילן — מאַכט זי צו איר חברטע מיט אַ געלעכטערל — ווייל קומענדיקע וואָך פאָרט מען אַוועק קיין זאַליעשטשיקי; וועט דערנאָך זיין אַן אַנדערער „עמעצער" אונטער אַן אַנדערן פענצטער.

ביידע מיידלעך צעלאַכן זיך. מיר איז טרוקן אין האַלדז און דאָס האַרץ קלאַפּט. רוף איך זיך אָן צו מיין פריינט:

— אויב מען פאָרט קיין זאַליעשטשיקי, וועל איך אויך דאָרט זיין. דאָרט וועט מען זיך שוין איבערצייגן, אַז איך מיין עס ערנסט.

— נו גוט, איך פאָר מיטוואָך. וועט מען שוין זען צי מענער קאָנען האַלטן וואָרט.

איך האָב דערפילט ווי מען וואָלט מיר געגעבן מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ.

— גוט — זאָג איך — וועל איך שבת נאָכקומען.

מיר זיינען שטיל געוואָרן. איך האָב געטראַכט וועגן מיטוואָך און וועגן דעם, אַז זי האָט געזאָגט „מענער". כ׳האָב אויפגעהויבן די אויגן צו איר און דערזען איר שיינעם, שניי־וויסן, לאַנגן האַלדז, אירע ברוין־זיידענע, רויטלעכע האָר און אירע צוויי שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געפונקלט אין

דער טונקלקייט. מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל אַ קוק געטאָן אין די אויגן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך זע אַ טרער אין איר בליק. אויך איך האָב געפילט ווי צו ווייגען, נישט וויסנדיק פאַרוואָס.

— איך האָב נאָך אַזוי פיל צו טאָן — גיט זי אַ מאַך צו דער חברטע, און ווענדט זיך דערנאָך, צום ערשטן מאָל, מיט אַ צאַרטן בליק צו מיר — אַ גוטע נאַכט, צעריסן מיצל.

זי איז פאַרשוואונדן. איך בין געבליבן ווי אַ געליימטער, ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. אָבער באַלד האָט זי ווידער געעפנט דאָס פענצטער. זי האָט איצט געהאַט אויף זיך אַ קאַפּטאַניקל אָן אַרבל, און אַ פאַרטוכל.

— איך האָף — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן מיט אַ שמייכעלע — אַז איך האָב קיינעם ניט באַליידיקט מיט מיין „צעריסן מיצל״. עס פּאַסט אים זייער גוט. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט — האָב איך געענטפערט שוין מער דרייסט, ווי מיט דאַנקבאַרקייט — אַ גוטע נאַכט.

זי האָט לאַנגזאַם פאַרמאַכט דאָס פענצטער, און איך בין אַ פריילעכער אַוועק אַהיים. מיין פריינט איז געווען גליקלעך. אין דער נאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז רבקהלע און איך גייען שפּאַצירן אין פּאַרק. מיר גייען אַזוי וויט, וויט, אַזש ביז זאַליעשטשיקי. איר העמד איז געווען אָן אַרבל, און איך האָב געקאָנט באַרירן אירע נאַקעטע, רונדע אָרעמס; ס'איז אויך געווען טיף אויסגעשניטן, האָט מען געקאָנט באַמערקן דעם אויבערשטן ראַנד פון אירע קיילעכדיקע בריסטלעך. מיר האָבן זיך געשפּילט מיט מיין צעריסן מיצל, ביז מיר זיינען הונגעריק געוואָרן און איך האָב אָפּגעבראָכן אַזעלכע קרוכלע, וואַרעמע קימל־ראָגעלעך און געזאַלצענע בייגל — האָבן מיר געגעסן און זיך געפרייט און געלאַכט, געלאַכט דעם גאַנצן וועג.

מיטוואָך איז רבקהלע אַוועקגעפאָרן קיין זאַליעשטשיקי. פרייטיק האָט מיך דער טאַטע געשיקט קויפן פּאָסט־קאַרטלעך, האָב איך צוגענומען דאָס געלט, און שבת נאָכן עסן בין איך אַוועק. מיין פריינט האָט מיך באַגלייט ביז הינטער דער שטאָט. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט. איך האָב זיך צוגעזעצט ביים ריוו און פעסטער צוגעשנירט מיינע שיך. מיין פריינט האָט מיר נאָך געגעבן צום אָנדענק זיין בעסטן בליישטיפט, דערנאָך האָבן מיר זיך געשוואוירן אייביקע טריישאַפט און זיך אָפּגעזעגנט.

איך בין שוין געווען מער ווי אַ האַלבע שעה אין וועג, ווען ס'האָט פּלוצים אָנגעהויבן רעגענען. שלעכט! אָבער אייזן איז אַ סגולה קעגן רעגן. האָב איך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אויב איך וועל געפינען אַ שטיק אייזן — איז גוט; אויב אָבער ניט, איז דאָס אַ סימן, אַז איך מוז זיך אומקערן צוריק אַהיים. און אָט ליגט טאַקע אויפן וועג אַ האַלבע פּאַדקאָווע, ממש ווי

עמעצער וואָלט זי אָנגעגרייט פֿאַר מיר! איז עס דאָך אַ גוטער סימן, און איך נעם שפּאַנען נאָך שנעלער.

אין אָוונט בין איך אָנגעקומען אין סעראַפּיניעץ, אַ דאָרף צווישן האָראָ־דענקע און זאַליעשטשיקי. איך בין אַריין אין קרעטשמע, וועלכע איז געווען פֿול מיט אוקראַיִנישע פּויערים. זיי האָבן מיך גלייך פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגעס: ווי אַלט איך בין, ווי לאַנג איך וואַנדער שוין אַזוי, ווי עס האַלט מיט דער וועלט־פּאָליטיק, פֿאַרוואָס די טערקן גייען אין רויטע מיצלעך, און אויב ס׳איז טאַקע אמת, אַז ביי מאַנכע פֿעלקער טראָגן די מאַנסבילן לאַנגע צעפּ, און אַנדערע האָבן גאָר בלויז איין אויג אין שטערן. איך האָב אויף אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, געפֿונען אַן ענטפֿער און בין זיי אַזוי געפֿעלן, אַז איינער האָט מיך באַלד פֿאַרבעטן צו זיך אויף וועטשערע. אָבער ווי קאָן איך גיין צו אים עסן, אַז ביי אים איז ניט כשר? האָט ער מיך טראַקטירט אין קרעטשמע מיט פּיר זעמל און אַ הערינג, און דערצו נאָך געהייסן דערלאַנגען אַ גאַנצע „האַלבע" ביר. מיר האָט זיך באַלד דער קאָפּ פֿאַרדרייט און איך בין אַוועק אין שייער שלאָפֿן.

ביינאַכט איז מיר געווען קאַלט. בין איך אויפֿגעשטאַנען פֿאַרטאָג און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. די פֿייגל האָבן זיך צעזונגען זייער מאָרגן־שירה צו גאָט, און איך, אַ צוועלף־יאָריקער, קליין און צעשראָקן, האָב געוואַנדערט איינער אַליין אין דער גרויסער, ווייטער וועלט — ווער ווייסט וואָס זיי טראַכטן איצט איבער אין דער היים? איך וואָלט פֿאַרט געוווען באַדאַרפֿט זיך געזעגענען מיטן טאַטן... אָבער ווי האָב איך אים געקאָנט דערציילן וועגן רבקהלען? און וואָס וועט טאַקע רבקהלע אַליין זאָגן, ווען זי וועט מיך פּלוצים דערזען? דאָס ערשטע, וואָס איך וועל איר זאָגן: „מענער זיינען דאָך געטריי, און מען שטייט נישט באַלד הינטער אַ צווייטן פֿענצטער מיט אַן אַנדערער." פּלוצים האָט זיך מיר געדאַכט ווי עמעצער רופֿט מיך. איך קוק זיך אום, און דערזע פֿון ווייטן אַ הויכן מאַן, וועלכער ווינקט צו מיר מיט אַ שטעקן און רופֿט מיך. איך האָב זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן גיין שנעלער — גייט אויך דער מאַן גיכער הינטער מיר. נישט גוט, טראַכט איך, און איך הויב אָן לויפֿן. אָבער אויך דער מאַן לויפֿט מיר נאָך. איך יאָג, אַז דאָס האַרץ פֿאַלט מיר שיער אַרויס. כ׳בין באַגאָסן מיט שווייס און דער גאַנצער אַרום נעמט שווינדלען פֿאַר די אויגן — ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט מיך מוטשען איידער ער וועט מיך הרגענען — — טויזנטער שטערנדלעך נעמען טאַנצן פֿאַר מיינע בליקן — איך קאָן נישט לויפֿן לענגער און איך פֿאַל אַוועק.

איך בין געלעגן אַ היפּשע ווײַלע. ווען איך האָב געעפֿנט די אויגן, איז איבער מיר געשטאַנען אַ פֿאַרשוויצטער שייגעץ מיט אַ גוטמוטיק פּנים.

— דו קאָנסט אָבער לויפן ווי אַ וויכער, דו קליינער טייוול! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל און זיך געווישט דעם שוויס פון שטערן.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס פּעקל, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין לאַנגן שטעקן. איך האָב זיך ווידער געשראָקן. ער האָט אַרויסגענומען אַ שטיק שוואַרץ פּויעריש ברויט מיט בריגזע און זיך געטיילט מיט מיר. איך האָב גענומען עסן, האַלב אויס הונגער און האַלב אויס מורא.

— אַ שאָד — זאָגט ער מיט אַ שמייכל — וואָס מיר קאָנען ניט פאַר־טרינקען מיט אַ גוט שנעפּסל.

איך האָב געשוויגן.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי געלאָפן? — פרעגט ער ענדלעך.

— פאַרוואָס ביסטו מיר נאָכגעלאָפן? — פרעג איך אים צוריק.

— איך בין דיר נאָכגעלאָפן, ווייל דו ביזט אַנטלאָפן.

— און איך בין אַנטלאָפן, ווייל דו ביזט מיר נאָכגעלאָפן.

— גייסט דען ניט קיין זאַליעשטשיקי?

— אַוודאי גיי איך קיין זאַליעשטשיקי.

— נו, געוויס. דאָס האָב איך דאָך געהערט נעכטן ביינאַכט אין קרעטשמע, האָב איך גערעכנט, אַזוי ווי איך וויל דאָרט זיין אויפן יאַריד, וועלן מיר גיין צוזאַמען.

מיר האָבן פאַרענדיקט דאָס עסן און באַלד זיך געלאָזן ווייטער אין וועג אַריין. דער שייגעץ האָט גענומען דערציילן פריילעכע מעשהלעך, האָב איך אים צוריקדערציילט, און אַזוי זיינען מיר, לאַכנדיק און שטיפנדיק, אָנגעקומען מיטיק־צייט קיין דזוואַניטשקאַ, אַ פאַרשטאָט פון זאַליעש־טשיקי, פון וואַנען אַ שפּאַגל־נייע אייזערנע בריק האָט געפירט איבערן דניעסטער אין שטאָט אַריין. דאָ האָבן מיר זיך שוין אָפּגעזעגנט ווי אַלטע גוטע־פריינט.

מיר איז געפעלן געוואָרן די שיינע, ריינע שטאָט, וועלכע דער דניעס־טער האָט אַרומגענומען ווי מיט אַ סטענגע. די מענטשן דאָ האָבן אויס־געקוקט ווי ביי אונדז און גערעדט ווי ביי אונדז. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פענצטער, אין וועלכן ס'איז געלעגן זייער שיין געבעקס. קומט צו מיר צו אַ נידעריקער ייד, מיט אַ בלאָנדער באָרד אַרום דעם שמייכלענדיקן פּנים:

— ביזט, דאַכט זיך, ניט קיין היגער? כ'האָב דיך דאָ קיינמאָל ניט געזען.

איך דערצייל אים, אַז איך בין אַ בעקער־יונג און איך קום פון האָראָ־דענקע דאָ זוכן אַרבעט.

— שלום־עליכם — גיט ער מיר די האַנט, און צעלאַכט זיך באַלד — ווערדליק דו קוקסט אויס, ביסטו נאָר אַ האַלבער בעקער־יונג.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין שענק און געהייסן געבן בייגל און אַ שנאַפּס. מיר וואָלט, פאַרשטייט זיך, ליבערשט געווען אַ גלאָז מילך; אָבער גיי בעט מילך, אַז איך וויל ער זאָל מיך נעמען פאַר אַ פאָלנע געזעלן! ער פרעגט מיך אויס ווי לאַנג איך אַרבעט שוין און וואָס איך קען.

— פּראָוווט מיך אויס אַ נאַכט, וועט איר זען — ענטפער איך.

איך געפעל אים.

— קיין באַרימער, זע איך, ביסטו נישט — זאָגט ער צו מיר און פירט מיך גלייך אין זיין בעקעריי.

ביי אים האָבן געאַרבעט פיר געזעלן: דער זיבעציק־יאָריקער גוי אַנטאָש, אַ מיטל־יאָריקער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, רפאל, און עפּעס צוויי, ניט איבעריק סימפּאַטישע יונגען. איך בין געווען דער פינפטער. דער באַלעבאָס אַליין איז געבליבן אויף איבער נאַכט „אַרויסהעלפן"; אין אמתן האָט ער געוואָלט זען ווי איך טו די פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס ער האָט מיר געגעבן: מאַכן אַ ראַשטשינע, פאַרקנעטן ברויט, אויסוואַלגערן אַ טייג. ביים מאַכן די קייזער־זעמל און ראָגאַליעס האָט ער אַזש אונטער־געשמייכלט פאַר הנאה; אויף דעם בין איך נאָך אין דער היים געווען אַ בריה. גאַנץ פרי, ווען איך האָב געבראַכט דאָס געבעקס אין זיין קראָם, זאָגט ער צו מיר:

— קום, וועלן מיר נעמען אַ שנעפּסל און מיר וועלן זיך דורכשמועסן אַביסל.

מיר גייען.

— איך ווייס — זאָגט ער, שוין אין שענקל — אַז איך קאָן דיך קריגן זייער ביליק ביז פּסח. אָבער איך וויל אַפילו ניט זאָלסט מיר זאָגן וויפל דו פאַרלאַנגסט. איך וועל דיר געבן וויפל איך צאָל רפאלן מיט דער לאַנגער באָרד, כאָטש ער איז אַ טאַטע פון דריי קינדער. וועסט באַקומען ביי מיר אַ גולדן־פופציק אַ וואָך, מיט קעסט און קוואַרטיר, ביז פּסח. אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט — האָב איך געגעבן די האַנט און בין געווען זייער גליקלעך.

איך האָב זיך שוין געזען פּסח אין דער היים, אָן אויסגעפּוצטער אין אַ בלוי־געשטרייפטן אָנצוג, נייע שיך מיט גומענע קנאַפּל, און מיט אַ סך מתנות פאַר די ברידער און שוועסטער — בין איך דאָך עפּעס אַ גרויסער ברודער צו זיי, אַ דערוואַקסענער מענטש אין אַ פרעמדער שטאָט, וואוהין איך בין נאָכגעלאָפן מיין „ליבע"...

איך האָב מיך פאַרטראַכט. מנשה שטרום, מיין נייער מייסטער, האָט מיך פלוצים אַ פרעג געטאָן:

— נו, וועגן וואָס טראַכסטו?

— וועגן דער היים — האָב איך געענטפערט אַביסל ניט דרייסט.

— גיי — זאָגט ער — שלאָף זיך אויס. און זאָלסט זיך דאָ פילן פונקט ווי אין דער היים, דו הערסט?

און איך האָב באמת אָנגעהויבן זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים.

אין דער פרעמד איז קאַלט, אָבער מ׳קאָן עפּעס לערנען

איך בין איצט געווען מיין אייגענער באַלעבאָס; ניט געדאַרפט מער פאָלגן טאַטע־מאַמע, אָדער עלטערע ברידער, ניט באַדאַרפט אָפּגעבן קיין רעכנשאַפט קיינעם; ס׳איז אָבער אויך קיינער ניט געווען, וואָס זאָל מיך פאַרזאָרגן.

דעם בעקער מנשה שטרומס ווייב איז זעקס מאָל געלעגן געוואָרן; זעקס מאָל האָט ער זיך געוואונטשן עס זאָל זיין אַ יינגל, און געהאַט האָט ער זעקס מיידלעך. ער איז געווען אַ גוטער טאַטע, האָט זיך אָבער געפילט אומגליקלעך וואָס ער האָט ניט קיין קדיש, און האָט מיך דעריבער ליב באַקומען באַלד פון ערשטן אויגנבליק. ער פלעגט מיך אַפילו מיטנעמען צום דאַווענען. אָבער ערשטנס איז מיר געוואָרן לאַנגווייליק זיך אַרומ־צושלעפּן מיט אים; צווייטנס, האָבן מיר די אַנדערע געזעלן שטענדיק געגעבן אָנצוהערן, אַז איך חנפע זיך צום באַלעבאָס; און דריטנס, איז די קרענקלעכע בעקערין געווען אויף מיר אייפערזיכטיק: זי האָט געטענהט, אַז איר מאַן האָט מיך ליבערשט ווי זיינע אייגענע קינדער, — ווייל זיי זיינען מיידלעך. זי איז געווען קאַרג און שפּאָרזאַם, און ער — אַ פריי־געביקער, כמעט פאַרשווענדעריש. ער האָט ליב געהאַט איבערצוזיצן אין פאַרשיידענע קליינע שענקלעך, און ווער ס׳איז נאָר אַריינגעקומען, דעם האָט ער מכבד געווען מיט אַ טרונק. אָן אַ מיט־טרינקער האָט ער ניט געקאָנט נעמען קיין טראָפּן אין מויל אַריין; ער האָט געמוזט עמעצן האָבן צו מאַכן אַ לחיים. אייניקע האָבן עס טאַקע אויסגענוצט און פלעגן אים שוין נאָכגיין אין שענק אַריין. האָט ער געמעגט דעמזעלבן מענטשן באַ־געגענען פינף, זעקס מאָל אין זעלבן טאָג, פלעגט ער אים אַלץ פאַרבעטן מיט דעמזעלבן פזמון: „אַ! טרינק אויס אַ שנעפּסל מיט מיר; כ׳האָב דאָך דיך שוין יאָרנלאַנג ניט געזען.“

מנשה שטרום האָט ליב געהאַט קבצנים, און דער עיקר אָרעמעלייט, וואָס גייען איבער די הייזער. גאַנצע טוצן אָרעמעלייט פלעגן אויף שבת זיצן ביי זיין טיש און עסן און טרינקען צו זאַט. דערפאַר האָבן זיי דער־ציילט וואונדערלעכע מעשי־נורא וועגן זייער וואַנדערן איבער דער וועלט. זיי פלעגן זיך פילן ביי אים ניט ווי אורחים, נאָר ווי ביי זיך אין דער היים.

נאָך מער: זיי טוען דאָך אים נאָך אַ טובה מיט דעם, וואָס זיי זיינען גורם, ער זאָל קאָנען מקיים זיין די מצווה פון הכנסת־אורחים! עפּעס האָט ער געוואָלט זיך אויסקויפן פון אַ זינד, וועגן וועלכער מ'האָט שטילערהייט גערעדט אין שטאָט: זיינע אַן אָרעמע, ווייטע קרובה, וואָס האָט ביי אים געדינט, האָט פיר חדשים נאָך דער חתונה געהאַט אַ קינד. האָט ער פאַר איר גאַנצער משפחה געקויפט שיפסקאַרטן און זיי אַריבערגעפּעקלט קיין אַמעריקע. אין שטאָט פלעגט מען זאָגן: „אַ, מנשה שטרום איז זייער אַ פרייגעביקער מענטש — אָרעמעלייט גיט ער עסן, און זיינע קרובים גיט ער פיר חדשים נאָך דער חתונה אַ קינד."

ס'האָט גענומען וואָכן, ביז איך האָב זיך צוגעוואוינט צום נייעם פּלאַץ און זיך אַביסל איינגעאַרבעט. איצט האָב איך אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן וועגן רבקהלען — בין איך דאָך צוליב איר אַנטלאָפן אַהער פון דער היים. אָבער ביי וועמען זאָל איך פרעגן? איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אין הויז ביי אַ געזעלן פון אַ צווייטער בעקעריי קומען זיך צונויף בחורים און מיידלעך, און זיין ווייב, חנה קאַזאַק, סערווירט דאָרט ביר און שנאַפּס מיט צובייס. איך האָב זיך באַקענט מיט איר מאַן און ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך. כ'האָב דאָרט געטראָפן אַ פולע שטוב מיידלעך און בחורים. חנה קאַזאַק, מיט שמייכלענדיקע יונגע אויגן אין אַלטן פּנים, מיט איר בלאָנדער, דריי־גאָרנדיקער פריזור, האָט געפירט די גראַנדע: איר האָט מען אָפּ־דערציילט אַלע רכילותן, זי האָט דורכגעפירט שידוכים און אָנגעמאַכט ברוגזן צווישן פּאָרלעך — אין אַלץ האָט זי אַריינגעשטעקט איר נאָז.

זי האָט שוין אויך געוואוסט וועגן מיר און האָט מיר פאַרגעוואָרפן, למאי איך האָב זיך ערשט איצט דערמאָנט צו קומען אין איר הויז. זי האָט מיר אויך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי וועט מיר גערן זיין אַ פריינט, אָבער פריער מוז איך איר אַרויסווייזן פריינטשאַפט. איך האָב אָנגעהויבן צו קומען אַהין יעדע וואָך און איבערגעלאָזט דאָרטן אַ היפּשן טייל פון מיינע פאַרדינסטן, אָבער איך האָב נאָך אַלץ באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַביסל געלט און פאַר איר געקויפט שטאָף אויף אַ קלייד. האָט זי מיך איינמאָל באַשטעלט צו קומען צו איר אין מיטן וואָך און געהאַט מיט מיר אַ לאַנגן שמועס וועגן רבקהלען: איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג, און רבקהלע איז פיל עלטער — צי נעם איך עס טאַקע אַזוי ערנסט מיט רבקהלען? עס איז דאָך שוין אַוועק אַזאַ לאַנגע צייט, און רבקהלע גייט איצט אַרום מיט מאַקס קוטשער, דעם „לאָק".

מאַקס האָט געהאַט אַ פּיאַקער אויף גומענע רעדער, מיט וועלכן ער פלעגט פירן פאַרשוינען צו דער באַן און אָפּיצירן צו זייערע מיידלעך. ער איז אַלט געווען ניינצן יאָר. געווען אַ נידעריקער, אַ ברייטער, מיט אַ חוצפּהדיק פּנים, און פלעגט זיך קליידן זייער אויפפּאַליק, מיטן היטל

שטענדיק פאַררוקט אויף אַ זייט, פון אונטער וועלכן אַ שוואַרצער לאָק האָט אַריבערגעהאַנגען איבער זיין רעכטן אויג. דערפאַר טאַקע האָט מען אים גערופן דער „לאַק".

— יאָ — האָט חנה קאָזאַק מיר געזאָגט — מאַקס „לאַק" מיינט גאַנץ ערנסט מיט רבקהלען, און ס'וועט זיין זייער שווער זי אָוועקצונעמען ביי אים.

האָט זי צוגעטראַכט אַ פּלאַן, כדי מיר צו באַווייזן וואָס פאַר אַ פריינדין זי איז מיר: צוערשט מוזן מיר זען צו געווינען „לאַקס" פריינטשאַפט און מיט אים איבעררעדן וועגן דעם. „לאַק" קאָן זיין אַ גוטער־ברודער און פאַר אַ פריינט וועט ער דעם קאָפּ אַוועקגעבן. איז דאָס בעסטע: איך זאָל פריער „לאַקן" קויפן עפּעס אַ מתנה און דערנאָך אים פאַרבעטן צו איר שבת פרי אויף אַן איבערבייס; מיט דעם וועט מען אים אפשר קאָנען ווייכער מאַכן. איך האָב אַפילו געוואָלט פריער איבעררעדן מיט רבקהלען, אָבער חנה קאָזאַק האָט געהאַלטן, אַז דאָס קאָן נאָך „לאַקן" בייז מאַכן און אַלץ וועט זיין פאַרלוירן.

„אַלץ פאַרלוירן", האָב איך געטראַכט, אַלץ . . . אונדזער שמועס ביים פענצטער אין האַראַדענקע, מיין אַנטלויפן פון דער היים, דאָס ניט גע־זעגענען זיך אַפילו מיטן טאַטן — — טרערן האָבן מיך גענומען שטיקן.

— ווי אַלט ביסטו? — האָט חנה קאָזאַק אַ פרעג געטאָן.

איך האָב מיר צוגעלייגט דריי יאָר צו מיינע יאָרן, האָב זיך געהייסן געבן אַ שנאַפּס ווי אַ דערוואַקסענער און בין צוריק אַהיימגעגאַנגען אין דער בעקעריי. ערשט איצט האָב איך דערפילט, אַז איך בין אין דער פרעמד. כ'האָב נישט געקאָנט עסן, נישט רעדן קיין וואָרט צו קיינעם. בין איך אַרויפגעקראָכן אויפן פּיעקעלעק און זיך געלייגט שלאָפן. אין דער נאַכט האָב איך געהאַט ווילדע חלומות. כ'האָב געזען אין חלום רפאלן, דעם עלטערן געזעל, די מייסטערקע מיט אירע זעקס קינדער, און חנה קאָזאַק — אַלע האָבן זיי זיך געדרייט אין אַ ראָד ווי מכשפים. גאַנץ זאַליעשטשיק האָט געווירבלט ווי אין אַ כישוף־טאַנץ. און מנשה שטרום אַליין האָט אַרייַנ־געשטופּט זיין קאָפּ מיט הערנער אין אַ ריזיקן פאַס מיט בראָנפן, און געשפּאָט און געלאַכט פון מיר: „העי, דו האַלבער געזעל; ווייסטו נישט, אַז מיר אַלע דאָ זיינען רוחות? דאָס האָבן מיר דיך צוליב לצנות פאַר־לאָקט אַהער פון האַראַדענקע." פלוצים איז „לאַק", אויך פאַרשטעלט ווי אַ טייוול, געקומען צורייטן אויף זיין פערד, וואָס האָט איצט געהאַט אַ ווילדע גריוועס מיט אַ לאַנגן ווידל. מ'האָט מיך צוגעבונדן צום עק, און דאָס פערד האָט מיט מיר אַזוי אַרומגאַלאָפּירט איבערן מאַרק, אַז גאַנץ זאַ־ליעשטשיק האָט געקייכט פון געלעכטער. אויך רבקהלע האָט אויף מיר

געטייטלט מיט די פינגער און געשריגן: „קוקט אים אָן! אַ שנעק פון קוים צוועלף יאָר, און דאָס וויל שוין שפּילן אַ ליבע!"

איך בין אַראָפּגעפאַלן פון פּיעקעלעק און זיך צעקלאַפּט דעם שטערן. די אַנדערע געזעלן האָבן זיך אויפגעכאַפּט.

— ניט אַנדערש, ביזט משוגע געוואָרן — האָסטו געהערט אַ שרייען פון שלאָף?!

זיי האָבן מיר מיט אַ מעסער איינגעקוועטשט די ביילן אויפן שטערן, און איך האָב אַ שווייגנדיקער זיך געשטעלט אַרבעטן.

וואָכן זיינען אַוועק. באַגעגנט מיך איינמאָל אין גאַס חנה קאָזאַק און דערציילט מיר, אַז דעם שבת פרי וועט זיין ביי איר דער „לאָק"; און פאַרוואָס ווייז איך זיך טאָקע נישט? ס'איז דאָך אַזוי פריילעך ביי איר! איך האָב ווידער געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט, האָב איך געקויפט חנהן אַ טערקישע שאַל פאַר פיר־פופציק — דאָס איז פונקט דריי וואָכן פון מיין געהאַלט — און בין שבת אין דער פרי ווידער צו איר געקומען. די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן. איך האָב געגעסן און געטרונקען אָן שום אַפּעטיט. ווען דער „לאָק" איז אַריינגעקומען, האָט מיר אָנגעהויבן טיאַכקען דאָס האַרץ און איך האָב געוואָלט אַוועקגיין. אָבער פּלוצים האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— העי, דו פון האָראָדענקע! איך הער, אַז דו ביזט אַ גוטער־ברודער. לאָמיר אויסטרינקען אַ שנעפּסל!

ער האָט באַשטעלט צוויי שנעפּסלעך, און איך צוויי. ס'האָט זיך מיר גענומען דרייען אין קאָפּ און איך האָב ניט געוואוסט וואָס מיט אים צו רעדן. מיט אַמאָל איז אַריין רבקהלע. זי האָט געכאַפּט אַ בליק אויף מיר און איז רויט געוואָרן. דאָס האַרץ האָט מיר גענומען קלאַפּן נאָך שנעלער. דער „לאָק" האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און גראָב געזאָגט צו רבקהלען:

— העי, דו, איך האָב פיינט אַז מ'קומט שפּעט.

ער האָט מיר געגעבן די האַנט און זיך געלאָזט גיין. רבקהלע איז אים נאָכגעגאַנגען, וואַרפנדיק נאָך אַ בליק אויף מיר.

איך בין אַרויס און, אַליין ניט וויסנדיק, פאַרגאַנגען צום דניעסטער. אָבער איך האָב זיך דערפילט קראַנק און בין אַוועק אין דער בעקעריי. דעם גאַנצן טאָג בין איך אָפּגעלעגן אויפן פּיעקעלעק. די איינזאַמקייט און די „פרעמד" איז ווי מיט קאַלטע אייז־סטאַמפּאַליעס מיר אַריין אין די ביינער — איך האָב אויפן הייסן פּיעקעלעק געציטערט פאַר קעלט.

אויף דער צווייטער וואָך האָט מיר חנה קאָזאַק געראַטן איך זאָל ניט פאַרלירן דעם מוט און קויפן דעם „לאָק" אַ מתנה. זי איז מיט מיר גע־גאַנגען אין געשעפט און מיר האָבן אויסגעקליבן פאַר אים אַ לאַנגע שיינע בייטש מיט אַ ביינערנער „סקיווקע" אויפן הענטל, וואָס האָט מיך געקאָסט

זעקס גולדן — מיינע פיר וואָכן האַרעוואַניע. מיר זיינען אַוועק אויפן פּלאַץ, וואו עס שטייען די פיאַקערס, און עס איבערגעגעבן „לאָקן". ס'איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און, ווינקענדיק מיט אַן אויגל, האָט ער זיך באַרימט פאַר די אַנדערע פיאַקערניקעס וואָס פאַר אַ גוטער פריינט איך בין אים.

— העי, דו — האָט זיך אָנגערופן יאַקים מיטן קרומען מויל — פאַר אַזאַ בייטש קאָן איך דיר אונטערפירן צען נקבות.

— האַלט דיין קרומען פּיסק! — האָט דער „לאָק" אויף אים אָנגעשריגן.

— מ'מעג דאָך אַמאָל מאַכן אַ שפּאַס — האָט יאַקים זיך פאַרענטפערט.

— ניט מיט מיינע פריינט — האָט „לאָק" ווידער צו אים אַ וואונק געטאָן מיטן אויגל.

ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיין אַקסל, מיך אַוועקגענומען אַן אַ זייט און מיר געזאָגט, אַז פּרייטיק־צו־נאַכטס וועט ער מיך ערגעץ מיטנעמען און מיר ווייזן וואָס פאַר אַ פריינט ער איז מיר.

עס זיינען צוגעקומען צוויי יונגע אָפיצירן, זיך אַריינגעזעצט אין זיין פיאַקער און אים אָנגערופן די נעמען פון צוויי מיידלעך. אַלע האָבן זיך צעלאַכט. „לאָק" האָט אַ קנאַל געטאָן מיט מיין בייטש, און פאַרנדיק שוין, האָט ער צו מיר אַריבערגעשריגן:

— פרייטיק־צו־נאַכטס ביי חנה קאָזאַק!

פרייטיק־צו־נאַכטס בין איך געווען ביי חנה קאָזאַק, און זי האָט כיטרע, צווייִדייטיק אַ זאָג געטאָן:

— זעסט וואָס איך טו פאַר דיינעטוועגן? היינט ביינאַכט וועסטו דערגרייכן דיין ציל.

איך האָב ניט געוואָלט אויסקוקן ווי אַ יינגל און זיך געשעמט צו פרעגן וואָס זי מיינט. „לאָק" איז געקומען. מיר האָבן עפּעס געגעסן, און דערנאָך פרעגט ער מיך צי איך קאָן אים באָרגן דריי גולדן. אַוודאי קאָן איך. האָט ער נאָך באַשטעלט צוויי גלאָז ביר, באַצאָלט חנהן אַ גולדן־פּופּציק און מיך אַוועקגעפירט צום אַפּטייקער קאַלמוס. מיר זיינען אַריין אין קיך דורך אַ הינטער־טיר און געוואַרט. פונעם צווייטן צימער האָט זיך געהערט אַ שעפּטשעריי און געלעכטער — אַ מאַן מיט אַ פרוי. ענדלעך האָט אין טיר זיך באַוויזן רבקהלע. זי איז געווען אין אַ שלאָף־העמד אָן אַרבל, דאָס פּנים צעפלאַמט, אירע רויטלעך־ברוינע האָר זיינען געווען צעשויבערט.

— מאַך זיך פאַרטיק און קום! — האָט איר „לאָק" באַפוילן.

זי האָט מיך דערזען זיצן אין ווינקל.

— ניין, ניין! — האָט זי זיך צעוויינט — ניט מיט אים! ניט מיט אים!

— וועסט טאָן וואָס איך וועל דיר הייסן, שמאַטע — האָט „לאָק" אַ מאַך געטאָן צו איר — טו זיך אָן!

רבקהלע איז צוריק אַריין אין צווייטן צימער. עס איז מיך באַפֿאַלן אַ כעס פֿאַר בושה און פֿאַרצווייפֿלונג.

— חזיר איינער! חזיר! — האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף „לאָקן" און אים אָנגעשפּיגן אין פּנים.

מיט אַמאָל האָב איך דערפֿילט אַ זעץ איבערן קאָפּ ווי מיט אַ שטיק אייזן. נאָך אַ זעץ, און דאָס בלוט האָט מיר גענומען רינען איבערן קאָפּ און איבערן פּנים. איך האָב זיך אַ וואַקל געטאָן. טויזנט קליינע בליצן האָבן גענומען טאַנצן פֿאַר די אויגן — איך בין אַוועקגעפֿאַלן און מער גאָר ניט געוואוסט — — —

דער אַפּטייקער קאַלמוס האָט מיט שפּירט און וואַטע מיר געוואַשן די וואונדן אויפֿן קאָפּ און פּנים. ער האָט נאָר געבעטן, איך זאָל קיינעם ניט דערציילן, אַז דאָס האָט מיר פּאַסירט ביי אים אין הויז; דערפֿאַר מעג איך יעדן צווייטן טאָג קומען צו אים און ער וועט מיך אומזיסט היילן.

כ׳בין אַוועק אַהיים, איינער אַליין אין דער פֿינצטערער נאַכט. איך האָב געפֿילט, אַז איך בין היינט מיט אַ סך יאָרן עלטער געוואָרן. מיין האַרץ איז געווען צעריסן אויף צוויי: איין העלפֿט האָט אויף זיך אַליין רחמנות געהאַט, און די אַנדערע העלפֿט האָט מיך ווי עפּעס געטרייסט — — אַ קאַלטע, מאָדנע איינזאַמקייט האָט געמאַכט ציטערן מיינע ציין.

צומאָרגנס בין איך ניט אַרויס אין גאַס. אין דער בעקעריי האָב איך דערציילט, אַז שיכורע סאָלדאַטן זיינען מיך באַפֿאַלן, און די געזעלן האָבן מיר געזאָגט, אַז איך מעג גומל בענטשן וואָס איך בין אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון זייערע הענט.

מער בין איך ניט געגאַנגען צו חנה קאַזאַק און כ׳האָב אויך מער ניט אַרומגעזוכט רבקהלען.

אַ געוויסן טאָג איז מנשה שטרום אַהיימגעקומען מיט אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט געטראָגן אַ פּאַק ביכער אונטערן אָרעם. דער יונגערמאַן, האָט מנשה געזאָגט, וועט לערנען זיינע מיידלעך. ער איז געווען אַ רוסישער סטודענט, וועלכער איז אַוועק פֿון דער היים, כדי דאָ צו שטודירן. טשערניאַקאָוו האָט ער געהייסן. עפּעס זיינען מיר זיך געפֿעלן איינער דעם אַנדערן. איז ער זייער אָפֿט געגאַנגען מיט מיר שפּאַצירן און ערנסט מיט מיר איינגעטענהט. ער האָט מיר געגעבן צו לייענען קליינע ביכלעך, וועלכע איך האָב פֿאַרשטאַנען, און ער האָט מיר דערציילט זאַכן, וואָס האָבן מיר אויסגעוויזן אומגלויבלעך; אָבער טשיקאַווע איז עס געווען. ס׳איז מיר פֿאָרגעקומען זייער מאָדנע, ווען ער האָט מיר געוואָלט איינרעדן, אַז יעדער שטערן אויפֿן הימל איז אַזוי גרויס ווי אונדזער גאַנצע ערד; אַז אויך בייטאָג זיינען פֿאַראַן שטערן, נאָר מיר זעען זיי נישט צוליב דעם ליכט פֿון דער זון; אַז מיר דרייען זיך אַלע דאָס גאַנצע לעבן ווי אויף

אַ קאַרוסעל, און דאָך קריגן מיר ניט קיין קאָפּווייטיק; און אַז ס׳האָט געגומען צו באַשאַפן די וועלט ניט זעקס טעג, נאָר גאַנצע מיליאָנען יאָרן. ער האָט דערציילט נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס איך האָב אים אָבער ניט גע־גלויבט. ווייל כאָטש ער איז געווען אַ קלוגער און וואוילער מענטש, איז ער אָבער זיכער ניט געווען קליגער פון מיין טאַטן און פון מיין רבין שימשעלע מילניצער. ער האָט געהאַט אַ ווייך קול און גוטמוטיקע אויגן, האָט געטראָגן אַ שיינעם קראַוואַט, און ס׳איז זיכער געווען אָנגענעמער מיט אים צו רעדן איידער צו פאַרברענגען ביי חנה קאַזאַק מיט טרינקען בראַנפן, פון וועלכן מ׳האָט געקראָגן קאָפּווייטיק און דערביי געפּטרט דאָס ביסל שווער־פאַרהאָרעוועטע געלט.

ס׳איז אונטערגעקומען דער ווינטער. איינמאָל אַ טאָג קומט פּלוצים אַריין מיין טאַטע אין דער בעקעריי.

— שלום־עליכם! — לויף איך אים אַקעגן.

— עליכם־שלום! — נעמט דער טאַטע מיין האַנט און באַטראַכט מיך ערנסט — מ׳זאָגט מיר, אַז דו האָסט זיך דאָ פאַרדונגען ביז פּסח.

— יאָ, טאַטע.

— ווילסט טאַקע דאָ בלייבן ביז פּסח?

— יאָ, טאַטע.

— מיין קינד — זאָגט ער, באָך אַלץ האַלטנדיק מיין האַנט אין זיינער — איך ווייס, אַז ווען דו וועסט קומען אין מיינע יאָרן, וועסטו אַוודאי האָבן מער שכל פון מיר. דערווייל אָבער בין איך פאַרשטענדיקער פון דיר. זאָגסטו מיר צו, אַז ווען דו וועסט אַמאָל ווידער וועלן אַוועק פון דער היים, וועסטו פריער האַלטן אַן עצה מיט מיר?

— איך זאָג דיר צו, טאַטע.

— און איך פון מיין זייט זאָג דיר צו, דיך קיינמאָל ניט צוריקצוהאַלטן.

מיר זיינען אַרויס זיך דורכגיין אַביסל. דער טאַטע האָט מיר דער־ציילט וואָס ס׳הערט זיך אין דער היים, וואָס עס מאַכן די שכנים און וועלכע יינגלעך עס זיינען אַנטלאָפן פון האָראָדענקע. ער האָט ווידער דערמאָנט וועגן דעם, פאַרוואָס איך האָב ביים פאַרלאָזן האָראָדענקע זיך געהאַלטן אַן עצה מיט מיין פריינט משה מענדל, און ניט מיטן אייגענעם טאַטן:

— איך וואָלט אַוודאי וועלן דיך לאָזן שטודירן, אָבער וואָס קאָן איך טאָן, אַז איך בין אַזאַ ביטערער אָרעמאַן און דו מוזט אַרבעטן ביי פרעמדע מענטשן... איך וויל אָבער דו זאָלסט וויסן, קינד, אַז איך בין דיר ניט נאָר אַ טאַטע, נאָר אויך אַ פריינט.

דער מייסטער האָט אַפילו אונדז ביידע פאַרבעטן אויף מיטיק; אָבער דעם טאַטן איז ניט געווען ניחא צו עסן ביי מיין באַלעבאָס, זיינען מיר אַריין אין אַ רעסטאָראַן, און איך האָב געהייסן געבן אַ מיטיק מיט שנאַפּס

און ביר. מענטשן האָבן זיך צוגעזעצט און מיך אויסגעלויבט פאַרן טאַטן. און ווען מיר זיינען אַרויס פונעם שענק, האָט דער טאַטע צו מיר געזאָגט:

— זעסטו, מיין קינד, דאָס איז דער ערשטער מאָלצייט, וואָס דו צאָלסט פאַר דיין טאַטן; און ביזט נאָך אַפילו קיין בר־מצווה ניט. איצט פאַר איך אַהיים אַ בארויאיקטער: איך זע, אַז לויט דיינע יאָרן ביסטו אַ סך פאַר־שטענדיקער ווי איך האָב גערעכנט און קאָנסט ברוך־השם דיין שטעטל אַליין באַשטיין. איך וויל נאָר, אַז ווען דו וועסט אם־ירצה־השם אַהיים־קומען אויף פסח, זאָלסטו מיט מיר אַריבערגיין צום טשאָרטקאָווער צדיק, וועלכער וועט דעמאָלט זיין אין האָראָדענקע, ער זאָל דיך בענטשן.

כ׳האָב געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט, האָב איך נאָך געקויפט פאַר דער מאַמען אַ שווערע ווינטער־שאַל און אַ זיידן קאָפּ־טיכל, און באַגלייט דעם טאַטן ביז צו דער דזוואָניעטשקאָ־בריק. דאָ זיינען שוין געזעסן אויפן שליטן נאָך אַנדערע פאַרשוינען, וועלכע האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד צו קאָנען אַהיימפאָרן איידער ס׳פאַלט צו די נאַכט. האָב איך זיך צעזעגנט מיטן טאַטן, ווי מיר וואָלטן געווען צוויי אַלטע גוטע־פריינט, און דאָס האַרץ איז מיר געוואַקסן פאַר פרייד און שטאָלץ און גליק וואָס מיין ליבער, גוטער טאַטע איז געקומען מיך זען.

אין אונדזער בעקעריי פלעגט אַריינקומען נאָך אַ נדבה אַן אָרעמע פרוי. שבת נאָכן עסן, ווען איך בין געזעסן אַביסל פאַר דער טיר, גייט זי פאַרביי מיטן מאַן און איר יינגל, און פרעגט מיך, צי מיין טאַטע איז נאָך דאָ. אַ וואָרט אום אַ וואָרט, זאָגט זי מיר, אַז ס׳איז זייער ניט שיין פון מיין טאַטן וואָס ער לאָזט מיך אַזוי שווער אַרבעטן אין דער פרעמד. אָט זיינען זיי גאַנץ פשוטע אָרעמעלייט, זאָגט זי, אָבער זייער קינד, אין מיין עלטער, גייט נאָך אין שולע, און האָט קיין עין־הרע פולע בעקעלעך און צאַרטע הענטעלעך:

— גיב נאָר אַ קוק אין שפּיגל, וועסטו זען וואָס פאַר אַ בלאַס פנים דו האָסט, ווי דיינע הענט און פיס זיינען זיך צעוואַקסן ווי אַ פלאַץ פון דער שווערער אַרבעט אין דער בעקעריי.

איר מאַן שאָקלט־צו מיטן קאָפּ און שמייכלט. איך האָב זיך געפילט באַליידיקט און זיי געלאָזט שטיין. נאָר אַוועקגייענדיק, האָב איך געטראַכט: פאַרוואָס האָב איך זיי ניט געענטפערט באַלד אויפן אָרט, אַז ס׳איז מיר ליבערשט נאָך הונדערט מאָל שווערער צו אַרבעטן טאָג ווי נאַכט, איידער לאָזן מיינע עלטערן אַרומגיין פאַר מיר אין די הייזער. ס׳איז מיר ליבערשט צו האָבן צען מאָל אַזעלכע צעוואַקסענע הענט און פיס, איידער צו האָבן אַזאַ בלייך, אידיאָטיש פנים ווי זייער זינדל.

שטענדיק פלעגן אַזוי מיינע גוטע ענטפערס קומען פיל שפּעטער ווי ווען איך האָב זיי באַדאַרפט. דאָס פלעגט מיך ערגערן, און ס׳האָט מיך

נאָך געאַרט פּאַרוואָס איך ערגער זיך דערפון. אָבער זייט דעמאָלט פלעג איך גאַנץ אָפּט אַ קוק טאָן אויף מיינע גרויסע, צעוואַקסענע הענט — — אַזוי יאָרן און יאָרן. — — —

וואָכן שפּעטער איז צו מיר געקומען חנה קאַזאַק און מיר דערציילט, אַז „לאַק" איז זיך צעגאַנגען מיט רבקהלען און מ׳זאָגט, אַז זי איז אַוועק קיין טשערנאָוויץ אין אַ „הייזל". זי האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז „לאַקן" טוט באַנג וואָס ער האָט אַזוי געהאַנדלט קעגן מיר; ער דענקט, אַז איך בין אַן אמתער „גוטער ברודער" מיט דעם, וואָס איך האָב אים ניט פאַרקלאָגט פאַר שלאָגן מיך. דערפאַר האָט ער באַשטעלט ביי איר אויף שבת פרי אַ גרויסן אָנבייסן פאַר מיר מיט זיינע פריינט; און ביי דעם אָנבייסן וויל ער מיט מיר זיך איבערבעטן. די אַנדערע בעקער־יונגען האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם און האָבן מיך שטאַרק צוגערעדט אָנצו־נעמען די איינלאַדונג. זיינען מיר שבת אַוועק צו חנה קאַזאַק. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט ביי אַ געדעקטן טיש, „לאַק" לעבן מיר, און מיר האָבן געגעסן און געטרונקען. נאָך עטלעכע שנעפּסלעך האָב איך פלוצים דער־פילט, אַז איך ווער בלאַס — איך האָב גענומען ציטערן. ס׳איז מיר גע־קומען אויפן געדאַנק דאָס באַגעגעניש מיט רבקהלען אין אַפּטייקערס קיך, און די בושה, וואָס דער „לאַק" האָט מיר אָנגעטאָן — און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָב איך געכאַפּט דאָס שווערע גלאָז ביר און עס מיט אַלע מיינע כחות אַ זעץ געטאָן „לאַקן" אין פּנים אַריין. ס׳איז מיר לייכטער געוואָרן.

— אַט האָסטו אַן איבערבעטן זיך! — האָב איך נאָך אַ זאָג געטאָן — איצט מעגסטו מיך ווידער שלאָגן.

ער, אַ צעבלוטיקטער, האָט זיך טאַקע אַ וואָרף געטאָן אויף מיר. מען האָט געפּרוווט אונדז צענעמען, און באַלד האָט זיך געשאַפן אַ קנויל מענטשן מיט צוויי צדדים — די מערסטע אויף מיין זייט. חנה קאַזאַק האָט געוואָלדעוועט, די אַנדערע פּרויען האָבן געשריגן, און „לאַקן" האָט מען אָפּגעוואַשן און באַנדאַזשירט די וואונדן, ווי מ׳האָט עס מיר געטאָן ביים אַפּטייקער. איצט האָבן זיך אַלע באַרואיקט און מ׳האָט מיך ווידער גענומען צורעדן איך זאָל זיך איבערבעטן מיט „לאַקן". איך האָב אים געגעבן די האַנט און בין אַוועק אַהיים.

זייט דעמאָלט האָב איך אויסגעמידן זיך צו טרעפן מיט זיי. איך האָב אָנגעהויבן אַלץ מער אַרומצוגיין מיטן רוסישן סטודענט טשערניאַקאָוו, וועלכער איז מיר געוואָרן ווי אַן אייגענער ברודער. און ווען איך האָב אים אַלץ דערציילט, וואָס מיט מיר איז דאָ פאָרגעקומען, האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס, אַז דיין טאַטע קאָן דיך ניט שיקן שטודירן. אָבער פון דעם, וואָס דו דערציילסט מיר, קאָנסטו מער אָפּלערנען ווי אַ דאָקטאָר

לערנט. דאָס לעבן איז שווער, אומרחמנותדיק, אָבער עס לערנט אונדז אַ סך, עס פאַרמט אונדז און קנעט אונדז אויס, ווי דו קנעטסט דיין טייג. אין דעם איינעם יאָר, וואָס דו ביזט אין דער פרעמד, האָסטו מער געלערנט ווי אַ סטודענט, וואָס לערנט צען יאָר אין אַ שולע. רבקהלע און „לאָק", און די אַלע אַנדערע, האָבן דיר זייער שטאַרק ווי געטאָן — אָבער היינט ביסטו אַ סך מער ווי זיי אַלע צוזאַמענגענומען. מיט דער צייט, ווען מער ערנסטע זאַכן וועלן דיר ליגן אין זינען, וועסטו זיי אַלעמען פאַרגעסן.

אויף פסח האָב איך מיר געקויפט אַ נייעם אַנצוג, אַ ניי העמד מיט אַ קאָלנער און אַ ברייטן, רויטן קראַוואַט מיט שוואַרצע טופּן, ווי טשערניאַקאָווס, און אַ פּאָר שאַווראַלעי־שיך מיט גומענע קנאַפּל. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַהיימגעפאָרן — וועט מען אויך מיך מיט אַלץ דעם מקנא זיין, ווי איך האָב פאַראיאָרן מקנא געווען ראָזענקראַנצן מיט זיינע גומענע קנאַפּל ?...

ווי נאַריש ; שוין האָבנדיק דאָס, מיט וואָס איך האָב אַנדערע מקנא געווען, האָב איך נאָך געוואָלט, אַז איצט זאָלן אַנדערע מיך מקנא זיין. ס׳איז מערקווירדיק מאָדנע : האָבן וואָס מען ווינטשט זיך, איז ניט גענוג — מען וויל נאָך, אַז אַנדערע זאָלן מקנא זיין. — — —

נ י י ג ע ר י ק י י ט

דער רוסישער סטודענט טשערניאַקאָוו, וועלכער איז מיר געוואָרן אַ פריינט און אַ לערער, האָט מיר פאַרטרויט, אַז ער פאָרט אַוועק אין אַ גרויסער שטאָט, וואו נאָך אַנדערע לאַנדסלייט זיינע שטודירן ; ער קאָן מיר אָבער ניט זאָגן וואוהין ער פאָרט. ערשט נאָכדעם ווי איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך וועל עס האַלטן בסוד, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער געהערט צו אַ קרייז, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויפצוקלערן דאָס רוסישע פאָלק און עס העלפן באַפרייען פון דער נויט. צו אָט דער אָרגאַניזאַציע געהערן ניט נאָר די פשוטע, אָרעמע מענטשן פון פאָלק, ווי אַרבעטער אין די שטעט און פויערים אין די דערפער, נאָר אויך גרויסע געלערנטע, דיכטער, סטודענטן און פראָפעסאָרן. אַ סך פון זיי שמאַכטן איצט אין געפענגעניש, אָדער זיי זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אַ טייל פון זיי זיינען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און גייען דאָרט ווייטער אָן מיט דער אַרבעט : זיי דרוקן ביכער, בראָשורן און צייטונגען, וואָס ווערן אַריינגעשמוגלט קיין רוסלאַנד, און אַזוי ווערט דאָס פאָלק אויפגעקלערט צו קעמפן און צו באַפרייען זיך פון יאָך אונטערן צאַר. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז אַזעלכע קעמפער פאַרן אמת געפינען זיך איבער דער גאַנ־

צער וועלט. זיי קומען זיך אָפּט צוזאַמען און אַרבעטן־אויס פּלענער ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אָרעמען פאָלק אין רוסלאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער. דאָס אַלץ ווערט געטאָן אין געהיים. ער האָט, זאָגט ער, ניט געוואָלט מיט מיר רעדן וועגן דעם, ביז ער האָט זיך ניט איבערצייגט, אַז מען מעג זיך מיר פאַרטרויען. אַמאָל, פאַרזיכערט ער, ווען איך וועל קומען אין גרעסערע שטעט, וועל איך פון אַנדערע אַרבעטער זיך דערוויסן אַ סך מער וועגן דעם.

אַ געוויסן טאָג איז ער, אַן אַ זיי־געזונט, פּלוצים פאַרשוואונדן. איך האָב צו קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט וועגן אים, אָבער אין געדאַנק האָב איך זייער אָפּט מיט אים איינגעטענהט; וואָרים אַן אים איז זאַליעש־טשיק פאַר מיר געוואָרן געוואַלדיק לאַנגווייליק.

איך האָב זיך געגרייט אַהיימצופאָרן אויף פּסח און איינגעקויפט נאָך אַביסל מתנות: פאַר דער מאַמען אַ טייטש־חומש, פאַרן טאַטן אַ שטעקן און אַ פּעקל אַכט־און־פערציקער טאַבאַק, פאַר די צוויי קליינע שוועסטער־לעך, מאַטאַלע און ליובעטשקע, געבלימטע קליידלעך מיט פּאַטשערקעס, און פאַרן אַכט־יעריקן רויטן סענדערל אַ פּאָר שטיוועלעך. פאַר מיר אַליין האָב איך באַשטעלט אַ גראַנאַט־בלויען אַנצוג מיט שטרייפן, דערצו אַ בלויען הוט מיט אַ רויט־געטופּטן קראַוואַט, און שיך פון קאַלבס־לעדער מיט גומענע קנאַפּל. דאָס אַלץ האָב איך פאַרפּאַקט אין אַ ניי הילצערן קופערטל, וואָס איז געווען באַמאָלן מיט גרינע און רויטע בלומען. פאַרן אַוועקפאָרן האָט נאָך מנשה שטרום מיך פאַרבעטן אויף אַ גלעזל בראַנפן, האָט מיך געלויבט און פאַרזיכערט, אַז איך קאָן צו יעדער צייט צוריק־קומען צו אים, אַפילו מיט אַ גרעסערן געהאַלט ווי איצט.

דערנאָך האָב איך זיך אויפגעזעצט אויף אַ פערד־און־וועגעלע, וואָס איז געגאַנגען קיין האָראָדענקע, און — קאַטשיי אַהיים.

מיר זיינען צוריקגעפאָרן מיט דעמזעלבן וועג, מיט וועלכן איך בין צען חדשים פריער אַוועק צופוס קיין זאַליעשטשיק. אָט איז דער פּלאַץ, אויף וועלכן דער וואוילער שייגעץ האָט דעמאָלט זיך געטיילט מיט מיר מיט זיין ברויט און קעז. איך האָב זיך דערמאָנט אַן רבקהלען, צוליב וועמען איך בין אַנטלאָפן פון דער היים; דערנאָך אַן „לאָקן" און אַן חנה קאַזאַק, אויך אַן דעם גוטן, ערנסטן טשערניאַקאָוו, און כ'האָב מיט זיי אַלעמען אין געדאַנק זיך אָפּגעזעגנט. איך האָב מיר אויך פאַרגעשטעלט ווי אַזוי מיינע וועלן מיך אויפנעמען אין דער היים. און מיט אַמאָל בין איך געווען אין האָראָדענקע און דערזען דעם מאַרק און דעם קלויסטער, ביי וועלכן ס'האָבן נאָך אַלץ געפעלט צוויי ציגל אין דעם ציבעלע־אַרטיקן קופּאָל. אַ סך באַקאַנטע פּנימער האָבן פריינטלעך זיך געגריסט, און מיר האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ.

ווען כ׳בין אַריין צו אונדז אין שטוב, האָב איך מיט אַלע כּחות זיך איינגעהאַלטן ניט צו וויינען — כ׳בין דאָך שוין עפּעס אַ דערוואַקסענער... אַ גדולה איז געוואָרן איף מיינע קליינע שוועסטערלעך, וועלכע האָבן באַ־זונדערס זיך באַרימט פאַר די שכנים מיט מיין געבלימלט קופערטל. איך ווידער האָב באַוואונדערט מיין עלטערן ברודער, לייבטשע, וועלכער איז געקומען אויף אורלויב אין זיין ברוינער אַרטילעריע־אוניפאָרם מיט די בלישטשענדיקע מעשענע קנעפּ. ער איז איצט געווען פיל גרעסער און ברייטער ווי דער טאַטע. מיר זיינען געווען ניט בלויז ברידער, נאָר אמתע פריינט, און מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט איינער מיטן צווייטן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט שוין פאַר מיר אַ שטעלע ביי אַ בעקער אין סטאַניסלאַוו, און אויב איך וויל, קאָן איך מיט אים מיטפאָרן באַלד ווי עס ענדיקט זיך זיין אורלויב. אָבער דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז פריער דאַרף איך אָנהויבן לייגן תפילין, דערנאָך וועל איך אם ירצה השם קאָנען פאָרן קיין סטאַניסלאַוו.

דערווייל האָב איך אויסגעפּאַקט די מתנות און גענומען פאַרטיילן. ווען די מאַמע האָט דערזען דאָס שיינע טייטש־חומש, האָט זי זיך צעוויינט פאַר פרייד און געבעטן איך זאָל איר צוזאָגן, אַז איך אַליין וועל איר דערפון פאָרלייענען. דער טאַטע האָט באַלד פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס פון געלן „אַכט־און־פערציקער” און האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— ערשט איצט פאַרשטיי איך דעם טעם פון רייכע לייט.

— אָדער — רופט זיך אָן אַ שכן — דעם טעם פון צו האָבן אַזעלכע קינדער ווי דו האָסט.

כ׳פּאַק אויס די שטיוועלעך פאַר סענדערלען, און איך זע ווי אייניקע דרייען זיך אַוועק. ערשט איצט פּלאַצט־אויס די מאַמע אין ריכטיקן געוויין, און דער טאַטע זאָגט:

— איך בעט אייך, קינדער, ניט צו פאַרשטערן דעם יום־טוב.

און געווענדט צו מיר, זאָגט ער:

— ס׳איז געווען גאָטס רצון, מיין זון; סענדערל איז נישט מער צווישן די לעבעדיקע... ס׳איז געשען נאָך איידער איך בין צו דיר געפאָרן קיין זאַליעשטשיק, אָבער איך האָב ניט געוואָלט אומזיסט דיך מצער זיין.

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט וואָס עס איז געשען: אין אונדזער געגנט האָט געלעבט אַ מערקווירדיקער, פריילעכער אַלטעטשקער, לאָזער קוקוק. מ׳האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון וואַנען ער קומט און וואוהין ער גייט. מען האָט אים אי ליב געהאַט, אי מורא געהאַט פאַר אים. מיט אַלעמען האָט ער גערעדט אויף „דו” און פלעגט אַרומגיין איבער דער מדינה אויסגעפינען פאַרזעסענע מיידלעך און זיי חתונה מאַכן. אָן אַ צאָן אין מויל, האָט ער געלעבט בלויז אויף זופּ פון מילך מיט גריץ. אויף די

פלייצעס האָט ער געטראָגן אַ זעקל, וועלכס ער האָט קיינמאָל ניט געעפנט. ער פלעגט שטענדיק שמייכלען און זיך וויצלען, אַז ער איז שוין ווידער אַ קינד, ווייל ער האָט שוין אַריבערגעשפּרייזט זיינע הונדערט יאָר, און יעדער טאָג זיינער איז איצט אַ געשענק פון זיין ליבן נאָמען. דאָס גיט אים דער רבונו של עולם געשענקטע יאָרן, כדי ער זאָל נאָך קאָנען איינפירן אַ שטיקל סדר אין דער וועלט; ווייל עס שיקט זיך דאָך נישט, אַז אָרעמע יידישע מיידלעך זאָלן פאַרזיצן. האָבן זיינע קליינע מויז־אייגעלעך גליקלעך אַרויסגעבלישטשעט צווישן די לאַנגע ברעמען און דער טאַבאַקגעלער באָרד, וואָס האָט אים פאַרדעקט דאָס גאַנצע פּנים, און וואו נאָר ער האָט באַגעגנט אַ פאַרזעסן מיידל, פלעגט ער באַלד ביי איר זיך צעפרעגן צי זי וויל חתונה האָבן און וואָס פאַר אַ טאָרט מאַן ער זאָל פאַר איר זוכן. דערנאָך פלעגט ער אַרומגיין צווישן די נגידים פון דער געגנט און קלויבן נדן פאַר דער כלה. ער האָט ניט געבעטן קיין נדבה — ער פלעגט פּשוט פאַר יעדן באַשטימען „אַזויפיל און אַזויפיל", און מ׳האָט עס געמוזט געבן. האָט ער געקאָנט אַ זאָג טאָן, למשל, צו אַ גרויסן תבואה־סוחר: „הער נאָר, דו, האָסטו נישט דאָ ערשט אָוועקגעשיקט קיין ווין פינף הונדערט זעק ווייץ?" ווען דער סוחר האָט געענטפערט „יאָ", האָט לאָזער זיך געהייסן געבן הונדערט קראָנען. אויב דער סוחר האָט געזאָגט „ניין", פלעגט לאָזער זאָגן: „אַהאַ, דאָס הייסט, דו דאַרפסט ערשט אָוועקשיקן אַזוי פיל ווייץ — נו, איז הונדערט קראָנען." פלעגט מען זיך נעמען דינגען מיט אים און געבן די העלפט אָדער אַ דריטל פון דעם, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. אָבער אַזוי האָט ער צוזאַמענגעקליבן עטלעכע הונדערטער נדן. דערנאָך פלעגט ער שוין אויסזוכן אַן אַלטן בחור, אַ מאַן אַ גרוש, אָדער אַן אלמן מיט קינדער, און האָט אויף דעם אופן פאַרשלייערט אַ פאַרזעסענע יידישע טאָכטער.

איינמאָל קומט ער צו אונדז און זאָגט צום טאַטן:

— אהרן, כ׳האָב חתונה געמאַכט די לעצטע כלה; איצט וויל איך ביי דיר שטאַרבן.

ער האָט געשיקט רופן דעם ראש־הקהל, די חברה־קדישא און דעם מצבה־שלעגער, האָט באַצאָלט פאַר דער קרקע אויפן בית־עולם און פאַר דער מצבה, און באַשטימט פאַר נושאי־המיטה דעם ראש־הקהל, דעם טאַטן און נאָך צוויי פרומע יידן. צום ערשטן מאָל האָט ער געעפנט זיין פעקל און אַרויסגענומען פון דאָרט זיינע תכריכים מיטן קיטל און אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד. וועגן אַלץ האָט ער גערעדט רואיק, זאַכלעך, און זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלעמען ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ ווייטער נסיעה. דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין בעט, און דריי טעג שפּעטער איז ער געשטאָרבן.

ביי דער קבורה האָט מען זיך געכאַפּט, אַז ס'איז ניטאָ דאָס זעקעלע ארץ־ישראל־ערד. אַ ייד איז אַהיימגעלאָפן עס ברענגען. אָבער דאָ טרעפט ער דעם קליינעם סענדערל זיך שפּילן מיטן זעקעלע!... ס'איז געווען אַנ־גענומען, אַז ווער עס שפּילט זיך מיט זאַכן פון אַ געשטאָרבענעם, ווערט באַלד אַליין שטאַרבן. שוין אויפן בית־עולם האָבן יידן אָנגעהויבן זיך שושקען וועגן דעם, און דער בייזער סלוך האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל. שכנות זיינען געקומען טרייסטן אונדזער אבערגלויביקע מאַמע, און מיט דעם נאָך מער שרעק אָנגעוואָרפן אויף איר. סענדערלס חברים האָבן פלוצים אויפגעהערט זיך שפּילן מיט אים; זיי האָבן אים אויך דערציילט פאַרוואָס. יעדער האָט איצט געקוקט אויף סענדערלען ווי אויף דעם נאָנטסטן קרבן, וואָס דאַרף באַלד נאָכגיין לאָזער קוקן אויף יענער וועלט. דאָס אָרעמע קינד איז געוואָרן מעלאַנכאָליש, האָט געוויינט אין שלאָף, איז אַ שוויגנדיקער אָפּגעזעסן גאַנצענע טעג אין אַ ווינקל, האָט גאָרניט געגעסן און איז שרעקלעך אָפּגעצערט געוואָרן. נאָך עטלעכע וואָכן האָט ער באַקומען היץ, איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

אַזוי אַרום איז די פרייד פון מיין אַהיימקומען צעשטערט געוואָרן. קיינער האָט ניט באַמערקט מיין בלוי־געשטרייפטן אָנצוג, ניט מיין רויטן קראַוואַט. אויך מיינע גומי־קנאַפּל אויף די שיך האָבן מער קיין איינדרוק ניט געמאַכט; אַ סך האָראָדענקער האָבן שוין דעמאָלט געטראָגן גומי־קנאַפּל, וואָס מ'האָט שוין געקאָנט קויפן טאָקע אין האָראָדענקע גופא. אַחוץ דעם זיינען אַהיימגעקומען אויף אורלויב אפשר אַ צוואַנציק סאָל־דאַטן, צווישן זיי אויך סראָל־קונע גלאָגער. ער האָט געדינט ביי די קייזער־יעגער און געטראָגן אַ טונקל־געפּאַסטע אוניפאָרם און אַ הוט מיט שוואַרץ־בלויע פעדערן ווי אַ זשאַנדאַר. זיינען די סאָלדאַטן געווען די סענסאַציע. זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין זייערע קאָלירטע מונדירן פון פאַרשיידנאַרטיקע רעגימענטן — יעדן טאָג אין אַן אַנדער הויז — און ביי ביר און ווייַן זיך דערציילט שפּאַסיקע סאָלדאַטן־געשיכטעס.

חול־המועד פּסח איז אָנגעקומען דער טשאָרטקאָווער. די חסידים פון ביידע טשאָרטקאָווער קלויזן, יונג ווי אַלט, האָבן זיך איבערגעטאָן אין סאָלדאַטסקע אוניפאָרמען און זיך אַרויפגעזעצט אויף געדונגענע פערד־און־וועגענער, וואָס זיינען געווען באַצירט מיט גלעקער און מיט רויטע, גרינע, געלע און ווייסע סטענגעס וואָל. צווישן די קינדער האָט מען פאַר־טיילט גראַגערס, טראָמייטערס און פייפעלעך, און אַזוי האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ פּאַראַד באַגעגענען דעם רבין. ס'איז געווען פריילעך, און די לוסטיקסטע צווישן זיי זיינען געווען די אַלטע חסידים מיט זייערע ווייסע בערד, אָנגעטאָן אין פאַרביקע הוזאַרן־אוניפאָרמען. מ'האָט פאַר־געסן אָן די טעגלעכע זאָרגן, און מיט טענץ און געזאַנג און ווילדער

פרומער התלהבות האָט מען אַריינגעפירט דעם רבין אין שטאָט אַריין. ער איז פאַרפאָרן אין קוגעלמאַנס גרויסן אַריינפאָר־הויז, וועלכס איז פון איצט אָן געווען טאָג ווי נאַכט באַלאַגערט פון מענטשן.

אויך איך מיטן טאַטן זיינען געשטאַנען אין דעם געדרענג. ענדלעך האָבן מיר זיך קוים דערשלאָגן צוצוקומען צום רבין. דורך דער אָפענער טיר האָב איך געזען זיין צאַרט, בלייך פּנים מיטן שיטערן, בלאָנדן בערדל און זיינע דינע, דעליקאַטע הענט אויפן טיש. פאַרן רבין איז געשטאַנען דער רייכער האָלץ־הענדלער סראָל דיקער.

— רבי — האָט ער גערעדט — מיט אַ וואָך צוריק בין איך נאָך געווען דער רייכער סראָל דיקער מיטן גרעסטן האָלץ־סקלאַד אין דער סביבה; איז געקומען אַ שׂרפה און אַלץ איז אַוועק מיטן רויך. איצט בין איך געבליבן אין איין העמד, רבי...

דער הויכער סראָל דיקער, מיט דער געדיכטער, רויטער באָרד, האָט זיך צעוויינט:

— איך קאָן דאָך אַפילו קיין פּדיון ניט געבן; איך בין היינט אַ בלוטיקער אָרעמאַן...

האָט דער צדיק אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— הער אויס, ישׂראל בן צבי הירש — פייער קומט פון גאָט און וואַסער קומט פון גאָט. ווער קאָן פאַרשטיין זיינע דרכים?... מיר מוזן אַלץ אָנ־נעמען פאַר ליב. אָבער דאָרט, וואו ס׳איז געווען אַ קוואַל, וועט ווידער זיין אַ קוואַל.

און דער רבי האָט אויסגעשטרעקט זיין ווייסע האַנט צו אַ גרויסער זילבערנער שאָל אויפן טיש, וואָס איז געווען פול מיט זילבער־געלט און באַנקנאָטן פון די פריערדיקע פּדיונות, און ניט איבערציילנדיק, האָט ער אַרויסגענומען אַ פולע האַנט באַנקנאָטן און עס דערלאַנגט סראָלן:

— נעם עס, ישׂראל, ס׳וועט דיר זיין מזלדיק.

קוים האָט סראָל דיקער פאַרלאָזן דעם רבינס טיש, האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטאָן דער באַנקיר יונגערמאַן און אַנדערע רייכע סוחרים, און געבעטן ביי אים פאַר אַ קמיע אַ פאַפירל פון דעם רבינס געבענטשטן געלט; דערפאַר וועלן זיי אים געבן גרויסע קרעדיטן און ער וועט ווייטער קאָנען פירן זיינע געשעפטן. ס׳האָט לאַנג ניט גענומען, און סראָל דיקער איז געוואָרן נאָך רייכער ווי פריער.

דער טאַטע האָט אַוועקגעלייגט פאַרן רבין אונדזער קוויטל. דער רבי האָט עס פאַוואָליע געלייענט, וואָרפנדיק אַלץ באַזאָרגטע בליקן אויף מיר, און ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— ישעיה בן אהרן, דו הייסט נאָך אַ וואוילן ייד, נאָך שאַיקע ראָזום.

— יאָ, רבי — האָט דער טאַטע געזאָגט — ער האָט אַפילו זיינע אויגן.

— יאָ, געננוי זיין בליק — האָט דער רבי מיך באַטראַכט נייגעריק, מיט אַ ביסל פאַרדאַכט, און אַ זיפץ געטאָן — דו ווערסט ערשט בר־מצווה, מיין קינד, און ביזט שוין געווען אַ יאָר אין דער פרעמד און לאָזט זיך איצט ווידער אין אַ פרעמדער שטאָט... זאָל דער רבונו של עולם האַלטן איבער דיר זיין האַנט און דיך אָפּהיטן פון נייגעריקייט. ווייס, מיין קינד, אַז דער בורא עולם האַלט אַלע זיינע סודות פאַרשלאָסן, און מענטשן קאָנען זיך דערוויסן און משיג זיין בלויז דאָס, וואָס אים כביכול איז ניחא. גאָט האָט נישט ליב, ווען מענטשן זיינען צו נייגעריק. אַפילו משה רבנו איז געשטרויכלט געוואָרן, ווען ער האָט באַדאַרפט ווילן צווישן גאָלד און פייער. ערשט אַ מלאך האָט אַ שטויס געטאָן זיין האַנט צום פייער; אָבער דערפאַר האָט משה זיך אָפּגעבריט די צונג און גערעדט ציפּעליאָווע זיין גאַנץ לעבן. געדענק דאָס, קינד, צוליב צופיל נייגעריקייט בריען זיך אָפּ אַפילו גרויסע מענטשן — — זאָל דער בורא עולם דיך היטן און דיין טאַטע זאָל נאָך דערלעבן אַ סך נחת אָן דיר.

ער האָט אַרויפגעלייגט אויף מיין קאָפּ זיין קילע, צאַרטע האַנט און פאַרענדיקט מיטן וואָרט „אָמן״.

— אָמן, אָמן — האָב איך מיטן טאַטן נאָכגעזאָגט און מיר זיינען אַרויס פונעם רבין.

אָבער דעם רבינס ברכה איז ניט מקוים געוואָרן. איך בין אויך ווייטער געבליבן נייגעריק — פונקט ווי איך האָב פריער אויס נייגעריקייט איבער־געשראָקן די קינדער ביים קרייץ־וועג, ווען מיר פלעגן גיין ביינאַכט פון חדר; ווי איך האָב צוגעקלעפּט שימשעלע מילניצערס באָרד צום טיש, אָדער זיך באַהאַלטן צווישן די קשאַקעס ביים טייך, אונטערצוקוקן ווי מיידלעך באָדן זיך. מיט דער זעלבער נייגעריקייט בין איך געשטאַנען הינטער רבקהלעס פענצטער און אַנטלאָפן קיין זאַליעשטשיק, און שפּעטער זיך צוגעהערט צו טשערניאַקאָווס מעשות וועגן שטערן און וועלטן. אויס נייגעריקייט האָב איך נישט איין זאַך אין מיין לעבן איינגעשטעלט אין קאָן, און אויך אַצינד האָב איך צוליב נייגעריקייט געוואָלט אַוועק קיין סטאַ־ניסלאַוו.

דעם רבינס ברכה האָט מיך אַביסל צערודערט און כ׳האָב אַפילו ביי זיך אָפּגעמאַכט צו זיין ווייניקער נייגעריק; אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. דער כוח פון נייגעריקייט האָט זיך באַזעצט אין מיין האַרץ און מוח. די נייגעריקייט איז מיר שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן און מיר געשעפּ־טשעט אין די אויערן; זי איז געוואַקסן אַלץ גרעסער און טיפער, וואָס גרעסער און דערוואַקסענער איך בין געוואָרן — און כ׳האָב ווי געשלאָסן פריינטשאַפט מיט איר, אויף קיינמאָל אין מיין לעבן זי מער ניט צו פאַרלאָזן.

עטלעכע טעג שפּעטער בין איך מיט אַ לייכט האַרץ אַוועק פון האַראַ־

דענקע. די גאַנצע משפחה און אַלע שכנים און פריינט האָבן מיך באַגלייט צו דער באַן. ווען דער צוג האָט גענומען גיין, האָב איך דערזען אין טאַטנס אויגן גרויסע טראָפנס טרערן. דאָס איז געווען דאָס צווייטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען וויינען, און דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען אין מיין לעבן. אויך דאָ איז דעם רבינס ברכה ניט מקוים געוואָרן. מיין טאַטע איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר שפּעטער און האָט מער קיין נחת אין מיר ניט דערלעבט.

זאָל די ערד אים דאָרט לייכט זיין, וואָרים דאָס לעבן איז אים גענוג שווער געווען.

אין דער פרעמד איז גוט צו האָבן אַ דערוואַקסענעם ברודער

מיין לעבן אין זאַליעשטשיק און מיין לעצטער באַזוך אין האָראָדענקע, מיין ברודער סענדערלס טויט און דעם רבינס ברכה קעגן נייגעריקייט, בפרט מיין טאַטנס פאַרטרערטער בליקביים געזעגענען זיך, ווען איך בין אָוועק קיין סטאַניסלאַוו — דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלייגט אויפן האַרץ ווי אַ שטיין. די איינציקע טרייסט איז געווען מיין ברודער לייבטשע, וועלכער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס צום בעקער פּיעטראָגראָדסקי אין דער זאָשינאַ וואָליאַ־גאַס. מען האָט מיך שוין דאָרט דערוואַרט. סטאַניס־לאַוו איז געווען אין יענער געגנט די צווייט־גרעסטע שטאָט נאָך לעמבערג. דאָ איז שוין געגאַנגען אַן עלעקטרישע טראַמוויי ביז צו די פאַרשטעט; ס׳איז געווען דאָ די גאַרניזאָן פון דעם אַכט־און־פופציקער אינפאַנטעריע־רעגימענט און פון די אולאַנער און דראַגאָנער; דאָ איז אויך געווען סטאַ־ציאָנירט דאָס אַרטילעריע־רעגימענט, ביי וועלכן מיין ברודער האָט גע־דינט. זייער אַ שיינע שטאָט געווען סטאַניסלאַוו. ווייסע, שטאָקיקע הייזער, מיט פּאַרקן, גאָרטנס, בלומען און אַלייען, מיט אַ גרויסן, ריינעם מאַרק און רייכע אויסלאַגעס אין די פענצטער. אין אָוונט האָבן געברענט עלעק־טרישע לאָמפּן, איז אין גאַס געווען ליכטיק ווי בייטאָג, און פריילעך. אין דער הויפּט־גאַס איז געווען די פּראָמענאַדע. איין זייט האָט מען גערופן „ליניע אַ״, און די צווייטע זייט — „ליניע בע״, וואו מייסטנס יונגוואַרג האָט זיך געטראָפן. דאָ האָבן, שטיפנדיק און לאַכנדיק, שפּאַצירט אַראָפּ און אַרויף אויסגעפּוצטע שיינע מיידלעך מיט סטודענטן און אויסגע־צאַצקעטע אָפיצירן. געווען אויך אַ פּאַסאַזש און קאַפע־הייזער מיט מוזיק, רעסטאָראַנען און טאַנץ־זאַלן און גלאַט פּלעצער, וואו ס׳פלעגן פאַרברענגען אפשר הונדערט מאָל מער מענטשן ווי אין האָראָדענקער שפּאַציר־גאָרטן.

און אַלע אַזוי פריילעך, אַזוי לייכט און פריי — ווי קומט האַראַדענקע צו דעם! מען האָט געמאַכט „ראַנדעוואוס” און זיך געטראָפן וואו נאָר דאָס האַרץ האָט געגלוסט. גערעדט האָט מען פויליש און דייטש און אוקראַיניש און יידיש, און מ'האָט זיך באַנומען ווער שטיפעריש און ווער ערנסט, אייניקע אַביסל צעלאָזן, אַנדערע פאַרטאָן ווי אין וויכטיקע סודות.

צען דעם זייגער האָבן זיך אויסגעלאָשן די לאָמפּן. האָט זיך פּלוצים אָפּגעטאָן דער כישוף און די ליניעס „אָ” און „בע” זיינען געוואָרן ליידיק — מען איז אַוועק אַהיים. ערגעץ־וואו נאָר האָט מען נאָך געקאָנט זען אַ פאַרשפּעטיקט פּאָרל, אָדער אַן איינזאַמע דראָזשקע. ביי אייניקע טויערן זיינען נאָך געשטאַנען סאָלדאַטן מיט שיקסעס. זיי האָבן זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט צי מען זעט נישט, אויף גיך זיך אַרומגענומען און געקושט, און איז עמעצער אָנגעקומען, זיינען זיי געבליבן שטיין שטיל און צעטומלט, ווי מ'וואָלט זיי געכאַפּט ביי אַ גנבה.

כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט וואו עס געפינט זיך די זאַשינאַ וואָליאַ־גאַס. — האָט מען מיך אָנגעקוקט מאָדנע און פאַרדעכטיק. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין יענער גאַס געפינען זיך ניט נאָר די אַרטילעריע־קאַסערן און פּיעטראָגראַדסקיס בעקעריי, נאָר אויך דער גרעסטער טייל שאַנד־הייזער און גאַסן־מיידלעך. ס'איז דעריבער ניט שיין זיך נאָכצופרעגן אויף דער דאָזיקער גאַס. ערשט אַ באַטרונקענער סאָלדאַט האָט מיך מיט־גענומען און צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

— קום, אפשר וועלן מיר נאָך היינט ווערן שוואָגערס.

אויפן וועג האָבן מיך פאַרטשעפּעט מיידלעך. איך האָב שוין גע־וואוסט וואָס דאָס מיינט. כ'האָב זיך דערמאָנט אָן רבקהלען און אָן מיין אייגענער שוועסטער, און כ'האָב זיך פאַרשעמט.

שוין פון וויטן האָב איך דערזען די גרויסע דאַמף־בעקעריי. אַ גרויער, שיינער מאַן מיט אַ צוגעשפּיצט בערדל, וועמען איך האָב געפרעגט אויף הער פּיעטראָגראַדסקי, האָט געענטפערט מיט שטאָלץ:

— יאָ, דאָס בין איך אַליין.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין דאָס דער בעקער־געזעל, וועמען דער אַרטילעריסט האָט אָהערגעשיקט. פּיעטראָגראַדסקי האָט מיך באַ־טראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, און האָט אַריינגערופן זיין פרוי, אַביסל אַ הינקעדיקע אָבער אַ שיינע. עס זיינען אויך אַריינגעקומען אַנדערע צוויי געזעלן, אין וועלכע מ'האָט תיכף געקאָנט דערקענען, אַז דאָס זיינען פּיעטראָגראַדסקיס זין. דערנאָך האָט זיך נאָך באַוויזן אַ דיקער גימנאַזיסט מיט דריי זילבערנע שטרייפן אויפן גימנאַזיע־מונדיר — וואָס מיינט, אַז ער איז אין די זעלבע יאָרן וואָס איך — און אַ צען־יאָריק מיידעלע. מ'האָט מיך באַטאַפּט מיט פאַרשנדיקע בליקן, אַפילו מיין קופערטל באַטראַכט.

מ׳האָט זיך געשושקעט און געלאַכט, און איך האָב זיך דערפילט ווי דורכ־געלעכערט פון שפּאָט. מיט אַמאָל פרעגט מיך פּיעטראַגראַדסקי:

— ביזט הונגעריק?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

— איך קאָן מיר פאָרשטעלן — האָט ער זיך צעלאַכט — מען דער־קענט עס אין דיר.

אַלע האָבן מיטגעלאַכט, און פּיעטראָגראַדסקי האָט נאָך אַ זאָג געטאָן, מיט אַ בליק אויף די אַנדערע:

— ס׳איז נאָר אַ פראַגע צי דו קענסט אויך אַרבעטן.

— זאָג, איך בעט דיך — האָט זיך אָנגערופן זיין פרוי ווי מיט פאַר־וואורף — ווי קומט עס וואָס אַזאַ גרויסער, געזונטער סאָלדאַט האָט אַזאַ קליין, שוואַך ברודערל?

איך בין רויט געוואָרן און זיך פאַרשעמט.

— גוט — האָט געזאָגט דער בעקער — וועסט דאָ אַרבעטן אַ וואָך אויף פּראָבע, דערנאָך וועלן מיר זען.

און געווענדט צום זינדל, דעם גימנאַזיסט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— העי דו, דאָקטאָר, ווייז אים זיין טאַלאָן צום שלאָפן, וועט ער דאָרט אָוועקשטעלן זיין געבלימלטן קופערט.

— איך וויל ניט — האָט דער דיקער פּויליאַק געענטפערט — זאָל עס עמעצער אַנדערש טאָן.

— איך וועל דיר באַלד ווייזן „איך וויל נישט״, שטיק פעטס וואָס דו ביזט! — האָט דער אַלטער זיך גענומען פאַרן רימען.

— גראָביאַן! — האָט די הינקעדיקע בעקערין זיך צעשריגן אויפן מאַן אויף פּויליש, כדי אַפּנים איך זאָל ניט פאַרשטיין — וואָלסט געמעגט וויסן, אַז ער איז אַ סטודענט און עס פּאַסט ניט פאַר אים ער זאָל דאָס טאָן!

דער עלטערער פון די צוויי אַנדערע זין האָט זיך אָוועקגעשטעלט „פאָד באָקעם״ ווי אַ מיידל, האָט זיך פאַרשטעלט מיט דער צווייטער האַנט דאָס פּנים און געחוזקט מיט אַ מיידלש קול:

— אָ, ניין! סטודענטן שמעקן רויזן, און מאַכן־אָן אין די הויזן.

איך האָב זיך צעלאַכט אויפן קול. דאָס פעסל, דער גימנאַזיסט, האָט אָנגעשריגן אויף מיר און מיר פאַרבאָטן צו לאַכן. די מוטער האָט אים אַרומגענומען ווי אַ קליין קינד, אים באַרואיקט און מיר צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק.

— קום, קליינער — זאָגט צו מיר דער עלטערער זון — איך וועל דיר ווייזן דיין פּאַלאַץ.

ער האָט מיך אַרויסגעפירט דורך אַ הינטער־טיר איבערן הויף צו אַ מעל־קאַמער.

— נעם זיי ניט ערנסט — זאָגט ער — זיי זיינען אַלע משוגע. איך בין זייער אייגענער זון, און איך קאָן זיין ניט פאַרליידן. איך בין שוין אויך געווען אַ יאָר אין לעמבערג און איך וועל ווידער אַוועק. דער אַלטער איז פון רוסלאַנד און מיינט, אַז ער איז צאַר ניקאָלאַי אַליין. זי ווידער וויל האָבן כאָטש איין דאָקטאָר אין הויז, זי זאָל האָבן מיט וואָס זיך איבער־צונעמען; לאָזט זי דעם פעסל־באַלאַן שטודירן און פאַרפּיעשטשעט אים אַזוי, אַז ער וועט נאָך אין אַ שיינעם טאָג פּלאַצן. קום בעסער גלייך עסן, וואָרים שפּעטער וועסטו דאַרפן ברענגען האָלץ און איינהייצן דעם אויוון. איך וועל דיר שוין ווייזן וואָס צו טאָן. מיר האָבן היינט גערויכערטע ברוסט, האַלט עס דער אַלטער פאַרשלאָסן אין קאַסע־קאַסטן...

מיר זיינען אַריין אין דעם בעקעריי־געשעפט, וואו דער אַלטער האָט שוין געהאַט אָנגעשניטן שטיקלעך ברוסט. געבעקס האָט מען געקאָנט נעמען וויפל מען האָט געוואָלט. האָב איך גענומען מיין פּאַרציע און בין אַוועק אין דער מעל־קאַמער, וואו כ׳האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ האַלבן זאַק מעל און פאַרצערט מיין וועטשערע איינער אַליין — ווי אַ פרעמדע, קליין הינטל. כ׳האָב געקוקט אויף מיין געבלימט קופערטל, וואָס איז אַזוי געפעלן געוואָרן מיינע שוועסטערלעך, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן ווי זייערע רויטע און גרינע בלימלעך וואָלטן צו מיר געשמייכלט און מיר געזאָגט דאָס קלוגע אוקראַינישע ווערטל: „יעדער הונט איז אַ פּאַן אויף זיין אייגענער פּאַדווירע."

מ׳האָט מיך גערופן צו דער אַרבעט. די פאַרשלאָפענע געזעלן, וועלכע מ׳האָט ערשט נאָר־וואָס אויפגעוועקט, האָבן געגענעצט און געקוקט אויף מיר מיט ברוגזע, אָפּשפּעטנדיקע בליקן. באַזונדער גראָב האָט זיך צו מיר באַצויגן איינער, יונה בורלאַק, וועלכער האָט דער ערשטער מיך געפרעגט פון וואַנען איך קום. און ווען איך האָב אים געזאָגט „האָראָדענקע", האָט ער זיך פרעך צעלאַכט:

— דאָרט פּאַשען זיך דאָך ציגן אויף די דעכער!

אויך די אַנדערע האָבן זיך צעלאַכט.

די אַרבעט אין דער בעקעריי איז געווען איינגעטיילט צווישן דעם העלפער, וועלכער גיט אַכטונג אויף דעם אויוון, דעם „וויס־מישער", וועלכער גרייט־צו דאָס זעמל־טייג, און דעם „שוואַרץ־מישער", וועלכער איז באַהאַוונט אין זויער־טייג און קאָרן־מעל. אַחוץ דעם זיינען געווען באַ־זונדערע אַרבעטער, וועלכע האָבן אויסגעפאָרעמט די לאַבנס ברויט, גע־וואַלגערט זעמל, בייגל און ראָגאַליעס און געפלאָכטן חלה. פאַראַן אויך אין דער בעקעריי אַ „יידל", וואָס דערלאַנגט צו דער האַנט. דאָס איז געווען

מיין אַרבעט. פּאַרוואָס די עסטרייכישע בעקערס האָבן גראָד די שווערסטע און שמוציקסטע אַרבעט באַטיטלט מיטן וואָרט „יידל", ווייס איך ניט. אָבער דאָס „יידל" האָט געמוזט אַלעמען באַדינען: ברענגען און צעהאַקן האָלץ, איינהייצן אין אויוון, מאַכן הייס וואַסער, אַריינשלעפּן די זעק מעל, איבער־זיפּן דאָס מעל, צוגרייטן זויער־טייג, אַרויסטראָגן אין דער קיל די ברעטער מיט רויען געבעקס, עס זאָל ניט איבערייזירן, דערנאָך עס שלעפּן צום אויוון און ווידער אַוועקטראָגן, ווען ס'איז שוין אויסגעבאַקן. און אַלץ מוז געטאָן ווערן פלינק, אויף גיך. ווען אַלע זיינען פאַרטיק געוואָרן נאָך אַ נאַכט אַרבעט און געקאָנט גיין אויסרוען, האָט נאָך דאָס „יידל" געמוזט אויסקראַצן די דייזשעס און אָפּשקראָבען די טייג־ברעטער, רייניקן די וועגעלעך, פּוצן און אָנאוילן די שניידמאַשין פאַר טייג, אויסקערן די בע־קעריי, אַז אַלץ זאָל פינקלען, און נאָכדעם ערשט ווידער ברענגען האָלץ און אויפשטעלן וואַסער... ווען אַנדערע האָבן געאַרבעט פערצן שעה, האָט ער געמוזט אַרבעטן זעכצן. דאָ ווידער, ביי פּיעטראָגראַדסקין, האָבן אַלע געאַרבעט זעכצן שעה, און דאָס „יידל" האָט געמוזט שטיין ביי דער אַרבעט כאָטש אַכצן שעה. מיט פאַלגן אַ גאַנג, דאָ אַהער, דאָ אַהין, האָב איך אַזוי אָפּגעאַרבעט אין מעת־לעת מיינע קיילעכדיקע צוואַנציק שעה, און בין דערנאָך אַוועקגעפאַלן אַ טויטער, אַז מ'האָט מיך קוים געקאָנט אויפוועקן פון שלאָף. פלעגן די געזעלן מיך שלעפּן און שטאַרקען, און ניט איינמאָל מיר אויך דערלאַנגען אַ שטויס אין די ריפּן. אַמייסטן האָט זיך איבער מיר געזדיעקעוועט יונה בורלאַק: ער פלעגט מיך קיצלען אין דער נאָז מיט אַ פעדער און אָפט מיך וועקן מיט אַ שייטל האָלץ. אָבער ווען איך האָב זיך מיט דער צייט צוגעוואוינט צו דעם, און בין נאָך אַלץ ווייטער גע־שלאָפן, פלעגט ער מיך אָפּגיסן מיט אַ קאַן וואַסער. דאָס האָט געווירקט, און איך פלעג זיך אויפכאַפּן אַ צעשראָקענער. איז מיין גרעסטער וואונטש געווען, עס זאָל שוין קומען דער פרייטיק און שבת, ווען איך וועל קאָנען זיך אויסשלאָפן גאַנצע צוואַנציק שעה כסדר.

אַ וואָך שפּעטער האָט מען מיך אָנגעשטעלט ווי אַ סטאַבילן „יידל" אין דער בעקעריי. איצט פלעג איך זיך טרעפן מיט מיין ברודער אויסער דער בעקעריי, אָדער אין זיינע קאַסערן, און פלעג אים פאַרגנבעטערהייט אַריינלייגן מיינע שכירות אין קעשענע. וואָרים צו וואָס האָב איך געדאַרפט געלט? אים, מיין ברודער און פריינט, האָט עס געקאָנט צונוץ קומען.

מיין ערגסטער שונא איז געווען יונה בורלאַק. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס איך קריג דעמזעלבן לוין וואָס ער, און כאָטש איך בין יינגער און קלענער פון אים, בין איך אַ שנעלערער און בעסערער אַרבעטער ווי ער. די אַנדערע געזעלן האָבן דעריבער זיך געררייצט מיט אים, און ער האָט אויסגעלאָזט זיין האַרץ צו מיר: מיך גערופן „קליינשטעטלדיקער חזיר" —

ווייל ער איז געווען פון אַ „גרויסער שטאָט", קאָלאָמיי, און איך נאָר פון האָראָדענקע — און פלעגט מיך ניט זעלטן שלאָגן. נאָך אַ זאַך האָט אים געערגערט — וואָס איך קען לייענען און שרייבן, און ער ניט. האָט ער זיין גאַנצע שנאה אַריינגעלייגט אין „וועקן" מיך, און יעדעס מאָל צוגעטראַכט נייע שפיצלעך: מיך אויסגערוסט מיט סאַזשע, פאַרמאַכט מיר דאָס מויל און די נאָז, איך זאָל ניט קאָנען אָטעמען, און האָב איך זיך אייגנס געלייגט שלאָפן מיטן פנים אַראָפּ, פלעגט ער מיך קיצלען הינטער די אויערן מיט אַ שטרוי. אָבער איך האָב זיך פּאָוואָליע צוגעוואוינט צו די פיר, פינף שעה שלאָף און האָב געטאָן מיין אַרבעט ווי געהער צו זיין.

האָט פּאַסירט אין סטאַניסלאַוו אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך! מ'האָט צום ערשטן מאָל אָרגאַניזירט אַ בעקער־פאַראיין. און אַזוי ווי די בראַן הירש־שולע האָט מיך אויסגעלערנט שרייבן און לייענען יידיש, אוקראַיניש, פּויליש און אַביסל דייטש — וואָס איז צווישן בעקער־יונגען געווען אַ זעלטנהייט — בין איך געוואָרן דער סעקרעטאָר פון פאַראיין. אונדזער ערשטער אויוון־אַרבעטער, דער קליינער און זייער קלוגער שימעלע ראָס־קין, האָט מיך אַליין פאָרגעשלאָגן פאַר דעם אַמט. אַרום פערציק יאָר אַלט, אַ גלאַט־ראַזירטער, האָט ער אַליין ניט געקענט לייענען און שרייבן, אָבער ער איז געווען אַ זשוואָווער און געהאַט אַ קלוגן קאָפּ אויף זיך. ער פלעגט זיך שטענדיק אָננעמען פאַר מיר. די נאַכט אין אַ בעקעריי איז זייער לאַנג, האַלט מען אין איין רעדן בעת מען מאַכט בייגל, ראָגאַליעס און קייזער־זעמל. האָט איצט חברה געהאַט אַ נייעם עסק: זיך רייצן מיט יונה בורלאַק למאי ער, פון דער גרויסער שטאָט קאָלאָמיי, און אַזוי לאַנג שוין אין סטאַניסלאַוו, איז ניט געוואָרן סעקרעטאָר, נאָר דווקא איך, דאָס קליינ־שטעטלדיקע „יידל". איז ער מיר נאָך מער דערגאַנגען די יאָר. איך האָב אַלץ שטיל איבערגעטראָגן און אַפילו זיך געשעמט דאָס צו דערציילן מיין ברודער; וואָרים איך האָב דאָך געוואָלט ער זאָל מיך האַלטן פאַר אַ זעלבּ־שטענדיקן, דערוואַקסענעם מענטש. כ'האָב זיך געטראַכט: אַמאָל וועט דאָך ענדלעך אָט דער בורלאַק מיך לאָזן צו רו. אַחוץ דעם בין איך געווען זייער פרום; און ווען איך פלעג גאַנץ פרי, נאָך דער אַרבעט, זיך שטעלן דאַווע־נען, האָב איך שוין פאַרן רבונו של עולם אויסגעגאָסן מיין שווער האַרץ. ניט איינמאָל פלעג איך וויינען ביים דאַווענען, און דאָס האָט מיר געמאַכט אַביסל לייכטער. קיינער אין דער בעקעריי האָט ניט געדאַוונט — פאַר־קערט, זיי פלעגן חוזק מאַכן פון מיין „פאַנאַטיזמוס". מיך אָבער האָט עס ניט געאַרט און איך האָב מיר געטאָן מיינס. איך פלעג אַפילו דערפאַר רחמנות האָבן אויף זיי. ס'איז געגוג געווען איך זאָל זיך דערמאָנען אָן טאַטן, אָן רבין שימשעלע מילניצער, אָדער אָן טשאָרטקאָווער צדיק, — און יעדער חוזק און שפּאָט איבער מיר איז זיך צעגאַנגען ווי אַ זייפנבלאָז.

אויך אין דעם פּרט האָט שימעלע ראַסקין געהאַלטן מיט מיר. ער פּלעגט זאָגן, אַז קיין שום רבי אין דער וועלט וואָלט אים נישט באַוואויגן צו דאַוונען אָדער צו פאַסטן; אָבער ווען איינער פּילט אַליין, אַז ער דאַרף זיין פרום, טאָר אים קיינער אין דעם ניט שטערן. אַנדערש האָט געטראַכט יונה בורלאַק. ווען איך בין אַמאָל געשטאַנען פאַרטיפט אין דאַוונען, פליט מיר פלוצים אין פּנים אַריין אַ „מאַטשקע" — אַ נאַסער זאַק פון מעל, איינגעטונקען אין סאַזשע. ס'האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און דער נאַסער מעל־זאַק מיט דער סאַזשע האָט מיר פאַרקלעפּט די אויגן. כ'האָב דערפילט אַ ווייטיק און אַ בושה. אַלע האָבן זיך צעלאַכט — אַחוץ שימעלע ראַסקין. איך האָב ווייטער געדאַוונט און נאָר אין דער מחשבה געפרעגט ביי גאָט, צי איז עס רעכט אַזוי — — אָבער מסתם קום איך אָפּ פאַר עמעצנס זינד...

איך בין נאָך פרומער געוואָרן.

זייט דעמאָלט האָט שימעלע ראַסקין אָנגעהויבן האַסן בורלאַקן, און די אַנדערע געזעלן האָבן אים רעכט געגעבן. אָבער יונה בורלאַק האָט זיך אַלץ געטאָן זיינס.

אין אַ שבת גיי איך אַזוי שפּאַצירן מיט מיין ברודער אויף דער „ליביע אַ", קומט אונדז אַקעגן שימעלע ראַסקין. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ שמועס טאָן. שימעלע האָט ניט געוואוסט, אַז איך האָב אַזאַ גרויסן ברודער, אַ סאָלדאַט. האָט ער אים איצט אָנגעקוקט און אַ זייט און מיט אים שטילערהייט איינגעטענהט. איך האָב נאָר באַמערקט ווי מיין ברודער ווערט בלאַס און גיט ענדלעך שימעלען די האַנט:

— איך דאַנק אייך וואָס איר האָט עס מיר דערציילט!

מיר זיינען ווייטער געגאַנגען שפּאַצירן, גערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, און פלוצים גיט מיך מיין ברודער אַ פרעג:

— ס'איז אמת, אַז יונה בורלאַק שלאָגט דיך?

איך האָב זיך געשעמט אים צו זאָגן דעם אמת.

— וואָלסטו דעם טאָטן אויך נישט געזאָגט דעם אמת? — פרעגט ער מיך — איך בין דאָך דיין עלטערער ברודער, און אין דער פרעמד פאַר־טרעט איך דיר דעם טאַטן. זאָג, האָט יונה דיך געשלאָגן, צי האָט מיך שימעלע ראַסקין אָפּגענאַרט?

איך האָב געמוזט זאָגן דעם אמת.

נאָך אין דערזעלבער נאַכט, אַרום דריי אַזייגער, מיר זיינען אַלע פאַר־טאָן אין דער אַרבעט, קומט אַריין מיין ברודער און זאָגט גאַנץ פריינטלעך:

— גוט וואָך, בעקערס!

— גוט וואָך, אַ גוט יאָר — האָבן אַלע געענטפערט.

— וועלכער איז דאָ יונה? — האָט מיין ברודער געפרעגט.

— איך — האָט זיך יונה אַ כאַפּ געטאָן — וואָס וועט זאָגן אַ סאָלדאַט?

— איך וויל דיר זאָגן, חזיר איינער, אויף מיין סאָלדאַטסקע שפּראַך, אַז אָט דער קליינער שאַיקע דאָ, וועלכן דו שלאָגסט, איז מיין ברודער.

און ניט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה, דערלאַנגט אים מיין ברודער איבער דער מאָרדע רעכטס און לינקס, און ווידער רעכטס און לינקס, און נאָכאַמאָל דאָסזעלבע, און פאַרענדיקט מיט אַ זעץ איבערן קאָפּ, אַז יונה פאַלט צו דער וואַנט, שיער ניט אַ פאַרחלשטער.

ער שווייגט און האַלט זיך בלויז דאָס פּנים מיט ביידע הענט.

די אַרבעטער האָבן צוגעקוקט, קענטיק צופרידן, און שימעלע ראַסקין האָט אַ זאָג געטאָן:

— מען האָט דיך געוואָרנט, יונה.

— איצט, שמוציקע בריאה, קאָן איך גיין — האָט זיך אָנגערופן מיין ברודער — און איך וואָרן דיך: אויב דו וועסט זיך נאָכאַמאָל דערוועגן אויף אים צו לייגן אַ האַנט, וועל איך דיך אַהיימשיקן אין אַ טרומנע צו דיין מאַמען, דער קורווע, אין דער „גרויסער שטאָט" קאָלאָמיי!

ער איז אַוועקגעגאַנגען. אַלע האָבן געשוויגן, און איך בין געווען מער אויפגערעגט פון אַלע. וואָרים כאָטש ס'האָט מיר שטאַרק הנאה געטאָן מיין ברודערס האַנדלונג, און איך בין איצט געווען נאָך מער שטאָלץ מיט אים, האָב איך זיך אָבער געשראָקן וואָס ווייטער וועט זיין. מיר האָבן זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. פּלוצים האָט זיך יונה צעשריגן אויף מיר:

— דו! ביזט קראַנק געווען צו זאָגן, אַז דו האָסט דאָ אַ ברודער ביי דער אַרטילעריע?!

ווידער האָבן זיך אַלע צעלאַכט, דעם מאָל שוין פון יונהן.

— נאַרישער יונג וואָס דו ביזט — האָט שימעלע ראַסקין געקייכט פון געלעכטער — צו וואָס האָט ער עס דיר באַדאַרפט זאָגן, אַז זיין ברודער האָט עס דיר אַזוי שלאָגנדיק באַוויזן מיט זיינע סאָלדאַטסקע הענט!

— אַזאַ חזירשער טכאָר — האָט זיך אָנגערופן דעם בעקערס עלטסטער זון — האָט אַפילו ניט געהאַט דעם מוט זיך צו פאַרטיידיקן. שלאָגן אַ קליין, הילפלאָז ייִנגל, דאָס קען ער!

און מ'האָט ווייטער געאַרבעט, ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט.

זייט יענער נאַכט האָט שוין יונה מיך מער ניט פאַרטשעפּעט — ניט אין ערנסט, ניט אין שפּאַס.

יאָ, אין דער פרעמד איז גוט צו האָבן אַ דערוואַקסענעם ברודער, וואָס קאָן דיך באַשיצן.

חוה שד

יונה בורלאַק איז אַוועק פון דער בעקעריי און איך האָב איבערגענומען זיין אַרבעט, וועלכע איז געווען פיל לייכטער. איצט האָט מען צוגענומען אַ נייעם „יידל" אויף מיין אָרט און מ'איז אים דערגאַנגען די יאָר אָנשטאָט מיר.

די אַרבעט־באַדינגונגען זיינען געוואָרן אַלץ ערגער, און שימעלע ראָס־קין, דער פאָרזיצער פון אונדזער פאַראיין, האָט געזאָגט, אַז מיר געהער־צו אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע און מיר דאַרפן אהין שיקן אַ באַריכט וועגן דעם. ער האָט מיר דיקטירט לאַנגע בריוו צו דער ווינער געווערקשאַפט־צענטראַלע, און אין אַ געוויסן טאָג איז צו אונדז אַראָפּגעקומען אַ געווערקשאַפטס־באַאַמטער פון ווין, אַליין אַ געוועזענער בעקער־געזעל. נאָכן באַקענען זיך מיט דער לאַגע, האָט ער דערקלערט, אַז ס'איז דאָ נאָר איין מיטל: אַרויסשטעלן געמיינזאַמע פאָדערונגען און זען וואָס עס וועט אַרויסקומען פון די פאַרהאַנדלונגען. אויב אָבער מען זאָל ניט קאָנען דורכקומען, דאַרף מען אָנווענדן דאָס שטאַרקסטע כלי־זין פון די אַרבעטער: שטרייק.

מיר האָבן עס געהערט צום ערשטן מאָל. ער האָט אונדז דערציילט וועגן דעם קאַמף פון די אַרבעטער אין אַלע גרויסע שטעט און אונדז אויפגעוויזן, אַז שטרייק איז אַ וואָפן פון סאָלידאַריטעט, פריינטשאַפט און צוגעהעריקייט, פון שטאָלץ און זעלבסט־באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער, וואָרים כאָטש מיר זיינען אָרעם, האָבן מיר אָבער אַן אַרבעטער־מאָראַל, וואָס איז טייערער פון גרעסטן רייכטום. די יינגערע צווישן אונדז זיינען געווען באַגייסטערט. מען האָט גענומען אויסאַרבעטן די פאָדערונגען: העכערער לוין, קירצערע אַרבעט־שטונדן, סאַניטאַרע באַדינגונגען און מענטשלעכער באַהאַנדלען די יונגטלעכע. מ'האָט אַלץ גענוי פאַרשריבן, אויסגעקליבן אַ שטרייק־קאָמיטעט, און איבערגעגעבן די בעקער־מייסטערס די פאָדערונגען, זיי זאָלן ענטפערן אין דריי טעג אַרום.

באַלד אין אָוונט איז פּיעטראָגראַדסקי געקומען אין דער בעקעריי און זיך אויסגעלאַכט פון אונדזער פאַראיין און פון די פאָדערונגען. די בעקער־מייסטערס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַפילו צו פאַרהאַנדלען מיט אונדז. דריי טעג שפּעטער איז אויסגעבראָכן דער שטרייק. מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען יעדן טאָג, און אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ וואָך נאָך אַ וואָך. אין די בעקערייען האָבן דערווייל געאַרבעט די מייסטערס מיט זייערע ווייבער און קינדער און מיט אייניקע שטרייק־ברעכערס, צווישן זיי אויך יונה בורלאַק. די עלטערע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן זיך שרעקן, אַז זיי וועלן פאַרלירן די אַלטע אַרבעט־פּלעצער. זייערע פרויען, אויפגערייצט פון אונטערהעצערס, זיינען געקומען אין פאַראיין־לאָקאַל, געזידלט די שטרייק־פירער, אַז זייער

מיזערנע אונטערשטיצונג איז נישט מער ווי בעטלעריי, און מיט קללות אַהיימגעשלעפט די שטרייקערס. אין פינף, זעקס וואָכן אַרום זיינען שוין אַ סך ווידער צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. דער מאַן פון ווין האָט גע־פרוווט באַרואיקן דעם עולם, האָט פאַרגעשלאָגן קאָמפּראָמיסן, אָבער די בעקערס האָבן זיך אויסגעלאַכט דערפון. און אַזוי זיינען איינער נאָכן אַנדערן צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט אונטער די זעלבע שלעכטע באַ־דינגונגען ווי פריער. דער געווערקשאַפטס־באַאַמטער איז צוריק אַוועק־געפאָרן, און די שטרייק־פירער און אַלע, וועלכע האָבן גערעדט ביי די פאַרזאַמלונגען, אָדער וועלכע זיינען געווען פאַרדעכטיק, זיינען געבליבן אָן אַרבעט — די באַלעבאַטים האָבן זיי ניט געוואָלט צוריקנעמען.

אַלץ איז געווען אַ דורכפאַל. דער איינציקער שימעלע ראַסקין האָט ניט פאַרלוירן דעם קאָפּ. ער האָט געהאַלטן, אַז אַפילו אַ פאַרלוירענער שטרייק מיינט אויך אַ געווינס פאַר די אַרבעטער. איז ניט איצטער, איז שפעטער — דעם לעצטן שטרייק מוזן די אַרבעטער געווינען. דאָס איז זיכער. איך האָב אים ניט פאַרשטאַנען, אָבער איך האָב ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו אים און איך האָב אים געגלויבט.

אַביסל שפעטער האָט אויך ער פאַרלאָזן די שטאָט און איז אַוועק קיין לעמבערג.

איך בין איצט, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, געווען אָן אַרבעט. בין איך געגאַנגען צום באַן־הויף טראָגן פעקלעך, האָבן עס די פּראָפעסיאָנעלע באַן־טרעגער מיר פאַרבאָטן. האָב איך גענעכטיקט אין באַן־הויף, האָבן די געזעץ־היטער מיך אַרויסגעיאָגט, אָדער אַרעסטירט. אַזוי בין איך גע־וואָרן געהעצט און געטריבן, ביז ס׳איז געקומען דער ווינטער. אַן אייזיקע קעלט האָט דורכגעדרונגען דורך מיין לייכט אָנצוגל, אַ פייכטער שניי האָט דורכגענעצט מיינע פיס. אומענדלעך לאַנג זיינען די נעכט פאַר אַן אַרבעטס־לאָזן יוגנטלעכן, אין וועלכן עס גליווערט קעלט און איינזאַמקייט, און וועלכער איז צוגלייך געפייניקט פון הונגער, בייגעריקייט און זינדיקער תאווה. ניט זיכער, אָן אַ באַשטימטן געדאַנק, מיט געפילן שווער ווי בליי, האָב איך אַרומגעבלאָנקעט דורך דער פיינפולער אייביקייט פון נאַכט. — —

כ׳האָב באַגעגנט אַ סך אַרויסגעשטויסענע. זיי האָבן דערציילט, אַז אין סטאַניסלאַוו דאַרף מען זיך ניט זאָרגן וועגן פאַרברענגען אַ נאַכט — מ׳גייט אַריין אין אַ באָרדעל און מ׳שלאָפט איבער די נאַכט אין אויפנעם־צימער.

בין איך איינמאָל אַ נאַכט אַוועק צו דער זאָשינאַ וואָליאַ־גאַס, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ הייזל לעבן אַ הייזל. אַ ליאַרעם, אַ געפילדער, אַ לעבעדיקער פלייש־מאַרק! אַלטע מענער, גימנאַזיסטן, סאָלדאַטן, איינציקווייז און אין גרופעס, זיינען דאָרט אַריין און אַרויס. פאַרגנבעטערהייט, ווי אמתע פאַר־

ברעכער, האָט מען זיך געשאַרט פּאַוואָליע, פּאַרזיכטיק, דערנאָך מיט אַמאָל אַ יאָג, — און מ׳האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ הייזל. מיד פון אַ גאַנצן טאָג אָנבלאָנקען זיך, האָב אויך איך אַרומגעניוכעט אַרום אַזאַ הייזל, ביז ס׳איז אָנגעקומען אַ גרופּע מענער און איך האָב זיך אינאיינעם מיט זיי אַריינגעשאַרט.

„קימעלעס הייזל״ האָט מען עס גערופן. קימעלע איז געווען אַביסל העכער פון אַ קאַרליק, אָבער מיט זיינע ברייטע פּלייצעס און דעם קאַרק פון אַן אָקס האָט ער אויסגעזען ווי אַ ריזיק שווערער קלאָץ. האָט אַ „גאַסט״ זיך ניט אויפגעפירט לייטיש, פלעגט ער אַ וויש טאָן זיינע געדיכטע, אַרויפגעדרייטע וואָנסעס, און מיט אַ פּעטלעך קול זיך צעשריגן: „דאָ באַנעמט מען זיך אָנשטענדיק; מ׳נעמט אַ מיידל, מ׳באַצאָלט און מ׳גייט. אַנישט קריגט מען מיט אַ מעסער אין די ריפּן!״ איז באַלד שטיל געוואָרן, און קימעלע, מיט אַ פיר־עקיקער פלאַש בראַנפן אין האַנט, איז זיך פּאַמעלעך אַרויף מיט די טרעפּ צו זיין וואוינונג אויפן ערשטן גאָרן.

אין הייזל זיינען געזעסן אַן אַכט, צען מיידלעך. אייניקע יונג, מיד, צעשראָקענע, אַנדערע עלטערע, מיט פלאַקער־רויט באַמאָלענע באַקן, און אַלע אין זייערע קורצע אונטער־רעק, פון וועלכע עס האָבן זיך גאַנץ טיף אַרויסגעזען זייערע ליטקעס איבער די זאָקן. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. אַ „גאַסט״ האָט אַ וואונק געטאָן צו אַ מיידל, און זי האָט זיך תיכף אויפגעהויבן. אַ דיקע „מאַדאַם״ מיט אַ הויכער, רויטער פּריזור האָט איר דערלאַנגט אַ שליסל מיט אַ האַנטוך. דער „גאַסט״ האָט באַצאָלט און איז נאָכגעגאַנגען דעם מיידל. אַזוי האָט געטאָן אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער. דאָס ערשטע מיידל איז צוריקגעקומען און זיך פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. מען איז געגאַנגען און געקומען, ווי אין אַ בינענשטאָק. איך האָב געציטערט פאַר אויפרעגונג, ווי איך האָב פריער געציטערט פאַר קעלט, אָבער איך האָב זיך איינגענורעט אין אַ ווינקל און בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

גאַנץ פרי האָט מיך די מאַדאַם אויפגעוועקט — מ׳פאַרמאַכט. בין איך אַרויס אויף דער גאַס — קאַלט, הונגעריק, צעבראָכן. וואוהין גייט מען? אַן עלנטער, אָן אַ בעקעריי, אָן אַרבעט, קיין ברודער, ניט אַמאָל שימעלע ראָסקין — אין דער פרעמד, פאַרצווייפלט... אַהיימפאָרן? ווי אַזוי?... אין לעמבערג האָב איך צוויי ברידער; אָבער מיט וואָס פאָרט מען אַהין? האָב איך געבלאָנקעט גאַנצע טעג ווי אַ הונט אָן אַ היים, און אין די אָוונטן ווידער געוואַרט צו קאָנען זיך אַריינכאַפּן אין קימעלעס הייזל, זיך פאַרשטופּן אין אַ ווינקל און איינדרימלען. אַזוי זיינען אַוועק טעג און נעכט.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן וועקט מיך די מאַדאַם:

— ייִנגעלע, וואָס זיצסטו דאָ איבער די נעכט אַ שלאָפנדיקער?

כ׳האָב זיך דערשראָקן, אָבער זי האָט מיך צאַרט אַ גלעט געטאָן איבערן שטערן.

— איך האָב ניט קיין אַרבעט און קיין היים, וואו איבערצושלאָפן — האָב איך געזאָגט.

זי האָט מיך באַטראַכט מיט דער צאַרטקייט פון אַ מאַמע, זיך צעפרעגט פון וואַנען איך קום און וואָס איך טו, און דערנאָך מיר געגעבן צוויי שליסל — איינעם צום טויער פון זאַשינאַ וואָליאַ־גאַס 26, און איינעם צו איר דירה:

— גיי אַרויף אַהין, וועסט זיך לייגן שלאָפן.

כ׳בין אַוועק צו איר אַהיים. אַ קליין, ענג שטיבל מיט אַ בעט, אַ קופערט, אַ טישל מיט אַ נאַפט־לאָמפּ און אַ בענקל. איך האָב מיך געלייגט שלאָפן אויפן קופערט. שפּעטער איז זי אַליין געקומען. חוה שד האָט מען זי גערופן. זי האָט מיטגעבראַכט פרישע זעמל, האָב איך אַנגעהאַקט האָלץ, געמאַכט קאַווע אויף דעם קליינעם אויוועלע, וואָס איז געווען איינגעמויערט אין וואַנט פון קאָרידאָר; כ׳האָב געדעקט דאָס טישל און דערלאַנגט אָנ־בייסן. דערנאָך האָב איך אָפּגעפּוצט אירע שיך און מיינע.

באַלד דעמזעלבן אינדערפרי האָט זי מיר דערציילט, אַז זי קומט פון יאַס, אין רומעניע, וואו זי האָט געפירט אַן אומגליקלעכע ליבע מיט איינעם פון די „צוועלפער״. דאָס זיינען געווען צוועלף ברידער, גרויסע שלעגערס, פאַר וועלכע די גאַנצע שטאָט האָט געציטערט — ווי ביי אונדז אין האָראָ־דענקע האָט מען געציטערט פאַר די גלאָגער־ברידער. אָבער די „צוועלפער״ זיינען געווען קריסטן, און זי אַ יידישע. האָט איר משפּחה זי פאַרשטויסן, און אים פלעגן די אייגענע ברידער שלאָגן, ווייל ער האָט צו טאָן מיט אַ יידישקע. זיינען זיי ביידע אַוועק וואוינען הינטער דער שטאָט און האָבן שוין אַפילו געהאַט אַ קליין מיידעלע. ביז איינמאָל קומט ער אַהיים אַ שיכורער, אַ צעשלאָגענער און נעמט שרייען: „צוליב דיר, דו יידישע קורווע, האָבן מיך מיינע ברידער אַזוי צעשלאָגן!״ „אומזיסט און אומ־נישט, — זאָגט זי — וואָלסטו מיך כאָטש ליב געהאַט...״ ער איז ווילד געוואָרן און געכאַפּט צו איר אַ האַק־מעסער: „זאָג עס נאָכאַמאָל — האָט ער געשריגן — זאָג עס נאָך אַמאָל, דו הינטישע ליאַכע, אַז איך האָב דיך נישט ליב!״ זי האָט, אַ פאַרצווייפלטע, איבערגעחזרט אירע ווערטער. האָט ער אין כעס אַ זעץ געטאָן מיטן האַק־מעסער איבער זיין אייגענעם גראָבן פינגער, און אים אָפּגעהאַקט. אַ פאַרבלוטיקטער איז ער אַוועק פון דער היים. זי האָט איינגעוויקלט דעם אָפּגעהאַקטן פינגער אין וואַטע און האָט אים אַריינגעלייגט אין אַ סלאָי מיט ספּירט. ווען ער איז מער ניט אַהיימגעקומען, האָט זי אַוועקגעגעבן דאָס קינד צו כאָווען ביי פרעמדע, און איז אַליין אַוועק קיין טשערנאָוויץ אין אַ שאַנדהויז. דעם פינגער אין סלאָי האָט זי געהאַט באַהאַלטן אין קישן — זי האָט אים מיר געוויזן.

דאָ, דערציילט זי ווייטער, איז זי די פּאַרוואַלטערין פון קימעלעס הייזל. זי פאַרדינט גענוג צו קאָנען אויסהאַלטן איר קליינע סאָניושקאַ, וועלכע איז שוין איצט אַלט צען יאָר, גייט אין שולע און טאָר ניט וויסן, אַז איר מוטער געפינט זיך אין אַ שאַנדהויז.

חוה שד האָט דערביי געוויינט מיט ביטערע טרערן. איך האָב גע־פּרוווט זי טרייסטן און איר דערציילט ענלעכע געשיכטעס פון די ראָ־מאַנען, מיט וועלכע איך האָב זיך אָנגעלייענט. ס׳איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן וואָס איך קען לייענען און שרייבן, און זי האָט טאַקע באַלד געבעטן איך זאָל פאַר איר אָנשרייבן אַ בריוו צו איר סאָניושקאַ. איך האָב איר פאַרפאַסט אַ האַרצרייסנדיקן בריוו, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט פון פאַר־שיידענע בריוו־שטעלערס און ראָמאַנען, און זי איז געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז זי האָט מיך געבעטן צו קומען היינט אַביסל פריער אין זייער הייזל און עס פאַרלייענען פאַר די מיידלעך. איך האָב איר צוליב געטאָן, און די אָרעמע גאַסן־מיידלעך האָבן דערביי זיך באַגאָסן מיט טרערן.

זייט דעמאָלט האָב איך יעדן אָוונט געמוזט פאַר זיי פאַרלייענען אַ ביליקן ראָמאַן. און ווען „געסט" האָבן אָנגעהויבן זיך צוזאַמענקומען, בין איך אָוועק „אַהיים", זיך געלייגט שלאָפן אויפן קופערט, און ביז חוה שד איז אינדערפרי אַהיימגעקומען, האָב איך שוין געהאַט פאַרטיק אָנבייסן. אָפּ־געגעסן, האָב איך אָפּגעפּוצט די שיך, דערנאָך האָבן מיר נאָך צוביסלעך געשמועסט, ביז זי איז איינגעשלאָפן. בייטאָג פלעג איך גלאַט אַרומבלאָנקען.

איינמאָל זאָגט צו מיר חוה שד:

— וואָס דאַרפסטו זיך וואַלגערן אַ גאַנצע נאַכט אויפן האַרטן קופערט? קאָנסט שלאָפן אין מיין בעט ביז איך וועל קומען; דערנאָך וועסטו זיך צולייגן אויפן קופערט.

אַזוי איז טאַקע געווען עטלעכע וואָכן.

אין אַ זונטיק נאַכט בין איך געבליבן אין הייזל לענגער ווי שטענדיק. פאַרטאָג, מען האָט שוין געזאָלט פאַרמאַכן, קומט אַריין אַ שיכורער דראַ־גאָנער, נעמט שרייען און זידלען, צעהאַקט מיטן זעבל דאָס מעבל אין „סאַליע" און נעמט רייסן אַ מיידל פאַר די האָר. ווען חוה שד וויל זיך אָננע־מען פאַר איר, וואַרפט ער זיך אויף זי שלאָגן. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה. איך בין אַרויף אויף אַ טיש, און פון דאָרט מיט אַזאַ אימפּעט אַראָפּגעשפּרונגען אויפן דראַגאָנער, אַז כ׳האָב אים צעוואַליעט אויף דער ערד און אים גע־נומען האַקן מיט מיינע פויסטן און קאָפּען מיט די פיס. דערנאָך האָב איך צעבראָכן זיין זעבל. ער איז געלעגן אויף דער ערד ווי אַ גולם. האָב איך אים אַ פּאַק געטאָן ביי די פיס, אַרויסגעשלעפּט אין גאַס און אים אַריינ־געוואָרפן אין אַ ריוו. צוריקגעקומען, האָב איך פאַרריגלט די טיר און שאַ, שטיל.

דאָס אַלץ האָט געגומען קוים עטלעכע מינוט. פון ערשטן שטאָק האָט זיך באַוויזן קימעלע מיט אַ פלאַש אין האַנט:

— כ'האָב שוין אַלץ געהערט, קליינער. קום אַהער און טרינק מיט מיר אַ לחיים.

ער האָט אָנגעגאָסן צוויי טיי־גלעזער בראַנפן.

— לחיים, פאַניע קימעלע! — האָב איך גענומען אַ גלאָז אין האַנט.

— אַז דו וועסט מיר נאָכאַמאָל זאָגן „פאַניע", וועל איך דיר וואַרפן די פלאַש אין קאָפּ אַריין, דו הינטישער זון. דו זאָג מיר „דו"; מיר זיינען פריינט.

מיר האָבן אויסגעטרונקען. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעגאָסן און אויך די מיידלעך מכבד געווען מיט שנאַפּס. חוה שד האָט געבראַכט צום פאַרבייסן.

— נאַ, הינטישער זון, דו געפעלסט מיר — האָט קימעלע מיר צו־געוואָרפן אַ גאַנצן גולדן — וועסט זיך קויפן טאַבאַק.

— אָדער גאָר אַ ניי בוך — האָט חוה שד געזאָגט מיט שטאָלץ — ער קען דאָך לייענען און שרייבן. ער לייענט אונדז פאָר פון די ביכער, ווען עס זיינען ניטאָ קיין געסט.

— אָט האָסטו נאָך אַ גולדן — האָט קימעלע געשלעפּט פון דער קעשענע — זאָלסט דאָ זיין יעדן אָוונט! וועסט דערביי נישט דערלייגן.

באַלד אויף צומאָרגנס האָט שוין די גאַנצע גאַס געוווּסט, אַז איך האָב איינער אַליין געשלאָגן עטלעכע סאָלדאַטן און זיי אַלעמען אַרויס־געוואָרפן. פון „עטלעכע" סאָלדאַטן איז באַלד געוואָרן צוואַנציק, דערנאָך שוין פערציק און פופציק, און אין אָוונט זיינען אָנגעקומען מיידלעך און זייערע „צוהאַלטערס" פון אַנדערע הייזלעך, אַ קוק טאָן אויפן „בייזן וואונ־דער", וואָס האָט איינער אַליין בייגעקומען אַ גאַנצן סקאַדראָן דראַגאָנער. אַזוי בין איך איבער נאַכט געוואָרן אַ העלד.

פאַר די צוויי גולדן האָט מיר חוה שד געקויפט אַ רעקל און אַ היטל. זי האָט מיט פלוימען־יויך אויסגעקלעפּט פון מיינע האָר אַ „לאָק", מיר אָנגעטאָן דאָס היטל אויף אַ זייט, דער לאָק זאָל זיך אַרויסזען, און האָט נאָר באַדויערט וואָס עס וואַקסן מיר נאָך ניט קיין וואָנסעס.

— אָבער — מאַכט זי — וועסט זיך אָנהויבן ראַזירן, וועט דיר שוין אויסוואַקסן אַ באָרד.

ווען איך האָב אויף זיך אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, האָב איך זיך דער־פילט קרעפטיקער און דרייסטער. קימעלע האָט מיר אויך געשענקט אַ „באָקסער" — אַזאַ אייזערנעם רינג צום שלאָגן — און ביים גיין האָב איך גענומען וואַקלען מיטן קערפּער אויף רעכטס און לינקס, ווי קימעלע פלעגט דאָס טאָן. איך האָב דערפילט כח אין די מוסקלען און ווי אַ וואָך־הונט גענומען אַרומניוכען מיט פאַרדאַכט יעדן גאַסט. כ'האָב נאָר געוואָרט

אויפן מאָמענט צו קאָנען זיך וואַרפן אויף עמעצן און אויספּרואוון אויף אים מיינע כחות מיטן „באָקסער“.

אין די אָוונטן בין איך איבערגעזעסן אין הייזל מיט חוה שד און די מיידלעך — געלייענט פאַר זיי, אָדער געשריבן פאַר זיי בריוו, און באַקומען דערפאַר געצאָלטס אָדער אַ מתנה. אַזוי האָב איך אויך זיך דערוואוסט זייערע אַלעמענס סודות, און איך בין באַלד דאָרט געוואָרן ווי אַ שטעל־פאַרטרעטער פונעם באַלעבאָס.

איינמאָל אַ פרימאָרגן, ווען חוה שד איז אַהיימגעקומען, האָב איך ווידער געוואָלט אַרויס פון איר בעט און זיך לייגן אויפן קופערט, — אָבער זי האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ווייס איך, בלייב אין בעט.

זי האָט זיך אויסגעטאָן און זיך אַריינגעלייגט.

און ווען מ׳האָט באַדאַרפט אויפשטיין, האָט זי מיך ערשט רעכט צאַרט איינגעדעקט אין בעט, און איז אַליין אַראָפּ צוגרייטן אָנבייסן. זי האָט צעהאַקט האָלץ און געמאַכט פייער, געגרייט צום טיש און דערלאַנגט עסן, אָפּגעפּוצט אונדזערע שיך און צוגערוימט — — איך בין איצט געווען אַ מאַן — איר מאַן! און זי מיין ערשטע פרוי. — — —

טעאַטער

איך האָב איצט געלעבט מיט חוה שד און פאַרבראַכט די נעכט אין באַרדעל, פאַרלייענענדיק די מיידלעך ראָמאַנען און שרייבנדיק בריוו פאַר זיי. צווישן די מיידלעך איז אויך געווען די קליינע זאָסיאַ פון זאַליעשטשיק. כ׳האָב אַפילו געקענט איר פאָטער. זי איז אַלט געווען זעכצן יאָר, און אויס־געקוקט נאָך יינגער, געהאַט אַש־בלאָנדע האָר און אַ שלאַנק קערפּערל ווי אַ יינגל, מיט גרויסע בלוי־גרינע, מעלאַנכאָלישע אויגן. זי איז אַנטלאָפן פון שטוב ווען דער פאָטער האָט איר אַהיימגעבראַכט אַ בייזע שטיפמאַמע, וועלכע האָט זי געשלאָגן און געריסן פאַר די האָר.

מיט זאָסיאַן בין איך געווען מער פאַרנומען ווי מיט אַלע אַנדערע. זי האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ פאַר מיר: דאָ איז זי זייער ניט גליקלעך; וויל זי אַנטלויפן קיין לעמבערג, ווערן אַן „אָנשטענדיקע“ און זיך פאַר־דינגען ווי אַ דינסטמיידל. כ׳האָב זי אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, און זי האָט מיר דערפאַר געצאָלט פינף גרייצער אַ שעה און אַמאָל נאָך געגעבן אַ מתנה. איינמאָל האָט זי מיך איבערראַשט אַזש מיט אַ האַלב טוץ נאָזטיכלעך, אויף וועלכע זי האָט מיט רויטער זייד אויסגענייט דעם

ערשטן בוכשטאַב פון מיין נאָמען. אַ צווייט מאָל האָט זי מיר געגעבן אַ געבלימטן שניפּס.

ווען חוה שד האָט דאָס באַמערקט, האָט זי אויפגעהערט מיט מיר צו רעדן און איז אַוועק פון קימעלעס הייזל. איך פון מיין זייט האָב אויך געשוויגן. האָט זי אָנגעהויבן זייער אויפפאַליק זיך אָנטאָן, מיט אַ נאָך קירצער קליידל און מיט נאָך מער רויט־געמאָלענע באַקן. יעדן נאָכמיטיק האָט זי גענומען אַ גרויסן שליסל אין האַנט און איז אַראָפּ אין גאַס. אַרום צען אין אָוונט פלעגט זי אַהיימקומען, און שטענדיק מיטגעבראַכט געלט.

איינמאָל האָט זי מיך פאַרנאַרט אין אַ גרויס געשעפט און פאַר מיר געקויפט אַ נייעם אָנצוג, צוויי העמדער און אַ שרייענדיקן שניפּס. ווען מיר זיינען אַהיימגעקומען, האָב איך זי גענומען פרעגן וואָס זי מיינט מיט דעם. דאָס איז, אגב, געווען אונדזער ערשטער געשפּרעך זייט וואָכן. זי האָט זיך צעוויינט און אויסגעפּלאַצט ווי אַ וואולקאַן:

— מיינסט כ׳האָב נישט באַמערקט, אַז דער גואווניאַזש, די פראַנצע־וואַטע קורווע, זאָסיאַ, וויל דיך צונעמען ביי מיר?

זי האָט געכאַפּט אַ שער און צעשניטן אויף שטיקלעך זאָסיאַס באַנד־טיכלעך און שניפּס.

— איך קאָן דיר אַליין קויפן זאַכן! — האָט זי געשריגן — איך קאָן מיט מיין הינטן מער פאַרדינען אין איין שעה ווי זי אין אַ גאַנצן מאָנאַט! איך האָב דיר אַרויסגעהאָלפן, ווען דו האָסט נישט געהאַט קיין געלעגער צום שלאָפן; דו ביזט מיין געליבטער, און איך ווייס אַליין וואָס דו דאַרפסט!

דערנאָך האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן — געקושט און געוויינט:

— וועמען האָב איך דען אין דער גאַנצער וועלט?... איך וועל פאַר דיר אַלץ טאָן, אַלץ, אַבי פאַרלאָז מיך ניט.

מיר איז געוואָרן שטאַרק פריקרע. איך האָב זיך פּלוצים דערפילט אַ געבונדענער, מיט פליכטן, און איך האָב זי גוט אויסגעזידלט.

— גוט אַזוי, זידל מיך! — האָט זי גענומען היסטעריש לאַכן און וויינען — שלאָג מיך! איך ווייס, אַז דו קענסט עס. וועל איך פילן, אַז דו ביזט מיר אַ מאַן, מיין מאַן! מיין געליבטער! איך וויל מורא האָבן פאַר דיר ווי פאַר אַן אייגענעם מאַן... נאָר אויב דו וועסט ווייטער האָבן צו טאָן מיט אָט דער אָנגעשטעקטער קורווע, וועל איך איר די אויגן אויס־שטעכן! איך וועל זי באַגיסן מיט זודיקן אויל און אַליין זיך וואַרפן אין וואַסער אַריין!

דאָס האָט מיך שוין גאַנץ פריטשמעליעט. איך האָב זיך אויסגעצע־שטרעקט אויפן בעט, געשוויגן און געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן. חוה האָט זיך

באַרואיקט. זי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַרן שרייען, ווידער גענומען מיך קושן און גלעטן, האָט מיך גוט איינגעדעקט, און געבעטן איך זאָל איינ־שלאָפן און אַלץ פאַרגעסן. דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן דאָס קורצע קליידל, זיך אָנגעמאָלן די באַקן, גענומען דעם גרויסן שליסל און איז אַראָפּ אין גאַס, ווי אַלעמאָל אין דער צייט.

איך בין געלעגן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און אין קאָפּ האָט זיך געמישט חוה שדס אויסברוך און דאָס אומשולדיקע, קליינע גאַסנמיידל, זאָסיאַ, וואָס האָט מיך אַזוי דערמאָנט אָן רבקהלען... כ׳בין געווען צעווייטיקט, און דאָך האָב איך זיך געפילט געשמייכלט: הייסט עס, אַז די קליינע זאָסיאַ האָט מיך אויך ליב... איך בין אַ מאַן — צוויי פרויען קעמפן וועגן מיר — — איך בין שוין מער ניט אַזוי הילפלאָז ווי ביי חנה קאָזאַק אין זאַליעשטשיק... היינט אַ יאָר איז געווען אַנדערש... אַנדערש...

כ׳בין אַנדרימלט געוואָרן און ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך גיי שפּאַצירן אין מיין נייעם אָנצוג אויף דער „ליניע אַ״ און „בע״; און דאָך איז עס דער שפּאַציר־גאָרטן פון האָראָדענקע. עפּעס אַ געמיש פון היגע און האָראָדענקער מיידלעך, פון זאַליעשטשיק און די זאָשינאַ וואָליאַ־גאַס, מיט קימעלעס הייזל — זאָסיאַ און חוה שד מיט דער הויכער פריזור און מיט דעם בונט שליסל אויף די קליבעס — — אַלע האָבן פריינטלעך גע־שמייכלט. און דאָ קומט צולויפן חנה קאָזאַק און דערציילט, אַז רבקהלע וויינט טאָג און נאַכט און האָט חרטה און איז אַזוי אומגליקלעך... לויף איך צו רבקהלען, נעם זי אַרום און בין איר אַלץ מוחל — „מענער זיינען פאָרט געטריי״... לאַכט זי דורך טרערן מיט איר קלינגענדיק קולכל און רופט מיך ווידער „צעריסן מיצל״ — — קומט מיין ברודער לייבטשע, קויפן מיר דריי גרויסע שיפסקאַרטן און מיר פאָרן קיין אַמעריקע. באַק איך ווידער בייגל און געזאַלצענע שטאַנגלעך — און רבקהלע באַטאַפּט מיינע מוסקלען און וווּנדערט זיך ווי שטאַרק און ווי גרויס איך בין שוין, און דערציילט אים ווי איך האָב געשלאָגן אַזויפיל סאָלדאַטן און דעם „לאָק״ און יונה בורלאַק — — —

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט ווען חוה איז אַהיימגעקומען. מיר האָבן זיך איבערגעבעטן; ווידער געשלאָפן אין זעלבן בעט און געווען פריינטלעך איינס צו ס׳אַנדערע, אָבער ס׳איז שוין ניט געווען דאָס — מיר זיינען זיך געוואָרן פרעמד.

אַזוי זיינען אַריבער עטלעכע וואָכן. איינמאָל אין דער נאַכט — מען קלאַפּט אין פענצטער. אַ קורצער הוסט, און איך דערקען: ס׳איז מיין ברודער לייבטשע. איך בין אַראָפּ פון בעט און געכאַפּט אויף זיך מיינע אַלטע זאַכן. חוה, אַ צעשראָקענע, האָט געקוקט אויף מיר און ניט געוואוסט

וואָס דאָ קומט פאָר. איך האָב איר אויף גיך געזאָגט, אַז ס'איז מיין ברודער, און בין אַרויס.

לייבטשע איז געווען אויסגעפּוצט ווי אַ פּריץ: אין אַ טונקעלן אַנצוג, אַ קורצן איבערציער, אַ שטייפן הוט און אַ שטעקן אין האַנט. ניט אַרויס־רעדנדיק קיין וואָרט, זיינען מיר געגאַנגען גלייך צו דער באַן. ער האָט מיך בלויז באַטראַכט און איין מאָל אַ פרעג געטאָן פאַרוואָס איך וואַקל זיך אַזוי ביים גיין. איך האָב זיך דערמאָנט אָן קימעלען און בין שוין ווייטער געגאַנגען „ווי אַ מענטש״.

מיר זיינען אויפן באַן־הויף, וואו ערשט מיט אַ צוויי חדשים פריער האָט מען מיך אַרעסטירט פאַר כאַפּן דאָרט אַ דרימל. מיין ברודער האָט געקויפט צוויי באַן־בילעטן. נאָר אַזוי ווי עס איז נאָך געווען אַ האַלבע שעה צום צוג, האָט ער געהייסן געבן סאַלאַמי מיט בייגל און ביר, און דערביי מיר דערציילט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט שיינדעלען, די מיזינקע פון שאַיקע ראַזום, נאָך וועלכן מ'האָט מיר אַ נאָמען געגעבן. אַזוי אַרום, זאָגט ער, בין איך איצט ניט נאָר זיין ברודער, נאָר אויך זיין שווער. מיר האָבן ביידע געלאַכט און זיך אַריינגעזעצט אין צוג קיין לעמבערג.

מיין ברודער האָט גענומען דערציילן וועגן אונדזער אַנדערן ברודער, אברהם, אַז אויך יענער האָט אַ ליבע פרוי און שיינע, גרויסע קינדער, וועלכע גייען אין שולע און רעדן פּויליש. זיי זיינען ביידע שותפים; זיי האַנדלען מיט אויבסט און עס גייט זיי גוט. ער האָט אויך געטראָפן אין לעמבערג שימעלע ראַסקין, וועלכער אַרבעט דאָרט אין טאַבאַטשינסקיס נייער עלעקטרישער בעקעריי. פאַר מיר וואָלט אויך דאָרט געווען אַ פּלאַץ, זאָגט ער. ערשט איצט איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער פאַרלוירענער שטרייק און ווי חוה שד האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אין דער בויט — — ווי זי האָט עס מיר היינט נאָכגעקוקט מיט אירע גרויסע, טרויעריקע אויגן, און איך בין אַנטלאָפן אַפילו אָן אַ זיי־געזונט — — ניין, ניט דאָס האָט זי ביי מיר פאַרדינט...

אַנשטאָט טעלעגראַף־סלופּעס און ביימער, האָבן איצט הייזער גענומען פאַרביי־יאָגן אונדזערע באַן־פענצטער. מיין ברודער האָט אָנגעטאָן דעם הוט און מאַנטל און אַ זאָג געטאָן:

— נו, אָט זיינען מיר.

מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין דעם גרויסן באַן־הויף לעמבערג־לוואָוו, די הויפּט־שטאָט פון גאַליציע.

אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער. הונדערטער מענטשן שטייגן־אויס און שטייגן־איין. לאָקאָמאָטיוון אָטעמען, סאָפּען, בלאָזן, קוויטשען און פייפן. געפּעק־טרעגער שטופּן וועגעלעך מיט קופערטן. מענטשן איילן אין פאַר־שיידענע ריכטונגען — מ'יאָגט זיך, מ'שרייט. און אין מיטן דרינען פון

גאַנצן הו־האַ דערגענטערט זיך צו אונדז אַ לאַכנדיקע און ווינקענדיקע גרופּע — ס׳איז מײַן עלטערער ברודער אברהם, אויך פֿײַן אָנגעטאָן, מיט דער פֿרוי און דערוואַקסענע קינדער, און לייבטשעס העל־בלאָנדע שייג־דעלע. מ׳כאַפּט מיך אַרום, מ׳קושט מיך. אברהמס קינדער רופֿן מיך אַנקל און בײַ שיינדעלען בין איך גאָר אַ „טאַטוש". ביידע שוועגערינס ווילן איך זאָל בײַ זיי אײַנשטיין. איך הער ווי אברהם זאָגט צו לייבטשען:

— ער קוקט דאָך אויס ווי אַן אָפּגעצערטער הערינג. ער איז געלעגן אין אַ פּאַס די גאַנצע צײַט?

— ניין — לאַכט לייבטשע — ער איז געלעגן לעבן אַ פּאַס.

ענדלעך האָט מען זיך געאייניקט, אַז איך זאָל דעם ערשטן חודש וואוינען בײַ לייבטשען, ווײַל ער האָט נאָך קיין קינדער ניט, און דערנאָך וועלן יעדן חודש די ברידער זיך אָפּבײַטן. מיר זײַנען אַרײַן אין אַ רעסטאָ־ראַן און געגעסן געפֿילטע פֿיש און געגענדזנס — עפּעס נאָר ווי האָראָדענקער נגידים אום יום־טובֿ!

צו מאָרגנס האָט מיך שימעלע ראַסקין אָװעקגעפֿירט אין טאַבאַ־טשינסקיס עלעקטרישער בעקערײַ, וואו מ׳האָט מיך תּיכּף אָנגעשטעלט פֿאַר צוויי גולדן־פּופּציק אַ וואָך, און יעדן טאָג אַ ברויט מיט צוועלף זעמל. דעמ־זעלבן טאָג נאָך איז לייבטשע מיט מיר אַרײַן אין אַ געשעפֿט און באַשטעלט פֿאַר מיר אַן אַנצוג מיט אַן איבערציער אויף אויסצאָלן. מ׳האָט מיך אָפּ־געשוירן, און אין אַ וואָך אַרום בין איך שוין געווען אַן אויסגעפּוצטער ווי נאָך קיינמאָל נישט פֿריער אין מײַן לעבן! כ׳האָב אַפֿילו אויפֿגעהערט זיך וואַקלען בײַם גיין. אַ נײַער מענטש האָט אין אַ נײַער שטאָט, אין אַ נײַער סבֿיבֿה, אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן.

דערווײַל האָבן מײַנע ברידער מיר געוויזן די שטאָט מיט די ברייטע, רײנע גאַסן. פֿון דער „קאַזשמיעזשאַווסקאַ", מיט אירע גרויסע געשעפֿט־אויסלאַגעס, האָט אַ פֿערד־טראַמוויי אויף שינעס געפֿירט ביז צום באַן־הויף. אין אייניקע גאַסן זײַנען שוין געגאַנגען אויך עלעקטרישע טראַמ־וויס. יידן מיט לאַנגע בערד, אַ טייל אין הויכע צילינדערס, זײַנען גע־שטאַנען בײַ דער „בערזע" און גערעדט וועגן גרויסע געשעפֿטן. אויף טראָטואַרן און אַרום די ראָגן האָט מען פֿאַרקויפֿט פּרוכטן, און אויף אַזאַ מין ראָג האָבן אויך מײַנע ברידער געהאַט זייער שטעל מיט אויבסט. שרײַענדיקע פּלאַקאַטן האָבן אויסגעלויבט פֿאַרשיידענע זייפֿן, „קאַטראַי־נערס" מאַלץ־קאַווע און רעסטאָראַנען, האָבן אָנגעזאָגט וועגן אַ צירק מיט טאַנצנדיקע פֿערד, וועגן אַ פּוילישער אָפּערע און אוקראַינישע פֿאַר־שטעלונגען. געווען אויך קליינע צעטלען פֿון די בראָדער־זינגער. און ערשט די פֿאַרשיידענע פֿלעצער און געמאַרקן! בפֿרט דער מאַרק פֿאַר דער שול, וואו מ׳האָט געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט אַלץ מיטאַנאַנדער, געהאַנדלט מיט

וואָס אין דער וועלט: מיט ביכער, פיש, זאָקנבענדלעך און וואַרעניקעס, רוי און געקאָכט פלייש, פוטער, קעז, אייזנוואַרג און שפּיגלען, ברויט מיט זופּ און קוואָס, פּרויען־ און מענער־קליידער, און הינטלעך און קעץ און קינדער־שפּילצייג — אַלץ דורכאייננאַנדער. יעדן טאָג דערזעלבער ליאַרעם, דערזעלבער טומל, און כאָטש ס׳האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינ־דרוק, האָט עס מיך פאַרט דערמאָנט אָן מיין שטעטל האָראָדענקע. אַלץ איז גרעסער — צענפאַך, הונדערט מאָל שטאַרקער, אָבער דאָך ניט קיין איבעררעשונג, קיין בייז וואונדער. ווייל דער חילוק צווישן דעם דאָרף ווערבאָוויץ און דעם שטעטל האָראָדענקע איז געווען אַ סך גרעסער ווי צווישן שטעטל האָראָדענקע און דער הויפּט־שטאָט לעמבערג.

אָבער איינמאָל אויפדערנאַכט זיינען מיר געגאַנגען אין טעאַטער, — און דאָס איז געווען דער גרויסער, גרויסער וואונדער — אַנדערש פון אַלץ, וואָס איך האָב ביז איצט געזען, געהערט אָדער איבערגעלעבט. דאָ האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ גאַנץ אַנדערע וועלט, — אַן אומבאַקאַנטע, אַ גאָר נייע!

שוין אונדזער גרייטן זיך צו גיין אין טעאַטער איז געווען אַ יום־טוב. דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען ביי דער יאַגעלאָנסקאַ־גאַס, אויף אַ הויף. יום־טובדיק אויסגעפּוצטע מענטשן האָבן זיך געשטופּט צו אַ קליין פענצ־טערל, וואו אויך מיינע ברידער האָבן געקויפט בילעטן. זיי האָבן זיך דאָ געטראָפן מיט פריינט און באַקאַנטע, פּראָסט־פּשוטע מענטשן ווי זיי אַליין, און האָבן מיך באַקענט מיט זיי. מען האָט באַלד גענומען דערציילן וועגן די שפּילערס און זייער שפּילן: וואָס פאַר אַ מינע שילינג האָט געמאַכט, ווען גוטמאַן האָט אים געזאָגט אַזוי און אַזוי; ווי דער אַלטער טויבער ראָזענבערג לייענט־אַראָפּ די ווערטער פון די ליפּן פון זיינע מיטשפּילערס; וועגן קאַלישעס „בן הדור“ און צוקערבערגס „בר כוכבא“; ווי אַזוי די פישלער טרינקט סם אין „כאַסיע די יתומה“, און די ראָזענבערג בינדט זי צו ביי די צעפּ און שלאָגט זי; ווי פּאַלעפּאַדע לאַכט און די קאַרליק טאַנצט; ווי דער ערנסטער מעלצער איז ביים שפּילן דעם „ווילדן מענטש“ אויף אַן אמת משוגע געוואָרן און מ׳האָט אים געמוזט אַריינגעבן אין אַ משוגעים־הויז — — אַז די פישלער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן דאָקטאָר, אַ ריכטער, און דאָך פאַרגעסט זי איר עשירות ביים שפּילן „כאַסיע די יתומה“ און וויינט דערביי מיט אמתע טרערן — — יעדער האָט דערציילט עפּעס אַנדערש, און אַלע זיינען זיי געווען באַגייסטערט פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט אין טעאַטער.

איך האָב נישט אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס זיי האָבן גערעדט, אָבער איינס האָב איך געוואוסט: אַזוי רעדן נאָר ביי אונדז אין האָראָדענקע די חסידים וועגן זייער רבין. קיינער האָט דאָ ניט גערעדט פון וואָכעדיקע זאַכן, פון

שײַלאָק (צײכענונג) — אין שעקספּירס „סוחר פֿון װענעדיג“ (בערלין, 1925).

יאַנקל שאַפּשאָװיטש (צײכענונג) — אין שלום אַשס „גאָט פֿון נקמה“; פֿריער געשפּילט אין דײַטש (בערלין, 1924), דערנאָך אין ייִדיש (1929).



אַסמוס (געשפּילט פֿון גראַנאַכן אין דער מאַסקע פֿון לענינען — צװײ צײכענונגען) — אין ע. װעלקס פּיעסע „געװיטער איבער גאָטלאַנד“ (בערלין, 1927).

אַרבעט אָדער געשעפט, אַפילו ניט וועגן זייערע אייגענע פאַמיליעס. כ׳האָב זיי מקנא געווען וואָס זיי זיינען אַזוי פאַראינטערעסירט, וואָס זיי ווייסן אַלץ. די נייגיר האָט ווידער גענומען קיצלען אַרום מיין האַרץ.

מיט אַמאָל האָט אָנגעהויבן צו קלינגען — לאַנג, מאָנענדיק, רופנדיק, און אַלע האָבן געהאַרכזאַם גענומען אַריינגיין אין טעאַטער. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ מאַן, וועמען מ׳האָט געוויזן די בילעטן; אַן אַנדערער מאַן האָט צוגעפירט צו די פּלעצער, וועלכע זיינען געווען נומערירט. דער זאַל איז געווען העל באַלויכטן. מיר זיינען געזעסן אין דער דרייצנטער ריי, און אַרום אונדז — מענטשן און מענטשן! ס׳איז שוין געווען פול געפּאַקט, אָבער נאָך און נאָך מענטשן זיינען אַלץ אָנגעקומען, באַגריסנדיק זיך, שמייכלענדיק, איבערוויינקענדיק זיך מיט איינאַנדער.

ס׳האָט ווידער געקלונגען. דער רעש און געפּילדער איז נאָך גרעסער געוואָרן. מ׳האָט שוין פאַרמאַכט די טירן, נאָר אַ סך זיינען נאָך געשטאַנען און גערעדט מיט שכנים. ערשט ביים דריטן מאָל קלינגען איז געוואָרן שטילער. גאַנץ פאָרנט, פאַר דער ערשטער ריי, איז אויף אַ וואַנט געווען אויפגעמאָלט אַ מאַן אין אַ פּעלכל, וועלכער שפּילט אויף אַ פאַסטוך־פייפל; אַ דיקלעכע פרוי, כמעט אינגאַנצן נאַקעט, נאָר די ברוסטן האַלב פאַרדעקט מיט אירע לאַנגע האָר, הערט זיך צו צו זיין שפּילן. ווידער אַ קלונג, דאָס מאָל ווי פון אַ טאַץ — דאָס ליכט גייט־אויס, עס ווערט פינצטער. ביים אונטערשטן זוים פון יענער באַמאָלטער וואַנט ווערט פּלוצים ליכטיק. אַ צווייטער קלונג פון דער טאַץ, און עס דערהערט זיך פון ערגעץ מוזיק. אין זאַל איז שוין איצט גאַנץ שטיל. אַ דריטער ענלעכער קלונג — מיין האַרץ קלאַפּט שוין צום צעשפּרונגען ווערן פון דערוואַרטונג! די באַמאָלטע וואַנט הויבט זיך אויף אין דער הויך. אויבן דאָרט, דאַכט מיר אויף לייטערס, אַרומגעשטעלט מיט באַמאָלטע וואָלקנס, זיצן מיידלעך אין העל־בלויע, לאַנגע העמדער, מיט צוגעטשעפּעטע גרויסע פליגלען ביי די פּלייצעס, פאַרשטעלט פאַר מלאכים. זיי זינגען, אַז „צום גוטן, יאָ, צום גוטן רעדן מיר דעם מענטשן צו" — — און אָט באַווייזט זיך דער טייוול אַליין! אָנגעטאָן אין רויטן, מיט אמתע הערנער אויפן קאָפּ, דערציילט ער ווי לאַנגווייליק ס׳איז אויפן הימל. ער רעדט אַביסל געוואַגטע, אָבער קלוגע רייד. עס דערהערט זיך אַ בת־קול פון גאָט, וואָס לויבט דעם פרומען סופר הערשעלע דובראָוונער. דער נישט־גוטער לאַכט חוצפּהדיק דעם רבונו של עולם אין פּנים אַריין און מאַכט אַ געוועט, אַז מיט געלט און עשירות קאָן ער דעם פרומען סופר פאַרפירן און פאַרדאַרבן. דאָ האָט זיך די באַמאָלטע וואַנט צוריק אַראָפּגעלאָזט.

וואָס פאַר אַ וועלט, וואָס פאַר אַ פּראַכט! דאָס טרייסלט דאָך אויף הונדערט מאָל מער ווי דער אויסטערלישסטער חלום! פון מיר גיסט זיך

דער שוויס — וואָס וועט איצט געשען? מיין ברודער לייבטשע שמייכלט און קוקט מיך אָן מיט פרעגנדיקע בליקן. איך קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען.

ס׳ווערט ווידער פינצטער און די לייוונטענע וואַנט הויבט זיך ווידער אויף. מיר דערזעען אַ פּראָסטע, אָרעמע שטוב ווי ביי אונדז אין דער היים, אין די הינטערגעסלעך. ס׳איז ווינטער. איין פענצטער איז פאַרשטאָפּט מיט אַ שמאַטע, דאָס אַנדערע מיט אַ קישן; מ׳הערט ממש ווי דער ווינט וואָיעט אין דרויסן. אויף אַ טיש ליגט אַ צוגעדעקטע ספר־תורה. אַן אַלטעטשקער זיידע שיט מיט ווערטלעך, וויצלט זיך מיטן אייניקל — שוין אַ גרויסע מויד — און אַ פּרוי שיילט קאַרטאָפליעס, האָט צייןן־ווייטיק און קאָן דעריבער נישט לאַכן פון איר שווערס חכמהלעך. שכנים קומען און מ׳רעדט וועגן הערשעלע דובראָוונער. זיי הויבן נישט אָן צו וויסן, אַז ערשט נאָר־וואָס איז אין הימל פאָרגעקומען וועגן אים אַ געוועט צווישן גאָט און דעם טייוול. מ׳דערציילט איצט, אַז הערשעלע איז געגאַנגען זיך טובל זיין אין מקווה איידער ער שרייבט־אָן דאָס וואָרט „יהוה“. און אָט קומט ער אַליין! אָרעם, אָבער אַ צאַרטער, שיינער מאַן מיט אַן איידל, בלאַס פּנים. ער זעט אויס ווי דער טשאָרטקאָווער רבי. ער וואַשט זיינע ווייסע, שמאָלע הענט און זעצט זיך, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. אַלע וואַרטן געשפּאַנט. ער שרייבט דעם לעצטן פּסוק — „חזק, חזק ונתחזק!“, און אַלע חזרן עס איבער. ס׳ווערט פריילעך און מ׳בעט הערשעלען ער זאָל שפּילן אויף זיין פידל. אין דער אָרעמקייט איז איצט היימלעך, ליב און פרידלעך. מיט אַמאָל אַ קלאַפּ פון דרויסן! ס׳עפנט זיך די טיר, און ס׳קומט אַריין דער טייוול, איבערגעטאָן ווי אַ מענטש — אַ רייזנדער מיטן באַמען מזיק. איך דערקען אים גלייך מיט זיין שאַרפער שטים און פרעכן געלעכטער. ער האַנדלט, זאָגט ער, מיט לאָטעריע־צעטלעך. אַן אויסרייד אַזאַ, פאַרשטייט זיך. ער וויל זיי פאַרקויפן אַ צעטל. הערשעלע דובראָוונער שמייכלט — ער קויפט נישט! פאַרשטייט זיך, אַז נישט; ער האָט דאָך אַפילו נישט מיט וואָס צו קויפן. אָבער אָט דער מזיק מיט זיין טייוולאָנישער צונג רעדט אים דאָך איין — ער שטופּט אים פּשוט דאָס צעטל אין האַנט אַריין, אָן געלט. דערביי מאַכט ער נאָך פרעכע באַמערקונגען, אָבער זייער קלוגע. און ווען עס ווערט גאָר שטאַרק אינטערעסאַנט, געשפּאַנט, צעלאַכט זיך מזיק מיט זיין הילכיקן געלעכטער, און די וואַנט לאָזט זיך ווידער אַראָפּ — די אַנדערע וועלט איז ווידער אָפּגעשלאָסן.

אין זאַל ווערט אַ גערעדעריי. מ׳שמועסט צווישן זיך מיט אַזאַ מבינות, ווי זיי אַליין וואָלטן געווען די שפּילערס. איך זע פאַר זיך אַלץ, וואָס איז ערשט דאָרט פאָרגעקומען — איך הער ממש זייערע ווערטער.

נאָכאַמאָל אַ קלונג. ס׳ווערט ווידער פינצטער און די וואַנט הויבט זיך

אויף. איצט זעט מען אַ ליכטיקע, רייכע שטוב. דער אָרעמער סופר האָט, הייסט עס, געוואונען אין דער לאָטעריע און איז איצט אַ רייכער מאַן. ער גייט אַפילו עפענען אַ טליתים־פאַבריק. דער טייוול שעפּטשעט אים אין אויער אַריין פאַלשע, נידערטרעכטיקע עצות, און ער, דער אַמאָליקער איידעלער סופר, הערט זיך צו. ער באַהאַנדלט איצט זיין פרוי, זיינע פריינט און זיין אַלטן פאָטער פּונקט אַזוי שלעכט ווי די האַראָדענקער נגידים פלעגן עס טאָן. פע! ער באַשליסט אַפילו אָפּצוגטן זיין כשר ווייב, און דער טייוול רעדט אים איין חתונה צו האָבן מיט זיין ווייבס יונגער פלימע־ניצע. זיין אַלטער פאָטער, וועלכער איז פריער געווען אַ פריילעכער, אַ וויצלער, פילט זיך איצט זייער אומגליקלעך אין דער רייכער שטוב. אַזוי אויך די אַנדערע.

ס׳איז אַן איבעררייס. און ווען מ׳הויבט אָן ווידער פאָרשטעלן, באַגייט שוין הערשעלע נאַרישקייטן און מאַכט איין פעלער נאָכן אַנדערן. דערביי איז ער דאָך אַזאַ קלוגער מענטש! גאָט מיינער, ווי איז דאָס מעגלעך? ווי קאָן אַ קלוגער מענטש זיין אַזוי נאַריש?! מיר ווילט זיך אַרויפשרייען, ער זאָל זיך ניט צוהערן צום טייוולס עצות — אָבער דאָ קומט ווידער אַן איבעררייס.

מיר גייען אַרויס אַ ווייל אויף פרישער לופט. איך בין געוואַלדיק אויפגערעגט און אין כעס אויף אָט דעם פרעכן, פאַרדאַרבערישן מזיק — אַמליבסטן וואָלט איך אים נאָך דערלאַנגט מיט מיין אייזערנעם „באָקסער״־רינג אין פּיסק אַריין!

ס׳קלינגט דאָס גלעקל און מיר גייען אַריין. ס׳הויבט זיך ווידער אָן. עס פּאַסירט איצט אַ שרעקלעכע זאַך: אין דער טליתים־פאַבריק, וואָס הערשעלע פירט־אָן בשותפות מיטן טייוול, האָט אַ ראָד פון דער מאַשין אָפּגעריסן אַ האַנט ביים זון פון הערשעלעס בעסטן פריינט, כאַצקל דראַכמע. דער זון האָלט ביים שטאַרבן. כאַצקל דראַכמע עפנט איצט צום ערשטן מאָל דאָס מויל און זאָגט הערשעלען אַ סך אמתן: וואָס פאַר אַ מענטש ער איז פריער געווען און וואָס ס׳איז איצט פון אים געוואָרן; ווי ער האָט פריער זיך באַצויגן צו זיין פאָטער, צו זיינע פריינט, און ווי אַזוי ער באַ־האַנדלט זיי איצט; ווי ער האָט אין אָרעמקייט געלעבט בשלום מיט זיין ווייב, און ווען ער איז געוואָרן רייך, האָט ער זי פּשוט משלח געווען; ווי אַזוי די עשירות האָט אים פאַרדאַרבן, און צי וועט ער קאָנען אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר די אַלע מיאוסע גענג? „יאָ — ענטפערט הערשעלע, אָבער שוין אַביסל אַ דערשלאָגענער — יעדער מענטש איז פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר זיינע אייגענע מעשים, און ער וועט שוין אָפּגעבן דין־וחשבון, ווען די צייט וועט קומען!״ דאָ אָבער שרייט אויס זיין פריינט מיט אַ האַרצ־רייסנדיק קול, ווייזנדיק אים אַ פאַרבלוטיקטן טלית: „דו האָסט אַ טעות,

ר׳ הערשעלע דובראָוונער — דיין חשבון שטימט נישט!״ ער דערמאָנט אים אָן זיין פאַרשטויסענער פּרוי, אָן זיין פאָטער און פריינט, און פאַר־ענדיקט: „אַט דער טלית איז איינגעטונקען אין בלוט און טרערן פון מיין קינדס אָרעמע יתומימלעך... יאָ, הערשעלע דובראָוונער, מיין פאַרשטאָר־בענער זון האָט דיר איבערגעפירט אַ טלית — נאַ, פאַרשרייב אים אויף מיין חשבון!״ ער וואַרפט אים דעם טלית אין פּנים אַריין און גייט אַוועק.

„בראַוואָ, כאַצקל דראַכמע! בראַוואָ, ראָזענבערג!״, האָט דער גאַנצער עולם ווילד געשריגן, געפּאַטשט מיט די הענט און געטופּעט מיט די פיס. איך האָב מיטגעשריגן און דערפילט אַ גרויסע דערלייכטערונג.

די שטורמישע באַגייסטערונג פאַר כאַצקל דראַכמע האָט לאַנג אָנגע־האַלטן. דער רייכער הערשעלע איז איצט געזעסן אַ שווייגנדיקער, אַ צעבראָכענער: ער זעט־איין זיינע פעלערן—„יאָ, אַ צו גרויסער חשבון!״; ער האָט חרטה — — ער וויקלט זיך איין אין פאַרבלוטיקטן טלית און, וויינענדיק, זאָגט ער אַ שטיקל פּיוט. דערנאָך מאַכט ער פון זעלבן טלית אַ פּעטליע און הענגט זיך אויף, טאַקע אויף זיין אייגענעם קאַסע־קאַסטן. דער טייוול באַווייזט זיך. ער איז אין כּעס וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין געווועט, און אַלץ איז געענדיקט. — — —

וואָס פאַר אַ וועלט! אין קוים דריי שעה — אַ גאַנץ לעבן! אַ סך לעבנס! וואָס פאַר אַן אמתע, איבערנאַטירלעכעווירקלעכקייט! מיר אָרעמע מענטשן לעבן און שטאַרבן — אַזוי ציט זיך עס פון דור צו דור. די אָרעמע בלייבן אָרעם, און די רייכע בלייבן רייך, די שלעכטע — שלעכט, און די גוטע — גוט. דאָ אָבער, פאַר דיינע אויגן, אין דריי שעה צייט, פאַרענדערן זיך מענטשן און וועלטן און גאַנצע לעבנס! וואָס פאַר אַ וואונ־דערלעכע צויבער־וועלט!

איך קאָן עס נאָך אַלץ ניט באַנעמען. ווי אומוויכטיק קומט מיר איצט פאַר אַלץ, וואָס איך האָב ביז אַהער איבערגעלעבט! ס׳האָט מיר גענומען אַזויפיל יאָרן אין מיין לעבן, און איך שטיי נאָך אַפילו ניט ביים אָנהויב — אַלץ האָט זיך געצויגן אַזוי פּאַוואָליע און פּיינלעך... אָבער דאָ, אין געציילטע דריי שעה, ווערן גוטע מענטשן שלעכט, אָרעמע ווערן רייך, יונג ווערט אַלט, שלעכטס ווערט באַשטראָפט, און גוטס באַלוינט — — וואָס פאַר אַן אויסגלייך, וואָס פאַר אַ גערעכטיקייט! און וואָס פאַר אַ קלוגע רייד! אַ וואונדערלעך לעבן. אַפילו דאָס שטאַרבן איז דאָ וואונדער־שיין.

אַט דאָס איז די וועלט וואו איך געהער! דאָ וויל איך לעבן און זיין טעטיק, דאָ זיך שפּילן און אויסדערציילן וועגן מיין נייגיר, מיינע חלומות, מיינע בענקשאַפטן!

שטילערהייט, ביי זיך, בין איך שוין פעסט אַנטשלאָסן צו גיין אויף אַט דעם וועג און אַריינדרינגען אין אַט דער נייער וועלט. איך ווייס נאָך

נישט ווי אַזוי — אָבער איינס איז זיכער: קיין מאַכט אין דער וועלט וועט ניט זיין אימשטאַנד מיך אָפּצוהאַלטן און פאַרשטעלן מיר דעם וועג צו אָט דער וועלט!

דאָ, טראַכט איך, וואָלט מען נאָך באַדאַרפט באַווייזן ווי מיין פאָטער רעדט מיט יוז פעדאָרקיוו וועגן גאָט; ווי „רחמנותל״ פאַלט אַריין אין ברונעם און „גאָט צו דאַנק״ דעקט איין זיין קבר און ווערט דערביי אַליין פאַרפרוירן. מען וואָלט באַדאַרפט באַווייזן שימשעלע מילניצער, דעם תלמיד־חכם, וואָס פלעגט גיין איבער די הייזער; און מנשה שטרום, דעם גוטמוטיקן שיכור; און רבקהלען, ווי איך פלעג שטיין פאַר איר פענצטער, ווי איך בין איר נאָכגעלאָפן קיין זאַליעשטשיק, ווי דער „לאַק״ האָט זי פאַרפירט, און אפשר טאַקע ווי איך געפין זי שפּעטער! דאָ וואָלט מען נאָך געקאָנט ווייזן ווי יונה בורלאַק מוטשעט מיך און ווי מיין ברודער ברעכט אים אָן די ביינער דערפאַר. אָבער דאָ וואָלט איך נישט וועלן זיין איך, נאָר מיין ברודער! דאָ קאָן מען דאָך אַלץ ווייזן און דערציילן און דורכפילן אַזוי, אַז אויך אַנדערע זאָלן עס דערפילן — ווייל דאָ, אין אָט דער וועלט, איז דאָך קיינער נישט אַליין, נישט פאַראיינזאַמט... דאָ קומט דאָך אַלץ פאַר אין איין אָוונט, אין וואָסערע דריי שעה — אַ גאַנץ לעבן אין דריי שעה! און מאָרגן — אַן אַנדער לעבן פון אַנדערע מענטשן!

אין דער היים האָב איך געפּרואווט נאָכמאַכן וואָס איך האָב דאָרט געזען און געהערט: הערשעלע דובראָוונערס שמועסן און די רייד פון כאַצקל דראָכמע מיטן פאַרבלוטיקטן טלית; בפרט מזיקס חוצפּהדיק לאַכן, וואָס איז מיר באַזונדערס געראָטן. מיין ברודער לייבטשע האָט באַוואונ־דערט מיין זכרון און האָט עס דערציילט דעם אַנדערן ברודער: ער אַליין האָט שוין געזען די שפּיל עטלעכע מאָל, און ער געדענקט נישט קיין וואָרט פון דעם!

שפּעטער בין איך ווידער געגאַנגען צו גימפּלען אין טעאַטער און געזען דאָרט עפּעס אַנדערש, אָבער ס׳איז געווען פּונקט אַזוי פאַרכאַפּנדיק ווי דאָס ערשטע מאָל. פלעג איך שוין גיין אַהין יעדן פרייטן אָוונט, אָדער בייטאָג, און אָן מיינע ברידער. האָב איך געאַרבעט בייטאָג, פלעג איך גיין אין אָוונט, און האָב איך געאַרבעט ביינאַכט, פלעג איך גיין אַהין בייטאָג. און שטענדיק אויף דער גאַליאָרקע, וואו ס׳איז געווען אַ ביליקער אַ שענער. דאָ האָב איך געטראָפן יונגע מענטשן, אין מיינע יאָרן, מיט דיזעלבע גע־דאַנקען און דיזעלבע בענקשאַפטן וואָס איך. האָבן מיר פאַרפירט צווישן זיך לאַנגע שמועסן און מיר זיינען געוואָרן חברים. צווישן זיי זיינען געווען דער לאַנגער וואָלף, איציע וואַנדעל און שליסעלבערג. זיי האָבן געקענט די שפּילערס פּערזענלעך, און וואָלף מיט וואַנדעלן האָבן אפילו אַליין גע־וואָלט ווערן שפּילערס. נאָר שליסעלבערג האָט עס ניט געוואָלט ווערן. ער

האָט אָבער געהאַלטן, אַז איך וואָלט זיך זייער גוט אויסגעטויגט צו דעם; בפרט נאָכדעם, ווי ער האָט מיך געהערט איבערחזרן די רייד פון כאַצקל דראַכמע און נאָכמאַכן מזיקס טייוולש געלעכטער.

צווישן מיר און שליסעלבערגן איז געוואָרן אַ גרויסע פריינטשאַפט. מיר פלעגן צוזאַמען גיין אין טעאַטער און גלאַט פאַרברענגען אינאיינעם די פרייע צייט. צוליב פריינטשאַפט האָט ער מיר אויך פאַרשאַפט אַ „שטעלע" ביי זיין טאַטן, וועלכער האָט געהאַט אַן אייגענע בעקעריי.

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט האָט אין טעאַטער פּאַסירט אַן אויסער־געוויינלעכע זאַך: מען האָט געשפּילט „כאַסיע די יתומה", וואָס שטעלט פאָר אַ מיידל פון דאָרף, אַ יונגע, אַ געזונטע און זייער אַ שיינע, און זי האָט ליב אַלעמען צו זאָגן דעם אמת אין פּנים אַריין. איר אָרעמער פאָטער, אַ דאָרף־ייִד, האָט זי געבראַכט אין שטאָט אַריין פאַר אַ דינסט־מיידל ביי איר רייכן פעטער און מומען, וועלכע האָבן אויך אַ זונדל, אַ גאַרנישט. כאַסיע אַרבעט שווער און באַדינט אַלעמען, אָבער זי פאַרליבט זיך אין זייער זונדל.

אַלע האַלטן אין פּוצן זיך; זיי גייען אין טעאַטער. כאַסיע האָט געזען, ווי דאָס זונדל, וועמען זי האָט ליב, האָט בגנבה באַהאַלטן אַ גאָלדענע בראָש. מ'זוכט די בראָש, ס'איז אַן איבערקערעניש, און מ'נעמט חושד זיין כאַסיען אין גנבה. די בייזע מומע פרעגט זי, צי זי ווייסט נישט וואו ס'איז די בראָש. „ניין", ענטפערט כאַסיע. „שווער זיך ביי דיין טויטער מאַמען, אַז דו ווייסט נישט", שטייט־צו די מומע. כאַסיע, פאַרשטייט זיך, וויל ניט שווערן. פּאַקט זי די מומע ביי די צווי לאַנגע, בלאָנדע צעפּ, בינדט זי צו צום בעט און נעמט שלאָגן די אָרעמע יתומה, שרייענדיק: „וואו איז די בראָש?" כאַסיע קניט, אַ צוגעבונדענע מיט אירע צעפּ צום בעט, און האַלט אין איין איבערחזרן: „איך ווייס נישט, איך ווייס נישט."

דער גרויסער עולם אין טעאַטער איז שרעקלעך אויפגערעגט; איך אויך. מיר אַלע האָסן די בייזע מומע און האָבן רחמנות אויף דער יתומה. אָבער די מומע האַלט זי אין איין שלאָגן. אַ בחור, וועלכער שטייט לעבן מיר אויף דער גאַלעריע, כאַפּט פּלוצים אַרויס אַ רעוואָלווער און צעשרייט זיך נאָך העכער ווי די שפּילערס: „בעסטיע! בינד איר תיכף אָפּ די צעפּ, אָדער איך זאַטשמעליע דיך ווי אַ הונט!"

די מומע דאַרט האָט אויפגעהערט שלאָגן, און אין טעאַטער ווערט אַ טומל. אַלע קוקן איצט אויף דעם צוואַנציק־יאָריקן חברה־מאַן, וועלכער שטייט אַ בלייכער ווי די וואַנט און ציטערט פאַר אויפרעגונג.

די באַמאַלטע וואַנט — דער פאָרהאַנג, הייסט עס — האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט, אין זאַל איז געוואָרן ליכטיק. גרופּקעס מענטשן קריגן זיך, שרייען, דיסקוטירן צווישן זיך. דער בחור איז דערוויל נעלם געוואָרן. פאַרן פאַר־

האַנג שטייט איצט כאַסיעס אָרעמער טאַטע, מאַטיע שטרייכל. ער הייסט, זאָגט מען, יודל גוטמאַן. ער הויבט אויף די האַנט און ס׳ווערט אַביסל רואיקער. „טייער, ליב פּובליקום — ווענדט ער זיך צום עולם — מעג איך עפּעס זאָגן?“ אַ טייל האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די הענט און שרייען: „רעד, גוטמאַן, רעד! זאָל זיין שטיל.“ עס האָט זיך איינגעשטילט, און גוטמאַן האָט ווידער אָנגעהויבן: „ליבע פריינט, ס׳איז מיר זייער שווער אַרויסצוגיין פונעם כאַראַקטער, אָבער איך מוז אייך דאָך זאָגן עטלעכע ווערטער.“ און ווי אַ פאָטער צו קינדער האָט ער ווייטער געזאָגט: „איר ווייסט דאָך מסתם, אַז פריילין פישלער איז פאַרהייראַט צו אַ דאָקטאָר, אַ ריכטער; און זי האָט ברוך־השם טאַטע־מאַמע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אָבער צוליב דער קונסט, מוז זי היינט בײנאַכט זיין אַ יתומה. און איר ווייסט דאָך אויך, אַז מאַדאַם ראָזענבערג האָט קיין עין־הרע זעקס קינדערלעך און זי איז אַ מאַמע, אויף אונדז אַלעמען אַזאַ יאָר. אָבער צוליב דער קונסט מוז זי היינט אויף דער בּאַכט זיין די בייזע מומע און שלאָגן פריילין פישלער. איך בין אַליין אַ גבאי אין „בני יעקב“־שולכל, אָבער צוליב קונסט מוז איך היינט זיין מאַטיע שטרייכל, דער אָרעמער טאַטע פון כאַסיע די יתומה. איך וואָלט אייך אַזוי געקאָנט אויסרעכענען אַלע באַ־טייליקטע, וואָס זיי זיינען אין פריוואַטן לעבן און וואָס זיי מוזן זיין אויף דער בינע. די מייסטע פון אונדז קאָנט איר טרעפן יעדן נאָכמיטיק ביי איין טיש אין „קאַפע אַבאַציע“; מיר זיינען פריינט, אונדזערע קינדער זיינען פריינט, און ספּעציעל באַפריינדעט זיינען די מאַדאַם ראָזענבערג און פריי־לין פישלער. קומט איינער, וואָס איז זיכער אַ ווױלער יונגערמאַן, אָבער ער פאַרשטייט אַפנים נישט קיין טעאַטער, און ווערט אַזוי אויפגערעגט, אַז ער סטראַשעט מיט אַ רעוואָלווער. נו, פרעג איך אייך — איז עס רעכט אַזוי?“ „זיכער נישט! זאָל מען אים אַרויסוואַרפן! — שרייט דער עולם און נעמט פּאַטשן מיט די הענט — בראַוואָ, גוטמאַן! בראַוואָ, פישלער! בראַוואָ, ראָזענבערג!“

דער אָרעמער מאַטיע שטרייכל, דער שפּילער און גבאי יודל גוטמאַן, הויבט ווידער אויף די האַנט, און ס׳ווערט ווידער שטיל.

— נו — פרעגט ער מיט אַ שמייכל — זאָלן מיר ווייטער שפּילן?

— אַוודאי! — הילכט צוריק דער עולם און נעמט ווידער פּאַטשן מיט די הענט.

ווערט פינצטער און מ׳הויבט ווידער אָן שפּילן דאָרט, וואו מ׳איז פריער געבליבן שטיין: די בייזע מומע, מאַדאַם ראָזענבערג, וואָס איז אַליין אַ מאַמע פון קינדער, בינדט ווידער צו צום בעט דאָס בילד־שיינע פריילין פישלער, וואָס איז פאַרהייראַט צו אַ רייכן ריכטער, און זי נעמט זי ווידער שלאָגן. — — אָרעם פריילין פישלער! צוליב אַן אויפגערעגטן יונגנמאַן

האָט מען זי נעבעך היינט צוויי מאָל געשלאָגן... אָבער, טראַכט איך, צוליב קונסט לוינט זיך אַפילו צוואַנציק מאָל געשלאָגן צו ווערן.

אַן אומפאַרגעסלעכער אָוונט געווען!

אַ הונט, אַ וועגעלע און אַ פרוי

שמואל שליסעלבערג איז מיר געוואָרן אַן אמתער פריינט. נאָך אַלס קינד איז פריינטשאַפט געווען ביי מיר אַ הייליק געבאָט. צו האָבן אַ פריינט, פלעגט אונדזער טאַטע זאָגן, איז אַ גרויס גליק; פריינטשאַפט שטייט אַפילו איבער קרובהשאַפט; ווייל אַ קרוב ווערט מען געבוירן, און אַ פריינט מוז מען ערשט געפינען. משפחה איז ווי די ערד — דו לעבסט אויף איר און זי נערט דיך. אָבער פריינטשאַפט איז ווי אַן אוצר פון בריליאַנטן און גאָלד, וואָס ליגט פאַרבאָרגן טיף אין דער ערד, און נאָר די גליקלעכסטע קאָנען עס געפינען. מען פילט זיך אפשר נאָך גליקלעכער צו זיין יענעמס אַ פריינט, ווי צו האָבן אַ פריינט; אָבער די העכסטע פריינטשאַפט באַשטייט פאָרט אין גאָלדענעם גלייכגעוויכט, אין קעגנזייטיקייט. ווי אַ ביישפיל, פלעגט דער טאַטע אָנווייזן דווקא אויף דעם גוי יוז פעדאָרקיוו, וועלכער איז אים געווען אַ מער נאָענטער פריינט ווי אַ סך יידן. אַפילו צווישן אונדז, אייגענע שוועסטער און ברידער, האָט אָמייסטן געהערשט בלויז אַ משפחה־געפיל. אַן אמתע פריינטשאַפט איז געווען נאָר צווישן אייניקע—למשל, צווישן די עלטערע ברידער שכנא און יאַנקל, אָדער צווישן מיר און לייבטשען.

איך האָב שטענדיק געהאַט נאָענטע פריינט: צוערשט מיין ברודער לייבטשע, דערנאָך טשערניאַקאָוו אין זאַליעשטשיק און שימעלע ראַסקין אין סטאַניסלאַוו. אָבער צו זיי האָב איך געמוזט אַרויפקוקן ווי צו עלטערע. אין שמואל שליסעלבערגן האָב איך צום ערשטן מאָל געפונען אויך אַ גלייכאַרטיקן חבר. ניט געקוקט דערויף וואָס איך בין געקומען פון אַ קליין שטעטל, און ער איז געווען אַ „גרויסשטאָטישער", בין איך געווען דער פירער און דער עצה־געבער אין אונדזער פריינטשאַפט. שליסעלבערג איז געווען איינזאַם, אומגליקלעך און אַפט מעלאַנכאָליש; בין איך אים געוואָרן דאָס, וואָס טשערניאַקאָוו איז געווען פאַר מיר. נאָך קליינערהייט איז ער געבליבן אַ יתום נאָך דער מוטער, און זיין טאַטע, אַ געזונטער ייד צווישן פופציק און זעכציק, אַ פאַרמעגלעכער, האָט זיך גענומען אַ צווייט ווייב, וואָס האָט לויט די יאָרן געקאָנט זיין אַ טאָכטער זיינע. איז ער צו איר געווען ווייך, זיך געהאַלטן שטיל און שרעקעוודיק, בעת צו די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע איז ער געווען גראָב און שטרענג. שטענדיק מיט אַ

גרויסן ציגאַר, וואָס פלעגט אַרומטאַנצן אין זיין מויל ווי אַ קליין רויכערדיק קוימענדל, פלעגט ער שעלטן און זידלען זיינע „מענטשן" און זעלטן זיי אָנרופן ביים נאָמען. האָט ער באַדאַרפט אויפוועקן אַ בעקער־יונג, ער זאָל איינהייצן אין אויוון, פלעגט ער זיך צעשרייען: „העי, דו, ממזר, ביזט טויב? קאָנסט נישט הערן, הונט איינער? ס'איז שוין זעקס דער זייגער! שטיי אויף, מאַך דעם אויוון, פסיאַ קרעוו! אויף וועמען וואַרטסטו, קאַליקע וואָס דו ביזט!" אָדער ווען דער משרת, פּיאָטער, האָט באַדאַרפט צעפירן דאָס געבעקס איבער די רעסטאָראַנען, האָט מען געקאָנט הערן שליסעל־בערגן איבערן גאַנצן הויף: „העי, דו, קאַנאַליע, קרומער הונט! ווילסט טאָקע ניט איינשפּאַנען? זע נאָר ווי דאָס שלעפּט די פּולע ביינער — ריר זיך אַביסל, קרעציקע חיה! מען זאָל דיך נאָר אַהיימברענגען אַ טויטן, רבונו של עולם — בלינד פערד וואָס דו ביזט!"

פּיאָטער, מיטן איינעם אויג, פלעגט דערביי לאַכן. ער דינט שוין דאָ אַכט יאָר, האָט מיר שמואל דערציילט, און איז שוין געוואוינט צו די קללות.

די בעקעריי האָט זיך געפונען אויפן הויף אונטן, און שליסעלבערגס וואוינונג איז געווען אַקעגן אויפן ערשטן שטאָק. פלעגט ער דאָרט שטיין אויפן באַלקאָן מיטן ציגאַר אין מויל און אַראָפּקאָמאַנדעווען אין הויף אַריין ווי אַ קאַפּיטאַן אויף אַ זינקענדיקער שיף. אָבער ווי נאָר זיין יונג צע־שויבערט ווייבל האָט זיך באַוויזן, פלעגט ער באַלד שטיל ווערן. אין דער היים האָט זי געפירט די קאָמאַנדע. זי איז געווען אַ שיינע, אָבער תמיד נאַכלעסיק אָנגעטאָן. איז אַרומגעקראָכן אין אירע פילצענע פּאַנטאָפל און אינעם צו־גרויסן קלײדל, ביי וועלכן ס'האָט געוויינלעך געפעלט אַ קנעפּל, אַ העקעלע. אַמאָל האָט זיך אויך געמאַכט אַ ריס אין קליידל, האָבן אָפּט דורך די שפּעלטלעך אַרויסגעשיינט אירע ברייטלעכע קליבעס און פולע בריסטן. געוווען פּויל ווי אַ קאַץ און געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק, אַז זי איז געוואָלדיק באַשעפטיקט. איר מויל פלעגט זיך ניט אָפּשטעלן — אָדער זי האָט געקייעט, אָדער געשאָלטן. האָט ליב געהאַט צו זיצן אויף די טרעפּ פון גאַנעק, די קני ווייט צעשפּרייט. די געזעלן פלעגן דערציילן, אַז זי טראָגט נישט קיין מייטקעס — ווייבערשע אונטערהויזן, הייסט עס. אַזוי פלעגט זי דאָרט אויך איבערזיצן שבתים און יום־טובים אין אירע זיידענע קליידער און אין גאַנצן שמוק, און שטענדיק אין אירע פילצענע פּאַנטאָפל. זי האָט מורא, האָט מען געזאָגט, אַרויסצוגיין אין גאַס, מען זאָל ביי איר ניט צורויבן דאָס צירונג. זיצט זי, קוקט גלאָט אין דער וועלט אַריין און מעלה־גרהט ווי אַ קו.

זי האָט געהאַט מיטן אַלטן אַ זעקס־, זיבן־יאָריק מיידעלע, ריקעלע. אַ שיינס, אָבער אַ פאַרעקשנטס. פלעגט אַלץ טאָן פאַרקערט ווי מען האָט איר געהייסן: ווען מען האָט זי געשיקט זיך שפּילן מיט די קינדער —

פלעגט זי אַריינקריכן אין איר בעטל; האָט מען זי געבעטן בלייבן אין שטוב — איז זי אַראָפּ אין גאַס; מען טאָר נישט אָנרייבן קיין שוועבעלעך — וועט זי דווקא אויסברענען אַ גאַנץ פּודעלע; האַלט זי אַ גלאָז אין האַנט, און פּרואווט איר זאָגן, זי זאָל זיין פאָרזיכטיק, איז — האָפּ! און דאָס גלאָז איז צעבראָכן. גיט מען איר עסן — שפּייט זי עס אויס; און זאָגט מען איר אָן זי זאָל ניט עסן קיין הייסע בולקעלעך — שטייט זי ביים אויוון און לייגט זיך אָן מיט הייסע זעמל, אַז זי קריגט בויכווייטיק. איצט האָט זי ערגעץ באַקומען אַ שער און האַלט אין איין שנײַדן: האַנטוכער, טיש־טוכער, קליידער, אָנצוגן, פאָרהאַנגען — אַלץ. די מוטער האָט זי אָפּט געשלאָגן, אָבער דאָס קינד האָט קיינמאָל ניט געוויינט. אָפּט פלעגט זי דעם אַלטן קנייפּן אין די פּיס, אים אַריינשפּייען אין דער זופּ, און האָט זי שוין גאָר נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, פלעגט זי אין מיטן עסן, דווקא ביים טיש, זיך אָוועקזעצן אויפן נאַכט־טעפּל. דער פאָטער האָט זי ניט געטאָרט אָנרירן. איז ער אָפּט אַנטלאָפן פון טיש, אַראָפּ אין הויף און אויסגעלאָזט זיין בייז האַרץ צו די אַרבעטער. די מוטער פלעגט דעמאָלט מאַכן געוואַלדן אין שטוב, שלאָגן דאָס קינד, זיך וואַרפן אויפן שטיפזון און אַזוי לאַנג געזידלט און געשאָלטן, ביז שכנים פון גאַס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן.

אין אָט דעם גיהנום האָט געלעבט מיין חבר שמואל. פלעגן מיר גיין אין טעאַטער מייסטנס צו טרויעריקע שפּילן, וועגן אָרעמע יתומים און בייזע שטיפמאַמעס, און פאַרגיסן ביטערע טרערן אויפן גורל פון די גע־קריוודעטע, און האַסן די שטיפמאַמעס מיט די טאַטעס, וואָס לאָזן עס צו. דאָרט אויבן, אויף דער בינע, האָט תמיד געהערשט מער גנאָד און גערעכ־טיקייט ווי אין אונדזער לעבן. אַפילו ווען ס׳איז שוין געווען גאָר שלעכט, פלעגן כמעט שטענדיק די „גוטע״ באַלוינט ווערן און די „שלעכטע״ פלעגן ווערן באַשטראָפט.

איינמאָל זע איך ווי די קליינע, ווילדע ריקעלע שטייט אויפן הויף און קוקט אַזוי אויף מיר מיט אירע גרויסע, שוואַרצע קאַרשן־אויגן.

— ניט אַריינגיין אין בעקעריי, ריקעלע — וואָרן איך זי.

ווי געווינלעך, טוט זי מיר אויף להכעיס און גייט יאָ אַריין.

— אָט האָסטו הייסע בולקעלעך — זאָג איך צו איר — עס!

— ביין! — ענטפערט זי בייז און פאַרעקשנט.

איך האָב איר דערלאַנגט אַ גלאָז:

— נאַ, נעם, ריקעלע, צעברעך עס.

זי האָט גענומען דאָס גלאָז און עס פאָרזיכטיק צוריק אָוועקגעשטעלט.

— איצט בלייב דאָ אַביסעלע.

דאָס קינד איז תיכף אַרויס פון דער בעקעריי.

כ׳האָב עס דערציילט שמואלן. האָט ער אַליין אויסגעפּרואווט דעם

ספּאָסוב אויף זיין שטיפשוועסטערל, און ס׳האָט געווירקט. פון איצט אָן האָט ער שוין געקאָנט אַלץ ביי איר פועלן — ער האָט איר נאָר באַדאַרפט זאָגן דאָס פאַרקערטע.

שווערער איז געווען צו געפינען אַ ספּאָסוב קעגן דער שטיפמאַמע. אָבער אויך דאָ האָט מען געמוזט עפּעס צוקלערן. געוויינלעך האָט זיך געפירט אַזוי: ווען זיין טאַטע האָט געלעבט בשלום מיט זיין צעשויבערטער מאַדאַם, זיינען אַלע קללות און חרמות אויסגעגאַנגען צו שמואלס קאָפּ; אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך איבער עפּעס צעקריגט, האָבן זיי שמואלן געלאָזט צורו. האָט מען געמוזט זוכן אַ מיטל ווי אַזוי זיי צו צעקריגן. בפרט, אַז מאָרגן, פרייטיק, האָט באַדאַרפט אויפטרעטן דער שוישפּילער היימאַן פון אַמעריקע אין „ווילדן מענטש״ — און אויב זיי צעקריגן זיך ניט, וועלן זיי ניט לאָזן גיין.

— מ׳דאַרף עפּעס פאַרקאָכן אַ קאַשע — זאָג איך צו שמואלן.

— אַ קאַשע? — וואונדערט ער זיך.

— וואָס איז דער חילוק — זאָג איך — אַ קאַשע צי אַ זופּ, אַבי זיי זאָלן זיך קריגן.

— יאָ — שמייכלט מיין פריינט און פאַרשטייט שוין וואָס איך מיין — דער טאַטע האָט טאַקע זייער ליב זופּ.

— איז גוט! — כאַפּ איך זיך אַ גליקלעכער — דאַרף מען אַריינשיטן אַ גאַנצע זשמעניע זאַלץ אין זופּ.

צומאָרגנס רוימט מיר איין מיין חבר:

— אָפּגעטאָן...

מיטיק־צייט שטיי איך שוין ביים פענצטער פון דער בעקעריי און קוק אַרויף צו שליסעלבערגס פענצטער, געשפּאַנט ווי אין טעאַטער. אַהאַ! עס הויבט זיך אָן. דער אַלטער פאַרזוכט דעם ערשטן לעפל זופּ, און פאַרקרימט דאָס מויל. אָבער ער קאָן זיך ניט גלויבן — ווי איז עס גאָר מעגלעך, אַז זופּ זאָל זיין אַזוי געזאַלצן? מיין חבר האָט עס אָפּנים שוין אַביסל איבערגעזאַלצן. דער אַלטער פאַרזוכט נאָכאַמאָל און צעהוסט זיך שטאַרק — כאַפּט ער דעם טעלער זופּ און גיסט אים אַרויס דורכן פענצטער. נו, נו, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע! זיי האָבן געהאַט מיט זיך צו טאָן און פאַרגעסן אָן שמואלן. זיינען מיר טאַקע ביידע ביינאַכט געגאַנגען אין טעאַטער צום „ווילדן מענטש״. ס׳איז אַ טרויעריק שטיק, — אָבער ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן דער זופּ, האָבן מיר ביידע אַזוי זיך צעלאַכט, אַז דער עולם אויף דער גאַליאָרקע האָט אונדז געוואָלט שלאָגן. און ווען

ס׳האָט זיך געענדיקט די פאַרשטעלונג, האָבן מיר אַפילו ניט געוואוסט צי איז דער „גאַסט״ היימאַן אַ גרויסער שוישפּילער, אָדער נאָר אַ „בלאָף״.

מיר האָבן נאָך עטלעכע מאָל זיך באַנוצט מיט דער קונץ אַריינצושיטן זאַלץ אין זופּ. נאָר די מוטער האָט חושד געווען, אַז דאָס איז ריקעלעס אַרבעט און האָט זי אַזוי געשלאָגן, אַז אויס רחמנות צום קינד האָבן מיר עס אויפגעהערט צו טאָן. איז איצט ווידער געקומען אָפּט צו קריגעריי צווישן פּאַרל צוליב דעם, וואָס די זופּ איז שוין צו ווייניק געזאַלצן. ביז ס׳איז ווידער געוואָרן שלום אין הויז און מ׳איז ווידער דערגאַנגען שמואלן די יאָר, שוין מיט אַ נייער פּריטשעפּקע: עס שטייט זיי ניט אָן למאי ער שלעפּט זיך אַרום מיט מיר, זייערס אַן „אָנגעשטעלטן״.

האָבן מיר שוין געמוזט זיך אויסמיידן אין דער בעקעריי און זיך טרעפן אין גאַס; אָבער אונדזער פּריינטשאַפט איז דערביי נאָך נענטער געוואָרן. איינמאָל קומט אַריין אין דער בעקעריי די „צעשויבערטע״ און הייסט מיר גיין פאַר איר איינקויפן. זאָג איך איר גלאַט אָפּ, ווייל דאָס געהערט נישט צו מיין אַרבעט. עפּנט זי אַ מויל:

— איך וועל דיר שוין ווייזן נישט צו פאָלגן אַ באַלעבאָסטע, דו וואַגאַבונד, דו!

האָב איך איר צוריק־דערלאַנגט אַ פּזמון, וואָס איז געווען אַ געמיש פון מיין ביטער האַרץ און פון דעם, וואָס איך האָב געהערט אין טעאַטער ביי אַזעלכע סצענעס; און פאַרענדיקט האָב איך:

— קוקט אָן אַ באַלעבאָסטע! איר גייט דאָך אַפילו ניט אין קיין מייטקעס אונטערן קליידל, איר שלימעזאַלניצע וואָס איר זענט!

פילט זיך ניט די באַלעבאָסטע, פאַרהאַלעט די קליידער און ווייזט, אַז זי גייט יאָ אין הויזן. די בעקער־יונגען האָבן זיך צעלאַכט. זי האָט ווידער גענומען שעלטן און איז אַרויס פון דער בעקעריי.

אויפן הויף איז איר אַקעגנגעקומען שמואל. כאַפּט זי איר פּילצענעם פאַנטאָפל און לאָזט אויס איר כעס צו אים.

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט עס דערציילט דעם אַלטן, און סוף וואָך האָט מען מיר אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. אָבער נאָך פאַר דעם האָב איך מיט מיין פריינט שמואל זיך געהאַלטן אַן עצה און מיר האָבן באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין. צומאָרגנס איז די שלימעזאַלניצע געזעסן אויף די טרעפּ און מיט אַ זאַק־נאָדל פאַרנייט איר פאַנטאָפל, וואָס זי האָט נעכטן צעריסן, שלאָגנדיק שמואלן. איז מיר עפּעס איינגעפאַלן: כ׳האָב געהייסן שמואלן אַרויסגנבענען ביינאַכט דעם פאַנטאָפל מיט דער נאָדל, און האָב דערנאָך אין דער פאָדעשווע אַריינגעשטעקט די נאָדל מיטן שפּיץ אויף אינעווייניק. שפּעטער האָט שמואל שטילערהייט ווידער אַוועקגעשטעלט דעם פאַנטאָפל ביי איר בעט.

אויס בייגעריקייט זיינען מיר שוין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. קוים געעפנט די אויגן, האָט זיין שטיפמאַמע, ווי געוויינלעך, געגומען זידלען און מיט כעס געגעבן אַ שטעק אַריין דעם פוס אין פאַנטאָפל. ס׳האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער, גרילצנדיקער קוויטש — ווי פריילין פישלער פלעגט דאָס טאָן אויף דער בינע, ווען זי האָט אין אַ שפּיל געפונען איר קינד טויט. שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן. מ׳האָט גערופן אַ דאָקטאָר, און אונדזער צעשויבערטע מאַדאַם האָט געמוזט אַ לענגערע צייט ליגן אין בעט. מער האָב איך זי שוין ניט געזען, ווייל באַלד נאָכדעם בין איך מיט שמואלן אַנטלאָפן פון לעמבערג.

דער אַלטער שליסעלבערג פלעגט זיין גאַנצע וואָך לייזונג אַנזאַמלען אין זיין בריוטאַש, און ערשט פרייטיק נאָכמיטיק פלעגט ער שיקן שמואלן אַריינלייגן דאָס געלט אין באַנק. אָפט איז עס געווען אַ סומע פון עטלעכע טויזנט קראָנען. צונעמען אַזאַ מאָטניאַ מיט געלט וואָלט געווען געפערלעך; ווייל דער אַלטער, ווי קאַרג ער איז געווען, וואָלט זיך געלאָזט קאָסטן וויפל עס זאָל ניט זיין, מען זאָל אונדז כאַפּן און צוריקברענגען מיטן געלט. האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצוואַרטן אויף אַ וואָך, ווען עס זיינען געווען עטלעכע טעג חגא און די לייזונג האָט אינגאַנצן אויסגעמאַכט אַכט הונדערט און דרייסיק קראָנען. קיין געפּעק ביים אַנטלויפן האָבן מיר ניט געוואָלט מיט־נעמען. איך האָב שוין געוואוסט פון דערפאַרונג, אַז אַ פּעקל ביים אַנטלויפן איז ניט נאָר אַן איבעריקע משא, נאָר קאָן אויך ווערן אונדזער שפּיאָן און פאַררעטער. אַזאַ פּעקל אין דער האַנט צייט די אויפמערקזאַמקייט פון מענטשן, ווי עס וואָלט געוואונקען צו זיי און געזאָגט: „איר זעט! איך געהער צו איינעם, וועלכער איז אַראָפּ פון געלייז און האלט אין אַנטלויפן! קוקט אייך נאָר אָן מיין באַלעבאָס: ער איז בלייך, ניט זיכער, פאַרדעכטיק — — אָנו, טוט אים נאָר אַ פרעג פאַרוואָס ער וואַנדערט, און וואוהין!‟ אַ פּעקל קאָן מען דאָס מויל ניט פאַרמאַכן. בלייבט נאָר איין מיטל: ניט מיטנעמען! ניטאָ קיין געפּעק, איז ניטאָ קיין שפּיאָן, ניטאָ קיין פאַררעטער.

זיינען מיר יענעם פרייטיק נאָכמיטיק, אָנגעטאָן אין דריי העמדער און צוויי אָנצוגן איינס אויפס אַנדערע, געשטאַנען אין אַ האַלב־פינצטערן ווינקל פון אַ הויז־טויער און געציילט פרעמד געלט. ווי קלעפּעדיק און ווי מיאוס עס פילט זיך אַזאַ געלט! אַבי איך האָב עס ניט געגנבעט — דאָס האָט דאָך מיין פריינט בלויז „גענומען‟ ביי זיין אייגענעם טאַטן — — ער וואָלט דאָך אים סיי־ווי געירשנט — ירשנט ער אים אַביסל פריער. „ניין, האָב איך איינגערעדט זיך און מיין פריינט, מיר זיינען ניט קיין גנבים!‟ האָבן מיר אַריינגעלייגט די הענט אין ביידע קעשענעס, געמאַכט אַן אומ־שולדיקע מינע, און אַוועק צום באַן־הויף.

מיט אַ געמיטלעכן זשעסט, כמעט שמייכלענדיק — ווי דאָס וואָלט

געווען ביי אונדז אַ געוויינלעכע זאַך — האָבן מיר געקויפט צוויי באַן־בילעטן קיין קראָקאָוו. דער צוג דאַרף אָנקומען ערשט אין אַ שעה אַרום. וואָס פאַר אַ פּאַסקודנע, עקלהאַפטע זאַך עס איז צו וואַרטן אויף אַ באַן! אָבער מען מוז מאַכן אַ לוסטיקע מינע צום טרויעריקן שפּיל. מיר פּרוּוון בלויז אויסצומיידן מענטשן. דער גרויסער וואָקזאַל וואַרט רעסטאָווירט און אין פּראָנט־זאַל איז קיין מענטש ניטאָ. גנבענען מיר זיך שטילערהייט אַריין. נאָר מיט אַמאָל — מיר גיבן אַ קוק דורכן פענצטער — עס גייט דער אַלטער שליסעלבערג מיטן ציגאַר אין מויל! ער איז בייז און רעדט פּאַר כעס צו זיך אַליין. ביים אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען צוויי הויכע לייטערס.

— אַרויף אויף דער לייטער! — גיב איך אַ שטופּ מיין חבר, און אַליין קלעטער איך אַרויף אויף דער צווייטער לייטער. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן זע איך פון דער הויך ווי דער אַלטער איז אַריין אין ליידיקן זאַל, האָט אַלץ אויף גיך אַרומגעקוקט און איז ווידער פאַרשוואונדן. מיר וואַרטן. איצט זע איך דורכן פענצטער ווי ער זעצט זיך אַריין אין אַ דראָזשקע און פאָרט אַוועק. מיר זיינען שנעל אַראָפּ פון די לייטערס, געלאָזט ביי דער טיר דורכלעכערן אונדזערע בילעטן, און אַרויס וואו דער צוג קומט אָן.

— שמייכל, שמייכל פריילעך — שעפּטשע איך צו מיין חבר, וועלכער איז גרין און געל, און ציטערט — דערמאָן זיך ווי שילינג איז קאָמיש אין זיינע ראָלן!

אַ פּאָר מינוט שפּעטער זיינען מיר ביידע געווען אין צוג, וואָס פאָרט קיין קראָקאָוו. מיר האָבן זיך תיכף פאַרשלאָסן אין טוילעט. עטלעכע מאָל האָבן מיר געהערט אויסרופן אונדזער נאָמען אויפן פּעראָן, און יעדעס מאָל האָט עס מיט אונדז אַ וואָרף געטאָן ווי אין קדחת. איך האָב געזען דאָס בלאַסע פּנים פון מיין חבר באַדעקט מיט שוויס, אָבער איך האָב גע־האַלטן אין איין איבערחזרן דאָס וואָרט „שילינג״, און דאָס האָט אים אַביסל באַרואיקט. „ער מיינט, טראַכט איך, אַז איך האָב ניט קיין מורא.״ דאָס אַליין האָט אויך באַרואיקט אַביסל.

קוים האָט דער צוג אָנגעהויבן פאָרן, זיינען מיר ביידע אַרויס פון טוילעט און אַריינגעגאַנגען אין צוויי פאַרשיידענע אָפּטיילונגען — בעסער מ׳זאָל ניט זיין צוזאַמען. אין פּשעמישל האָט מען ווידער אויסגערופן אונדזערע נעמען, אָבער דעם מאָל האָט עס שוין געקלונגען ווי ניט אונדז מיינט מען. אין אָקאָטשים און אין טאַרנאָוו האָט מען שוין אונדזערע נעמען ניט אויסגערופן. פאַר קראָקאָוו בין איך אַריין צו שמואלן אין וואַגאָן און אים אונטערגערוקט אַ צעטעלע, מיר זאָלן באַזונדער אויסשטייגן און זיך טרעפן ערשט אין דרויסן פאַרן באַן־הויף.

אָנגעקומען, זיינען מיר אַרויס אין גאַס און זיך געפּאַלן אין די אָרעמס

ווי מיר וואָלטן שוין יאָרנלאַנג זיך ניט געזען. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין איבער די אַלטע קראָקאָווער גאַסן, ביז מיר זיינען אַריין אין אַ קליין גאַסטהויז, וואו מיר האָבן עפּעס איבערגעכאַפּט, געטרונקען טיי און דאָרט איבערגענעכטיקט. ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען, האָבן מיר געמיינט, אַז מיר זיינען ווידער אין לעמבערג — אַזוי ענלעך זיינען אונדז פאָרגעקומען די מענטשן און זייער באַנעמען זיך. מיר האָבן זיך באַלד באַקענט מיטן משרת פון „האָטעל", אַ יונגער בחור אין מיינע יאָרן. ער האָט אונדז אָנגענומען פאַר אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד. עס איז געווען נאָך 1905, ווען אַן אומענדלעכער שטראָם רוסישע עמיגראַנטן, סטודענטן און אינטעלעקטואַלן זיינען אַריבער די עסטרייכישע גרענעץ קיין גאַליציע, און פון דאָרט זיך צעפאָרן קיין ווין, בערלין, פאַריז, אָדער לאָנדאָן. דער משרת האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט גאָר אַ זעלטן פאַרטל ווי אַזוי אַריבערצופּעקלען איבער דער דייטשער גרענעץ; אָבער דאָס דאַרף קאָסטן הונדערט קראָנען אַ מענטש. מיר האָבן אים טראַקטירט מיט ביר און אים דערציילט, אַז מיר זיינען עסטרייכער און ווילן גאָר ניט פאָרן קיין דייטשלאַנד, נאָר קיין ווין. האָט ער אונדז אויסגעזאָגט זיין פאַרטל: ווען מ'באַצאָלט אים פאַראויס פאַרן אַריבערפּעקלען, פירט ער די מענטשן קיין אָדערבערג, און פון דאָרט גייען זיי אַריבער מיט אַ קליין הילצערן בריקל קיין אָנאַבערג, וואָס געפינט זיך שוין אויף דער דייטשער זייט. מ'דאַרף נאָר דאָרט זאָגן, אַז מ'אַרבעט אין אָדערבערג און מ'גייט בלויז אַריבער קיין אָנאַבערג צו טרינקען ביר. אַ גאַנץ איינפאַכע זאַך.

אויפן צווייטן טאָג זיינען מיר שוין געווען אין אָדערבערג און דאָרט געטראָפן אַרבעטער, וועלכע זיינען געגאַנגען צו דער קליינער בריק. האָבן מיר זיך אויסגעמישט מיט זיי, באַצאָלט דעם בריק־וועכטער דריי גרייצער פאַר אַריבערגיין, און אָט זיינען מיר געווען אין אָנאַבערג — אין דייטש־לאַנד! דאָ האָבן מיר אויסגעביטן דאָס עסטרייכישע געלט אויף דייטשע מאַרק און געקויפט צוויי באַן־בילעטן קיין בערלין. בעת מיר האָבן געוואַרט אויפן צוג, האָב איך דערוויל איינגעניית דאָס גרויסע געלט אין מיין רעקל.

אין ברעסלאָו האָט אונדז אַ דייטשער זשאַנדאַר אַראָפּגענומען פון צוג און אונדז געוואָלט אַרעסטירן, ווייל מיר האָבן ניט קיין „פּאַפּירן". מיר האָבן זיך שרעקלעך צעוויינט; נישט נאָר אויס מורא פאַרן בייזן זשאַנדאַר, נאָר מער נאָך ווייל מיר האָבן מיט אַמאָל זיך דערפילט עלנט און פאַר־צווייפלט. דער צוג האָט אַ פייף געטאָן. אַ שטרענגער קאָנדוקטאָר, מיט זייער גוטמוטיקע, גרויע וואָנסעס, איז צוגעקומען צו אונדז און גענומען שרייען:

— איינשטייגן, איינשטייגן! ווייטער פאָרן!

און צום זשאַנדאַר האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן:

— מענטש! ביזט אַלס יינגל קיינמאָל ניט אַנטלאָפן פון דער היים? זיי האָבן דאָך קיינעם ניט דערהרגעט. אַט איז מיינער ערשט לעצטע וואָך אַנטלאָפן.

דער זשאַנדאַר האָט זיך אַוועקגעדרייט, און דער קאָנדוקטאָר האָט זיך אויף אונדז צעבייזערט:

— וואָס שטייט איר, ווייס־חברה? אַרויף אויפן צוג!

די באַן האָט שוין געהאַלטן אין גיין. מיר זיינען שנעל אַרויף, און שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר שוין געווען אויפן שלעזישן באַן־הויף אין בערלין.

דער קאָנדוקטאָר האָט נאָך אויף דער באַן אונדז אויסגעמאָלן וואו עס געפינט זיך אַ גאַסט־הויז, ניט ווייט פון באַן־הויף. דאָרט האָבן מיר גע־טראָפן אפשר אַ הונדערט אַזעלכע „געסט" ווי מיר, וועלכע האָבן שוין געשמאַק געשנאָרכט אויף געלעגערס איינער לעבן אַנדערן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז שמואל זאָל שלאָפן, און איך זאָל אויפזיין די גאַנצע נאַכט, כדי אָפּצוהיטן דאָס איינגעניטע געלט. פינף פאַרטאָג איז מען אויפ־געשטאַנען. מיר זיינען אַרויס אין גאַס — שלעזישע שטראַסע, בערלין אָסט — און געבליבן שטיין פאַרלוירענע. ס'איז געווען נעפּלדיק, האַלב־פינצטער, און מיר האָבן געציטערט פאַר קעלט. אין די פרעמדלעך־הויכע, שוואַרצע הייזער האָבן זיך אַנגעצונדן ליכטלעך — דאָס ריזיקע בערלין האָט גע־נומען זיך אויסרייבן די אויגן און אויפשטיין.

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן דערזען אויף דער האַלב־טונקעלער גאַס, איז געווען אַ וועגעלע אויף צוויי רעדער, פול באַלאָדן מיט ווייסלעכן קרויט. פון איין זייט דישל איז געווען איינגעשפּאַנט אַ גרויסער הונט מיט אַן אַרויס־געשטרעקטער, לאַנגער צונג, און פון דער אַנדערער זייט — אַ פרוי.

אַ וועגעלע, אַ הונט און אַ פרוי.

דאָס איז מיר געבליבן אויף אייביק אין זכרון — ווי אַ סימבאָל פון פאַרהאַרטעוועטן דייטשן פאָלק — אַ וועגעלע, אַ הונט און אַ פרוי — — —

די ערשטע טריט אין בערלין

בין איך, אַ זעכצן־יאָריקער, צוזאַמען מיט מיין חבר שליסעלבערג, אויך אין די זעלבע יאָרן, אַנגעקומען אין בערלין. האָראָדענקע, זאַליעש־טשיק, סטאַניסלאַוו און לעמבערג האָב איך נאָך געקאָנט זיך אַנקוקן, באַ־טראַכטן, עפּעס אויסגעפינען, פאַרגלייכן איינס מיטן אַנדערן. דאָ אָבער בין איך ניט געקומען אין אַ שטאָט — די שטאָט איז עפּעס ווי געקומען איבער מיר. זי איז מיך איבערגעפאַלן, אַטאַקירט, מיך געריסן אויף פאַר־

שיידענע זייטן מיט אַ נייעם ריטם, נייע מענטשן, אַ נייע שפּראַך און נייע פּירעכצן. איך האָב געמוזט צוזאַמענגעמען אַלע מיינע כחות און מיט אָפענע אויגן זיך היטן, מען זאָל ניט אַרויף אויף מיר און מיך צעקוועטשן, צעטרעטן. מיין בענקשאַפט נאָך טעאַטער איז כמעט פאַרשוואונדן — כ׳האָב געהאַט אַנדערע זאָרגן: אַרבעטן, עסן, וואוינען, צאָלן דירה־געלט. קיין „פּאַפּירן" האָב איך ניט געהאַט, אַחוץ אַ קליין ביכעלע פון דער עסט־רייכישער בעקער־געווערקשאַפט, וואו איך בין געווען אַ מיטגליד. בין איך דאָס ערשטע געגאַנגען צו די געווערקשאַפטן, ענגעלאָופּער 12, און זיך געמאָלדן אין בעקער־פאַראיין. ווי איבערראַשט בין איך געווען, ווען מ׳האָט מיך דאָרט אויפגענומען ווי אַ קאָלעגע, אַ „גענאָסע". מ׳האָט זיך גאָר נישט געוואונדערט וואָס צוויי יונגע עסטרייכישע בחורים וואַנדערן אַליין איבער דער וועלט און האָבן זיך דערשלאָגן אַזש ביז בערלין. כ׳האָב באַלד באַקומען אַ „נומער" אויף אָפּצואַרטן מיין ריי פאַר אַרבעט, און דערווייל האָט מען מיר געגעבן אַביסל געלט ווי אַן אונטערשטיצונג, און אויסקונפט וועגן שלאָפן און עסן.

ווען מיר זיינען אַרויס פון די געווערקשאַפטן, האָט שמואל מיך מקנא געווען מיט מיין פאַך, וואָס גיט מיר אויך אין דער פרעמד, אין אָט דער „ווילדער שטאָט", אַן אויסזיכט צו אַרבעטן, צו קאָנען לעבן זעלבשטענדיק. און ס׳איז געווען מיט וואָס מיך מקנא צו זיין. אַ קלייניקייט — בערלין! איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן. און דאָ קומט ענגעלאָופּער 12 און נעמט מיך אויף אַזוי פריינטלעך, זאָגט צו מיר „קאָלעגע, גענאָסע" — — עס איז געווען ווי אַ ריז וואָלט צו מיר געשמייכלט און מיר חבריש אויסגעשטרעקט די האַנט. איז מיין האַרץ געוואַקסן מיט זעלבסטפאַרטרויען און טאַקע דעמ־זעלבן טאָג האָב איך זיך פאַרליבט אין בערלין.

מיר האָבן זיך אויפגעזעצט אויף אַן עלעקטרישער טראַמווי און צוויי שעה צייט געפאָרן דורך אַ ים מיט הייזער — ביז צו דער לעצטער סטאַנציע און צוריק. ערשט איצט האָבן מיר געזען ווי אומגעהייער גרויס ס׳איז אָט די שטאָט, וואָס האָט אונדז אויפגענומען אַזוי פריינטלעך.

— וועלן מיר עפּעס עסן? — ווענד איך זיך צו מיין חבר.

אין פענצטער פון אַ שענק זיינען געווען אָנגעלייגט שטיקער ברויט מיט וואורשט, מיט געבראָטנס, מיט שטיקער דרעליעס און שווייצער־קעז — צען פפעניג אַ שטיק. זיינען מיר אַריין און זיך געהייסן געבן צו שטיקלעך.

— קלאָפּשטולע? — פרעגט אונדז מיט אַ פאַרשנדיקן בליק דער דיקער שענקער מיט די גרויסע וואָנסעס און אַ פליך אויפן קיילעכדיקן קאָפּ.

— יאָ — ענטפער איך.

— וואָס איז עס? — קוקט מיך אָן שמואל.

דערווייל האָט שוין דער שענקער געהאַט באַשמירט מיט פּוטער אַ צווייט שטיקל ברויט, האָט עס אַרויפגעלייגט אויפן שטיקל ברויט מיט וואורשט, צעשניטן אין צווייען און עס אונדז דערלאַנגט.

— זעסט דאָך, ס׳איז „קלאַפּשטולע״ — שמייכל איך צו מיין פריינט.

האָבן מיר צום ערשטן מאָל אין לעבן געגעסן „קלאַפּשטולע״ — צווי „צוזאַמענגעקלאַפּטע״ שטיקלעך ברויט מיט וואורשט — און פאַרטרונקען מיט ביר. איז דאָס געווען געשמאַק! מיר האָבן זיך נאָך געהייסן געבן אַ קלאַפּשטולע מיט געבראַטנס און איינע מיט קעז, און ווידער ביר דערצו. דאָס פאַרן, דאָס עסן ברויט־מיט־פּוטער מיט פליש, מיט קעז, און טרינקען ביר, און דערצו נאָך אַ האָפענונג צו קריגן אַרבעט — וואָס קאָן זיין בעסער? אָבער מיין פריינט שמואל האָט אַנדערש געפּילט. ער האָט זיך פּלוצים פאַרבענקט אַהיים און זיך צעוויינט. באַלד ווי מיר זיינען אָנגעקומען קיין בערלין, האָט ער אַהיימגעשריבן אַ בריוו. איך ניט. איך האָב געוואָרט מיטן שרייבן, ביז איך וועל מיך אַביסל בעסער איינאָרדענען. אָבער ער האָט שוין אַפילו געהאַט אַ תשובה פון זיין טאַטן: ער זאָל למען־השם תיכף אַהיימקומען — ער וועט אים אַלץ מוחל זיין און אים אַפילו צושיקן געלט אויף אַ באַן־בילעט. זיין פאָטער, וועלכער האָט מיך קיינמאָל ניט ליב געהאַט, האָט דעם מאָל צוגעלייגט אַ באַזונדער בריוול צו מיר, אין וועלכן ער בעט מיך, איך זאָל אים „צוריקשיקן זיין זון״. איך האָב זיך מיט אַמאָל דערפּילט ווי אַ דערוואַקסענער מאַן, וואָס איז עפּעס פאַר אַלץ פאַר־אַנטוואָרטלעך.

וואָכן זיינען אַוועק; אונדזער געלט האָט גענומען זיך אויסשעפּן. איך בין יעדן נאָכמיטיק געגאַנגען צו מיינע געווערקשאַפטן, וואו מ׳פלעגט אויס־רופן די „נומערן״ פאַר אַרבעט. איינמאָל רופט מען אויס, אַז אין אַ יידישער בעקעריי אין דער גרענאַדיר־שטראַסע דאַרף מען אַ העלפער, וועלכער קען פלעכטן באַרכעס — חלה, הייסט עס. כ׳האָב איבערגעוואָרט ביז ס׳איז געקומען מיין נומער, און איך האָב אָנגענומען די אַרבעט. מ׳האָט מיר דער־קלערט ווי אַזוי צו פאָרן, און פּלוצים האָב איך, אין מיטן פון בערלין, זיך געפונען אין אַ געגנט ווי אין לעמבערג.

ביים עק לאָטרינגער־שטראַסע און שענהאַוזער־טויער בין איך אַראָפּ־געגאַנגען. אויף די ראָגן פון דער גרענאַדיר־, דראַגאָנער־, מולאַק־, ריטער־שטראַסע און שענדעל־גאַס — אַלץ קליינע, ענגע, פינצטערע געסלעך — האָט מען פאַרקויפט אויבסט און גרינוואַרג. פרויען מיט אָנגעפּאַרבטע באַקן און מיט אַ גרויסן שליסל אין האַנט זיינען אַרומגעגאַנגען אויפן „שטריך״ פּונקט ווי אויף דער זאָשינאַ וואָליאַ־גאַס אין סטאַניסלאַוו, אָדער אויף דער „שפּיטאַלנאַ״ אין לעמבערג. אַ סך קלייטן מיט אייער, פּוטער, מילך, געבעקס, און רעסטאָראַנען מיט אַן אויפשריפט „כשר״. עס דרייען

זיך אַרום יידן, אַנגעטאָן ווי אין גאַליציע, רומעניע, אָדער אין רוסלאַנד. האָט מען ניט קיין אייגן געוועלבל, גייט מען אַרום האַנדלען מיט בילדער און מעבל אויף אויסצאָלן, מיט טישטיכער, האַנטיכער, שלייקעס, זאָקנ־בענדלעך, ספּינקעס, פּרויען־וועש און זאָקן. אַנדערע ווידער זיינען אַרומ־געגאַנגען פון הויז צו הויז, אויסגערופן „האַנדעלע, האַנדעלע!“, און אויפ־געקויפט אַלטע קליידער, וואָס זיינען דערנאָך, דורך רייכערע סוחרים, אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער „אַלטער היים“. אָבער די מייסטע פון זיי, מענער ווי פרויען, האָבן געאַרבעט אין די פּאַפּיראָסן־פאַבריקן פון מאַנאָלי, גאַרבאַטי אָדער מוראַטי.

געוווען אויך אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. די פּרימערע האָבן זיך געהאַט זייערע שולן; די ציוניסטן, סאָציאַליסטן, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, דער בונד און די אַנאַרכיסטן — זייערע פאַרשיידענע פאַראיינען. אין קעניגס־קאָפּע, ביי דער מינץ־שטראָסע, איז אויפגעטראָטן דער קאָמיקער קאַנאַפּאָף; און אין לעווענטאַלס רעסטאָראַן, ביי דער גרענאַדיר־ און מינץ־שטראָסע, האָט אויף אַ קליינער בינע געשפּילט אַ יידישע טעאַטער־טרופּע. מינדער־וויכטיקע שוישפּילער אָדער שטאַטיסטן פון די יידישע טעאַטערס אין רוס־לאַנד, רומעניע און גאַליציע זיינען דאָ, מיט גרויסע בוכשטאַבן און פאָטאָגראַפיעס, רעקלאַמירט געוואָרן אַלס באַרימטע אינטערנאַציאָנאַלע „סטאַרס“.

מיין פריינט און איך האָבן אָפּגעדונגען געלעגערס אין דער לאָטרינ־גער־שטראָסע, ביים שענהאַוזער־טויער, וואו מיר זיינען געשלאָפן אַכט פּאַרשוין אין איין צימער. איך האָב באַקומען אַרבעט ביי איינעם שלום גרינבוים, אין דער גרענאַדיר־שטראָסע, און בין באַלד געוואָרן היימיש אין דעם גרויסן בערלין. שמואל ווידער איז געווען אַנגעשטעלט ביי אַ הענדלער פון אַלטע קליידער, וועלכער האָט געהאַט אַ קליין געשעפטל אין אַ קעלער. מיין פריינטס אַרבעט איז באַשטאַנען אין פאַרשרייבן וואָס מען קויפט און פאַרקויפט. זיין באַלעבאָס, אַן עלטערער מענטש, איינאָפּייאיש געקליידעט, האָט געוואוינט צוזאַמען מיט אַ טאָכטער און איידעם, און מיט זייערס אַ קינד. אָבער איינמאָל קומט צו מיר מיין פריינט אַ פאַרציטערטער: דער אַלטער מאַן פאַרשליסט זיך מיט אים אין קעלער, טשעפּעט זיך צו אים און קושט אים... צוערשט, זאָגט ער, האָט ער געמיינט, אַז ס׳איז נאָר אַ שפּאַס, אָבער דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, און דער אַלטער ווערט יעדעס מאָל צודרינגלעכער. ער האָט פאַר אים פשוט מורא, און עס עקלט אים. שמואל האָט זיך אַזש צעוויינט. דערצו האָט ער נאָך היינט באַקומען אַ בריוו פון פאָטער, וועלכער בעט זיך, ער זאָל תיכף אַהיימקומען; ער האָט אים שוין לאַנג מוחל געווען פאַר צונעמען דאָס געלט און ער שיקט אים אַפילו פריש געלט אויף רייזע־הוצאות. אויך דעם מאָל איז

געווען אַ באַזונדער בריוול צו מיר: איך זאָל למען־השם רחמנות האָבן און אים צוריקשיקן זיין הילפלאָז קינד — —

— ווילסטו אַהיימפאָרן? — פרעג איך ביי מיין חבר.

— אַז איך קאָן אין אַזאַ שטאָט ניט לעבן — בעט ער זיך ביי מיר.

שמואל איז אַהיימגעפאָרן, און איך בין געבליבן אין בערלין איינער אַליין.

איך האָב אָנגעהויבן מאַכן באַקאַנטשאַפטן. כ׳בין אויך אָפט געגאַנגען אין לעוועטאַלס רעסטאָראַן, וואו איינער בלייכמאַן, מיט זיין פרוי, טעכטער און איידעמס, האָבן געשפּילט ערלעך, אָבער זייער שלעכט טעאַטער. אמתע כאַלטורע אין פאַרגלייך מיטן לעמבערגער טעאַטער! יעדע צוויי, דריי טעג האָט מען געשפּילט אַ „ניי" שטיק. פאַקטיש איז עס שטענדיק געווען איינס און דאָסזעלבע שטיק, מיטן זעלבן אונטערקעפּל: „דראַמע מיט געזאַנג און טענץ". כ׳האָב דאָרט אויך געזען דיזעלבע שפּילן ווי אין לעמבערג. האָב איך געפּרוּווט פאַרגלייכן, קריטיקירן, און געפירט דעבאַטעס וועגן דעם מיט די יונגע גאַלעריע־באַזוכער. מיר זיינען זייער ניט צופרידן געווען מיט די פּיעסעס און מיטן שפּילן, און דאָך פלעגן מיר אַלץ גיין צו די פאָר־שטעלונגען. עס פלעגן אויך קומען גאַסטראָליאָרן — אויסגעצייכנטע, אָבער ווילדע שוישפּילער — די גוטענטאַגס, טשיזשיקס, אָדער „געסט" פון אַמעריקע. זיי פלעגן צוזאַמענשטעלן אייגענע טרופּעס און שפּילן אין זאָפיען־זאַל, אין בלומען־זאַל (שפּעטער „רעזי"), אין ווילהעלם־זאַל, אָדער אין פּראַטער־טעאַטער אין דער קאַסטאַניען־אַליי. איך פלעג ניט דורכלאָזן קיין איין פאָרשטעלונג.

איינמאָל האָב איך זיך באַקענט מיט אַ קליינעם, בלאַסן יונגנמאַן, מיט לאַנגע האָר און אַ קינסטלער־קראַוואַט, מיטן נאָמען שידלאָווער. אַ שויּ־שפּילער מיט אַ געוויסער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט, איז אויך ער געווען שטאַרק ניט צופרידן מיט די ביליקע שונד־שטיק און דעם שלעכטן שפּילן. מיר זיינען געוואָרן פריינט און פלעגן זיך אָפט טרעפן. ער האָט געהאַלטן, אַז טעאַטער דאַרף ניט זיין גלאַט אַן אַמוזירונג־פּלאַץ מיט ביליקע וויצן, נאָר עס דאַרף קאָנען פאַרטרעטן די שול און קירך. די בינע איז העכער פון באַזוכער־זאַל, פלעגט ער זאָגן, ווייל זי דאַרף די מענטשן דערהייבן איבער וואָכעדיקייט — זיי דערהייבן אין גייסט און מאַכן פילן יום־טובדיק. דערפאַר קאָן ער ניט שפּילן אין אַט די שונד־טעאַטערס און וואָלט ליבערשט אויפגעפירט „בעסערע" שטיק מיט יונגע מענטשן, פּשוטע אַרבעטער, וועלכע קוקן אויף טעאַטער ווי ער. ער האָט מיך באַקענט מיט אַ קרייז פּאַפּיראָסן־אַרבעטער, פאַרהייראַטע און ניט־פאַרהייראַטע מענער און פרויען, וועלכע זיינען געווען עלטער פון מיר. די מייסטע פון זיי זיינען געווען אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד נאָך 1905. זיי האָבן

מיר געגעבן צו לייענען בראַשורן און דערציילונגען, וועלכע מיר האָבן דערנאָך צוזאַמען דיסקוטירט אין די אָוונטן אָדער אום זונטיק. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט ווערטער און באַגריפן, וואָס זיינען געווען גאַנץ ניי פאַר מיר. מיך האָט מען דערצויגן צו גיין אין גאָטס וועגן און גיכער רחמנות האָבן אויף די רייכע, איידער זיי צו האָסן; וייל אַזוי איז דער סדר פון דער וועלט. אָבער מיינע נייע באַקאַנטע האָבן אַנדערש גע־טראַכט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אָט דער סדר איז שוין גאָר קיין סדר נישט און מ׳דאַרף אים אַ סך ענדערן — זיי האָבן נאָר ניט געוואוסט „ווי אַזוי". דאַרף מען, הייסט עס, נאָך לערנען, זיך בילדן, לייענען וועגן דעם פאַרשיידענע ביכער און דאָס אַלץ דיסקוסירן. אַליין דעבאַטירן האָב איך נאָך ניט געקענט, פלעג איך בלויז זיך צוהערן און שטעלן פראַגן. אָפט האָבן מיר זיך צוזאַמענגעלייגט און אינאיינעם געגעסן ביי פאַרשיידענע גענאָסן. אינאיינעם אויך געהאָלפן קאָכן, סערווירן און וואַשן דאָס געשיר. ס׳איז געווען היימיש און פריילעך. אייניקע זיינען שטענדיק געווען אָן אַרבעט, אָבער מ׳האָט זיך אַ עצה געגעבן. מען האָט געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף זיך ניט לאָזן אויסנוצן פון די באַלעבאַטים — ליבערשט זיך באַגיין אָן אַ נייעם אַנצוג, איידער אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך פאַרן באַלעבאָס׳ פראָפּיטן: ביי יעדן מאַרק פון אַן אַרבעטער פאַרדינט דער באַלעבאָס גאַנצע 25 מאַרק; לוינט זיך צו פאַרדינען אויף דער וואָך מיט 2 מאַרק ווייניקער, אַבי דער באַלעבאָס זאָל דערביי פאַרלירן 50 מאַרק.

ס׳איז איצט שוין צייט געווען אַהיימצושרייבן אַ בריוו. האָב איך געשריבן אויספירלעך וועגן אַלץ, און צום סוף געלאָזט וויסן דעם טאַטן, אַז כ׳האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ שוישפּילער. דערויף האָב איך פון אים באַקומען אַזאַ בריוו: „מיין ליבער זון! דו שרייבסט, אַז איך זאָל דיר מוחל זיין וואָס דו האָסט זיך פאַרזינדיקט קעגן מיר. וויל איך דיר זאָגן, מיין קינד, אַז איך פאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און בעט גאָט ער זאָל דיר מוחל זיין. וואָרים דו האָסט עס דאָך ניט געטאָן, כדי מיך צו ערגערן, נאָר וויל — ווי דו שרייבסט — דו ווילסט אָנהויבן אַ ניי לעבן און זיך אויסקלויבן אַן אַנדערע פּרנסה. נו, מיין זון, דיין נייע פּרנסה איז מיר פרעמד — קיינער פון אונדזער משפּחה האָט זיך מיט דעם ניט באַ־שעפטיקט. אָבער ס׳איז דאָך אַ נייער וועג, און יעדער נייער וועג איז שווער. ווינטש איך דיר כוח און געזונט, זאָלסט עס קאָנען דערגרייכן. איך אַליין בין קראַנק און וואָלט דיך אוודאי וועלן זען. זאָל מיר אָבער דאָס ניט באַשערט זיין, וויל איך זאָלסט וויסן, מיין קינד, אַז איך וועל שטענדיק בלייבן אַ געטרייער פאָטער צו דיר. איך שיק דיר מיינע האַרציקסטע ברכות אויף אימער און אייביק. דיין טאַטע."

ניט פיל שפּעטער האָט מיר מיין עלטסטער ברודער געלאָזט וויסן, אַז

אונדזער ליבער פאָטער איז מער ניטאָ. ס׳האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק און איך בין יעדן טאָג געגאַנגען אין שול זאָגן קדיש. מיין נייער קרייז מענטשן האָט געטיילט מיין צער, אָבער עס האָבן זיך אויך געהערט באַמערקונגען, וואָס האָבן מיר ווײ געטאָן. האָבן זיך אָנגעהויבן אויפ־קלערונגען און דיסקוסיעס, ביז מ׳האָט באַשלאָסן יעדן זונטיק צו באַזוכן די „פריי־רעליגיעזע״ לעקציעס, ביי וועלכע בעלשע און דר. ברונאָ וויללע, מיט זיין לאַנגער, שיינער באָרד, האָבן גערעדט וועגן „מענטשן אין דער נאַטור״ און „גאָט אינעם מענטשן״. דאָס איז געווען אינטערעסאַנט און ווי אַ פרישע שפּיז פאַר מיין אויסגעהונגערטער נשמה. אין די אָוונטן פלעגן מיר גיין אין דער „פרייער האָכשולע״, וואו מ׳האָט געהאַלטן לעקציעס איבער ליטעראַטור, דראַמע, טעאַטער און קונסט בכלל. אַחוץ דעם האָב איך נאָך געהערט אויפקלערערישע לעקציעס וועגן קולטור־פּאָליטיק, גע־האַלטן דורך רוסישע אינטעליגענטן, און אין קורצן בין איך געוואָרן אַ מיטגליד פון אַן אַנאַרכיסטישער גרופּע. מיר האָבן זיך גערופן „אַרבעטער־פריינט״, אויפן נאָמען פון דער לאָנדאָנער צייטונג, וואָס דער ריינלענדישער ניט־ייד רודאָלף ראָקער האָט אַרויסגעגעבן אויף יידיש. אין זעלבן קרייז האָט מען אויך מיך אויסגעלערנט לייענען די ביכער פון קראָפּאָטקין, באַקונין, מאָסט און ניטשע, שפּעטער אַפילו מאַקס שטירנערס „דער יחיד און זיין אייגנטום״. מיר זיינען געווען ביי אַ 14־16 מענטשן, און אונדזער לערער איז געווען מאַריץ ריבלער. ער האָט פאַרשטאַנען צו פאַרענטפערן די שווערסטע קשיות, האָט ליב געהאַט אַליין זיך צו באַטייליקן אין די דיסקוסיעס און אויפקלערן און אַנאַליזירן די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען. און אַז איינער פון אונדז האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ פּראָגע, פלעגט ער בלויז שמייכלען און אונדז אַרויספירן אויפן גלייכן וועג ווי אַן עלטערער ברודער פירט ביי דער האַנט זיין קליין שוועסטערל. דערביי איז ער געווען אַ פשוטער פּאַפּיראָסן־אַרבעטער ביי מאַנאָלין אין פּאַנקאָוו. איך האָב פון אים שטאַרק געהאַלטן און אים ליב געהאַט, און האָב פון אים זייער אַ סך געלערנט. יאָרן שפּעטער איז אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסט גאָר געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער ציוניסט.

אונדזער גאַנצער קרייז איז באַשטאַנען פון אויסלענדער; מיר האָבן דאַרום נישט געטאָרט געהערן צו קיין שום פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. כדי אָבער צו קאָנען פאַרשפּרייטן אונדזערע „וועלט־איבערקערערישע״ אידייעס, האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַן „אומשולדיקן״ טעאַטער־פאַראיין, דורך וועלכן מיר זאָלן באַקענען דאָס יידישע פאָלק מיט די גע־דאַנקען פון דעם ניט־יידישן רודאָלף ראָקער. אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן דער פאַראיין „יעקב גאָרדין״, און דער שוישפּילער שידלאָווער איז געווען דער רעזשיסער.

יעקב גאָרדין האָט אין ניו־יאָרק געשריבן זיינע „רעוואָלוציאָנערע" דראַמעס פאַר די גרויסע שוישפּילער יעקב פּ. אַדלער, דוד קעסלער און מאַדאַם ליפּצין. ער איז געווען מיט די אָרעמע און קעגן די רייכע, מער מיט די געפאַלענע ווי מיט די „פיינע" דאַמען, האָט זיך אָנגענומען פאַר יתומים און אומגעזעצלעכע קינדער. איז ער מיר געווען צום האַרצן און איך האָב מיט חשק אויסגעלערנט גאַנצע שטיקער פון זיינע דראַמעס אויף אויסנווייניק. אונדזער פאַראיין איז זיך צעוואַקסן און באַקומען אַלץ נייע מיטגלידער. מיר האָבן איינגעאָרדנט לעקציעס און געמיטלעכע אָוונטן מיט קאַווע און צובייס, טאַנץ און רעציטאַציעס. דער אָנפירער פון די אָוונטן איז געווען דער קליינער שידלאָווער. ער האָט מיר געגעבן אויס־צולערנען פּאָעמעס פון ראָזענפעלד, עדעלשטאַט, באָוושאָווער און אַנדערע — אַלץ לידער קעגן די רייכע און „פיינע", מיט ליבע פאַר די אָרעמע און אונטערדריקטע. אין מיטן זופּן די קאַווע מיט קוכן, אין מיטן טאַנץ און געמיטלעכע שמועסן, האָב איך געקאָנט פּלוצים זיך אַוועקשטעלן און שטערן דעם אונטערהאַלט מיט פּאָעמעס, וועלכע איך פלעג פון זיך אַרויס־שמעטערן מיט אַזאַ קראַפט, אַז מענטשן האָבן זיך געמוזט פאַרשטאָפּן די אויערן. איך האָב עס גענומען אַזוי ערנסט, אַז ביי געוויסע שטעלן פלעג איך זיך וואַרפן אויף דער ערד, זיך קאָרטשען אין קרעמפּן און יאָמערלעך וויינען מיט אמתע טרערן. מיט דעם האָב איך אַרויסגערופן ביי זיי רחמנות, און דערפאַר אַפּנים האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ „קינסטלער". איך האָב זיי גערן געגלויבט, און דאָך האָב איך פאַר קיינעם זיך נישט פאַרטרויט וועגן מיין טיפער בענקעניש אויף אַן אמת צו ווערן אַ שוישפּילער. נאָר עס האָבן זיך שוין געפונען עלטערע פרויען (מיט מיידלעך אין מיינע יאָרן בין איך דעמאָלט ניט געשטאַנען אין קיין נעבנטערן קאָנטאַקט), וועלכע האָבן מיך דווקא צוגערעדט איך זאָל ווערן אַ שוישפּילער. בין איך זיי געווען זייער דאַנקבאַר, און פון אָט דער דאַנקבאַרקייט איז דערנאָך אויס־געוואַקסן פריינטשאַפט — און ליבעס.

דערווייל האָט שידלאָווער אָנגעהויבן איינשטודירן מיט אונדז דוד פּינסקיס „פאַמיליע צבי" — אַ בילד פון אַלטן רוסלאַנד אין צייט פון די פּאָגראָמען. אַלע שאַטירונגען און שטרעמונגען פון פאָלק זיינען דאָרט פאַרטראָטן: דער זיידע, וואָס מוסרט און הייסט גיין אין גאָטס דרכים; דער טאַטע, אַ קרעמער, וואָס איז פאַרטאָן נאָר אין מסחר; איין זון, אַ ציוניסט, וואָס רופט מען זאָל זיך אומקערן צום „צוגעזאָגטן לאַנד"; אַ צווייטער זון פּרעדיקט אַסימילאַציע; און אַ דריטער, אַ סאָציאַליסט, וואָס גלויבט, אַז נאָר זיינע אידעאַלן וועלן באַפרייען די אונטערדריקטע פעלקער און די גאַנצע מענטשהייט. ראובן הייסט דער זון, און איך האָב אים באַדאַרפט שפּילן. מיין ערשטע ראָלע, אַ קליינע — אָבער מיט אַמאָל איז אַלץ פאַר

מיר געוואָרן מינדערווערטיק און ס׳האָט עקזיסטירט נאָר איין זאַך: טאָג ווי נאַכט, ביי דער אַרבעט אין דער בעקעריי און גייענדיק אין גאַס, האָב איך בלויז געטראַכט וועגן ראובנען. אייגנטלעך ניט וועגן ראובנען, נאָר כ׳האָב טאַקע ממש געטראַכט ווי ראובן: געגעסן ווי ער, זיך געלייגט און אויפגעשטאַנען ווי ער, און ווי ער זיך געאַמפּערט אין דיסקוסיעס. ווען איך האָב באַגעגנט, האָב איך באַלד דערלאַנגט אַ גאַנצע ראובן־לעקציע. די פּראָבעס זיינען געווען געשפּאַנט: מ׳האָט יעדן זאַץ הונדערט מאָל איבערגעזאָגט, איבערגעשעפּטשעט, נאָכאַמאָל געלאַכט, נאָכאַמאָל געוויינט. און ערשט מיין קליינע ראָלע ראובן! זי איז פּאַר מיר געוואָרן דאָס גרעסטע, דאָס וויכטיקסטע אויף דער וועלט. די גאַנצע וועלט איז געווען בלויז אַ שפּילצייג, וואָס דרייט זיך אַרום ראובנען.

ס׳איז אויך ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. כאָטש מיר זיינען געווען בלויז פּשוטע אַרבעטער־דילעטאַנטן, האָט שוין געהערשט ביי אונדז די גאַנצע אַטמאָספערע פון אמתן טעאַטער: קנאה, ניט־פּאַרגינערײַ, רכילות און אינטריגעס. מיט אַמאָל האָב איך באַקומען אי פריינט אי שונאים. די פריינט האָבן מיר צוגעגעבן מוט; די שונאים האָבן מיך קריטיקירט און זיך צוגעהאַלטן די אויערן, ווען איך פלעג צופיל שרייען. האָט מען זיך געאַמפּערט, געקריגט און אַפילו געשלאָגן אויך; בפרט ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך וויל טאַקע ווערן אַן אמתער שוישפּילער. געווען איינער אוריך, וועלכער האָט אַרומגעטראָגן בילדער צו פאַרקויפן, אַן אויסגעפּוצטער פראַנט מיט פאַלשע רינגען אויף די פינגער, פלעגט ער טענהן, אַז כדי צו זיין אַ קינסטלער, אָדער סיי וואָס אין דער וועלט, מוז מען דערצו זיין געבוירן. אַ קייזער, אַ מוזיקער, אַ דיכטער, אָדער אַ שוישפּילער ווערן שוין מיט „דעם" געבוירן. אייניקע האָבן מיט אים איינגעשטימט און אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט איראָניע, און דאָס האָט מיך שטאַרק גע־ערגערט — עפּעס ווי ראובן אין מיר וואָלט פאַרשעמט געוואָרן. געווען אויך אין דער גרופּע אַן עלטערער מענטש — סימענהאַוז. ער איז מיר געווען אַ פריינט, און איך האָב פאַר אים אויסגעגאָסן מיין ביטער האַרץ. האָט סימענהאַוז געשמייכלט און מיר געגעבן צו לייענען „זעקס־און־צוואַנציק און איינע".

— דער פּאַרפאַסער פון דעם — האָט ער מיר דערביי געזאָגט — איז אַליין אַמאָל געווען אַ בעקער און רופט זיך איצט מאַקסים גאָרקי. „גאָרקי" מיינט ביטער. קאָנסט זיך שוין פאָרשטעלן ווי ביטער ס׳איז אים אָנ־געקומען, ביז ער איז געוואָרן אַ שרייבער.

כ׳האָב ממש געשלונגען די דערציילונג, אין וועלכער ס׳איז גאַנץ רעאַל באַשריבן אַן אמתע בעקעריי. דאָס איז געווען ווי באַלזאַם אויף מיין שווער געמיט. אויב איין בעקער, האָב איך געזאָגט, קאָן ווערן אַ דיכטער, פאַרוואָס

זאָל אַ צווייטער בעקער ניט קאָנען ווערן אַ שוישפּילער? אַזוי האָט גאַרקי, אַט דער „ביטערער", פאַרפּלאָנצט אין מיר אַ זיסע האָפענונג, וואָס האָט פאַרדרענגט פון מיין מוח אַלע מיינע קריטיקער און ניט־פאַרגינער. כ'האָב זיך פאַרלאָזט לאַנגע האָר און זיך געקויפט אַ פעלערינע מיט אַ גרויסן, שוואַרצן הוט — ווי איך האָב עס געזען אויף אַ בילד פון מאַקסים גאַרקי. און דער נאָמען גאַרקי איז מיר הייליק געוואָרן פאַר מיין גאַנץ לעבן — ווי דער נאָמען שימשעלע מילניצער, ווי ס'איז מיר הייליק און טייער געוועזן מיין אייגענער טאַטע.

ענדלעך איז געקומען דער אָוונט, ווען איך בין געשטאַנען צום ערשטן מאָל אויף אַ בינע! איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. כ'האָב פּלוצים דערפילט מיין אייגענעם קערפּער — פון די פינגער־שפּיצן ביז צו דער הויט פון קאָפּ — די פיס, דאָס האַרץ, און דער עיקר דעם מאָגן. מיינע מיטשפּילער זיינען איצט געווען פאַר מיר ניט מיינע פּריוואַטע שונאים אָדער פריינט, נאָר אמתע קרובים — אַ זיידע, אַ טאַטע, אַ מאַמע, אייגענע שוועסטער און ברידער. און פונעם פול־געפּאַקטן זאַל האָט זיך צו מיר דערטראָגן עפּעס, וואָס איז שווער צו באַשרייבן: פון זייערע בליקן און אויערן, פון זייער אָטעם און אויפמערקזאַמקייט איז געקומען עפּעס אַזאַ מין געהיימע, עלעקטרישע קראַפט, וואָס איז אַריין אין מיר, מיך געשטאַרקט, און דערנאָך געשטראָמט פון מיר צו זיי מיט נאָך אַ שטאַרקערער קראַפט. ס'איז מיך באַפאַלן דערזעלבער ציטער, ווי ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל געזען שפּילן טעאַטער. ס'איז איצט אפשר געקומען פון גאַנץ אַנדערע קוואַלן, אָבער ס'האָט מיך געפּאַקט, באַהערשט און מיך פאַרהיפּנאָטיזירט. איך האָב עס דערשמעקט, פאַרזוכט — און ס'איז אויף מיר געקומען דער גרויסער הונגער: טעאַטער, טעאַטער, טעאַטער — — כ'האָב ענדלעך געפונען די וועלט, וועגן וועלכער כ'האָב אַזוי געחלומט!

די אַנאַרכיסטישע גרופּע, וואָס האָט געוואָלט זיין אַ „רואה ואינו נראה" און זיך באַהאַלטן אונטערן מאַנטל פון טעאַטער־שפּילן, איז אַזוי אַרום אַליין געוואָרן דאָס כּישוף־מענטשעלע פאַר מיין שפּילן טעאַטער. אַלע האָבן איצט געוואָלט שפּילן. אונדזער רעזשיסער האָט אָנגעהויבן אויפפירן גאַנצע פּיעסעס, מייסטנס פון יעקב גאָרדין. האָב איך איין מאָל געשפּילט אַ גראָבן יונג, אַ צווייטן מאָל אַן איידעלן מענטש, אַמאָל אַן אַלטן, אַמאָל אַ יונגן, אַ גוטן, אַ שלעכטן, אַ נאַרמאַלן און אַ משוגענעם, אַ גלח און אַן אַלפאָנס, הייליקע און פאַרברעכערס — און אַלץ מיט מיינע אַכצן יאָר.

איינמאָל האָבן מיר אויפגעפירט „גאָט, מענטש און טייוול". דער רע־זשיסער האָט געשפּילט דעם צאַרטן סופר, איינער ראָזענצווייג האָט גע־שפּילט כאַצקל דראַכמע, און איך דעם טייוול. איך בין געווען אָנגעטאָן אין אַ שרייענדיק־רויטן קאָסטיום מיט הערנער, אַ בלאַס פּנים מיט טיפע

קנייטשן אויפן שטערן, אַ גרויסע נאָז, צוגעגרויטע שלייפן און אַ פּעד־שוואַרץ בערדל. כ'האָב געדרייט מיט די אויגן און געגראַגערט אַ טייוולישׁ געלעכטער — איז דאָס געווען אַ גליק! איך האָב זיך געבאָדן אין נחת און אין שווייס.

נאָך דער פאָרשטעלונג בין איך געווען מיד ווי אַ חזיר, וואָס האָט ערשט געהאַט אַ טוּץ חזירימלעך. איך בין שוין געווען אָפּגעשמינקט, מיט אַ ריין פּנים, ווען ס'איז אַרויפגעקומען הינטער די קוליסן אַ הויכער, עלעגאַנטער הער מיט אַ דר. הערצל־באָרד. ער האָט גראַטולירט די שוי־שפּילער און זיך נאָכגעפרעגט ווער ס'האָט געשפּילט דעם טייוול. ווען מ'האָט מיך פאָר אים פאָרגעשטעלט און ער האָט דערזען מיין יונג פּנים, האָט ער געמיינט, אַז מיר מאַכן שפּאַס. אָבער נאָך מער פאַרוואונדערט איז ער געווען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט ווי אַלט איך בין. ער האָט געבעטן איך זאָל קומען צו אים אַהיים.

געוואוינט האָט ער ביי דער קלאָפּשטאָק־שטראַסע. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אַן אַטעליע מיט בילדער און צייכענונגען. ער האָט מיר פאָרגעשטעלט זיין תלמיד און אַסיסטענט יאָזעף בודקאָ, וועלכער האָט באַלד גענומען רעדן מיט מיר אַ היימישן יידיש. דערויף האָט זיך אָנ־גערופן דער הער מיט דער דר. הערצל־באָרד:

— הער בודקאָ איז אַ מאָלער, און מאָלעריי רעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. אָבער ווי אַ שוישפּילער, איז מען מיט יידיש זייער שטאַרק באַ־גרענעצט. פאַרוואָס זאָלט איר נישט לערנען דייטש און ווערן אַ דייטשער שוישפּילער?

ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס איז שוין לאַנג געווען מיין געהיימער וואונטש...

איך האָב פון אים באַקומען רעקאָמענדאַציעס צו פריץ ענגעל און צו פּראָפעסאָר עמיל מילאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער גרעסטער וואָרט־מייסטער. מילאַן האָט מיך פאַרהערט, און איז באַלד געוואָרן מיין דייטשער שוישפּיל־לערער — אָן געצאָלטס. און דער, וועלכער האָט מיר פאַרשאַפט די וויכטיקסטע פאַרבינדונג אין מיין לעבן, איז געווען דער צייכענער הער־מאַן שטרוק. ער האָט דער ערשטער מיר אויסגעשטרעקט אַ פריינט־לעכע האַנט און אַזוי אַרום געעפנט פאַר מיר דעם טויער צו דער נייער, וואונדערלעכער וועלט, וועלכע איז געווײנטלעך פאַר אונדז „אָרעמע מענטשן" פאַרהאַקט און פאַריגלט. און ווען איך בין געקומען צו אים זיך באַדאַנקען, האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ שמייכל: „ווען איר וועט אַמאָל ווערן אַ באַרימטער שוישפּילער, וועט איר מיך דערמאָנען אין אייערע מעמואַרן."

וויל איך עס אַט דאָ מיט דאַנק און מיט ברכות אויסדריקן אין אַן אָפענעם בריוו:

„ליבע, גרויסע, איינפלוסרייכע הערן, —

„ווען איר באַגעגנט אַמאָל אַ קינד פון פאָלק, וואָס ווייזט אַרויס בענקשאַפט צו ווערן טעטיק אויף אַ קינסטלערישן געביט, — דערמאָנט אייך אָן דעם מענטש, וועלכער האָט זיך גענומען די מי צו גיין הינטער די קוליסן און דערמוטיקן אַ פרעמד, קליין יינגל, וועלכן ער איז שפּעטער באַהילפיק געווען. פאַרגעסט אויך ניט די פרייד, וואָס הערמאַן שטרוק מוז פילן, ווען ער לייענט די דאָזיקע שורות. העלפט! העלפט — ווייל איר פאַרפלאַנצט מיט דעם ליבע און דאַנקבאַרקייט אין אַ וועלט, וואָס דאַרף עס אַזוי נויטיק.

„מיין ליבע און דאַנקבאַרקייט שטראָמט היינט פון מיין גאַנצן האַרץ צו אים, צו הערמאַן שטרוק.“

דאָס וואָרט

ווען איך בין געקומען צו עמיל מילאַן מיט שטרוקס רעקאָמענדאַציע, איז ער געווען זייער פריינטלעך צו מיר. אָבער ער האָט גראָד געהאַלטן אין פּאַקן זיך, צו פאָרן אויף אַ רעציטאַציע־טור און דערנאָך אויף וואַקאַציע. צוריקקומען וועט ער ערשט אין אויגוסט — און איצט איז מאַי... מיינע הימל־הויכע האָפענונגען זיינען מיט אַמאָל צוריקגעשליידערט געוואָרן אויף דער ניכטערער ערד. ווי אַ געשטראָפט הינטל בין איך אַרויס פון זיין הײם, זיכער, אַז דאָס איז ווידער עפּעס אַן אויסרייד פון יענע „גרויסע“ הערן. אָבער מיין אַנטשלוס צו ווערן אַ דייטשער שוישפּילער האָב איך אַלץ ניט אויפגעגעבן. פאַרקערט, איך האָב אָנגעהויבן איבעראָרגאַניזירן מיין לעבן: צוערשט מוז איך ענדערן מיין באַשעפטיקונג — — אין אָוונט, ווען אַנדערע גייען אין טעאַטערס און צו קאָנצערטן, האָב איך געמוזט באַקן בייגל. איך האָב אויך פיינט באַקומען די בעקעריי צוליב אַנדערע סיבות: כ'האָב ניט געקאָנט פאַרגעסן יענע הייזער־יידענע אין זאַליעשטשיק, וועלכע האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב „גרויסע“ הענט. מיט דער צייט האָב איך נאָך צובאַקומען דעם ריכטיקן בעקער־צייכן — קרומע פיס. פונקט ווי איך האָב געגלויבט, אַז איך פאַרמאָג די פיאַיקייט צו זיין אַ שוישפּילער, אַזוי שטאַרק האָב איך אויך שטילערהייט זיך געשראָקן, אַז מיינע גרויסע הענט און קרומע פיס וועלן זיין פאַר מיר אַ שטערונג. האָבן דאָך די מייסטע שוישפּילער אַזעלכע דעליקאַטע הענט און קליינע פיס... און אפשר וועט מען עס גאָר נישט באַמערקן — אפשר וועל איך גראָד קריגן ראָלן,

וואו מ׳דאַרף דווקא גרויסע הענט און פיס — — כ׳האָב שוין אַפילו פריער געהאַט באַשלאָסן צו לאָזן אָפּערירן מיינע קרומע פיס און זיי אויסגלייכן. סיי ווי, מיין באַשעפטיקונג ווי אַ בעקער מוז איך אויפגעבן.

אָבער ס׳איז לייכטער צו פאַרלירן אַרבעט ווי צו געפינען. ס׳האָט לאַנג גענומען, ביז איך האָב באַקומען אַרבעט אין אַ פאַבריק, וואו מ׳מאַכט בלעכענע טרובעס צו גראַמאָפאָנען. דאָרט האָט מען אויך געוואַשן און איבערגעפאַרבט אַלטע טרובעס; בין איך געוואָרן דער טרובע־וואַשער. די טרובעס האָט מען איבער נאַכט געטונקען אין פעסער מיט לויג, דערנאָך האָט מען זיי געוואַשן. געטאָן האָט מען דאָס מיט גומי־הענטשקעס. קוים האָט די הענטשקע זיך איינגעריסן, האָט מען באַקומען וואונדן אויף די הענט. בין איך נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעט שוין אַרומגעגאַנגען מיט פאַר־שרפהטע הענט, און איך האָב ווידער אָנגעהויבן זיך שרעקן פאַר מיין נייער פּראָפעסיע. האָב איך אויך דאָס אויפגעגעבן, און בין ווידער געבליבן אָן אַרבעט.

דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ אין אַ פרעמד לאַנד איז זייער שווער. אָבער נאָך שווערער ווערט דער קאַמף, ווען ער איז פאַרבונדן מיט אַ לעבנס־פּלאַן, מיט אַ בענקשאַפט נאָך אַ ציל אין לעבן. נאָך וואָכן זוכעניש האָב איך באַקומען אַרבעט — אין אַ טרומנע־פאַבריק. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין בייצן און פּאָליטורן די טרומנעס מיט שעללאַק. ס׳האָט לאַנג ניט געגומען, און איך האָב באַקומען געל־ברוינע און שוואַרצע פלעקן אויף די הענט, וואָס מ׳האָט מיט קיין זייף ניט געקאָנט אָפּוואַשן. איז ווידער ניט גוט. אָבער ווייניקסטנס בין איך פריי אין די אָוונטן און איך האָב צייט צו לערנען דייטש, אויפצונעמען פאַרשיידענע קורסן אין דער פרייער האָכשולע, באַזוכן טעאַטערס, און דער עיקר — איך קאָן ווידער ביי קאַווע מיט קוכן דעקלאַמירן פאַר מיינע פאַראיין־חברים די אַלע זאַכן, וואָס איך האָב אין דער צייט איינשטודירט. איך האָב שוין דעמאָלט געקענט בערנס גאַנצן „דעקלאַמאַטאָריום״ אויף אויסנווייניק. מיין לעבן אין יענער צייט האָט זיך געטראָגן ווי אויף אַ יאָגנדיקן וואַסער־שטראָם: אָט טראָגט עס מיך, איך שווים, און אָט נעמט עס מיט מיר דרייען ווי אין אַ קעסל־גרוב; פאַרטשעפּע איך זיך ערגעץ ביים ברעג און בלייב הענגען ווי צוגעקלעפּט — ווער איך אַפּאַטיש, האָפענונגלאָז, — ביז דער שטראָם פאַקט מיך ווידער, טראָגט מיך אָוועק, און איך שווים ווייטער.

איינמאָל באַקום איך צו לייענען דעם „פּאַיאַץ״ פון קאַרל עמיל פראַנצאָז. איך בין באַגייסטערט! פריער מאַקסים גאָרקי, און איצט פראַנצאָז „פּאַיאַץ״! שטאַמט ער דאָך פון מיין געגנט — אַזויפיל באַקאַנטע שטעט און דערפער און מענטשן — — און אויך ער האָט געוואָלט ווערן אַ שוישפּילער! ער האָט געהאַט דיזעלבע פּלענער, דיזעלבע בענקשאַפט,

און דורכגעמאַכט דיזעלבע צרות און שוועריקייטן. אויך ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון אַ טעאַטער־שטיק, וואָס האָט אַפילו געהאַט פרעמדלעכע פיגורן מיט פרעמדע נעמען — אָבער ווי ענלעך צו די מענטשן פון זיין אייגענער היים, פון זיין דאָרף — — איך האָב באַקומען דאָס שטיק און האָב עס געשלונגען לייענענדיק. ניין, דאָס שטיק האָט מיך פאַרשלונגען! עס איז געווען „דער סוחר פון ווענעדיג״ — שיילאָק:

„האָט ניט אויך דער ייד אויגן, הענט, גלידער, חושים, פאַרלאַנגען, ליידנשאַפטן? ווערט ער נישט גענערט מיט דערזעלבער שפּייז, פאַר־וואונדעט דורך דיזעלבע כלי־זין, געהיילט מיט דיזעלבע מיטלען, און וואַרעמט אים ניט דערזעלבער זומער, אָדער פרירט ער ניט אין זעלבן ווינטער, ווי דער קריסט? ווען איר שטעכט אונדז, גייט ניט קיין בלוט? ווען איר קיצלט אונדז, לאַכן מיר ניט? ווען איר פאַרסמט אונדז, שטאַרבן מיר ניט? און אַז איר באַליידיקט אונדז, טאָרן מיר זיך ניט נוקם זיין?״

איך האָב זיך באַגאָסן מיט טרערן, געיאָמערט און געקלאָגט אויף שיילאָקס ביטער מזל. „ש־יי־ל־אָ־ק, שטייט אין בוך; הייסט עס—ש־אַ־י־ע, ישעיה״ — מיין נאָמען, אַן אייגענער! שיילאָק, דער פאַיאַץ און איך זיינען געוואָרן איינס; ניין, זיי זיינען געוואָרן בלויז איך. ווייל איך האָב דאָ דורכגעלעבט ניט בלויז דיווירקלעכקייט; אַלץ, וואָס איך האָב נאָר גע־וואונטשן, עס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, איז דאָ פאַר מיר פאַרווירקלעכט געוואָרן. ס׳איז מיר בלויז ניט געפעלן וואָס שיילאָק איז אַזוי פאַרליבט אין זיינע דוקאַטן. כ׳האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז ווען מיט מיין טאַטן און מיין שוועסטער זאָל זיך טרעפן דאָסזעלבע, וואָס מיט שיילאָק און יעסיקע, וואָלט מיין טאַטע זיכער ניט אַזוי געקלאָגט נאָכן געלט; און עס וואָלט אים אַפילו ניט איינגעפאַלן צו וועלן אויסשניידן אַ פונט פלייש ביי אַנטאָניאָן, אַפילו ווען ער איז זיין ערגסטער שונא. האָב איך איגנאָרירט דאָס שלעכטע אין שיילאָקן און מער זיך דורכגענומען מיט זיינע ליידן און שמערצן. כ׳האָב דעם גאַנצן מוסר־מאָנאָלאָג אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק און אים רעציטירט אין טעאַטער־פאַראיין „קאָנקאָרדיאַ״. ס׳האָט שטאַרק אויס־גענומען. מיינע פריינט האָבן דערנאָך לאַנג דיסקוטירט וועגן דעם און מיר צוגעגעבן מוט.

אָבער דערווייל האָב איך ווייטער פאָליטורט טרומנעס אין דער קאַנאַניר־שטראַסע און בין אַלץ געבליבן ביים אַלטן. איך בין געוואָרן אַלץ טרויעריקער, פאַרצווייפלטער און גענומען ליידן פון „וועלט־שמערץ״; כ׳האָב זיך איינגערעדט, אַז קיינעם אויף דער וועלט איז ניט אַזוי שלעכט ווי מיר. אַדאַנק דעם האָט זיך אין מיר אַנטוויקלט אַ שטיק „גרויס־וואַן״ און איך האָב אָנגעהויבן גלויבן, אַז איך בין אַזוינס און אַזעלכס. דערצו זיינען נאָך אונטערגעקומען עסקים מיט מיידלעך און פאַרהייראַטע פרויען,

— בין איך שוין געווען אי דערהויבן, אי דערשלאָגן... כ׳האָב אַליין געליטן און יענעם פאַרשאַפט ליידן, און איך בין שטאָלץ געווען מיטן געפיל, וואָס איך לייד צוליב יענעמס לייד. אַזוי זיינען געווען אין מיר צונויפגעמישט איין געפיל מיטן צווייטן — ווי אַ פאַפריקאַ־גולאַש, געקאָכט אינאיינעם מיט פלוימען־קאָמפּאָט. ס׳האָט ניט געטויגט.

פלוצים דערזע איך גרויסע פלאַקאַטן: „רעציטאַציע־אָוונט — עמיל מילאַן. אין פּראָגראַם: דער סיגנאַל־היטער טהיעל, פון גערהאַרט הויפּט־מאַן“. כ׳האָב גאַנץ פאַרגעסן, אַז ס׳איז שוין זייט לאַנג געווען אויגוסט. פּראָפעסאָר מילאַן, טראַכט איך, האָט נאַטירלעך וויכטיקערע זאַכן צו גע־דענקען ווי עפּעס דאָרט אַ בעקער־ייִנגל מיט קרומע פיס, אַ גראַמאָפאָן־וואַשער און טרומנע־פּאָליטורער מיט פאַרבייצטע הענט. קעגנאיבער מיין דירה און ביים פּלאַץ, וואו איך האָב געאַרבעט, זיינען געווען קיאָסקן מיט אַרויפגעקלעבטע פלאַקאַטן. פלעגן די פלאַקאַטן זיך רייצן מיט מיר: „אידיאָט איינער, איינגעבילדעטער גאָרנישט וואָס דו ביזט! האָסט זיך איינגערעדט, אַז מיט דעם שטיקל פּאַפּיר פון שטרוקן האָסטו שוין געשאָסן דעם פויגל? ביסטו טאַקע געבליבן ביים פויגל, מענטש!“ „פויגל“, פּונקט ווי דאָס וואָרט „מאַנאַלי“, האָט אויף בערלינעריש געהייסן „משוגע“. אָט די פלאַקאַטן וועלן מיך טאַקע משוגע מאַכן! נאַי וואָלט מען זיי אַראָפּגענומען! וואָרים איידער די פלאַקאַטן האָבן זיך באַוויזן, האָב איך דאָך שוין געהאַט פאַרגעסן אָן דעם גאַנצן עסק...

פונדעסטוועגן האָב איך מיט זעקס טעג פריער געקויפט אַ בילעט צום אָוונט. כ׳האָב קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם — ס׳איז מיר געווען אַ בושה צו דערמאָנען מיינע פריינט וועגן מיין אַנטוישונג. דער אָוונט איז פאָרגעקומען אין אַ שבת. נאָכמיטיק בין איך אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, זיך אַרומגעוואָשן — פלוצים קלינגט מען אין טיר: אַן עקספּרעס־בריוו! אויף אַ שיינעם, בלויען קאָנווערט איז מיט אַ ציכטיקער, קליינער האַנט־שריפט, פּרעציז ווי אַ גראַווירונג, אָנגעשריבן דער נאָמען און אַדרעס פונעם אויפגעבער: פּראָפעסאָר עמיל מילאַן, סיבעל־שטראַסע 12, שאַרלאָטענ־בורג. אינעם בריוול לייענט זיך: „מיין ליבער הער גראַנאַך — אַנט־שולדיקט וואָס איך שרייב איך ערשט איצט. דאָ זיינען צוויי בילעטן פאַר היינט אָוונט. קומט דערנאָך אַריין צו מיר אין גאַרדעראָבע, וועלן מיר אָפּ־שמועסן די צייט, ווען מיר זאָלן אָנהויבן אַרבעטן. אַ האַרציקן גרוס — אייער עמיל מילאַן.“

מיט ציטערנדיקע הענט האָב איך איבערגעלייענט דעם בריוו עטלעכע מאָל, ביז איך בין אַוועקגעפאַלן אויף מיין בעט און זיך גוט אויסגעוויינט פאַר גליק. דערנאָך בין איך אַוועקגעפאָרן צו דער פרענצלאַוער אַלייע, וואו ס׳האָט געוואוינט מיין נאָענטע פריינדין, פרוי באָום, און איר דער־

ציילט די גוטע בשורה. פאַרציטערטע פון פרייד, זיינען מיר צוזאַמען געגאַנגען אין בערנשטיין־זאַל צום אָוונט. אַ מערקווירדיק פובליקום איז דאָרט געווען: גלחים, שוישפילער, אַדוואָקאַטן, רעזשיסערן — די מערסטע פון זיי תלמידים און פאַרערער פון פּראָפעסאָר מילאַן. אויף דער בינע איז געשטאַנען בלויז אַ באַקוועמער שטול. מילאַן איז אַרויפגעקומען, און מ'האָט אים שטורמיש באַגריסט. ער איז געווען אין פראַק. זיין פאַרברויינט פנים, מיט די בלאָנדע האָר און דעם גרוילעך בערדל, האָט געשטראַלט. ער האָט זיך לאַנגזאַם אַוועקגעזעצט, אַביסל זיך פאַראויסגעבויגן, און רואיק צוזאַמענגעלייגט די שפּיצן פון די פינגער. ס'איז געוואָרן גאַנץ שטיל, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געוואַרט. ביז, אין אַ טויט־שטילקייט, אַז מ'האָט געקאָנט הערן דעם אייגענעם אָטעם, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן די געשיכטע פון דעם באַן־אָנגעשטעלטן, דעם סיגנאַל־היטער טהיעל. קיין סימן ניט פון דעקלאַמאַציע, פון „טעאַטער". ער האָט פשוט און פּראָסט איבערדערציילט אַ גאַנץ בוך אויף אויסנווייניק, אַזוי איינפאַך ווי יוז פעדאַרקיוו וואָלט דערציילט אַ מעשה מיין טאַטן, — גערעדט אַזוי האַרציק־מענטשלעך צום פובליקום, ווי שימשעלע מילניצער פלעגט רעדן צו די קינדער.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט דער עולם געיובלט פון באַגייסטערונג. מ'האָט אים אַרויסגערופן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און דורך אַ שטורעם אַפּלויזן אויסגעדריקט זייער דאַנק און אַ „גוטע נאַכט". מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַריין צו אים אין גאַרדעראָבע. כ'האָב דאָרט געטראָפן עטלעכע הערן און דאַמען, אויך אַ גלח. דער פּראָפעסאָר האָט מיך שוין פאַרגעשטעלט ווי זיינס אַ שילער. מ'האָט געטרונקען שאַמפּאַניער, און איך האָב באַדאַרפט מיט־טרינקען — דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. דערנאָך האָט ער מיך באַשטעלט צו זיך אויף מאָרגן, זונטיק, 11 אין דער פרי, און געבעטן אַ דאַמע, יאָהאַנאַ בורקהאַרט, זי זאָל אויך קומען.

צען אין דער פרי בין איך שוין געווען ביי דער סיבעל־שטראַסע 12 און זיך אַרומגעדרייט פאַרן הויז אַ גאַנצע שעה, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין לענגער ווי אַ מענטשנס לעבן. פונקט 11 בין איך געווען ביים פּראָפעסאָר און האָב באַלד אָנגעהויבן רעציטירן שיילאָק און פראַנץ מאָר. מילאַן האָט מיך אָנגעקוקט און געשמייכלט. דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט אויף מיר די האַנט, געזאָגט עטלעכע פריינטלעכע ווערטער — עפּעס וועגן טעמפּעראַמענט, אָרגאַן, געפיל — און פלוצים שרעקלעך זיך צעלאַכט. איך האָב זיך פאַרשעמט. ער האָט עס באַמערקט. צוריקהאַלטנדיק זיך פון לאַכן, האָט ער פאַרזיכערט, אַז איך בין אַ גרויס טאַלענט, נאָר — מאַכט ער — „די אָרעמע דייטשע שפּראַך"... און ער האָט ווידער הויך און האַרציק

זיך צעלאַכט, ווי איבער אַ געלונגענעם וויץ. אויסגעווישט די טרערן פון לאַכן, זאָגט ער שוין גאַנץ ערנסט:

— זעט איר, די אַלע זאַכן, וואָס איר פאַרמאָגט, קאָן מען ניט אויס־לערנען; אָבער שפּראַך לאָזט זיך לערנען.

און ווייזנדיק אויף יאָהאַנאַ בורקהאַרט, זיין שילערין, גיט ער צו:

— דאָס פריילײן וועט אייך לערנען דייטש.

לערנען ביי אים האָב איך באַדאַרפט צוויי מאָל אין וואָך, וואָס האָט געדאַרפט קאָסטן 200 מאַרק אַ חודש, און פאַרדינט האָב איך ביי מיינע טרומנעס אינגאַנצן 60 מאַרק אַ חודש. בין איך בלייך געוואָרן ווי קרייד און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אויך דאָס האָט ער באַמערקט, און ער האָט גענומען אויספרעגן וואָס איך טו, צי מיינע עלטערן שיקן מיר ניט קיין געלט, און —

— וואָס באַהאַלט איר אַזוי אייערע הענט?

מיר האָט אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרץ. אָבער ס׳איז מיר שוין געווען אַלץ איינס, און איך האָב אים דערציילט פאַרוואָס איך שעם זיך צו ווייזן מיינע הענט.

— דאָס איז דאָך וואונדערבאַר! — איז דער פּראָפעסאָר דווקא געוואָרן באַגייסטערט — וואונדערלעך!

ער האָט פאַנאַנדערגערוקט די שיב־טירן צום צווייטן צימער און אַריינגעבעטן דעם גלח און אייניקע הערן, וועלכע איך האָב נעכטן געזען אין זיין גאַרדעראָבע.

— זעט, מיינע הערן — האָט ער צו זיי געזאָגט מיט באַגייסטערונג — וואָס פאַר אַ מאַגישע קראַפט מוז עס פאַרמאָגן אונדזער דייטשע קונסט, ווען זי לאָקט צו זיך קינדער אַזש פון דער ווייטער פרעמד! און דאָ מוזן זיי קעמפן און זיך קווען ביי פאַליטורן טרומנעס!...

ער האָט זיי געוויזן מיינע צעפּאַלענע הענט, און זיי האָבן אַלע געשטוינט.

— יאָ, מיין גאַליציאַנער — האָט ער מיט אַמאָל גענומען רעדן צו מיר אויף „דו" — דו וועסט ביי מיר זיין אַ פרייער שילער, און איר, פריילײן בורקהאַרט, וועט אים אויך אומזיסט לערנען — שטימט?

פריילײן בורקהאַרט האָט צוגעשטימט, און אַלע האָבן גראַטולירט.

ווי באַטרונקען פון מיין ערשטן גרויסן דערפאָלג, בין איך אַראָפּ־געפאָרן ביז צום אַלעקסאַנדער־פּלאַץ און פון דאָרט גלייך געלאָפן צו מיין מוטערלעכער פריינדין, פרוי באָום, איר אַנזאָגן די צווייטע גוטע בשורה.

נייע האָפענונגען האָבן אַצינד אָנגעפילט מיין האַרץ. צוויי מאָל אין וואָך האָב איך געלערנט ביי פריילײן בורקהאַרט, און יעדן זונטיק מיטן פּראָפעסאָר מילאַן, וועלכער איז פאַר מיר געוואָרן דער נייער, דייטש־

גויאישער שימשעלע מילניצער. ער האָט מיך נישט נאָר געלערנט; ער האָט מיר אויך אָפט אַוועקגעשענקט זיינע אָפּגעטראָגענע קליידער, שיך און וועש. איינס נאָר: כדי איך זאָל קאָנען רעדן בלויז דייטש, האָט ער מיר געראָטן ניט צו טרעפן זיך מיט מיינע לאַנדסלייט...

ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן אויך דענקען און חלומען אויף דייטש. די גאַנצע פרייע צייט האָב איך אָפּגעגעבן אויף שטודירן דייטשע קלאַנגען און לערנען לידער, מאָנאָלאָגן און ראָלן אויף אויסנווייניק. דער פּראָפעסאָר האָט מיר געגעבן אַ גאַנצן שטויס ביכער פון דער קלאַסישער און מאָדערנער ליטעראַטור; אייניקע קליינע ביכלעך האָב איך אַליין געקויפט אין דער ביליקער רעקלאַם־אויסגאַבע.

די אַרבעטער אין דער טרומנע־פאַבריק האָבן מיך ליב באַקומען און מיך גערופן „קליינער פּאַליאַק" — אָבער אָן שום שנאה. אין בערלין האָט מען יעדן פרעמדן גערופן „פּאָליאַק". דער ווערק־פירער האָט געהייסן לעמקע. ער האָט געהאַט אַ רויטלעך־ברוינע „קייזער־באָרד", אין דער מיט צעקעמט. איינמאָל, מיטיק־צייט, איך זיץ מיר אין אַ ווינקל, קיי מיין „קלאַפּשטולע" און חזר דערביי אַ מאָנאָלאָג פון „דער טרוים, אַ לעבן", — זעצט זיך אַוועק לעבן מיר לעמקע, און קייענדיק פרעגט ער:

— נו, קליינאר פּאַליאַק, אַלץ פלייסיק, וואָ? וואָס שטודירסטע דען די גאַנצע צייט אַזוי, האָ?

איך האָב אים געזאָגט וואָס און פאַרוואָס איך שטודיר.

— כ'האָב אָבאַ' באַלד געוואוסט, אַז דו ווילסט זיין אַ קינסטלער — שמייכלט ער צופרידן און קייעט ווייטער — כ'וועל דיר עפּעס זאָגן: ד'אַרבעטסט איצט ביי מיטלגרויסע טרומנעס. ווען ד'זאָלסט זעך אויס־לערנען אַרבעטן ביי ד'גרויסע, וואָלסטע אין אַ האַלבן טאָג פאַרדינט פּונקט אַזויפיל ווי איצט אַ גאַנצן טאָג; וואָ'סטע מער צייט געהאַט צו שטודירן און געקאָנט זעך לאַזן וואַקסן נאָך לענגערע האָר.

— אָך, מייסטער לעמקע — זאָג איך — איר זייט דאָך צו מיר ווי אַ פאָטער.

— כ'קאָן זעך ניט העלפן — לאַכט ער און גיט מיר אַ לייכטן שטויס אין די ריפּן — דו האָסט דאָך לענגערע האָר פון מיאַ. איז מאָנטיק וועסטע אָנהייבן אַרבעטן ביי גרויסע טרומנעס.

די מיטאָג־סירענע האָט זיך צעפּייפט, און דאָס האָט איצט געקלונגען אין מיינע אויערן ווי אַ לאַנגער, לאַנגער אָמן.

האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן נאָר האַלבע טעג און פאַרדינט כמעט דאָסזעלבע. דערביי האָט מען אין אַשינגער־שענק באַקומען פאַר 25 פעניג אַ פּאָר וואורשטלעך מיט קאַרטאָפל־סאַלאַט, באַגאָסן מיט עסיג, אויל און מושטאַרדע, און מ'האָט געקאָנט טונקען אין דעם אַזויפיל שטיקלעך ברויט

ווייפל מ׳האָט נאָר געוואָלט — איז שוין געווען גאָר גוט. איינמאָל האָב איך אַזוי פאַרצערט אפשר אַ האַלבן הונדערט שטיקלעך ברויט! און אין דער גאַרמאַן־שטראַסע, וואו די יידישע קולטור־געמיינדע האָט געעפנט אַ קאַך־שולע, האָט אַ סטודענט געקאָנט פאַר 10 מאַרק אַ חודש עסן צוויי מאָלצייטן אַ טאָג. דערצו האָט נאָך די רויט־האָריקע ראָזאַ צוגעגעבן אַזויפיל פאָרציעס גרינצייג ווייפל ס׳האָט נאָר געקאָנט אַריין. איז דאָס געווען געשמאַק דער צעריבענער אַרבעס מיט די צוגעפרעגלטע ציבענקעלעך! דאָ האָבן געגעסן צוקינפטיקע פילאָסאָפן, דיכטער, מוזיקער; האָט מען געטריבן שפּאַס און דערווייל אויף אַ רעכטן אמת זיך פאַרוועט ווער עס וועט אויפעסן מער עקסטראַ־פאָרציעס גרינצייג. ווי אַזוי מ׳האָט געקאָנט דאָס אַלץ געבן פאַר צען מאַרק אַ חודש, ווייס איך ניט.

ניט געקוקט אויף מילאַנס וואָרנונג, איך זאָל צוליב דער דייטשער שפּראַך אויסמיידן מיינע לאַנדסלייט, האָט עס מיך דאָך געצויגן צו זיי. ביי מילאַן און פריילין בורקהאַרט בין איך געווען באַשיידן, אונטערטעניק, אפשר שוין מער ווי מ׳האָט באַדאַרפט; איך האָב צו זיי געדינט פאַר זייערע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע מתנות. בעת צווישן אייגענע האָב איך זיך געפילט פריי, אויפגעלייגט, און כ׳האָב טאַקע געקאָנט אַביסל זיך באַרימען אויך. אין מיין אייטלקייט בין איך אַפילו שטאָלץ געווען, וואָס איך שטייג העכער און רייס זיך אַרויס פון מיין קרייז; אָבער ס׳האָט מיר פאָרט גע־פעלט אַ „קעגנגעוויכט״ — מיינסגלייכן! האָב איך דעמאָלט געפירט אַ מין דאָפּל־לעבן. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין פאַרשלאָסענער אין זיך, קיין אָפּגעזונדערטער, איינזאַמער גריבלער; כ׳האָב שטענדיק ליב געהאַט מענטשן אַרום זיך, און אַ סך מענטשן. בין איך גערן געגאַנגען צו פאַר־זאַמלונגען, זיך באַטייליקט אין דעמאָנסטראַציעס, איבערגעזעסן אין טעאַטערס, קינאָס, צירקן, ביי פערד־לויפן — וואו נאָר אַ סך מענטשן, דאָרט האָב איך גערן פאַרבראַכט. מער נאָך ווי די אָפיציעלע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אַפילו ווי די טעאַטער־פאַרשטעלונגען, האָבן מיך אינטערעסירט מענטשן. אַ סך פון זיי האָבן מיך באַגייסטערט, אָנגערעגט, מיך דערהויבן ביז עקסטאַז און גליקלעך געמאַכט. נאָך היינט, ווען איך געפין זיך צווישן אַ סך מענטשן, איז מיין נייגיר וואַך, מאָביליזירט, אַזוי צו זאָגן; און נייגעריקייט איז אָדער מיין זעקסטער חוש, אָדער — נאָך עסן און ליבע — מיין דריטער אינסטינקט.

ניין, איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט לעבן ווי אָדם־הראשון — בפרט אַז די קליינע חוהלעך צעלויפן זיך אָפט און האָבן ליב צו נאַשן פרעמדע עפּל...

ס׳איז געווען די צייט, ווען כ׳האָב אַלץ געלייענט, אָן אַ סדר: ניטשע און האַופּטמאַן, קראָפּאָטקין און דאָסטאָיעווסקי, אַרציבאַשעוו און שטירנער,

גאָרקי און שלום עליכם, סטרינדבערג און טאָלסטאָי, דייטשע קלאַסיקער, פראַנצויזישע ראָמאַנען — אַלץ דורכאיינאַנדער. און די העלדן פון די ווערק האָב איך ניט נאָר גענומען זייער ערנסט, נאָר אויך געפּרואווט זיי נאָכטאָן. איבערגעלייענט ראַסקאָלניקאָוון, איז קיין איין אַלטע מומע ניט זיכער געווען מיט מיר. וואָלט דעמאָלט געווען לעבן מיר מיין אייגענע „אויפגעוואַרעמ־טע" מומע, וואָלטן מיר ביידע געפאַלן אַ קרבן: זי דורך מיר, און איך דורכן הענקער. זיך אָנגעלייענט מיט מאַקס שטירנער, בין איך געוואָרן אַ „הערן־מענטש", און אַלע אַרום מיר זיינען געווען אין געפאַר.

מיין פּריינט שידלאָווער האָט געהאַט צוויי שוועסטער, וועלכע האָבן, פּונקט ווי ער, ניט געקאָנט זיך קיין עצה געבן מיטן לעבן. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז זייער קליין־געוואַקסענער ברודער איז אַ זשעני, און דער־פאַר איז ער קיינמאָל ניט קיין דערפאָלג. דערפאָלג, האָבן זיי געטענהט, האָבן נאָר „פאַרדאַרבענע", „ראַפינירטע" און „איבערפלעכלעכע". אַזוי האָט זיי דער ברודער איינגערעדט, און זיי האָבן אין דעם געגלויבט. האָט מיין שטיקל דערפאָלג אַריינגעבראַכט אַביסל קנאה אין אונדזער פריינט־שאַפט. זיי האָבן עס ניט צוגעגעבן, אָבער דאָ און דאָרט האָט מען געלאָזט פאַלן שטעכווערטלעך. די עלטערע שוועסטער איז שוין געווען אַביסל צו „עלטער" און היפשלעך איינגעדאַרט. די הויט אויף איר פּנים איז געווען ניט געל, ניט ברוין, ניט ווייס, נאָר ווי עפּעס פון אַ געמישטער, קויטיקער פאַרב. דערצו האָט זי נאָך געהאַט פאַלשע ציין — פאַלש אַריינגעשטעלט פון אַ פאַלשן דענטיסט. ביים רעדן האָבן די ציין זיך געשאָקלט, און ווען זי האָט זיך אויפגערעגט, האָבן זיי אינגאַנצן געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון מויל. ווייטער האָט איר גאָר ניט געפעלט. זי האָט געהאַט נאָך אַן אייגנ־שאַפט: אַלץ האָט זי בעסער געוואוסט ווי אַנדערע און האָט תמיד געמוזט האָבן דאָס לעצטע וואָרט. נאָר איין זאַך האָט פאַר איר עקזיסטירט — איר ברודער. ער איז געווען דער זשעני פון דער פאַמיליע; דאָס האָבן אַלע אין זיין משפּחה צוגעגעבן. איי, ער האָט ניט קיין דערפאָלג, איז אין דעם שולדיק בלויז זיין געניאַליטעט און זיין דיקלעכע פרוי, וועלכע באַשענקט אים יעדעס יאָר מיט אַ מיידל. פינף שרייענדיקע, וואוילע מיידעלעך זיינען שוין אַרומגעלאָפן אין זייערע צוויי ענגע שטיבלעך ביי דער גרייפסוואַלדער־שטראַסע 12, הויף 3, לינקע טרעפּ. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָס ווייב האָט געזען גרויסקייט אין איר שוואַכלעכן מאַן און האָט שוין אַפילו באַ־מערקט סימנים פון אַט דער גרויסקייט ביי אירע פינף קינדערלעך. דער־פאַר, מעגלעך, האָט זי אַזוי שווער און ביטער געאַרבעט אויסצוהאַלטן די משפּחה, און איז געווען צופרידן און גליקלעך מיט דעם. וואָרים זי האָט אַלץ געגלויבט, אַז ענדלעך וועט קומען אַ צייט, ווען מ׳וועט אָנערקענען דעם געניאַלן טאַלענט פון איר מאַן, אָדער כאָטש פון אירע קינדער.

זיין יינגערע שוועסטער איז געווען קורצזיכטיק, געטראָגן אויגנגלעזער, און האָט, פאַרשטייט זיך, אויך פאַרגעטערט איר ברודער. אין אַ דיסקוסיע פלעגט זיך איר מויל־ווינקל פאַרציען אין אַזאַ איראָניש־צופרידן שמייכעלע, וואָס האָט ניבע אַלץ צוגעגעבן, אָבער מיט אַ צווייִדייטיקער באַמערקונג. ווען מען האָט איר אַשטייגער געזאָגט, אַז די שטערן יאָגן זיך אין רוים פון איין לערקייט אין אַ צווייטער, האָט איר שמייכלענדיק מויל־ווינקעלע אַזוי שטיל און צווייִדייטיק אַ זאָג געטאָן: „אַהאַ, אַזוי גאַנץ פשוט — פון איין לערקייט אין דער צווייטער — — כ׳פאַרשטיי.“ האָט מען איר דערקלערט, אַז ראַסקאָלניקאָוו האָט דערהרגעט די אַלטע פרוי בלויז אויס טיפער גוטסקייט, האָט זי באַלד געענטפערט: „גאַנץ איינפאַך, אַזוי זיך, אויס גוטסקייט — אַהאַ“; און דאָס איבעריקע האָט זי צווייִדייטיק פאַרשוויגן. זי איז געווען אַ נייטאָרין, שטענדיק געזעסן ביי דער מאַשין, געהאַט אַ ווייסן שטערן און געלאַכט מיט אַ טריב, מאַט געלעכטערל ווי אַן אַלטער כינעזער. אָט די ביידע מוידן האָבן מיך ניט ליב געהאַט — אויס קנאה צוליב זייער ברודער — און איך זיי אויך ניט. זיי האָבן מיר אָפט אַריינגעזאָגט שטעכווערטלעך, און איך האָב זיך אָן זיי נוקם געווען מיט דעם, וואָס כ׳האָב אויף זיי אויסגעפרואווט אַלץ, וואָס כ׳האָב געלייענט. איך בין דעמאָלט געווען ווי אַ פרישע, ריינע וואַקס־פלאַסטינקע: אויפגענומען אין זיך אַלץ, וואָס כ׳האָב געהערט, געזען, געלייענט, און דערנאָך עס „אויסגעשפילט“ אין מיין סביבה. נאָך שטירנערס „דער יחיד און זיין אייגנטום“, האָב איך די מיידלעך פשוט טיראַניזירט, זיי געוואָרפן אין פנים אַלע מיאוסקייטן, געווען גראָב צו זיי — ממש אַ קליינער „הערן־מענטש“. ערשט קראָפּאָטקינס „קעגנזייטיקע הילף אין דער נאַטור“ האָט מיך ווידער געמאַכט נאָכגעביק און גרייט צו העלפן יענעם. איבערגעלייענט אַרציבאַשעווס „סאַנין“, האָב איך גענומען הולטאַיעווען ווי אַ יונגער בוהיי, און נאָך „ווערטערס ליידן“ האָב איך פאַרגעסן דאָס פריערדיקע און געוואָרן אָנגעפילט מיט וועלט־שמערץ און זעלבסטמאָרד־געדאַנקען, ביז טאָלסטאָיס מיושבדיקע דערציילונגען האָבן מיך ווידער געמאַכט פאַר אַ „מענטש“. נאָר אין סיי וועלכער שטימונג איך בין ניט געווען, האָב איך אַלץ געזוכט צו רייצן זיך מיט די מיידלעך. כ׳האָב געוואוסט, אַז דאָס איז ניט שיין פון מיר; אָבער דאָס איז געווען מיין נקמה פאַר זייער קנאה.

מיט דער צייט האָב איך דאָך פאַרלאָזט מיין אַלטן קרייז און פאַוואָליע אָנגעהויבן אַריינוואַקסן אין מיין נייער סביבה. כ׳בין אַלץ מער זיך צוזאַמענגעקומען מיט די סטודענטן פון פריילין בורקהאַרט און פראָפעסאָר מילאַן, איבערגעלעגן מיט זיי אויף די גאַליאָרקעס פון די בערלינער טעאַטערס און צוזאַמען מיט זיי באַגייסטערט אַפלאָדירט און אַרויסגערופן אונדזערע באַליבטע שוישפילער. ביי אַ פרעמיערע פלעגן מיר הייזעריק ווערן שרייענ־

דיק, ביז אונדזערע פאַרגעטערטע קינסטלער האָבן זיך באַוויזן אין טירל פון דעם אייזערנעם פאָרהאַנג און צעשטראַלטע זיך באַדאַנקט. פון די 40 ביז 50 בערלינער טעאַטערס זיינען באַזונדערס דריי געווען ביי אונדז באַליבט: דאָס קעניגלעכע שוישפּיל־הויז, דאָס לעסינג־טעאַטער און מאַקס ריינהאַרטס טעאַטער. נאָך אַ פּרעמיערע האָבן מיר דורכגעלייענט אַלע קריטיקן, און ניט תמיד זיינען מיר געווען איינשטימיק מיט זיי. מיר פלעגן שטענדיק זיך אידענטיפיצירן מיט אונדזערע באַליבטע שוישפּילער, זיי שריפטלעך טרייסטן, אויב מען האָט געשריבן שלעכטס וועגן זיי, און אַריינשיקן וועגן דעם אַנאָנימע בריוו צו די קריטיקער. ווען מ׳האָט אין אַ טעאַטער געשטעלט אַ מאַסן־אויפפירונג, פלעגן מיר די ערשטע זיך מעלדן ווי שטאַטיסטן. ריינהאַרט האָט דעמאָלט באַגייסטערט בערלין מיט זיין סענסאַציאָנעלער אויפפירונג פון „עדיפּוס" אין צירק שומאַן, וואו ס׳האָט געשמעקט מיט קונסט און פערד־אָפּפאַל. מען האָט באַדאַרפט אַ סך „פאָלק", גריכיש פאָלק. זיינען מיר תיכף אַוועק צום שטאַטיסטן־אָנפירער פלישקע, וועלכער האָט אונדז באַלד „אַנגאַזשירט", און מיר האָבן אַזוי אַרום געקאָנט זיצן ביי די פּראָבעס און זען פון נאָענט אונדזערע „געטער" ביי דער אַרבעט. ריינהאַרט, דער נידעריקער און צאַרטער, איז געקומען צו די פּראָבעס ווי אַ גרויסער גענעראַל קומט אויף אַ שלאַכט־פעלד. ער איז אַרויף אויף זיין קליינעם פּאָדיום, און אַרום אים איז געזעסן זיין שטאַב: דער מאָלער שטערן, דער באַלויכטער האָפּמאַן, דער אינספּיציענט נעסטער, דער רעקוויזיטאָר לאָוך, און די רעזשיסערן יאָזעף קליין, בערטאָלד העלד, ווילהעלם פּראַגער, ריכאַרד אָרדינסקי, בלומענרייך און אַ סך אַנדערע. ריינהאַרט האָט שטיל און געלאַסן געמאַכט באַמערקונגען, און גלייך זיינען די רעזשיסערן געלאָפן דורכפירן זיינע באַפעלן.

מיר, די שטאַטיסטן, זיינען געווען פאַרטיילט אין נומערירטע גרופּעס. אויף אַ צייכן, האָט יעדע גרופּע פון איר ריכטונג זיך אַ לאָז געטאָן צום גרויסן טויער, און צוערשט שטיל, דערנאָך שטאַרקער און שטאַרקער, ביז פאַרצווייפלונג, געשריגן: „העלף אונדז, קעניג! קעניג, העלף אונדז! העלף, עדיפּוס!!"; דערנאָך ווידער שטיל: „העלף, עדיפּוס, קעניג, העלף אונדז!"; און ווידער שטאַרק, אַלע צוזאַמען: „עדיפּוס! עדיפּוס!! עדיפּוס!!!" איז מאָיסי אַרויסגעקומען און געזאָגט מיט זיין מעלאָדיש־איטאַליענישער שטים, וואָס האָט געקלונגען אַ זיס, אַ מענלעך: „קינדער מיינע, וואָס זאָל באַדייטן דאָס קניען אייערס ביים טויער פון מיין הויז?"... האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, אַז ס׳האָבן זיך אַזש געמאַכט וואונדן אויף די קני, און מיר האָבן געשריגן און געוויינט מיט אמתע טרערן. מיר זיינען געוואָרן דאָס פאַרצווייפלטע גריכישע פאָלק, ווייל מיר האָבן דערפילט דעם טיפן ערנסט דערביי; ווייל ס׳האָט אונז פאַרכישופט דער קינסט־

לערישער הויך, וואָס האָט געאָטעמט פון דעם זשעני ריינהאַרט. אַחוץ דעם פלעגן מיר טאַקע דערפאַר באַקומען אַ מאַרק געצאָלטס, אָדער אומזיסטיקע בילעטן פאַר ריינהאַרטס „דויטשעס טעאַטער" אָדער אין די „קאַמערשפּילע".

אַנדערש איז געווען אין קעניגלעכן שוישפּיל־הויז. עפּעס האָבן די שוי־שפּילער דאָרט זיך באַנומען ווי „בעאַמטערס", געגאַנגען ווי אויף שטאָלצן און זיך באַוועגט ווי אויף קאָטורנעס, גערעדט צירלעך־מאַנירלעך און מיט זשעסטן, וואָס קיין מענטש באַנוצט נישט אין לעבן. דער שטאַטיסטן־פירער, אוריך, האָט אונדז געהייסן אונטערשרייבן קליינע צעטעלעך, אַז מיר קריגן אַ מאַרק אַ פאָרשטעלונג, און דערנאָך אַליין צוגענומען דאָס געלט; ווייל — ווי ער האָט געטענהט — עס דאַרף אונדז זיין „תּענוג כבוד בלויז צו שטיין אויף דער בינע פונעם קעניגלעכן שוישפּיל־הויז".

אין לעסינג־טעאַטער האָט מען אונדז קיינמאָל ניט אַריינגענומען ווי שטאַטיסטן; מ'האָט זיך דאָרט באַנוצט בלויז מיט אייגענע מענטשן. אָבער דאָרט האָבן געשפּילט צוויי שוישפּילער, וועלכע מיר האָבן באַטראַכט פאַר די גרעסטע אין בערלין: אַלבערט באַסערמאַן און אָסקאַר סאָוער. פּונקט ווי די שוישפּילער אין קעניגלעכן שוישפּיל־הויז זיינען געווען ניט נאַטיר־לעך, זיינען זיי, אין לעסינג־טעאַטער, שוין געווען צופיל נאַטירלעך. מ'האָט אויף דער בינע געהוסט, געשפּיגן, זיך געקראַצט, געמאַכט לאַנגע פּויזן — עפּעס ווי מ'וואָלט ביי זייערס אַ פאָרשטעלונג צופעליק אַריינגעפאַלן אין אַ פּרעמדער שטוב און צוגעזען יענעמס פּריוואַטע האַנדלונגען. ס'איז אַזש געווען פּיינלעך. אָבער אַלבערט באַסערמאַן און אָסקאַר סאָוער זיינען פאָרט געווען די גרעסטע אין זייער צייט.

ריינהאַרטס טעאַטער איז געווען ווי אַ געמיש פון יענע ביידע: נאַטיר־לעך, און דאָך נישט וואָכעדיק; יום־טובדיק, אָבער אָן פאַלשן פּאַטאָס. ס'איז געווען טעאַטער — ראָמאַנטיש, פּאָעטיש טעאַטער.

צוויי יאָר בין איך שוין געהאַט אָפּגעווען ביי פּראָפעסאָר מילאַן — און וואָס ווייטער? כ'האָב זיך געריסן צו דער בינע. אייניקע פון מיינע פריינט זיינען געגאַנגען צו אַגענטן, האָבן דאָרט געוויזן וואָס זיי קענען, און זיינען אַזוי אַרום אַנגאַזשירט געוואָרן אין קליינע שטעטלעך צו שפּילן די ראָלן, אין וועלכע זיי האָבן געזען זייערע באַליבטע שוישפּילער אין בערלין. כ'האָב זיי מקנא געווען און בין בסוד אויך אַוועק צו אַן אַגענט. איך האָב שוין געקענט אויף אויסנווייניק אַ רעפּערטואַר פון צוואַנציק ראָלן. האָב איך פאַר זיי פאָרגעשטעלט מיין פראַנץ מאָר, מעפיסטאָ און שיילאָק, און עטלעכע טעאַטער־דירעקטאָרס האָבן מיך שוין געוואָלט אַנגאַזשירן — איינער קיין קאָטבוס, אַ צווייטער קיין כעמניץ, אַ דריטער קיין בויטען. דאָס האָט מיך געשטאַרקט אין מיינע האָפענונגען. אָבער כ'האָב ניט געוואָגט צו אַנגאַזשירן זיך אָן מילאַנס צושטימונג. וויפל איך האָב שוין אויסגעלערנט

ביי אים, האָב איך נאָך געננוי נישט געוואוסט; כ׳בין אָבער געווען איבער־צייגט, אַז איך דאַרף נאָך אַ סך לערנען. און דאָ ציטער איך פון באַגער צו זיין שוין אויף דער בינע, צו קאָנען זיך אַליין אויספּרואוון אין מיין נייער שפּראַך...

איך האָב עס דערציילט פריילין בורקהאַרט. זי האָט מיך אויסגעהערט, מיטגעפילט מיט מיר און צוגעזאָגט צו רעדן וועגן דעם מיטן פּראָפעסאָר.

אַ געוויסן טאָג הייסט מיר מילאַן פאַרשפּילן אייניקע זאַכן. ער הערט מיך אויס כמעט אַ האַלבן טאָג, און ניט ער רייסט מיר איבער, ניט ער בעסערט אויס. ענדלעך פאַרפירט ער מיט מיר אַ לענגערן, ערנסטן שמועס:

— יאָ — זאָגט ער — פריילין בורקהאַרט האָט מיר אַלץ דערציילט. איך פאַרשטיי: דו ביזט נאָך אַ יונג, ווילד קאַרפּאַטן־לאָשעקל, און וואָלסט נאָך אַמליבסטן וועלן אַזוי אַ בריקע טאָן, זיך אויסהירזשען ערגעץ אין סיי וועלכער פּראָווינץ־שטאַל. דאָס שאַדט ניט. אָבער פאַר דיר קאָן עס ווערן געפערלעך; וואָלסט דאָרט אויף אייביק צעטרעטנצלט דיינע נאַטירלעכע פיאַיקייטן. דו דאַרפסט נאָך, מען זאָל אויף דיר אויפפּאַסן, און ס׳איז נאָר אַ שאָד וואָס איך מוז איצט אַוועקפאָרן אויף אַ לענגערן רעציטאַציע־טור. וועט זיין דאָס בעסטע — איך וועל דיך שיקן צו מאַקס ריינהאַרט. דאָרט וועסטו אין זיין שוישפּיל־שול זיך אַביסל אויסטומלען מיט נאָך אַנדערע יונגע מענטשן, און דערנאָך וועלן מיר זען. וואָס דענקסטו וועגן דעם?

וואָס איך דענק! איך בין רויט געוואָרן, דאָס האַרץ האָט געזעצט — איך האָב גענומען שטאַמלען ווערטער פון דאַנקבאַרקייט.

ער האָט תיכף טעלעפאָנירט אין ריינהאַרטס „דויטשעס טעאַטער״, און דריי טעג שפּעטער האָב איך דאָרט געהאַלטן עקזאַמען און בין אויפגענומען געוואָרן.

— אָבער געדענק, קליינער גאַליציאַנער — זאָגט מיר אָן דער פּראָ־פעסאָר — זאָלסט מיר נישט אָנטאָן קיין בושות און ווערן צופיל איינגע־בילדעט ביי זיך. דאָס איז אַ קראַנקהייט, פון וועלכער עס ליידן די מייסטע שוישפּילער. דערפאַר בלייבן זיי שטענדיק נאָר מיטלמעסיקייטן. דאָס אמת־גרויסע דערגרייכט מען בלויז, ווען מען שטעלט דאָס געטרייע העכער פון דער פערזענלעכער אייטלקייט. די טאַט איז תמיד וויכטיקער ווי דער מענטש, וואָס טוט זי. דער מענטש פאַרגייט, אָבער די טאַט בלייבט. אונדזער זאַך איז צו דינען דער קונסט פון דיכטערס וואָרט — שעקספּירס וואָרט, געטעס — און ערשט ווען דו וועסט באמת דערפילן דעם געשמאַק פון וואָרט, וועסטו גליקלעך זיין צו קאָנען דינען דער דאָזיקער קונסט. טראַכט נאָך וועגן דעם.

און מיט דער עכט־דייטשער שושפּילער־ברכה „האַלדז־און־ביין־ברוך״, האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט.

איך האָב לאַנג וועגן דעם נאָכגעטראַכט: פלעגט דען נישט אויך שימשעלע מילניצער, מיין אַלטער רבי אין קליינעם שטעטל האָראָדענקע, פונקט אַזוי רעדן וועגן דער הייליקייט פון וואָרט? פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט גערעדט וועגן וואָרט אין דער הייליקער תורה, און מיין נייער רבי, עמיל מילאַן, אין אַט דער גרויסער, אייראָפּייאישער וועלט, האָט גערעדט וועגן דעם וואָרט אין דער דיכטונג, וועגן דער הייליקייט פון וואָרט אין טעאַטער — —

כ׳האָב לאַנג דעריבער נאָכגעטראַכט און איך טראַכט נאָך היינט וועגן דעם.

אַ נאָמען איז נישט בלויז קלאַנג און רויך

אין „דויטשעס טעאַטער" האָבן שוין געוואָרט עטלעכע הונדערט יונגע מענטשן צו ווערן אויפגענומען אין דער דאָרטיקער שוישפּיל־שולע. יום־טובדיק אָנגעטאָן, זיינען זיי געשטאַנען אין גרופּעס מיט לייכטנדיקע, נייגעריקע אויגן און אויפגערעגט גערעדט און זשעסטיקולירט. יונגע, פאַרחלומטע מענטשן, פול מיט האָפענונגען, אַז באַלד וועלן זיך פאַר זיי עפענען די טויערן פון קונסט — אַט וועלן זיי אַריבערטרעטן די ערשטע שוועל צו דער נייער וועלט, די טעאַטער־וועלט. אָבער אין פאָיעי פון די „קאַמער־שפּילע" איז שוין געווען אויפגעשטעלט די ערשטע באַריקאַדע קעגן זיי — טישן און שטולן פאַר דער פּריפונג־קאָמיסיע. אַט די פרעמדע מענטשן האָבן עס באַדאַרפט באַשטימען ווער ס׳איז זוכה אויסדערוויילט צו ווערן, אַז די טויערן פון די מוזעס זאָלן זיך פאַר אים עפענען; אָדער ווער עס זאָל צוריקגעשטויסן ווערן אין דער גרויער וואָכעדיקייט, צווישן די מיליאָנען אומבאַקאַנטע מיט אַ לאַנגווייליקער באַשעפטיקונג אין דער קליינבירגערלעכער וועלט. יום־כיפור ווערט אין הימל געחתמעט לעבן און טויט; ווער ס׳זאָל אומקומען דורך פייער און ווער דורך וואַסער, ווער פון אַ מגפה און ווער פון אַנדערע פורעניותן. אָבער יום־כיפור איז דאָך יעדעס יאָר; קאָן מען כאַטש, בעת אַ גאַנצן לעבן, איין מאָל אין אַ יום־כיפור זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר. אָבער דאָ איז „יום־כיפור" נאָר איינמאָל אין לעבן! דאָ זיצן מענטשן מיט דיזעלבע הענט און פיס און אויגן ווי דו; און זיי דאַרפן דאָס אַרויסגעבן דעם פּסק־דין צי דו האָסט אַ רעכט צו חלומען וועגן האָפענונגען, אָדער ניין; צי דו מעגסט שטרעבן צום ציל, צו קאָנען געבן דיין טיפסטן מענטשלעכן אויסדרוק אין אַ פּראָפעסיע, צו וועלכער די מייסטע פון זיי געהערן אַליין...

אַרום דעם טיש זיינען געזעסן שוישפּילער, רעזשיסערן, דראַמאַטורגן.

אָט איז די קליינע, צירלעכע און קלוגע גערטרוד אייזאָלד, וועלכע שרייבט אַמאָל אַרטיקלען וועגן טעאַטער; און אָט דער ברייטפּלייציקער עדואַרד פאָן ווינטערשטיין, מיטן מאָנאָקל אין אויג, דער בעסטער פאָרשטעלער פון „פּריינט" אויף דער בינע. אין יעדן שטיק, וואו מאָיסי אָדער באַסערמאַן האָבן געהאַט אַ פּריינט, איז אָט די ראָל געשפּילט געוואָרן פון ווינטערשטיינען. ער איז געווען דער בעסטער קענט אין „קעניג ליר" און דער געטרייסטער האָראַציאָ אין „האַמלעט". יאָרן שפּעטער, בעת איך האָב זיך געחברט מיט זיין זון גוסטאַוו, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער האָט גאָר ניט „געשפּילט" קיין „פּריינט"; ער איז עס געווען אין לעבן. אַ טייערע נשמה מיט אַן אויסגעצייכנטן כאַראַקטער, ווי קענט און האָראַציאָ, איז פאָן ווינטערשטיין שטענדיק אַן אויפריכטיקער, אמתער פריינט, אַ וואונדערבאַרער מענטש. לעבן זיי געפינט זיך דער קליינער און דיקער וויקטאָר אַרנאָלד, אַ קאָמיקער, וואָס האָט געקאָנט פאַרגיסן טרערן צוזאַמען מיטן פּובליקום: ער — שפּילנדיק, און דאָס פּובליקום — געניסנדיק פרייד און געלעכטער. אַן אייביקער שוישפּילער מיט אַ געניאַלער קלאַון־מאַסקע. ווייטער זיינען געזעסן פעליקס האָלענדער, יאָזעף קליין, ריכאַרד אָרדינסקי, אַלבערט בלומענרייך, אַרטור קאַהאַנע, היינץ העראָלד, באַראָן פאָן גערסדאָרף און ריינהאַרטס אַסיסטענט, בערטאָלד העלד, דער מייסטער פון רעדן און אָנפירער פון דער שוישפּיל־שולע. ריינהאַרטן אַליין האָט מען ניט געזען.

דער עקזאַמען האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. פון די דריי ביז פיר הונדערט קאַנדידאַטן האָט מען באַדאַרפט אויפנעמען נאָר הונדערט. פון זיי האָט מען געוויינלעך, נאָך אַ האַלב יאָר לערנען, אַרום זעכציק אַוועקגעשיקט, און די איבעריקע פערציק האָבן געצאָלט אין שולע 1,200 מאַרק אַ יאָר, און נאָך צוויי יאָר לערנען זיינען זיי פאַרטיק געוואָרן ווי פרישגעבאַקענע שוישפּילער.

טשיקאַווע מענטשן געווען אָט די קאַנדידאַטן. אַ סך יונגע חברה־לייט שרייבן סענטימענטאַלע לידער, אָדער ווילדע דראַמעס מיט אַ טויט מאָרדן אין יעדער סצענע; אַנדערע שפּילן זיך אין מאָלעריי; אָבער געוויינלעך ווערט דאָס געטאָן בסוד, קיינער זאָל ניט וויסן. אַנדערש ביים טעאַטער. צו דער בינע רייסט זיך יעדער גאַליאָרקע־באַזוכער, און ווער נישט? וואָרים וואָס דאַרף דען טאָן אַ שוישפּילער? רעדן. און ווער, דענקען זיי, קאָן דאָס ניט רעדן? מעלדן זיך צו די עקזאַמענס פאַרשיידענערליי קאַנדידאַטן. די מייסטע פון זיי שטאַמען פון אַמאַטאָרישע געזעלשאַפטן און האַלטן זיך שוין פאַר גאַנצע שוישפּילער. עס קומען אָבער אויך אַלטע „אייביקע" סטודענטן, געוועזענע אָפיצירן, וועלכע האָבן „געבראָכן זייער ערנוואָרט" און זיינען דערפאַר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער אַרמיי; אויך גלאָט

הוליאַקעס, וועלכע עס ציט צום טעאַטער, ווייל זיי מיינען, אַז זיי וועלן קאָנען שלאָפן שפּעט. פאַראַן טעכטערלעך פון „בעסערע" הייזער, וועלכע טרעטן־אויף מיט רעציטאַציעס צו יעדן געבורטסטאָג און אַנדערע פאַמיליע־יום־טובים; ווערן זיי דערנאָך דערמוטיקט פון מומעס און גלאַט קרובים צו ווילן אַ טעאַטער־קאַריערע און ווערן „קינסטלער". פאַראַנען אויך פאַר־פיעשטשעטע זינדלעך, וועמען די היים גיט אַלץ נאָך, וועלכע האָבן נאָך אין לעבן קיין „ניין" ניט געהערט און מיינען, אַז אויך די קונסט וועט זיי ענטפערן מיט אַ „יאָ". מ'טרעפט אויך אייניקע מיט בלאַסע פּנימער און מיט אַ מורא אין האַרץ, ווי זיי וואָלטן געהערט אין זיך דעם שופר פון הייליקן יום־הדין. נאָר געציילטע קומען באמת צוגעגרייט, מיט מי־פולער אַרבעט איבער זיך און איבערן מאַטעריאַל, אין וועלכן זיי דאַרפן זיך ווייזן.

פאַר דער קאָמיסיע איז אַזאַ עקזאַמען אַ גאַנץ וואוילער אונטערהאַלט. ניטאָ קיין מער קאָמישע זאַך ווי מענטשן, וועלכע נעמען זיך אַליין צו ערנסט. אייניקע „גאַלאָפּירן־דורך" זייערע פּאָעמעס און מאָנאָלאָגן ווי יונגע, ווילדע קאָזאַקן־פערד. אַנדערע קאָפּירן דעם טאָן און זשעסט פון זייערע באַליבטע שוישפּילער, אָדער מאַכן גלאַט אַן אָנשטעל מיט גרימאַסן פון צירק־קלאָונען און ביליקע מימיק־שפּילער. אַ מיידל רעציטירט זייער לאַנגווייליק, מיט איבערגעטריבענע, געצאַצקעטע זשעסטן, אַ גאַר לאַנגע פּאָעמע, און ווען זי ענדיקט, ווענדט זי זיך צו דער קאָמיסיע: „איאָ שיין?" „אַ שיינע געדולד ביי אייך", ענטפערט איר איינער פון דער קאָמיסיע. איינער דעקלאַמירט אַ געדיכט וועגן אַ הענקער, און ביים סוף פאַלט ער צו צו אַ שטול און נעמט ריטמיש ציען מיט די אַקסלען — דאָס כליפּעט ער אַזוי.

— איך קען זיך אויך מאַכן קאָמיש — פאַרזיכערט ער, ווען ער איז פאַרטיק.

— דאָס האָבן מיר געזען — באַמערקט אַ צווייטער פון דער קאָמיסיע, און אַלע צעלאַכן זיך.

אַן אַנדערער שטעלט זיך אויף דעם קאָלנער, שטרעקט־אויס דעם קאָפּ, פאַרגלאָצט די אויגן און נעמט שעפּטשען פאַר זיך פראַנץ מאָרס משוגעים־סצענע; מיט אַמאָל כאַפּט ער אַרויס פון קעשענע אַן אמת קיך־מעסער און פאָכעט אין דער לופטן — איז ווידער דאָ פון וואָס צו לאַכן.

צווישן די הונדערט אויפגענומענע בין איך געווען דער איינציקער סטודענט, וואָס האָט ניט געצאָלט פאַרן לערנען. אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט באַדאַרפט פאַרקומען די גרויסע „רייניקונג" — דער עקזאַמען פאַרן פּראָ־פעסאָר רייגהאַרט אַליין. געלערנט האָט מען שטים־בילדונג, גימנאַסטיק, דער עיקר פעכטן, גרים, דיקציע, און מ'האָט איינשטודירט ראָלן. אין די אָוונטן פלעג איך אויך זיין אַ שטאַטיסט און באַקומען פאַר דעם דרייסיק מאַרק אַ חודש — נישט צום לעבן, נישט צום שטאַרבן. איז מיר ווידער

צונויף געקומען מיין אַלטע פּראַפּעסיע: איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך פלעג איך אַרויסהעלפן ביי דער אַרבעט אין אַ בעקעריי און אַזוי, ווי נישט איז, זיך דורכגעשלאָגן. אָבער וועגן דעם האָט קיינער ניט געטאָרט וויסן. אַלע איבעריקע סטודענטן האָבן געשטאַמט פון „בעסערע“, בירגערלעכע פאַמיליעס; און איך בין זיך פאַרגעקומען ווי איך וואָלט זיך אַריינגע־שמוגלט אין אַ „פיינער“ געזעלשאַפט, צו וועלכער איך געהער ניט, און מ׳קאָן מיך פון דאָרט יעדע רגע אַרויסיאָגן צוליב מיינע גרויסע הענט און קרומע פיס. דערצו האָט מיך דער אָנפירער פון דער שולע, הער העלד, ניט איבעריק ליב געהאַט. ער האָט געשטאַמט פון אונגאַרן — מסתם ניט ווייט פון מיין גאַליצישער היים. קליידן פלעגט ער זיך ווי אַ קליינשטעטל־דיקער פראַנט, וועלכער שטעלט זיך פאָר, אַז אַזוי גייט מען אָנגעטאָן אין פאַריז: אין אַ גיי־ראָק מיט ווייסע קאַמאַשן, העלע הענטשקעס און אַ מאָנאָקל, וואָס פלעגט אים גאַנץ אָפט אַרויספאַלן פון אויג. אָנטאָן פלעגט ער עס נאָר, ווען ער האָט געלערנט מיט אונדז אין קלאַס, אָדער ווען ער האָט אַמאָל געדאַרפט איינשטעלן אַ קליין ראָלעכל מיט אַ מינדערוויכטיקן שוישפּילער. ער האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיך, און ביי יעדער גע־לעגנהייט האָט ער, מיט אַ זויערער פּנים און אַ מינע פון גרויס־וואָן, זיך אַליין גענומען ווי אַ ביישפּיל. גאַנץ אַנדערש אָבער האָט ער זיך געהאַלטן, ווען ריינהאַרט איז געווען דערביי. דעמאָלט פלעגט ער זיך היטן אָנצוטאָן זיין מאָנאָקל אָדער די ווייסע קאַמאַשן, און האָט אַפילו צוקער־זיס געשמייכלט צו אַלעמען ווי אַן אונטערטעניקער הונט. אַ געוועזענער שוישפּילער, וואָס איז קיינמאָל קיין שוישפּילער ניט געווען, איז ער אויך איצט ניט געווען זיכער מיט זיין שטעל. יעדער האָט געוואוסט, אַז ער האָט באַקומען דעם איצטיקן פּאָסטן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס ער איז אַמאָל געווען צוזאַמען מיט ריינהאַרטן, ווען ריינהאַרט אַליין איז נאָך געווען אַן אָנפאַנגער ערגעץ אויף דער פּראָווינץ. ווי אַ לערער, האָט מען אים געפאָלגט, אים ניט אָקעגנ־גערעדט; אָבער קיינער האָט פון אים ניט געהאַלטן און אים ניט ליב געהאַט. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט עס אַפילו ניט באַמערקט — ווי יעדער, וואָס איז פאַרטאָן בלויז אין זיך אַליין. אַזעלכע לערער וויסן קיינמאָל ניט ווי שטאַרק זייערע תּלמידים קוקן זיי נאָך און פאַרגעדענקען זייער יעדן לעכערלעכן זשעסט, אָדער נאַריש וואָרט. קורץ, דער דאָזיקער הער העלד איז שוין גאָר קיין העלד ניט געווען. אָבער מען איז פאָרט געווען אָפּהענגיק פון אים ווי אַ לערער, פלעגן אים די סטודענטן באַהאַנדלען „דיפּלאָמאַטיש“ און „פּסיכאָלאָגיש“. אַליין אַ פאַרביטערטער און, ווי ער האָט געגלויבט, אַ „געקריוודעטער“, האָט ער ביי אַנדערע מיט אַ כיוון געזוכט נאָר חסרונות. ער האָט קיינמאָל ניט געגלויבט דאָס גוטע און פּאָזיטיווע; דערפאַר אָבער האָט ער זיך שטענדיק אָנגעכאַפּט אָן נעגאַטיוון און אַלץ געמאַכט צו קליינ־

געלט, נישטיק און מיאוס. מיט באַזונדערן חשק האָט ער זיך געטשעפּעט צו מיר. איך האָב נאָך גערעדט מיט אַן אויסלענדישן אַקצענט; פּלעגט ער מיר נאָכקרומען און חוזק מאַכן פון מיר. וואָלט ער אַליין ניט געווען אַ ייד, וואָלט איך אים געהאַלטן פאַר אַן אַנטיסעמיט. אָבער ער איז סיי ווי געווען פון יענעם מין „יידישער אַנטיסעמיט", וואָס אין אונטערבאַוואוסטזיין מעסט ער אַן זיינע אייגענע שוואַכקייטן דעם גאַנצן יידישן פאָלק, פון וועלכן ער וויל דערזערטירן דורך אַסימילאַציע. נאָר אַזוי ווי דאָס געלינגט נישט, בלייבט ער שטענדיק ערגעץ־וואו הענגען — נישט אַהין, נישט אַהער — און האָסט אַזוי אַרום אייגנטלעך זיך אַליין אין דער געשטאַלט פון זיינס־גלייכן.

מיט זיין שנאה צו מיר האָט אויך אַ שייכות געהאַט די שילערין סאָניאַ באָגס. העלד האָט ליב געהאַט צו אַרבעטן מיט זיינע סטודענטן אויך „פּריוואַט"; פּלעגן אָפּט די מיידלעך דערציילן פון חדר וועגן אָט דעם לעבע־יונג. סאָניאַ האָט געהאַט אַ פּרעך, טאַטעריש פּנימל און האָט מיט אירע גרינלעך־בלישטשענדיקע אויגן ניט איינמאָל געבראַכט מענער אין פאַר־לעגנהייט. מיר האָט זי געזאָגט, אַז זי לערנט ביי העלדן פּריוואַט, כדי איינצושטודירן וועדעקינדס ביי טעאַטער־שטיק „לולו". איינמאָל האָט ער איר געהייסן קומען צו זיך אַהיים. איך בין געווען אַביסל אייפערזיכטיק און זי געוואָרנט קעגן אים. זי האָט ניט געפאָלגט און איז יאָ געגאַנגען. אָבער נאָך דעמזעלבן אָונט האָט זי מיר דערציילט, אַז ווען ער האָט ביי זיך אין שטוב געוואָלט ווערן צו „פריינטלעך" צו איר, האָט זי אים אָפּ־געשטויסן מיט דער באַמערקונג, אַז „גראַנאַך איז געווען גערעכט". מער האָב איך נישט באַדאַרפט. באַלד נאָכדעם, ביי דער ערשטער לעקציע, האָט מיך העלד אַ פרעג געטאָן, אין קעגנוואָרט פון גאַנצן קלאַס, פאַרוואָס איך טו זיך ניט אָן אַביסל בעסער, ווען איך גיי אין שולע. איך האָב זיך שטאַרק פאַרשעמט. איינער פון די סטודענטן, ווילהעלם מורנאַו, וועלכן מ'האָט רעספּעקטירט צוליב זיין דאָקטאָראַט, האָט זיך געווענדט צו העלדן:

— אפשר האָט ער ניט גענוג געלט זיך „בעסער" אָנצוטאָן?!

— מעגלעך — ענטפערט אים העלד גראָב — אָבער פאַרוואָס מוז ער דווקא ווערן אַ שוישפּילער?

— ווייל ער האָט טאַלענט, הער העלד! — האָט אים מורנאַו בייז אַריינגעזאָגט, און דער גאַנצער קלאַס האָט פון צופרידנקייט זיך צעלאַכט.

העלד האָט דערפילט, אַז זיינע אייגענע סטודענטן האָבן אים איצט דערלאַנגט איבער דער נאָז.

— אַזוי? — האָט ער בייז אַ מאַך געטאָן, אַרויסגענומען זיין קליין נאָטיץ־ביכל און אָנגעטאָן דאָס מאַנאָקל — איך גלויב ניט אין זיין גרויסן טאַלענט. ביי מיר וועט ער פאַר „מאַקסן" קיין עקזאַמען ניט האַלטן.

צו די סטודענטן פלעגט ער שטענדיק רעדן וועגן ריינהאַרטן ווי וועגן זיין „פּריינט מאַקס" — כדי זיי צו ווייזן ווי שטאַרק זיי ביידע „פּריינטלען" זיך.

פאַרשרייבנדיק עפּעס אין באַטיץ־ביכל, האָט ער ווייטער באַמערקט:

— ניין, ביי מיר איז ער נאָך ניט גרייט צום עקזאַמען; ביי מיר האָט ער נאָך צו ווייניק געלערנט. ער זאָל שוין האָבן אַזש אַזוי פיל טאַלענט...

איך האָב מער ניט געקאָנט זיך איינהאַלטן. דערמוטיקט דורך מורנאַו און דעם גאַנצן קלאַס, האָב איך הויך זיך צעשריגן:

— הער העלד! איך ניט געקומען בין קיין דייטשלאַנד און צו „זי" צו לערנען טאַלענט, נאָר צו לערנען טעכניק, טעכניק, טעכניק!!

דער גאַנצער קלאַס האָט זיך צעהילכט פון געלעכטער, און העלד האָט בייז געהילכט נאָך העכער, אויסבעסערנדיק מיין פעלערהאַפטן דייטש:

— ניט צו „זי", נאָר צו „איהנען"! צו „איהנען"!

— יאָ, יאָ! אָט דאָס מיין איך טאַקע! — האָב איך געשריגן נאָך העכער — „זי", „איהנען", — איר ווייסט אויסגעצייכנט וואָס איך מיין!

מיר איז שוין געווען אַלץ איינס — זאָל מען מיך אַפילו אַרויסוואַרפן פון דער שולע.

אָט דער צווישנפאַל האָט זיך באַלד צעטראָגן איבער אונדזער טעאַטער־קרייז ווי אַ בראַנד פייער. די אַנדערע רעזשיסערן, וועלכע האָבן אויך ניט ליב געהאַט העלדן, האָבן מיר געגעבן גערעכט. די שוישפּילער האָבן צו־פרידן געשמייכלט און מיר אַ נאָמען געגעבן „טעכניק". דער דראַמאַטורג און פאַרשטייער פון טעאַטער, באַראָן פאָן גערסדאָרף, פאַר וועלכן איך האָב אויסגעגאָסן מיין פאַרביטערט האַרץ, האָט געהאַט מיט מיר אַ לענגערן שמועס און מיך באַרואיקט:

— לאָזט עס איבער צו מיר. איר וועט קומענדיקע וואָך האַלטן עקזאַמען פאַרן הער ריינהאַרט.

אַזוי האָב איך מיט אַמאָל געצויגן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. די רעזשיסערן און שוישפּילער זיינען געוואָרן אַ סך פריינטלעכער צו מיר; בפרט די סטודענטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די שפּעטער־באַרימטע קאָנראַד ווייט, ווילהעלם מורנאַו, לאָטער מיטעל, וואַלטער שטאַרם און אַנדערע. וואַלטער האָט מיך פאַרבעטן קומענדיקן זונ־טיק צו עסן מיטיק ביי זיינע עלטערן אין דער היים. איך האָב געוווינט אין אַ בוידעם־שטיבל פאַר צוועלף מאַרק אַ חודש, און די שכנים האָבן זיך באַקלאָגט, אַז איך לערן מיינע ראָלן צו הויך. איז קיין וואונדער ניט וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק מקנא געווען די אַנדערע סטודענטן, וועלכע האָבן מייסטנס געוווינט אין דירות מיט פלושענע סאָפעס און ווייכע שטולן. אין אָט אַזאַ דירה פון פערצן שטיבער האָבן געוווינט וואַלטערס עלטערן.

מיר זיינען קודם געזעסן אַביסל אין וואַלטערס קאַבינעט, דערנאָך זיינען מיר געגאַנגען עסן. די גרויסע צאָל שטיבער, מיט די רויטע פּלוש־סאָפעס און געבלימלטע שטולן, האָבן מיך אַביסל פאַרווירט. אָבער איך האָב וואַלטערן פּונקט אַזוי מקנא געווען מיט זיינע קליינע צאַרטע הענט און מיט די ניט־קרומע פיס... ער איז אויך געווען ציכטיק אָנגעטאָן, מיט קאַמאַשן אויף די שיך, און פלעגט אַמאָל אויך אָנטאָן אַ מאָנאָקל. אַ שויִ־שפּילער, האָט ער געטענהט, מוז שפּילן אַפּיצירן, באַראָנען, גראַפן, און ער דאַרף זיך דאַרום צוגעוואוינען צו אַט די אַלע פיינע זאַכן.

ביים טיש זיינען געזעסן זיין רייכער טאַטע, דער הויפּט־שותּף פון דער פירמע „שטאָרם און קאָמפּאַני", די מוטער מיט די עלטערע און יינגערע קינדער, אַ צווייטער שותּף מיט זיין פאַמיליע, עטלעכע פעטערס און גאָר אַ סך מומעס. ביים פאָרשפּייז האָט מען גערעדט וועגן שילדקרויטס גטן זיך; ביי דער זופּ — וועגן מאָיסיס „עדיפּוס" און אַנדערע ראָלן; ביים פלייש מיטן צושפּייז — וועגן וועגענערס „מעפיסטאָ" און באַסערמאַנס „קעניג פיליפּ"; און ביים קאָמפּאָט האָט מען שוין געלאַכט פון אַרנאָלדס קאָמישע שטיק אין „זומערנאַכט־חלום".

נאָכן פיינעם עסן האָבן די מענער פאַררויכערט גרויסע ציגאַרן, און מיר זיינען אַלע אַריין אין סאַלאָן, וואו מ'האָט אונדז געהייסן „באַווייזן אונ־דזער קונסט". האָבן מיר זיך צעלאָזן מיט אונדזער רעפּערטואַר — מיט מאָנאָלאָגן און פּאָעמעס, און די געסט האָבן אַלץ פאַרלאַנגט נאָך און נאָך. צום שלוס האָבן מיר נאָך געשפּילט די אָפּמאַך־סצענע פון „פאַוסט"; וואַלטער — פאַוסט, און איך — מעפיסטאָ. איצט האָט מען געטרונקען קאַווע מיט קוכן און געגומען „פאַכמעניש" רעדן וועגן טעאַטער. דאָס הויפּט־וואָרט האָבן געהאַט די מומעס, און איבער זיי אַלע האָט דאָמינירט די זייער באַריידעוודיקע טאַנטע עמאַ. דיק איז זי געווען, אַז זי האָט זיך קוים אַריינגעקוועטשט אין דעםברייטן קלוב־שטול, וועלכער האָט שיער ניט געפּלאַצט אונטער איר פּולקייט. אירע רויטע באַקן און דער פעטער גוידער האָבן זיך ריטמיש געוואַקלט ביים רעדן, און אַ בינטל בלאָנדע האָר האָבן איר, ניבע „אָן כוונה", געהאַלטן אין איין אַראָפּפאַלן אויפן פּנים ביז איבער דער נאָז. ביי יעדע עטלעכע ווערטער האָט זי אַ בלאָז געטאָן פון זיך דאָס בינטל האָר; האָט זיך עס אויפגעהויבן אין דער הויך ווי אַ וואָלקע, און באַלד ווידער אַראָפּגעפאַלן איבער איר פּנים. פון איר טיף־אויסגעשניטן, וויאָלעט קלייד האָבן זיך אַרויסגעזען ווייסע, פולע ברוסטן, וואָס האָבן געשפּאַרט פון איר לייב ווי צוויי איבערגעפילטע אייטערס פון אַ קו און געאָטעמט שווער אַראָפּ און אַרויף. זי האָט גערעדט וועגן שוישפּילער און טעאַטער מיט אַן הנאה ווי זי וואָלט געגעסן געבנדזענע גריוון. וועגן מאָיסין האָט זי ממש אַלץ געוואוסט: וואָס ער דענקט בעת



מעפיסטאָ (צוויי מאַסקע־שטודיעס) — אין געטעס „פאַוסט״, צווייטער טייל (בערלין, 1933)

אַ פאַרשטעלונג, ווי אַזוי ער שלאָפט, וואָס ער עסט און מיט וועמען ער חברט זיך. זי האָט גענוי געוואוסט באַסערמאַנס באַציאונג צו פערד און צו מוזיק, וועגן זיין גרויסן ראָמאַן מיט עלזע שיף און אַפילו אַז ער שטאַמט פון אַמאַליקע ווייננגערטנער. וועגן ריינהאַרטן שוין אָפגערעדט: ער האָט שוין בסוד חתונה געהאַט מיט עלזע האַימס און זיי ריכטן זיך באַלד צו ווערן טאַטע־מאַמע. זי האָט אַפילו פּערזענלעך געקענט וועגענערס אַן אָפּגעגטע פרוי, וועלכע האָט איר דערציילט אינטימע געשיכטעלעך פון טעאַטער־לעבן, וואָס מ׳קאָן ניט איבערחזרן אין אַן אָנשטענדיקער געזעלשאַפט. איצט האָט זי זיך גענומען צו אונדז: וואָלטערל האָט שוין אַלס קינד אַזוי גע־דרייט מיט די אויגן, אַז זי האָט באַלד געוואוסט, ער וועט אויסוואַקסן אַ קינסטלער.

— נאָר ווייסט — ווענדט זי זיך פלוצים צו וואָלטערן — דו ביזט באמת פיין; אָבער הער גראַנאַך וואַרפט אַזוי מיט זיינע לאָקן, איז אַזוי טעמפּע־ראַמענטפול; אָט דאָס איז קינסטלעריש! דו וואָלסט באַדאַרפט, נו — ווי זאָל איך עס זאָגן — אפשר אויך אַביסל מער זיך אויפרעגן און וואַרפן מיט די האָר ווי דער הער גראַנאַך. דו ביזט שטענדיק אַזוי קיל, אַזוי גלייכ־גילטיק. דאַרפסט זיך אַביסל מער אויפרעגן.

זי האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ פייכטן, באַגייסטערטן גלאַנץ אין די אויגן, און איך האָב זיך אַביסל צעטומלט פון איר בליק און איר אָטעמדיקער ברוסט.

וואָלטערס מוטער האָט איר צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק:

— עמאַ, דאָ מוז איך דיך שוין בעטן . . .

די טאַנטע עמאַ איז באַליידיקט געוואָרן און אירע בריסטן האָבן גע־נומען זיך באַוועגן נאָך שנעלער. די קלענערע קינדער האָבן זיך צעלאַכט. איינער פון די פעטערס האָט דערציילט אַן אַלטן וויץ וועגן צוויי רייזנדע אויף דער באַן קיין ברעסלאַו. אַלע האָבן איבערגעריבן געלאַכט — אָבער אַלץ מער פון דער טאַנטע עמאַ ווי פון נאַרישן וויץ.

וואָלטער און איך האָבן זיי איבערגעלאָזן, און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן צו מיר אין בוידעם־שטיבל. דאָ האָט ערשט וואָלטער אויסגעגאָסן פאַר מיר זיין האַרץ: ווי ער ליידט פון זיין משפחה, ווי שווער ס׳איז אים צו זיין מיט זיי. ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, ווי פּיינלעך עס קאָן זיין אַזאַ משפחה מיט אַלע זייערע פלושענע מעבל און פאַרוואַנצטע סאָפעס. יעדער קישן זייערער איז ווי אַ פלאַנטער פאַר די פיס, יעדע גענדזן־גריוועגע מומע ווי אַ שטיין אין וועג. איך האָב ניט געהאַט קיין מומעס, קיין קרובים, קיינער האָט מיר ניט געהאָלפן; אָבער קיינער האָט מיר אויך ניט גע־שטערט מיט קיין פוסטע „עצות". איך בין זיך געגאַנגען מיין וועג, געטאָן וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק. ס׳איז געווען שווער צו לעבן אין

אַ דאַך־שטיבל — אָבער דערפאַר בין איך געווען פריי, אומאָפּהענגיק, און וואַלטער, מיט זיינע קאַמאַשן און מאַנאַקל און מומעס מיט ווייכע סאָפעס, האָט געלעבט ווי אין אַ געפענגעניש. כ׳האָב פּלוצים דערפילט, אַז איך וואָלט זיך מיט וואַלטערן ניט געביטן. אַפילו די וואורשטלעך מיט קאַר־טאָפל־סאַלאַט פאַר פינף־און־צוואַנציק פעניג ביי אַשינגערן האָבן אָנגע־הויבן מיר טויזנט מאָל בעסער שמעקן ווי די פינף רייכע געריכטן אין וואַלטערס הויז. ווארים אָט די אַלע פעטערס און מומעס זיינען דאָך אַ קאַטאַסטראָפע, אַ לעבנס־געפאַר, פון וועלכער מ׳דאַרף זיך היטן און אַנטלויפן.

מ׳האָט מיך טאַקע ניט באַשטימט צום עקזאַמען פאַר ריינהאַרטן. אָבער גערסדאָרף האָט מיר געהייסן קומען. בין איך געשטאַנען אין פאַיעי פון די „קאַמערשפילע" און באַטראַכט ריינהאַרטן מיט זיין שטאַב, אין וועלכן ס׳האָט זיך אויך געפונען ריינהאַרטס ברודער, עדמונד, דער געשעפט־פאַרוואַלטער און פאַקטישער ליטער פון טעאַטער. מען האָט דורכגעקוקט די סטודענטן איינעם נאָכן אַנדערן. פּלוצים זע איך ווי גערסדאָרף שעפּ־טשעט עפּעס ריינהאַרטן אין אויער אַריין און ווייזט אים אָן אויף מיר. ער רופט מיך צו און שטעלט מיך פאָר. נאָך אייניקע פראַגעס, הייסט מען מיר עפּעס דעקלאַמירן. איך שפּיל פאַר זיי פראַנץ מאָר און דעם ערשטן שוישפּילער פון „האַמלעט". זיי שמייכלען צופרידן און הייסן מיר נאָך עפּעס פאַרטראָגן. נאָר העלד זיצט מיט אַ זויער פּנים און קוקט אויף מיר מיט פאַראַכטונג. איך האָב זיך גענומען העלדן אין זינען און אָנגעהויבן דעם שיילאָק־מאָנאָלאָג. און ווען ס׳איז געקומען צו דער שטעלע:

„ווען איר שטעכט אונדז, רינט ניט קיין בלוט?
ווען איר קיצלט אונדז, לאַכן מיר ניט?
ווען איר פאַרסמט אונדז, שטאַרבן מיר ניט?",

האָב איך דירעקט אַריבערגעקוקט צו העלדן. קעגן אים איז געווען גע־ווענדט מיין גאַנצער צער און צאָרן, קעגן אים פאַרזענלעך — און טרערן זיינען מיר גערונען איבער די באַקן. איך בין באמת געווען אומגליקלעך, האָב איך אַן אַלעמען פאַרגעסן און אויסגעשריגן מיין ווייטיק קעגן דער וועלט.

איך האָב געענדיקט און בין געשטאַנען אַביסל אַ פאַרשעמטער. אָבער דאָ איז צוגעקומען ריינהאַרט און מיט זיין מערקווירדיק אָפּגעמאָסטענער שטים האָט ער מיר געזאָגט עטלעכע פריינטלעכע ווערטער און דערנאָך געפרעגט פון וואַנען איך קום. איך האָב אים געזאָגט.

— פאַרשטייט זיך! — האָט ער זיך געווענדט צו זיין שטאַב — אַ לאַנדסמאַן פון באָגומיל דאַווידזאָן.

ער האָט מיר געדריקט די האַנט מיט אַ צופרידענעם געלעכטער און געזאָגט צו עדמונדן:

— מיר מאַכן מיט אים אַ פינף־יאָריקן קאָנטראַקט.

אַלע פון שטאָב האָבן גראַטולירט, נאָר העלד האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, יאָ, מזל איז אַ חזיר און קריכט צו זיינסגלייכן.

אָבער איך האָב זיך ניט געערגערט פון זיין באַמערקונג און בין געווען גליקלעך. צו קריגן אַ קאָנטראַקט נאָך איידער איך האָב געענדיקט די שולע, איז געווען מער ווי איך האָב דערוואַרט.

נאָך דעמזועלבן נאָכמיטיק האָב איך אין קאָנטאָר ביי עדמונדן אונטערגעשריבן דעם פינף־יאָריקן קאָנטראַקט. דאָס ערשטע יאָר — 75 מאַרק אַ חודש, דאָס צווייטע — 125 מאַרק, דאָס דריטע — 250, ס'פערטע — 350, און ס'פינפטע יאָר — 500 מאַרק אַ חודש. דערנאָך האָט מען מיר געהייסן גיין צום סעקרעטאַר פון טעאַטער, אַטאַמאַר קיינדל, וועלכער האָט מיר געגעבן עטלעכע קליינע ראָלן פון פיעסעס, וואָס זיינען שוין געווען אין רעפּערטואַר.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָבעס פון טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת". איך האָב באַדאַרפט שפּילן אַ קעלנער אין ניינטן בילד, וועלכער האָט צו זאָגן: „איך ווייס גאָרנישט". די דאָזיקע ווערטער האָבן מיך וואָכנלאַנג פאַרפאָלגט טאָג און נאַכט. כ'האָב דורכגעקייעט יעדעס וואָרט, יעדן קלאַנג. זייערע בוכשטאַבן האָבן געטאַנצט אין מיין מוח אַפילו אין חלום. דער קעלנער איז פאַר מיר געוואָרן די וויכטיקסטע ראָלע אין שטיק. דער פאַרצווייפלטער פעדיאַ־מאַיסי איז אין יענעם בילד איינזאַם, פאַרלאָזן, געזונקען צום נידעריקסטן שטאַפּל פון לעבן; דער שפּיאָן וויל אים נאָך מער שלעפּן צום אָפּגרונט, און ער נעמט מיך פאַר אַן עדות — אָבער „איך ווייס גאָר נישט". איך ווייס גאָר נישט — איך ווייס גאָרנישט — איך ווייס גאָרנישט! איך בין מאַיסי־פעדיאַס איינציקע רעטונג; און איך האָב אים דאָך ליב; איז מיר שרעקלעך אומאַנגענעם עדות צו זאָגן קעגן אים. מוז איך דאָס „אויסשפּילן" מיט האַרץ, מיט נשמה, מיט געפיל און פּראָטעסט — — יאָ, ס'איז אַן אומגעהייער שווערע אויפגאַבע!

ביי די פּראָבעס בין איך געזעסן אין אַ ווינקל און צוגעקוקט ווי ריינהאַרט אַרבעט מיט די שוישפּילער: ווי יעדער זשעסט און טאָן, יעדע קלענסטע באַוועגונג ווערט באַרעכנט, פאַרטייטשט און איינגעשטעלט, ווי מען צעוואַרעמט זיך, און די פּראָבע ווערט אַ סך אינטערעסאַנטער און שענער ווי אַ פאָרשטעלונג! איך האָב געזען ווי ריינהאַרט הערט זיך צו און ווי יעדער איינדרוק זיינער שפּיגלט זיך באַלד אָפּ אויף זיין אויסדרוקספולן פּנים; ווי ער „שרייפט אַרויף" געוויסע שטעלן, און אַנדערע שטילט ער איין; ווי די גרויסע שוישפּילער הערן זיך צו צו אים ווי קליינע קינדער, ווי זיי שטודירן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים, דעם שעפּטש פון זיינע ליפּן און זוכן הילף אין זיינע אויגן. אָט דאָס קעגנזייטיקע „געבן

און „נעמען" האָט באַשאַפן אַרום זיך אַן אַטמאָספער, וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן די אייגענע צייט און אָרט, און מ'האָט זיך באַרוישט און באַגליקט מיטן דיכטערס געדאַנק און וואָרט און סיטואַציע — — — און אין מיר איז געוואַקסן דאָס גליקלעכע געפיל, וואָס איך קאָן זיין דערביי און אָטעמען דיזעלבע קינסטלערישע לופט ווי זיי — אָט דיזעלבע, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט און פאַרגעטערט; וועמענס שטים, זשעסט און באַוועגונג איך האָב איינגעזויגן אין זיך, זיצנדיק אויף דער גאַליאַרקע, און דערנאָך געחלומט וועגן זיי! דאָס איז דאָך מאָיסי מיט דער זינגענדיק־איטאַליעני־שער שטים, מיט די גרויסע, ברוינע אויגן, וועלכער האָלט אַזוי מעלאַנ־כאָליש־ליריש דעם קאָפּ אַן אַ זייט; וועלכער רעדט פּונקט אַזוי ליב און היציק אין פּריוואַטן לעבן ווי ווען ער שפּילט ראָמעאָ; פּונקט אַזוי מעלאַדיש און איבערגעלייגט־באַזאָכט ווי אין האַמלעט. אָט איז „פּאַפּאַ" שילדקרויט מיט זיין שווערן אָטעם און אייביק גוטמוטיקן, אייביק געפיל־פולן, פאַטערלעכן בליק אין זיינע קאַלבס־אויגן. און דאָ איז באַסערמאַן מיט דער אַביסל „פאַרלייגטער" שטים, מיט יענער זיד־דייטשער, איינ־טאָניקער קלאַנג־פאַרב — די „באַסערמאַנישע" קלאַנג־פאַרב און באַסער־מאַנישע טעכניק; מיטן קערפּער פון אַ יונגער, גלייכער טאָפּאָליע, און מיט בלויע, זוניק־שטראַלנדיקע אויגן! אָט איז דאָך דער זאַפּטיק־קערנ־דיקער וועגענער, וועלכער שפּריצט מיט פּרעך־אַגרעסיוון הומאָר אויך אין טעגלעכן לעבן!

ריינהאַרטס פאַרנעם איז גרויס: אין צירק ווערט צוגעגרייט „מיראַקל", אין די „קאַמערשפּילע" — אַ סטרינדבערג־שטיק, אין „דויטשעס טעאַטער" — „דער לעבעדיקער מת". ס'איז פרילינג, און די שוישפּילער שטייען אין גרופּעס אויפן הויף — אויף יענעם ליבן, אומפאַרגעסלעכן הויף פון „דויטשעס טעאַטער". די פּראָבע האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן, רעדן זיי צווישן זיך פּריוואַט — און איך פאַרגנבע זיך נאָענט צו זיי, כדי אונטער־צוהערן זייערע רייד וועגן דער פּראָפעסיע, וואָס איז פאַר מיר אַזוי הייליק. אָבער איך גלויב קוים מיינע אויערן — זיי רעדן דאָך צווישן זיך פּונקט ווי אַנדערע מענטשן! וועגענער דערציילט מיט דער הנאה פון אַ זויפער:

— . . . האָב איך נעכטן ביינאַכט דערטאַפּט אינעם קעלער אַ פלאַש בורגונדער! דאָס האָט נאָך אַוודאי מיין עלטער־זיידע זי דאָרט באַהאַלטן. איז ניט לאַנג געטראַכט, און איך האַק אָפּ דעם קאָפּ ביי דער פלאַש — קינדער, קינדער, קינדער . . .

ער באַלעקט זיך נאָך מיטן טעם פון ווייַן.

באַסערמאַן שטייט אין רייטהויזן, מיט שפּאָרן, און רעכנט אויס אַלע מעלות פון זיין „ליזאַ", דאָס דריי־יאָריקע שקאַפּקעלע.

— זיכער, אַלעקסאַנדער, זיינען די ערשטע חודש־רעטעכלעך געשמאַק

— דערקלערט די אייזאַלט מאַיסין — נישטאָ אָבער קיין געשמאַקערע זאַך אין פּרילינג ווי יונגע קאַרטאָפליעס מיט אויל און זויער־מילך.

— ווייס איך! זויער־מילך איז זויער־מילך — מישט זיך אַריין שילד־קרויט — דאָס שענסטע אין דער וועלט איז נאָך אַלץ אַ ריכטיק ביין־פלייש מיט סאָס.

דער בינע־פאַרוואַלטער, נאַסטער, גיט אַ צייכן — עס הויבט זיך אָן פּראָבע. פאַרשווינדט דאָס רייטפערד „ליזאַ" מיט די חודש־רעטעכלעך, מ'פאַרגעסט אָן בורגונדער ווייַן מיטן ביין־פלייש מיט קאַרטאָפל און זויער־מילך, און עס נעמט רעדן טאָלסטאָי און סטרינדבערג. פּאַטעטישע גע־דאַנקען און עמאָציעס פולן־אָן דאָס טעאַטער, זוכן אָן אויסדרוק צו ווערן בלוט און פלייש. שוישפּילער און רעזשיסער ראַנגלען זיך ווי יעקב מיטן מלאך: „איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן, ביז וועסט מיר ניט געבן די פולע ברכה." — —

ריינהאַרטס רעזשי־בוך איז פול מיט פלענער און צייכענונגען; אַלץ איז ביי אים צוגעגרייט און אויסגעפּלאַנט. אָבער דער גרויסער מייסטער הערט אויך אויס באַמערקונגען פון זיינע שוישפּילער. שילדקרויט, דער עמאָציאָנעלסטער, געפילפולסטער פון אַלע שוישפּילער, רופט אַרויס טרערן ביי ריינהאַרטן. ווען שילדקרויט ענדיקט זיין סצענע, מאַכט ריינהאַרט אָן איבערגרייס און ווייזט־אָן די אַנדערע שוישפּילער אויף שילדקרויטס שפּילן. באַסערמאַן קומט פולשטענדיק צוגעגרייט: אַלץ, מיטן קלענסטן דעטאַל, איז ביי אים אויספּלאַנירט און אָפּגעטאַקט שוין ביי דער ערשטער פּראָבע. ריינהאַרט שטראַלט, איז אַנטציקט. נאָר זיין בעסטער אינסטרומענט איז מאַיסי — ער שפּילט אויף אים ווי פּאַגאַניני אויף זיין פידל!

ס'איז פאַרזאַמלט דער גאַנצער אַנסאַמבל פון „לעבעדיקן מת" — מ'ווייזט פאָטאָגראַפיעס פון דער מאָסקווער אויפפירונג, וועלכע סטאַניס־לאַווסקי האָט אויך געמאַכט אַרום יענער צייט. די פּראָבעס גייען גוט, נאָר די צייט ווערט קורץ. ביי קיינעם אין דער וועלט איז צייט ניט אַזוי טייער ווי ביי אַ טעאַטער פאַר אַ פּרעמיערע. ריינהאַרטס אַסיסטענטן אַרבעטן אינטענסיוו מיט קלענערע גרופּעס און מיט באַזונדערע שוישפּילער. עס שטייט שוין דער סקעלעט; אָבער מ'קלעפּט נאָך צוזאַמען, מ'שלייפט, מ'שטרייכט, מ'מעסט און מ'וועגט. ריינהאַרט איז מיט אַלץ פאַרצווייגט און פאַרפלאָכטן, און דאָך געפינט ער נאָך צייט צו אַרבעטן אויך באַזונדער מיט איינצלנע שוישפּילער. קיינער טאָר דערביי ניט זיין — ער מאַכט עס „ביחידות". אָבער איך און מורנאַו באַהאַלטן זיך אין אַ לאָזשע און קוקן־צו און הערן ווי ריינהאַרט אַרבעט מיט זיי: דאָ ווערט פון מייסטער די ראָלע צעשרויפט און צענומען, ווי דאָס ווערק אין אַ פיינעם זייגער — די פעדער און יעדעס שרייפל און רעדל ווערן באַזונדער באַטראַכט, אויסגע־

שטויבט און געפּוצט — יעדע קלענסטע אידייע, יעדער געפיל־אויסדרוק און טאָן ווערן באַזונדער באַטאַפּט, אויסגעפּאַרשט, דערקלערט און נאָכ־אַמאָל דיסקוסירט; ביז מ׳נעמט עס ווידער שטיקערווייז צוזאַמענשטעלן, צוזאַמענקלעפּן און פאַרשמעלצן; און עס פּאַסן זיך אַריין איין שטיק אין צווייטן ווי אין אַ זייגער — עס ווערט אַ גאַנץ ווערק. אַזוי האָט ווידער גענומען קלינגען מאָיסיס גרויסער מאָנאָלאָג — די דערשיטערנדיק־אַנקלאָגנדיקע פּאַרטיידיקונגס־רעדע פאַרן אויספאַרשער. די העל־בלאַנדע העפליך שפּילט ליזאַ צו טעמפּעראַמענטפול — איז איר געפיל־אויסברוך אַביסל געצוימט געוואָרן. דערפאַר האָט די ציגיינערין מאַשאַ צוגעקראָגן אַביסל מער פייער. און אַזוי איז יעדע פיגור איבערגעקנאָטן געוואָרן, אויפסניי געפאָרמט און צוזאַמענגעשמאָלצן געוואָרן — ווי ליים אין די הענט פון דעם גרויסן טעפּער־מייסטער ריינהאַרט.

ס׳האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן — און אויך מיין נאָמען איז געווען דערויף געדרוקט! ניט ווי היינט, ווען „סטאַרס״ לייכטן מיט ריזיקע עלעקטרישע בוכשטאַבן, און גוטע שוישפּילער ווערן אַפילו ניט דערמאָנט. ס׳זיינען פשוט געווען אויסגערעכנט די ראָלן לויטן סדר ווי זיי זיינען אָנ־געגעבן אין דער פּיעסע, און לעבן די ראָלן די נעמען פון די שוישפּילער. מיין קליינע ראָל איז געווען פונקט אַזוי געדרוקט מיט קליינע, באַשיידענע בוכשטאַבן ווי די ראָל פון הויפּט־שוישפּילער. ס׳איז בפירוש געשטאַנען: „אַ קעלנער — יעסאַיאַ גראַנאַך״. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען איבער־גליקלעך — ס׳האָט מיר פשוט אויסגעזען אומגלויבלעך! אָבער עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען פּלוצים געענדערט מיין נאָמען אויף „הערמאַן גראַנאַך״. דאָס איז מיר ניט געפעלן געוואָרן. בין איך אַוועק צום סעק־רעטאַר פון טעאַטער און פּראָטעסטירט — איך וויל ניט הייסן הערמאַן!

— יאָ — זאָגט ער — אָבער „יעסאַיאַ״ קאָן מען אויך נישט; ס׳קלינגט צו יידיש פאַר אַ דייטש טעאַטער.

— איך פאַרשטיי — קווענקל איך זיך — אָבער הערמאַן געפעלט מיר נישט; איך וויל נישט הייסן הערמאַן.

— ס׳מאַכט נישט, מיין ליבער — באַרואיקט מיך דער דיפּלאָמאַטישער סעקרעטאַר — איר נעמט אַלץ צו ערנסט, צו וויכטיק. גלויבט מיר, אַז אַ נאָמען מיינט גאָרנישט; ס׳איז בלויז קלאַנג און רויך.

— ניט ביי מיר — ענטפער איך.

— ווי־זשע אייגנטלעך ווילט איר הייסן?

— סטעפאַן.

ער פאַרטראַכט זיך אַ ווילע און זאָגט:

— ניין, סטעפאַן קלינגט צו אונגאַריש. וואָס האַלט איר פון „אַלעק־סאַנדער״, האַ? אַלעקסאַנדער גראַנאַך! ווען איר האָבן — גיט ער צו מיט

אַ שמייכל — פיר „א׳ס״ אין איער נאָמען. מאַיסי האָט נאָר צוויי! אָפּ־געמאַכט?

אויפן צווייטן טאָג האָב איך שוין געלייענט אויף די אַפּישן מיין נאָמען מיט די פיר „א׳ס״, און ס׳איז מיר צענפאַך פיר־מאָל גוט געווען אויפן האַרצן. איך האָב זיך פּאַוואָליע צוגעוואוינט צו מיין נייעם נאָמען. האָט דאָך דער נייער נאָמען געהערט צו מיין ניי לעבן, וואָס איך האָב ערשט אָנגעהויבן, צו מיין נייער באַשעפטיקונג — טעאַטער! און אויף וויפל איך האָב נאָר געקאָנט, האָב איך געזוכט צו שוינען מיין נאָמען. וואָרים אַ נאָמען איז פאַרט ניט, ווי דער סעקרעטאַר האָט געזאָגט, „בלויז קלאַנג און רויך״. דאָס ווערטל שטימט ניט. אַ נאָמען איז שוין גאָר און גאָר וויכטיק — ס׳איז ניט קיין קלאַנג און רויך!

און דאָס קרומע האָט זיך אויסגעגלייכט

נאָכן ענדיקן אַ שוישפּיל־שולע, אָדער ביי אַ פּריוואַטן לערער, האָט דער יונגער שוישפּילער אין דעמאָלטיקן דייטשלאַנד געהאַט איין ברירה: זיך אַנגאַזשירן אין אַ פּראָווינץ־שטעטל, אָדער אין אַ „שמירע״ — אַ וואַנדער־טרופּע אויף דער פּראָווינץ. האָט מען יעדן צווייטן, דריטן טאָג געמוזט אַריינפּאַמפּען אין זיך און דערנאָך פון זיך אַרויסצאַפּן אַ נייע ריזן־ראָלע. אין אַ גרעסער שטעטל האָט מען שוין געאַרבעט אַביסל „רואיקער״ — יעדן פערטן, פינפטן טאָג אַ נייע ראָלע. אַמאָל איז דאָרט אַ פּיעסע גע־שפּילט געוואָרן אַפילו אַ גאַנצע וואָך. נאָך ערגער איז אפשר געווען דאָס אַרומשלעפּן זיך מיט אַ „שמירע״. דאָ זיינען שוין אינגאַנצן צעריבן געוואָרן די כחות און אויסגעלאָשן געוואָרן יעדע האָפענונג. נאָר אויב אין דער צייט איז נאָך דאָס ביסל טאַלענט ניט גאַנץ „פאַרשמירט״, אָדער אויס־געוועפּט געוואָרן, האָט מען אַמאָל געקאָנט האָבן די זכיה „אַנטדעקט צו ווערן״ דורך אַ גרויסשטאָטישן דירעקטאָר און אָנקומען שפּילן אין נירענ־בערג, דרעזדען, קעניגסבערג, שטוטגאַרט, מינכען, האַמבורג, אָדער אַפילו אין פראַנקפורט ביים מאַין. דאָס זיינען שוין געווען אָנגעזעענע קונסט־אינסטיטוציעס, סובווענציאַנירט דורך דער שטאָט אָדער דורכן לאַנד, מיט אַן אייגענעם טעאַטראַלן פּנים. ערשט פון דאָרט האָט מען געקאָנט אַמאָל אַנגאַזשירט ווערן אין אַ טעאַטער אין בערלין — דעמאָלט די היציקסטע, קאָכיקסטע טעאַטער־שטאָט אין איראָפּע. בערלין איז געווען די האָפענונג און דער ענד־ציל פון יעדן דייטשן שוישפּילער.

בלויז געציילטע יונגע שוישפּילער איז עס געלונגען אַנגאַזשירט צו ווערן דירעקט אין בערלין, ביט דאַרפנדיק פריער אויפלייגן קיין וועג איבער

דער „פּראָווינץ״. אַזאַ צופאַל האָט געקאָנט געשען נאָר דורך צוויי מעגלעכקייטן: זונטיק נאָכמיטיק פלעגן די טעאַטערס געבן ביליקע פאָלקס־פאָרשטעלונגען, פון וועלכע די מער־באַרימטע שוישפּילער האָבן געווײנלעך זיך אַרויסגעדרייט. אָפט איז עס טאַקע געווען פאַר זיי צו שווער צו שפּילן נאָכמיטיק פראַנץ מאָר און דעמזעלבן אָוונט „קעניג ליר״. דאָס האָט געגעבן דעם ייִנגערן שוישפּילער אַ מעגלעכקייט אויפצוטרעטן ביי אַ נאָכמיטיק־פאָרשטעלונג. אָדער ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, ווען אַן ערשטער שוישפּילער איז קראַנק געוואָרן און ניט געקאָנט שפּילן. דעמאָלט האָט דער יונגער שוישפּילער געהאַט אַ מעגלעכקייט אַפילו ביי אַן אָוונט־פאָרשטעלונג צו „באַווייזן וואָס ער קען״. געווײנלעך האָט יעדער יונגער שוישפּילער געהאַט זײַנעם אַ „ליבלינג״ צווישן די עלטערע שוישפּילער, וועמען ער פלעגט באַוואונדערן, אים האַלטן פאַר זײַן רבין, און זיך באַמיען אים „נאָכצושפּילן״. פלעגט ער טאַקע שטילערהייט זיך ווינטשן, אַז דווקא זײַן „ליבלינג״ זאָל ווערן קראַנק, אָדער כאָטש הייזעריק. איך, למשל, האָב פאַרגעטערט רודאָלף שילדקרויטן און אַלבערט באַסערמאַן. כ׳האָב זיי ליב געהאַט און געשעצט ווי מײַן אייגענעם טאַטן, ווי מײַן אַמאָליקן רבין שימשעלע מילניצער. נאָר מײַן רבין, און זיכער ניט מײַן אייגענעם טאַטן, האָב איך דאָך קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געוואונטשן. אָבער דאָ... איך בין געשטאַנען יעדן אָוונט הינטער די קוליסן און באַוואונדערט זייער גענ‍יאַליטעט; כ׳האָב שטודירט זייער יעדע באַוועגונג, זשעסט און באַטאָנונג; געזען און געהערט וואָס אַ קליינער זיפץ, אַ קליינע האַנט־באַוועגונג קאָן אַרויסבאַקומען פון אַ פּשוטן זאַץ; ווי אַ קליינע פּויזע, אַן אויסגעשריי, אַ שטומע סצענע קאָן קלאָר מאַכן אַ געדאַנק און לעבעדיק מאַכן אַ געפיל; כ׳פלעג פאַרגלייכן זייער עקספּרעסיע, וועגן און מעסטן דעם אײַנדרוק, וואָס זיי מאַכן, און שטילערהייט זיך געטראַכט: דאָס איז וואונדערבאַר, וואָס זיי טוען; אָבער מען קאָן עס נאָך אויף אַן אַנדערן אופן אויסדריקן — — געוועזן שטעלן, אין וועלכע איך וואָלט אפשר אַנדערש אויסגעשריגן, אַנדערש געוויינט, אַנדערש געשוויגן — נאָר ווען שוין, ווען? און ערגעץ טיף אין מײַן מוח האָט געעגבערט אַ געדאַנק: ווי שיין וואָלט עס געווען, ווען אַמאָל אין אַן אָוונט, פינף מינוט פאַר דער פאָרשטעלונג, ווערט פּלוצים איינער פון מײַנע „באַליבטע געטער״ אַזוי שטאַרק־הייזעריק, אַז עס האַלט ביים אָפּזאָגן די פאָרשטעלונג — — נאָר דאָ „שפּרינג איך אַריין״ אין דער ראָלע און ראַטעווע די סיטואַציע. דעמאָלט בין איך אַ „געמאַכטער״! וואָרים מ׳דאַרף דאָך נאָר „צוגעלאָזן״ ווערן — — אויף אָט דעם „צולאָזן און אַרײַנלאָזן״ באַשטייט די גאַנצע צוקונפט! אַ טיר מוז זיך עפענען — מ׳דאַרף האָבן די געלעגנהייט...

איז געשען אַ זונטיק נאָכמיטיק, אַז דער שאַרפסטער שאַרזש־שפּילער,

דער מיסטעריעזסטער ברונע־פאַרגיפטער, שרפה־צינדער און געהיימסטער מאָרד־שפּילער פונעם אַנסאַמבל, פרידריך קינע, איז פּלוצים הייזעריק געוואָרן. אָבער טאַקע שטאַק־הייזעריק, און איך האָב געמוזט פאַר אים שפּילן לוציאַנוס אין „האַמלעט". קינע האָט מיר קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן; נאָר איצט האָב איך געדאַנקט גאָט וואָס ער איז קראַנק געוואָרן, וואָס דער ליבער גאָט האָט אים צוליב מיר הייזעריק געמאַכט. כ'האָב דאָך אַפילו מײַנע באַליבטסטע שוישפּילער געוואונטשן דער האַלדז זאָל זיך זיי פאַרשטאָפּן, אַבי איך זאָל קאָנען „ראַטעווען די פאַרשטעלונג" און שפּילן מעפיסטאָ, פראַנץ מאָר, אָדער שײַלאָק. ס'איז געווען מײַן חלום „אַרײַנ־צושפּרינגען" אין אַ ראָלע און אויף דעם אופן מיט אַמאָל, איבער נאַכט, אַזוי מיט איין שפּרונג אויס דער טונקלקייט פון אַן „אומבאַקאַנטן" אַרײַן אין ליכט פון באַרימטקייט! אָבער אויך בעת מײַנע העכסטע חלומות האָב איך ניט פאַרגעסן וואָס עס שטייט מיר אין וועג: מײַנע קרומע בעקער־פיס...

נאָר אַט ליגט פרידריך קינע טאַקע באמת מיט אַ פאַרשטאָפּטן האַלדז, און אין מיר בורטשעט עס מיט לוציאַנוסעס ווערטער:

„געדאַנקען־שוואַררץ — מיט פאַררדרלעסלעכן סם,
פלינק — אין פאַסיקעררר צײַט,
קיין וועזן ניט דעררבײַ —
אַ ביטערעררר געטרררראַנק
פון מיטעררנאַכט־קררויט,
פון העקאַטע'ס קללה דררריי מאָל באַטויי'ט —
זאָל דײַן צויבעררר
מיט דעם גררויל, דעם שאַרררפן
געשווינד אויף דעם געזונטן לעבן זיך וואַררפן!"

מיט אַ רויט, שפּיציק בערדל און אַ בלײַך פּנים, האָב איך אַראָפּגע־קוילערט פון צונג די שאַרפע „ריש'ן" — אפשר פינף אין יעדן וואָרט. כ'האָב געגלאָצט מיט די אויגן, געקראַמפּט מײַנע הענט צום מאָרד, — אַט טריף איך אַרײַן דעם סם פון גיפט־פלעשל אין אויער פון שלאָפנדיקן קעניג — כ'טו אָן די קרוין פון דערמאָרדעטן. דער אמתער קעניג שרײַט: „ליכט!" — דער גאַנצער הויף צעלויפט זיך אין פּאַניק; האַמלעט טריאומפירט!

מײַן ראָל איז געענדיקט. איך ציטער פון אויפרעגונג. כ'האָב די פּאָר ווערטער געשפּילט אַזוי אינטענסיוו, מיט אַזויפיל קראַפט און עקסטאַז, אַז אַ געניטער שוישפּילער וואָלט געקאָנט מיט דעם כוח אָפּשפּילן צוואַנציק מאָל „קעניג ליר". איך שטיי אין מײַן גאַרדעראָבע פאַרן גרויסן שפּיגל, און אין אַלע מײַנע אברים ציטערט נאָך דער אָפּקלאַנג פון דער ראָלע: מײַנע הענט ציען זיך נאָך צו דער קרוין פון קעניג, מײַנע ליפּן שעפּטשען:

נאָכאַמאָל די ווערטער מיט די שאַרפע „ריש׳ן״, די אויגן גלאָצן נאָך מיט דער בייזער כוונה צו מאָרדן — נאָר איז איצט אַלץ פיל לייכטער, ריכטיקער, אַ סך בעסער, ווי פריער אויף דער בינע. דער נאָכקלאַנג איז שטענדיק בעסער ווי דער קלאַנג גופא — פונקט ווי ערשט נאָך אַ דיסקוסיע פאַלט־איין געוויינלעך דער בעסטער ענטפער.

מיט אַמאָל כאַפּ איך אַ בליק אויף מיין געפּאַסטן טריקאָ, און איך פאַר־געס אַן אַלץ: אָט איז דאָך מיין אייביקע שטערונג! קני צו קני געבויגן, שטייען מיינע קרומע בעקער־פיס... וואָס קומט אַרויס פון מיינע איבער־לעבונגען אויף דער בינע, אַז אָט די צוויי קרומע עדות שרייען פאַר דער גאַנצער וועלט: ער געהערט ניט אַהער! מיט אַזאַ אָנקלאַגע וועל איך ווייט ניט דערגיין; דאָס איז קלאָר, דאָס איז אַ פאַקט. און מיט אָט דעם קלאָרן פאַקט ווערט מיר קלאָר מיין פאַקטישע פאַרצווייפלונג. — —

די פאָרשטעלונג איז געענדיקט. די מייסטע יונגע קאָלעגן זיינען פריינטלעך צו מיר און גראַטולירן; נאָר איך ווייס, אַז ס׳איז נישט געווען גוט. — איך קאָן זיי אָבער נישט זאָגן פאַרוואָס. אַלע זיינען אַוועק. איך בין איינער אַליין געבליבן אין גאַרדעראָבע צו דער אָוונט־פאָרשטעלונג. עס קומט אַריין האַלטשקע, דער גאַרדעראָבער. ער איז דער „באַנקיר״ פון די יונגע שוישפּילער: ער באָרגט אַ מאַרק, און רעכנט פאַר דעם 25 פעניג פּראָצענט. ער איז קליין און אַן ציין; אין די אויערן און נאָז־לעכער פלאַדיען זיך ביי אים לאַנגע און שמוציקע האָר; ער רעדט מיט אַ קרעכצנדיק־צעוויטיקט שטימעלע און איין אויג איז ביי אים שטענדיק פאַרזשמורעט. ווייל אַ שוישפּילער עפּעס איבערכאַפּן, לייגט־אויס האַלטשקע דאָס געלט און שינדט דערנאָך פאַר דעם די הויט. ווען מ׳צאָלט־אויס גאַזשע, היט ער שוין די קאַסע — וואָרים די יונגע שוישפּילער זיינען אים שטענדיק שולדיק מער ווי די העלפט פון זייערע פאַרדינסטן. איידער אָט דער וואוכערער גיט אַ פעניג פון האַנט, וועט ער אים פריער פינף מאָל באַטאַפּן מיט זיין פאַרזשמורעט אויגל. אָבער ער איז פאָרט אַ הילף אין אַ נויט.

איצט האָט ער מיר געבראַכט צו עסן אַ „שטולע״ מיט אַ קוקורוזע און אַ גלאָז ביר. איך שלינג עס אַראָפּ אין איילעניש, שטרעק זיך אויס אויף דער סאָפע און דרימל־איין. אַ פלאַנטער פון חלומות: אָט שפּיל איך האַמלעט אויף אַ בינע, וואָס איז צוגלייך אַ בעקעריי. מיין שוואַרץ־זיידענער קאָסטיום איז פול מיט מעל, און פון פּובליקום מאַכט מען אַ באַמערקונג, אַז דער גאַרדעראָבער מעג מיך אַביסל אָפּבערשטן איידער איך גיי אַרויף אויף דער בינע. אָבער האַלטשקע שעפּטשעט פון הינטער די קוליסן: „ניין, איך וועל עס ניט טאָן; ער איז דאָך מיר שולדיק געלט.״ די זעמל אין אויוון זיינען שוין צוגעברענט, און דאָ זיינען מיינע קרומע פיס געבונדן —

איך קאָן זיך ניט אַ ריר טאָן. און אַט בין איך אין אַ שפּיטאָל. איך קלינג, און מיין טאַטע זאָגט מיר: „קלינג, מיין זון, זיי וועלן דיר אויסגלייכן די פיס. אַלץ, וואָס איז קרום, קאָן מען אויסגלייכן." און ער אַליין נעמט קלינגען; איין מאָל, און נאָך אַמאָל — איך הער עס בפירוש, — ביז איך מאַך־אויף פּאַוואָליע די אויגן און זע שוין, אַז דאָס קלינגט דער בינע־פּאַרוואַלטער צו דער אָוונט־פאָרשטעלונג.

וואָס זאָל באַדייטן מיין חלום אין שפּיטאָל — מיט מיין טויטן טאַטן? ער איז געווען אַזוי ליב צו מיר און פאַר מיר גערופן די דאָקטוירים...

ביינאַכט האָט מען געשפּילט דעם „לעבעדיקן מת". איך האָב שוין דעמאָלט געשפּילט מאַשאַס פאָטער, דעם ציגיינער. מיין „פרוי" איז אויך געווען אַן אָנפאַנגערין — אַ זשוואַווע, יונג מיידל מיט אַ טונקל־ברוין, געזונט פּנים. מאַלקאַ שטיירמאַן האָט זי געהייסן. אונדזער „טאַכטער", מאַשאַ, און מאַיסי־פעדיאַ זיינען געווען צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי מיר, זייערע „עלטערן". מאַלקאַ איז געווען פון מיין געגנט — האָט געשמעקט מיט שוואַרץ־ערד. ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט אונדזער סצענע, האָב איך זי געפרעגט צי זי גלויבט אין חלומות.

— יאָ — האָט זי געזאָגט.

— היינט נאַכמיטיק איז געווען ביי מיר מיין פאַרשטאָרבענער פאָטער.

— האָט ער דיר עפּעס געזאָגט?

— יאָ — האָב איך זיך פאַרטראַכט — ער האָט מיר געגעבן ווי עפּעס אַן עצה.

— רעד־זשע מיט קיינעם ניט וועגן דעם — האָט זי מיך ערנסט געוואָרנט — און פאָלג אים.

איך האָב זי געפאָלגט און מיט קיינעם ניט גערעדט וועגן דעם. יעדן אויפדערנאַכט בין איך געשטאַנען אויף דער גרעסטער בינע מיט די בעסטע שוישפּילער אין דייטשלאַנד. אָבער איך בין געשטאַנען אויף מיינע קרומע בעקער־פיס... יעדער האָט עס געקאָנט זען — ווי איך האָב עס געזען אין שפּיגל... וואָס האָט אייגנטלעך געוואָלט מיין טאַטע? זייט ער איז גע־שטאָרבן, איז ער צום ערשטן מאָל מיר געקומען צו חלום, און מיט עפּעס אַ שליחות... „רעד ניט מיט קיינעם, נאָר פאָלג", האָט מיר אָנגעזאָגט מיין יונג, קלוג לאַנדסמיידל — — —

ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך מוז באַזייטיקן די לעצטע שטערונג אין מיין קאַריערע — איך מוז מיינע קרומע פיס גליך מאַכן. „אַלץ, וואָס איז קרום, קאָן מען אויסגלייכן", האָט געזאָגט מיין ליבער, פאַרשטאָרבענער טאַטע. דאָס קרומע מוז אויסגעגלייכט ווערן, — מען דאַרף נאָר קאָנען גליך ברעכן!

איך האָב אָנגעהויבן באַזוכן שפּיטאָלן. ענדלעך האָב איך אָנגעקלונגען

אין דער „פרייער" קליניק לעבן „דויטשעס טעאַטער". איך בין אַריין און פאַרגעלייגט פאַר די דאָקטוירים מיין פּראָבלעם. האָבן זיי מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט, און דערנאָך גערעדט צו מיר וועגן ריזיקע, קוראַזש — און וועגן געלט. נו, קוראַזש האָב איך געהאַט; די ריזיקע האָב איך געוואָלט נעמען אויף זיך; אָבער קיין געלט האָב איך ניט געהאַט. ווען איך בין אַרויס, איז מיר נאָכגעגאַנגען אַ יונגער דאָקטאָר און מיר געהייסן קומען אין זיין פּריוואַטער קליניק, ביים נאָלענדאָרפער פּלאַץ — דאָס נאָלענדאָרפער סאַנאַטאָריום.

צומאָרגנס בין איך שוין געווען ביי אים. דר. היימאַן, אַ געוועזענער אַסיסטענט פון פּראָפעסאָר איזראַעל, און דריי אַנדערע יונגע דאָקטוירים האָבן מיך אויפגענומען. זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט, אונטערזוכט, דערנאָך זיך לאַנג בעראַטן און ענדלעך דערקלערט, אַז יאָ — די אָפּעראַציע קאָן געמאַכט ווערן. נאָר פריער מוז איך אונטערשרייבן, אַז איך נעם אַליין איבער די גאַנצע ריזיקע. די אָפּעראַציע וועט מיך גאָרנישט קאָסטן; אָבער נאָך דער אָפּעראַציע מוז איך ליגן ביי זיי אין סאַנאַטאָריום אַ צוויי חדשים אין גיפּס. און דאָס וועט דאַרפן קאָסטן 12 מאַרק אַ טאָג. פאַר דעם מוז איך שוין אַליין באַצאָלן.

איז דאָ, הייסט עס, אַ האָפענונג... און ס'איז דאָך פּשוט אַ מציאה! בין איך אַוועק צום באַראָן פאָן גערסדאָרף, וועלכער האָט זיך איצט נאָך מער מיט מיר אינטערעסירט ווי פריער, און אים אַלץ דערציילט. ער איז געווען אַן אַלטער בחור, אַן אַמאָליקער גאַרדע־אָפיציר, און האָט גע־שטאַמט פון אַן אַדעליקער פּרייסישער פאַמיליע, אַלע זייט דורות אָפיצירן. ער האָט מיך אויסגעהערט, פאַרשריבן דעם נאָמען פונעם דאָקטאָר, און מיך געבעטן צוואַרטן עטלעכע טעג — ער וויל עס איבערלייגן.

עטלעכע טעג שפּעטער הייסט ער מיר קומען צו זיך נאָך אַ פאַר־שטעלונג, און זאָגט צו מיר אַזוי:

— הערט, מיין פריינט, איר קומט פון מזרח־אייראָפּע — איך פון מערב. איר שטאַמט פון אַלטע, פרומע יידן — איך פון אַלטע, פרומע פּרייסן. איר זייט געווען אַ בעקער — איך אַן אָפיציר. אָבער איין זאַך פאַרבינדט אונדז: די ליבע צום טעאַטער. מיט דעם גרויסן חילוק, פאַר־שטייט זיך, וואָס איר האָט טאַלענט צו זיין אַ שוישפּילער, און איך ניט. איצט ווילט איר אַלץ שטעלן אין קאָן אויף איין קאַרט. איך פאַרשטיי דאָס אויסגעצייכנט. איך אַליין האָב אַמאָל אַלץ איינגעשטעלט אויף איין קאַרט, און בין צוליב דעם, קעגן מיין ווילן, אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון מיין שטאַנד. איר אָבער שפּילט איצט האַזאַרד, כדי באַוואוסטזיניק זיך אַרויסצורייסן פון אייער בעקער־שטאַנד. האָב איך וועגן דעם איבער־גערעדט מיט דר. היימאַן. ס'איז אַ שווערע אָפּעראַציע, זאָגט ער, אָבער

ער האָט שטאַרק חשק זי דורכצופירן. יעדער, דאַרפט איר וויסן, איז ערגייציק אין זיין פאַך. ס׳איז, זאָגט ער, אַ האַלב־אויף־האַלב אויסזיכט אַזאַ אָפּעראַציע זאָל געלינגען. איך אויף אייער אָרט וואָלט זיך דאָס צו־ערשט זייער שטאַרק איבערגעלייגט.

און באַמערקנדיק מיין אַנטוישונג, האָט ער באַלד צוגעגעבן:

— סיי ווי האָט מיר אַ פּאַרמעגלעכער פריינט צוגעזאָגט איבער־צונעמען די קאָסטן פאַר דער קליניק. באַטראַכט עס ניט ווי צדקה; ווען איר וועט אַמאָל אַ סך פאַרדינען, וועט איר עס אים אָפּגעבן.

איך האָב ניט לאַנג איבערגעלייגט און בין באַלד דערויף איינגעגאַנגען. דערווייל איז עס געבליבן אַ סוד צווישן מיר און גערסדאָרפן. ס׳האָט זיך געענדיקט דער סעזאָן אין טעאַטער און איך האָב באַקומען זעקס וואָכן גאַזשע פאַר מיין וואַקאַציע. דאָס ערשטע, וואָס איך האָב זיך געקויפט, איז געווען אַ רעוואָלווער — אויפן פאַל, ווען מיין אָפּעראַציע מיט דער „האַלבער אויסזיכט" זאָל ניט געלינגען... קיינער האָט וועגן דעם ניט געוואוסט, אַפילו ניט גערסדאָרף. כ׳האָב עס געהאַלטן פאַר מיין פּריוואַטן באַשלוס און ניט געוואָלט קיינעם מיט דעם באַלעסטיקן — כ׳האָב געשפּילט האַזאַרד מיט מיין אייגן לעבן אויף מיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווען ס׳איז געקומען די צייט פון דער אָפּעראַציע, האָט מיך גערסדאָרף אַליין אָפּגעפירט אין קליניק. ער האָט מיר אַפילו מיטגעבראַכט ביכער פון זיין פּריוואַטער ביבליאָטעק, און אויך אַזאַ מין „פּולט" צום לייענען, וואָס קאָן זיך דרייען אויף אַלע זייטן — לויט דעם, ווי דער קראַנקער דאַרף ליגן. צוויי טעג שפּעטער האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אָפּעראַציע־זאַל. דר. היימאַן און זיינע דריי יונגע אַסיסטענטן האָבן געשמועסט מיט מיר און גערעדט וועגן טעאַטער: וועגן דער לעצטער פּרעמיערע, וועגן ריינ־האַרטס צירקוס־אויפפירונג, וועגן די ראָלן, וואָס איך וואָלט וועלן שפּילן; זיי האָבן מיך אַפילו געבעטן עפּעס פאַר זיי דעקלאַמירן. אויך איך בין געווען גוט אויפגעלייגט. דאָס האָט מיך מיין אַלטע נייגעריקייט מאָביליזירט אַלץ אָנצונעמען פאַר ליב. דערצו נאָך די האָפענונג, אַז דער לעצטער שטער אויף מיין אויסדערוווילטן וועג וועט באַזייטיקט ווערן...

נאָר אין קאָפּ האָט אַלץ זיך געדרייט: מיין היימיש דאָרף, מיין טאַטע, גאַנץ האָראָדענקע — אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט ביזן טעאַטער, ביז איצט, איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. אָבער אין דערזעלבער צייט האָב איך דעקלאַמירט מאָנאָלאָגן פון פאַרשיידענע ראָלן.

אויך די דאָקטוירים זיינען ניט געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק. זיי האָבן מיך באַטראַכט, ווי הונגעריקע סאָלדאַטן נאָך אַ לאַנגן מאַרש באַ־טראַכטן אַ געשמאַק געבראָטנס, אָדער ווי אַמביציעזע שוישפּילער באַ־טראַכטן אַ נייע, פעטע ראָלע. זיי האָבן כמעט זיך געפרייט מיט דעם



קעניג עצעל—אין פרידריך העבעלס „די ניבעלונגען“ (בערלין, 1924).

דעקלאַמירנדיקן פּאַציענט, ווען זיי האָבן איצט מיט אַ לאַנגער, דינער נאָדל אַריינגעשפּריצט עפּעס אַ פליסיקייט גלייך אין די קריזשעס.

מ׳האָט מיך ווידער גענומען אויספרעגן, אָבער ס׳האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. אין קאַלטער שפּאַנונג האָבן זיי אויף עפּעס געוואַרט. מאָדנע: מ׳באַטאַפּט מיינע פיס, און איך פיל עס אַפילו ניט. איך וואונדער זיך. זיי שמייכלען און פאַרזיכערן, אַז אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין — איך וועל גאָר ניט פילן. יאָ! איך טאַפּ אַליין מיין לייב — מיינע אייגענע פיס, דאַכט זיך — און איך פיל גאָר ניט. דער גאַנצער אונטער־שטער טייל פון מיין קערפּער איז „אָן געפיל״ — טויט.

מ׳האָט גענומען מיר אָפּראַזירן די האָר אַרום די קני. אויך דאָס פיל איך ניט. מ׳ברענגט אינסטרומענטן — אַ האַמער, אַ דלאָטע, אַ מעסער — מ׳מאַכט אַ שניט אויף דער לינקער זייט פון מיין קני, אָבער — ווי מ׳וואָלט אַ פרעמדן קערפּער געשניטן! איך פיל ניט. עס הערט זיך נאָר עפּעס אַ פאַרדומפּן געראַוויש, ווי מ׳וואָלט געשניטן דיק פּאַפּיר. קיין בלוט רינט ניט. איך זע בלויז אַ רויטלעכן שפּאַלט — עס דערמאָנט אָן אַ יאַטקע... איצט שטעמען זיי מיטן האַמער און דלאָטע. כ׳האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז אַ מענטשלעכער ביין איז אַזוי האַרט. זיי האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיר, און בלויז „געאַרבעט״; זייער שווער געאַרבעט. פּלוצים זיינען זיי שטיין־געבליבן — דער ביין איז געווען דורכגעבראָכן. ערשט איצט האָבן זיי אַ בליק געטאָן אויף מיר, מיך געפרעגט ווי איך פיל, און ווידער געבעטן איך זאָל עפּעס דעקלאַמירן. אָבער נישט דעקלאַמאַציעס זיינען מיר איצט גע־לעגן אין זינען. כ׳האָב דערפילט קאַלטע שווייס־טראָפּנס אויפן שטערן און אָן איינזאַמקייט אַרום האַרץ.

— אַזוי — האָט אַ זאָג געטאָן דער עלטסטער פלייש־שניידער און ביין־ברעכער — דערווייל זיינען מיר פאַרטיק.

ער האָט אַ הויב געטאָן מיין פאַרטערפּענטן פוס, אים געדרייט אויף אַלע זייטן ווי אַ קצב דרייט אַ מאַרך־ביין, און געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— וואָס פאַר אַ פוס ווילט איר אייגנטלעך האָבן — אויסגעקרומט אויף רעכטס, אויף לינקס, אָדער אַרויף?

אויך די אַסיסטענטן האָבן זיך צעלאַכט פון זיין וויץ.

— מאַכט עס שוין בעסער גלייך — פּרוּוו איך אויך זיך וויצלען.

זיי האָבן איצט זייער פאַרזיכטיק אויסגעצויגן דעם פוס, אים אויס־געגלייכט, אַרומגעוויקלט מיט גיפּס־טיכער, אַריינגעלייגט אין אַ ווירע־גלייכער שינע און ווידער פאַרפּאַקט אין גיפּס. דערנאָך האָבן זיי אויפ־געהאַנגען אויפן פוס אַ שווער געוויכט, כדי צו פאַרזיכערן, ער זאָל זיך ניט באַוועגן און זאָל אַזוי אַרום קאָנען וואָס בעסער און גלייכער זיך צוזאַמענוואַקסן.

איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן שוין אָפּערירן אויך דעם צווייטן פוס.

— ניין, מיין ליבער — האָט דער שעף־דאָקטאָר געלאַכט — דאָס פאַר־געניגן וועלן מיר אייך פאַרשאַפן ערשט אין פינף טעג אַרום.

מ'האָט מיך צוריקגעפירט אין מיין צימער, וואו עס זיינען שוין געלעגן נאָך אַנדערע דריי פּאַציענטן. די אָפּעראַציע האָט געדויערט איבער דריי שעה, האָט מען מיר געבראַכט אַן איבערבייס, אָבער מיר האָט קיין זאַך ניט געשמעקט. כ'האָב געפּרואווט לייענען, שלאָפן — עס גייט ניט. איך טראַכט אַלץ וועגן דעם, ווי די פיר מענער האָבן דאָס געאַרבעט איבער מיר ביי דער אָפּעראַציע...

מיט אַמאָל האָט זיך אַלץ אין מיר איינגעשטילט. כ'בין שוין לאַנג ניט געווען אַזוי רואיק, און כ'האָב גענומען טראַכטן וועגן מיין דאָרף, וועגן „רחמנותל" און „גאָט צו דאַנק", וועגן דעם אַלטן יוז פּעדאָרקיוו און מיין פאָטער — וועגן גאַנץ האָראָדענקע — — פעלן נאָך דאָרט די צוויי ציגל אין קופּאָל פון קלויסטער? כ'האָב געזען רבקהלען און חוה שד, די לעמבערגער טעאַטער־גאַליאַרקע און פּראָפעסאָר מילאַן און גערסדאָרפן — — און די פיר מענער אין ווייסן, וועלכע האָבן מיך אָפּערירט, זיינען אַלץ ניט פאַרשוואונדן פאַר מיינע אויגן. ס'איז מיר געקומען אויפן געדאַנק מיין רעוואָלווער, וואָס איז געלעגן איינגעוויקלט אין אַ ווייס טיכעלע, באַ־האַלטן צוקאָפּנס אונטערן מאַטראַץ. כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט, אַ טאַפּ געטאָן — יאָ, ער ליגט דאָרט, גאָט צו דאַנקען!

עטלעכע שעה שפּעטער האָב איך פּלוצים געשפּירט ווי מ'וואָלט מיך געקראַצט אין קני, ווי מ'וואָלט דאָרט עפּעס געשאָבן, ראַזירט — מאָדנע... מיט אַמאָל אַ שאַרפער שניט! ס'האָט אָנגעהויבן האַמערן, קלאַפּן, שטויסן — כ'האָב דערפילט אַ שווידערלעכן ווייטיק און גענומען קרעכצן און שרייען! דאָס האָט מיין פוס דערוואַכט פון דער איינשפּריצונג — ער איז צוריקגעקומען צום לעבן אין שמערצלעכע ווייען. אין מיין דערוואַכטן געפיל איז איצט לעבעדיק געוואָרן יעדער פריערדיקער שטויס פון האַמער, און מיינע ביינער האָבן רעוואָלטירט אין שמערצן. ס'איז געקומען אַ נאַכט פון פיבער און דראַזשען. די מילד־אויגיקע קראַנקן־שוועסטער, מאַריאַ, האָט מיר געגעבן אַ באַרואיקונג־מיטל, האָט מיך געטרייסט — אָבער איך האָב זיך דערפילט נאָך מער עלנט. די אַנדערע פּאַציענטן האָבן זיך אויפ־געכאַפּט און זיינען געווען ניט צופרידן וואָס איך שטער זיי. איך האָב געפּרואווט זיך באַהערשן.

— גוט אַזוי — האָט מאַריאַ מיר געשעפּטשעט אין אויער און געגלעט מיין שטערן — מ'דאַרף זיך קאָנען באַהערשן. ס'איז געווען זייער מוטיק פון אייך דורכצומאַכן אַזאַ אָפּעראַציע. איצט מוז מען פאַרבייסן די ציין און ניט נאָכגעבן. באַלד, באַלד וועט עס איבערגיין.

אויפֿן צווייטן טאָג האָבן די דאָקטוירים געלויבט מיין בראַווקייט און דערציילט גערסדאָרפֿן, וועלכער איז געקומען מיך באַזוכן, מיט וויפֿל הומאָר איך האָב דורכגעמאַכט די אָפּעראַציע.

— אַך, וואָס — האָב איך געזאָגט — ניטאָ קיין קערפּערלעכע שמערצן.

— גוט וואָס איר דענקט אַזוי — האָט דער צופֿרידענער גערסדאָרף מיר געגעבן די האַנט — גוט אַזוי, איר קרעפּקע קאַרפּאַטן־פֿערדל און ראָמאַנטיקער, וואָס איר זייט! איר זייט באמת אַ ראָמאַנטיש קאַרפּאַטן־פֿערדל.

כ׳האָב ווידער אָנגעהויבן עסן און לייענען, נאָר איין זאַך האָט מיך געקוועלט: כ׳האָב ניט געקאָנט אַראָפּגיין און געמוזט בלייבן אין בעט האַלב־זיצנדיק, אַפֿילו פֿאַר די נויטיקסטע באַדערפֿענישן. אָבער די זייער ליבע קראַנקן־שוועסטער האָט שוין אַזוי געמאַכט, אַז אויך אין דעם פּרט האָב איך אויפֿגעהערט זיך צו שעמען.

אויפֿן פֿינפֿטן טאָג האָט מען מיך ווידער אַראָפּגעפֿירט אין אָפּעראַציע־זאַל. איצט זיינען שוין די דאָקטוירים געווען פֿיל רואיקער, אָבער איך — אַ סך נערוועזער. אויך איצט האָבן זיי געוואָלט איך זאָל עפּעס דעקלאַמירן, נאָר ס׳איז ניט געגאַנגען. כ׳האָב אַפֿילו אָנגעהויבן שטילערהייט רעציטירן „זיין אָדער ניט זיין״, אָבער דער געדאַנק וועגן מיין רעוואָלווער אונטערן מאַטראַץ האָט מיך ווידער געמאַכט טרויעריק. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן. כ׳האָב זיך דערפֿילט שטאַרק אָפּגעשוואַכט און פֿאַרמאַכט די אויגן — כ׳וויל מער ניט זען ווי זיי מייסטרעווען אַרום מיינע פֿיס! אַ קראַנקן־שוועסטער האָט קאָנטראָלירט מיין פּולס און מיר געגעבן עפּעס צו טרינקען און צו שמעקן. אַלץ איז אַצינד צוגעגאַנגען פֿיל שנעלער, אָבער מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז פֿיל לענגער.

איבערגעבראָכן דעם ביין און ווידער פֿאַרגיפּסירט אין אַ שינע מיט שווערע געוויכטן, האָט מען מיך ווידער צוריקגעבראַכט אין מיין קראַנקן־צימער, און איך האָב דערפֿילט נאָך אַ גרעסערע פֿוסטקייט אַרום האַרץ. כ׳האָב געהערט רוישן דאָס בלוט אין מיינע אָדערן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן ווי מיט יעדן ציטער פֿון מיינע נערוון בייט זיך אויך די צייט: איך ווער עלטער, דערוואַקסענער, ערנסטער — איך ענדער זיך.

די קראַנקן־שוועסטער האָט מיר אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פֿון שטערן און שטיל געקוקט אויף מיר מיט אַ בליק, וואָס איז שוין אויסער דער גרענעץ פֿון אירע פֿליכטן. איך האָב זי געבעטן מיר צוגרייטן דעם „פֿולט״, און כ׳האָב גענומען לייענען דאָסטאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָוו״. די מענטשן אין בוך זיינען געשטאַנען לעבעדיק פֿאַר מיינע אויגן. אָבער ביי דער שטעל, ווען איוואַן, אַ באַהאַלטענער אין שייער, גיסט אויס זיין פֿאַרצווייפֿלט האַרץ פֿאַר זיין יינגסטן ברודער, אַליאָשאַ — „צו וואָס

דאָס אַלץ? צו וואָס איז דאָס אַלץ נויטיק?" — זיינען פּלוצים ווידער אין מיר לעבעדיק געוואָרן די אַלע האַמער־שטויסן פון דער אָפּעראַציע, — און אין מוח און אין מיינע ביינער האָט געגומען עגבערן די איינציקע פראַגע: צו וואָס? צו וואָס איז דאָס אַלץ נויטיק?... מיין פּולס האָט געזעצט, דאָס האַרץ האָט געהאַמערט. די קראַנקן־שוועסטער האָט געבראַכט אוּנט־ברויט. כ'האָב פאַרזוכט אַ צוויי לעפל זופּ, אָבער אין די פּיס און אינעם מוח האָט אַלץ געקלאַפּט און געריסן — צו וואָס? צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ?

דאָס ביסל זופּ האָב איך אויסגעבראָכן. ס'האָט ווידער מיך געגומען וואַרפן ווי אין קדחת. ס'איז מיר געווען פינצטער פאַר די אויגן און אַלץ אין מיר האָט געוויינט און געפּיבערט: צו וואָס — צו וואָס דאַרף מען עס?...

דעם מאָל האָבן שוין די אַנדערע פּאַציענטן געקוקט אויף מיר מיט רחמנות. כ'האָב זיך געבאָדן אין שווייס, און דאָס האָט אָפּנים פאַרלייכטערט מיינע שמערצן. מאַריאַ איז געזעסן לעבן מיין בעט און מיך געגלעט. האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און מיך געשעמט פאַר זיך אַליין. נאָר ס'איז מיר באמת געוואָרן אַביסל לייכטער — ווי איך וואָלט פון זיך אַ משא אַראָפּ־געוואָרפן. כ'האָב געגומען דרימלען, און דערנאָך טאַקע גוט איינגעשלאָפן.

אין דער נאַכט האָב איך זיך איבערגעוועקט. די קראַנקן־שוועסטער מאַריאַ איז נאָך אַלץ געזעסן לעבן מיר. זי האָט געשמייכלט און שטיל געפרעגט:

— נו, בעסער?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

— אַזוי האָב איך געהאָפט — איז זי געווען אַ גליקלעכע, און ניט איבערלייגנדיק פיל, האָט זי מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן.

איך האָב אויסגעשטרעקט די אָרעמס און זי אַ צי געטאָן צו זיך:

— נאָך, שוועסטער! קוש נאָך, מאַריאַ!

זי האָט זיך ניט געוועדט. זי האָט בלויז געכאַפּט אַ בליק צי די אַנדערע פּאַציענטן שלאָפן, און מיך געגומען קושן — נישט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, נאָר ווי אַ מיידל, אַ פרוי.

— איצט אָבער מוזסטו ווידער שלאָפן — האָט זי געשעפּטשעט.

איך האָב צו זעט געטרונקען די וואַרעמקייט פון אירע ליפּן — לאַנג, זייער לאַנג — — ביז, אַ באַטרונקענער פון קושן און צערטלעכקייטן, איך האָב זיך געלאָזט פון איר גוט איינדעקן און בין אַנטשלאָפן געוואָרן מיט דער זעליקייט פון אַן אָנגעזעטיקט קינד ביי דער ברוסט.

אויפן צווייטן טאָג איז געקומען גערסדאָרף.

— איר זייט בלאַס ווי אַ לעמאָנאַדע — באַמערקט ער.

— יאָ, איך מוז זיך אַביסל צופילעווען — האָב איך געשמייכלט — ווייזט אויס, אַז עס זיינען פאַרט פאַראַן קערפּערלעכע שמערצן.

דער דאָקטאָר, דערציילט גערסדאָרף, האָט אים פאַרזיכערט, אַז די אָפּעראַציע איז הונדערט פּראָצענט געלונגען.

— קיין וואונדער ניט — פאַרענדיקט ער — זיי זאָגן דאָך, אַז איר זייט זייער בעסטער פּאַציענט.

עס זיינען אַוועק וואָכן. איך האָב אָנגעהויבן געזונט ווערן און ס'איז מיר געוואָרן לאַנגווייליק אין סאַנאַטאָריום. כדי מיך צו האַלטן באַשעפטיקט, און איך זאָל טאַקע קאָנען זיך אַביסל איבן אין דער דייטשער שפּראַך, האָט גערסדאָרף מיר געגעבן אַן אויפגאַבע: צו שרייבן פאַר אים אַן אָפּהאַנדלונג איבער יעדן בוך, וואָס איך לייען. אָבער דאָס איז פאַר מיר ניט גענוג געווען. ס'האָט מיך אַלץ געלאַנגווייליקט און איך בין געוואָרן אומגעדולדיק. מיט מיר אין צימער איז געלעגן אַ יונגערמאַן — אַביסל אַ פאַרקריפּלטער און אַן איינגערעדטער, פּוסטער מויל־מאַכער. האָב איך מיט אים פאַרפירט קריגערישע וויכוחים וועגן טעאַטער. מיר האָבן זיך ביידע ניט ליב געהאַט. דערצו איז ער נאָך געווען אייפערזיכטיק וואָס מאַריאַ שענקט מיר מער אויפ־מערקזאַמקייט ווי אים, און האָט געלאָזט פאַלן מיאוסע אָנצוהערענישן אויף אונדזער חשבון. האָב איך אים אויסגעזידלט, און ער האָט דערפאַר מיך און מאַריאַן פאַרקלאָגט צו דער אויבער־קראַנקן־שוועסטער, אַגאַטע. זי האָט געהאַט אַ שמאַל, בייז מוילעכל, איז געווען באַפעלעריש און שטענדיק אין שלעכטער שטימונג. אַן אלמנה פון אַן אָפיציר, האָט זי אַמאָל געהאַט „בעסערע צייטן"; אָבער איצט איז זי געווען בלויז אַן אַלטער, אויסגעטרוקנטער באַאַמטער־בעזים. איינמאָל קומט זי אַריין פּונקט ווען מאַריאַ שטייט איבער מיר געבויגן און וויל מיר אַ קוש טאָן. זי האָט איר תיכף אָפּגעזאָגט פון דער שטעל, און מיר האָט זי געמאַכט אַ סקאַנדאַל, למאי מיין קאָלדרע איז באַפלעקט מיט טינט.

— איר וועט באַצאָלן פאַר דער קאָלדרע! — האָט זי זיך צעשריגן — איך וועל דעם באַראָן פאָן גערסדאָרף אַריינשיקן די רעכענונג און אים דערציילן ווי איר פירט זיך דאָ אויף!

נעם איך גאַנץ געמיטלעך דאָס טינטער און — גליו־גליו־גליו, — גיס איך עס אויס אויפן צודעק.

— איך קאָן טאָן מיט מיין בעטגעוואַנט וואָס איך וויל — רעד איך איר אין דער גאַל אַריין.

זי האָט אָפּגערופן גערסדאָרפן. ער איז תיכף געקומען — און דווקא זיך געשטעלט אויף מיין זייט. האָט מיך די אויבער־שוועסטער נאָך מער פיינט באַקומען. איך האָב איר אויך געגעבן גענוג סיבות דערצו: כ'האָב צוגעבונדן צום בעט אַ לעפל, און ווען זי איז אַריינגעקומען אין צימער, האָב איך געכאַפּט דעם לעפל צום אויער, ווי אַ טעלעפאָן־טרייבל, און „טעלעפאָנירט": „העלאָ! דאָ איז דאָס באַלענדאָרפער משוגעים־הויז.

ניין, ניין — ניט סאַנאַטאָריום, נאָר משוגעים־הויז! וואָס זאָגט איר? די שוועסטער אַגאַטע? אָ, זי איז זייער אַ ליבער, צאַרטער מענטש. ניין, ניין, גלויבט עס ניט! זי איז זייער פריינטלעך צו די קראַנקע, בפרט צו מיר. דאָ־וועגס האָט זיך איבערגעקערט מיין טינטער און פאַרפלעקט די קאָלדרע, האָט איר באַדאַרפט זען ווי זי האָט מיך געטרייסט. יאָ, יאָ, זי האָט מיך אַזש צעגומען מיט איר גוטסקייט...״.

אַגאַטע האָט אַריינגערופן דעם דירעקטאָר פון סאַנאַטאָריום. ער האָט זי אויסגעהערט, דערנאָך זיך צעלאַכט, און ווינקענדיק צו מיר מיט אַן אויג, האָט ער געזאָגט:

— אָבער שוועסטער אַגאַטע, ער איז דאָך אַ שוישפּילער און מוז מאַכן איבונגען פאַר זיין פּראָפעסיע. איר דאַרפט ניט זיין דערפאַר. נאָך־אַלעמען האָבן מיר דאָך געבראָכן זיינע פיס און ניט אייערע. לאָזט אים האָבן אַביסל שפּאַס...

נאָך צוויי חדשים האָט מען ענדלעך געעפנט דעם גיפּס, און מיר אַראָפּ־גענומען די באַנדאַזשן, — און כ׳האָב דערזען ביי זיך צוויי אויסגעגלייכטע פיס, נאָר שטאַרק אָפּגעצערטע, ווי דינע שפּענדלעך. גיין אויף זיי האָב איך נאָך ניט געקענט — זיי האָבן מיך פּשוט ניט געקאָנט דערטראָגן. מ׳האָט מיך אַוועקגעשיקט אין אַ פאַרשטאָט פון בערלין, און דאָרט האָט מען מיר מאַסאַזשירט די קני־געלענקן, וואָס האָט נאָך מער וויי געטאָן ווי די אָפּעראַציע גופא. אָבער באַלד האָב איך ווידער, מיט דער הילף פון צוויי שטעקנס, געקאָנט שטיין אויף אייגענע פיס.

ווען כ׳האָב שוין אָנגעהויבן צוביסלעך גיין, איז געקומען גערסדאָרף און מיר מודה געווען, אַז ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר מיר — די דאָקטוירים האָבן אים זייער ערנסט געוואָרנט וועגן דעם.

— וואָס וואָלט איר געטאָן — פרעגט ער — ווען די אָפּעראַציע זאָל ניט געווען געלונגען?

אָן אַ וואָרט צו ענטפערן, האָב איך אים געוויזן מיין געלאָדענעם רע־וואָלווער. ער האָט אָפּנים באַלד פאַרשטאַנען, און צונעמענדיק ביי מיר דעם רעוואָלווער, האָט ער ווי נעבנביי אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט דאָך זיכער ניט קיין דערלויבעניש צו טראָגן וואָפן. איך וועל עס בעסער איבערגעבן דער פּאָליציי מיטן אויסרייד, אַז איך האָב עס געפונען. אָך, איר נאַריש קאַרפּאַטן־פערדל!...

דריי חדשים שפּעטער בין איך שוין גאַנץ גוט אַרומגעגאַנגען אויף צוויי שטעקנס. און אַ האַלב יאָר שפּעטער בין איך שוין געווען אין טעאַטער — ווידער אָן שטעקנס, מיט גלייכע פיס! דער לעצטער סימן פון מיין פאַרגאַנגענהייט איז געווען אָפּגעווישט, דער לעצטער שטער אין מיין פּראָ־פעסיע איז פאַרשוואונדן. פריינט האָבן גראַטולירט און פאַרזיכערט, אַז

זיי האָבן גאָר קיינמאָל ביי מיר ניט באַמערקט קיין קרומע פיס. מעגלעך. אָבער איך האָב עס געהאַט באַמערקט און בין געווען זיכער, אַז ס׳איז אַ שטערונג אין מיין וועג. די רייד פון דער הייזער־שלעפּערקע אין זאַ־ליעשטשיק און איר פאַרגלייך צווישן מיינע צעוואָקסענע הענט־און־פיס און די צאַרטע פיס און הענטלעך פון איר זינדל, האָבן מיר קיין רו ניט געגעבן. אין יעדן יונגן שוישפּילער פלעג איך זען איר זינדל מיט צאַרטע הענט און גלייכע פיס. נו, די הענט מיינע האָבן מיר ביז איצט ניט גע־שטערט — אָבער די פיס! איצט האָט מען זיי געבראָכן, און „דאָס קרומע איז גלייך געוואָרן“ — ווי מיין טאַטע האָט מיר פאַראויסגעזאָגט אין חלום פאַר מיין אָפּעראַציע. כ׳האָב אים געפאָלגט, און איצט — אויס שטערונג, אויס רעוואָלווער. מיין האַרץ איז פול מיט פרייד, מיט גליק, מיט בטחון צו זיך אַליין.

דאָס קרומע האָט זיך אויסגעגלייכט — דער לעצטער שטיין איז באַזייטיקט — דער וועג איז פריי.

אַ שאָד די שיינע וועלט

כ׳בין צוריקגעקומען מיט מיינע אויסגעגלייכטע פיס אין טעאַטער, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ צייטיק ווייצן־פעלד אין מיין ווייטן, פלאַך־ערדיקן גאַליצישן דאָרף בעת אַ זאַט געראַטעניש. ס׳איז געווען אין סעזאָן 1913־1914 — דער צייטיקער שניט פון די ריינהאַרט־טעאַטערס, דער הויכפּונקט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם גרויסן קינסטלער. נאָך אין די פריערדיקע סעזאָנען האָט ריינהאַרט געמאַכט גרויסע אויפפירונגען, וואָס זיינען געווען אמתע טעאַטער־יום־טובים. נאָך „עדיפּוס“ אין דער אַרענע פון צירקוס שומאַן, האָט ער געשטעלטביידע טיילן פון „פאַוסט“. דער צווייטער טייל „פאַוסט“ האָט אויפגעשטורעמט בערלין. די פאָר־שטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן 5:30 נאָכמיטיק און זיך געענדיקט האַלב נאָך צוועלף אין דער נאַכט. צווישן אַכט און ניין איז געווען אַ גרויסער איבער־רייס. דער קאַנצלער בעטהמאַן־האָלוועג איז געקומען אין טעאַטער נאָכ־מיטיק אין גיי־ראָק, און ביינאַכט — אין פראַק. ניט נאָר די שוישפּילער — אויך דאָס פּובליקום האָט געביטן קאָסטיומען. יעדע הויפּט־ראָל איז גע־שפּילט געוואָרן פון צוויי און פון דריי שוישפּילער — ווי ביים פערד־לויפן: פאַסירט עפּעס מיט איין פערדל, שטייט אַ צווייט פערדל גרייט. די פרעסע איז געווען פול מיט טעאַטער־נייעס.

איצט האָט מען אויפגעפירט אין צירק „דאָס מיראַקל“ און שפּעטער

די „אַרעסטיע", אין וועלכער מאַיסי־אַרעסט ווערט געיאָגט פון די גריכיש־מיטאָלאָגישע פוריעס מיט אַזאַ קראַפט פון זשעסט און כאָראַלע אויס־געשרייען, אַז ס'האָט אָנגעוואָרפן אַ גרויל אויף די פינף טויזנט צוקוקער יעדן אָוונט.

ביי די נאָכמיטיק־פאָרשטעלונגען האָבן קינדער און דערוואַקסענע זיך באַרוישט מיט מעטערלינקס „דער בלויער פויגל", אין וועלכן צוקער, פייער, קאַץ און הונט רעדן ווי מענטשן און ווערן באַגלייט אין די קינדערשע טרוימען מיט הומפּערדינקס מוזיק. דער זיסער צוקער האָט זיך אָפּגעבראָכן אַ פינגער, און דאָס גוטע, געשמאַקע ברויט שניידט זיך אויס אַ רעפטל פון בויך און שפּייזט דערמיט די וואַנדערנדיקע קינדער. זיי קומען דער־נאָך אין הימל אַריין און טרעפן דאָרט זייער אָרעמע מוטער, אָנגעטאָן אין זילבערנע געוואַנטן. די מוטער איז געשפּילט געוואָרן פון ריינהאַרטס פריערדיקער פרוי, עלזע האַימס, וועלכע איז דעמאָלט געווען אויף דער צייט מיט איר גאָטפרידן. איז אַ וואונדער וואָס גאָטפריד איז היינט אַזוי מוזיקאַליש? אַז הומפּערדינק און מעטערלינק זיינען געשטאַנען ביי אים צוקאָפּנס נאָך איידער מ'האָט אים געלייגט אין וויגל אַריין! געווען אַ מאָמענט, ווען דאָס ייִנגעלע שטרעקט אויס זיינע הענטלעך צו דער מוטער און זאָגט: „מוטער, מיר דאַכט, אַז איך בין אין הימל!" ענטפערט אים עלזע האַימס מיט גאָטפרידן אין דער מוטערס דיך: „מיין קינד, אומעטום, וואו צוויי פּאָר הענט נעמען זיך אַרום, דאָרט איז דער הימל." די שוואַנגערע מוטער האָט דערביי פאַרגאָסן אמתע טרערן, און אויך די שוישפּילער אין די קוליסן האָבן געוויינט. ס'איז געווען אפשר ווייניקער ווי „עכטער" טעאַטער, אָבער אַ סך מער ווי גלאַט טעאַטער.

אין צווייטן ווינקל פון הויף, אין די „קאַמערשפּילע", זיינען געקומען צום וואָרט נייע דיכטער: סטרינדבערג און וועדעקינד. ביי סטרינדבערגן האָבן אין אַ פאַרדומפּן־פאַרביסענער שפּראַך געקעמפטביידע געשלעכטער — מאַן און פרוי. אומצוטרוי איז געווען דער הויפּט־העלד. ער האָט אָנ־געקלאָגט די בירגערלעכע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אַזוי גערן געלאָזט איינשלעפערן מיט אילוזיעס פון אַ בלויער־פויגל־ראָמאַנטיק. מיט נייע, שאַרפע ווערטער האָט ער אַנאַליזירט די אָפּנאַרערישע פאַרהעלטענישן, אויפראַיענדיק די פוילע וואָרצלען פון דער געזעלשאַפט. ווען דער פאָר־האַנג איז געפאַלן נאָכן „שטורעם", זיינען די צוקוקער, טאַקע פון יענער „נאָבעלער" געזעלשאַפט, געבליבן זיצן צעשראָקענע, אויפגערודערטע, דערשיטערטע, און האָבן מינוטן־לאַנג ניט געפונען דעם מוט צו אַפּלאָדירן.

וועדעקינד ווידער האָט אַליין אַראָפּגעדונערט די הויפּט־ראָלן אין זיינע טעאַטער־שטיק. ווי אַ פאַנאַטיש־באַגייסטערטער נביא האָט ער זיך אַרומ־געיאָגט איבער דער בינע און געשאָסן זיינע פלאַם־פייערדיקע אָנקלאָג־

סצענע פון פראַנץ וועדעקינדס פּיעסע „קעניג ניקאָלאָ“ (בערלין, 1924).
פון רעכטס : אַל. גראַנאַך (קעניג ניקאָלאָ), לוצי מאַנהיים (פּרינצעסין אַלמאַ)

ווערטער גלייך צו דעם נייגעריק־גאַפּנדיקן פּובליקום. אין זיין פּיעסע „פראַנציסקאַ" זיינען געווען צוויי ראָלן אונטער איין נאָמען — „חזיר־הונט". געשפּילט האָבן עס צוויי שוישפּילער (פאַרפלאָכטן די אָרעמס, מיט פּלייצע צו פּלייצע), איינער אין אַ מאַסקע פון אַ חזיר, דער צווייטער אין אַ הונט־קאָפּ — אַ סימבאָל פון דער צענזור און קריטיק. ווען אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן „שיינקייט" אין דער געשטאַלט פון אַ נאַקעט מיידל, האָט חזיר־הונט געגומען כראָמקען און בילן. די פּיעסע איז נאַטירלעך פאַרבאָטן געוואָרן פון דער צענזור.

אין זיין שוישפּיל „הידאַלאַ" קעמפט אַ „קאַרליק־ריז" פאַר אמת און שיינקייט — ווערט ער פון זיינע פריינט און פון דער געזעלשאַפט אַזוי אויסגענוצט, אויסגעפּלינדערט און געהעצט, אַז ער מוז צום סוף זיך נעמען דאָס לעבן. אין אַ צווייט שטיק ווערט דער „קעניג ניקאָלאָ" באַרויבט פון טראָן און אַרויסגעטריבן פון לאַנד. שפּעטער קערט ער זיך צוריק אין זיין לאַנד ווי אַ וואַנדערנדיקער קאָמעדיאַנט, און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט ער אין מאַרק זיין אייגענע לעבנס־געשיכטע. ער טוט דאָס אַזוי אויפריכטיק און עכט, אַז ער ווערט דערקלערט פאַר דעם בעסטן קלאָון, און זיין נאָכפאָלגער, דער אַמאָליקער חזיר־שלעגער, טוט אים אָן דעם כבוד און שטעלט אים אָן ביי זיך פאַר זיין הויף־נאַר.

אין דערזעלבער צייט האָט ריינהאַרט אויפגעפירט אין „דויטשעס טעאַטער" זיין באַרימטן שעקספּיר־ציקל: „קעניג ליר" און „האַמלעט", די קעניגס־דראַמען און קאָמעדיעס. דאָס איז געווען אַ קינסטלערישע שפּע — דער רייכסטער שניט פון אַ גערעטעניש, מיט וועלכן גאַנצע דורות האָבן זיך געשפּייזט. איבער הונדערט פון די בעסטע, אויסדערוויילטסטע שוישפּילער פון יענער צייט האָבן זיך אין דעם באַטייליקט — בראש מיט באַסערמאַן און שילדקרויט, מאָיסי און וויקטאָר אַרנאָלד, וואַסמאַן און אַבעל, און די פרויען עלזע היימס, גערטרוד אייזאָלדט, טילאַ דוריעי, לוסי העפליך, קאַמילאַ אייבענשיץ און נאָך הונדערט אַנדערע. צווישן די ייִנגערע זיינען געווען ערנסט לוביטש, ווילהעלם מוראַו, פריץ קאָרטנער, יאָזעף שילדקרויט, קאָנראַד ווייד, דער יונגער דאַנעגערס און פיל, פיל אַנדערע. מיר, יונגע, פלעגן שטיין אין די קוליסן און שעמעוודיק, מיט הייליקן ענטוזיאַזם, זיך צוקוקן צו די פּראָבעס. און ריינהאַרטן האָבן מיר פאַרגעטערט — ווי נאָר חסידים זייער גרויסן רבין. נאָך מער האָט אים פאַרגעטערט דאָס פּובליקום — דאָס בערלינער פאָלק פון יענער קייזער־צייט — מער נאָך ווי דעם קייזער. ווער האָט גאָר גערעדט וועגן דעם „לעהמאַן" — אַזוי האָט מען גערופן דעם קייזער ווילהעלם מיט די אַרויפּ־געדרייטע וואָנסעס. אָבער ניט רעדן וועגן ריינהאַרטן, האָט געהייסן, אַז מ׳איז אַן אומוויסנדער מענטש. זיינען מיר יונגע געוואַלדיק שטאָלץ

געווען צו זיין מיטגלידער פון דער ריינהאַרט־בינע. זיין טעאַטער איז דעמאָלט געווען אילוזיאָניסטיש, יום־טובדיק, אַמוזאַנט — אין קעגנזאַץ צום שפּעטערן פּאָליטיש־אידעאָלאָגישן טעאַטער. ס'איז געווען די גרויסע צייט פון בוי און בילדונג אין דייטשלאַנד. אין בערלינער פּאַרלאַמענט זיינען שוין געזעסן אַ סך סאָציאַליסטן — און אַרבעטער און אינטעלעקטואַלן האָבן שוין געהאַט געגרינדעט די „פאָלקסבינע", וואו מ'האָט אויפגעפירט סאָציאַלע דראַמעס. דער דיכטער פון פּשוטן מענטשן, גערהאַרד האַופּטמאַן, איז שוין לאַנג געווען אַן אַנטדעקטער. האָבן די שלעזישע וועבערס רעבעלירט אויף דער בינע, דער קייזער האָט ליקווידירט זיין הויף־לאָזשע אין טעאַטער — אין לופטן האָט געבלאָזן אַ פּראָגרעסיווער ווינטל, און טעאַטער איז געווען דער מיטלפּונקט פון דער צייט.

אין אַלטן „קאַפע דעס וועסטענס" זיינען געזעסן קינסטלער, פילאָסאָפן, פּאָליטיקער, מאָלער און גלאַט באַהעמיער, יונג און אַלט צוזאַמען, און אַטאַקירט און קריטיקירט דעם „געמיינזאַמען שונא" — דעם פּאַר־שלאָפענעם, באַגרענעצטן קליינבירגער. פראַנץ פּפעמפּערט האָט אַרויס־געגעבן זיין אַגרעסיווע, אומאָפּהענגיקע צייטשריפט „אַקציאָן", אין וועלכער ער האָט געדרוקט זיינע פּאָליטיש־געוואַגטע, אַנגרייפנדיקע לייט־אַרטיקלען און די אַרבעטן פון נייע דיכטער: פראַנץ ווערפעל, פּאול באַלדט, ערנסט בלאָס, פראַנץ בליי, ריכאַרד דעהמעל, מאַקסים גאָרקי, אוגוסט סטרינדבערג און אַ סך אַנדערע. האָט מען אַרום די טישן אין קאַפע דיסקוסירט די נייע ריכטונגען אין דער פּאָליטיק—מ'האָט זיך געריכט, אַז נייע צייטן קומען אָן.

אויך אין מיר איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג, און איך בין געווען געוואַלדיק צופרידן: עס האָט געלוינט! ווי אַנדערש — וואָס פאַר אַ פּאַרקערטע וועלט זייט דער צייט, ווען איך בין געשטאַנען ביים מעל־קאַסטן אין דער בעקעריי... ווען איך האָב איצט אַנגעטאָן טריקאָ, האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט פון מיינע גלייכע פיס און בין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב זיך געלאָזט אָפּפירן און דורך דעם צוריקגעוואונען דעם צוטרוי צו זיך אַליין. ניטאָ מער קיין שטיין אין וועג! כ'האָב ערשט דערגרייכט דעם אָנהויב פון מיין ציל, און דאָך בין איך געווען פול מיט גליקזעליקייט. צו זיין אויף דער בינע איז געווען פאַר מיר פּונקט אַזוי הייליק — און אפשר נאָך פריידיקער — ווי תפילה־טאָן ביי מיין טאַטן. דאָס לעבן אין טעאַטער איז ניט נאָר פאַרבנרייך און פאַרשיידנאַרטיק, נאָר אין אַ געוויסן זין אויך פיל לענגער ווי ביי טאָג־טעגלעכע מענטשן. האָט מען שוין דאָס גליק ניט צו שטאַרבן פון מאָזלען, פאָקן, שאַרלאַך, דיפטעריע, טיפוס, לונגען־אַנטצינדונג, אָדער גלאַט פון הונגער, לעבט מען אַריין — גרויס — אין די זיבעציקער. און ווי מאַנאַטאָן — פון וויגל ביז צום קבר — עס לעבן אַלע פריוואַטע מענטשן. דאַקעגן דער שוישפּילער — וויפל פריידן

ער האָט דאָס אין זיין לעבן! ערשטנס — די פּרעמיערעס. דאָס זיינען דאָך גרויסע, אמתע יום־טובים! היינט דאָס אַנטדעקן פון אַ נייעם דיכטער, אַ ניי טעאַטער־שטיק, אָדער עפּעס אַ נייעם שטריך אין אַלטן שעקספּיר און געטע — — און ערשט די פילע יאָרן, וואָס אַ שוישפּילער קאָן לעבן אין די ראָלן, וואָס ער שפּילט! אַזוי לעבט קעניג ליר 112 יאָר, מעפיסטאָ — 50, האַמלעט — 30, פראַנץ מאָר — 25, שיילאָק — 60, אָטעלאָ — פערציק יאָר, — צוזאַמען 317 יאָר, וואָס אַ ריכטיקער שוישפּילער קאָן איבערלעבן אין איין איינציקן יאָר. ווען מען שפּילט אַזוי 30 יאָר טעאַטער, קאָן אַ שוי־שפּילער לעבן אַנשטאָט נישטיקע 70 — גאַנצע 9,510 אינטערעסאַנטע יאָר, וואָס מיינט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די כינעזישע וועלט איז אַלט, אָדער פינף מאָל אַזוי פיל ווי די קריסטלעכע. וואָס־זשע מאַכט עס אויס, ווען צוליב 9,510 פריידיקע יאָר שטעלט מען איין אין קאָן 70 נישטיקע יאָר? מיין געוואָגטע אָפּעראַציע האָט מיר איצט צוגעזאָגט אַ כמעט צען־טויזנט־יאָריקע אייביקייט — זאָל איך ניט גליקלעך זיין?

ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער סעזאָן 1913־1914, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ וואַנדער־טור איבער דייטשלאַנד: ערשטנס, כדי אויסצופּרואוון מיינע נייע פּיס, און צווייטנס, טאַקע זיך צו באַקענען מיט מיין נייעם היימלאַנד און מיט זיינע מענטשן, וועלכע עס וועט מיר אויסקומען צו שפּילן אויף דער בינע. געגאַנגען בין איך אין דער ריכטונג צו קאַסעל. ביז אַהין האָב איך געהאַט געלט — ווייטער ניט. ווען איך בין נאָך געווען אַ בעקער־יונג, האָב איך געקאָנט וואַנדערן ווי ווייט כ'האָב געוואָלט. כ'האָב נאָר געדאַרפט אַריינגיין אין אַ בעקעריי, זאָגן מיין לאָזונג, און די פאַך־גענאָסן האָבן מיך שוין אונטערשטיצט. דאָ האָב איך אויך באַזוכט מיינע פאַך־קאָלעגן, די שוישפּילער, אָבער איך בין זייער אַנטוישט געוואָרן. ווי שטייף און באַרימעריש! אין אָט דעם נייעם פאַך מיינעם זיינען פאַראַן בלויז „גרויסע", וואָס וואַרטן מען זאָל זיי באַוואונדערן, און „קליינע", וועלכע קריכן יענע אונטער די נעגל. ניין, נישטאָ די בעקערשע וואַרעמקייט און סאָלידאַריטעט — — ס'איז אַ וואונדערלעכע, גרויסאַרטיקע פּראָפעסיע שוישפּילעריי, אָבער פול מיט גיפט, קנאה, נישט־פאַרגינעריי.

פון קאַסעל האָב איך געמוזט זיך לאָזן אויף גאַטס באַראַט. זומער־לעב קאָן מען שלאָפן ערגעץ אין היי, איבערנעכטיקן אין אַ קרעטשמע, און ווייטער גיין. כ'האָב מיט אַ לייכטן לונג־און־לעבער זיך פאַרלאָזן אויף „זשעבראַקינע": מאַכט ניט אויס — אין אויגוסט וועל איך דאָך ווידער אָנהויבן נעמען גאַזשע אין טעאַטער. אין אַ דאָרף לעבן גיעסען בין איך אַריין אין אַ קרעטשמע און געפרעגט צי מ'וועט מיר געבן עסן אָן געלט.

— נו, אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ קאָנסטו קריגן — האָט אַ וואָרטשע געטאָן די פאַרהאָוועטע באַלעבאָסטע.

— איך וואָלט אָבער וועלן עפּעס צום ברויט — זאָג איך אַן אויפ־געלייגטער.

— דריי ניט אַ קאָפּ — האָט זי קורץ געענטפערט.

די עטלעכע פּויערים, וואָס זיינען דאָרט געזעסן און געטרונקען ביר, האָבן שטיל געשמייכלט.

— איז, האָט מיר אַ גוטן און אַ שיינעם דאַנק!

איך בין אַרויס אין גאַס. ערשט איינער פון די פּויערים קלאַפּט אין פענצטער, רופט מיך צוריק אַריין און הייסט מיר געבן ברויט מיט שינקע און אַ גלאָז ביר.

— איך וויל נישט — זאָגט ער — זאָלסט דערנאָך ביי זיך אין דער היים דערציילן, אַז אַ דייטש דאַרף לאָזט פאַרהונגערן אַ מענטשן.

כ׳האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל דערציילן דעם אמת.

איינמאָל ביינאַכט קום איך אָן אין אַ קליין שטעטל און פרעג ביי אַ פּאָליציימאַן וואו מ׳קאָן דאָ איבערנעכטיקן.

— דריי שעה גאַנג פון דאַנען איז דאָ אַ קרעטשמע — ענטפערט ער.

ס׳איז שפּעט ביינאַכט, און איך בין שוין טויט מיד, בעט איך, ער זאָל מיך אַרעסטירן, וועל איך קאָנען איבערשלאָפן אויף דער פּאָליציי.

— יאָ — זאָגט דער דייטשער געזעץ־היטער — דאָס איז אָבער קעגן געזעץ. סיידן איר וועט זיך שלעכט אויפפירן, מיך באַליידיקן — דעמאָלט מוז איך אייך אַרעסטירן.

כאַפּ איך אים אָן ביים זעבל און לאָז אַרויס אַ געשריי, אַז דאָס גאַנצע שטעטל ציטערט.

— איר חוצפּהדיקער יונג! — צעשרייט ער זיך — קומט מיט מיר, איר זייט אַרעסטירט!

כ׳בין איבערגעשלאָפן אין געפענגעניש, און זיבן אַזייגער גאַנץ פרי האָט מיר דער פּאָליציאַנט געבראַכט אַ טאָפּ שוואַרצע קאַווע מיט ברויט און מיר געוואונטשן גליק אויף מיין וויטערדיקן וואַנדער.

אין באַד־אָרט נויהיים האָט זיך געטראָגן אַ שווערער, ליבער ריח פון פאַרשיידענערליי בלומען, בליטן און געווירצן. געדיכטע אַלייען, קאָליר־פולע גאָרטנס און אַלטע, שאָטנדיקע ביימער האָבן זיך געשפּילט אין דער זון פון אַ זומערדיקן פרימאָרגן — ס׳איז געווען אַרום עלף דער זייגער. אין דעם גאָרטן־רעסטאָראַן פון „קור־הויז" זיינען געשטאַנען געדעקטע טישן, וואָס האָבן געלאָקט: קומט עסן! ס׳איז מיר געקומען די סלינע אין מויל, מיינע אויגן און דער מאָגן האָבן געשלונגען דעם הונגער — איך בין איצט גרייט געווען אַלץ צו טאָן פאַר עסן! מאַדנע: אַזאַ פיינע לופט און אַ פאַרביקע לאַנדשאַפט — און דער מאָגן איז ליידיק. און דאָך בין איך געווען גוט אויפגעלייגט.

אַ הויכער, שטאַרקער מאַן אין אַ גיי־ראָק, מיט אַ ראָזעווע, פריש־ראַזירטן פּנים און אַרויפגעדרייטע וואָנסעס, ווי ביי קייזער ווילהעלם, האָט געגעבן די קעלנערס די לעצטע אָנווייזונגען פאַרן עסן — קיין געסט זיינען נאָך ניט געווען. איך בין צוגעגאַנגען.

— איר ווינטשט עפּעס? — האָט יענער הויכער מאַן אַ פרעג געטאָן.

אין עטלעכע ווערטער האָב איך אים דערציילט מיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע: שוישפּילער — אָפּעריירט אויף די פיס — כ׳וואַנדער צוליב „שטודיום״ — הונגעריק!

ער האָט צוגערופן אַ קעלנער און געהייסן ברענגען אַ מיטיק פון פינף מאכלים.

— וויין, צי ביר? — פרעגט דער קעלנער.

— וויין — רויטן, פאַרשטייט זיך! — כאַפּ איך זיך.

האָב איך שוין געהאַט אַ גאַנצע סעודה! און ווען כ׳האָב זיך באַדאַנקט ביי דעם מאַן מיטן גיי־ראָק, האָט ער בלויז מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— פיין, איר וועט מיר אַמאָל צושיקן פרייע בילעטן אין טעאַטער. אַבי ס׳האָט געשמעקט ס׳עסן!

איך האָב געוואַנדערט ביז לינדאַו, ביז דער שווייצער גרענעץ, און דערנאָך זיך אומגעקערט. אויפן וועג האָב איך באַגעגנט סטאָליאַר־יונגען און טשעסלערס, וועלכע האַלטן אין איין אַרומוואַנדערן און קוקן אויף „סעזאָן־וואַנדערער״ מיט פאַראַכטונג; אויך יונגע בחורימלעך, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון דער היים, און נאָך אַנדערע וואַנדער־פייגל. דאָ האָב איך אויך צום ערשטן מאָל זיך דערוואוסט וועגן האָמאָסעקסואַליסטן. אייניקע פון זיי האָבן אַפילו געהאַט אַדרעסן צו „פיינע הערן״ אין יענער געגנט. מיט זיי בין איך דערנאָך אָוועק קיין בייערן.

אין מינכען האָבן מיר פלוצים דערזען פּלאַקאַטן, אַז דער עסטרייכישער קרוין־פּרינץ איז דערמאָרדעט געוואָרן און עסטרייך האָט דערקלערט קריג צו סערביע. „קיין זאַך מיידט מיך ניט אויס!״ — אַזוי, דערציילט מען, האָט געזאָגט דער אַלטער קייזער. די שטאָט האָט געקאָכט — יעדע האַלבע שעה איז אַרויס אַן עקסטראַ־אויסגאַבע מיט דערקלערונגען פון פאַר־שיידענע הערשער אין אייראָפּע, אַז זיי ווילן ניט קיין מלחמה. מאָדנע — קיינער האָט ניט געוואָלט קיין מלחמה, און אַלע האָבן געהאָלפן זי צוגרייטן!

איך בין אַריין אין אַ טעאַטער, וואו ס׳האָבן געשפּילט מיינע באַקאַנטע פון בערלין, און זיי האָבן מיר געקויפט אַ באַן־בילעט אַהיים.

בערלין איז געווען שיכור פון קריג־באַגייסטערונג. סטודענטן און אויך סאָלדאַטן, האַלב ציוויל אָנגעטאָן, האָבן געזונגען מלחמה־לידער. דער קייזער האָט אויפן הויף פון זיין שלאָס אויסגערופן: „איך האָב נישט געוואָלט קיין מלחמה — אָבער איצט ווען מיר זיי דערלאַנגען! איצט

עקזיסטירן נישט פאַר מיר קיין שום פּאַרטייען, אַחוץ איינער — די דייטשע!"

אַ צעטומלטער בין איך אַוועק אין אונדזער טעאַטער. אויך דאָ איז אַלץ געגאַנגען כּאַדאַראַם. אייניקע שוישפּילער האָבן שוין געטראָגן זייערע מיליטער־אוניפאָרמען. ווען איך בין נאָך אַ פּראָבע אַהיימגעגאַנגען מיט מיין בעסטן פריינט, וואַנגענהיים, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן מיט פאַר־דאַכט, צי בין איך ניט „צופעליק" אַ שפּיאָן...

פּלוצים בין איך געוואָרן אַ פרעמדער — מיין בעסטער פריינט האָט מיר מער נישט געטרויט.

דאָס טעאַטער האָט אָפּגעשטעלט די פּראָבעס — עפּעס ווי דער גאַנצער גאַנג פון לעבן וואָלט זיך מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט. איך בין אַוועק צום עסט־רייכישן קאָנסולאַט. מ'האָט מיך אַסענטירט און מיר געגעבן אַ פרייען בילעט אַהיים צו דער אַרמיי. בערלין איז פּלוצים פול געוואָרן מיט פאַר־שיידענע פאַטשטן, זאַגעכצער, שפּיאָנאַזש־געשיכטעס: מ'האָט אַרעסטירט צוויי נאָנעס, וואָס זיינען גאָר קיין נאָנעס ניט געווען, נאָר איבערגעטוענע רוסישע אָפיצערן, וועלכע האָבן געוואָלט הרגענען דעם דייטשן קייזער, — נעבעך! בעלגיע האָט פּלוצים געוואָלט פאַרראַטן דייטשלאַנד! אָבער אָט זיינען שוין אַהין אַריין די דייטשע אַרמייען — דער גענעראַל עמיך האָט „אייגנהענטיק" געשטורעמט זייער פעסטונג ליטיך! די צייטונגען דרוקן שוין לידער וועגן דעם:

„האָט געזאָגט דער גענעראַל עמיך:
גאָט־סאַקראַמענט — דאָס נעם איך!"
עס האָבן זיך באַוויזן נאָך אַנדערע פריילעכע גראַמען:
„מיט יעדן שטויס אַ פראַנצויז,
מיט יעדן „שוס" (שאָס) — אַ רוס,
די סערבן מוזן שטערבן."

האַ־הי! ווי „פריילעך" דאָס איז געווען... מיין באַשיצער גערסדאָרף איז שוין געהאַט געפאַלן ביי ליטיך. אָרעמער מענטש...

איך בין געווען פאַרטיק אַהיימצופאָרן און בין געגאַנגען אין טעאַטער זיך געזעגענען. ריינהאַרט האָט ווידער געפּראָוווט רופן אַ פּראָבע. ער האָט אויסגעקוקט ערנסט און באַזאָרגט. דער קאָמיקער וויקטאָר אַרנאָלד איז אַרויף אויף דער בינע מיט אַ געוויין:

— הער ריינהאַרט, וואָס וועט זיין? די וועלט ווערט צעשטערט, די שיינע וועלט גייט אונטער — אַ מבול, אַ וועלט־אונטערגאַנג!

דער קאָמיקער האָט געוויינט און קיינער האָט אים איצט ניט געקאָנט באַרואיקן. און ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער ביי זיך אויסגעשלאָגן אַ שויב און מיטן גלאָז זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז.

די קייזערס און קעניגן זײַנען געווען פּשוטע ליגנער, ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן ניט קיין מלחמה — זיי האָבן אַליין אַלץ צוגעגרייט אויף צו שיקן זייערע פעלקער צו דער שחיטה. אָט דער קאָמיקער אַרנאָלד, דער קינסטלער, דער מענטש, וועלכער האָט בחוש געפּילט דעם גאַנצן חורבן פון מלחמה — ער האָט עס באמת ניט געוואָלט! ער האָט ליבערשט גע־וואָלט שטאַרבן, איידער לעבן אין אַ וועלט, וואָס מיט איר גאַנצן גלויבן אין גאָט, מיט אירע אַלע הייליקייטן פון וויסן און קולטור־אוצרות — זעט זי ניט קיין בעסערן אויסוועג, ווי נאָר, אַז מענטשן זאָלן זיך קעגנזייטיק אַריינשיסן קוילן אין מוח און זיך דורכלעכערן מיט באַיאָנעטן!

דער גרויסער מענטשן־פאַרשטעלער — דער קאָמיקער וויקטאָר אַרנאָלד, וואָס האָט שטענדיק געלאַכט פון דער וועלט און אַנדערע געמאַכט צו לאַכן — ער האָט עס ניט געקאָנט איבערטראָגן און האָט פרייוויליק פאַר־לאָזט די מיאוסע וועלט. אַ שאָד דעם גרויסן קינסטלער וויקטאָר אַרנאָלד, און אַ שאָד אַזאַ גרויסע, שיינע וועלט!

כמעט אַ פרעמדער אין דער אייגענער היים

מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך פאַרלאָזט בערלין — פון זעלבן שלעזישן באַן־הויף, אויף וועלכן איך בין מיט יאָרן צוריק אָנגעקומען פון מיין היים. אַ סך האָט זיך געענדערט זייט דעמאָלט, און נאָר אַ שאָד וואָס מיין ווייטערדיקער וועג האָט זיך פלוצים ווידער אָפּגעשטעלט...

דער צוג איז געווען איבערגעפּאַקט. מיר האָבן באַגעגנט באַן־טראַנס־פּאָרטן מיט די באַרימטע וואַגאָנען „פאַר אַכט פערד, אָדער 46 מאַן", אָפענע „לאָרעס" מיט אָנגעפּאַקטע קאַנאָנען, איבערגעדעקט מיט געצעלט־לייוונט, און אויף יעדן וואַגאָן זײַנען געווען קאָמישע אויפשריפטן און קאַריקאַטורן, פון וועלכע קיינער האָט שוין מער ניט געלאַכט. כמעט אויף יעדער סטאַנציע האָבן אונדז אָפּגעוואַרט ספּעציעלע פּרויען־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן אויס־געטיילט ברויט מיט וואורשט, ביר און קאַווע מיט קוכן. דאָ האָט מען געקאָנט הערן גאַנץ אָפּטימיסטישע אויסרופן און באַמערקונגען — וואָרים יעדער איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ גאַנצער מלחמה־נביא, אַ סטראַטעג, אַ שלאַכטן־פירער, און געניי געוואוסט וואו און ווען און ווי אַזוי מיר וועלן זיגן, ווי דייטשלאַנד וועט מיט „איין דריי" אַריינקריגן און פאַרניכטן אַלע רוסן, פראַנצויזן און ענגלענדער, וועלכע „גאָט וועט סיי ווי באַשטראָפן", און דייטשלאַנד וועט אַזוי אַרום בלייבן „איבער אַלעס". איך, ווי אַן עסטרייכער, בין געווען אַ „פאַרבינדעטער", אַ „קאַמעראַד מיט געשנירטע שטיוול", ווי די דייטשן פלעגן אונדז רופן — אַן אַנצוהערעניש אויף דער

סאַלאַן־עלעגאַנץ פֿון די עסטרייכישע אָפֿיצירן. גאַנץ דייטשלאַנד איז איצט געוועזן שיכור פֿון „קריג און זיג", די צייטונגען — פֿול מיט בילדער פֿון קייזער, פּרינצן, גענעראַלן. יעדער איז געווען איבערצייגט, אַז דער „פֿעלד־צוג וועט זיין אַ שנעל־צוג", גלאַט אַ שפּאַציר, וואָס וועט זיך ענדיקן אין זעקס וואָכן אַרום. דעמאָלט וועט דער שונא שוין ליגן אויף די קני, און יעדער דייטש וועט קאָנען עסן אַ פֿעט גענדזל און זיך אויסרוען אין בעט, פֿול מיט לאָרבער־קראַנצן.

אין עסטרייך איז שוין געווען אַנדערש. דער אַזוי־גערופֿענער רוסישער „דאַמף־וואַלעק" האָט מיט זיין גאַנצער שווערקייט זיך איינגע־וואַלגערט אין דער מזרח־גרענעץ פֿון גאַליציע — מיר האָבן שוין אָנ־געהויבן זיך צוריקציען „צוליב סטראַטעגישע סיבות". הונדערטער אַנטלאָפֿענע האָבן אָנגעפֿילט די וועגן, און דווקא אָן שום קריג־באַגייסטע־רונג. אין קעגנטייל צו דייטשלאַנד, האָבן דאָ די סאָלדאַטן און די ציוויל־באַפֿעלקערונג גערעדט טשעכיש, פּויליש, אוקראַיניש, אונגאַריש, סלאָוועניש, דייטש — אַלץ דורכאיינאַנדער — האָט מען זיך נישט פֿאַרשטאַנען און ניט געהאַט קיין צוטרוי איינער צום צווייטן. טשעכישע פּרויען, האָט מען דערציילט, שלעפּן אַראָפּ זייערע מענער פֿון די מיליטערישע צוגן און לאָזן זיי ניט גיין אין מלחמה. טשעכישע און סלאָוואַקישע סאָלדאַטן וואַרפֿן אַוועק דאָס געווער — זיי ווילן מער ניט קעמפֿן פֿאַרן אַלטן קייזער. האָט מען אייניקע פֿון זיי אַפֿילו דערשאָסן. געווען שוין אויך פֿאַרוואונדעטע פֿון רוסישן און סערבישן שלאַכט־פֿראָנט. די סערבן, דערציילן די פֿאַר־וואונדעטע, האָבן אונדז „זייער ניט פֿריינטלעך" אויפֿגענומען ביי זיך אין לאַנד: זייערע פֿרויען האָבן באַגאָסן אונדזערע סאָלדאַטן מיט זידנדיקן אויל, און זייערע זקנים און די „פֿאַררעטעריש־כיטרע קינדער" האָבן אויף זיי געשאָסן פֿון באַהעלטענישן. אָבער אַלע האָבן געמוזט צוגעבן, אַז די סערבן זיינען אויסערגעוויינלעך מוטיקע קעמפֿער.

ביי דער „סאָרטיר־סטאַנציע" האָבן מיר באַדאַרפֿט אָנגעבן צי מיר האָבן שוין אַמאָל געדינט ביים מיליטער, אָדער ניט. די „געדינטע" האָט מען אָפּגעשיקט גלייך צו זייער היים־רעגימענט, און די „ניט־געדינטע" האָט מען געשיקט אין אַ מיליטער־לאַגער, וואו זיי האָבן תיכף אָנגעהויבן זייער „לוסטיק" סאָלדאַטן־לעבן מיט „עקזערצירן" — זיך גרייטן צום פֿראָנט. איך בין אַזוי אַרום געווען אין אַ קלעם: גיין צום פֿראָנט, און אַפֿילו פֿאַלן אין דער מלחמה, — אויף דעם בין איך געווען געפֿאַסט; אַביסל האָט מיך אויך צו דעם „געקיצלט" מיין אַלטע נייגעריקייט; און מיט וואָס טאָקע בין איך בעסער פֿון מיליאָנען אַנדערע? אָבער פֿריער האָב איך געוואָלט זיין אין דער היים — זען די מאַמען, אונדזער דאָרף, דאָס שטעטל — כ'בין דאָך שוין פֿערצן יאָר אין דער היים נישט געווען... בין איך אָבער

אויף מײַן שלים־מזל ניט קיין „געדינטער"! איז ווי וואָלט זײַן, איך זאָל זײַ אַ קליין ביסל אָפּנאַרן? אין מלחמה איז עס אַ קלייניקייט. אָט האָבן „זיי", למשל, געזאָגט, אַז זיי האָבן ניט געוואָלט קיין מלחמה — נו, האָבן זיי ניט גענאַרט? און בשעת איך שטיי אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין מײַנע געדאַנקען, גיט מיך אַ פרעג אַן אַנגעפּרעסענער פעלדוועבל:

— געדינט?

— יאָ, הער פעלדוועבל — ענטפער איך תיכף.

— וואו?

— ביים אינפאַנטעריע־רעגימענט 24, קאָלאָמיי.

ס'האָט ניט לאַנג גענומען און איך באַקום אַ רייזע־פּאַפּיר קיין קאָלאָמיי. איך פאָר איבער פּראַג. אומזיסט וויל איך זען די טשעכישע „רעבעלן" — ס'הויבט זיך ניט אָן! פאַרקערט: די טשעכן באַגריסן פרײַנטלעך מיט „נאַזדאַר" און גיבן אונדז עסן. דערווײַל פאָרן מיר ווי פרייע מענטשן, אָן זאָרגן — אויפן קייזערס חשבון.

וואָס נעענטער צו מזרח־גאַליציע, ווערט אַלץ טרויעריקער. מיר קומען קיין לעמבערג. צוויי פון מײַנע ברידער זײַנען שוין אויפן פראָנט, און דער דריטער, שבתי, האָט ערשט אײַנגערוקט צום מיליטער. איך באַזוך אים אין זײַן קאַזאַרמע. ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, און — ווי אַמאָל נאָך אין שולע, ווען איך פלעג אים אָפּטאָן אַ שפּיצל — זאָגט ער מיט אַ פאָרוואורף:

— אָט, ביסט'אָך דאָ! וואו ביסטו געוועזן די גאַנצע צייט?

באַלד אָבער צעוויינט ער זיך:

— צוויי טײַערע, קליינע מיידעלעך — זײַנען געבליבן מיטן ווײַב אין קאָלאָמיי — וואָס וועלן זיי טאָן אָן מיר? ס'וואָלט מיך שוין גאָרנישט געאַרט — אָבער זיי . . .

מיר זײַנען געגאַנגען, מיטן עלטערן ברודער און זײַן פרוי און קינדער, אויף קבר־אָבות. אָט איז דאָס שטיקל ערד, וואו ס'ליגט מײַן ליבער, גוטער טאַטע — — איך קאָן עס נאָך אַלץ ניט משיג זײַן. איך וואָלט דאָך אַזוי גערן געקוקט אין זײַנע מילדע אויגן און אים אַלץ אויסדערציילט...

כ'בין אַוועקגעפאָרן צו מײַן רעגימענט. אָבער אַנשטאָט אַראָפּצוגיין פון באַן אין קאָלאָמיי, בין איך פאַרפאָרן אין מײַן היימיש שטעטל האָראָדענקע.

אין דײַטשלאַנד האָט מען זיך באַצויגן צו גאַליציע מיט ביטול. קיינער האָט דאָרט גאָר נישט געהאַט קעגן רומעניע, בולגאַריע, אונגאַרן, סערביע, מאָנטענעגראָ — אָבער ווי נאָר מ'האָט דערמאָנט גאַליציע, האָט מען באַלד געדרייט מיט דער נאָז. פאָרנדיק איצט פּאַוואָליע מיט דער לאָקאַלער באַן, האָב איך געקאָנט געניי באַטראַכטן אונדזער שלעפעריקע ערד, די פּראַכט פון די זאַט־גרינע בערגלעך, די קליינע, געשלענגלטע טײַכלעך און אָזערעס, די פאַרחלומטע וועלדער. אַלץ איז מיר איצט פאָרגעקומען אַ סך שענער ווי

אַמאָל. און די מענטשן — עפּעס האָבן זיי געקוקט אויף אַ פרעמדן מיט אַזאַ רואיקער נייגעריקייט אין בליק. ווי היימיש האָט מיר איצט געקלונגען דאָס דאָרפישע אוקראַיניש און דאָס שטאָטישע יידיש! דאָס האַרץ האָט זיך געפרייט. זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט, און איך האָב זיי גערן דערציילט — ווי אַזוי עס לעבט זיך אין בערלין, ווי עס זעט אויס די ווייטע וועלט, מיט וואָס די ערד שפּייזט זיי דאָרט און ווי הויך די פּרייזן זיינען, צי קריגט זיך אַמאָל דער קייזער מיט זיין ווייב און וואָס זיינע קייזערלעכע קינדערלעך עסן אום זונטיק. דאָרפס־מיידלעך מיט ברייטע קלובעס און פולע בריסטן, מיט פנימער ווי דער קאָליר פון היימישן קאָרן־טייג, האָבן שטום געשמייכלט און געקוקט אויף מיר מיט פאַרשעמטע, צעגליטע אויגן. זיי זיינען נאָך געווען קינדער, ווען איך בין אַוועק פון דער היים. אָט איז אַגנאַ, די לעצטע סטאַנציע פאַר האַראָדענקע. מ׳זעט שוין די ערשטע פויערים־שטיבלעך — פון ווייטן דאָס גוט קאָמאַשקאַן — און אָט איז „האַראָדענקאַ־מיאַסטאָ“, די שטאָט האַראָדענקע, די היים! די קליינע סטאַנציע קוקט־אויס נאָך קלענער ווי געווען. אָט שטייט דער באַלעגאָלע זאַאיקע קאָפּעלע מיט זיין „איינשפּאַנער“, מיט וועלכן ער פירט פאַר פינף גרייצער פאַרשוינען אין שטאָט אַריין. פונקט ווי אַמאָל — נאָר זיין רויטלעך־ברוינע באָרד איז אַביסל גרוי געוואָרן. ער איז געווען דער ערשטער מיך צו דערקענען און האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר. און באַלד האָבן זיך געשטרעקט הענט פון אַלע זייטן — שלום־עליכם! פון מיינע קרובים איז קיינער ניט געווען — איך האָב זיי ניט געלאָזט וויסן, אַז איך קום. דאָס פערד־און־וועגעלע איז שוין געווען פול געפּאַקט, האָט קאָפּעלע אַ געשריי געטאָן צו זיינע פאַרשוינען:

— קינדער, איר וועט אַלע מוזן אַראָפּ פון וואָגן. איך וויל אים איינעם אַליין אַריינפירן אין שטאָט.

איך בעט זיך ביי אים:

— לאָזט מיך זיצן לעבן אייך אויף דער קאָזלע, איך וויל אַנטרייבן.

— ניין — זאָגט ער — דו וועסט זיצן איינער אַליין אויבן־אָן, ווי אַ פּריץ. זאָלן די יונגערמאַנס פון די אויבערשטע גאַסן זען, אַז אויך פון די הינטערגעסלעך קאָן מען גרויס ווערן.

מיר האָבן זיך אויפגעזעצט און, שוין פאָרנדיק, האָט ער צו מיר אַריבערגערעדט:

— איך וועל דיך פירן צו דער מאַמען. און צאָלן וועסטו ביי מיר אויך נישט — איך וואַרט שוין לאַנג אויף דער מצווה. יאָ, יאָ, מיר האָבן געהערט, אַז דו ביסט דאָרט געוואָרן אַ באַרימטער מענטש. אַ קלייניקייט, אַזאַ גאַסט!

ער האָט אַ קנאַל געטאָן מיט דער בייטש, אַז מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט.

— ווייסט איר ווער דאָס איז? — האָט ער צו זיי אַריבערגעשריגן — דאָס איז דאָך שאַיע אהרנס, גראַנאַך פון דייטשלאַנד. ער האָט באַרייזט די גאַנצע וועלט!

כ׳האָב אַזש געציטערט פון פריידיקער אויפרעגונג. און קאָפּעלע האָט ווייטער גערעדט:

— האָסטו זיי כאָטש דערציילט דאָרטן, אַז מיר דאָ אין האָראָדענקע זיינען אויך מענטשן?

האָראָדענקע! אָט איז דאָך די אַלייע מיט די געדיכטע קאַשטאַן־ביימער, דער מאַרק, דער „ציבעלע״־דאָך פון קליינעם קלויסטערל — יאָ, די צוויי ציגל דאַרטן פעלן נאָך אַלץ! היים מיינע, מיט די סאַוועס אין שפּאַלטן צווישן די ציגל!

קאָפּעלע האָט מיך צוגעפירט צו מיין פעטער. מיין מוטער האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט, און קאָפּעלע האָט ניט געוואָלט איך זאָל זיך באַלד טרעפן מיט מיין שטיפטאַטן. איך האָב עס אויך ניט געוואָלט און בין אים געווען דאַנקבאַר. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען מענטשן, מ׳האָט געשטעלט בראַנפן, הערינג, שוואַרץ ברויט — ס׳איז געוואָרן פריילעך. מ׳האָט מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגעס, און איך האָב גערן אויף אַלץ געענטפערט. און אָט קומט צו לויפן מיין קליין מאַמעלע. זי ווישט נאָך די הענט מיט איר פאַרטוך, ווי זי פלעגט עס אַמאָל טאָן, כאַפּט מיך אין די אָרעמס, קושט מיך און קוקט דערנאָך שטאָלץ אויפן עולם — ווי אַ קליין מיידעלע, וואָס נעמט זיך איבער מיט איר גרויסן ברודער.

— ליב איך מיט אייער גאַסט! — הערט זיך פון אַלע זייטן.

— רבקה, ער איז דאָך גרעסער פון אייך — וויצלט זיך איינער.

— אַ — לאַכט זי — מיינע זיינען אַלע גרעסער פון מיר.

— דעם וויפלסטן, רבקה, האָסטו שוין אָפּגעגעבן דעם קייזער? — זיפצט אַ יידענע.

— גייסט אויך ווערן אַ זעלנער, זון מיינער? — פרעגט די מאַמע ביי מיר.

— יאָ, מאַמע.

— איז עס דער פערטער, גאָט צו דאַנקען.

זי טרינקט אויס אַ גלעזל, רעדט און לאַכט — עס ווערט ווידער אַ לוסטיקער דורכאיינאַנדער. נאָר פּלוצים נעמט די מאַמע מיר קוקן אין די אויגן, ווערט מיט אַמאָל טרויעריק, און צוויי טרערן קייקלען זיך איר איבער די באַקן. זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען — קודם שטיל, דערנאָך אַלץ שטאַרקער, — איך קאָן זי קוים באַרויקן.

— אָבער מאַמע — בעט איך זיך — ביסט דאָך ערשט געווען פריילעך — וואָס דאָס וויינען פּלוצים?

אַלעקסאַנדער גראַנאַך, אַלס קאָרפּאָראַל, און זיין מוטער, רבקה גראַנאַך

— איך דערקען דיך נישט, מיין קינד — וויינט זי שטיל — איך דער־קען דיך שוין ווידער נישט.

וואָס מיינט זי — „שוין ווידער נישט״ ?...

מ׳האָט מיר אויסגעבעטעט ביי דער מומען אין קיך. ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, איז צו מיר אַריינגעקומען דער מומעס טאָכטער, חנה, און אָן לאַנגע טענות אַ זאָג געטאָן:

— שייקע, דו ווייסט, איך בין דיר שטענדיק געווען אַ פריינט. זאָג מיר דעם אמת — איך שווער דיר, אַז ס׳וועט בלייבן צווישן אונדז און קיין מענטש וועט זיך וועגן דעם נישט דערוויסן — זאָג: ביסטו עס דעמאָלט געווען, אָדער ניט דו?

און איך האָב זיך דערוואוסט אַזאַ מין געשיכטע: צוריק מיט דריי יאָר איז געקומען אין שטעטל אַ צירק, און דאָרט איז געווען אַ יונגער קאָמעדיאַנט, ענלעך צו מיר. מיין שוועסטערל, מאַטעלע, פלעגט גאַנצע טעג שטיין ביים צירק און האַלטן אין איין קוקן אויפן קאָמעדיאַנט — און ער אויף איר, אַפּנים, אויך, מחמת זי איז געווען אַ שיינע, פערצן יאָר אַלט, און ער זיבעצן. זיי האָבן אַזוי לאַנג געקוקט איינס אויפס אַנדערע, ביז מאַטעלע האָט אים איינמאָל געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, זייט איר אפשר מיין ברודער שאַיקע?

— פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אייער ברודער שאַיקע — האָט גע־ענטפערט דער קאָמעדיאַנט.

די קליינע איז אַהיימגעלאָפן און דערציילט דער מאַמען, אַז איך געפין זיך אין צירק, נאָר איך וויל זיך ניט געבן צו דערקענען.

— וויל זיך ניט געבן צו דערקענען? — איז די מאַמע אויפגעקאָכט געוואָרן און געלאָפן צום צירק.

עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן שכנים, קרובים און יינגלעך, וועלכע זיינען נאָך געגאַנגען אין שולע מיט מיר צוזאַמען. זיי האָבן באַלאַגערט דעם צירק און געשריגן:

— אַזאַ בזיון, אַזאַ נידערטרעכטיקייט! אַ זון זאָל זיך ניט וועלן געבן צו דערקענען דער אייגענער מאַמען!

חברה האָבן זיך געלאָזט שלאָגן דעם קאָמעדיאַנט. בלאָס ווי קרייד, האָט ער נעבעך זיך געשוואוירן, אַז ער האָט בלויז געמאַכט אַ שפּאַס, אָבער די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

— אַט די בריסטן האָבן דיך געזויגן, און דו ווילסט זיך ניט געבן צו דערקענען?!

מ׳האָט גערופן פּאָליציי, און דער „פאַלשער זון״ מיטן צירק־דירעקטאָר זיינען אַרעסטירט געוואָרן. ערשט ווען זיי האָבן באַוויזן פּאַפּירן, אַז דעם יונגן קאָמעדיאַנט האָט מען גאָר אַרויסגענומען פון אַ פינדל־הויז ערגעץ טיף

אין אונגאַרן, האָט די פּאָליציי זיי באַפרייט. אָבער נאָכדעם ווי דער צירק איז אַוועק, זיינען ערשט אַלע אין שטעטל געוווען איבערצייגט, אַז דער יונגער קאָמעדיאַנט — דאָס בין איך געוווען.

איך האָב פאַרזיכערט מיין געשוועסטערקינד אויף מיין ערנוואָרט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות.

— גוט, וועל איך דיך מער נישט פרעגן — זאָגט זי — איך האָב אַפילו דערוואָרט, אַז דו וועסט מיר זאָגן דעם אמת. אָבער איך ווייס שוין איצט סיי ווי, אַז דו ביסט עס געוווען — אַ׳נישט וואָלסטו עס דאָך נישט אַזוי אָפּגעלייקנט.

אויך די מאַמע האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אַז איך בין עס געוווען. און ווען מיר זיינען געגאַנגען באַזוכן מיין עלטסטן ברודער אין דאָרף, האָט די מאַמע מיט מיר אַזוי איינגעטענהט:

— זע, מיין קינד, איך מיין נישט צו זאָגן, אַז דו מוזסט מיך פאָלגן. ביזט שוין אַ דערוואַקסענער מענטש און דו ווייסט אַוודאי וואָס דו טוסט. אָבער אויך אַנדערע יינגלעך זיינען אַוועק פון האַראַדענקע, דערנאָך זיינען זיי צוריקגעקומען, חתונה געהאַט און געוואָרן מענטשן. אַפילו דער ווילדער יונג, עדזשו גרינבערג, דעם קאָוואַלס זון, האָט אויך אַרומגערייזט די גאַנצע וועלט — געוווען אַפילו אין טשערנאָוויץ — דערנאָך איז ער אַהיימגעקומען, חתונה געהאַט, און איצט האָט ער שוין צוויי ליבע קינדערלעך, זאָלן אים געזונט זיין. און דו? דו קאָנסט נאָך, גאָט באַהיט, אַראָפּפאַלן דאָרט פון אַ פערד, ווערן חלילה אַ קאַליקע, און וואָס דערנאָך? זאָג מיר צו, מיין קינד, אַז כאָטש נאָך דער מלחמה וועסטו אויפגעבן דיינע עסקים דאָרט מיטן צירק און וועסט ווערן אַ מענטש, התונה האָבן און האָבן קינדערלעך ווי גאָט און לייט האָבן געבאָטן.

איך האָב איר אַלץ צוגעזאָגט.

מיין עלטסטער ברודער אין דאָרף וויעזשבאָווצע האָט זיך געפירט פונקט ווי אונדזער טאַטע פלעגט זיך פירן: אויך זיין ווייב האָט אים באַגליקט מיט אַ פולער שטוב קינדער; ער איז אַליין געוווען שטאַרק ענלעך צום טאַטן, און זיין עלטסטער זון, וואָס האָט אויסגעקוקט פונקט ווי ער אין דער יוגנט, האָט אויך אַליין אָנגעפירט מיט דער באַלעבאַטישקייט, גענוי ווי ביי אונדז אַמאָל. אין אָוונט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פויערים און מ׳האָט מיך ווידער פאַרשיט מיט פראַגעס. אָבער באַלד דעם צווייטן טאָג בין איך שוין געווען אויס גאַסט און האָב מיטגעאַרבעט מיט אַלע צוגלייך, ווי איך וואָלט שוין זייט יאָרן געהערט אַהער. כ׳האָב געקנאָטן מיט די פיס שוואַרצע ערד, געמישט מיט וואַסער און שטרוי, צו פאַרריכטן די שטאַל. די קינדער זיינען געוווען שטאַרק נייגעריק צו וויסן אין וואָס עס באַשטייט מיין נייע פּראָפעסיע. האָב איך זיי דערציילט וואָס ס׳מיינט

טעאַטער און עס אילוסטרירט מיטביישפּילן פון טעאַטער־שטיק. זיי האָבן אַלץ פאַרשטאַנען און זיינען געווען באַגייסטערט. אַמבעסטן איז זיי געפעלן געוואָרן די געשיכטע וועגן דעם טונקל־הויטיקן מאָר און זיי האָבן שטאַרק מיטגעפילט דאָ מיט אָטעלאָן, דאָ מיט דעסדעמאָנאָן.

ביינאַכט, ווען מיר זיינען אַלע געזעסן אין שטוב, רופט זיך אָן די שוועגערין:

— דעם גאַנצן טאָג דערציילסטו דאָרט די קינדער וועגן דעם טעאַטער דיינעם. מיינסטו, אַז מיר עלטערע דאָ זיינען בהמות און פאַרשטייען שוין גאָר נישט? נישקשה, מעגסט מיר אויך דערציילן אַזאַ מעשהלע. און נאָך בעסער: באַוויז טאַקע עפּעס אַ קונץ. דערציילן אַ מעשה קאָן יעדער; דו באַוויז בעסער וואָס דו קענסט!

האָב איך גענומען אַ שפּיצעכיק מעסער אין דער רעכטער האַנט, און די לינקע האָב איך אויפגעהויבן גאַנץ הויך, פאַרמאַכט די אויגן, געמורמלט שטילערהייט אַ „שפּרוך" און זי געפרעגט:

— זעסט, שוועגערין, אַ לאָך אין מיין לינקער האַנט?

— ניין — האָט זי געענטפערט מיט אַ נייגעריקן שמייכל — ניטאָ קיין לאָך.

— זע־זשע — דערקלער איך איר ווייטער — איך וועל אַצינד אָפּציילן דריי, און דורכשטעכן דאָס מעסער דורך מיין האַנט, וועט עס אַרויסקומען דורך מיין לינקן אויג, דערנאָך אַרויספליען דורכן פענצטער, אַריינקומען צוריק דורך דער טיר און זיך אַליין צוריק אַוועקלייגן אויפן טיש. האָקוס, פּאָקוס, קאָמגאַלאַמאַראַ, קאַטראַוואַנגאַ, טשינדאַ, דאַגאַראַ — איינס, צוויי דריי!

— ניין, ניין! — האָט זיך צעשריגן מיין שוועגערין אין שרעק — טו עס נישט! איך וויל עס נישט זען! נישט אין מיין שטוב!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אָבער מיין שוועגערין האָט אַלץ געקוקט אויף מיר מיט חשד און געווען איבערצייגט, אַז איך בין אַ שוואַרצקינצלער, אַ כישוף־מאַכער. מיר איז געפעלן געוואָרן דער שפּאַס. האָב איך זיך גענומען „אַריינשפּילן אין מיין ראָל" און צווידייטיק אַ זאָג געטאָן:

— איך בין עפּעס מיד היינט, איך וועל ליבערשט גיין אין שייער און איבערשלאָפן די נאַכט אין היי.

כ'האָב דערקענט אין מיין שוועגערינס בליק, אַז זי וואָלט סיי ווי מורא געהאַט איבערצונעכטיקן מיט מיר אין איין שטוב.

אַרום דריי פאַרטאָג וועקט מיך עמעצער פון שלאָף. ס'איז געווען מיין פּלימעניצע, דאַניאַ, אַ צוועלף־יאָריק, געזונט מיידל, וואָס האָט אַרומגעריטן אויף פערד בעסער ווי איר עלטערער ברודער.

— וואָס איז, קינד? — פרעג איך זי.

— גאָרניט, אָנקל — זאָגט זי — כ׳האָב ניט געקאָנט שלאָפן, און אַזוי ווי דו דאַרפסט שוין מאָרגן אַוועקפאָרן, האָב איך נאָך געוואָלט דיך עפּעס פרעגן. זאָג מיר דעם אמת, אָנקל: ווען די מאַמע זאָל דיר ניט געווען איבערשלאָגן, וואָלט באמת דאָס מעסער געפלויגן דורך דיין האַנט און דורכן פענצטער און דערנאָך אַריינגעגאַנגען דורך דער טיר ווי אַ מענטש — ביז צום טיש?

— און ווי מיינסטו, דאַניאַ? — וויל איך זי אויספּרואוון.

— אַט דאָס איז עס דאָך פאַרוואָס איך האָב ניט געקאָנט שלאָפן. אַז איך קאָן זיך אַפילו דאָס ניט פאָרשטעלן.

— ביזט גערעכט, מיין קינד, איך קאָן עס מיר אויך ניט פאָרשטעלן.

— האָסטו פשוט די מאַמען געמאַכט צום נאַר, ווייל זי האָט דיך ניט ליב?

— יאָ, ווייל היינט צו מיטיק האָט זי דיין עלטערן ברודער אונטער־גערוקט בגנבה אַ האַלב קעלישעקל בראָנפן, און מיר ניט.

— זאָל איך דיר אפשר איצט ברענגען בראָנפן מיט לעקעך?

— דו ווילסט מיך אונטערקויפן, איך זאָל דיר קיינמאָל נישט דער־ציילן אַזעלכע געשיכטעס?

— יאָ, און אויך דערפאַר, ווייל דו געפעלסט מיר, אָנקל, ווייל איך האָב דיך ליב — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן און איז פאַרשוואונדן.

ווען נישט די טונקלקייט, וואָלט איך זיכער געזען ווי איר פּנים איז רויט געוואָרן — איר שטים האָט געקלונגען פאַררויטלט. זי איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ גרויס גלאָז שנאַפּס און לעקעך, און מיר זיינען אַזוי אָפּגעזעסן, געגעסן און געשמועסט, ביז פאַרטאָג. איר ברודער איז איצט אויפגעשטאַנען מעלקן די קו. דאַניאַ האָט אים דערציילט דעם שפּאַס מיטן „כישוף״, און יענער האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז אַפילו די קו האָט אויס־געדרייט דעם קאָפּ און מיט אירע גרויסע אויגן זיך געוואונדערט איבער איר לאַכנדיקן מעלקער. אָבער גיי דערצייל אַ קו פון וואָס מען לאַכט, אַז איר שוועסטער, מיין שוועגערין, האָט עס ניט פאַרשטאַנען!

צומאָרגנס בין איך אַוועקגעפאָרן און צוריקגעלאָזן אין דאָרף אַ קליינע, גוטענקע און קלוגע פּלימעניצע, און אַ בייזע, אומוויסנדע שוועגערין, וועלכע האָט נאָך ביז היינט מסתם זיך ניט דערוואוסט וואָס טעאַטער איז.

אין קאָלאָמיי בין איך געגאַנגען צו מיין רעגימענט 24 — אָבער ס׳איז שוין געווען אַוועק אויפן פראָנט. די עסטרייכישע אַרמיי האָט זיך צוריק־געצויגן און ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט ניט־פרייליכע פּאָטשטן: מ׳האָט גע־שמועסט, אַז אין די אַרומיקע דערפער האָבן זיך באַוויזן רוסישע פּאַטרולן און מענטשן האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס. די רייכערע זיינען שוין פון לאַנג אַנטלאָפן טיפער אין עסטרייך. פאַרטאָג האָט מען געהערט

אַרטילעריע־ און געווער־פייער — נאָך גאַנץ ווייט אַפילו, אָבער מען האָט געגוי געזען דעם רויך פון די שרפות; און באַלד האָט טאַקע געברענט אַ פאָרשטאָט און דער באַנהויף. פאַרגנבעטערהייט, שלייענדיק ביי די ווענט, האָב איך זיך געלאָזט גיין צום מאַגיסטראַט. מיין אַלטער נייגער האָט מיך געטריבן. מ'זעט אין ערגעץ קיין מענטש ניט. פלוצים — אויפן טראָטואַר, ווי פון דער ערד אַרויס, באַווייזט זיך אַ פאַרשוויצטער קאָזאַק אויף אַ פערד. דאָס ביקסל אָנגעשטעלט אויף מיר, פרעגט ער, אַליין אַ צעשראָקענער:

— סאָלדאַטי יעסט? — צי עס זיינען דאָ סאָלדאַטן.

— ניין — ענטפער איך גאַנץ פריינטלעך.

ער האָט אויסגעקוקט ווי דער שוישפּילער פּאָול וועגענער אַלס האָלאָ־פערנעס. דער קאָזאַק האָט אַוועקגאַלאָפּירט אויף זיין פערד. איך בין אַריין אין אַ הויז ביים מאַרק און דערזען דורכן פענצטער, ווי דער זעלבער קאָזאַק קומט צוריק מיט נאָך פיר. נישטערנדיק, פאַרגנבענען זיי זיך אַרום די ווענט פון די הייזער. אויך פון אַנדערע ריכטונגען באַווייזן זיך ענלעכע גרופּעס, און באַלד גאַלאָפּירט אַריין אויפן מאַרק אַ גאַנצע אָפּטיילונג קאָזאַקן. פון מאַגיסטראַט הענגט מען אַרויס אַ ווייסע פאָן. עטלעכע קאָזאַקן זיינען אַראָפּ פון די פערד, אַריין אין מאַגיסטראַט און אויפגעהאָנגען אַ רוסישע פאָן. דערנאָך זיינען אָנגעקומען נאָך אַנדערע רוסישע טרופּן. מיר זיינען, הייסט עס, באַזיגטע — איך געפין זיך שוין „אין שונאס לאַנד". דאָס איז געווען סעפּטעמבער 1914. כ'האָב דעמאָלט געוואוינט ביי מיין שוועגערין, דאָס ווייב פון מיין ברודער, וועלכן איך האָב באַזוכט אין די קאַזאַרמעס אין לעמבערג.

מיר האָבן זיך לייכט צוגעוואוינט צו די רוסן, אָבער נישט צום הונגער. בין איך אַוועק, אין שפּאַס, צום שכנישן בעקער, און זיך דאָרט איבערציינגט, אַז איך קען נאָך אויסגעצייכנט מיין אַמאָליקע מלאכה: איך האָב זיך גע־שטעלט אַרבעטן און אַזוי אַרום דערנערט זיך און מיין ברודערס ווייב מיט די קינדער. איצט איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז די מלחמה האָט איבער־געריסן ניט נאָר ריינהאַרטס פּרוכטבאַרע אַרבעט, נאָר אויך מיין גאַנצן לעבנס־גאַנג. ניט צוליב דעם האָט זיך געלוינט לאָזן ברעכן מיינע פיס! אָבער, טראַכט איך, ס'איז דאָך פאָרט בעסער אַזוי, ווי צו זיין צווישן יענע טויזנטער און טויזנטער, וועלכע זיינען שוין געפאַלן, אָדער געוואָרן קאַליקעס אין קריג — — דערווייל לעב איך, און ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך ווידער גיין מיין וועג. אַבי מ'לעבט, גיט מען נישט אויף די האָפענונג — אַ טויטער סאָלדאַט קאָן קיין האָפענונג אויך ניט האָבן.

האָב איך באַשלאָסן צו לעבן און זען וואָס ווייטער וועט זיין. נאָך גוט, וואָס איך קען אַ מלאכה — דאָס איז מער ווי אַן אוצר געלט. נאָכאַלעמען איז דאָך מיין אַנטלויפן צום טעאַטער געווען אַ שטיקל אַוואַנטורע. איז

גוט, ווען דער חלף ליגט אויפן האַלדז, צו האָבן אין עפּעס אַ ווידערשטאַנד אויף „רעזערווע״. און מיין אַמאָליקע מלאכה איז איצט געוואָרן מיין „רעזערוו־ווידערשטאַנד״, מיין קאַפּיטאַל. וועלט־מלחמה, אַרמייען גייען און קומען, גענעראַלן מאַכן פּלענער, און שטעט און דערפער ווערן באַזיגט און באַפרייט, — אָבער ברויט דאַרפן אַלע. איך באַק ברויט און בין מיט דעם מפרנס זיך און אַנדערע מענטשן, און איך וואַרט — כמעט שוין אַ פרעמדער אין דער אייגענער היים.

גלענצנדע פּערספּעקטיוון...

דער פראָנט האָט זיך אַלץ גערוקט מער צו מערב. די רוסן זיינען שוין געווען אין לעמבערג, פּשעמישל איז געווען באַלאַגערט — מיר זיינען געווען אין רוסישן הינטערלאַנד. די זעלבע מיידלעך, וואָס האָבן פריער געשמייכלט צו די עסטרייכישע אָפיצירן, האָבן איצט געשמייכלט צו די רוסישע אָפיצירן. דאָס לעבן איז זיך ווייטער אָנגעגאַנגען, אייניקע גע־שעפטן האָבן אַפילו געבליט. רעסטאָראַנען, קאַפע־הייזער און בפרט באַר־דעלן זיינען געווען איבערגעפּאַקט. אויך בעקערייען האָבן געזשויבעט, צושטעלנדיק ברויט פאַר דער רוסישער אַרמיי. מ׳האָט אַפילו איינגעפירט אַ קאַרפיו און שטרענגע פאַרשריפטן, פון צייט צו צייט האָט מען געשלאָגן, אָדער געהאַנגען אַ יידן אויף אַ מסירה פון שפּיאָנאַזש, מ׳האָט אַרויפגעלייגט שווערע שטראָפן — אָבער ווייטער איז אַלץ געווען „נאָרמאַל״.

ס׳איז אָנגעקומען ווינטער, דער גאַליצישער ווינטער, ווען די ערד טוט אָן אַ דיקן, ווייסן מאַנטל צו באַשיצן קעגן ביטערן מזרח־ווינט אירעביימער און זאָמען. ווי יעדעס יאָר, האָט אויך איצט יונגוואַרג זיך געגליטשט און געשליטלט. די לופט איז געווען שניידיק־קאַלט, דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס — אין אַזאַ צייט איז אַ מחיה צו אַרבעטן אין אַ בעקעריי.

איינמאָל בעט מיך דער בעקער איך זאָל מיט אים צוגיין צום קאָזאַקן־רעגימענט איינמאָנען אַ סומע פון עטלעכע הונדערט רובל: דער פעלד־וועבל, וואָס דאַרף אים אויסצאָלן דאָס געלט, איז שיכור, און האָט אים פריער אַרויסגעטריבן; וויל ער זיך באַקלאָגן ביים אָפיציר, אָבער ער קען ניט קיין רוסיש און ניט קיין דייטש. ער זאָגט מיר אַפילו צו, מיר צו געבן דערפאַר אַ טייל פון דער סומע.

מיר קומען צום פעלדוועבל. ער האַלט נאָך אין שיכורן, זידלט אונדז און טרייבט אונדז ווידער אַרויס. אויפן וועג אַהיים זאָגט צו מיר דער בעקער:

— מילא נו, וועלן מיר שוין אָנשרייבן דערויף צווײ „פיי׳ען״. וואָס לאָזט זיך טאָן — מ׳פאַרדינט פאַרט אַרום זיי אַ קערבל.

אין מיר דערוועקט זיך אַ וואויל־יונגערישע עקשנות — און טאַקע ווידער מיין אַלטער נייגער—אַרויסצובאַקומען דאָס געלט. אַן דעם בעקערס וויסן גיי איך אַליין ווידער צום פעלדוועבל. די שיכורע סאָלדאַטן גיסן מיך אָפּ מיט וואָדקאַ, מאַכן מיר ברוין־און־בלאָע צייכנס מיט זייערע נאַגייקעס און וואַרפן מיך אַרויס. איך בין קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. אויפן קאַסערן־הויף איז געשטאַנען אַן אָפּטיילונג רוסישע סאָלדאַטן מיט אַן אַלטן פּאָל־קאָווניק, גרייט אָוועקצומאַרשירן. פּאַלט מיר איין אַ געדאַנק: איך בין געווען אַנגעטאָן אין אַ קורצער לעדער־יאַקע און וויקל־קאַמאַשן, וואָס האָט מיך געמאַכט אויסזען מיליטעריש. ניט איבערלייגנדיק לאַנג, שטעל איך זיך אַוועק אין אַ מיליטערישער פּאָזע און דערצייל דעם פּאָלקאָווניק, אויף דייטש, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דעם פּאָלקאָווניק אימפּאָנירט, ווייזט אויס, מיין האַלטונג און ער זאָגט צו מיר אין אַ פליסיקער דייטשער שפּראַך:

— גוט, מיין זון, מען וועט דיר באַלד באַצאָלן פאַר דיין ברויט.

מ׳האָט געבראַכט דעם פעלדוועבל. דער פּאָלקאָווניק האָט אים גוט אויסגעזידלט, און מ׳האָט מיר תיכף אויסגעצאָלט די פינף הונדערט און פערציק רובל. כ׳האָב געדאַנקט דעם פּאָלקאָווניק און בין אַוועק אַהיים מיט אַ פולער קעשענע געלט און — מיט ניט־ריינע געדאַנקען.

אין מאַרק האָב איך באַגעגנט מיין בעקער און מיר זיינען געגאַנגען נעמען אַ שנאַפּס.

— זיי טראָגן זיך אָפּ, ווייזט אויס — זאָגט ער צו מיר — באַלד וועלן אונדזערע צוריק קומען, און מיר וועלן ווערן סאָלדאַטן.

— וועלן מיר ערגעץ־וואו ניט וועלן באַצאָלן דעם בעקער פאַרן ברויט
— פילאָסאָפיר איך מיט געלעכטער און באַשטעל נאָך אַ שנאַפּס.

— וויפל וואָלסטו מיר געגעבן, ווען איך זאָל געווען איינקאַסירן פאַר דיר דאָס געלט? — פרעג איך ניבע גאַנץ גלייכגילטיק.

— די העלפט — ענטפערט ער און טרינקט אויס דעם שנאַפּס.

— נישט מער? נאָכדעם ווי איך וואָלט איינגעשטעלט אין קאָן דאָס לעבן פון אַ שוישפּילער?

כ׳האָב באַשטעלט אַ דריטן שנאַפּס און מיר זיינען ביידע געוואָרן פריילעך.

— ווייסטו — מאַכט ער צו מיר, גלעטנדיק דאָס גלעזל צווישן די פינגער — ווייל דו ביסט אַ קינסטלער, און ווייל איך האַלט דאָס געלט פאַר סיי־ווי פאַרלוירן, וואָלט איך דיר געוועזן געגעבן פיר הונדערט, און אפשר טאַקע גאַנצע פינף הונדערט רובל.

— גיסט דיין האַנט דערויף, צי איז עס נאָר גלאַט גערעדט? — פרעג איך, און באַשטעל נאָך אַ שנאַפּס.

— אַט האָסטו מיין האַנט דערויף — זאָגט מיין באַלעבאָס און צעלאַכט זיך.

פון אונדז ביידע האָט שוין די וואָדקאַ אַרויסגעלאַכט. איך נעם אַרויס פּערציק רובל און לייג עס אַוועק אויפן טיש — איצט בין איך אַן ערלעכער מאַן. ער וואונדערט זיך, און איך דערקלער אים די גאַנצע מעשה. טוט אים שוין מסתם באַנג, אָבער פאַרפאַלן—אָפּגעמאַכט, געשעפט איז געשעפט.

אַזוי אַרום בין איך מיט אַמאָל „רייך" געוואָרן. האָב איך אָפּגעדונגען אַ ליידיקע פּיעקאַרניע און, בשותּפות מיט מיין שוועגערין, האָב איך געעפנט אַן אייגענע בעקעריי.

איינמאָל אַ פרימאָרגן הערט מען ווידער קאַנאָנען־ און געווער־שיסעריי; ווידער ברענען דערפער אַרום — דעם מאָל אַנטלויפן די רוסן און אונדזערע קומען צוריק. זיי פאַרברענען די רוסישע פאָן אויפן באַלקאָן פון מאַגיסט־ראַט, שטעלן אַרויס אַן עסטרייכישע פאָן — מען קושט זיך מיט די סאָלדאַטן — מען טאַנצט אין גאַס! אָבער ס'איז געווען אַ גאָר קליינער חילוק: פריער האָבן די רוסן געהאַנגען יידן ווי עסטרייכישע שפּיאָנען, איצט האָבן די עסטרייכער אָנגעהויבן הענגען רוטענער ווי „מאָסקאַלאָפילן" — רוסישע שפּיאָנען, הייסט עס. סיי וואָס פאַר אַן אַרמיי — מ'האָט געהאַנגען מענטשן.

באַלד האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן, מען זאָל זיך מעלדן צום מיליטער, און איך בין געוואָרן אַ סאָלדאַט. קיין מענטש האָט ניט געפרעגט וואו מען איז ביז איצט געווען, וואָס מ'האָט געטאָן — אַבי מען האָט אַריינבאַקומען פריש קאַנאָנען־פלייש. מען האָט אונדז אָפּגעשיקט אין אַ זאַמל־לאַגער, און פון דאָרט אין פראַכט־וואַגאָנען טיפער אין עסטרייך. מיר זיינען געקומען אין זאַלצקאַמערגוט, דערנאָך קיין שטייערמאַרק, און אין אַ שניידיק־רעגנ־דיקן מערץ־טאָג, 1915, האָבן מיר אַריינמאַרשירט קיין מיטערנדאָרף. פונקט ווי דאָס וועטער, האָט אויך די באַפעלקערונג אונדז זייער ניט פריינטלעך אויפגענומען. מיר זיינען געווען דאָס 24טע אינפאַנטעריע־רעגימענט, וואָס איז באַשטאַנען מייסטנס פון קאָלאָמייער יידן און אוקראַינער, באַקאַנט ווי „רוטענער". ניט געווען קיין דאָרף אין מזרח־גאַליציע, וואו די עסטרייכישע אַרמיי זאָל ניט האָבן אויפגעהאַנגען עטלעכע פּויערים. איז די שטימונג, בפרט צווישן דער אינטעליגענץ, געווען גאָר ניט קיין געהויבענע. ווען מיר האָבן פאַרביימאַרשירט דעם מאַרק, האָט איינער פון אַ גרופּע אָנגעפּרעסענע בירגער זיך אָנגערופן:

— קוקט אָן די לומפּיקע באַנדע! זיי זיינען שוין דאָ אַזוי לאַנג און זיינען נאָך אַלץ פאַרלויזיקט. מיר וואָלטן זיכער געקאָנט אויסקומען אָן זיי.

— הערסט ווי מען רעדט וועגן אונדז? — האָט מיך אויפמערקזאַם גע־מאַכט דער אייניעריק־פרייוויליקער באַביוק, דער זון פון אַן אָרעמען פּויער אין אַ דאָרף לעבן קאָלאָמיי — אָבער צום פּגרן פאַר זיי דאַרפן זיי אונדז יאָ.

זיי האָבן אויף אונדז געקוקט, ווי מיר אין קאָלאָמיי האָבן געקוקט אויף די רוסן: פרעמדע, שונאים!

אַזוי איז געווען די שטימונג אין דער גאַנצער עסטרייכישער אַרמיי. די טשעכן האָבן געהאַסט די עסטרייכער, און די עסטרייכער האָבן געהאַסט די טשעכן, אוקראַינער, קראָאַטן, סלאָוואַקן, פּאָליאַקן און די יידן! די אונגאַרן ווידער האָבן אַלע אינאיינעם פיינט געהאַט. ניט געווען קיין פּיצל פריינטשאַפט צווישן די עסטרייך־אונגאַרישע פעלקער. אַ געמיש, אַ פּלאָנטער, אַפילו צווישן די אָפיצירן — אָן אַ געמיינזאַם שטרעבן, אָן אַן אידעאַל. דער אַלטער קייזער האָט זיך באמת געמעגט ווינטשן אויסצומיידן די דאָזיקע מלחמה.

מ׳האָט אונדז אָנגעטאָן מיליטער־אוניפאָרמען און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טרענירן. אונדזער קאָמאַנדאַנט איז געווען אָבערלייטנאַנט שטייניץ, אַ געוועזענער פּראָפעסיאָנעלער אָפיציר. געהערט, אַז איך בין אַ שוישפּילער, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיך און מיט מיר געשמועסט וועגן טעאַטער, שוישפּילער, ליטעראַטור. ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער, געבילדעטער מענטש און האָט ניט גענומען די מלחמה צו ערנסט. ער האָט מיר באַלד געהייסן געבן אַ נייעם מונדיר און מיך פאַרבעטן אין אָוונט אין אָפיצירס־קלוב, וואו עס זיינען אויך געווען אייניקע דאַמען. נאָכן געשמאַקן מאָלצייט האָב איך רעציטירט און אונטערהאַלטן די געסט. איך בין זיי, ווייזט אויס, געפעלן געוואָרן, וואָרים באַלד צומאָרגנס, ביים „ראַפּאָרט״, האָט מיר דער אָבערלייטנאַנט שטייניץ געהייסן אַריינגעבן אַ ביטע, מען זאָל מיר — אויפן גרונד פון מיין קינסטלער־שטאַנד — באַוויליקן דאָס רעכט צו זיין אַ „איינזעריק־פרייוויליקער״. צו דעם האָב איך בלויז גענדאַרפט דורכגיין אַ פּריפונג אין דער ווינער אַקאַדעמיע פאַר מוזיק און שוישפּיל־קונסט.

ס׳האָט לאַנג גענומען, ביז ס׳איז אָנגעקומען פון ווין אַ תשובה אויף מיין בקשה. דערווייל האָט מיך שטייניץ געמאַכט פאַר אַ געפרייטער, דערנאָך פאַר קאָרפּאָראַל, און איך בין געוואָרן אַן אינסטרוקטאָר ביים מושטירן די סאָלדאַטן. ענדלעך האָב איך געמאַכט די פּריפונג, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטערעסאַנט לעבן! אונדזער באַטאַליאָן־קאָמאַנדע איז איצט אַוועק קיין דעוואָאַניאַ ביי סאָלנאָק, אין אונגאַרן, וואו איך בין אַריין אין דער שולע פאַר איינזעריק־פרייוויליקע צו ווערן אַן אָפיציר־קאַנדידאַט. דער קאָמאַנדאַנט פון דער שולע איז געווען שטייניץ. איצט האָב איך אויך אָנגעהויבן געניסן פּריווילעגיעס פון „בעסערן קלאַס״: בעסער וואוינען, בעסער עסן, אַ בעסערע באַהאַנדלונג — ניט ווי די פּשוטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן, נאָך קוים זעקס וואָכן היניטישער מושטירונג, געמוזט גלייך אַוועק צום פראָנט. אמת, אַ סך האָבן דורך פאַרשיידענע דריידלעך זיך אויסגעהיט צו גיין באַלד צום פראָנט. אַזוי האָט מען ביי די ציגיינערינס אין

די אַרומיקע דערפער, פאַר בלויז איין קראַנע, געקאָנט זיך איינהאַנדלען אַן אויסגעצייכנטן טריפער — וואָס האָט געמיינט זיך אַריינדרייען, דערוויל כאַטש אויף פיר וואָכן, אין אַ שפּיטאָל אין נאַדי־וואַראַד. פאַר צוויי קראַנען האָט מען איינגעהאַנדלט אַ ווייכן שאַנקער, נאָך וועלכן מען האָט געמוזט זיך היילן כאַטש זעקס וואָכן אין שפּיטאָל. פאַר מער געלט האָט מען שוין געקאָנט קריגן אַ ריכטיקן סיפיליס, מיט וועלכן דער „העלדן־טויט" האָט געקאָנט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ גאַנץ אומבאַשטימטער צייט.

אַ גאַנץ יאָר האָט מיך שטייניק אויסגעהיט פון אַ „העלדן־טויט" אין פעלד. אָבער מיט אַמאָל האָט מען פאַרמאַכט די אייניעריקע שולע און מ'האָט אונדזער באַטאַליאָן טראַנספּערירט קיין פּרווידענטאַל, אין עסטרייך־שלעזיע, פון וואַנען מען האָט מיך מיט אַ פעלד־אָפּטיילונג אַוועקגעשיקט צום איטאַ־ליענישן פראָנט. דאָס איז געווען אָנהויב 1916. מיט מיר איז פרייוויליק מיטגעגאַנגען יורקאָ סלעזאַק, אַן אוקראַינער פון די קאַרפּאַטן. ער האָט סיי־ווי באַדאַרפט גיין צום פראָנט אין פיר וואָכן אַרום, נאָר אַזוי ווי מיר זיינען געווען זייער נאָענט באַפריינדעט, האָט ער ליבערשט געוואָלט גיין מיט מיר צוזאַמען. ער איז שוין פריער געווען דריי מאָל פאַרוואונדעט, אָבער ס'האָט אים, ווייזט אויס, ווייניק וואָס פאַרשאַדט — ער האָט דערביי בלויז פאַרלוירן אַ פינגער. געווען גרויס און שטאַרק ווי אַ דעמב, דער העכסטער אין אונדזער אָפּטיילונג — אַן אמתער הוצול, ווי מ'רופט דאָרט די קאַרפּאַטן־פּויערים. אַ ריז, און געשמייכלט האָט ער פאַרשעמט ווי אַ קליין יינגל. ווי יעדער גוטער סאָלדאַט, האָט ער פיינט געהאַט דאָס מע־כאַנישע „עקזערצירן"; פלעג איך אים אָפּט באַשעפטיקן מיט אַרבעט אַרום די קאַסערן. איז ער מיר געווען דאַנקבאַר פאַר מיין איינזעעניש, און איך האָב אים ליב באַקומען ווי אַן אייגענעם ברודער.

מען האָט אונדז צוגעטיילט צו דער רעזערווע, אין טיראָל, הינטער אינסברוק. די מעכאַנישע קריג־איבונגען זיינען געוואָרן אַלץ שווערער, דאָס עסן אַלץ ערגער. דאָס ברויט האָט מען ניט געקאָנט נעמען אין מויל אַריין: ס'איז געווען לעפּקע, זיך צעפּאַלן ווי קליאָטשע און געהאַט דעם טעם פון זעגעכץ. ווער ווייסט פון וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרן! אַ גאַליציאַנער ווערט פשוט פאַרצווייפלט, ווען אים קומט אויס צו עסן אַזאַ ברויט.

מיר זיינען געווען גרייט אַוועקצוגיין צום פראָנט און יעדער פון אונדז האָט באַקומען די „אייזערנע פּאַרציע" — געטרוקנטער צוויבאַק מיט פלייש־קאָנסערוון — וועלכס מ'האָט נישט געטאָרט אָנרירן אָן אַ ספּעציעלן באַ־פעל. דאָס פלעגט קאָנטראָלירט ווערן יעדע עטלעכע טעג. איינמאָל האָט מען ביי אַזאַ קאָנטראָל זיך געכאַפּט, אַז די „אייזערנע פּאַרציעס" זיינען פאַרשוואונדן — די הונגעריקע סאָלדאַטן האָבן עס איינפאַך אויפגעגעסן. איז תיכף געקומען אַ באַפעל, אַז זונטיק, אַנשטאָט צו גיין אין קלויסטער,

זאָל מען אונדזער גאַנצע אָפּטיילונג „אָנבינדן“. דאָס איז געווען אַ „ספּע־ציאַליטעט“ פון דער עסטרייכישער אַרמיי: מ׳האָט דעם סאָלדאַט אַוועק־געשטעלט אויף אַ קעסטל, אָדער אַ בענקל, ביי אַ סלופּ אָדער אַ בוים, אים פאַרבונדן די הענט אויפן רוקן, און אַזוי ביי די הענט אים הויך אויפ־געהאַנגען; דערנאָך האָט מען דאָס קעסטל אָדער בענקל אַפּירגעשלעפּט פון אונטער זיינע פיס, און ער האָט באַדאַרפט אַזוי, ביי די הענט, הענגען אַ שעה צוויי אָדער מער. אַ יאָמער פון מענטשלעכע ליידן! געוויינלעך האָט דערביי אַפילו ביים שטאַרקסטן חברה־מאַן זיך געלאָזט דאָס בלוט פון נאָז און מויל, און ער פלעגט אַוועקחלשן. פלעגן צוגעגרייטע סאַניטעט־סאָלדאַטן אים אָפּבינדן אויף אַ ווילע, אים אָפּמונטערן, און דערנאָך האָט דער פעלדוועבל — דער סימבאָל פון מענטשן־שינדעריי — אָנגעהויבן זיין מיאוסע פּראָצעדור פון ס׳ניי. און מיט דעם האָבן זיי געוואָלט געווינען די מלחמה!... האָבן די מייסטע סאָלדאַטן זיך געוואונטשן וואָס פריער צו גיין אויפן פראָנט — כדי דאָרט, מיט אַ ווייסן טיכל אויף דער ביקס, זיך אַריבער־גנבענען צום שונא — אַבי ניט געפּייניקט ווערן ביים אייגענעם רעגימענט. וואָרים נאָך אַלעמען וועט דאָך אַפילו דער געטרייסטער הונט ווערן אומ־געטריי, ווען מ׳שלאָגט אים און מ׳גיט אים ניט קיין עסן.

איינמאָל איז אָנגעקומען אויף „אינספּעקציע“ אַן אַלט, ציטערנדיק מענטשעלע אין אַ גענעראַל־מונדיר, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ פאַר־שימלטע מומיע, און פאַר אונדז געהאַלטן אַזאַ מין פּאַטריאָטישע רעדע: „אונדזער אַלעמענס פאָטער, זיין מאַיעסטעט, דער גוטער, דערבאַרמונג־פולער קייזער, שלאָפט ניט טעג און נעכט און טראַכט אַלץ צו פאַרזאָרגן אייך, זיינע קינדער. יאָ, ער בעט גאָט פאַר אייך, און ער ווינטשט, אַז ווען איר וועט גיין אויפן פראָנט און דערטאָפּן דעם „לאָקש“, דעם איטאַליענער, זאָלט איר אים אַזוי טיף־טיף אַריינפּאַקן אייער באַיאָנעט אין בויך אַריין, און דערנאָך עס אַזוי גוט אַ דריי טאָן, אַז ד׳י קישקעס זאָלן זיך אים איבער־קערן.“

— און דערנאָך אים „אָנבינדן“, שוואָנץ איינער! — האָט זיך ניט־ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט אַ לאַנדשטורם־סאָלדאַט, וועלכער האָט דריי מאָל געחלשט ביים „אָנבינדן“ און האָט נאָך איצט געציטערט פאַר אויפרעגונג.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט געפרעגט דאָס פאַרשימלטע גענעראַלכל.

— לאַנג לעבן זאָל זיין מאַיעסטעט דער קייזער, האָט ער געזאָגט, עקסצעלענץ — האָט אויף גיך פאַרכאַפּט אונדזער הויפּטמאַן ווייגעל, אַן אַדוואָקאַט אין ציווילן לעבן.

— בראַוו, בראַוו! — האָט זיך געטרייסלט דער אַלטיטשקער גענעראַל — זאָל לעבן זיין מאַיעסטעט, אונדזער קריגס־הער! הורא, הורא, הורא!

שמייכלענדיק האָבן אונדזערע באַטאַליאָן־אָפיצירן איבערגעחזרט דעם דריי־מאָליקן „הוראַ“, און דער פּאַראַד פון „אינספּעקציע“ איז געווען גע־ענדיקט.

אַ סך האָבן זיך באַמיט צו דעזערטירן אין דער שווייץ. די מייסטע פון זיי האָט מען געכאַפּט און דורך אַ פעלד־געריכט דערשאָסן, אָדער אונטער אַ שטרענגער וואַך זיי אָפּגעשיקט צום פראָנט.

אויך אונדזער צייט איז געקומען: אונדזער אָפּטיילונג האָט אַוועק־מאַרשירט צום איטאַליענישן פראָנט און פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויפן רעכטן פליגל, אין וואַלד, לעבן באַרג מאָנטע לעמערלע, וועלכער איז געווען ביי די איטאַליענער אין די הענט. איין רעגימענט נאָכן אַנדערן האָט גע־פּרואווט שטורמען דעם באַרג און געמוזט זיך צוריקציען מיט ריזיקע פאַרלוסטן. מ'האָט אונדז איבערגעגעבן אונטער דער קאָמאַנדע פון הויפּט־מאַן טשערני — אַ קליינער, ביסטרער מאַן מיט אַ סך מעדאַלן, וועלכער האָט גערעדט מיט אַ טשעכישן אַקצענט און געווען אין גאַנצן רעגימענט באַקאַנט ווי אַ הויט־שינדער און קוועלער פון זיינע סאָלדאַטן. ער האָט באַלד פאַרזאַמלט אַלע אָפּטיילונג־קאָמאַנדאַנטן, פאַר זיי געהאַלטן אַ שיכורלעכע רעדע און זיי געהייסן מאַכן מיט די סאָלדאַטן געווער־איבונגען. איין לייטנאַנט, שאַלק, פון גראַץ, וועלכער איז געווען אויפן פראָנט זייט אָנפאַנג קריג און דאָרט זיך שטאַרק פאַרקילט, האָט ניט געקאָנט געניג הויך קאָמאַנדירן. האָט אים טשערני אויסגעזידלט אין קעגנוואַרט פון די סאָל־דאַטן, אים אָנגערופן מיט די מיאוסטע נעמען און אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער וויל זיך אַרויסדרייען פון פראָנט. אַ צווייטן אָפיציר, מיט אַ יידישן נאָמען, האָט ער באַטיטלט „פאַרשלאָפענער“ און געהייסן דעם האָרניסט אים אַריינפּייפן אין אויער דעם סיגנאַל פון אויפשטיין פון שלאָף. ווען ער האָט מיר געהייסן געבן עטלעכע קאָמאַנדע־באַפעלן צו די סאָלדאַטן — און איך האָב עס, וואָס אמת, געטאָן אַביסל טעאַטראַליש (וואָרים איך האָב דעמאָלט אַלץ אין לעבן אויפגעפאַסט ווי אַ ראָל) — האָט ער פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, פאַרקאַקטער צוגספּירער, וואָס זייט איר אין ציוויל?

— איך מעלד געהאָרכזאַם, הער הויפּטמאַן — אַ שוישפּילער.

— וואָס זייט איר? אַ שוישפּילער, אַ פאַרשטעלער, אַ קלאַון, אַ טעאַטער־לומפּ? — האָט ער זיך צעשריגן, ווי איך וואָלט זיין איינציק קינד געקוילעט — קאָמעדיאַנט! אויף דער בינע מאַכט איר חוזק פון מיליטער, שפּילט אַן אָפיציר מיט אַ רויטער נאָז, און איצט וואָלט איר אפשר נאָך וועלן ווערן אַ רעזערווע־אָפיציר? אַ דרעק וועט איר ביי מיר ווערן, אַזוי לאַנג איך בין הויפּטמאַן!

ער האָט געשריגן משוגענערהייט, און איך בין געשטאַנען פאַר אים אויסגעצויגן, אים געקוקט אין די קליינע, פרעכע, טאַנצנדיקע אויגן און זיך

געטראַכט: אָט דאָס איז אַ ראַלע! וואָס פאַר אַ ראַלע! אוי, הונטס־קאַנאַליע, וואָלט איך דיך אַמאָל וועלן שפּילן אויף דער בינע!...

פּלוצים האָבן שראַפּנעלן געגומען פּלאַצן איבער אונדזערע קעפּ. ניט ווייט פון אונדז האָט אַ גראַנאַט געפּלאַצט צווישן אַ גרופּע זיצנדיקע סאָל־דאַטן — און אָט אַ צווייטער, אַ דריטער — עס שטייגן־אויף זיילן רויך אין וואַלד — מען שרייט, מען צעלויפט זיך — — און דער הויפּטמאַן טשערני זידלט נאָך אַלץ וועגן טעאַטער. מיר זייַנען די איינציקע צוויי נאָך געבליבן אויפן פּלאַץ. ער קוקט אויף מיר שטרענג און איך שטיי פּאַר אים אַלץ אויסגעצויגן — זאָל ער זען, אַז אַ שוישפּילער, און אַ ייד דערצו, איז ניט קיין פייגלינג.

— אָפּטרעטן! — גיט ער ענדלעך דעם באַפעל און פאַרשווינדט.

איך לויף צו אַ קרעכצנדיקן סאָלדאַט, וועלכער רופט פאַרצווייפלט מיין נאָמען. ער ליגט הינטער אַ פעלז אין בלוט און קויט, און צוהאַלטנדיק די זייט מיט דער האַנט, כאַרכלט ער:

— דאַ, דאַ, העלף מיר, העלף!

אַ פראַגמענט פון אַ קאַנאָן־קויל האָט אים אויפגעריסן די ריפּן, און פון דער וואונד גליטשט זיך אַרויס עפּעס אַ קלעפּיקע, בלוטיקע מאַסע. אומזיסט פּרואוו איך עס מיט מיין בלויזער האַנט צוריק אַריינשטופּן — עס קריכט אַלץ אַרויס.

— סאַניטעט! — צעשריי איך זיך, עמעצער זאָל קומען צו הילף.

אַ קליין אייזעלע, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך צוויי קעסלען עסן פאַר די סאָלדאַטן, ווערט פּלוצים געשליידערט אין דער לופטן פון אַן אַרטי־לעריע־אויפרייס — עס דרייט זיך ווי אַ באַל, און פאַלט אַרונטער מיט צעקראַכטע פיס און מיט דער אויסגעגאָסענער זופּ. איך האַלט נאָך אַלץ מיין האַנט ביי דער אָפענער וואונד פון דעם נאָך וואַרעמען קערפּער — דער סאָלדאַט איז שוין טויט.

די שיסעריי האָט אויפגעהערט. ערשט איצט זייַנען געקומען סאַניטעט־סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט אויפן טראָג־בעטל בלויז אַ הויפן פלייש און ביינער, איינגעוויקעלט אין בלוט און קויט. און ערשט מיט אַ שעה צוריק איז דאָס געווען אַ לעבעדיקער, געזונטער, דענקענדיקער מענטש...

דאָס איז קוים געווען אונדזער ערשטער טאָג אויפן פראָנט, — נאָך איידער מיר האָבן צייט געהאַט „אַריינצוזעצן דעם באַיאָנעט אין איטאַ־ליענערס בויך" און דערנאָך אַזוי „גוט אַ דריי טאָן" — ווי זיין מאַיעסטעט דער קייזער האָט עס געוואונטשן דורך זיין פאַרשימלטן גענעראַל. אַ פיינער אָנהויב: פון איין זייט זידלט אונדז אונדזער אייגענער הויפּטמאַן, ווי די

ערגסטע פאַרברעכער, פון דער אַנדערער זייט דעם שונאס טויטלעכע קוילן — און מיר אין דער מיט. גלענצנדע פערספעקטיוון...

זאָלן מענטשן זען וואָס פאַר אַ מענטשן עס זיינען פאַראַן

„פאַראויס!“, איז געקומען אַ באַפעלביים מאַנטע לעמערלע. קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין. מ׳האָט זיך געשלעפט, געגאַנגען, געטאָפּטשעט ווי בהמות — אַ כאַאָס אין דער נאַכט. אַ פאַרעיפּושט בערגל, און פון אַלע זייטן קרעכצן פאַרוואונדעטע און בעטן הילף — זיי קאָנען ניט שטאַרבן און קאָנען זיך ניט רירן. איך פאַרטשעפּע זיך איבער אַ טויט פערד און טרעט אַריין אין עפּעס אַ ווייכער מאַסע — אַמאָל איז עס געווען אַ מענטש. עס קומען אַקעגן שאָטנס — אייגענע פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע. וואָס נעענטער ס׳קומט צו דער פראָנט־ליניע, אַלץ ווייניקער אָפיצירן זעט מען — די מייסטע פון זיי האָבן זיך „פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ“ אין זיכערע ווינקעלעך, און די אונטעראָפיצירן פירן די קאָמאַנדע. פאַרטאָג זיינען מיר געשטאַנען דירעקט ביים באַרג. די הייזלעך אַרום זיינען ליידיק — מען האָט זיי, ווייזט אויס, ערשט נאָר וואָס פאַרלאָזן. אין איין הויז שטייט נאָך דער טיש גרייט צום עסן, די בעטן זיינען פאַרשפּרייט מיט זיידענע דעקעס.

— זעט נאָר! — האָט אויסגערופן מיין פריינט יורקאָ סלעזאַק — זעט, וואָס פאַר אַ פיינע זאַכן עס זיינען נאָך דאָ אויף דער וועלט!

ער האָט אַרונטערגעלאָזן די הויזן, זיך באַנוצט מיטן ריינעם, זיידענעם בעט, און דערנאָך אָנגעפּאַקט זיין רוקן־זאַק מיט „געפונענע“ זייגערלעך.

שפּעטער איז געקומען אַ באַפעל: „צוריק!“. מיר האָבן זיך צוגעאיילט און געלאָפן אין אומאָרדענונג, און אַזוי אַרום זיך צוזאַמענגעמישט מיטן 41טן רעגימענט פון טשערנאָוויץ. דאָרט, האָב איך געוואוסט, האָט געדינט מיין יינגסטער ברודער. מיט אַמאָל נעמען שיסן אויף אונדז מאַשין־ביקסן פון די זייטן און סאַלוועס פון פאָרנט. מיר וואַרפן זיך אין דער בלאָטע און קריכן אויף אַלע פיר צוריק. עס דערהערט זיך טשערניס גרילצנדיקע שטים:

— פאַסקודנע מאַמעליגע־טרוסן! נאַרישע הוצולן־בהמות, דער שלאַק זאָל אייך טרעפן! פאַרוואָס שיסט איר ניט, איר הינט! וואו זיינען זיי, די טרוסן, די מצה־אָפיצירן? וואו איז דער קלאָון־צוגספירער?

— דאָ בין איך, הער הויפּטמאַן! — שריי איך צו אים אַריבער, אָבער איך זע אים ניט.

— שווייַן! — הער איך אים ווידער שרייען — איר דרעקיקער ייד!

איר ווילט מיך דערשיסן, איך ווייס! אָבער איר וועט פריער צוואַנציק מאָל פּגרן, איידער איר וועט דאָס קאָנען טאָן!

איך בין פּלוצים רואיק געוואָרן און אָנגעהויבן אים אַרומזוכן. וואָס פאַר אַן אויסגעצייכנטער געדאַנק — נאָר דערשיסן דאַרף מען אים! ער איז דאָך גאָר דער אמתער שונא. וואָס האָב איך צו די איטאַליענער? איך האָב דאָך כמעט קיינמאָל קיין איטאַליענער ניט געזען. אָבער ער, טשערני, ער איז דער אמתער שונא — מיינער און אַלעמענס שונא — —

ווידער האָט די פיינטלעכע אַרטילעריע אָנגעהויבן זעצן גלייך אין אונדז.

— צוריק! צוריק! — האָבן זיך דערהערט קולות, און מיר האָבן גענומען לויפן מיט אַלע כחות.

מיר זיינען ענדלעך אויסערן פיינטלעכן פייער. ביז איצט האָבן מיר נאָך אייגנטלעך דעם שונא ניט געזען — אַחוץ עטלעכע פאַרבלאָנדזשעטע געפאַנגענע. און אָט שטייען מיר ווידער אין וואַלד, אויפן זעלבן פּלאַץ, פון וואַנען מיר האָבן מיט עטלעכע טעג צוריק אָנגעהויבן אונדזער „פאָר־ווערטס"־מאַרש. סלעזאַק פּאַקט אויס זיינע זייגערלעך און פאַרקויפט זיי שפּאָט־ביליק — אויף באָרג. מיר גיט ער דעם שענסטן זייגער — אַ מתנה. דאָס איז געווען דער איינציקער פריידיקער מאָמענט אין יענע טעג.

אַ העלפט פון אונדז האָט שוין געפעלט. ס'האָט אויסגעבראָכן אַ דיסענטעריע, און מען איז געלאָפן ווען און וואו ס'האָט זיך געלאָזן. צו־ערשט האָבן מיר געלאַכט איינער פון צווייטן, אָבער באַלד איז עס געוואָרן אַן אמתע מגפה. איך האָב נאָך דערצו באַקומען אַ מכה אונטערן אָרעם. עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען אַ באַפעל, מיר זאָלן בייטן דעם פּלאַץ אין פראָנט, און פאַרנאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דער הויפּטמאַן טשערני (ער האָט איבערגעלעבט אַלע מגפות!) און זיין טראָמ־פּייטער, וועלכן מ'האָט אויך באַנוצט אויף אַריבערצוברענגען באַפעלן, זיינען געריטן פאָראויס, און מיר נאָך זיי. סלעזאַק איז געגאַנגען לעבן מיר. די מכה אונטער מיין אָרעם האָט געצוויגן, ווי זי וואָלט צוזאַמענ־גענומען דאָס גאַנצע בלוט פון מיין קערפּער. איך האָב מער ניט געקאָנט דערטראָגן אויף זיך דאָס געווער און דעם רוקן־זאַק. האָט עס סלעזאַק ביי מיר צוגענומען און עס אַרויפגעלייגט אויף דעם באַגאַזש־וואָגן. אַזוי האָבן מיר מאַרשירט שוין די דריטע נאַכט — צום איזאָנצאָ, אויפן לינקן פליגל. האָט מען געזאָגט. מיר אַליין האָבן אונדזער „ק. און ק." (קייזער און קעניגלעך)־רעגימענט אַ נאָמען געגעבן „קאַק־רעגימענט", ווייל אַזאַ פּנים האָבן מיר טאַקע געהאַט: מ'האָט געשוויצט און געפרייכט ביים מאַרשירן, זיך אָנגעהאַלטן איינער אָן צווייטן, און אַפילו געדרימלט גייענדיק. איך האָב באַקומען פיבער און מער ניט געקאָנט רירן מיט די פיס — איך בין

אַוועקגעפאַלן. סלעזאַק האָט זיך ביי מיר געבעטן ווי אַ מאַמע, איך זאָל ווייטער גיין, ווייל ליגן בלייבן איינער אַליין האָט געמיינט אויסגיין.

— זאָל זיין! — איז שוין מיר אַלץ איינס — איך קאָן ניט ווייטער! וועל איך אויסגיין...

מען האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף צוויי ביקסן און אַזוי מיך נאָכ־געשלעפּט.

פּלוצים — „האַלט!“ — מיר בלייבן שטיין. דער הויפּטמאַן רופט צו זיך די אַפּטיילונג־קאָמאַנדאַנטן, און איך מוז אויך צוגיין. ער הויבט באַלד אָן מיט זידלערייען:

— מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיינע הערן! אַט די גאַליצישע כלאָפּעס און חזירשע יידן דאַרף מען גאַנץ אַנדערש טראַקטירן! דאָס זיינען דאָך לויטער טרוסן, פאַררעטער, מאָסקאַלאָפילן. לייגט איינפאַך אַוועק איינעם אָדער צוויי, ווען זיי ווילן זיך אַרויסדרייען, וועט איר שוין זען ווי די איבעריקע וועלן אייך נאָכגיין!

פּלוצים וואַרפט ער אַ בליק אויף מיר און באַפעלט:

— קאָמעדיאַנטן־צוגספירער — אַהער!

איך גיי לאַנגזאַם צו.

— וואו איז אייער געווער, שווייך? — קריצט ער מיט די ציין.

— אויפן באַגאַזש־וואָגן, הער הויפּטמאַן.

— „איך מעלד געהאָרכזאַם“, דרעק איינער!

— איך מעלד געהאָרכזאַם, הער הויפּטמאַן, אויפן באַגאַזש־וואָגן.

— ברענגט אים גלייך דאָס געווער! — ווענדט ער זיך צום טראָמ־פּייטער, וועלכער פאַרקירעוועט תיכף דאָס פערד צום באַגאַזש־וואָגן.

— פאַרוואָס האָט איר אַוועקגעוואָרפן דאָס געווער, דרעקיקער ייד? — פרעגט ער ווייטער.

— הער הויפּטמאַן, איך מעלד געהאָרכזאַם, איך בין קראַנק — ווער איך שוין אַן אויפגעקאָכטער.

— וואָס זייט איר? קראַנק? אַ שיינע מעשה! — צעלאַכט ער זיך מיט גאַל — פאַיאַץ, שווינדלער וואָס איר זייט! ווען איר וואָלט זיין קראַנק, וואָלט איר געווען אין שפּיטאָל. דאָ איז מען ניט קראַנק.

מיט אַ בייז שמייכעלע האָט ער אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון טעשל:

— איך וועל אייך איצט וויזן אַ ביישפּיל, מיינע הערן.

און ווידער געווענדט צו מיר, האָט ער זיך צעשריגן היסטעריש:

— ווי אַזוי האַלט איר אייער האַנט, שווייך? „האַבט אַכט“ שטייט מען, ווען מ'רעדט צו מיר! די האַנט אַרונטער, אַז נישט דערשיס איך אייך גלייך אויפן אָרט, איר שווייך!

ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיין רעוואָלווער. די איבעריקע זיינען געשטאַנען פאַרציטערטע און געקוקט דאָ אויפן הויפטמאַן, דאָ אויף מיר. איך האָב צוזאַמענגעדריקט די פויסט, איבערגעוועלטיקט דעם שמערץ פון דער מכה און אויסגעגלייכט די האַנט. אין דעם מאָמענט האָט די מכה געפּלאַצט און איך האָב דערפילט אַ וואַרעמע פליסיקייט אויף מיין קערפּער.

— זעט איר שוין, מיינע הערן — האָט דער הויפטמאַן טריאומפירט — מען דאַרף זיי נאָר אַזוי ריכטיק פּאַקן, און אַלץ איז אין אָרדענונג.

דער טראָמפּייטער האָט דערווייל געבראַכט מיין געווער און עס מיר אַרויפגעלייגט אויף דער פּלייצע.

— צו אייערע אָפּטיילונגען! ווייטער מאַרשירן! — האָט איצט דער הויפטמאַן קורץ באַפוילן.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען צו מיין אָפּטיילונג, האָט דער טשעכישער איינייעריק־פרייוויליקער צו מיר געזאָגט:

— מיין ניט, אַז אַלע טשעכן זיינען ווי טשערני.

ער האָט אויסגעליידיקט מיין רוקן־זאַק, אים אָנגעפּילט מיט לייכטן היי און די שווערע זאַכן געגעבן צו טראָגן אַנדערע סאָלדאַטן. אַזוי האָבן מיר מאַרשירט ביז גודינע, צווישן דאַבערדאָ און מאָנפאַלקאָנע, וואו מ׳האָט איינגעאָרדנט אַ שטיקל לאַגער און אויפגעשטעלט געצעלטן. דאָ האָבן מיר, צום ערשטן מאָל זייט טעג, באַקומען צו ביסלעך הייסע זופּ. מ׳האָט אויך אויסגעגראָבן אָפּענע אָפּטריטן, וואָס זיינען געוואָרן דער זאַמל־פּלאַץ פאַר אונדזער „פּאָליטיק״. פלעגן זיך אויסזעצן אויפן ברעג פון די גריבער אַ צוואַנציק, דרייסיק מענטשן מיט אַמאָל, און מ׳האָט געקאָנט הערן אַזאַ מין שמועס:

— וואָס זאָל מען טאָן מיטן הויפטמאַן טשערני, ווען מ׳וועט אים אַמאָל דערטאַפּן נאָך דער מלחמה?

— פאַראורטיילן צום טויט.

— יאָ, אָבער וואָס פאַר אַ טויט?

האָט מען דיסקוסירט, פון אַ לאַנגזאַמען טויט דורך הענגען ביז אַ שנעלן טויט דורך שיסן, און מ׳האָט זיך ניט געקאָנט איינינקן. ביז סלעזאַק האָט פאָרגעשלאָגן אַ טויט, וואָס אַלע האָבן איינשטימיק אָנגענומען: ווען מ׳וועט אַמאָל נאָך דער מלחמה דערטאַפּן אונדזער הויפטמאַן, זאָל מען אויסגראָבן אַ גרויסן אָפּטריט, אַריינלייגן אַהין דעם הויפטמאַן אין זיין פּאַראַדנער אוניפאָרם מיט אַלע מעדאַלן, און דאָס גאַנצע באַטאַליאָן סאָל־דאַטן זאָל אויף אים אָנדאָסן. דערנאָך זאָל מען איבערן גרוב אויפהענגען אַ טאָוול מיט אַ דערקלערונג, פאַרוואָס הויפטמאַן טשערני האָט „פאַרדינט אַזאַ ערן־טויט״.



אַלעקסאַנדער גראַנאַך, אַלס צוגספירער (לינקס) און אַ קריגס־קאַמעראַד,
בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה (1917)

הינטער מאָנפּאַלקאָנע האָבן מיר באַדאַרפט אויסגראָבן אַ צווייטן שוצן־גרוב. דער פּלאַץ איז געשטאַנען אונטער שטענדיקן אַרטילעריע־פייער און מיר האָבן געמוזט גראָבן אין דער נאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז די אָפיצירן, דערנאָך אויך די פעלדוועבלס, האָבן זיך דערביי אויסבאַהאַלטן. אָבער אויך מיר האָבן ניט געקאָנט אַרבעטן צוליב דעם שיסן. זיינען מיר פאַרקראָכן צווישן שטיינער און פעלזן, און בלויז געוואַרט, ביז די צייט פון דער אַרבעט וועט זיין פאַריבער — קיין לאָפּעטע ערד האָט מען נישט אויסגעגראָבן! אויפן וועג צוריק האָבן זיך ווידער זאַיאָוועט די אָפיצירן מיט די פעלד־וועבלס — גלייך ניט זיי מיינט מען...

איינמאָל באַגעגענען מיר אויפן וועג אַן אָפּטיילונג מיט געלע צייכנס אויפן קאָלנער.

— איז עס דאָס 41טע רעגימענט? — פרעג איך.

— יאָ — ענטפערט מען.

— איז ניטאָ צווישן אייך אַן אינפאַנטעריסט גראַנאַך?

— לויט באַפעל, הער צוגספירער! — שפרינגט צו מיר צו מיט פרייד מיין יינגסטער ברודער.

מיר שטייען פאַרגליווערט און קאָנען זיך אַפילו די הענט נישט געבן. איך ווייס, אַז ער גייט אין אַ גיהנום... איך גיב אים אויף גיך עצות ווי זיך צו באַנעמען אין פראָנט, און מיר געזעגענען זיך.

ווידער מאַרשירט! דאָס מאָל, זאָגט מען, גלייך צום איזאָנצאָ. צוויי טעג שפּעטער זיינען מיר שוין אין אַ הייסער, אומהיימלעכער געגנט פון קאַרסט. מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ הייל פון אַ באַרג, און די איטאַליענער איבער אונדז האָבן אין יענער נאַכט זיך צוריקגעצויגן. די לופט איז, הייסט עס, „ריין". מ׳דאַרף אַרויסשיקן אַן אויסשפּיר־פּאַטרול צום פּונקט 412, ביי אַ צעשאָסענער מיל. כדי כאָטש אויף אַ שטיקל צייט פּטור צו ווערן פון דעם פאַרהאַסטן הויפּטמאַן טשערני, מעלד איך מיך פרייוויליק. מיט מיר גייען נאָך מיין געטרייער יורקאָ סלעזאַק, דער איינעריקער האַנוש, וועלכער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין לייענען מאַפּעס, און נאָך אַ מאַן.

אַלץ אַרום טראָגט שפּורן פון קריג: געשוואָלענע און צעפאַלענע טויטע קערפּערס, אַוועקגעוואָרפענע כלי־זיין, צעשאָסענע וועגענער, צוימען פון שטעכיק דראָט, פאַרזשאַווערטע מכשירים. מיר האָבן דערזען די צע־שאָסענע מיל. צו ביידע זייטן ציען זיך פיינטלעכע שוצן־גריבער, קריכן מיר גאַנץ פאָרזיכטיק דורך די געדיכטע דראָט־געפלעכטן, די „שפּאַנישע רייטער".

אַלץ איז שטיל — מ׳זעט ניט קיין לעבעדיק וועזן. מיר זיינען אַריין אין אַ ניט־צעשאָסענעם איטאַליענישן שוצן־גרוב, וועלכער האָט זיך זיג־

זאַגיש געצויגן אויף רעכטס און לינקס, און האָבן זיך געמאַכט באַקוועם: געגעסן „קאָנסערוון" און פאַררויכערט ציגאַרעטלעך. דערנאָך זיינען האַנוש און דער אַנדערער מאַן צוריקגעגאַנגען אַנוויזן אונדזער באַטאַליאָן דעם וועג, און איך מיט סלעזאַקן זיינען געבליבן אין שוצן־גרוב. ס'איז צו־געפאַלן די נאַכט. סלעזאַק איז איינגעשלאָפן און איך האָב צוגעקוקט ווי ווייט־ווייט ווערט באַמבאַרדירט געוויער. קיין שיסן הערט מען נישט, אָבער דאָס בליצן פון קאַנאָנען פון איין זייט און דאָס פּלוצימדיקע אויפפלאַמען פון פייערן אויף דער צווייטער זייט, זיינען עדות וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

ס'איז אָנגעקומען אונדזער באַטאַליאָן. מען איז געווען צופרידן צו געפינען ענדלעך אַביסל רו אין אַ גאַנצן שוצן־גרוב. אָבער יעדער האָט גענומען זוכן זיין אונטער־אָפּטיילונג, איז מען געקראָכן איינער איבערן אַנדערן און מ'האָט זיך געזידלט. איינער האָט אַ טרעט געטאָן דעם שלאָפנ־דיקן סלעזאַק אויפן פּנים. סלעזאַק האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן אויסשיטן אַלע זיינע אוקראַיִנישע קללות — פון טאַטנס־טאַטן־אַריין ביז צו דער מאַמעס־פּערעיאַפּ־מאַמען־אַריין. דער געזידלטער, אַ קאַרפּאַראַל, האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. ניט איבערלייגנדיק אַ סך, לאָז איך אַראָפּ דעם קאַרפּאַראַל צוויי נאָך שטאַרקערע פּעטש.

— ווי וואַגסטו מיך צו שלאָגן! — איז ער אויסער זיך.

— און ווי וואַגסטו יענעם צו שלאָגן? — פרעג איך אים.

— איך בין קאַרפּאַראַל!

— און איך בין צוגספירער. און איצט—געגאַנגען, און פאַרקלאַג מיך.

ניט לאַנג זיינען מיר דאָרט געזעסן בשלום. אויפן זעלבן וועג, מיט וועלכן מיר זיינען אַהער געקומען, האָבן זיך פּלוצים באַוויזן איטאַליענער. מיר האָבן זיי אויפגענומען מיט סאַלוועןן־פייער, און נאָך עטלעכע שעה קאַמף איז ווידער שטיל געוואָרן. צומאָרגנס האָבן מיר דורך די דראָט־צוימען צום ערשטן מאָל געזען דעם שונא פּנים אל פּנים: זיי האָבן צו אונדז אַריבערגעקוקט דורך זייערע „שפּאַנישע רייטער" — מיר האָבן געהערט זייערע קולות, און פון צייט צו צייט זיי אויך געזען. ביז איינער הויבט ווידער אָן שיסן — כאַפּן זיך צען אַנדערע פאַר די ביקסן, און אַט שיסן שוין דרייסיק, פערציק — די גאַנצע „ליניע", — ביז ס'ווערט ווידער רואיק.

בייטאָג איז געווײנלעך שטיל. אָבער ווי נאָר ס'קומט אָן די נאַכט, באַווייזן זיך ליכט־ראַקעטן און באַלד הויבט זיך אָן אַ שיסעריי און געשרייען, וואָס גייט איבער אין היסטעריקע. די איטאַליענער האָבן עטלעכע מאָל געפּרואווט שטורעמען אונדזער שוצן־גרוב, אָבער יעדעס מאָל האָט מען זיי צוריקגעטריבן.

אַזוי זיינען מיר געלעגן — אָפּט אָן עסן און אָן טרינקען — ביז אָנהויב

אויגוסט, 1916. הייס איז געווען, אַז דאָס מויל איז געשוואָלן געוואָרן פון דורשט! ס'האָט אויך אָנגעהויבן אויספעלן אַמוניציע — מיר האָבן געמוזט שיסן שפּאָרזאַם. מיט דער צייט האָב איך זיך ווידער „איינגעשפּילט אין מיין ראָל" — בפרט אַז איך און מיינע סאָלדאַטן זיינען געווען גוטע פריינט — און איך בין געוואָרן אַ מוסטערהאַפטער זעלנער.

די איטאַליענישע אַרטילעריע האָט אונדז גענומען אויפן ציל און פיל טיילן פון אונדזער שוצן־גרוב זיינען שוין געווען צעשטערט. מיר האָבן איצט מייסטנס זיך אויפגעהאַלטן אין לעכער, וואָס די פיינטלעכע אַרטי־לעריע־קוילן האָבן אויסגעהוילט. פאַרשטייט זיך, אַז די אָפיצירן זיינען כמעט אַלע ערגעץ־וואו פאַרשוואונדן. איך האָב געהאַלטן, אַז מ'דאַרף וועגן דעם אינפאָרמירן דעם הויפּטמאַן טשערני. כ'האָב געוואוסט, אַז ער מיטן שטאַב האַלטן זיך אויף ערגעץ אין אַ הייל, הינטערן לינקן פליגל. בין איך געגאַנגען מיט סלעזאַקן אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו יענעם פּלאַץ. זיי זיינען אַלע געזעסן אין אַ באַקוועמער הייל, געגעסן קאָנסערוון־פלייש און געטרונקען וויין.

— הער הויפּטמאַן, איך מעלד געהאָרכזאַם — ווענד איך זיך צו טשערנין — שוין דריי טעג ווי מיר האָבן נישט קיין שפּייז און קיין וואַסער. אויך די אַמוניציע שעפּט זיך אויס.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַביסל שיכורלעכע אויגן. זייענדיק, וואָס אמת, אַ גוטער סאָלדאַט, האָט ער פאַרשטאַנען דעם ערנסט פון דער לאַגע. דערהויפּט, ווייזט אויס, האָט אים אימפּאָנירט וואָס איך האָב איינגעשטעלט מיין לעבן און אונטער פיינטלעכע קוילן געקומען אים מעלדן וועגן דעם — ווארים ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער באַגריסט מיך כמעט פריינטלעך:

— אָט איז דאָך אונדזער שוישפּילער! נו, די איטאַליענער וועלן אייך ניט אויפפרעסן. נעמט מיט אַ זעקל אַמוניציע, און אָט איז אַ פלאַש קאָניאַק.

— איך דאַנק געהאָרכזאַם, הער הויפּטמאַן, איך טרינק ניט — ענטפער איך כמעט גראָב.

מיר האָבן גענומען די אַמוניציע און צוריקגעקראָכן צו אונדזער אָפּ־טיילונג. איצט אפשר, טראַכט איך, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז איך, אַ שוישפּילער, אַ ייד, קאָן זיך איינשטעלן, ווען מ'דאַרף.

סלעזאַק האָט דערציילט די סאָלדאַטן מיין שמועס מיטן הויפּטמאַן, און זיי האָבן געהאַלטן, אַז כ'האָב ריכטיק געהאַנדלט.

— אַ שאָד נאָר דעם קאָניאַק! — האָט איינער באַמערקט — אָבער סיי ווי וואָלט עס ניט געקלעקט פאַר דער גאַנצער אָפּטיילונג.

אין דער זעלבער נאַכט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען דעם שונא אויג אויף אויג: אין אונדזער אָפּטיילונג זיינען געווען צוויי רומענער. יעדעס מאָל, ווען דער פראָנט האָט זיך צעשפּילט און מ'האָט געשאָסן פון

אַלע זייטן, פלעגן זיי פאַלן אויף די קני און זיך צלמען. די איטאַליענער האָבן ווידער געפּרואווט שטורעמען אונדזער ליניע און זיינען געקומען אַלץ נעענטער. אונדז איז ניט אַזוי געגאַנגען אין אונדזער שוצן־גרוב — אָבער מיר האָבן געוואוסט, אַזביים שטורעמען וועלן זיי ווידער אויף אונדז וואַרפן די טויטלעכע „קאַרטאָפּליעס״ — האַנט־גראַנאַטן — און פאַר דעם האָבן מיר געציטערט. ווערן אַ געפאַנגענער, האָט קיינעם ניט געשראָקן. עס האָט זיך אָבער ניט געוואָלט קראַפּירן פון פלאַצנדיקע האַנט־גראַנאַטן. דערפאַר האָבן מיר ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך די איטאַליענער און מיר האָבן געשאָסן ווי ווילדע. זיינען אונדזערע סאָלדאַטן בייז געווען פאַרוואָס די רומענער קניען, אַנשטאָט צו שיסן. אויך איצט זיינען זיי געפאַלן אויף די קני.

— שיס, הונט! — האָב איך איינעם פון זיי דערלאַנגט אַ פּאַטש — תפילה טאָן וועסטו צייט האָבן, ווען דיין גאָט וועט אונדז אַרויסראַטעווען פון אַט דעם גיהנום. שיס!

איצט האָבן שוין אַלע געשאָסן. נאָך אַ צוויי־שעהדיקן, פייערדיקן גיהנום־קאָנצערט, איז ווידער שטיל געוואָרן — מיר האָבן די אַטאַקע אָפּ־געשטויסן. אייניקע פון זיי ליגן טויט פאַר דעם שטעכיקן דראָט, די אַנדערע זיינען צוריק אַריין אין זייער שוצן־גרוב. איך ליג און קוק דורך מיין שיס־לאָך — אַהאַ! אַ פייף — טיוז־דז..., און אַ וואַרעם ווינטל איבערן שטערן — עמעצער שיסט אויף מיר גאַנץ נאָענט. כ׳האָב אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ אַרונטער — דורכן קערפּער איז דורך אַן עלעקטרישער ציטער, און אָט ווידער — טיוז־דז... — דעם מאָל נאָענט אַרום מיין מויל! אָבער פון וואַנען? ווער? עס קומט פון לינקס — יאָ! די רומענער! זיי האָסן מיך אַפּנים פאַרן פּאַטש, ווי איך טשערבינק, און ווילן זיך נוקם זיין אין מיר. איך קריך אַריבער צו זיי:

— הערט, איר אויסוואורפן, איר האָט איצט צוויי מאָל אויף מיר געשאָסן!

זיי קניען און קוקן אויף מיר צעשראָקענע.

— זאָג דעם אמת! — שטעל איך אָן מיין ביקס קעגן דעם, וועלכן כ׳האָב פריער געשלאָגן — האָסטו אויף מיר געשאָסן?! זאָג!

— דאָמלינע צוגספירער — צעוויינט ער זיך — איך שווער ביי גאָט, אַז איך האָב עס ניט געטאָן. זאָל מיך גאָט אויסהיטן פון אַזעלכע געדאַנקען.

ער האָט זיך איבערגעצלמט. ניין, טראַכט איך, ער האָט עס ניט געטאָן — אַזוי ערלעך קאָן קיין מענטש ניט לאַיגן. איך גיי צוריק אויף מיין פלאַץ און קוק ווידער דורכן שיס־לאָך. פּלוצים הער איך אַ גערויש — עמעצער קריכט! ס׳איז ווידער שטיל — און ווידער קריכט עמעצער — און אָט שטייט פּלוצים איבער מיר — אויפן ברעג פון אונדזער

שוצן־גרוב — אַן איטאַליענער, גאַנץ באַוואָפנט, אַפּילו מיט אַ גאַז־מאַסקע!

— ניט רירן זיך, אָדער איך שיס! — שטעל איך אַן אויגנבליקלעך מיין געווער קעגן זיין בויך.

מיר קוקן זיך אָן אַ ווײַלע.

— אַרונטערשפּרינגען! — גיב איך אים אַ פּאַק מיט מיין לינקער האַנט ביים מאַנטל און שלעפּ אים אַריין אין גרוב.

ער פאַלט אויף די קני, רעדט עפּעס איטאַליעניש — איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט, אָבער איך שטויס זיך אָן, אַז ער בעט מ׳זאָל אים שענקען דאָס לעבן. ער האַלט נאָך זיין „כלה״ — די ביקס אין האַנט. איך נעם עס ביי אים צו, צוזאַמען מיט דער גאַז־מאַסקע, און באַרויאיק אים. די גע־שפּאַנטע סצענע איז געענדיקט. ער ליידיקט נאָך אויס פאַר מיר זיינע קעשענעס: פּושקעס קאָנסערוון, אַ קעמל, אַ בליישטיפט, איטאַליעניש געלט — אַלץ, וואָס ער האָט ביי זיך. איצט גיב איך אים די האַנט, ווי מיר וואָלטן פריידן געשלאָסן — ס׳איז אונדז ביידן לייכטער אויפן האַרצן. ער ווייסט איצט, אַז איך וועל אים ניט דערשיסן, און וויל מיך קושן פאַר פרייד.

סלעזאַק האָט אים דערנאָך אָפּגעפירט צום באַטאַליאָנס־קאָמאַנדאַנט, און פון דאָרט האָט מען אים געשיקט אין אַ לאַגער פאַר געפאַנגענע. ווי סלעזאַק האָט מיר דערנאָך איבערגעגעבן, איז דער הויפּטמאַן טשערני אַלץ נאָך ניט געווען צופרידן: נעמען אַן איינצלנעם געפאַנגענעם, האָט ער געזאָגט, איז ניט מזלדיק — מ׳פאַרלירט דערנאָך אַליין מער.

אָט אַזוי האָב איך געזען דעם פיינט אויג אויף אויג. אָבער וואָס פאַר אַ אויגן האָט אַ מענטש, ווען ער דערזעט פאַר זיך דעם טויט, און דער טויט טוט אים גאָרנישט —? דאָס קאָן מען נישט באַשרייבן — דאָס קאָן מען אפשר נאָר „אויסשפּילן״. צוויי ראָלן וואָלט איך נאָך וועלן שפּילן נאָך דער מלחמה — האָב איך געטראַכט אין יענער נאַכט — דעם היסטעריש־שעלטנדיקן הויפּטמאַן טשערני מיט די בייזע, טאַנצנדיקע, שפּיציקע אייגעלעך — און יענעם „שונא״ מיטן לינדן אויסדרוק, מיט דעם צייכן פון טויט און פון געשענקטן לעבן אין זיין בליק. צוויי אויסגעצייכנטע ראָלן, וואָס עמעצער וואָלט זיי באַדאַרפט אויסדיכטן און איך וואָלט זיי וועלן שפּילן אויף דער בינע. זאָלן דערנאָך מענטשן זען, וואָס פאַר אַ מענטשן עס זיינען פאַראַן.

אַזוי זיינען מיר אַריין קיין איטאַליע

מיר האָבן מער נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט אונדזער אַרמיי. די איטאַליענער האָבן אויפגעלייגט וועג און מאַרשירט אין אַ ווייטן האַלב־צירקל צו ביידע זייטן פון אונדזער פּאָזיציע, ביז זיי זיינען אויסגעקומען

הינטער אונדז און אונדז אָפּגעשניטן פון אייגענעם פראָנט. זיינען מיר געלעגן אָפּגעזונדערטע, אָן עסן, אָן וואַסער, אָן אַמוניציע — מיט גע־שוואָלענע פּנימער און פול מיט לייז. איצט האָט אויף אונדז געהאַמערט נישט נאָר די איטאַליענישע, נאָר אויך אונדזער אייגענע אַרטילעריע. צילנ־דיק אויף די איטאַליענער „צו ווייט", האָט עס אונדז געטראָפן. אונדזער שוצן־גרוב איז געווען צעשמעטערט — דער טויט האָט געהאַט אַן אָפענע טיר צו אונדז. וואָס אָפּטער האָבן זיך געהערט קרעכצן „מאַמאַ! מאַמאַ!" — דאָס לעצטע אָפּשייד־וואָרט פון שטאַרבנדיקן סאָלדאַט. מיט פאַר־קראַמפּטע הענט האָבן זיי אין גסיסה זיך געגראָבן אין שטיינערנעם קאַרסט־באָדן, ווי ווען לנדיק זיך נאָך אָנכאַפּן אין לעצטן פּיצל ערד, און האָבן אויס־געהויכט צום לעצטן מאָל „מאַמאַ", — דאָס אַמייסט פאַרשטאַנענע וואָרט אין אַלע שפּראַכן: דער פרומער רומענער איז געפאַלן מיטן וואָרט „מאַמאַ", אַ פּאָליאַק און אַן אוקראַאינער האָבן געוופן „מאַמאַ", אַ ייד האָט געשעפּטשעט „מאַמע" — טשעכן און איטאַליענער, פאַרפּלאָנטערט אין די טויטלעכע דראָט־נעצן, זיינען מיטן וואָרט „מאַמאַ" אַוועק פון דער וועלט. נאָר איין יונגער איטאַליענישער אָפיציר, וועמען דער טויט האָט געפּאַקט קנאַפּ פאַר אונדזער שוצן־גרוב, איז געשטאָרבן מיטן וואָרט פון זיין היים־שטאָט אויף די ליפּן — „ווענעציאַ".

עס איז אונדז געבליבן נאָר צו עטלעכע קוילן אין די ביקסן — מיר האָבן מער ניט געשאָסן. אין אַ פאַרטאָג, נאָך אַ פאַרהעלטנישמעסיק־רואיקער נאַכט, האָט זיך סלעזאַק צוגערוקט צו מיר, און מיר האָבן גענומען האַלטן אַן עצה. הונגעריק זיינען מיר געווען, אַז מיר האָבן שוין אַפילו ניט געפילט קיין הונגער! בלויז אַפּאַטיע איז געלעגן אין אונדזערע ביינער. די איטאַליענער זיינען אויף דער העלפט אַרויס פון זייערע לעכער, האָבן פאַרריכט זייערע שוץ־ליניעס. זיי זיינען געווען אויסגעצייכנטע ציל־ברעטער פאַר אונדז, אָבער קיינער האָט ניט געשאָסן. מיר האָבן געזען ווי אַן עלטערער, באַוואַקסענער איטאַליענער — אַ פריש־אָנגעקומענער — האָט אַוועקגעלייגט אויפן ברעג פון שוצן־גרוב זיין פולן רוקן־זאַק, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ זאַט, פעט קעלבל. וואָס האָט ער דאָרט, אין דעם רוקן־זאַק? ווי צוגעצויגן פון אונדזער בליק, האָט אויך דער איטאַליענער גענומען קוקן אויף אונדז — מיר זיינען דאָך אינגאַנצן געווען אָפּגעשיידט אפשר אַ צוואַנציק טריט.

— ער האָט דאָרט אַוודאי קאָנסערוון־פלייש מיט ברויט, און אפשר אויך „פּאָלענטאַ"; זיי עסן דאָך מאַמעליגע פונקט ווי מיר — האָט גע־שעפּטשעט סלעזאַק.

— און אפשר אויך וויין — האָב איך געסמאַטשקעט מיט דער צונג.

וואָס מער מיר האָבן געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מער האָט אונדז דער רוקן־זאַק געלאָקט — ער האָט אונדז ממש היפּנאָטיזירט.

— ווייסט איר, צוגספּירער — האָב סלעזאַק זיך דערטראַכט — איר זייט דאָך אַן אויסגעצייכנטער שיסער, און איך האָב לאַנגע הענט — איז אפשר וואָלטן מיר געפּרוּווט...

— גוט — האָב איך אַ שמייכל געטאָן.

מיר זיינען שטילערהייט אַרויס פון אונדזער שוצן־גרוב און גענומען פויזען אויפן בויך. צוערשט פּאַוואָליע, בּאַהיט, — אָפּגערוט, און ווייטער געפּויזעט — שוין ניט ווי פאַרזיכטיקע סאָלדאַטן, נאָר ווי פּשוטע גנבים, פאַרברעכער; דערנאָך אַלץ נעענטער און נעענטער, איך — מיטן ציל צום איטאַליענער, און סלעזאַק — צום רוקן־זאַק. כ'האָב אָנגעשטעלט דאָס געווער. דער איטאַליענער האָט אונדז דערזען און געבליבן אַ פאַרשטיינער־טער — ער ווייסט, אַז ער טאָר זיך ניט אַ ריר טאָן, וואָרים איין דרוק ביי מיין ביקס, און ס'איז נאָך אים. מיר זיינען קוים פינף שריט פונעם רוקן־זאַק. איך באַמערק איצט, אַז דער איטאַליענער איז שוין גרוילעך — איז מסתם שוין אַ טאַטע, אַ גוטער, בראַווער סאָלדאַט... סלעזאַק האָט דערווייל זיך צוגערוקט נעענטער, האָט אַ פּאַק געטאָן דעם רוקן־זאַק — ער שלעפּט אים שוין אויף צוריק. איצט באַנוצט ער דעם רוקן־זאַק ווי אַ שוץ פאַר זיין קאָפּ. דער איטאַליענער קוקט זיך צו, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שפּילעכל. דער רוקן־זאַק פאַרטשעפּעט זיך אין שטעכיקן דראָט, אָבער סלעזאַק פּלאָנ־טערט זיך אַרויס און קריכט נאָך שנעלער צוריק — איך, אויף הינטער־ווילעכץ, נאָך אים. פּיין! פאַראָן, ווייזט אויס, ניט נאָר אַ גליקלעכער „פאָראויס", נאָר אויך אַ גליקלעכער „צוריק" — קיינער שיסט ניט אויף אונדז. איך הער שוין ווי סלעזאַק שפּרינגט אַריין צוריק אין אונדזער שוצן־גרוב. איצט פּאַקט ער מיך ביי אַ פוס און שלעפּט מיך אויך אַריין. זיינען מיר ווידער אין דער „היים" נאָך אַ ווייטער, ווייטער רייזע.

סלעזאַק צלמט זיך איבער. מיר קוקן אויפן רוקן־זאַק, ווישן דעם שווייס פון שטערן און רעדן ניט קיין וואָרט — ערשט איצט זיינען מיר באמת אויפגערעגט. אונדזער גאַנצע אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו אונדזער מאַנעוורע, האָט געציטערט פאַר אונדזער לעבן.

— בראַוואָ, בראַווויסימאָ, אויסטריאַקאָ! — הערן מיר דעם באַרויבטן איטאַליענער אַריבערשרייען.

די סאָלדאַטן פון ביידע פיינטלעכע זייטן האָבן אונדז באַוואונדערט. עס האָט זיך אָבער אויך געלוינט דער זאַק־רויב — אין איטאַליענישן רוקן־זאַק געפינט זיך אַ גאַנצער סקלאַד: אַפילו זייף און העמדער, קאַווע און צוקער, זאָקן און האַנטוכער, בריוו־פּאַפּיר מיט טינט, און דער עיקר — גרויסע פּושקעס מאַקאַראָני מיט פלייש!

מיר האָבן געהאַט דעם ריכטיקן באַנקעט, שוויצנדיק און געניסנדיק דעם לעצטן מאָלצייט אין אונדזער אַרמיי — וואָרים באַלד דעם צווייטן טאָג זיינען מיר שוין געווען געפאַנגענע:

פון פיר פאַרטאָג ביז זיבן אינדערפרי האָט די איטאַליענישע אַרטי־לעריע געפּויקט אין אונדז מיט קוילן. מיר האָבן געהאַט אַ סך טויטע און פאַרוואונדעטע, פיל זיינען פאַרשאָטן געוואָרן אונטער די חורבות. איצט זיינען די איטאַליענער אַרויס פון זייערע שוצן־גריבער און אונדז אַריבער־גערופן צו זיך: „היי, אויסטריאַקאָ, וויענאַקוואָ, פּאַנע, אַקוואָ, ווינאָ, בעלאַ איטאַליאַ! וויענאַקוואָ, וויענאַקוואָ“. שעהן־לאַנג האָב זיי אונדז אַזוי גע־רופן, און מיר האָבן אויך געוואָלט גיין, אָבער מיר האָבן זיך ניט געטרויעט. האָט סלעזאַק גענומען אַ העמד, וואָס ער האָט נעכטן געפונען אין איטאַ־ליענישן רוקן־זאַק, אַ צווייטער האָט אויסגעטאָן די אָנטעטשעס, און אַנדערע האָבן גענומען ווער אַ טיכל, אַ געצעלט־לייוונט, קויטיקע זאָקן, און ווער אַ רוקן־זאַק אָדער גאַטקעס — אַרויפגעשטעקט עס אויפן געווער און עס הויך אויפגעהויבן — — און אפשר אין צוויי מינוט אַרום איז אונדזער צעשאָסענער שוצן־גרוב געווען דעקאָרירט ווי מיט גראָטעסק־קאָמישע פאָנען. „בראַוואָ, בראַוויסימאָ, אויסטריאַקאָ“, האָבן מיט געלעכטער גע־שריגן די איטאַליענער און ווידער אונדז גערופן אַריבערגיין צו זיי: „וויענאַקוואָ — קומט אַהער!“ זיי האָבן גענומען אַריבערוואַרפן זאַכן צו אונדז, און מיר האָבן צעשראָקענע זיך באַהאַלטן. אָבער אומזיסט איז געווען אונדזער שרעק: נישט קיין האַנט־גראַנאַטן האָבן זיי אונדז געוואָרפן, נאָר פּושקעס קאָנסערוון, פעלד־פלעשער מיט וואַסער, ברויט — מיר האָבן ניט געגלויבט אונדזערע אויגן. אונדזערע מענטשן זיינען מיט אַמאָל אויפגעפרישט געוואָרן — די מידקייט איז פאַרשוואונדן. ס'האָט זיך אָנ־געהויבן אַ קאָנווערזאַציע צווישן די פיינטלעכע צדדים אויף צוויי שפּראַכן — איינער פון אונדזערע רומענער איז געווען דער איבערזעצער:

— זיי זאָגן, מיר זאָלן ניט מורא האָבן און אַריבערקומען צו זיי.

אונדזער רומענער איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ געוואַלדיק וויכטיקע פּער־זענלעכקייט ביי אונדז — ער איז געווען אונדזער דאָלמעטש און פיר־שפּרעכער. יאָ, יעדער האָט זיך זיין געלעגנהייט צו שפּילן אַמאָל אַ הויפּט־ראָל! ער איז איצט געגאַנגען פאָראויס דורך די „שפּאַנישע רייטער“, און מיר נאָך אים. איי‏ניקע האָבן נאָך געהאַלטן די ביקסן אין האַנט, האָבן עס די איטאַליענער אַרויסגעריסן ביי אונדז און זיינען דערביי געווען פּונקט אַזוי צעשראָקן ווי מיר. ביז מיר האָבן אַליין אַוועקגעוואָרפן די ביקסן און גענומען לויפן הינטער דער איטאַליענישער ליניע. מיר זיינען געלאָפן איבער אַ בערגל, עפּעס געשריגן, אַליין נישט וויסנדיק וואָס, — און פּלוצים האָבן מיר זיך גענומען אַראָפּקוילערן פון בערגל

אין טאָל אַריין, וואו ס'איז געלעגן אַן איטאַליענישע אָפּטיילונג פון עטלעכע הונדערט סאָלדאַטן. זיכער, אַז מיר זיינען זיי איבערפאַלן, האָבן אויך די צעשראָקענע איטאַליענער גענומען שרייען און מיטלויפן מיט אונדז — אויך מיט אויפגעהויבענע הענט, ווי מיר. אַזוי איז געלאָפן אַ צונויפ־געמישטע מאַסע פון איטאַליענער און עסטרייכער, אַלע מיט אויפגעהויבענע הענט און טויט־צעשראָקן — קיינער האָט ניט געוואוסט ווער וועמען ס'האָט גענומען געפאַנגען.

אייניקע איטאַליענער האָבן זיך דערשראָקן פאַר סלעזאַקס ריזיקן אויסזען און זיי זיינען אים באַפאַלן. איך האָב גענומען רופן הילף — אויף דייטש. אַן איטאַליענישער סערזשאַנט האָט איינגעשטילט זיינע מענטשן און, לויפנדיק לעבן מיר, מיך געפרעגט:

— רעדסט דייטש?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

— מיין נאָמען איז שטערן, פון נעאַפּעל — שטעלט ער זיך פאַר אַלץ לויפנדיק — מיר האָבן דאָרט אַ ביר־ברויעריי.

— איך הייס גראַנאַך, פון בערלין, כ'בין שוישפּילער — האָב אויך איך זיך פאָרגעשטעלט, גלייך ווי איך וואָלט געווען אין אַ סאַלאָן און ניט אין געלויף צו אַנטרינען פון טויט.

מיר זיינען אַריינגעלאָפן אין אַן איטאַליענישן רעזערוו־לאַגער מיט באַגאַזש־וועגענער. די איטאַליענישע אָפיצירן זידלען און שיסן אין לופט פון די רעוואָלווערס, אָפּצושטעלן די פּאַניק און אויפהאַלטן די לויפנדיקע סאָלדאַטן:

— די עסטרייכער זיינען די געפאַנגענע! ווילדע סטאַדע! איינ־שטילן זיך!

די פאַרווירטע מאַסע האָט גענומען זיך איינשטילן.

— ביזט איצט אַ גליקלעכער מענטש — זאָגט צו מיר דער סערזשאַנט שטערן — דו ביסט שוין דיינס איבערגעקומען. פאַר מיר הויבט זיך עס ערשט אָן אויפסניי.

מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט. מען האָט אונדז פאַרמירט אין רייען און אָפּגעפירט הינטערן פראָנט. פאַר אונדז האָט זיך אַנטפּלעקט אַ באַקאַנט בילד — ווי הינטער דעם עסטרייכישן פראָנט: אַן איטאַליענישער אָפיציר האָט קאָמאַנדירט אַן איטאַליענישע אָפּטיילונג — „העלם אַרונטער — צום גע־בעט!" — אויף איטאַליעניש, פּונקט דאָסזעלבע ווי ביי אונדז אויף דייטש; אַ מיליטערישער גלח האָט זיי געבענטשט — גענוי ווי ווען מ'האָט אונדז אַוועקגעשיקט אין פעלד. זיי, ווי מיר, האָבן געכשרט די וואָפן מיט אַ תפילה צו דעמזעלבן גאָט.

— די מלחמה — האָט סלעזאַק געזאָגט — ברענגט אַפילו גאָט אַליין אין אַ פאַרלעגנהייט: וועמען זאָל ער פאָלגן און וועמען זאָל ער העלפן?

פּלוצים האָט אויך די עסטרייכישע אַרמיי זיך דערמאָנט, אַז זי איז אין מלחמה, און פאַרזייעט איבער אונדזערע קעפּ פלאַצנדיקע שראַפּנעלן, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן אויך צווישן די עסטרייכישע געפאַנגענע. דער לעצטער שאָס איז נאָך געפאַלן, ווען מיר זיינען געקומען צו די חורבות פון אַ צעשאָסענעם שלאָס. דער דאַך פון שייער האָט זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און זיך פּאַוואָליע איבערגעקערט — דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן.

מען האָט אונדז געגעבן קאָנסערוון און ברויט — ווייס ברויט, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג, לאַנג ניט געזען. סלעזאַק האָט עס געגלעט און גע־קושט און זיך געפרייט דערמיט ווי מיט אַ פאַרלוירן שוועסטערל, וואָס ער האָט ווידער געפונען. מיר האָבן עס קודם געשלונגען מיט די אויגן, דערנאָך עס פאַרצערט ווי הייזעריקע. ס׳איז אויך געווען אַ שטעל, וואו מ׳האָט פאַר־קויפט קעז, סאַלאַמי און וויין. ניט איך און ניט סלעזאַק האָבן געהאַט געלט צו קויפן — מ׳האָט עס ביי אונדז צוגענומען, בעת די איטאַליענער האָבן אונדז באַזוכט. איז מען געגאַנגען זוכן באַקאַנטע — אפשר וועט מען קאָנען עפּעס באָרגן ביי עמעצן. מיר זיינען דאָ געווען ביי אַ אַכט ביז צען טויזנט געפאַנגענע פון פאַרשיידענע רעגימענטן, און אין אָט דער מאַסע האָט מיך באַגעגנט דער קאָרפּאָראַל, וועמען איך האָב געפּאַטשט צוליב סלעזאַקן.

— אָט איז ער דאָך, דער סוקין סין, וואָס האָט מיך געשלאָגן! — האָט ער געזאָגט צו זיינע פריינט.

זיין חברה האָט מיך גענומען אַרומרינגלען. איך האָב זיך צוריק־געצויגן צו אַ וואַנט, כדי צו זיין געשיצט פון רוקן — כ׳האָב ליב צו זען פון וואַנען דער קלאַפּ קומט. אָבער דאָ איז פּלוצים אויסגעוואַקסן סלעזאַק.

— וויפיל חזירים זייט איר קעגן איינעם? — פרעגט ער ביים קאָר־פּאָראַלס כאַפּטע — אַזעלכע העלדן זייט איר?!

און דער קאָרפּאָראַל קריגט שוין פון אים דעם ערשטן זעץ אין פּנים. איך טו דאָס זעלבע מיט אַ צווייטן, און עס ברעכט אויס אַ נייע מלחמה אין דער עסטרייכישער אַרמיי: מיר צעבלוטיקן זיך די פּנימער און קאָליערן זיך אין בלאָטע, ביז אַן איטאַליענישער וואַך־סאָלדאַט מישט זיך אַריין און נעמט אונדז פאַנאַנדער. איך מיט סלעזאַקן גייען אַוועק צופרידענע: מיר האָבן איבערגעלאָזן דעם צווייטן צד „באַזיגטע“ און פאַרשעמטע.

איצט האָט זיך שטאַרק געוואָלט באַגיסן אונדזער „זיג“ מיט וויין. אָבער וואו נעמט מען געלט? אָט זיצט דער אַלטער לאַנדשטורם־מאַן פון

אונדזער אָפּטיילונג, מיין לאַנדסמאַן מאַהמודעס מיט די שרעקעוודיקע אויגן, עסט זיך געמיטלעך קעז און טרינקט ווייַן.

— איר דערמאַנט אייך — זאָג איך צו אים — ערשט נעכטן האָט איר מיר געוואָלט אַוועקגעבן אייער גאַנץ געלט איך זאָל אייך צוזאָגן, אַז היינט וועט איר נאָך לעבן. נו, היינט קאָן עס צונוץ קומען — איך וויל אויך טרינקען אַ טראָפּן וויין. גיט מיר, אָדער באַרגט מיר, עטלעכע קראָנען.

— פאַרוואָס זאָל איך אייך געבן געלט? — מאַכט ער — ווייל איר זייט אַ צוגספירער? כ'האָב אַ פּאָר גרייצער, דאַרף איך זיי אַליין, פאַר זיך.

ער האָט גענומען דעם קעז מיטן וויין און זיך אַוועקגעגאַנגען. כ'האָב זיך געשעמט פאַר סלעזאַקן וואָס יענער איז אַ ייד. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און געשוויגן: איך האָב שטומערהייט געצייכנט מיט אַ שטעקעלע פיגורן אין שטויב, און ער האָט געקייעט אַ שטרוי. ענדלעך רופט ער זיך אָן:

—געדענקט איר, צוגספירער, וואָס דער טשעכישער פּריוואַטליקער האַנוש האָט אַמאָל געזאָגט? דענקט ניט, האָט ער געזאָגט, אַז אַלע טשעכן זיינען אַזוי שלעכט ווי דער הויפּטמאַן טשערני.

— קעגן וואָס זאָגסטו דאָס, סלעזאַק?

— קעגן דעם — איז ער אַביסל אין פאַרלעגנהייט און שפּייט־אויס ווי אין זיין היימישער קרעטשמע — קעגן דעם, אַז איר זאָלט נישט מיינען, אַז אַלע יידן זיינען ווי אָט דער מאַהמודעס.

איך האָב זיך צעלאַכט, וואָס ער, דער גוי, דער אוקראַינער, וויל מיך טרייסטן וועגן מיין אייגן פאָלק. סלעזאַק האָט צופרידן מיטגעלאַכט.

פיר פאַרטאָג האָט מען אונדז אויפגעוועקט. מ'האָט אונדז געגעבן ברויט מיט קאַווע, און דערנאָך, אין אַ ריזיק־לאַנגער מאַרש־קאָלאָנע, אונדז אָפּגעפירט איבער אַ ברייטן טאָל אין איטאַליענישן הינטערלאַנד. סלעזאַק און איך זיינען געגאַנגען אין דער ערשטער טאָפּל־ריי — מיר האָבן געוואָלט זיך גוט אָנקוקן איטאַליע. צו ביידע זייטן האָט אונדז באַגלייט אַן עסקאָרט קאַוואַלעריע און פאַראויס איז געריטן אַ בלוט־יונגער אָפיציר. ער איז געזעסן אַן אויסגעפּוצטער אויף זיין פערד, אַ הויכער און צאַרטער, אין לאַקירטע שטיוול און הענטשקעס אויף די הענט, אין אַ ברוינער פעלץ־טשאַקע מיט אַ לאַקירט רימענדל אונטערן קין. ביים שייד־וועג האָט ער אָפּגעשטעלט זיין קאַשטאַנעוואַטע פערדל, אַרויסגענומען די מאַפּע, שטודירט, געקוקט אויף די פעלד־גלעזער, דערנאָך אַ שמייכל געטאָן מיט צוויי רייען גרויסע, ווייסע ציין אונטער דעם קליינעם וואָנסעלע, און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף רעכטס, וואוהין מיר זאָלן גיין. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַזאַ פיין־עלעגאַנטן זשעסט, וואָס איך האָב נאָך ביז איצט קיינמאָל

ניט געהאַט געזען! נאָר אַ באַסערמאַן וואָלט געקאָנט שפּילן אַזאַ יונגן סאַלאָן־מענטש! אין „היינריך דער 4טער" שפּילט ער טאַקע פּערסי הייס־שפּאָרן — ברוין געשמינקט און מיט דעמזעלבן שמייכל, ווי אַט דער יונגער איטאַליענישער קאַוואַלעריע־אָפיציר. ער האָט אויך דיזעלבע שלאַנקע, בויגעוודיקע פיגור.

מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ פעלדבאַן־סטאַנציע. מ'האָט אונדז, פּונקט ווי ביי אונדזער אַרמיי, אויפגעלאָדן אין פראַכט־וואַגאָנען און אונדז געפירט ווייטער אין איטאַליע. טעג און נעכט זיינען מיר אַזוי געפאָרן, פאַוואַליע, מיט לאַנגע אָפּשטעלן, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין: אַט פאָרן מיר, האָט עס געהייסן, קיין סיציליע, און אַט קיין סאַרדיניע, און אַט פאָרן מיר גאָר פאַרביי נעאַפּעל און מ'לאָדט אונדז אויס ביי אַן אַלטן קלאַשטאָר, צערטאָזאַ די פאַדולאַ, פּראָווינציאַ סאַלערנאָ.

אין דער אייניעריק־פרייוויליקער שולע פלעגן מיר זינגען אַ פרעך סאַלדאַטן־לידל וועגן דעם זאַק־רויב, וואָס מיר וועלן אַריינקריגן אין פאַר־שיידענע לענדער:

„ברידער, פעלט אונדז חזיר־פעטס —
גיט אין הינטן דעם רוס אַ זעץ!
רייטן הוזאַרן, מאַרשירן די יעגער,
עס בליצן די זעבלען פון פיקע־טרעגער —
טוט ווי ראַדעצקי האָט געמאַכט,
ווען ביי סאַנטאַ לוציאַ ר'האָט געוואונען די שלאַכט:
פּאַטריאָט! אין נאָמען פון גאָט
די פּיקע פּאַק אין האַלדז־און־נאַקן
דעם נאַפּאָלעאָן אויפן פאַלשן טראָן!

ברידער, האָבן מיר ניט קיין ווין —
וועלן מיר קיין איטאַליע אַריין!
רייטן הוזאַרן א. אַז. וו.

יאָ! מיר זיינען אַריין קיין איטאַליע, אָבער גאַנץ אַנדערש ווי ס'זינגט זיך אין לידל — מיר זיינען אַהין געקומען ווי „פּריזשיאָנעראַ די גוערא", ווי קריגס־געפאַנגענע.

און דאָך האָט זיך קיינער פון אונדז ניט געפילט אומגליקלעך וועגן דעם. די פעלקער האָבן באמת ניט געוואָלט קיין מלחמה — זיי האָבן בלויז געוואָלט די מלחמה איבערלעבן. און דאָ, ווי קריגס־געפאַנגענע אין שונאס לאַנד, האָבן מיר געהאַט די בעסטע געלעגנהייט דערצו.

איז שוין איצט גוט געווען וואָס מיר זיינען אַריין קיין איטאַליע.

וועגן פירן שטענדיק ערגעץ־וואו

דער קלאשטאָר, וואו מ׳האָט אונדז איינקוואַרטירט, האָט געשטאַמט נאָך פון פערצנטן יאָרהונדערט. דורך אַ שווערן טויער איז מען אַריין אין דער הויפּט־געביידע, מיט אַ הויף אין מיטן, פון וועלכן ס׳האָבן זיך געצווייגט פיל וועגן און קאָרידאָרן, אויבערשטע און אונטערשטע, מיט קעלערס און קאַטאַקאָמבן. אַן אינעווייניקסטער טויער האָט געפירט צו אַ מיילן־ווייטער טעראַסע מיט ציפּרעסן־אַלייען און וועלדלעך מיט אַליוון־ביימער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט אַ גרויסן פרייען פלאַץ. אויף אָט דעם פלאַץ האָט מען אויסגעבויט זעכציק באַראַקן, און אויף די אַרומיקע הויכע, ברייטע מויערן האָט מען אויפגעבויט וואַך־שטיבלעך פאַר די איטאַליענישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונדז באַוואַכט. אין יעדן באַראַק האָט מען אויפגעשטעלט דריי הונדערט בעטן; אין מיטן פון באַראַק זיינען געשטאַנען צוויי רייען דריי־שטאָקיקע שטייגן, און צו ביידע זייטן, ביי די פענצטער, האָבן זיך געפונען איינצלנע בעטן: דריי ברעטער אויף צוויי שטאַנגען. מיר האָבן געהאַט שטרוי־זעק און היי־קישעלעך, צו צוויי דעקעס און אַפילו צוויי ליילעכער, וועלכע מ׳האָט געביטן יעדע פיר וואָכן. דער עלטסטער אונטער־אָפיציר איז באַשטימט געוואָרן ווי דער קאָמאַנדאַנט פונעם באַראַק און ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג.

אונדזער לאַגער איז געווען ווי אַ קליין שטעטל, פאַר זיך, מיט אייגענע געזעצן און פירערס, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַן אַלטן, פּענסיאָנירטן איטאַליענישן גענעראַל. ווער ס׳האָט געוואָלט, האָט געקאָנט זיך מעלדן אויף אַרבעט און דערפאַר באַקומען אַ קליינעם לוין. פון דעם „לאַגער־געלט״ האָט די איטאַליענישע קאָמאַנדע אויסגעצאָלט בלויז אַ קליינעם טייל, פאַר וועלכן מ׳האָט געקאָנט אין דער קאַנטין קויפן קעז, סאַלאַמי, סאַרדינען, אויבסט און ווין. די קיכן זיינען פאַרוואַלטעט געוואָרן פון אייגענע אונטער־אָפיצירן. מיר פלעגן באַקומען אין דער פרי שוואַרצע קאַווע מיט אַ קליין ברויטל, מיטיק־צייט — מאַקאַראָני מיט חזיר־פעטס, אין אָוונט — רייז מיט חזיר־פעטס. אַמאָל אויך פאַרקערט. די פאַרוואַלטונג פון דעם ריזיקן אַפּאַראַט, איבער אַכצן טויזנט געפאַנגענע און צוויי טויזנט איטאַליענישע שומרים, איז געווען גאַנץ פריינטלעך און מענטשלעך. אָבער מיט דער אויסנוועלט האָבן מיר ניט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג. אין הויפּט־קוואַרטיר, וואו ס׳האָבן זיך אויפגעהאַלטן די איטאַליענער, האָבן אין אַלטע מאָנאַכן־צעלן געוואוינט אויך די געפאַנגענע אָפיצירן. זיי האָבן זיך געהאַט זייער אייגענע קיך, בעסערע שפּייז און העכערן לוין. דער „העכערער״

שטאַנד איז אויך אין געפאַנגענשאַפט העכער און האָט זיך זיינע פּריווי־לעגיעס.

די ערשטע צייט בין איך שטענדיק געווען הונגעריק. די פריערדיקע געפאַנגענע זיינען שוין געווען אַביסל אָנגעגעסענע, האָבן זיי אונדז אַוועק־געגעבן זייער ברויט, אָדער עס אויסגעביטן אויף אַנדערע זאַכן. כ׳האָב געטראָפן אַ יונגן לאַנדסמאַן פון מיין געגנט, וועלכער האָט געוואָלט אַביסל זיך צולערנען לעזן און שרייבן. ער איז שוין געווען אין לאַגער אַן „איינ־געזעסענער״, אַ זאַטער, און האָט געהאַט אַביסל געלט. בין איך געוואָרן זיין לערער, און ער האָט מיר דערפאַר געגעבן זעקס ביז אַכט ברויטלעך, מיט וועלכע איך האָב זיך געטיילט מיט סלעזאַקן. אָבער מיר זיינען אַלץ נאָך געווען הונגעריק. יעדן טאָג פלעג איך אַ דריי, פיר שעה דיקטירן מיין לאַנדסמאַן בריוו, און אויף דעם אופן האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע „קאָרעס־פּאָנדענץ״ צווישן עלטערן און קינדער, צווישן פריינט און געליבטע. אַט דאָס אויסגעטראַכטע לעבן האָט אויך מיך אַליין אַזוי שטאַרק פאַראינטערע־סירט, אַז כ׳האָב גאָרנישט געקאָנט דענקען וועגן עפּעס אַנדערש ווי בלויז וועגן עלטערן, וועלכע זיינען פאַרצווייפלט צוליב זייערע פאַרלוירענע קינדער, וועגן קריגערייען צווישן געליבטע און אומגעטריישאַפט פון פריינט — דערנאָך האָבן די עלטערן ווידער געפונען זייערע קינדער, די געליבטע האָבן זיך איבערגעבעטן און זיך צוגעשוואוירן אייביקע ליבע, און די אומ־טריישאַפט איז ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאָל־שטאַרקער חבר־שאַפט.

דאָס לעבן פון די אַכצן טויזנט עסטרייכישע געפאַנגענע פון פאַר־שיידענע פעלקער האָט באַקומען אַן אייגנאַרטיק פּנים. די פאַקטישע „פּריצים״ זיינען געווען די באָסניער — גרויסע, שיינע מענער, מיט אַ רויטן „פעץ״ אויפן קאָפּ, וועלכע האָבן גאַנץ גוט גערעדט איטאַליעניש. אויך די דאַלמאַטינער האָבן גערעדט איטאַליעניש. זיי זיינען שטענדיק געווען גוט אויפגעלייגט און געטרונקען אַ סך וויין. די טשעכן האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, האָבן זיך אָנגעטאָן „סאָקאָל״־אָפּציי‌כנס און אָפן גערעדט וועגן אָפּרייסן זיך פון עסטרייך און ווערן זעלבשטענדיק. אַזוי אויך אַלע זיד־סלאַוון — די סלאָווענער, סערבן, קראָאַטן. זיי האָבן געזידלט די עסט־רייכישע מאָנאַרכיע און אָנגערופן דעם אַלטן קייזער אידיאָט. און ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט אין לאַגער, אַז דער קייזער איז געשטאָרבן, האָבן די סלאַוון זיך אָנגעשיכורט און מיט פרייד געשריגן: „דער אַלטער איז געפגרט!״ אויפגעצויגן מיט דרך־ארץ פאַרן אַלטן הערשער, פלעגן ווען מ׳פלעגט תפילה טאָן אין די שולן און קלויסטערס, וועמעס בילד האָט זיך געפונען אין יעדן הויז, איז מיר געווען פיינלעך זיך צוצוהערן צו זייערע שמועסן. אָבער אויך אין מיר איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג. מ׳האָט

דערציילט, אַז דער יונגער ערצהערצאָג קאַרל איז געוואָרן קייזער — דער זעלבער קאַרל, וועלכער האָט אַמאָל געדינט ווי אַ לייטנאַנט ביי אַ רעגי־מענט אין קאָלאָמיי און איז דאָרט אויסגעוועזן אין אַלע באָרדעל־הייזער — — אַ יונגער סאָלדאַט אין געפּאַנצערטאָן האָט צייט צו דענקען: גיין אין פייער פאַר אַ גרייז־גרויען געזאַלבטן מאָנאַרך — דאָס אפשר יאָ; אָבער פאַר אַ צעבאַלעוועטן יונגנמאַן, וואָס ליגט־איבער אין שאַנד־הייזער — דאָס זיכער ניט!

— נאָך פאַר אים אָנלייגן מיטן קאָפּ? — האָט געזאָגט דער פרומער סלעזאַק — ווי קאָן גאָר אַזעלכער געזאַלבט ווערן? וואָס מיינען זיי — אונדזער לעבן וואַקסט אויפן מיסט?

אויך די לאַיאַלע אונטערטאַנען האָבן שוין אָנגעהויבן דענקען. ס׳איז שוין געווען אין 1917.

מיט דער צייט זיינען אויך מיר געווען אויסגעשלאָפענע, זאַטע, און ס׳האָבן אויפגעוואַכט אַנדערע פּראָבלעמען: אַ גרויסע לאַנגווייליקייט, סעקסועלע נויט און טיפער היים־ווי. אייניקע זיינען געגאַנגען אויף אַרבעט, זיינען זיי געקומען אין באַרירונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט, מיט ציווילע מענטשן, און זיינען צוריקגעקומען אין לאַגער מיט פאַנטאַס־טישע געשיכטעס. אַנדערע ווידער האָבן געשניצט פיגורן, ציגאַרעטן־פושקעלעך און קינדער־שפּילצייג פון פיינעם האָלץ, וואָס איטאַליענער האָבן זיי צוגעשטעלט און דערנאָך עס אָפּגעקויפט ביי זיי. נאָך אַנדערע האָבן „געעפנט קאַפע־הייזער" מיט דער קאַווע און צוקער, וואָס זיי האָבן באַ־קומען פון אַן איטאַליענער, און פאַרקויפט פאַר צוויי סענטעסימאָ אַ קליין פושקעלע גאַנץ גוטע קאַווע. ס׳האָבן זיך געשאַפן חברים־גרופּעס און רכילות־גרופּעס — מ׳האָט אָפּגענאַרט איינער דעם צווייטן, זיך קעגנזייטיק באַשווינדלט און זיך דערציילט רויבער־געשיכטעס. האָט מען זיך צו־געהערט, אויב ס׳איז געווען אינטערעסאַנט. ווען אָבער דער דערציילער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, האָבן די צוהערער אָנגעהויבן פוצן און ציילן די קנעפּ אויף זייער ראָק, אָדער זיך קראַצן הינטער די אויערן. באַמערקנ־דיק דאָס, האָט דער דערציילער געוויינלעך אַליין זיך צעלאַכט און זיך אָפּגעטראָגן. מען איז דאָ זייער גיך געוואָרן „אָפּגענוצט": באַקענענדיק זיך „פון אינעווייניק און אויסנווייניק", האָט מען מער ניט געהאַט וואָס זיך צו זאָגן, מ׳האָט זיך מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן איינער מיטן צווייטן און די באַקאַנטסטע פריינט זיינען זיך געוואָרן שונאים.

ניין אַזייגער האָט מען באַדאַרפט גיין שלאָפן; אָבער קיינער האָט אָט די פאַרשריפטן ניט אָפּגעהיט, און די איטאַליענער אַליין האָבן זיך ניט וויסנדיק געמאַכט. מיט דער צייט האָבן זיך אויך געשאַפן פריינטשאַפטן פון „מענערשע חתונות". נאָרמאַלע מענער, וואָס האָבן אין דער היים געהאַט

פרויען און קינדער, האָבן געפירט צווישן זיך אַ „פּאַרהעלטעניש״, און אין די אָוונטן פלעגן די „פּאָרלעך״ פאַרשווינדן אין די טונקעלע הויף־ווינקעלעך. מ׳האָט געחלומט וועגן פרויען און כמעט אַלע האָבן אָנאַנירט. פּלוצים האָט מען דערציילט, אַז עמעצער האָט אַריינגעשמוגלט אין לאַגער אַן אמתע פרוי, איבערגעטאָן אין סאָלדאַטסקע קליידער. דער סלוך האָט זיך צעטראָגן ווי אַ בראַנד פייער און אַרויסגערופן אַ שטיקל פּאַניק אין לאַגער: „אַ פרוי, אַ פרוי״, האָט מען זיך דערציילט אויפן אויער. מען האָט ניט געקאָנט שלאָפן אין דער נאַכט, און מען איז געלאָפן פון באַראַק צו באַראַק און געזוכט און געשנישטערט ווי הינט נאָך אַ צויג. די וואָך האָט געטריבן די מענטשן צוריק אין באַראַקן אַריין און זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן. שפּעטער האָט מען באמת דערטאַפּט אַ שיכורע פרוי אין אַ סאָלדאַטן־אוני־פאָרם און מ׳האָט זי אַרויסגעטריבן פון לאַגער.

— יאָ, איך בין אַ גאַסן־פרוי! — האָט זי געשריגן צום איטאַליענישן אָפיציר — גיט אונדז צוריק אונדזערע מענער, וועל איך ווידער ווערן אָנשטענדיק.

איז אַרויס אַ געזעץ: טויט־שטראָף פאַר יעדן געפאַנגענעם, וועלכער וועט זיך צורירן צו אַן איטאַליענערין. זיינען אַכצן טויזנט מענער ווידער געווען אָנגעוויזן נאָר אויף זיך אַליין.

אונדזערע זופּן אין לאַגער זיינען דערווייל געוואָרן אַלץ שיטערער, מאַקאַראָני און רייז אַלץ ווייניקער. פון פּעטס שוין אָפּגערעדט. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אונדזערע אייגענע פעלדוועבלס האָבן, לויט דער אַלטער עסטרייכישער טראַדיציע, אויך דאָ אונדז באַגנבעט: זיי האָבן פאַרקויפט די שפּייז, וואָס מ׳האָט פאַר אונדז באַשטימט, און האָבן פאַר דעם געלט זיך געלאָזט מאַכן עלעגאַנטע עקסטראַ־אוניפאָרמען, געפרעסן און גע־שיכורט אויף אונדזער חשבון און זיך געלאָזן וואויל־גיין! האָבן די אומ־צופרידענע זיך צוזאַמענגערעדט און באַשלאָסן גיין צום לאַגער־קאָמאַנ־דאַנט זיך באַקלאָגן. דער קאָמאַנדאַנט — אַ ליבער אַלטעטשקער, וועלכער איז בעת ווייַנאַכטן אַרומגעגאַנגען מיט זיין שטאַב פון באַראַק צו באַראַק און געוואונטשן די געפאַנגענע זיי זאָלן זיך אומקערן בשלום אַהיים — האָט אונדז פריינטלעך אויסגעהערט און דערנאָך געפרעגט וואָס ער קאָן פּראַקטיש טאָן פאַר אונדז.

— זאָל ער דערלויבן — האָבן מיר געבעטן — אַז די שפּייז־ליפערונגען זאָלן געמאַכט ווערן דירעקט צו אונדז, און מיר וועלן אַליין פאַרוואַלטן די קיך.

ער האָט עס באַוויליקט. זיינען באַלד דעם צווייטן טאָג אונדזערע פעלד־שאַלן ווידער געווען פול מיט מאַקאַראָני און רייז און פּעטס — ווי אַמאָל. די פעלדוועבלס זיינען געבליבן מיט אַ נאָז און מיר האָבן זיך גע־

פרייט מיטן גוטן עסן. איך בין געוואָרן טעטיק אין דער קיך־פּאַרוואַלטונג און דערביי זיך אויסגעלערנט גוט קאָכן. איך האָב עס געטאָן מיט אַ באַזונדערן חשק.

איינמאָל איז געקומען באַזוכן דעם לאַגער אַן אַמעריקאַנער דעפּוטאַציע פון די קריסטלעכע יוגנט־פּאַראיינען — די „י. מ. ק. א.". זיי זיינען אויך אַריין אין קיך און אונדז געפרעגט מיט וואָס זיי וואָלטן געקאָנט לייכטער מאַכן דאָס לאַגער־לעבן.

— זעט צו פועלן — האָב איך זיי געבעטן — מען זאָל אונדז דערלויבן אַ באַראַק צו מאַכן טעאַטער־פאַרשטעלונגען.

האָבן זיי, אויף זייער אייגענעם חשבון, געלאָזט אויסבויען אין מיטן לאַגער אַ באַזונדערן באַראַק מיט אַ פּאָדיום, און איך האָב אָרגאַניזירט אַ שפּילער־גרופּע אויף דייטש. קיין געוויילטן רעפּערטואַר האָבן מיר ניט געהאַט. האָבן מיר געשפּילט וואָס עס איז געקומען אונטערן האַנט: אַ שאַרזש פון ראָדעריך בענעדיקס, שעקספּירס „אָטעלאָ", סטרינדבערגס „וויקינגער", אַ סצענע פון „מיט־זומערנאַכט־חלום", אַ פּיעסע מיט אַ פּאַטער־ און זון־פּראָבלעם פון אַ געוויסן טירמער. אָבער דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט ערקמאַן־שאַטריאַן רייסערס „דער פּוילישער ייד", וואָס איז געגאַנגען אַ לאַנגע צייט ביי אויספאַרקויפטע פאַרשטעלונגען. באַלד איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ טשעכישע, אַ יידישע און אַן אונגאַרישע טרופּע, און מיר זיינען געוואָרן די סענסאַציע אין לאַגער. די איטאַליענישע אָפיצירן האָבן רעגלמעסיק באַזוכט די פאַרשטעלונגען און זיינען געווען באַגייסטערט. פאַרשטייט זיך, אַז די פרויען־ראָלן זיינען געשפּילט געוואָרן דורך מענער. מיר האָבן געהאַט צוויי ריכטיקע „פּרימאַדאָנעס": דער מעכאַניקער פון ווין, הירשפעלד, האָט געשפּילט די העלדישע ליבהאָבערינס, און יוגנטלעכע־נאַאיווע האָט געשפּילט אַ זיבעצן־יאָריקער איטאַליענישער בחור פון טריעסט, דאָמענעגאָ, וועלכער האָט, ווער ווייסט ווי אַזוי, פאַרבלאָנדזשעט אין דער אַרמיי. ס'האָט אים נאָך אַפילו ניט געשפּראָצט קיין בערדל און ער פלעגט זיך נאָך רויטלען ווי אַ יונג, פאַרשעמט מיידעלע. קאָסטיומען האָט מען געמאַכט פון בעט־דעקעס און ליילעכער: פאַר די מענער — אַ ציווילן ראָק פון אַ דעקע, און פאַר די „פרויען" האָבן די שניידער פון לאַגער אַזוי קונציק פאַרדראַפּירט די ליילעכער, אַז אַמאָל האָט עס פאַרגעשטעלט אַ שלאָף־העמד און אַן אַנדערש מאָל אַן עלעגאַנט דאַמען־קלייד מיט אַ בלוזע. אַלץ אין ווייס, פאַרשטייט זיך. שיך האָבן אַלע געטראָגן דיזעלבע: אייגענע שווערע עסטרייכישע זעלנער־שיך, אונטערגעקאָוועט מיט טשוועקעס. און ווען דער „ליבהאָבער" אויף דער בינע האָט באַוואונדערט דאָס צאַרטע פיסל פון זיין „דאַמע", און „זי" האָט דערויף אויפגעהויבן איר אונטערגעקאָוועטן פוס, האָט עס

שטענדיק אַרויסגערופן אַ פריילעכן אַפּלאָז ביי די צוקוקער. הירשפעלד האָט געקאָנט זייער גוט נאָכמאַכן ווי אַ פרוי דרייט מיט די קליבעס ביים גיין — פלעגט ער האָבן אַ זעלטענעם דערפאָלג. אין די פויזעס פלעגן אַרויפקומען די איטאַליענישע אַפּיצירן הינטער די „קוליסן" און אויפהויבן דאָס קלייד ביי דער „דאַמע", כדי זיך צו איבערצייגן, אַז די ראָל ווערט טאַקע געשפּילט פון אַ מאַן. די איינטריט־פרייזן זיינען געווען: אַכט סענטעסימאָ — דער ערשטער פּלאַץ, פינף — דער צווייטער, דריי — דער דריטער פּלאַץ. די הכנסה האָט מען צעטיילט צווישן די שפּילערס לויט אַ מאַרקן־סיסטעם, און איך, ווי דער דירעקטאָר, רעזשיסער און הויפּט־שוי־שפּילער, האָב באַקומען דריי חלקים. איך בין געוואָרן אַ גביר. די באַסניער האָבן שטענדיק רעזערווירט די ערשטע ריי, און נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אויף דער בינע אַן עמער טשאַנטי־ווין — פאַר זיך און די שוישפּילער, און אויך פאַר „פריינט" פון טעאַטער. פאַר די „דאַמען" פלעגן זיי ברענגען מתנות און פאַרפירן מיט זיי דאָן זשואַן־געשפּרעכן. די בינע האָט מען, לויט דעם כאַראַקטער פון שטיק, אויס־געהאַנגען מיט טונקעלע דעקעס, אָדער ווייסע ליילעכער. „פענצטער" האָט מען אויסגעשניטן פון פּאַפּיר און צוגעשפּיליעט צו דער „דעקאָראַציע". די עלעקטרישע לעמפּלעך האָט מען, ווידער לויט דער שטימונג פון דער סיטואַציע, אַרומגעוויקלט מיט גרינעם אָדער רויטן זייד־פּאַפּיר. צוליב דוחק, האָבן מיר — ניט־ווילנדיקערהייט — געשפּילט „סטיליזירטן", עקספּרעסיאָניסטישן טעאַטער, און אַלץ איז אָפּגעגאַנגען גלאַט. ביז איינמאָל האָט אונדז די אונגאַרישע טרופּע אָפּגעשפּילט אַ שפּיצל: זיי האָבן אויפ־געפירט אַ פאָלקס־שטיק מיט אַ גרויסער גאָרטן־סצענע, און כדי אונדז, די דייטשע טרופּע, צו איבערשטייגן, האָבן זיי אויסגעהאַקט צוואַנציק אַליוון־ביימער און אויפגעבויט אויף דער בינע אַן אמתן גרעדיכטן גאָרטן. ווען די איטאַליענער האָבן דערזען ביי דער פאָרשטעלונג, אַז מ'האָט אויסגעהאַקט אַזוי פיל בליענדיקע ביימער, האָבן זיי תיכף אונדז אַלעמען פאַרבאָטן צו שפּילן טעאַטער! ס'האָט ניט געהאָלפן קיין בעטן און צוזאָגן, אַז מ'וועט עס מער ניט טאָן — מ'האָט פאַרבאָטן! און אפשר האָבן די איטאַליענער, ווי אַן אַלט קונסט־פאָלק, ניט געקאָנט פאַרטראָגן אַזאַ איבערטריבענעם נאַטוראַליזם אויף דער בינע?...

אין לאַגער איז ווידער געוואָרן לאַנגווייליק. אָבער דער שיינער דאַמענעגאַ, וועלכער האָט פריער קיינמאָל ניט געזען קיין טעאַטער אין זיין לעבן, איז שוין געבליבן די „פרימאַדאָנאַ" — דער מיטלפּונקט פון לאַגער. ער איז מיר געווען זייער דאַנקבאַר וואָס איך האָב אים געגעבן די געלעגנ־הייט צו שפּילן טעאַטער, און פלעגט יעדן אינדערפרי און אָוונט זיך אַוועק־זעצן אויף מיין בעט טרינקען קאַווע. ער האָט מיך באמת ליב געהאַט, און

איך אים אויך. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז אין לאַגער „פּאַרט" מען זיך; איז מיין איינציקע תפילה פאַרן שלאָפן־גיין געווען: „גאָט, באַהיט מיך פון צו ווערן ווי זיי!" און גאָט האָט מיין תפילה פאַרנומען.

ס'האָט אָפט געטראָפן, אַז געפאַנגענע זיינען משוגע געוואָרן — פלעגן נאַקעט אַרומלויפן איבערן לאַגער, געטאַנצט, געשריגן און געלאַכט. מ'פלעגט זיי אָפּפירן קיין פלאָרענץ, אין אַ שפּיטאָל, און פון דאָרט האָט זיי דער רויטער קרייץ אָפּגעשיקט אין אַ סאַנאַטאָריום אין דער שווייץ. איך בין שוין געווען צען חדשים אין לאַגער, און ס'איז מיך באַפאַלן אַ גרויסע אומרו און בענקשאַפט. אַכט חדשים אויפן פראָנט און צען חדשים אין לאַגער — אַכצן מאָנאַטן קיין פרוי ניט געזען! כ'האָב געהאַט ווילדע, מיאוסע חלומות — און דאָ אָט דער שיינער דאָמענעגאַ מיט דער מיידל־פיגור און קאָקעטישן, קינדערשן בליק!... ניין, איך מוז מאַכן אַ סוף צו דעם! סלעזאַק איז נאָך אַלץ געווען מיט מיר. זייט ער האָט מיך געזען שפּילן טעאַטער, איז ער געווען געוואַלדיק שטאָלץ מיט מיר און נאָך מער איבערגעגעבן ווי פריער. פאַר אים האָב איך ניט געהאַט קיין סודות. גיי איך מיט אים אַמאָל שפּאַצירן און אַנטפּלעק פאַר אים מיין שפּאַגאַל־נייעם פּלאַן: איך וועל אין אַ נאַכט משוגע ווערן — — וואָס ס'זאָל ניט פּאַסירן, זאָל ער וויסן, אַז איך מאַך זיך נאָר אַזוי. זאָל מען מיך נאָר אַוועקשיקן קיין פלאָרענץ, און דער־נאָך אין דער שווייץ, וועל איך שוין דאָרט זיך אַן עצה געבן: איך וועל אַראָפּשפּרינגען פון צוג און אויסזאָגן דעם אמת — וועל איך ווידער זיין אַ פרייער מענטש, קאָנען שפּילן טעאַטער און זיך טרעפן מיט פרויען! סלעזאַק איז טרויעריק געוואָרן וואָס ער וועט מיך דאַרפן פאַרלירן, אָבער ער האָט מיך פאַרשטאַנען און צגעזאָגט צו שווייגן.

דאָס ערשטע האָב איך אויפגעהערט רעדן מיט מענטשן. ווען מ'האָט מיך עפּעס געפרעגט, האָב איך אָפּגעווענדט דעם קאָפּ און געענטפערט קאַפּויר. כ'האָב זיך ניט ראַזירט, געגעסן אָפּגעזונדערט און „געדומעט". מ'האָט אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט חשד. אויך דאָמענעגאַ האָט אויפ־געהערט קומען צו מיר. סלעזאַק איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט: מ'דער־ציילט וועגן מיר קאָמישע זאַכן, און ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן...

— זייער גוט, סלעזאַק — האָב איך אים באַרואיקט — דו ווייסט פון גאָרנישט. היינט בייינאַכט וועט עס געשען, אָבער שוויַיג!

צוויי אין דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געשמאַק געשלאָפן, האָב איך פּלוצים אָנגעהויבן שרעקלעך שרייען. דערנאָך האָב איך צעהאַקט מיין בעט, צעוואָרפן אַלעמענס זאַכן און אַראָפּגעריסן מיין העמד פון לייב — ווי פּאָול וועגענער טוט עס אין פראַנץ מאָר.

— ס'וואַרפט גייסטער פון די קברים! — האָב איך געשריגן.

אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט, געפּרואווט מיך באַרואיקן, אָבער איך

האָב געפּאָכעט מיט די הענט און קיינעם ניט צוגעלאָזט צו זיך. ביז זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט און בייגעקומען, מיר דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ און מיך געבונדן. כ'האָב זיך אויף אַן אמתן צעוויינט און שוין אַליין ניט געוואוסט: מאַך איך זיך בלויז, אָדער בין איך טאַקע אין אמתן משוגע געוואָרן? „אין אמתן משוגע", איז מיר דורך אַ געדאַנק, „משוגע! אַ נאָרמאַלן מענטש וועט דאָך גאָר ניט איינפאַלן אַזאַ געדאַנק. אויף אַן אמת משוגע!"

כ'האָב רחמנות באַקומען אויף זיך אַליין — כ'האָב זיך דערפילט עלנט.

סאַניטעט־סאָלדאַטן האָבן מיך אָפּגעפירט צו דער הילף־סטאַנציע. ס'איז שוין געווען טאָג. סלעזאַק איז געשטאַנען לעבן מיר און מיטגעוויינט — אויך ער האָט שוין ניט געוואוסט, צי בין איך טאַקע משוגע, אָדער מאַך איך זיך נאָר אַזוי. סיי ווי — איך בין אויף אַן אמת געווען קראַנק. דער דאָקטאָר האָט מיך אונטערזוכט, באַטראַכט, און געהייסן אויסשטעלן טראַנספּאָרט־פּאַפּירן קיין סאַלערנאָ.

—שוין דער אַכטער משוגעים־פּאַל ביי אונדז — האָט ער באַמערקט, אונטערשרייבנדיק די פּאַפּירן.

איך האָב געציטערט פון אמתער אויפרעגונג.

— וואָס איז ער דען אין פּריוואַטן לעבן? — האָט דער דאָקטאָר פּלוצים געפרעגט.

— ביים טעאַטער, אַ שוישפּילער — האָט סלעזאַק שטאָלץ געענטפערט.

— וואָס? אַ שוישפּילער? — האָט דער דאָקטאָר זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיר געקוקט גלייך אין די אויגן, ווי איין פערד־גנב דעם אַנדערן — קאָמעדיאַנטאָ! פּאַראַמיסעריאַ! איר זייט ניט משוגע! אַ פיין שטיקל צוגעטראַכט! אויפבינדן און אָפּלאָזן! — האָט ער באַפוילן די סאַניטעט־סאָלדאַטן.

ס'האָט מיך צעטומלט און איך בין אַרויס פון מיין ראָל:

— אָבער הער דאָקטאָר — האָב איך זיך געבעטן — איך בין יאָ משוגע, איך בין משוגע!

אַלע אַרום האָבן זיך צעלאַכט.

— אָט האָט איר עס! — האָט דער דאָקטאָר מיטגעלאַכט — אַן אמתער משוגענער האַלט שטענדיק פאַרקערט: אַז ער איז נאָרמאַל. פירט אים אַרויס!

ער האָט מיר נאָך אַ קאַפּ געטאָן אין הינטן און מיך פּשוט אַרויסגעוואָרפן. איך האָב זיך איצט געשעמט מיט מיין דורכפאַל און בין אויף אַן אמת געוואָרן מעלאַנכאָליש. מ'האָט אויף מיר געטייטלט מיט די פינגער, און די איטאַליענער האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן „גראַנדע אַטאָרע"... אַלץ וואָלט געווען אַזוי גלאַט אָפּגעגאַנגען, ווען ניט מיין שוישפּילער־פּראָפעסיע,

וואָס האָט מיך פאַרראַטן! אָבער ווען איך בין ניט קיין שווישפּילער, וואָלט איך דאָך אַפילו ניט געקאָנט פּרוּוון זיך מאַכן משוגע...

אַזוי איז שוין אין לעבן: איינער קען עפּעס — גלויבט מען אים נישט; אַ צווייטן וואָלט מען אפשר געגלויבט — קען ער ניט...

איצט האָב איך נאָך מער ווי פריער געוואָלט אַנטלויפן פון לאַגער. כ׳האָב געהאַט פאַרבאַהאַלטן אַ ברוינעם ראָק און שמינק, מיט קרעפּע, אויף צו מאַכן אַ באָרד — וואָלט איך געקאָנט זיך פאַרגרימירן און אפשר זיך אַרויסגנבענען פון לאַגער ווי אַ „ציוויליסט״ — — אָבער ווי לאַנג קאָן איך אַזוי זיך אויסבאַהאַלטן? מיר זיינען דאָך פאָרט טיף אין דרום־איטאַליע...

איז געקומען אַ ידיעה, אַז זעקס הונדערט געפאַנגענע קאָנען זיך מעלדן אויף אַרבעט ביים בויען וועגן אין צפון־איטאַליע. דאָס, טראַכט איך, איז שוין ניט ווייט פון דער פראַנצויזישער און שווייצאַרישער גרענעץ... איך האָב זיך געמאָלדן צוזאַמען מיט סלעזאַקן און מ׳האָט אונדז אַוועקגעשיקט.

אָבי פּטור געוואָרן! פּטור פון דער איינטאָניקייט אין לאַגער — עס ווינקט אַקעגן אַ נייע, אומבאַקאַנטע געגנט מיט אומבאַקאַנטע מעגלעכקייטן! כ׳האָב סיי ווי מיטגענומען מיין ברוינעם ראָק און די שמינק, גרייט דורכצופירן מיין פּלאַן צו אַנטלויפן. די מלחמה, האָב איך געטראַכט, קאָן דאָך נאָך אָנהאַלטן ווער ווייסט ווי לאַנג — אפשר ביז איך וועל אַלט ווערן. אַ מענטש דאַרף האָבן פּלענער — אפשר וועט עס דעם מאָל געלינגען? פון גאָר נישט טאָן, קומט גאָר נישט אַרויס — מ׳דאַרף פּרוּוון.

אַזוי האָב איך צוריקגעקראָגן מיין האָפענונג און געבויט פּלענער — כ׳האָב ווידער געהאַט אַן אינהאַלט אין לעבן! און מיט דעם בין איך אַוועק קיין צפון־איטאַליע, בויען וועגן.

וועגן פירן שטענדיק ערגעץ־וואו — — וואוהין, וועלן מיר זען.

שוין אין מיטן וועג קומט דאָס לעבן אַקעגן . . .

ווי אַפּפאַל, אַן איבעריקע לאַסט פון מלחמה־פּראַכט — קריגס־געפאַנגענע — פירט אונדז די באַן פון דרום־איטאַליע קיין צפון. פאָרנדיק ביים ברעג ים, זעען מיר ווי מענטשן שווימען אין וואַסער, אָדער ליגן אויסגעשטרעקט אויפן זאַמד אין באָד־קאָסטיומען, אונטער קאָלירטע שירעמעס — אויך דאָס עקזיסטירט נאָך אויף דער וועלט!

פון באַן־הויף אין פּיסאַ קאָן מען זען דעם באַרימטן שיפן טורעם. דער צוג שטעלט זיך אָפּ בלויז אויף זייטיקע רעלסן פון אָפּגעלעגענע באַן־ליניעס. מיר ווערן שטרענג באַוואַכט, אָבער דאָך געלינגט אונדז צו קומען

אין קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג. מענטשן, הינטער דראָטענע גראַטעס, פאַרפירן שמועסן מיט אונדז. מיר קענען שוין צו־ביסלעך איטאַליעניש. אַ פרוי פון מוטערלעכן אויסזען, אין די פערציקער, באַדויערט אונדז מיט טרערן אין די גרויסע טונקעלע אויגן:

— ניענטע סקריבערע לאַ פאַמיליאַ — אוי אָרעמע, אָרעמע פריזשאָ־נעראָ די גוערא! שוין אַזוי לאַנג אַוועק פון דער היים... אַזוי לאַנג שוין ניט געזען די מאַמינאַס און כלות און שוועסטערס און פרויען!...

קעגן מיר שטייט אַ יונגע פרוי, אין די צוואַנציקער, מיט אַ צאַרט פּנים פון אַליוון־קאָליר. אירע שוואַרצע האָר זיינען גלאַט אָפּגעצויגן און פאַר־קעמט אין אַ „קוגל", אירע גרויע אויגן פאַרשן מיט לאַנגע שוואַרצע וויעס, וואָס אַלע פילם־שוישפּילערינס אין דער וועלט וואָלטן זיך ווינטשן צו האָבן. זי איז אָנגעטאָן אין שוואַרץ...

אַ יונג בחורל, אָפּגעריסן און באָרוועס, איז געלאָפן עפּעס קויפן פאַר די געפאַנגענע. ער קומט צוריק אַ פאַרשוויצטער, לויפט ווידער אַוועק און ברענגט באַלד צוריק ברויט, קעז, סאַלאַמי, אַ פלאַש טשיאַנטי־ווייַן. ער פאַרדינט דערביי אינגאַנצן עטלעכע סענטעסימאָ, אָבער ער ציטערט אַזש פאַר אויפרעגונג. דער איטאַליענישער וואַך־סאָלדאַט זעט עס, — און מאַכט זיך ניט ווויסנדיק.

— ברענג מיר אויך אַ פלאַש טשיאַנטי, אַ שטיקל קעז, און פאַרן רעשט ברענג ברויט — גיב איך דעם יינגל מיינע לעצטע צוויי לירעס.

ער פאַרשווינדט. איך וואַרט. דער צוג פייפט שוין, די טירן ווערן פאַר־מאַכט, און דאָס יינגל איז ניטאָ צוריק.

די גרויע אויגן פון דער יונגער פרוי שטראַלן מיט וואַרעמקייט, די עלטערע פרוי ווויינט און ווישט די נאָז מיטן פאַרטוך.

דער צוג הויבט שוין אָן גיין, און דאָס יינגל איז אַלץ ניטאָ.

די יונגע הויבט אויף איר שמאָלע האַנט און וויבקט אונדז צו מיט אַ זינדיקן שמייכל — די עלטערע צעקלאָגט זיך מיט אַ יאָמער, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעזעגנט מיט אירע אייגענע קינדער — —

דער צוג פאָרט שוין שנעלער, און דאָס יינגל מיטן ברויט און קעז און ווייַן איז ניט צוריקגעקומען!

דריי דורות: צערטלעכע מאַמעס, עראָטישע שיינקייטן און צעלאָזענע גאַסן־יונגען.

איז עס טיפּיש איטאַליעניש? וואָלט דאָס ניט פאַסירט אויך ביי אונדז אין דער היים? זיכער יאָ. ס'איז אויף דער גאַנצער וועלט אַזוי.

די אַנדערע, פאַר וועלכע דאָס יינגל האָט יאָ געבראַכט דעם איבער־בייס, רייצן זיך מיט מיר און גיבן מיר אַ לעק פון זייער קעז און ווייַן.

טעג און נעכט זיינען מיר אַזוי געפאָרן, אַלץ קעגן צפון, ביז מ'האָט

אונדז אויסגעלאָדן בײַ דער שטאָט אַאָסטאַ, אין דעם טאָל, וואָס טײלט אָפּ איטאַליע פֿון דער שווײץ און פֿון פֿראַנקרײַך. פֿון דאַנען האָט מען געזען די בערג וואַלפּעליני, גראַנד סאַן בערנאַרד, מאָנט בלאַנק און די פּאַראַדיזאָ־בערג. אָט די אײביק מיט שנײ באַדעקטע ריזן־בערג קאָנען ווערן דער טויער צו מײַן פֿרײַהײט!

מיר זײַנען באַשטימט געוואָרן צו בויען וועגן פֿאַר די באַרג־אַרבעטער אַרום קאָגנע. אַן איטאַליענישער פֿעלדוועבל, סערזשעאַנטאָ לודאָוויקאָ מערלאָ, איז געווען אונדזער דאָלמעטשער. ער האָט גערעדט אויסגעצײכנט דײַטש, וואָס ער האָט אויסגעלערנט זײַענדיק אַ קעלנער אין דײַטשלאַנד, און האָט איצט גערן געוואָלט אַביסל דורכלופֿטערן די שפּראַך. אָבער אַזוי ווי אונדזער אָפּטײלונג איז באַשטאַנען פֿון אוקראַינער, פּאָליאַקן, קראָאַטן און סלאָוועגנער, האָט מען מיך באַשטימט ווי אַן איבערזעצער פֿאַרן דאָל־מעטשער. מערלאָ איז געווען קלײן, מאָגער, מיט קלוגע, בלויע אויגן און אַ פֿײַן שפּיציק בערדל, און גערעדט האָט ער לעבעדיק, מיט רעפּעראַט־באַטאָנונגען. אין ציוויל־לעבן איז ער געווען אַ באַזיצער פֿון צוויי האָטעלן אין אַאָסטאַ: פֿון האָטעל דע פּאָסטאַ און האָטעל לאַ קאָראָנאַ. אויפֿן וועג אין די בערג האָט ער פֿאַרפֿירט מיט מיר אַ שמועס.

— וואָס האַלטסטו פֿון קריג? — פֿרעגט ער מיך.

— איך פֿון קריג? — פֿרעג איך אים צוריק מיט אַן אינטימקײט, ווי איך וואָלט אים שוין יאָרן־לאַנג געקענט — איך האַלט פֿון שעקספּירן! פֿראָ מיר, וואָלט איך געמעגט האָבן אַ בעסערע פּרנסה ווי פֿירן קריג און הרגענען מענטשן, אָדער אַלײן געהרגעט ווערן.

— ריכטיק — איז ער מיט מיר אײַנשטימיק — ווען מיר זאָלן זיך געווען טרעפֿן אין שוצן־גרוב, וואָלטן מיר געווען געשאָסן אײנער אויפֿן צווייטן. און איצט רעדן מיר ווי מענטשן מיט שׂכל. יאָ, אַזוי איז עס שוין: אונדז, אײנפֿאַכע מענטשן, פֿרעגט מען נישט וואָס מיר ווילן. „זײ" טרײַבקען אונדזער בעסטן ווײַן, שלאָפֿן מיט אונדזערע שענסטע פֿרויען, וואויִנען אין די באַקוועמסטע פּאַלאַצן, און ווען ס׳לוינט זײ, שיקן זײ אונדז פּשוט געהרגעט צו ווערן. פּרוּוו נאָר אַ פֿרעג טאָן בײַ מײַנע מענטשן, וועלכע באַוואַכן דיך, אָדער בײַ דײַנע, וועלכע ווערן באַוואַכט — קאָנסט זיכער זײַן, אַז יעדער פֿון זײ וויל וואָס גיכער אַהײמגײן צו זײַן פֿאַמיליע און זיך ווידער נעמען צו אַ ניצלעכער אַרבעט בײַ זײַן וואַרשטאַט אָדער אויפֿן פֿעלד. מ׳נעמט מענטשן, מ׳הײסט זײ אַלץ אַוועקוואַרפֿן, אָן אַלץ פֿאַרגעסן, און גײ ווער געהרגעט פֿאַר זײ! ווען צוויי שכנים צעפּאַטשן זיך, גײט מען צום ריכטער, און דער שולדיקער ווערט באַשטראָפֿט. אָבער ווען די גרויסע מיניסטערס קאָנען ניט דורכקומען צווישן זיך מיט זײערע דיפּלאָמאַטישע דריידלעך, אַראַנזשירן זײ אַ מאַסן־מאָרד און רופֿן עס מלחמה. ווען אַ

הונגעריקער מענטש גנבעט אַ ברויט, פאַרשפאַרט מען אים אין תפיסה; ווען אַ שיכור האַקט־אויס אַ שויב, באַשטראָפט מען אים; באַגייט איינער אַ מאָרד, באַצאָלט ער מיטן לעבן; און דאָ באַגייט מען מיליאָנען מאָרדן — רופט מען עס „מלחמה לויט געזעץ און אָרדענונג". איי וואָלט מען באַדאַרפט באַשטראָפן די דאָזיקע מלחמה־מאַכערס! איז עס ניט אַ שאַנד, אַז דערוואַקסענע מענטשן זאָלן ניט האָבן קיין אַנדערן אויסוועג ווי נאָר אַלע צוואַנציק, דרייסיק יאָר צו צעשטערן אַלץ, וואָס מ'האָט מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויט? איך רעד שוין ניט פון די אומצאָליקע אלמנות און יתומים!...

אַזוי האָט גערעדט דער „שונא", וואָס האָט באַדאַרפט מיך באַוואַכן — דער איטאַליענישער סערזשעאַנטאָ. אונדזערס אַ פעלדוועבל, אין עסטרייך, האָב איך קיינמאָל ניט געהערט אַזוי רעדן.

— ווי געפעלט דיר איטאַליע? — האָט ער מיך ווידער געפרעגט.

כ'האָב אים דערציילט מיין דערפאַרונג מיט דער עלטערער פרוי, דערנאָך מיט דער יינגערער, וואָס האָט געהאַט די שענסטע אויגן אין דער וועלט, און מיטן יינגל.

— יאָ — האָט ער אַ זיפץ געטאָן, אָבער געשמייכלט אַ צופרידענער — אַלע מאַמעס פון דער גאַנצער וועלט וויינען איצט. ווידער וועגן די פאַרשוואונדענע צוויי לירעס מיטן יינגל — זאָרג ניט, וועסט עס אָפּנעמען ביי אונדז טאָפּלט: איך פיר די קיך פאַר די אָפיצירן און אינזשענירן, און דו וועסט זיין מיין אַרויסהעלפער. וועסט האָבן גענוג וויין און וואָס צו עסן. און וואָס אַנבאַלאַנגט די שענסטע אויגן אין דער וועלט, האָסטו אַביסל אַ טעות. זעסטו, ווען איך האָב געאַרבעט אַלס קעלנער אין בערלין, האָב איך געהאַט אַ אַננאַ — גאָט מיינער, אַננאַ!...

ער האָט זיך טרוימעריש פאַרקלערט.

— אַננאַ... — האָט ער שטיל איבערגעחזרט — האָט זי געהאַט אויגן! מיינע איטאַליענערקעס האָבן דאָך שיינע אויגן; אָבער אַזעלכע אויגן ווי זי, מיין אַננאַ אין בערלין, האָט געהאַט, איז נישטאָ אַפילו אין איטאַליע!

שמועסנדיק אַזוי, זיינען מיר אָנגעקומען אין קאַגנע. באַלד דעם צווייטן טאָג האָט מען אונדז איינגעטיילט אין אַרבעטס־גרופּעס. מיך האָט מען באַשטימט ווי אַ געהילף צו מערלאָן. די ערשטע טעג פלעגט ער מיך נאָך באַגלייטן, אָבער שפּעטער האָב איך שוין געקאָנט אַרומגיין כמעט פריי. דאָס עסן, אַפילו פאַר די פשוטע סאָלדאַטן, איז געווען אַ סך בעסער ווי אין לאַגער. אייניקע האָבן באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן אין פאַרשיידענע וואַרשטאַטן, אַנדערע האָבן געאַרבעט ביים שטראָז. מיר האָבן געאַרבעט פאַר אַ ציווילער אונטערנעמונג און באַקומען גאַנץ שיין געצאָלט. איך בין דעם גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט לודאָוויקאָן — אים געהאָלפן איינקויפן און באַלעבאַטעווען אין קיך. מיר האָבן געקאָכט פאַר אַ צען פאַרשוין,

װעלכע פֿלעגן קומען עלף אַזייגער צום עסן און אָפּזיצן ביז אַרום צוויי. אָנהייבן פֿלעגן זיי מיט „דרויב״: אַנטשאָוויס, טונאַ־פֿיש, סאַרדינען, פֿאַר־שיידענע סאַלאַטן, סאַלאַמי, קאַלטע שינקען, וויין; דערנאָך ערשט זופּ, וואָס איז אייגנטלעך קיין זופּ ניט געווען: אַ טאָג פֿריער פֿלעגט מען אויסקאָכן פֿעטע מאַרך־ביינער און דעם מאַרך געלאָזן איבערנאַכט אויסקילן אויף דרעליעס. דערנאָך האָט מען צוגעבראָטן שטיקלעך ברויט, אָנגעריבן מיט קנאָבל, איינגעהאַקט פֿאַרשיידענע גרינסן און צוגעבראָקט אַ ציבעלע. דאָס אַלץ האָט מען שיכטנווייז אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן אייזערנעם טאָפּ — אַ שיכט דרעליעס, אַ שיכט ברויט, אַ שיכט גרינסן, אַ שיכט פּאַרמעזאַן־קעז, אַזוי ביז אַ פֿולן טאָפּ — און עס אַריינגעשטעלט אין אויוון. איז פֿון דעם אַרויסגעקומען בישט קיין זופּ, נאָר עפּעס, וואָס האָט געשמעקט בעסער ווי זופּ און גרינסן און פֿלייש צוזאַמען! דערנאָך ערשט האָט מען דערלאַנגט געבראָטנס אָדער עוף, היינער אָדער קאַטשקע, אָדער ווילד געפֿליגל, נאָכ־דעם פּודינג און פֿאַרשיידענע קעזן, מאָקאַ־קאַווע און קאָניאַק און פֿיין פּוטער־געבעקס. נאָך דעם דריי־שעהדיקן מאָלצייט האָבן מיר אויפֿגע־רוימט, און ערשט איצט געגרייט צום טיש פֿאַר אונדז. און מיר האָבן געגעסן פּונקט אַזוי לאַנג און אַזוי גוט ווי זיי, און אפֿשר נאָך בעסער, וואָרים די בעסטע חלקים האָבן מיר איבערגעלאָזט פֿאַר זיך!

די דאָזיקע מאָלצייטן זיינען געווען דאָס שענסטע אין מיין דעמאָלטיקן לעבן. איך בין זיך געזעסן מיט מיין פֿריינט מערלאָ, און ביים עסן און טרינקען דורכגעלופֿטערט אַלע וועלט־פּראָבלעמען — מיט אַ זיכערקייט, ווי נאָר מיר צוויי וואָלטן אַלץ געקאָנט פֿאַרענטפֿערן. מערלאָ האָט אויס־געצייכנט געקענט די געגנט, און איך האָב פֿון אים זיך דערוואוסט, אַז דער לייכטסטער וועג אַריבערצוגיין אין דער שווייץ איז דורכן וואַלפּעליני־באַרג, אָדער דורכן באַרג גראַנד סאַן בערנאַרד. איך האָב אויך פֿלייסיק שטודירט די מאַפּע, וואָס ער פֿלעגט מיר אַמאָל באָרגן — וואָרים די בערג אַרום האָבן ווי געקוקט אויף מיר און מיך געלאָקט: „קום, בחורל, קום, מעגסט זיך אונדז געטרויען; מיר שוויגן שטיל. קאָנסט באַקוועם אַריבערקלעטערן איבער אונדזער רוקן ביז אין פֿרייען שווייצערלאַנד און אַליין פֿריי ווערן!״

מיין רוקן־זאַק האָב איך באַהאַלטן אין אַ ווינקל ביי מיין בעט און צו־געדעקט מיט אַ דעק — זייט וואָכן האָב איך שוין אין אים געזאַמלט פּראָוויאַנט פֿון דער קיך. כ׳האָב אויסגערעכנט, אַז אויב אַ געוויינלעכער שפּאַציר איבער דעם וואַלפּעליני־ אָדער איבערן בערנאַרד־באַרג נעמט פֿיר ביז פֿינף טעג, דאַרף עס מיר נעמען גאַנצע צוויי וואָכן, ווייל ביי־טאָג איז בעסער זיך אויסצובאַהאַלטן און גיין בלויז אין דער נאַכט. צוערשט האָב איך אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל געטרוקנט ברויט און צוויבאַק, דערנאָך אויל־סאַרדינען, אַנטשאָוויס, טונאַ־פֿיש, סאַלאַמי און קעז. נאָך עטלעכע וואָכן

איז מיין רוקן־זאַק געווען פול ווי אַ קו פאַרן קאַלבן זיך. כ׳האָב אויך צו־געגרייט אַ געגויע צייכענונג פונעם אַסטאַ־טאַל, מיט וועלכער איך האָב לייכט געקאָנט זיך אָריענטירן לויט די שטערן. די פראַגע איז נאָר געווען: ווי אַזוי אַנטלויף איך פונעם לאַגער און מייד אויס די פּלעצער, וואו עס אַרבעטן אונדזערע באַוואַכטע גרופּעס. האָט מיר אַ צופאַל צוגעשפּילט:

יעדן טאָג פלעגט קומען אין לאַגער אַ פויער פון אַ ניט־וווייטן דאָרף, צו קלייבן שטיקלעך ברויט פאַר זיינע ציגן. ער איז געווען אין מיין גרויס און געהאַט אַ שטייפן פוס, אַ שפּיציק בערדל און געדיכטע, פאַרדרייטע וואָנסעס. האָב איך באַשלאָסן זיך פאַרגרימירן ווי ער. שמינקע און קרעפּע האָב איך געהאַט גענוג. איך האָב די גאַנצע צייט זיך איינגעקוקט אין אים, ווי ער הינקט אַריין אין לאַגער מיט אַ ליידיקן רוקן־זאַק און הינקט אַרויס מיט אַ פול־געפּאַקטן. האָב איך פון דער קרעפּע זיך צוגעגרייט גענוי אַזאַ בערדל און וואָנסעס ווי זיינע — כ׳האָב עס נאָר באַדאַרפט צוקלעפּן מיט מאַסטיקס. כ׳האָב אַוודאי געוואָלט ביים אַנטלויפן מיטנעמען מיט זיך סלעזאַקן, אָבער ער איז געווען אַזוי לאַנג, אַז ער האָט אַלעמען זיך געוואָרפן אין די אויגן, און דאָס האָט האָט געקאָנט ווערן געפערלעך. פאַר פּרוואוון אַנט־לויפן איז מען באַשטראָפט געוואָרן מיט וואָכן־לאַנגער תּפיסה אויף ברויט מיט וואַסער, און האָט מען אַ געפאַנגענעם געכאַפּט ביי דער גרענעץ, איז ער גלייך אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן ווי אַ שפּיאָן. האָב איך סלעזאַקן אַפילו ניט דערציילט וועגן מיין פּלאַן. אָבער וואָס טוט מען מיט מערלאַן? ווי קאָן איך אַנטלויפן, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט וועגן דעם מיין נאָענטסטן גוטן־פריינט?

ס׳איז געקומען דער טאָג, ווען איך בין געווען פיקס און פאַרטיק: מיין רוקן־זאַק איז געווען פול מיט שפּייז, מיין ברוינער ראָק איז דאָ, דאָס בערדל מיט די וואָנסעס וואַרטן נאָר מען זאָל זיי צוקלעפּן; כ׳האָב אַפילו ניט פאַרגעסן אַריינצולייגן אַ פעלד־פלאַש, אַ טרינק־בעכער, האַנטיכער, זייף, לעפל און גאָפּל און אַביסל געשיר. איצט דאַרף מען אַנטלויפן.

ווען כ׳בין יענעם טאָג געזעסן מיט מערלאַן ביים עסן, האָב איך זיך געשעמט אים צו קוקן אין פּנים. כ׳האָב געוואוסט, אַז ס׳איז אונדזער לעצטער מאָלצייט צוזאַמען — האָב איך געטרונקען איין גלאָז וויין נאָכן אַנדערן און אַלץ געטראַכט: ווי אַזוי דערציילט מען דאָס אים? אָט האָב איך שוין, דאַכט זיך, דאָס ריכטיקע וואָרט פאַר דעם, אָבער ווען עס קומט צום אַרויסרעדן, שווענק איך עס ווידער אַראָפּ מיט אַ גלאָז וויין, און איך ווער נאָך טרויעריקער, מעלאַנכאָלישער — עס שטיקט מיך צום וויינען. מערלאַ האָט עס באַמערקט און געפרעגט וואָס ס׳איז מיט מיר.

— לודאָוויקאַ — האָב איך געזאָגט כמעט מיט טרערן — מיר עסן

היינט צום לעצטן מאָל צוזאַמען. איך קאָן עס מער נישט אויסהאַלטן! כ׳בין קראַנק, צום משוגע ווערן — איך מוז אַנטלויפן!

ער איז פּלוצים בלייך געוואָרן ווי קרייד און מיט אַמאָל אויסגעטרונקען אַ פול גלאָז וויין.

— זע — האָב איך ווייטער געזאָגט — מיר געהערן, דאַכט זיך, צו צוויי פיינטלעכע אַרמייען; אָבער מיר צוויי זיינען פּאָרט גאָענטע פריינט, און איך וואָלט זיך ניט געקאָנט מוחל זיין, איך זאָל דיר דאָס ניט דערציילן — דו וואָלסט נאָך געקאָנט מיינען, אַז איך בין דיר די גאַנצע צייט געווען פאַלש...

לודאָוויקאָ, דער „שונא", איז געזעסן אַ צעשרויפּטער, האָט ווידער אָנ־געגאָסן צוויי גלעזער וויין, און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— מענטש איינער, איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז דו ווילסט אַנט־לויפן; כ׳האָב דערפאַר שטענדיק געקויפט מער קאָנסערוון ווי מיר האָבן געדאַרפט. איך האָב אַפילו באַמערקט, ווי דו נעמסט צוזאַמען אַלע רעפּטלעך און דאָס האַרטע פון ברויט. און מיינסטו, אַז איך האָב ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס דו פרעגסט זיך אויס וועגן דער געגנט דאָ אין די בערג? כ׳האָב אָבער געהאַפט, אַז דו וועסט עס מיר ניט דערציילן, כדי איך זאָל דערנאָך קאָנען מיט אַ ריינעם געוויסן שווערן, אַז איך האָב גאָר ניט געוואוסט וועגן דיין אַנטלויפן... אָבער איך בין מיד און פיל ניט גוט; איך גיי זיך צולייגן.

ער האָט מיך אַרומגענומען ווי אַן עלטערער ברודער, אַוועקגעלייגט פּופציק לירעס אויפן טיש און איז אַרויס פון עס־צימער.

איך בין שנעל געגאַנגען אין מיין באַראַק. אַלע זיינען נאָך געווען אין דרויסן ביי דער אַרבעט. האָב איך אָנגעטאָן מיין ציווילן ראָק, גענומען דעם רוקן־זאַק אויף די פּלייצעס און אַריין אין טוילעט. דאָ האָב איך אויף גיך צוגעקלעפּט מיין אָנגעגרייטע באָרד און וואָנסעס, און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אין מיין האַנט־שפּיגעלע, איז מיך באַפאַלן אַן אמתע שווי־שפּילער־פרייד — וואָס פאַר אַ שטאַרקע ענלעכקייט צו דעם הינקענדיקן איטאַליענער! איצט — „דריי מאָל אויסגעשפּיגן", און אַרויס פון לאַגער! אויב מען זאָל מיך דערקענען, טראַכט איך, וועל איך מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך האָב בלויז אויף קאַטאָוועס געשפּילט טעאַטער.

ביים טויער זיינען געשטאַנען דער אינזשעניר פּירעלאָ און טענענטע קאַליאַטשי, וועלכע איך פלעג יעדן טאָג באַדינען ביים עסן. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך און מיך אַפילו ניט באַמערקט. „גוט געשפּילט", בין איך שטאָלץ מיט זיך אַליין און הינק ווייטער. איך בין שוין איצט גאַנץ אין דער ראָל פון דעם אָרעמען איטאַליענער, וואָס האָט היינט געזאַמלט בלויז אַביסל אַ פולערן רוקן־זאַק און הינקט אַ קאַפּעטשקע שנעלער ווי געוויינלעך — אָבער איך בין שוין אין „דרויסן". פּונקט דאָרט, וואו איך

דאַרף זיך פאַרקערעווען אויף אַ זײַטיקן וועג. אַרבעט אונדזערס אַ גרופּע, פון וועלכער דער לאַנגער סלעזאַק סטאַרטשעט אַרויס מיט צוויי קעפּ העכער. איך פאַרקערעווע שוין פריער אַביסל און לאָז זיך קווער איבער דער לאָנקע, אָבער סלעזאַק קוקט מיר נאָך — ער דערקענט מיך! ער גנבעט זיך אַוועק פון דער גרופּע, לייגט זיך אַריין אין גראָז און קריכט מיר נאָך, שעפּטשענדיק:

— גאָט איז מיט דיר, גראַנאַך! וואָס טוסטו?

— קוק מיר ניט נאָך, גיי צוריק און שוויג — שעפּטשע איך צוריק מיט פאַרקלעמטע ציין, ניט קוקנדיק אין זיין זייט.

— גאָט זאָל דיר העלפן! — זיפּצט ער אָפּ און קריכט צוריק.

איך בין אַריין אין וואַלד. כ'האָב נאָך געזען פון צווישן דיביימער ווי אונדזערע מענטשן אַרבעטן דאָרט, אָבער מיך האָט איצט קיינער ניט געקאָנט זען. איך בין געגאַנגען מיטן ברעג פון אַ באַרג־טײַכל, אַלץ באַרג־אַרויף, ביז כ'האָב דערגרייכט דעם ראַנד פון אַ פעלז. אָבער פּלוצים — דאַכט מיר, אַז די ערד אונטער מיינע פיס שיט זיך! כ'האָב מורא זיך אַ ריר טאָן ווייטער, אָדער אויף צוריק — אַרום מיר איז אַ גלייכער תהום אַראָפּ! אַ שוויס האָט מיך באַגאָסן. איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שפּיציקן שטיין פון אַ צווייטן פעלז. מיין שטעקן האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט און איז אַראָפּגעפאַלן ווירע־גלייך אין תהום אַריין. כ'האָב געהערט ווי ער שלאָגט זיך אָן אין עפּעס עטלעכע מאָל, דערנאָך איז שטיל געוואָרן. אויך איך בין געווען שטיל און האָב רואיק איבערגעלייגט וואָס איך זאָל טאָן. פאַרזיכטיק, אָבער פלינק, האָב איך זיך אַ שוואונג געטאָן אָן אַ זייט און מיט דעם בין איך אַרויס פון מיין געפערלעכער לאַגע. כ'האָב ווידער דער־פילט זיכערן באָדן אונטער די פיס. פּאַוואָליע, אין אַ זיג־זאַג, האָב איך זיך אַרויפגעדראַפּעט העכער און בין ווידער אַריין אין אַ טונקעלן וואַלד. וואָס העכער אַלץ מער פינצטער, און דאָך האָב איך באַלד דערזען פאַר זיך די וואַנט פון אַ שטיבל. כ'האָב זיך דערפילט היימישער, אָבער איך האָב זיך געשראָקן: טאָמער געפינט זיך דאָרט עמעצער? דאָך האָב איך זיך אַוועקגעזעצט, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דער וואַנט. האָבן זיי שוין דאָרטן באַמערקט, טראַכט איך, אַז איך בין אַנטלאָפן? זיכער יאָ — איך בין דאָך שוין אַזוי אַרומגעקראָכן אַ פינף, זעקס שעה. ס'איז שוין נאַכט; דער הימל פול מיט דיאַמאַנטן־שטערן און אַ זילבער־שטויביקער שטעג אין מיטן — וואָס פאַר אַ שרייענדיקע רואיקייט און קלאַנג־פול שווייגן!

„טעאַטער", טראַכט איך... ערשט איצט נעם איך אַראָפּ דאָס בערדל מיט די וואָנסעס. איך שפּיל טעאַטער מיט דעקאָראַציעס פון אמתע בערג, וואַלד, הימל און שטערן, מיט אַ האַנדלונג אָן אַ טעקסט, מיט בלויז גע־טראַכטע ווערטער און ווינט־באַגלייטונג. ווינטלעך, פייפנדיק אין די בוים־

שפּיצן, דערציילן זיך פּריילעכע רכילות פון זייערע ווייטע רייזעס. אָבער איך פיל זיך דאָ פרעמד, אַליין, בין פאַרשטאַרט מיטן רוקן צו דער וואַנט און האָב מורא זיך אַ ריר טאָן. איך ווער אַנטשלאָפן און עס חלומט זיך מיר: ריינהאַרט און זיין שטאַב אינסצענירן עפּעס אַ גרויס שטיק. דער גאַנצער אַאָסטאַ־טאַל איז די בינע, און די בערג וואַלפּעליני, גראַנד סאַן בערנאַרד און מאָנט בלאַנק זיינען די דעקאָראַציע. באַסערמאַן, שילדקרויט, וועגענער, מאָיסי גייען אויף אַזעלכע ריזיקע שוך־איינלאַגעס, אַז זייערע קעפּ קומען־אויס אין דער זעלבער הויך ווי די באַרג־שפּיצן. און די טעקסטן פאַר די ראָלן זיינען אַזוי גרויס, אַז צווײ מענטשן מוזן איבערמישן אַ בלאַט. די גאַנצע עסטרייכישע און איטאַליענישע אַרמײ זיינען שטאַטיסטן און לודאָוויקאָ מערלאָ איז דער סצענאַריום־פירער. ער רייט אַרום אויף אַ פערד און שרייט אַריבער צו מיר: „ווען איך וועל געבן אַ צייכן מיטן גלאָק, גייסטו אין הינטערגרונט און קלעטערסט אַריבער די דעקאָראַציעס, דערנאָך פאַלט דער פאָרהאַנג!" אָבער פריער דאַרף איך נאָך רעציטירן מיט אָרקעסטער־באַגלייטונג — און איך בין ניִשט צוגעגרייט! און דער אָרקעסטער שפּילט און זינגט און פייפט — און איך כאַפּ זיך אויף, און עס שפּילט נאָך אַלץ — ניין, עס זינגט! אַ ריזן־אָרקעסטער פון פויגל. און די ערשטע שטראַלן שפּיזן זיך אַריין דורך די צווייגן — עס ווערט העל, טאָג. איך זיץ נאָך אַלץ מיט די רעשטלעך פון חלום פאַר מיינע אויגן. דערנאָך הויב איך זיך אויף און נעם פאַוואַליע, פאַרזיכטיק, פאַרגנבעטערהייט אַרומגיין אַרום דעם שטיבל. ס׳איז אַלט און איינגעפאַלן און עס פעלן ניט נאָר טיר און פענצטער, נאָר אויך אַ גאַנצע וואַנט. שוין זיכער לאַנג קיין מענטש דאָ ניט געווען.

איך גיי ווייטער און העכער, ביז נאָך עטלעכע שעה גאַנג ווערט דער וואַלד שיטערער און איך דערזע אַ הויכן צלם, אויף וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן דער נאָמען און די הויך פון באַרג. אין מיטן איז דאָ אַ וואַסער, אַרומגערינגלט מיט אַ קראַנץ שטיינער, און אַלץ שטראַלט אין פרײדיקער מאָרגנרו. איך טו זיך אויס נאַקעט ביז צום גאַרטל, רייב־איין מיין אויבערקערפּער מיטן קאַלטן, קוואַלנדיקן וואַסער, שפּרייט דערנאָך אויס מיין האַנטוך אויף אַ שטיין, און זעץ זיך אַוועק סערווירן פאַר זיך אַליין, ווי פאַר אַ פרעמדן, ליבן גאַסט, מיין ערשטן מאָלצייט: טונאַ־פיש מיט קעז, און איך פאַרטרינק מיט פרישן, קלאָרן וואַסער. איצט נעם איך אַרויס מיין צייכענונג — עס שטימט: אָט זע איך דעם מאָנט בלאַנק, גראַנד סאַן בערנאַרד און וואַלפּעליני.

איך באַשליס ווייטער צו גיין, ביז מיטיק־צייט. עס זעט זיך שוין קלאָר דער גאַנצער אַאָסטאַ־טאַל — ווי מיט דער האַנט צו גרייכן. איך דאַרף נאָר דאָרט אַריבערגיין דעם טייך און איך בין ביים וואַלפּעליני־באַרג.

וואָס שטייט שוין מיט איין זייט אין דער שווייץ. יאָ, אַזוי איינפאַך איז עס נאָר אויף דער מאַפּע — אין אמתן אָבער איז עס אַ סך אַנדערש...

איך אַנטדעק אַן אויסגעטראָטענעם שטעג און לאָז זיך מיט אים אַראָפּ אין טאָל אַריין. איך קום ווידער צו אַ וואַסערל. דאָ, טראַכט איך, וועל איך רוען ביז ביינאַכט, און דאָס טייכל וועט מיר טאַקע זיין דער וועג־ווייזער אויף ווייטער צו גיין. ס׳איז האַלבער טאָג און הייס — מיטן אויגוסט, פּונקט אַ יאָר זייט איך בין געפאַנגען — זעץ איך זיך אַוועק ביים טייכל, טו אויס די שיך און נעם רואיק אַ פוס־באָד. אָבער מיין געהירן אַרבעט: פון די דריי יאָר מלחמה, בין איך אַכט חדשים געווען אויפן פראָנט און אַ יאָר אין געפאַנגענשאַפט. זייט צוואַנציק חדשים טו איך איצט, צום ערשטן מאָל, וואָס איך וויל — און איך גיי, וואוהין איך וויל. איך בין שטאָלץ מיט זיך אַליין וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן צוריקצוקריגן מיין פרייהייט. איך טראַכט איצט וועגן לאַגער, וועגן סלעזאַקן און וועגן דעם איטאַליענישן קאָמאַנדאַנט פון אונדזער אַרבעט־גרופּע, טענענטע קאַליאַטשי. אָט דער יונגער אַריסטאָקראַט פון די „איבעריע צען טויזנט״, וועמעס שטאָלץ נעזל האָט נאָך ניט געשמעקט קיין פולווער אין קריג, איז באַשטימט געוואָרן צו באַוואַכן געפאַנגענע, ווייל ער שטאַמט פון אַדעל און האָט גוטע פאַר־בינדונגען. ער האָט ליב געהאַט צו וויסן וואָס די געפאַנגענע רעדן און וואָס זיי דענקען וועגן דער מלחמה. יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט פלעגן זיך געפאַנגענע צוזאַמענקומען ביי מיר אין באַראַק, צו הערן די לעצטע נייעס. איך פלעג זיי דערציילן וואָס איך האָב געהערט פון די הערן ביים עסן, און אַביסל האָב איך אַליין צוגעטראַכט. זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז אַביסל ברייע איך, אָבער זיי האָבן גערן זיך צוגעהערט. איינמאָל אַן אָוונט האָבן מיר גערעדט וועגן דעם, ווער עס איז דער בעסטער סאָלדאַט אין איצטיקן קריג. געווען צווישן אונדז סערבן, סלאָווענער, קראָאַטן, דאַלמאַטינער, אוקראַינער און פּאָליאַקן. די מערסטע זיינען איינשטימיק געווען, אַז דער בעסטער סאָלדאַט איז דער סערבישער, דערנאָך קומט דער פראַנצויזישער, דער דייטשער, דער רוסישער — ענגלענדער און אַמעריקאַנער האָבן מיר נאָך ניט געקענט. פלוצים מישט זיך אַריין טענענטע אין געשפּרעך. כדי אים צו ערגערן, ענטפערט אים קיינער נישט. אָבער ענדלעך ווערט באַ־שלאָסן, אַז דער איטאַליענישער סאָלדאַט שטייט אויף דער לעצטער שטופע. דאָס האָט טענענטען שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט מיט מיר פאַרפירט אַזאַ וואָרט־געפעכט:

— קאַפּאָראַל מאַזשאָר, איך וועל נאָך אַמאָל האָבן דאָס גרויסע פאַר־גענוגן דיך צו פאַרשפּאַרן אויף ברויט מיט וואַסער פאַר דיינע פרעכע געשפּרעכן און באַליידיקונגען.

— סעניאָר טענענטע, ערשטנס איז ניט פאַרבאָטן די געפאַנגענע צו

רעדן צווישן זיך. און ווען מיר לייגן כבוד אויף דיר, דיך ניט צו נאַרן, און רעדן מיט דיר אויפריכטיק ווי אַ סאָלדאַט צו אַ סאָלדאַט, איז עס שוין גאָר נישט קיין באַליידיקונג.

— אָבער דו רעדסט צופיל, קאַפּאָראַל מאַזשאַר, און ביסט פרעך. אַביסל פאַרשפאַרן דיך וואָלט ניט געשאַדט.

— סעניאָר טענענטע — האָב איך פון אים געלאַכט, און אַלע אַנדערע האָבן מיטגעלאַכט — ווען איר וועט מיך אומזיסט און אומנישט פאַרשפאַרן, וועל איך אַנטלויפן.

— ווען דו וועסט אַנטלויפן, קאַפּאָראַל מאַזשאַר, וועל איך דיך דער־שיסן.

— ווי וועסטו מיך קאָנען דערשיסן, אַז איך וועל זיין אַנטלאָפן? סיידן מיין נשמה!

אַלע אַרום האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. איז דער סעניאָר רויט געוואָרן פון כעס און היסטעריש זיך צעשריגן:

— דו האָסט דאָך בכלל ניט קיין נשמה! אַ שטונק האָסטו, ניט קיין נשמה.

— וועסטו פונקט אין אים מוזן שיסן, סעניאָר טענענטע...

אָט די סצענע האָט זיך מיר דערמאָנט, ווען דאָס קלאָרע, קאַלטע וואַסער האָט געשטראָמט איבער מיינע פיס. פלוצים האָב איך דערהערט עפּעס לויפן און קלינגען — ווי קינדער וואָלטן זיך געשפּילט; עס קומט אַלץ נעענטער און נעענטער — — ס'איז אַ סטאַדע ליבענקע שעפּעלעך, וואָס זיינען געקומען צום טייכל טרינקען וואַסער! הינטער זיי איז געגאַנגען אַ פּאַסטוך. ער האָט מיך דערזען און געבליבן אַ פאַרשטאַרטער. איך וויל זיך אויפהויבן, נעמט ער אַנטלויפן. אויך איך לויף — אין דער פאַרקערטער ריכטונג. אָפּגעלאָפן אַ הונדערט שריט, קוק איך מיך אום. אויך ער האָט זיך אומגעקוקט, און מיר האָבן ביידע ווידער גענומען לויפן אין אַ פאַר־קערטער ריכטונג. מיר האָבן זיך מער קיינמאָל ניט געזען. אַ שאָד, ער איז אוודאי געווען אַ וואוילער מענטש, דער פּאַסטוך. ווען איך האָב אַריינ־געקוקט אין מיין האַנט־שפּיגעלע, האָב איך ערשט געזען פאַרוואָס ער איז אַנטלאָפן: איך בין געווען פאַרוואַקסן, פאַרשוויצט און אויסגעזען ווי אַ מערדער.

כ'האָב זיך געלייגט שלאָפן צווישן אַ גרופּע געדיכטע ביימער. קעגן אָוונט־צו האָב איך אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן אין טאָל, אָבער איך האָב באַלד איינגעזען, אַז איך האָב ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די דיסטאַנץ. מיטן בליק קוקט אַלץ אויס זייער נאָענט. מ'גייט אָבער ניט דורך דער לופט, נאָר אויף דער ערד מיט אַלע אירע שטעגן, וועגן און אומוועגן. ערשט צוויי נעכט שפּעטער בין איך אין פרימאָרגן אָנגעקומען אין טאָל! אויף

מיין לאַנד־סקיצע איז געווען אָנגעצייכנט אַ דיניִנקע ליניע — אָבער דאָ איז עס געווען אַ ברייטער, יאַגנדיקער שטראָם, וואָס איז געווען אוממעגלעך אַריבערצוגיין. מיין פּלאַן איז געווען אויסצומיידן די שטאָט אַאָסטאַ, כדי אַזוי אַרום אויסצומיידן מענטשן. האָב איך אַרומגעוואַנדערט צוויי טעג אויפן ברעג פון טייך און אין ערגעץ ניט באַמערקט קיין בריק — ביז איך בין געווען געצוואונגען צו פרעגן ביי אַ פּויער, ווי אַזוי מען גייט אַריבער דעם טייך. האָט ער קודם גענומען מיר דערציילן וואָס פאַר אַ שלעכטע צייטן מיר האָבן, אַז די מלחמה דויערט שוין אַביסל צו לאַנג — און נעבנביי האָב איך אויך זיך דערוואוסט, אַז וואָס ווייטער ווערט דער טייך אַלץ ברייטער און אומרואיקער, און אַז די אַאָסטאַ־בריק איז די איינציקע, דורך וועלכער מ׳קאָן אַריבערגיין. איז ניט געווען קיין אַנדערער אויסוועג, ווי דאָ איבערוואַרטן, און אין דער נאַכט האָב איך זיך דערנענטערט צו דער שטאָט.

אַרום זעקס אין דער פרי זיינען אָנגעקומען אַלץ מער מענטשן מיט ציגן און אייזלען, מיט וועגעלעך גרינסן און מילך — בין איך מיטגעגאַנגען מיט זיי אויף דער בריק אַרויף. ביים אַנהויב און ביים סוף פון בריק שטייען וואַך־סאָלדאַטן. גיי איך מיר אַזוי, ניבע גלייכגילטיק, און זינג מיר אונטער אַן איטאַליעניש לידל, וואָס איך האָב אויסגעלערנט נאָך אין לאַגער:

אַדיאָ, מאַמינאַ,
מאַמינאַ מיאַ,
אַנדיאַמאָ פּאַרטירע,
אַנדיאַמאָ פּאַרטירע,
אַדיאָ, מאַמינאַ,
מאַמינאַ מיאַ,
אַנדיאַמאָ פּאַרטירע
לאַ ליבערטאַ.

זינגענדיק אַזוי, בין איך פאַרבייגעגאַנגען ביידע וואַך־פּאָסטנס. איינער פון זיי האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: קוק אים נאָר אָן, דעם חזירשן יונגאַטש! געזונט ווי אַן אָקס און גייט נאָך אַרום „אין ציוויל״, און איך מוז אים נאָך וואַך האַלטן!

דערווייל בין איך שוין געווען אין דער שטאָט אַאָסטאַ. צוערשט בין איך פאַרבייגעגאַנגען אַן עקזערציר־פּלאַץ, וואו מ׳האָט מושטירט גרעסערע און קלענערע גרופּעס סאָלדאַטן. און אָט איז שוין די שטאָט מיט אירע געשעפטן — מיטן האָטעל „לאַ קאַראָנאַ״! עס גלוסט זיך אַזוי אַריינגיין און אָפּגעבן גרוסן פון מיין פריינט לודאָוויקאָ מערלאָ... קוקן אין די פענצטער! איך גיי קודם אַריין אין אַ קליין געשעפט, קויף דריי פּאָר זאָקן און בייט־אויס מערלאָס 50 לירעס. איצט ערשט קויף איך איין אין דער

בעקעריי דריי ברויט, און דריי אין אַ צווייטער בעקעריי — ס׳זאָל ניט ווערן אויפּפאַליק. איך פּרואוו אויך ווייטער אויסצומיידן די שטאָט און לאָז זיך גיין איבער ווייגגערטנער. אָבער מען קוקט עפּעס צופיל אויף מיר — — פאַרקירעווע איך ווידער צום שטראָז, ביז איך קום צו אַן אָפּגעלעגן שענקל, שוין אויסער דער שטאָט. איך קויף זיך אַ פלאַש טשיאַנטי־ווייַן, און מיט אַ פיל לייכטער האַרץ לאָז איך זיך ווייטער אין וועג אַריין.

אויך דאָ ווימלט עס מיט סאָלדאַטן. איך האָב זיך צוגעלאָנטשעט צו אַן אייזל־טרייבער און פון אים זיך דערוואוסט, אַז איך בין אויפן ריכטיקן וועג קיין וואלפעליגי — קנאַפּ ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ. דער אייזל־טרייבער איז געווען געוואַלדיק שטאָלץ וואָס ער האָט, לויט מיין אַקצענט, „באַלד דערקענט", אַז איך בין אַ „נעאַפּאָליטאַנער"... ! ער אַליין, ווי די גאַנצע באַפעלקערונג דאָרט, רעדט שוין מיט אַ פראַנצויזישן אַקצענט. אַז איך בין אַן איטאַליענער, איז ביי אים קיין ספק ניט געווען. מסתם, זאָגט ער, האָב איך קרובים אין דער געגנט. איין זאַך וואונדערט אים: ווי קומט עס, וואָס איך בין נאָך אין ציוויל? און וועט טאַקע די מלחמה נאָך לאַנג אָנהאַלטן?

אָט די פראַגעס האָבן מיך אַביסל צעטומלט — וויל ער מיך אפשר אויסגעבן צו דער מיליטער־פּאָליציי?... איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען, אים געלאָזט ווייטער גיין, און בין באַלד פאַרשוואונדן אין דערבייאיקן וואַלד. דאָ האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד — איבערשלאָפן דעם זשום אין קאָפּ, דערנאָך וועט מען ווייטער גיין.

אויפגעשטאַנען, האָב איך ווידער „געגרייט צום טיש" אויף אַ שטיין, זיך סערווירט מיט גרויס „העפלעכקייט" און צו זאַט אַזוי, אַז איך בין געווען גאַנץ צופרידן מיט זיך, און כ׳האָב גענומען נאָכקלערן: באַגעגנט אַ סך סאָלדאַטן אויפן וועג — דאָס מיינט, אַז אין שטעטל איז אַ גרויסער גאַרניזאָן. און ס׳איז דאָך טאַקע ביי דער גרענעץ — דאַרף מען ווידער אויסמיידן די שטאָט און גיין ביינאַכט. איז ווידער גענומען דעם פּאָלאַר־שטערן פאַר אַ וועג־ווייזער און מאַרש דורכן וואַלד! גיי איך און גיי, ביז עס ווערט ווידער טאָג און ווידער נאַכט. עסט מען ווידער און מ׳שלאָפט נאָכאַמאָל, אַזוי דריי טעג און דריי נעכט, ביז — איך דערזע מיין פאַר־געסענעם האַנטוך, אויסגעשפּרייט אויפן שטיין! האָב איך, הייסט עס, אַזוי דריי טעג און דריי נעכט זיך געדרייט אין אַ צירקל אין וואַלד און צוריק־געקומען אויפן זעלבן אָרט! אַנגסטן האָבן מיך באַשלאָגן — וואָס טוט מען איצט? דאָס ערשטע, האָב איך ווידער זיך אויסגעטאָן האַלב נאַקעט און ווידער זיך אויפגעפרישט מיט קאַלטן וואַסער. דאָס האָט מיך אויך באַרואיקט און צוריקגעגעבן די מעגלעכקייט קלאָר צו דענקען: נאָכ־אַלעמען האָב איך דאָך שוין דורכגעמאַכט אפשר דעם שווערסטן טייל פון

מיין וועג — כ׳בין אַריבער דעם גאַנצן אַאָסטאַ־טאַל. איצט, ווען איך קאָן ניט אַריבער דעם וואַלפּעליני־באַרג — איז געגאַנגען איבערן סאַן בער־נאַרד! אמת, ס׳איז טאַקע אַ שווערער און אַ ווייטערער וועג, אָבער אפשר איז בעסער אַזוי; אפשר איז גאָר דאָס אַרומבלאָנדזשען אַ וואָרנונג, אַז כ׳האָב טאַקע באַדאַרפט אויסמיידן דעם ערשטן וועג?

ווידער אויסגעשלאָפן זיך און אָפּגעגעסן, פאַרקירעווע איך צום מאָנט בלאַנק, וואָס פירט דערנאָך צום סאַן בערנאַרד. אַזוי וואַנדער איך דורך נעכט און טעג, און די צייט נעמט זיך מישן — וואָס איז היינט? זונטיק אָדער פרייטיק? מיין רוקן־זאַק ווערט שיטערער — איז לייכטער אויף דער פּלייצע, אָבער שווערער אויפן געמיט. מען דאַרף לעבן שפּאָרעוודיקער. אויך דאָס גיין ביינאַכט ווערט שווערער: די אויגן קלעפּן זיך אָפּט, און איך לעכץ שוין טאַקע צו באַגעגענען אַ מענטשן אין וועג... און איינמאָל אַ פרימאָרגן — דער וואַלד איז געוואָרן שיטערער, און אַט פאַשען זיך אויף אַ לאַנקע ציגן, עפּעס אַן „איינזאַמע" קו, און אַט איז טאַקע אַ שטיבל אויך! אַ קליין מיידעלע, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן, איז פּלוצים אַוועק־געלאָפן און צוריקגעקומען מיט אַ פרוי. איך לאָז זיך צוגיין. אַן אַלטער הונט וואָרעמט זיך אין דער זון. דורך אַ ריננווע יאָגט וואַסער, פון ערגעץ וואו אין די בערג, און גיסט זיך גלייך אין אַ פעסל אַריין, וואָס גייט־איבער. איך נעם אַ טרונק וואַסער. דערווייל איז אונטערגעקומען נאָך אַ פרוי. איך וויל צוגיין נעענטער.

— זייט פאָרזיכטיק, דער הונט בייסט! — וואָרנט מיך די ערשטע פרוי. ווייס איך וואָס! דער הונט ליגט ווי געפּגרט.

— ער איז אַ וואוילער הונט — שמייכל איך שוין רואיק — ער בייסט ניט קיין גוטע מענטשן.

איך בין צוגעקומען, און די פרויען האָבן גוטמוטיק זיך צעשמייכלט.

— פון וואַנען קומט איר? — פרעגט איינע.

— פון זייער ווייט — זיפץ איך — אָבער ס׳איז שווער צו דערציילן מיט אַ ליידיקן מאָגן.

איינע פון זיי האָט אַרויסגעבראַכט אַ האַלב ברויט, וואָס איך האָב באַלד פאַרשלונגען און ווידער פאַרטרונקען מיט וואַסער.

— איר זייט ניט קיין איטאַליענער — זאָגט זי.

— ניין — זאָג איך — איך בין אַ רוס, אַנטלאָפן פון דייטשן לאַגער, אָבער די פראַנצויזן גלויבן עס מיר ניט, מוז איך איצט זוכן אַן אַנדערן וועג אַהיימצוקומען. איך האָב דאָרט אַ ליבע פרוי ווי איר, מיט דריי קינדער. דאָס עלטסטע מיידעלע מיינס איז פונקט אַזוי גרויס ווי אייערס. כ׳האָב פּלוצים אַליין אָנגעהויבן גלויבן אין דעם, וואָס איך האָב זיי

דערציילט, און טרערן האָבן מיך גענומען שטיקן. די פרויען זיינען געווען גערירט.

— מאַרטאַ — רופט זיך אָן די צווייטע פרוי — פיר אים אַריין און איך וועל מאַכן קאַווע.

און אָט זיץ איך שוין אין אַ געמיטלעכער שטוב, טרינק קאַווע און דערוויס זיך, אַז אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. מאַרטאַ אַליין איז אַן אַנטלאָפענע קראַאַטקע פון פיומע; רעדן מיר אַזאַ צונויפגעשטשאָבעטן „רוסיש“: זי קראַאַטיש, איך אוקראַיניש, און ס׳ווערט גאָר-גאָר היימיש. דערנאָך פּאַקן זיי מיר איין אַ פולן רוקן-זאַק מיט ברויט, קעז, פּאָלענטע און אַפילו קאָנסערוון, און באַשרייבן מיר גענוי די גאַנצע געגנט. מיין חוש האָט מיך ניט פאַרפירט: איך געפין זיך איצט צווישן דעם וואַל-פּעליני און דעם גראַנד סאַן בערנאַרד. מאַרטאַ באַגלייט מיך און ווייזט מיר אָן דעם שפּיץ באַרג, וועלכן איך דאַרף אַריבערגיין, און פון דאָרטן גלייך אין דער שווייץ! מיר גייען אַזוי שעהן-לאַנג אין וואַלד, זעצן זיך צו אָפּרוען, און מיר פילן ביידע ווי מיר וואָלטן זיך שוין געקענט יאָרן-לאַנג — ווי מיר וואָלטן שוין לאַנג געוואָרט איינס אויף דאָס אַנדערע. מיר קושן און האַלדזן זיך, און — נישט געפרעגט און נישט געזאָגט, אָן אַ גלח און אָן אַ רב — ווערן מיר מאַן און ווייב, אין מיטן וואַלד, אין דער מיט פון גליק — — מיר זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז מאַרטאַ מער ניט געווען לעבן מיר — מיין געליבטע איז געווען פאַרשוואונדן. ס׳איז געוואָרן אַביסל טרויעריק, אָבער איך האָב געפילט, ווי איך וואָלט ווידער געוואָרן מענטש — אַ מאַן.

און ווען מיין לעבן זאָל זיך דאָ פּלוצים אָפּשטעלן — ווען מען זאָל מיך דאָ אַפילו כאַפּן — עס האָט געלוינט צו אַנטלויפן! איך בין געווען פול און זאַט מיט לעבן, מיט דעם נאָר-וואָס דורכגעלעבטן. נאָך ניט איינגאַנצן פריי — כ׳האָב נאָך אַלץ געהאַלטן אין אַנטלויפן — אָבער דאָס פריידיק-שמייכלענדיקע, קוואַלנדיקע לעבן האָט מיך פאַרט שוין באַרירט מיט זיין גאַנצער פּראַכט און רייכקייט און שיכרות!

אַ צוזאָג, וואָס איך וועל אייביק האַלטן

כ׳האָב שוין געוואַנדערט די פערטע וואָך. כ׳בין איצט געגאַנגען איבער אַ פעלזיקן באַרג-רוקן, דערנאָך ווידער איבער אַ לאָנקע, אויף וועלכער עס זיינען נאָך געלעגן סימנים פון אייז און שניי, ביז איך בין געקומען צו אַן אמתן וואונדער: אַ קאָלירטער, פאַרבנרייכער, לעבעדיקער טעפּיך אין באַוועגונג — גרינע, געלע, ברוינע, בלויע, רויטלעכע און שוואַרץ-געטופּטע

פלאַטערנדיקע באַשפּעניישן, געדיכט געבנאייננאנדער, אויף שטיינדלעך און גראָזן, אַז כ׳האָב געמוזט זייער פאָרזיכטיק גיין, זיי ניט צו צעטרעטן — זומער־פייגעלעך! כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ פאַרשיידנפאַרביקע, קאָלירנדיקע פּראַכט! ממש אַ חלום, אין וועלכן ס׳האָט געווימלט אַ פאַרבן־קאַרניוואַל פון אינטערנאַציאָנאַלע זומער־פויגל.

מאַרטאַ האָט מיר געגוי באַשריבן ווי אַזוי צו גיין, כדי אויסצומיידן די גרענעץ־פּאַטרולן. איך האָב געקלעטערט אַלץ העכער און העכער. די נעכט זיינען געוואָרן אַלץ קעלטער און איך האָב געמוזט זיך אויפהאַלטן אין היילן, כדי זיך צו שיצן קעגן די שאַרפע, פייפנדיקע ווינטן. דערפאַר האָב איך בייטאָג געקאָנט זען דורך דער דינער לופט אי דעם מאָנט בלאַנק, אי דעם גראַנד סאַן בערנאַרד — ביידע ווי מיט דער האַנט צו גרייכן. אָפט אָבער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי אַט די באַרג־ריזן נאַרן מיך — זיי גייען מיט מיר מיט און פאַרלאָקן מיך בלויז.

ענדלעך בין איך אָנגעקומען צו יענעם באַרג־תהום, וועגן וועלכן מאַרטאַ האָט מיר דערציילט. אַ ווילדע, זיג־זאַגישע באַרג־וואַנט לאָזט זיך אַרונטער טיף צום אָפּגרונט, און איבער מיר — היט זיך! ריזיקע, פעט־אָנגעפּרעסענע אָדלערס קרייזן נידעריק איבער מיין קאָפּ. איך וויל לויפן, אָבער די פיס שלעפּן זיך קוים — אַז מיין מאָגן און מיין רוקן־זאַק זיינען ליידיק שוין זייט נעכטן פרי! כ׳האָב שוין געפּרואווט קייען גראָז און אויס־זויגן וואָרצלען, אָבער ס׳איז ביטער — און טאָמער טאַקע סם? כ׳בין מיד און הונגעריק. וואו אַ קוואַל, טרינק איך זיך אָן מיט וואַסער — מער נאָך ווי כ׳קאָן פאַרטראָגן—און דאָס מאַכט מיך נאָך מידער און טרויעריקער.

די אָדלערס זיינען פאַרשוואונדן — אפשר אויס מורא? צי איז דאָ שוין נישט מער זייער היים? ס׳איז געווען מיטיק־צייט און די ליבע זון — אַזוי וואונדערלעך באַזונגען פון פּאָעטן — האָט אַזוי נידערטרעכטיק און אָן רחמנות געברענט און געבראָטן, אַז ווען איך האָב כוח, וואָלט איך צו איר אויסגעבייטלט אַלע מיינע וויסטע חלומות. נאָר זע — אַ שטיבל! אָן אמת שטיבל, אַ צייכן פון אַ מענטשלעכן ישוב. „גליַיך אַהינצו!״, טרייבט מיך מיין הונגער. „און אַז מ׳וועט דיך כאַפּן?״, ראַנגלט זיך קעגן דעם מיט אַלע כחות מיין לעצט פּיצל איבערגעבליבענער פאַרשטאַנד. מענטשן — פריי — הונגער — גרענעץ־וואַכן — זיי וואַרטן דאָך נאָר דיך צו פּאַקן און דערשיסן! אָבער פריער וועלן זיי פאָרט נאָך געבן אָפּצועסן אַ מאָל־צייט... שטאַרבן מוז מען דאָך סיי ווי סיי — איז כאָטש פאַרן טויט ווידער פילן דעם טעם פון קייען, שלינגען, דערפילן עפּעס האַרטס אין מאָגן, אַ חוץ וואַסער! טויזנט מאָל שטאַרבן — הונדערט טויזנט מאָל — פאַר איין מאָל עסן!

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל צום שטיבל. כ׳בין געלאָפן —

דער הונגער האָט מיך געטראָגן. כ׳האָב זיך געקלאַמערט אָן די פעלזיקע ווענט, ניט אַראָפּצופאַלן און אַרונטערקאַטשען זיך — געשלעפּט זיך מיט אַלע כחות. אָבער אָט זע איך דאָס שטיבל, און אָט פאַרשווינדט עס. דער שטעג ציט זיך אַרויף און אַראָפּ, אין אַ זיג־זאַג רעכטס און לינקס — ווען איך זאָל קאָנען פליען!... אָבער איך מוז זיך צופּאַסן צו די נאַטור־געזעצן און פויזען איבער דער ערד ווי אַ וואָרעם. דאַכט זיך אַזוי נאָענט און כ׳בין נאָך אַלץ ניט לעבן שטיבל.

אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ טאָג. די זון זעצט זיך, פאַרשווינדט הינטער די בערג און נאַכטיקע טונקלקייט פּילט־אָן די לופט. מ׳זעט שוין שטערן. איך נעם צונויף אַלע כחות — נאָך אַ פעלז און נאָך אַ תהום, אַ דריי אויף לינקס, אַ קירעווע אויף רעכטס — איך מוז, איך מוז עס דערגרייכן! און אָט איז טאַקע שוין אַ גלייכער, אויסגעטראָטענער וועג — איך שטיי פאַרן שטיבל, ווען ס׳איז שוין גוט פינצטער. ווער מיר פּאַטרול, וואָס מיר וואָך — איך גיי אַריין. עס זיצט אַ מאָנאַך, וועלכער קוקט־אויס ווי דער שויש־פּילער פרידריך קינע אַלס דאָמינגאָ אין „דאָן קאַרלאָס״. צווישן זיינע קני רוט אַ ציג, דאָנעבן ברענט אַ פייער. ביידע, ער און די ציג, קוקן אויף מיר גלייכגילטיק מיט זייערע גרינלעך־גרויע אויגן.

— מאָנדזשיאַרע! עסן! — פאָדער איך אַביסל גראָבלעך.

— סי, סי, סיניאָרע, אונאָ מאָמענטאָ — הויבט ער זיך אויף מיר עפּעס צו דערלאַנגען.

מאָדנע, סיי אין טאָן, סיי אין באַוועגונג איז ער ענלעך צו קינען אין דער ראָל פון דאָמינגאָ. ער ברענגט מיר מילך אין אַ בלעכענער שיסל און אַ שטיק אַלט ברויט. איך כראַמקע דאָס טרוקענע ברויט און כלעפּטשע די מילך — אפשר אין אַ רגע אַרום איז אַלץ פאַרצערט. ער גיסט מיר ווידער אָן אַ שיסל מילך און דערלאַנגט מיר נאָך אַ שטיק ברויט. געבויגן איבער דער שיסל, לעק איך זי אויס ביז צום דנאָ. איך פיל ווי די כחות קערן זיך מיר אום, ווי איך ווער רואיקער — דער פאַרצווייפלטער הונגער איז געשטילט. ערשט איצט קוק איך זיך אַרום. דער מאָנאַך זיצט ווידער מיט זיין ציג, פאַרטראַכט — דאָס לעצטע שטיקל האָלץ ברענט נאָך אין פייער. איז ער באמת אַ מאָנאַך? איז ער ניט אַ פאַרשטעלטער באַרג־רויבער? ער קוקט מיר ניט אין די אויגן, ער וויל זיין פּנים ניט ווייזן. וואָס האָט ער צו מיר? איך בין מיד און האָב ניט קיין וואָפן — און ער האָט דאָ זיכער ערגעץ באַהאַלטן געווער — —

כ׳פיל, אַז מיין לעבן איז אין געפאַר, און מיט טיפן חשד בעט איך אַ געלעגער. ער ווייזט מיר אָן אַ שייער מיט היי. איך לייג זיך אַוועק. ער איז ווידער מיט זיין ציג איינעווייניק און איך בין אַליין אין דרויסן. דער „דרויסן״ אין דאָרף איז אַ סך ווייטער ווי אין שטאָט, און דער „דרויסן״

אין פעלד איז נאָך ווייטער ווי אין דאָרף — אָבער דאָ איז שוין אַזוי ווייט און קאַלט, אַז ס'באַפאַלט אַזש אַ שוידער. אַפילו די שטערן קוקן עפּעס מיט רוגזה! איך בין טויט מיד און וויל שלאָפן — אָבער אָט דער פאַרשטעלטער מאָנאַך וואַרט דאָך נאָר דערויף! דערנאָך וועט ער זיך פאַרגנבענען מיט זיין לאַנגן, שאַרפן מעסער, אַ פּיר טאָן איבער מיין האַלדז, ווי איבער אַן עוף — און פאַרטיק! איך בין טויט. טויט?! איצט, ווען איך בין ווידער אַביסל געקומען צו די כחות און קאָן אפשר שוין מאָרגן אַריבערגיין די גרענעץ? ניין, מיט אַ מעסער וועט ער ניט קומען — איך קאָן אים אַ פּאַק טאָן ביי דער האַנט און אים בייקומען! איך בין שטאַרקער פון אים. אָבער ווי, ווען ער קומט מיט אַ האַק? איין זעץ איבערן קאָפּ — און שוין! ניין, ער וועט ניט וואַגן. וואָרים איך קאָן אים אַלץ פריער אַ פּאַק טאָן ביים האַלדז און אַזוי לאַנג דריקן און דריקן, ביז איך דערשטיק אים, ביז ער ווערט ברוין־און־בלוי און די אויגן סטאַרטשען אים אַרויס — — דערנאָך פאַרשאַר איך אים אין היי און פיל נאָך אָן מיין רוקן־זאַק מיט זיין שפּייז — ער האָט דאָך נאָך זיכער ברויט, און אפשר נאָך קעז פון ציגן־מילך. וועל איך מיט אַ פולן רוקן־זאַק אַריבערגיין דעם גראַנד סאַן בערנאַרד, פון וועלכן — זע! עפּעס בלוטיק־רויטס שטייגט־אויף פון אים! אַ ריזיקער פייער־פלאַם הויבט זיך אויף פון הינטער די שניי־באַדעקטע בערג — האָט זיך פלוצים די גאַנצע וועלט אָנגעצונדן? אַ קיילעכדיקע, פלאַקערנדיקע קויל — די זון. ס'איז טאָג. האָב איך דאָס אַ גאַנצע נאַכט געחלומט וועגן מאָרד? כ'בין געוועזן איינגעשלאָפן מיטן רוקן־זאַק אויף די פּלייצעס. „גוט מאָרגן, זון", שעפּטשע איך כמעט אַ פאַרשולדיקטער; „גוט מאָרגן, אַלעקס — איינגנטלעך: שייקע, ווי מיין טאַטע פלעגט מיך רופן", זאָג איך צו זיך אַליין. ווי גוט וואָס אין דער נאַכט איז קיין מאָרד ניט געשען... מ'דאַרף זען וואָס ס'טוט דער מאָנאַך — אפשר האָט ער טאַקע עפּעס איבערצובייסן?

איך גיי אַריין אין שטיבל. דער אַלטער זיצט נאָך אַלץ מיט דער ציג צווישן זיינע קני. ער קוקט נאָר אויס אַ סך מידער. ווי־זשע אַנדערש? אויך ער איז דאָך מסתם די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, מורא האָבנדיק, אַז איך וועל אים דערמאָרדן. אונדזערע ביידנס געדאַנקען האָבן יענע נאַכט זיך פאַראייניקט אַרום מאָרד...

— באָן דזשיאָרנאָ — באַגריס איך אים.

— באָן דזשיאָרנאָ, סיניאָרע. פּאָקאָ מאַנדזשיאַרע? — פרעגט ער, און ברענגט מיר טאַקע באַלד אַ שיסל מילך מיט אַ שטיק אַלטע פּאָלענטע.

איך בעט אים, ער זאָל מיר ווייזן דעם וועג צום וואַלפּעליני, זייענדיק זיכער, אַז איך וועל דאַרפן גיין פונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג ווי ער וועט מיר אָנווייזן.

אַ שעה שפּעטער האָב איך באַגעגנט קי אויף דער פּאַסאָוויסטקע. ניט ווייט האָט אַ יונגער בחור מיט אַ גרויסער בלעך פֿאַרהאַלטן דאָס וואַסער אין אַ קינסטלעך־געמאַכטן ריוו, דורך וועלכן דאָס גראָז אַרום איז באַ־וואַסערט געוואָרן. איך האָב אים דערלאַנגט ציגאַרעטן — מיר האָבן פֿאַר־רויכערט. ער איז געווען אַרום צוואַנציק, אויסגעמאָגערט, מיט קראַנקע אויגן, איבער וועלכע ער האָט געהאַט אַריבערגערוקט דאָס היטל. מיר זיינען באַלד געוואָרן היימיש.

— קוואַנטאָ דיסטאַנצאַ לאַ פּראַנטיערע לאַ סוויצעראַ? — פֿרעג איך ביי אים, צו וויסן ווי ווייט ס'איז די גרענעץ.

— קוועסטאַ פּראַנטיערע — ווייזט ער מיר אָן אויף אַ ניט ווייט שניי־בערגל.

ער זאָגט עס אַזוי פּשוט, ווי ער וואָלט מיר גלאַט אָנגעוויזן אויף אַ שכנס הויז. און ס'האָט טאַקע אויסגעוויזן זייער נאָענט אויך — אַ צען, פֿופֿצן מינוט גאַנג. אָבער תיכּף האָב איך זיך דערמאָנט, אַז שוין ניט איין מאָל האָב איך זיך אַזוי גענאַרט. די לופֿט אין די בערג איז אַזוי שיטער, אַז דאָס וויטסטע קוקט־אויס ווי מיט דער האַנט צו גרייכן.

— נעכטן — דערציילט ער מיר בסוד, נאָכדעם ווי ער האָט באַ־וואַסערט אַ טייל פֿון דער לאַנקע — נעכטן איז דאָ אַריבער די גרענעץ אַ גאַנצע אָפּטיילונג סאָלדאַטן. זעסט דאָרט דאָס שטיבל? דאָס איז דאָס פֿינפֿטע, דאָס לעצטע גרענעץ־שטיבל אין יענעם באַרג־שניט.

— אין וועלכן באַרג־שניט?

— פֿון סאַן בערנאַרד — ווייזט ער נאָכאַמאָל אויפֿן שניי־בערגל — הינטער דעם פֿערטן שטיבל וואוינט דער איינזידלער, ביי וועלכן דו ביזט געווען. און דאָ אין פֿינפֿטן, לעבן פּולוואַרק, האַלטן זיך אויף די דריי גרענעץ־וועכטער, וועלכע גייען יעדן אין דער פֿרי טרינקען מילך ביים איינ־זידלער. זיי דאַרפֿן באַלד דאָ זיין.

ניט וואַרטנדיק לענגער, וואַרף איך אַראָפּ פֿון זיך דעם רוקן־זאַק, לויף צום וואַסער און נעם אַרבעטן מיט דער בלעך, ווי מיין נייער פֿריינט האָט עס פֿריער געטאָן. דער יונגער בחור פֿאַרשטייט אָפּנים וואָס דאָ קומט פֿאָר און באַהאַלט אויף גיך מיין רוקן־זאַק הינטער אַ פֿעלז. און אָט זיינען שוין טאַקע דאָ די דריי גרענעץ־סאָלדאַטן — קאַריביניערים אין זייערע פּעלע־רינעס! איך אַרבעט און קוק זיך ניט אום, אָבער דאָס האַרץ טיאַכקעט: באַלד וועלן זיי מיר אַוודאי אַ קלאַפּ טאָן אין פּלייצע און זיך אַ נעם טאָן צו מיר! אָבער ניין, זיי שטעלן זיך אַפֿילו ניט אָפּ — זיי גייען ווייטער און פֿאַרשווינדן. איך קוק נאָך אַלץ אין זייער ריכטונג מיט פֿאַרדאַכט.

— קום מיט מיר — זאָגט דער בחור און פֿירט מיך אויפֿן בוידעם

פון אַ שייער — שלאָף זיך דאָ אויס, און בייַנאַכט וועל איך דיר ווייַזן דעם וועג.

ער איז נאָך צוריקגעקומען מיט אַן עמער וואַסער און אַ שטיק פּאַ־לענטע, און צוגעזאָגט בייַנאַכט מיך אויפצוואַועקן.

דאָס איז געווען דער לענגסטער טאָג אין מיין לעבן. אָבער בייַנאַכט, ווען ער האָט מיר דערקלערט ווי אַזוי צו גיין, האָט עס ניט גענומען קיין האַלבע שעה און איך בין געווען לעבן דעם לעצטן וואַך־שטיבל. ס'האָט זיך דאָרט געלויכטן. איך בין עס שטילערהייט אַרומגעקראָכן און גענומען קלעטערן איבער פעלזן. וואָס העכער, אַלץ קעלטער, אַלץ מער אייז און שניי. אָבער ס'איז נאָך גאַנץ ווייט פון שפּיץ. ס'איז אין מיטן נאַכט, דער ווינט פייפט שניידיק דורך דער לופט — באַלד קאַלט, באַלד וואַרעם — איך ציטער אין איינזאַמקייט. קלאָרע שטערן קוקן אויס ווי קליינע לבנות מיט שפּיצן, און דאָך עפּעס כמורנע. איך שטיי ווי פאַר אַ וואַנט, אָבער איך קלעטער אַרויף ווייטער — דער שפּיץ! ווידער שניי־פעלדער, אָבער איצט גייט עס שוין באַרג־אַראָפּ. נאָר ס'איז עפּעס פייכט דער באָדן, גליטשיק, און מיט אַמאָל — איך פאַל, און ווער מיטגעשלעפּט פון אַ מאַסע אייז! אינסטינקטיוו נעם איך זיך קאַטשען אויף אַ זייט — אַלץ שנעלער און שנעלער, כדי וואָס גיכער צו דערווייטערן זיך פון דער גליטשיקער, זיך קוליענדיקער מאַסע. איך געפין זיך אַפּנים ביים באַרג־שניט, איבער אַ טיפן תהום, וואָרים אַט האָט זיך די ריזיקע מאַסע אייז און שניי אַ קאַטשע געטאָן אויף אַראָפּ, און פאַלנדיק, זיך נאָך עטלעכע מאָל אָנגעשלאָגן אָן פעלזן, ביז זי קראַכט אַריין ערגעץ טיף אונטן און צע־עכאָט זיך מיט אַ כוח פון מעכטיקע דונערן. אַ נס, וואָס איך האָב זיך אין צייט אָפּגערוקט! און אַט גיי איך שוין צווישן קשאַקעס און ביימלעך, אַלץ גיכער און גיכער, באַרג־אַרונטער.

די נאַכט נעמט פאַרשווינדן — עס ווערט העלער. איך הער, דאַכט מיר, שטימען — שאַטנס באַווייזן זיך — מענטשן קומען — אָבער ווער האָט מורא! אַט שטיי איך פאַר זיי:

— הע, סיניאָרע, קוואַנטאַ דיסטאַנצאַ לאַ פראַנטיערע לאַ סוויצעראַ?

— פרעג איך.

— קוועסטאַ לאַ סוויצעראַ — ענטפערן זיי.

די שווייץ! דאָס זיינען שווייצאַרישע טוריסטן. איך לאַך און וויין און טאַנץ פאַר פרייד, און נעם זיי דערציילן מיין גאַנצע געשיכטע וועגן אַנטלויפן פון איטאַליענישער געפאַנגענשאַפט. די שווייצער האַלטן מיך פאַר אויסער־געוויינלעך מזלדיק: דאָ אַרום, דערקלערן זיי, קומט זעלטן ווער אַריבער, ווייל אָפט רייסן זיך דאָ אָפּ אויפגעווייכטע פלאַכטעס אייז און שניי און ווערן געפערלעך פאַר די טוריסטן. ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק, זאָגן

זיי, האָט אַזאַ לאַווינע אַרונטערגעקראַכט — — גאָט מיינער! דאָס איז עס דאָך טאַקע דאָס נאַסע בערגל, וואָס האָט שיער נישט אויך מיך מיט־געשלעפּט!...

ס׳דאַרף נעמען אַ צוויי שעה, ביז מ׳קומט צום הויפּט־שטראָז, וועלכער פירט, אויף לינקס, קיין פראַנקרייך, און רעכטס — צו אַ שווייצאַרישע דערפל. אַלע פריילעכע לידלעך, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט און געקענט, האָב איך איצט אויסגעזונגען. איך בין ניט געגאַנגען, נאָר געטאַנצט, גע־שפּרונגען! ענדלעך, ענדלעך איז עס מיר געלונגען! — כ׳בין שטאָלץ מיט דעם, און איך וואָלט זיך אַליין געהאַלדזט פאַר פרייד! צוויי נשמות האָבן זיך געפּרייט אין מיר: איינע, וואָס האָט באַוויזן אַזאַ טאַט, און אַ צווייטע, וואָס האָט די טאַט באַוואונדערט.

אַזוי בין איך אָנגעקומען אין שטעטל אָרסיער. איך בין אַריין אין אַ שענקל און זיך פריידיק געלאַבט מיט קאַווע און ברויט מיט פּוטער. דער־נאָך בין איך גלייך אַוועק צום קליינעם באַן־הויף. ווען איך האָב באַ־געגנט, האָב איך באַלד געגומען דערציילן די געשיכטע פון מיין אַנטלויפן; אָבער די מענטשן דאָ האָבן גערעדט פראַנצויזיש און קיינער האָט מיך ניט פאַרשטאַנען. ביז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יונגער לערערין פון באַזעל, וועלכע האָט גערעדט דייטש. זי איז געווען באַגייסטערט פון מיין געשיכטע און תיכף געוואָלט מיר קויפן אַ באַן־בילעט קיין באַזעל. דערווייל האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אונדז אַ רעדל מענטשן, און איינער, מיט אַ קליין, שפּיציק בערדל, נעמט מיך אַוועק אין אַ זייט און זאָגט צו מיר מיט אַ שטאַרק פראַנצויזישן אַקצענט:

— פאָרט ניט קיין באַזעל: זיי זיינען דאָרט משוגע־פּאַטריאָטיש און וועלן אייך נאָך צוריקשיקן אין מלחמה. קומט בעסער מיט מיר קיין לוזאַן און פון דאָרט וועט איר פאָרן קיין גענף, וואו איר קאָנט בלייבן ביז איבער דער מלחמה. שוין גענוג געמאַכט „בום־בום״.

— יאָ — ווענד איך איין — אָבער איך האָב דאָך ניט גענוג געלט, און די דאַמע וויל מיר קויפן אַ בילעט ביז קיין באַזעל.

— איך וועל אייך קויפן אַ בילעט ביז קיין גענף — באַרואיקט ער מיך און איילט שוין צו דער קאַסע.

אַזוי האָבן צוויי פרייע פראַנצויזישע בירגער זיך געדונגען איבער מיין גורל.

אין לוזאַן האָב איך מיטן פראַנצויז נאָך געגעסן אָנבייסן, און נאָכמיטיק בין איך שוין געווען אין גענף. עס איז אַריינגעפאָרן אין סטאַנציע אַ צוג מיט דייטש־עסטרייכישע אינוואַלידן, וועלכע מ׳האָט געהאַט אויסגעביטן פאַר פיינטלעכע אינוואַלידן. האָב איך זיי גענומען דערציילן די געשיכטע

פון מיין אַנטלויפן. פּלוצים נעמט מיך אָן אַ שווייצאַרישער זשאַנדאַר פאַרן אַקסל און פירט מיך אַפּ צו דער באַן־הויף־קאָמאַנדע.

— ווער זייט איר? — פרעגט דער קאָמאַנדאַנט.

— אַן עסטרייכישער סאָלדאַט — ענטפער איך.

— וואָס טוט איר דאָ?

איך דערצייל אים מיין געשיכטע.

דערווייל האָט עמעצער געלאָזט וויסן דעם עסטרייכישן קאָנסולאַט, און ס'איז אַריבערגעקומען אַ באַאַמטער, וועלכער גאַראַנטירט פאַר מיר ביי דער שווייצאַרישער פּאָליציי און אַנטשולדיקט זיך אַפילו וואָס דער קאָנסול אַליין האָט ניט געקאָנט קומען. ער פירט מיך דערנאָך אין אַן ערשט־קלאַסיקן האָטעל און דערקלערט מיר, אַז איך בין דאָ דער גאַסט פון דער עסטרייכישער געזאַנדשאַפט. מאָדנע...

ער האָט מיך איבערגעלאָזן אַליין אין מיין צימער. עס קומט אַריין אַ שיין האָטעל־מיידל מיט האַנטיכער.

— ווייסט איר, אַז איך בין אַן אַנטלאָפענער? — וויל איך אין מיין פרייד אויך איר דערציילן מיין געשיכטע.

— האָט איר נאַז־טיכלעך? — שלאָגט זי מיר איבער מיט אַ קאָקעטיש שמייכעלע.

— ניין — שטוין איך.

— נעמט־זשע פריער אַ באַד, דערנאָך וועט איר עסן דאָ אונטן אין האָטעל, און נאָכדעם וועל איך אייך ברענגען טיכלעך, וועט איר מיר דער־ציילן אייער גאַנצע געשיכטע. איצט אייל איך זיך.

כ'האָב אויף גיך גענומען אַ באַד און בין, אַ ניט־ראַזירטער, אין מיינע צעריסענע, קויטיקע קליידער אַראָפּ אין עס־זאַל. ביי די טישן זיינען געזעסן הערן און דאַמען אין אָוונט־טואַלעט — זיי האָבן שוין געוואוסט וועגן מיין געשיכטע. ס'איז צוגעקומען דער קעלנער.

— גיט מיר אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אויסגערעכנט — וויז איך אים אויף דער שפּייז־קאַרטע.

מ'ברענגט מיר קאַוויאַר, אויסטערס און דאָס בעסטע וואָס זיי האָבן. דער קעלנער איז באַגייסטערט פון מיר: אַזאַ הונגעריקן גאַסט האָט ער נאָך קיינמאָל ניט סערווירט. אַפילו די אַנדערע געסט שמייכלען צופרידן איבער מיין אַפּעטיט.

אויסגעטרונקען אַ פלאַש שאַמפּאַניער, און מיטגענומען איינע מיט זיך, אייל איך צוריק אין מיין צימער — די נאַז־טיכלעך...

איך האָב ניט לאַנג געוואַרט: די קליינע מיט די קאַרשן־אויגן איז אַריינגעקומען מיט אַ נאַז־טיכל אין האַנט. מיר האָבן זיך באַלד גענומען צו דער פלאַש שאַמפּאַניער, און איך האָב איר אויסדערציילט אַלץ וועגן

דעם קריג, וועגן מיין געפאַנגענשאַפט אין איטאַליע און וועגן מיין אַנט־לויפן. און זי האָט נאָר געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— איז ניט איטאַליע אַ וואונדערבאַר לאַנד?

יאַ, באמת וואונדערבאַר... און אַזוי האָבן זיך אונדזערע הערצער אַריינ־געגנבעט איינס אין דאָס אַנדערע — —

ס׳איז שוין געווען שטאַק פינצטער, ווען איך האָב געענדיקט מיין געשיכטע, און דערנאָך האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט זיך געזונגען דאָס אייביקע ליד פון ליבע.

גאַנץ פרי, איידער זי איז אַוועק, האָט זי בלויז אַ זאָג געטאָן מיט טרערן אין די אויגן:

— איך בעט דיך, פרעמדער, מוזט מיר עפּעס צוזאָגן.

— זיכער, קינדעלע, איך וועל ניט בלויז צוזאָגן, נאָר אויך האַלטן וואָרט.

וויל זי איך זאָל מיט איר חתונה האָבן? וויל זי אַנטלויפן מיט מיר? איך בין אויף אַלץ גרייט געווען, אַבי זי זאָל ניט וויינען. טרערן וועקן אין מיר שטענדיק טרויער און חרטה. זי אָבער האָט שטיל, ניט דרייסט געזאָגט:

— איך בין אַן איטאַליענערקע און האָב צוויי ברידער אויפן פראָנט. בעט איך דיך, פרעמדער סאָלדאַט, שיס נישט אויף זיי...

ווידער זיינען אירע קאַרשן־אויגן געווען פול מיט טרערן.

— האָסט מיך ליב? — פרעגט זי פלוצים.

איך האָב עפּעס אַ זאָג געטאָן און זי אַרומגענומען.

— אויב דו האָסט מיך ליב, מוזטו מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט מער קיינמאָל ניט שיסן אויף קיין איטאַליענישן סאָלדאַט, און אויך ניט אויף קיין אַנדערע איטאַליענישע מענטשן.

כמעט אַ פאַרשעמטער, מיט אַ פאַרשטיקטן קול האָב איך עס איר צו־געזאָגט. און גאָט איז מיין עדות, אַז איך וועל אָט דעם צוזאָג אייביק האַלטן.

אין דער היים, אין דער היים וועט מען ווידער זיך זען

אויף מאָרגן האָט מיך אָפיציעל אויפגענומען דער עסטרייכישער קאָנסול, אַ יונגער, צוגעלאָזענער מאַן מיט אַ פיינער, בלאָנדער באָרד. עלטערע און יינגערע יחסנישע הערן און דאַמען, וועלכע זיינען געווען דאָרט פאַרזאַמלט, האָבן זיך באַלעקט מיט דער געשיכטע פון מיין אַנטלויפן און מיך געלויבט פאַר מיין „פאַטריאָטישער טאַט". גיי דערצייל זיי, אַז מיר איז גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו אַנטלויפן צוליב „פאַטריאָטיזם"! איך

בין אַנטלאָפן צוליב — וואָס ? „פרייהייט״ ? נו, דאָס איז אַ צו הויך וואָרט פאַר דעם. איך האָב פשוט געוואָלט זיין פריי, צו קאָנען שפּילן טעאַטער און זיך אויסלעבן סעקסועל. אפשר אויך אַביסל צוליב אַוואַנטורע, צו קאָנען שטילן מיין נייגער: וועט געלינגען צו אַנטלויפן, צי ניט ? אָבער זיכער ניט צוליב „פּאַטריאָטיזם״, ווי אַט די ליידיקגייערס האָבן מיר געוואָלט איינרעדן.

נאָך דעם זעלבן באַכמיטיק האָט דער קאָנסול מיך פאַרבעטן אין זיין פּריוואַטער ווילע און מיר דערקלערט, אַז לויט דעם אינטערנאַציאָנאַלן קריגס־געזעץ מוז איך אינטערנירט ווערן אין דער שווייץ. אַהיימשיקן מיך קאָן ער ניט. אָבער אַזוי ווי מיין אינפאָרמאַציע וועגן דער געפאַנגענשאַפט איז פון גרויס וויכטיקייט, וואָלט ער מיר „פּריוואַט״ געראָטן זיך אַריינ־גנבענען היינט ביינאַכט אין עסטרייכישן אינוואַלידן־צוג, כדי דערנאָך, „אין דער היים״, איבערצוגעבן גענוי אַלע איינצלהייטן.

— גאַנץ פיין, עקסצעלענץ — זאָג איך אים שוין גאָר נישט „דיפּלאָ־מאַטיש״ — אָבער פאַר מיר איז די מלחמה געענדיקט, און איך האָב גאָר נישט קיין חשק אַנצוהויבן נאָכאַמאָל פון אָנהויב. איך וויל זיין פריי און שפּילן טעאַטער.

— איר וועט שפּילן טעאַטער — דערקלערט ער מיר אַביסל דיפּלאָ־מאַטיש — דאָ וועט מען דאָך אייך אינטערנירן און איר וועט ווידער ווערן אַ געפאַנגענער. אָבער איך קאָן אייך מיטגעבן אַ פּאַפּיר, וואָס וועט אייך באַרעכטיקן אַרויסצוטרעטן פון מיליטער־דינסט און ווידער אַריין אין ציווילן לעבן.

זאָל זיין, טראַכט איך, אַבי ניט ווידער זיין געפאַנגען ! האָב איך באַלד אין אָוונט זיך אַריינגעגנבעט אין אינוואַלידן־צוג און דעם צווייטן טאָג זיינען מיר שוין געווען אין דעם עסטרייכישן גרענעץ־שטעטל פרייבערג, אין פאָראַרלבערג.

דאָס באַליבטסטע לידל ביי עסטרייכישע סאָלדאַטן איז געווען : „. . . אין דער היימאַט, אין דער היימאַט, דאָ גיבט׳ס איין ווידער־ווידער־ווידערזען״ — — איז דאָס געווען אַ „ווידערזען אין דער היים״ !... מען האָט פאַרזאַמלט די אינוואַלידן אין באַן־רעסטאָראַן. אַמאָל האָט מען זיי פון דאָנען אַרויסבאַגלייט מיט מוזיק — היינט שלעפּט מען זיך מיט די קאַליקעס אָן הענט און אָן פיס, ווי ביי אַ לוויה פון לעבעדיקע מתים. אייניקע ברענגט מען אַריין אויף טראָג־בעטלעך, אַנדערע הינקען אַריין אויף פּראָוויזאָרישע קוליעס, און נאָך אַנדערע, יונגע מענטשן מיט פאַרבאַנדאַזשירטע אויגן אָדער אין שוואַרצע ברילן, ווערן געפירט פון גייענדיקע קאַליקעס. קאָמי־טעט־מומעס און צדקה־ווייבער באַגריסן זיי מיט ליגנערישע שמייכלען. אַן אַלטער מאַן, וואָס שאָקלט מיטן גאַנצן קערפּער און קוקט־אויס, אין זיין

אַלטמאָדישן גענעראַל־מונדיר מיטן צוויקער אויף דער נאָז, ווי אַ קאָסטיוּ־מירטער שוסטער אויף אַ מאַסקן־באַל, נעמט איבער דעם אינוואַלידן־טראַנספּאָרט. זיכער שוין דרייסיק יאָר אויף פּענסיע, האָט מען איצט אָט דעם גענעראַל פון אַ וויץ־בלאַט מאָביליזירט צו זיין דער קאָמענדאַנט פון מענטשלעכע שאַרבנס, — אַ רעזולטאַט פון „דיפּלאָמאַטיע" און מלחמה־העצעריי אין אונדזער יאָרהונדערט. איך גיב אים איבער דעם בריוו פון גענעראַל־קאָנסול. דער אַלטער, טויב ווי אַ גלאָק, צעשאָקלט נאָך מער זיין קאָפּ און, מיט אַן אָנשטעל פון אַ מיליטעריסט, צעקרעכצט ער זיך מיט אַ בייז־וויינענדיק שטימעלע:

— זייט ווען נעמען זיך די ציוויליסטן דאָס רעכט צו זאָגן אונדז, מיליטערלייט, וואָס צו טאָן?

ער דערלאַנגט דעם בריוו זיין אידיאָטיש־שמייכלענדיקן אַדיוטאַנט און הייסט מיר אויסשטעלן אַ רייזע־בילעט צו מיין „ערזאַץ־באַטאַליאָן", וואָס גרייט־צו אָפּטיילונגען פאַרן פראָנט.

„אין דער היימאַט, אין דער היימאַט — — אין ווידערזען"!...

מען האָט אונדז נאָך געמאַכט אַ „באַנקעט" מיט שיטערער זופּ, פאַר־שימלט ברויט און מיט פעטע רעדעס, געהאַלטן פון בירגערמייסטער, פון גענעראַל און פון אַ גלח. דערנאָך בין איך אַוועקגעפאָרן איבער ווין קיין עסטרייכיש־שלעזיע צו מיין ערזאַץ־באַטאַליאָן. אין צוג האָבן סאָלדאַטן געפירט אָנגעפּאַקטע רוקן־זעק. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אין ווין הונ־גערט מען און די סאָלדאַטן מאַכן געלט פון אַריינשמוגלען שפּייז. אַזוי ווי אויף מיין רייזע־בילעט איז ניט געווען קיין אָנגעגעבענע דאַטע, בין איך מיט אַזאַ שמוגלער־גרופּע מיטגעפאָרן קיין לובלין און צוריקגעבראַכט קיין ווין צוויי פולע רוקן־זעק מיט חזיר־פעטס.

איצט האָב איך זיך געלאָזן איבער די ווינער טעאַטערס זוכן אַן „אויפ־טריט". אין אַ קליין טעאַטערל, וואו מען האָט געשפּילט גאָלדאַניס „מיראַנ־דאָלינאַ", איז גראָד קראַנק געוואָרן דער הויפּט־קאָמיקער. האָבן זיי מיר פאָרגעשלאָגן נאָך דעם זעלבן אָוונט צו שפּילן די ראָל. אַ שעה פאַר דער פאָרשטעלונג האָבן מיר זיך באַדאַרפט „איינפאַרשטיין" וועגן שפּילן, אָבער קיינער פון די שפּילער איז ניט געקומען. בין איך שוין געגאַנגען שפּילן אינגאַנצן אַן פּראָבע. דאָס שטיק איז אין פערזן; האָב איך אַ צעטומלטער, באַלד ביים ערשטן אויפטריט, זיך פאַרהיקעט. און מיינע ווינער קאָלעגן, אָנשטאָט מיר צו העלפן, האָבן גענומען מיך אויסלאַכן אויף דער אָפענער בינע, און דאָס פובליקום האָט מיטגעלאַכט. מיר איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. איז מיין טעאַטער־שפּילן געווען בלויז אַ בייזער חלום?... נאָך גוט וואָס איך האָב אַ באַטאַליאָן, וואוהין איך קאָן אַנטלויפן פון מיינע ווינער קאָלעגן.

דער באַטאַליאָנס־קאָמאַנדאַנט האָט מיך וואַרעם באַגריסט. בין איך דאָך געווען דער איינציקער אין אונדזער רעגימענט — און זיכער צווישן געציילטע אין דער גאַנצער עסטרייכישער אַרמיי — וואָס איז אַנטלאָפן פון איטאַליענישער געפאַנגענשאַפט. זיין אַדיוטאַנט, הויפּטמאַן ווייגעל, האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר מיין געוואַגטן אַנטלויפן איבער די אַלפּען וועל איך זיכער באַלוינט ווערן מיט דעם גרויסן גאָלדענעם מעדאַל פאַר מוט און דרייסטקייט. דער אָבערסט האָט מיך פאַרבעטן אויף אָוונט־ברויט מיט די אָפיצירן. דאָ האָב איך באַגעגנט אייניקע פריינט, איצט שוין אָפיצירן, וועלכע זיינען נאָך מיט מיר געגאַנגען אין דער אייניעריקן־שולע. אַנדערע זיינען שוין געווען טויט, אָדער אין געפאַנגענשאַפט.

נאָכן עסן, בעת מיר האָבן געטרונקען שוואַרצע קאַווע מיט קאָניאַק, האָב איך ווידער געמוזט דערציילן די געשיכטע פון מיין אַנטלויפן. אַנ־גערעגט פון אַלקאָהאָל און די באַגריסונגען, האָב איך גאַנץ פריי, אָן שום דיפּלאָמאַטישע באַפוצונגען, דערציילט ווי אַזוי מען האָט אונדז גענומען געפאַנגען און וועגן דעם לעבן אין לאַגער פאַר געפאַנגענע, וועגן די קריגערייען, וואָס קומען דאָרט פאָר צווישן די סאָלדאַטן פון פאַרשיידענע נאַציעס, און דער עיקר וועגן די טשעכן. אָבער זע — אָט זיצט דאָך דער הויפּטמאַן טשערני! אויך ער געפינט זיך איצט ביים ערזאַץ־באַטאַליאָן. ער פילט זיך אומבאַקוועם פון מיינע באַמערקונגען וועגן די טשעכן, הוסטלט ער אונטער, גיסט אין זיך ווינען שיסט צו מיר אַריבער בייזע, פייערדיקע בליקן — ווי דעמאָלט, ווען ער האָט מיך געצוואונגען, מיט מיין מכה אונטערן אָרעם, צו שטיין פאַר אים אויסגעצויגן „האָבט אַכט“. אין דער אַרמיי האָט מען געוואוסט ווי אַזוי די טשעכן פאַרהאַלטן זיך, נאָר קיינער האָט וועגן דעם ניט גערעדט. אָבער איך האָב זיך דערלויבט אָפנהאַרציק צו דערציילן ווי די זעלבע טשעכישע אָפיצירן, וועלכע פלעגן פריער אונדז פאַרמוטשען מיט שקלאַפישער דיסציפּלין, האָבן אין געפאַנגענשאַפט באַלד זיך פאַרברידערט מיט איטאַליענישע אָפיצירן. מיר איז אַפילו קלאָר געווען, אַז די האַלטונג פון טשעכישן פאָלק איז אַ גערעכטע. אָבער ווייל אַנטקעגן מיר איז געזעסן טשערני, וועלכער פלעגט זיך אַזוי איזדיעקעווען איבער מיר און זיך אַפילו פאַרמאָסטן מיך צו דערשיסן — איז מיין יעדע באַ־מערקונג וועגן טשעכן געמאַכט געוואָרן אויפן פּערזענלעכן חשבון קעגן טשערנין, און יעדער זאָץ האָט געפּאַטשט אין זיין פאַרשיכורטן פּרצוף, אַז ער האָט שיער ניט געפּלאַצט, ווי דעמאָלט מיין מכה אונטערן אָרעם! ערשט שפּעטער האָב איך גענומען דערציילן אָביעקטיוו וועגן מיין אַנטלויפן, און אַלע האָבן זיך צוגעהערט געשפּאַנט. ס'איז געוואָרן פריילעך און מיר האָבן געטרונקען ביז אין ווייסן טאָג אַריין.

ביי טשערנין, ווי מיין געוועזענעם קאָמאַנדאַנט, האָב איך באַדאַרפט

„אָפיציעל" מעלדן מיין אַנטלויפן פון דער געפאַנגענשאַפט, ער זאָל מיך פאַרשלאָגן פאַר אַ מעדאַל.

— וואָס ? — האָט ער זיך צעבייזערט נאָך איידער איך האָב געענדיקט מיין מעלדונג — איר זייט אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט ? ! דערציילט עס דער יידישער באָבע אייערער ! דערצערטירט האָט איר, איר ביטרע יידלאַק ! איר האָט זיך אויסבאַהאַלטן און איצט וואָלט איר נאָך וועלן באַקומען דערפאַר אַ מעדאַל ? אַ דרעק וועט איר באַקומען, ניט קיין מעדאַל — אַזוי לאַנג ווי איך בין האַופּטמאַן !

איצט האָב איך שוין מער ניט קיין מורא געהאַט ווי אַמאָל, און איך האָב זיך העכער צעשריגן :

— הער האַופּטמאַן זאָגט ניט דעם אמת ! איר האָט ניט קיין שום רעכט מיך און מיין פאָלק צו באַליידיקן !

— ס'מויל האַלטן, פּרעכער קאָמעדיאַנט ! שוויגן, אָדער איך דערשיס אייך ווי אַ הונט !

איך האָב זיך איצט אויסגעלאַכט פון אים און גענומען אַזוי שרייען, אַז מענטשן פון שכנות זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן :

— אַנו, פּרואוווט שיסן, הער האַופּטמאַן ! שיסט ! איר וועט זיך נאָך לאַנג איבערלייגן, איידער איר וועט שיסן.

איך בין גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויף אים, אויב ער זאָל וועלן אַרויסנעמען דעם רעוואָלווער. ער האָט אָבער דערשמעקט די ערנסטקייט פון דער סיטואַציע און האָט עס ניט געטאָן.

— „טאַג־קאַרפּאַראַל !" — האָט ער, ברוין־און־בלאָ פון כעס, געריפן דעם אונטעראָפיציר, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין דינסט — פירט אים אַוועק און זעצט אים איין, דעם פאַרברעכער !

מען האָט מיך אַרעסטירט.

„אין דער היים, אין דער היים וועט מען ווידער זיך זען"...

ס'איז מיר קלאָר געוואָרן מיין נאַרישקייט : איך האָב איינגעשטעלט מיין לעבן צו אַנטלויפן פון „שונאס לאַגער", כדי דערפאַר אין דער אייגענער „היים" אַרעסטירט צו ווערן... כ'האָב שיער ניט געוויינט פון פאַרדרוס. „איך וועל עס ניט פאַרשווייגן", האָב איך באַשלאָסן און האָב אָנגעשריבן צום קריגס־מיניסטעריום אַ בריוו פון צען זייטן וועגן אַלץ, וואָס איז מיר געלעגן אויף דער נשמה. „זייער געערטער הער קריגס־מיניסטער !" — האָב איך אָנגעהויבן מיין בריוו, ווי איך וואָלט זיך פשוט באַקלאָגט פאַר אַן עלטערן הער וועגן דעם אומרעכט, וואָס ס'איז מיר געשען — ווי איך וואָלט געשריבן צו אַ סוחר, וואָס אַנשטאָט ראַיעלע סחורה האָט ער מיר בראַק אַריינגעשיקט — ווי צו אַ פיש־הענדלער, וואָס האָט מיך אַריינגענאַרט מיט פוילע, פאַרשטונקענע פיש. איך האָב אים דערציילט וועגן טשערניס

באַנעמען זיך אויפֿן פֿראָנט, ווי די טשעכישע אָפֿיצירן האָבן זיך געחברט מיט די איטאַליענער, וועגן מיין אַנטלויפֿן און וועגן מיין בריוו פֿון קאָנסול, און פֿאַרענדיקט האָב איך: „ . . . דאָס אַלץ, הער מיניסטער, שרייב איך אייך פֿון געפֿענגעניש, און איך פֿרעג אייך: צי האָב איך, ווי אַ בירגער, קיין שום אַנדער רעכט ניט, ווי בלויז שטאַרבן פֿאַר מיין פֿאָטערלאַנד ?"

איך האָב אונטערגעשריבן מיין פֿולן נאָמען און אויך די אָפּטיילונג און רעגימענט, ביי וועלכן איך דין. ביים באַטאַליאָנס־קאָמאַנדאַנט האָב איך זיך ניט באַקלאָגט, און טשערנין האָב איך מער ניט געזען — איך בין געווען צוגעטיילט צו אַן אַנדערער אָפּטיילונג.

דאָס לעבן ביים באַטאַליאָן איז איצט געווען גאַנץ אַנדערש. ס׳איז שוין געווען ווינטער 1917. דאָס עסן איז געווען פֿיל ערגער, די דיסציפּלין לויז. די יינגערע אָפֿיצירן האָבן נאָך אַפֿילו שטאָלץ געטראָגן זייערע מעדאַלן — וואָס האָט שוין אָבער אויף קיינעם מער קיין איינדרוק ניט געמאַכט — נאָר די עלטערע רעזערוו־אָפֿיצירן זיינען שוין געווען מיד. פֿון רוסלאַנד זיינען געקומען ידיעות וועגן אַ רעוואָלוציע — סעפּאַראַט־פֿרידן — מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם צאַר! אונדזערע אוקראַאינער האָבן גענומען „פֿילאָזאָפֿירן" צווישן זיך — ס׳איז געווען קלאָר, אַז אויך די עסטרייכישע בודע שאָקלט זיך. מ׳האָט ניט גערעדט וועגן דעם, וואָרים קיינער האָט זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן אַ פֿולשטענדיקן צוזאַמענברוך, אָבער יעדער האָט געוואוסט, אַז דער קריג איז שוין פֿאַרלוירן. די אַנרוקנדיקע קאַטאַס־טראָפֿע האָט צעטומלט. די אומזיכערקייט פֿון מלחמה איז איצט געווען אַ סך ביילעטער ווי אין אָנהויב פֿון קריג, און יעדער האָט געוואָלט וואָס פֿריער אַהיים און דאָרט אָנהויבן אַ ניי, בוצלעך לעבן: אַרבעטן ווידער אין די וואַרשטאַטן און אויף די פֿעלדער, זייען און שניידן, ברענגען קינדער אויף דער וועלט און זיי דערציען, זיצן זונטיק מיט שכנים אין קרעטשמע און ביי אַ גלעזל ביר אָדער שנאַפּס שמועסן וועגן פּאָליטיק און געשעפֿט.

די פֿעלדוועבלס און די פֿריש־געבאַקענע יונגע קאַדעטן און לייטנאַנטס, וועלכע — קוים פֿון גימנאַזיע אַרויס — האָבן זיך דערפֿילט ווי ריטערס אין זאָטל, האָבן נאָך אַלץ געשונדן די הויט פֿון די סאָלדאַטן. דערצו נאָך איז די פֿרעמדקייט צווישן אונדזערע אוקראַאינער ביים רעגימענט און דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג געוואַקסן ביז שנאה. די הונגעריקע סאָלדאַטן פֿלעגן ביינאַכט פֿאַרשווינדן פֿון זייערע געלעגערס און גיין גנבענען וואָס עס האָט זיך געלאָזן. ס׳האָבן ניט געהאָלפֿן די קלאַגעס פֿון די באַגנבעטע און דער קאָנטראָל פֿון די פּאַטרולן אין דער נאַכט. סאָלדאַטן האָבן מיט פֿאַרשיידענע זאַכן אַזוי כיטרע אויסגעלייגט זייערע פֿאַרלאָזענע געלעגערס, אַז ביים קאָנטראָלירן זיינען די פּאַטרולן געווען איבערצייגט, אַז די סאָל־דאַטן שלאָפֿן צוגעדעקטע אויף זייערע געלעגערס. איבעריקנס האָבן די

פּאַטרולן אַליין געוואָלט זיין איבערצייגט וועגן דעם. האָט מען געגנבעט ביי דער באַפעלקערונג די לעצטע קאַרטאָפל פון פעלד, דאָס לעצטע זעקל קאָרן פון שפּייכלער, די לעצטע הון פון שטעלכל, און דערנאָך עס פּאַרקויפט אין שכנישן דאָרף. מ׳האָט אויך פּאַרקויפט די אייגענע מאַנטלען און שיך, די לייוונט פון געצעלטן, און פאַר דעם געלט האָט מען זיך געקויפט עסן. איינמאָל, ווען איך מיט נאָך צוויי מאַן זיינען געגאַנגען אויף פּאַטרול איבער אַ פעלד, האָבן מיר געטראָפן אַ גרופּע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גע־קאָכט אין אַ גרויסן קעסל צוויי פעטע, געגנבעטע גענז. זיי האָבן זיך אָבער ניט איבערגעשראָקן פאַר אונדז — פאַרקערט, זיי האָבן אונדז פאַרבעטן צו זייער סעודה, און אַזוי האָבן מיר דריי אַזייגער פאַרטאָג געהאַט אַן אויס־געצייכנטן אָנבייסן מיט הייס־געקאָכטע גענז און ברויט און ביר. צו־מאָרגנס איז דער עלטסטער פון דאָרף געווען ביים הויפּטמאַן מיט אַ קלאָגע, אַז מ׳האָט ביי אים אין דער נאַכט צוגעגנבעט די צוויי פעטסטע גענז. אָבער איך, ווי דער, וואָס איז געווען אין דינסט ביינאַכט, האָב איבערגעגעבן אַ ראַפּאָרט, אַז בעת דעם קאָנטראָל האָב איך אַלע סאָלדאַטן געטראָפן אויף זייערע געלעגערס. יאָ, האָב איך ווייטער דערציילט, כ׳האָב באַמערקט אין דער געגנט עטלעכע פאַרדעכטיקע ציוויליסטן, וועלכע זיינען מעגלעך געווען פרעמדע און האָבן געגנבעט די גענז. כ׳האָב אַפילו גענוי באַשריבן ווי יענע „גנבים" האָבן אויסגעזען. פּאַקטיש האָב איך זיי קיינמאָל פאַר די אויגן ניט אָנגעזען. מיין הויפּטמאַן האָט געוואוסט, אַז איך זאָג אַ ליגן, ער איז אָבער געווען צופרידן צו האָבן די געלעגנהייט אויסצוזידלען דעם דאָרף־עלטסטן פאַר באַשולדיקן זיינע „ערלעכע" סאָלדאַטן אין גנבה. וואָרים ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס פאַרהעלטעניש צווישן אָפיצירן און סאָלדאַטן איז ניט געווען איבעריק פריינטלעך, האָט אָבער געהערשט אַ געוויסע סאָלידאַריטעט אין באַצוג צו דעם „ציווילן המון".

עטלעכע חדשים שפּעטער האָט מען מיך באַשטימט „צום ראַפּאָרט" פאַר אַ גרויס פאַרברעכן: אָנשטאָט זיך באַקלאָגן אויף אַ „דינסטלעכן וועג" (אַפּריער ביי די עלטסטע פון מיין באַטאַליאָן און רעגימענט, דערנאָך ביי דער בריגאַדע, דיוויזיע א. אַז. וו.), האָב איך גאַר געשיקט אַ „פאַלשע אַנ־קלאָגע" קעגן דעם הויפּטמאַן טשערני דירעקט צום קריגס־מיניסטעריום! מיין בריוו איז דעריבער צוריקגעשיקט געוואָרן פון ווין צו אונדזער דיוויזיע, פון דער דיוויזיע צו דער בריגאַדע, פון דאַנען צום רעגימענט, און יעדע אינסטאַנץ האָט נאָך דערצו צוגעשריבן אירע באַמערקונגען — ליגט איצט ביי מיין באַטאַליאָן אַ גאַנצער פּאַק פּאַפּירן, וואָס באַשולדיקן מיך אין דיסציפּלין־ברוך. מ׳דאַרף מיך דאַרום ניט אָוועקשיקן צום פראָנט, נאָר מיך שטעלן פאַר מיין פאַרברעכן צום קריגס־געריכט.

דער משפּט איז פאָרגעקומען אין מעהריש אָסטראַו. צוערשט האָט מען

מיך געבראַכט צו אַ מיליטערישן געריכט־אַבערלייטנאַנט, וועלכער האָט זייער ווייניק אויסגעזען מיליטעריש: דער מונדיר אויף אים — לעפּיש, דער בליק — מעלאַנכאָליש, מיט אַ פולן קאָפּ געדיכטע, גרויע האָר. דערצו איז נאָך אויף זיין טיש געשטאַנען אַ קאַלענדאַר מיט אַ דיקער אויפשריפט: „מענטש, ערגער זיך נישט — אויך דאָס וועט אַריבער.״ ער האָט מיר דערקלערט, אַז לויט די דורכגעקוקטע אַקטן, האָב איך אַ רעכט צו פאַר־לאַנגען אַ פאַרטיידיקער. ער אַליין איז געווען אַן אַדוואָקאַט אין ציוויל־לעבן און האָט גערעדט צו מיר האַלב מיליטעריש, האַלב פּריוואַט:

— ס'איז נישט קיין איבעריק שווערער פּראָצעס פאַר דיר. ערשטנס, ביסטו אַ שוישפּילער און ביסט באַרעכטיקט צו אַביסל טעמפּעראַמענט. צווייטנס, האָסטו אַ גרויסן פּלוס מיט דעם, וואָס דו ביסט אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט. אַ גוטער פאַרטיידיקער קאָן דיך אינגאַנצן אַרויסרייסן פון אַט דעם פיינלעכן ענין.

ער האָט זיך פריינטלעך צעלאַכט און מיר אָנגעוויזן אויף דער אויפ־שריפט פון זיין קאַלענדאַר. איך האָב אים געדאַנקט פאַר דער עצה און געזאָגט:

— איך דאַרף נישט קיין פאַרטיידיקער. אין שוצן־גרוב האָב איך אַליין געשאָסן, איך בין אַליין אַנטלאָפן פון דער געפאַנגענשאַפט און וועל אויך קאָנען אין געריכט אַליין זיך פאַרטיידיקן.

— זייער גוט — האָט ער געשמייכלט — אַזוי זאָלסטו אויך טענהן ביים פּראָצעס, און איך בין זיכער, אַז דו וועסט געווינען.

שוין דעם ערשטן טאָג פון דער פאַרהאַנדלונג האָב איך אַזוי שוי־שפּילעריש אַראָפּגעקנאַקט אַן אויסגעלערנטע רעדע, אַז דער ריכטער ווי דער אַנקלעגער זיינען געזעסן געשפּאַנט ווי אין אַ טעאַטער. איך בין געווען געוואַלדיק צופרידן מיט זיך, — כ'האָב געפילט, ווי איך גופא וואָלט איצט געווען אַ הויפּט־ראָל אין לעבן!

דערוויל האָט מען מיך צוריקגעשיקט צו מיין אָפּטיילונג, און מיין פאַרטיידיקונג האָט ווידער גענומען וואַנדערן דורך די פאַרגעשריבענע אינסטאַנצן — ביז די אַלע פּאַפּירן זיינען צוריקגעקומען און מ'האָט מיט מיר ווידער אָפּגעשפּילט אַ שטיק טעאַטער.

שפּעטער האָט מען אונדזער באַטאַליאָן צוריקגעשיקט אין אונדזער היימשטאָט, קאָלאָמיי. מזרח־גאַליציע איז איצט געווען אינגאַנצן רואינירט פון קריג: דאָס לאַנד איז אויסגעזויגן געוואָרן פון פאַרשיידענע אַרמייען, אייגענע און פרעמדע; אַ סך פון די מענער זיינען געפאַלן אין קריג אָדער געווען אין געפאַנגענשאַפט, אַנדערע זיינען געבליבן אייביקע קאַליקעס. איין טרייסט איז בלויז געבליבן: דער קריג וועט שוין לאַנג נית אָנהאַלטן. מיין עלטסטער ברודער מיט דער פאַמיליע האָבן איצט געוואוינט אין קאָלאָמיי,

וואוהין זיי זיינען געהאַט אַנטלאָפן, ווען די רוסן האָבן זיך דערנעענטערט. דאָס דאָרף ווערבאָוויץ איז שוין אַפילו ווידער געווען ביי די עסטרייכער, אָבער מיין ברודער האָט זיך אַהין ניט אומגעקערט, ווייל זיין הויז דאָרט און די גאַנצע באַלעבאַטישקייט איז געווען צעשטערט. די צאַרישע אַרמיי האָט אויסגעלערנט די גאַליצישע באַפעלקערונג צו מאַכן פּאָגראָמען, בפרט אין די קליינע שטעטלעך און דערפער, וואו זיי פלעגן אָנשיכורן מענטשן און זיי שיקן ראַבירן און צעשטערן יידישע היימען. און דאָך האָט זיך געבענקט אין דאָרף אַריין — זען וואָס דאָרט טוט זיך. האָב איך גענומען אורלויב, מיטגענומען מיין געווער און בין מיט מיין ברודער אַרויסגעפאָרן קיין ווערבאָוויץ.

אין דאָרף איז מען אַריינגעפאָרן באַרג־אַראָפּ, איבער אַ ניט־געפּלאַסטערטן וועג, און דער וואָגן האָט מיט אַ ליאַרעם געדאַרפט אַריבערשפּרינגען לעכער און בערגלעך. האָבן די דאָרף־מענטשן שטענדיק געוואוסט ווען עמעצער פאָרט פאַרביי און פלעגן אַרויסקריכן פון די כאַטעס, זיך דורכשמועסן אַביסל און הערן נייעס פון דער שטאָט. דאָס איז שוין געווען ווי אַ מנהג אין דאָרף. דאָס מאָל אָבער, ווי נאָר די מענטשן האָבן דערהערט דעם ליאַרעם פון אונדזער וואָגן, האָבן זיי אַלץ געלאָזן שטיין און שטילערהייט אַריין אין די כאַטעס. און ווען מיר זיינען פאַרפאָרן צו אונדזער הויז, וואו מיר אַלע זיינען געבוירן געוואָרן, האָבן מיר אָנגעטראָפן ניט מער ווי אַ חורבה — אַ הויפן ליים און ציגל, מיט איין שטיין־געבליבענער וואַנט, מיט אויסגעהאַקטע פענצטער. ס'האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרץ, ווי מ'וואָלט דערזען אַ נאָענטן ליגן טויט און צעקריפּלט... דער שטרויענער דאַך איז נאָך געווען אָנגעשפּאַרט אין דער איינציקער וואַנט; אינעווייניק זיינען געלעגן צעוואָרפן צעבראָכענע טירן, בענק, טישן און טעפּלעך, און צווישן זיי האָבן זיך געוואַלגערט בלעטער פון ספרים, וועלכע מיין ברודער האָט געירשנט פון טאַטן, אַ ירושה נאָך פון עלטער־עלטער־זיידן... ווילדע גראָזן און קראָפּעווע האָט שוין געוואַקסן אַרום זיי. שטום זיינען מיר געזעסן אויפן וואָגן, ווי פאַרשטאַרטע אין אָנגעזיכט פון דעם געשענדטן שטיקל ערד, וואו מיר האָבן צום ערשטן מאָל געזען דעם ליכטיקן הימל און אַרויסגעפּלאַפּלט אונדזערע ערשטע קלאַנגען...

דער אַלטער פעדאָרקיוו, אונדזער אַמאָליקער שכן און דעם טאַטנס נאָענטסטער פריינט, איז פאַוואָליע, ניט דרייסט צוגעקומען צו אונדז. קודם האָט ער מיט עטלעכע פעטשלעך גוט אָנגעגלעט אונדזער קאַשטאַנעוואַטע פערדל, וועלכס האָט אים אויך באַלד דערקענט און זיך צעהירזשעט. דערנאָך האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ פוס אויפן פאָדערשטן ראָד, זיך אָנגעשפּאַרט אין וואָגן און געשוויגן. ביז ער האָט אויפגעהויבן דעם ווייסן קאָפּ, אָפּגעווישט מיט דער שווערער האַנט דאָס ברוין־צעקאַרבטע פנים

און די פּייכטע גוטע אויגן, און זיך אָנגערופן, ווי ער וואָלט ווייטער גע־שפּיבט זיין שווייגן:

— . . . פאַר דיין ברויט מיט זאַלץ, פאַר דיין גוטסקייט האָבן זיי עס דיר אָפּגעצאָלט . . .

און פון מיין ברודער האָט עס אַרויסגעשטיקט מיט ווייטיק:

— באַי וואָלטן זיי עס געווען פאַרברענט! אָבער אַזוי־אָ, שטיקלעכווייז דאָס צעשלעפּן — ווי זיי וואָלטן געריסן אברים פון אַ לעבעדיקן גוף . . .

ערשט איצט האָט דער אַלטער פעדאָרקיוו אָנגענומען מיין ברודערס האַנט:

— איי, שכנא, ס'איז מיר אַ שאַנד אין האַרצן. זיי אַלע שעמען זיך שוין איצט, דערפאַר וואַגן זיי ניט אַרויסצוקומען דיך צו באַגריסן. אָבער פאַרשטיי, שכנא, ס'איז דעמאָלט געווען עפּעס אַזאַ משוגענע נאַכט. די קאָזאַקן זיינען געקומען אַהער מיט אַ שיכור געזינדל פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. זיי האָבן צוזאַמענגערופן דאָס דאָרף, געבונדן דעם קרעטשמער, אַרויסגעקאַטשעט פעסער בראַנפן, מעד און ביר, און אַלעמען אַזוי אָנגעשיכורט, אַז אַפילו די ווייבער און קינדער זיינען דערנאָך טעג אָפּגעלעגן קראַנק. אָט אין אַזאַ שיכרות האָבן זיי עס געטאָן... ווען זיי זיינען ווידער ניכטער געוואָרן, האָבן זיי דערזען זייער שאַנד און זיך דערשראָקן פאַר די זינד, — האָבן זיי די זאַכן שטיקלעכווייז צוריקגעטראָגן.

ס'איז אויך אַרויסגעקומען זיין ייִנגסטער זון, ניקאָליי, וועלכער איז גראָד אויך געווען אין דער היים אויף אורלויב. זיי האָבן אונדז אַריינ־געבעטן אין שטוב. ווען מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורכן הויף, האָט דער אַלטער זיך אָנגערופן צו מיין ברודער, ווייזנדיק אויף אַ הויפן קלעצער און ברעטער:

— אָט, מיינע זינדלעך האָבן אויך ראַבירט. איצט קלויבן זיי מאַטעריאַל צו העלפן דיר צוריק אויפבויען.

זיין עלטסטער זון, אַנדרעי, וועלכער איז דורך דער צייט שוין אויך גרוי געוואָרן, האָט אונדז באַגריסט ביים אַריינגאַנג:

— זע, שכנא — האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל — מיר זיינען צוזאַמען אויפגעוואַקסן און זיינען כמעט שטענדיק געווען ווי יעקב מיט עשון; אַמאָל זיך באַשווינדלט, אַמאָל זיך צעשלאָגן — אָבער דאָך ברידער! נאָר דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ אָפּגעטאָן, איז שוין אַביסל צופיל. אָבער פאַרוואָס, דאָ טשאָרטאַ, ביסטו אַנטלאָפן?!

ער האָט באַלד געעפנט אַ פלאַש וואָדקאַ און אָנגעגאָסן. די אַלטע יוזעכע האָט אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע ערדענע מאַקרעטע מיט קאַשע־און קאַרטאָפליע־פּיראָגן און אַ קרוג סמעטענע. זי האָט אויך צוגעשטעלט קאָכן

האַרטע אייער. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען שכנים, מ׳האָט געטרונקען און געסמאַליעט ליולקעס, און אַנדרעי האָט ווידער געזאָגט:

— ווייסט, שכנא, דיין צעשטערטע שטוב איז ווי אַ לאָך אין האַרצן פון דאָרף. מיר וועלן דיר העלפן ווידער אויפבויען.

אויך די אַנדערע פּויערים האָבן גערעכנט און אויסגערעכנט וויפיל געהילץ מען וועט דערצו דאַרפן, און אַפילו געפרעגט, צי וויל שכנא אַ קאַכליע־דאַך, צי אַ גאָנטענעם.

— ניין, ניין — האָט שכנא געענטפערט — איך וועל שוין בלייבן ביי אַ שטרויענעם דאַך, ווי מיין טאַטע פלעגט בויען.

— זעסטו שוין! — האָט זיך דערפרייט דער אַלטער פעדאַרקיוו — איך האָב עס באַלד געוואוסט. שכנא איז אינגאַנצן ווי אַן אונדזעריקער — ער וויל ניט נאָכטאָן דעם גוטבאַזיצער, אָדער די פּאַנעס פון שטאָט. ער וויל, אַז זיין דאַך זאָל זיין פונקט אַזוי, ווי ס׳איז געווען דער דאַך פון זיין גאָטזעליקן פאָטער.

און דער סטאַראָסטאַ, וואַסיל באַהאַטש, האָט זיך אָנגערופן:

— אַ קלוגע זאַך געווען וואָס אַנדרעי האָט פאַרזייט שכנאס פעלד — ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט צוריקקומען.

— העי, דו, ברודער פון דער הייליקער שריפט! — האָט אַנדרעי פּלוצים זיך דערמאָנט — וועסט טאַקע דערפאַר דאַרפן אין אָסיען צעאַקערן מיין פעלד און עס פאַרזייען, און מיר טאַקע אומקערן פאַרן זאָמען. אָבער עס ווייזט זיך סיי ווי אַ גערעטעניש היי־יאָר.

שפּעט אין אָוונט איז מען אַהיימגעגאַנגען, און איך מיט שכנאן זיינען געשלאָפן אין סטאַדאָלע צוזאַמען מיט ניקאָלאַיען און אַנדרעיען. גאַנץ פרי איז מען אַרויסגעריטן אין פעלד אַריין. דער האַלב־צייטיקער קאָרן האָט זיך געשפּרייט איבערן פעלד ווי אַ ריזיקע גרין־געלע באַרשט, און אַנדרעי האָט געזאָגט:

— זעסט, די ערד פרעגט ניט פאַר וועמען זי דאַרף צייטיקן ברויט — פאַר אַ ייד, צי פאַר אַ קריסט. ווער עס באַאַרבעט זי, דעם באַגליקט זי.

— זיי וועלן נאָך פירן צווישן זיך פרומע שמועסן, ווי אונדזערע אַלטע פלעגן דאָס טאָן — האָט צו מיר געשמייכלט ניקאָלאַי.

— מיר זיינען דאָך שוין אויך גרוי — האָט זיך געוויצלט מיין ברודער — שוין צייט אָנצוהויבן.

דערנאָך האָט אַנדרעי איינגעשפּאַנט אין גרויסן היי־וואָגן זיינע בעסטע פערד, איז מיט אונדז מיטגעפאָרן קיין קאָלאָמיי און אַריבערגעבראַכט צוריק קיין ווערביוזצע שכנאן מיטן ווייב, מיט די קינדער, מיט זיין גאַנצן האָב און גוטס.

יאָ, „אין דער היים, אין דער היים איז דאָ אַ ווידערזען״.

אַ מענטש איז ניט קיין בוים

זומער, 1918. נאָך אײדער די עסטרײַכישע אַרמײ איז צוזאַמענ־געבראָכן, זײַנען סאָלדאַטן געגאַנגען אויף „אורלויב" — כּדי מער ניט צוריקצוקומען. די מידע רעזערוו־אָפיצירן האָבן שוין מער ניט גענומען אַזוי ערנסט דעם גאַנצן ענין מלחמה — אויך זײ האָבן געבענקט אַהײם. און װען די עסטרײַכישע שלימעזאַלניקעס האָבן דערגרײכט דעם העכסטן פּונקט פון זײער אומבאַהאָלפנקײט, איז מיט אַמאָל געקומען דער טאָג, װען מ׳האָט אָן רעש און אָן געפילדער פּשוט דערקלערט: „ס׳איז געענדיקט." מ׳האָט צום לעצטן מאָל פאַרזאַמלט די סאָלדאַטן אין די קאַסערן, װאו דער אָבערסט האָט געזאָלט האַלטן אַ רעדע. ער איז אָבער געװען אַזוי פאַרװירט פון דער נײַ־געשאַפענער סיטואַציע, אַז ער האָט געבעטן זײַן אַדיוטאַנט, הויפּטמאַן װײגעל, ער זאָל אים פאַרטרעטן. װײגעל, באַליבט בײַם גאַנצן באַטאַליאָן, האָט בלויז געזאָגט עטלעכע ביטערע װיצן און דערנאָך פּשוט געהײסן דעם עולם אַהײמגײן. ס׳האָט אויסגעזען װי בײַ אַ לװיה, װאָס נעמט פּלוצים װירקן קאָמיש. בלויז די פעלדװעבלס זײַנען דערבײַ געשטאַנען מיט אומגליקלעך־בלאַסע פּנימער: זײ האָבן איצט אָנגעװאוירן זײער קאַריערע, און דערצו האָבן זײ מורא געהאַט פאַר די מענטשן, װעלכע זײ פלעגן אַזוי אוממענטשלעך באַהאַנדלען.

װער ס׳האָט נאָר געהאַלטן אַ פען אין האַנט, האָט זיך אַלײן אויס־געשטעלט רײַזע־דאָקומענטן. מ׳האָט זיך נאָך געקלאַמערט אין דעם רעשטל דיסציפּלין, אָבער די שטעמפּלען אין קאַנצעלאַריע האָבן זיך פרײַ אַרומגעװאַלגערט איבערן טיש, און װער ס׳האָט געװאָלט, האָט זיך מיט זײ באַנוצט. פּאַװאָליע, אָן אײַלעניש, מיט געמישטע געפילן, איז מען זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען. אײניקע זײַנען נאָך אַפילו געבליבן אין די קאַסערן און פאַרצערט די רעשטלעך פון דער קיך און מאַגאַזינען.

די גרעסטע אויפמערקזאַמקײט האָט איצט געצויגן אויף זיך דער הונט פון אונדזער באַטאַליאָן־קיך, „טשאַלאָװיטשע", װעלכער האָט אונדז אומעטום באַגלײט, אָנגעהויבן פון 1914 ביז איצט. „טשאַלאָװיטשע" איז געװען מיטל־גרויס, און לחלוטין נישט פון אַ באַשטימטער יחסנישער ראַסע. ער האָט מיט אונדז מיטגעמאַכט די שלאַכטן אין די קאַלטע, שנײיִקע קאַרפּאַטן און שפּעטער אין דער ברענענדיקער זון פון איטאַליע, ביז אַ קויל האָט אים געטראָפן אין דער פאָדערשטער לאַפּע און ער האָט אָנ־געהויבן הינקען. זײַט דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעהאַלטן בלויז אין קיך און איז געװאָרן פעט און פויל. עטלעכע מאָל איז געקומען אַ באַפעל אים צו דערשיסן; אָבער די מענטשן אַרום קיך האָבן אים אַלץ אויסבאַהאַלטן.

איצט, ווען אַלץ האָט געגומען צעפאַלן, איז געבליבן נאָר איין אויסוועג: אים דערשיסן אויס רחמנות, ער זאָל ניט דאַרפן פאַרהונגערן ווי אַ מלחמה־קריפּל. האָבן אין אַ זונטיק פרי די עטלעכע איבערגעבליבענע וועטעראַנען זיך פאַרזאַמלט אויף אַ פעלד, אויסגעגראָבן אַ גרוב און גערופן טשאַלאַוויטשען צו זיין אייגענער לוויה. זיין בעסטער פריינט, דער הויפּט־קוכער, האָט מיטגענומען אַ ביקס. דער הונט, ווי ער וואָלט אַלץ פאַרשטאַנען, האָט געהאַלטן אין איין בילן. מען האָט אים אַריינגעזעצט אין גרוב, און דער הויפּט־קוכער האָט אויסגעשאָסן — און גוט געטראָפן. דער הונט האָט נאָך אַ וואָיע געטאָן, האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס אַזוי הויך ווי אַ מענטש, האָט אַ צאַפּל געטאָן, און געבליבן ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. טשאַלאַוויטשע, אונדזער מלחמה־חבר... איבערן פאַרשאָטענעם גרוב האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ הילצערן טאָוועלע: „דאָ רוט דער הונט טשאַלאַוויטשע פון קייזער־ און קעניגלעכן אינפאַנטעריע־רעגימענט 24 — זאָל אויך אים די ערד לייכט זיין."

ניט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען די אָפיצירן און סאָלדאַטן אַהיימצופאָרן. קאָלאָמיי איז געווען אַ באַן־צענטער צווישן מזרח און מערב — איז מען געהאַנגען אויף די באַן־וואַגאָנען ווי טרויבן אויף אַ שטענגל. מען איז געזעסן אויף די וואַגאָן־דעכער, אָדער שטייענדיק זיך געשטיקט אין אָפענע לאָריס. זיינען געווען טויט־פאַלן, און יעדן טאָג האָט מען באַגראָבן סאָלדאַטן, ניט וויסנדיק אַפילו ווער זיי זיינען.

די פרעמדע זעלנער אין שטאָט האָבן געגומען פלינדערן. מען האָט דערציילט, אַז אָפּטיילונגען פון דעם באַנדיטן־גענעראַל וואָראַנגעל מאַכן פּאָגראָמען אין דער סביבה. אונדזער שטאָט איז פּלוצים געבליבן אָן אַ רעגירונג. האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ און איינגעפירט אַביסל אָרדענונג. פּוילישע מאַגיסטראַט־באַאַמטערס האָבן געוואָלט איבערנעמען די רעגירונג; אָבער די מאַיאָריטעט אין שטאָט איז באַשטאַנען פון אוקראַינער און יידן — האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע רייסערייען! יעדן טאָג זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען פון פּאָליאַקן, אוקראַינער און יידן. אַלטע און יונגע פּאָליטיקער האָבן גערעדט אין די קלויסטערס, שולן און פילם־זאַלן, האָבן געפירט דיסקוסיעס צווישן זיך — און אַלע האָבן געוואָלט בלויז איין זאַך: אַרבעט און ברויט! אָבער ביידע זאַכן האָבן געפעלט אין קאָלאָמיי. עס זיינען געקומען מטושטשע ידיעות וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע און בירגער־קריג, אויך וועגן אומרוען אין אונגאַרן און דייטשלאַנד. איך האָב באַזוכט די פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען און בין אין קורצן צוגעשטאַנען צום קרייז, וועלכער האָט געזוכט פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד — אָבער אַלץ איז געווען נעפּלהאַפט, אומקלאָר. דעם גרעסטן דערפאָלג ווי אַ רעדנער האָט געהאַט אַ יונגער מענטש אין אַ שוואַרץ העמדל, מיט אַ בלאָנדער באָרד,

לאַנגע האָר און אַ קינדיש־פאַרשפּיצט מויל — דער טיפּ פון „אייביקן סטודענט". איינמאָל האָט ער גערעדט פאַר אַרום צוויי טויזנט צוריק־געקערטע סאָלדאַטן און גלאַט פּראָלעטאַריער — אין אַ פילם־זאַל, וואָס פאַסט קוים אַ 500 פּלעצער. ער האָט גערעדט מיט שוואונג און געפּיל, מיט אַ סך שיינע פרעמד־ווערטער, און ער האָט אַזוי מיטגעריסן דעם עולם, אַז ער וואָלט געקאָנט מיט זיי טאָן וואָס באַר ער וואָלט וועלן. ער האָט געמאָלן אַ ליכטיקע צוקונפט אין אַ שיינער וועלט און אַרויסגעבראַכט:

— די צייט איז ענדלעך געקומען, אַז די אָרעמע זאָלן אַרויס פון די קויטיקע הינטערגעסלעך און דערזען די זון! גענוג שוין זיינען די רייכע געשלאָפן אין פיינע בעטן! שוין צייט, אַז די אָרעמע זאָלן זיך אַהין אַריבער־קלייבן און אויך זייערע קינדער זאָלן ענדלעך פאַרזוכן דעם טעם פון אַ זעמל מיט פּוטער. אַלץ מוז אַצינד געענדערט ווערן!

די פאַרזאַמלונג האָט אַפּלאָדירט און געשריגן פון באַגייסטערונג. אַ ברייט־פּלייציקער טרעגער, בלינד אויף אַן אויג, האָט אויסגערופן מיט אַ געזונטן באַס:

— פיין! ס'איז ריכטיק וואָס אַט דער איידעלער מענטש זאָגט אונדז! וואָס־זשע דאַרף מען וואַרטן? קומט, לאָמיר זיך אַריבערקלייבן אין די רייכע הייזער, און זאָלן די נגידים דערווייל איבערנעכטיקן אין די הינטער־געסלעך! מיר וועלן שוין דערנאָך זען וואָס מיט זיי צו טאָן.

דער רעדנער איז בלאַס געוואָרן פון שרעק און געגומען באַרואיקן:

ניין — מען האָט ניט פאַרשטאַנען — ניט אַזוי האָט מען געמיינט — —

ס'איז געוואָרן אַ ליאַרעם. דער פאָרזיצער האָט געהאַלטן אין איין קלינגען מיטן גלעקל, ביז ס'האָט זיך ווידער דערהערט דאָס ציטערנדיקע קול פונעם רעדנער:

— גענאָסן! פריינט! צוערשט מוז מען זיך אָרגאַניזירן, באַקומען דירעקטיוון, פאַרמאָגן די טאַקטיקעס!

— פון וואַנען זאָלן מיר עס נעמען? — האָט אים איבערגעריסן דער זעלבער טרעגער — דאָס דאַרף דאָך קאָסטן געלט!

— מיר האָבן דען געלט? — האָט אַ צווייטער געפּרוווט איבעררייסן דעם נייעם טומל — און די, וועלכע האָבן, ווילן עס ניט געבן!

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָבן אַנדערע אַרומגעפרעגט — מ'קאָן עס קויפן?

„קויפן"? — האָט היסטעריש געשריגן אַ פרוי — קויפן!... מ'קאָן דאָך אַפילו קיין איי און קיין מילך ניט קויפן פאַר געלט!

— דאָס געלט האָט דען עפּעס אַ ווערט? — האָבן נאָך אַנדערע זיך אַריינגעמישט — ווער וויל אַוועקגעבן זיין סחורה פאַר ווערטלאָז געלט?

דער עולם האָט געשריגן, זשעסטיקולירט און זיך פאַנאַנדערגעוויגט

ווי זאַנגען אין שטורעם. איך בין מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם טומל, און פּלוצים בין איך געשטאַנען אויף אַ שטול און האָב מיט אַזאַ ריזן־קול אַלעמען איבערגעשריגן, אַז ס׳האָט זיך באַלד דערהערט אין זאַל:

— שאַ! שטיל זאָל זיין! לאָזט רעדן!

ס׳איז באמת שטיל געוואָרן און דער עלם האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיר. האָב איך גענומען רעדן וועגן קריג, געפאַנגענשאַפט, פריינטשאַפט, וועגן די צוריקגעקערטע אַהיים און די ניט־צוריקגעקערטע, וועגן לודאָ־וויקאַ מערלאַ און דעם דערשאָסענעם הונט, און אין מיטן האָב איך נאָך רעציטירט שיילאָקס „ווען איר שטעכט אונדז, רינט ניט קיין בלוט״ — כ׳האָב גערעדט דורכאייינאַנדער וועגן אַלץ און וועגן גאָרנישט, און ניט געוואוסט וואָס וויטער צו זאָגן, און אַלץ געטראַכט: ווי אַזוי פאַרענדיקט מען — ? אַזוי עפּעס מיט אַן עפעקטיוון סוף, אַן „אַקט־שלוס״, אַ „גוטן פאַרהאַנג״ — — און פּלוצים איז עס געקומען! איך האָב זיך דערמאָנט אין די פּאַגראָמען:

— און ווער עס וויל נישט, אַז זיין אַלטע, קראַנקע מוטער זאָל דער־הרגעט ווערן פון די וואָראַנגעל־באַנדיטן, זאָל זיך אַנשליסן אין זעלבסט־שוץ! ווער עס וויל נישט, אַז זיין יונגע שוועסטער זאָל פון די מערדער געשלעפּט ווערן ביי די צעפּ איבער די גאַסן, דער מוז אַריינטרעטן אין זעלבסטשוץ!

אַ שטורעם פון באַגייסטערונג! פרעמדע מענטשן האָבן מיך אַרום־געריינגלט און מיך געטראָגן אויף די הענט. דערנאָך האָט מען מיך פאַר־נומען אין אַ פּריוואַטן הויז, צו פרוי גיזעלאַ הערמאַן.

די שטוב איז געווען פול. דער איין־אויגיקער טרעגער איז נאָך אַלץ בייז געווען אויפן בלאָנד־בערדיקן רעדנער און אים גערופן „זייפנבלאָז־מאַכער״. יענעם טאָג האָבן טאַקע די אַרעמעלייט זיך נאָך ניט אַריבער־געצויגן אין רייכן פערטל, אָבער ביי גיזעלאַן אין הויז איז פאַרגעקומען אַ באַראַטונג, און מ׳האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ דעפּוטאַציע אין דער גרעסערער שטאָט סטאַניסלאַוו, צו הערן וואָס דאָרט טוט זיך. באַשטימט האָט מען מיך, דעם טרעגער און גיזעלאַן. זי איז געווען אַ מאָגערע, אויס־געהאָרעוועטע פרוי אין די פערציקער, האָט אָבער אויסגעקוקט פיל עלטער. אַ קראַנקן־שוועסטער איז זי געווען. פלעגט אויפשטיין זייער פרי, און ביז שפּעט אין אָוונט פאַדען ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע. געווען שטענדיק איבערגעאַרבעט און אַלץ געזאָרגט, ווי לייכטער און באַקוועמער צו מאַכן אירע קראַנקע. זי האָט געהאַט איר אייגענעם קוק אויפן לעבן און זיך געמיט טריי צו בלייבן אירע פּרינציפּן.

אונדזער פרייכנדיקער צוג האָט זיך קוים געשלעפּט. זיצנדיק מיט

אונדז אין דעם ענגן קאַפּעי, האָט גיזעלאַ, אויף איר נערוועזן, האַלב־היקעדיקן אופן, געפּרוּווט מיר קלאָר מאַכן איר לעבן־אויפפאַסונג:

— די הויפּט־זאַך אין לעבן איז פאַראַנטוואָרטלעכקייט. נעם אַ שוועבעלע — אַ בוצלעכע זאַך, אַ־יאָ? זאָל אָבער אַ מענטש פּרוּוון איינער אַליין מאַכן אַ שוועבעלע? וואָס ער זאָל ניט וועלן טאָן זיין גאַנץ לעבן, וועט ער אַליין קיין שוועבעלע ניט מאַכן! דאָס גלייכן אַ זייגער, אַ באַן. אָבער אַלע צוזאַמען מאַכן זייגערס, באַנען, שוועבעלעך און אַלץ וואָס מען דאַרף! מיר זיינען אָפּהענגיק איינער פון אַנדערן און מוזן אויך זיין פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן אַנדערן, בפרט פאַר שוואַכערע און פאַר קינדער . . .

איך האָב זיך איינגעהערט.

— קקקינדער — האָט זי נאָכאַמאָל אין אויפרעגונג זיך פאַרהיקעט — ווען אַ נאַרישער לערער באַליידיקט אַ קינד, בלייבט דאָס קינד מיט אַ וואונד אויפן גאַנצן לעבן. אויך ביי דערוואַקסענע בלייבן וואונדן נאָך אַ באַליידיקונג. דערפאַר איז יעדער לערער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די, וועמען ער לערנט. אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן ניט לעבן לויט אָט דעם פּרינציפּ, וועלן מיר קיין בעסערע וועלט ניט האָבן. מיך אינטערעסירן איצט אַמייסטן קינדער און חיות. איך ווייס: מ׳לאַכט פון מיר און מ׳רופט מיך „די קאַץ־ און הונט־מאַמע". אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך קאָן פאַרט ניט שלאָפן, ווען איך הער אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט ווי אין דרויסן יאָמערט אַן איבערגעפרוירענער הונט אָדער אַ קאַץ? היינט ערשט קינדער! נאָר אָנקוקן זיי — אייגענע, צי פרעמדע — איז דאָך אַ נחת. אַ דערוואַקסענער איז אַ פאַרטיקער מענטש — אָט דאָס בין איך! אָבער אַ קינד קאָן דאָך נאָך אויסוואַקסן ווער ווייסט וואָס — אַ געלערנטער, אַ קינסטלער, אַ דערפינדער. האָסטו אַמאָל געקוקט אין די אויגן פון אַ קינד? סודות ליגן דאָך אין זיי! אַך, ווי נאַריש, ווען מ׳דאַרף ערשט רעדן וועגן דעם!...

אָנגעקומען אין סטאַניסלאַוו, זיינען מיר געווען איבערראַשט צו זען מיט וויפיל זיי ווייסן דאָ מער ווי מיר. אינגאַנצן דריי שעה רייזע פון אונדז! מען האָט אונדז געפירט אין אַ פּריוואַטער דירה, וואו עס זיינען געווען פאַרזאַמלט פאַרשיידענע מענטשן פון דער גאַנצער סביבה, אייניקע אַפילו פון פשעמישל און לעמבערג. צווישן זיי האָב איך געטראָפן מיין אַלטן פריינט, דעם בעקער שימעלע ראַסקין. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקענט לייענען און שרייבן, אָבער ער איז געווען די נשמה פון דער פאַרזאַמלונג. קודם האָט ער געהייסן די מענטשן דערציילן ווי עס זעט־אויס די לאַגע ביי זיי, דערנאָך זאָל מען זיך באַראַטן און באַשליסן וואָס צו טאָן. איינער, וועלכער איז געקומען פון ניט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ, האָט איבערגעגעבן, אַז אויף „יענער זייט" האָט מען קודם געהאַט פאַרטיילט צווישן די פּויערים די פּריצישע גיטער; זיינען דערנאָך געקומען באַנדעס

פון דעם גענעראַל וראַנגעל און פעטליוראַ און געמאַכט שחיטות, בפרט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. איינער האָט מיטגעבראַכט צייטונגען פון לעמבערג, פון וועלכע מ'האָט געלייענט, אַז אויך אין ווין און בערלין איז אויסגעבראָכן אַ בירגער־קריג. אַן אַנדערער האָט דערציילט, אַז אין אונגאַרן קומט פאָר אַן אמתע רעוואָלוציע און אַז מיר געפינען זיך איינגעטלעך אין דער מיט צווישן דעם רוסישן בירגער־קריג און די אומרוען אין די מערב־לענדער פון אייראָפּע. אויב מיר וועלן זיך ניט פאַרבינדן מיט די כוחות פון דער רוסישער, אָדער אונגאַרישער רעוואָלוציע, וועלן מיר דאָ צעריבן ווערן צווישן די וראַנגעל־פעטליוראַ־באַנדעס און די פּאָליאַקן, וועלכע קעמפן איצט צווישן זיך וועגן מזרח־גאַליציע. איז די ערשטע אויפגאַבע, זאָגט ער, אַז די געוועזענע סאָלדאַטן זאָלן נישט אָפּגעבן דאָס געווער, נאָר פאַרקערט — זיך נאָך מער באַוואָפּענען, אַז מיר זאָלן ניט בלייבן מאַכטלאָז מיט ליידיקע הענט. און נאָך אַ סך, אַ סך זאַכן האָבן מיר זיך דאָ דערוואוסט, אָבער גענוי וואָס צו טאָן האָט קיינער ניט געזאָגט. איינס איז געווען קלאָר: מיר מוזן פאַרטיידיקן אונדזערע לעבנס קעגן די וראַנגעל־פעטליוראַ־באַנדעס, וועלכע האָבן שוין געבושעוועט אין דער גאַנצער געגנט. און מיר פערזענלעך איז קלאָר געוואָרן, אַז סיי וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען, — דאָ וועל איך שוין מער ניט קאָנען לעבן. מיין היים, האָב איך איצט געפילט, איז טעאַטער, דער טעאַטער אין בערלין, און איך מוז וואָס גיכער אַהיימפאָרן! צי האָב איך ניט צוליב דעם געבראָכן מיינע פיס און אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט? איך מוז זיך צוריקקערן צו מיין פּראָפעסיע.

נאָך דער פאַרזאַמלונג בין איך אַרויס אין גאַס — סטאַניסלאַוו! מיין סטאַניסלאַוו, וואו איך האָב נאָך אַלס יינגל געאַרבעט און געכאַפּט פעטש אין דער בעקעריי, וואו מיר האָבן פאַרלוירן דעם ערשטן שטרייק און איך האָב, אַן אַרבעטלאָזער, געוואָגלט אין די ווינטער־נעכט איבער די גאַסן — וואו כ'האָב די ערשטע פרוי געהאַט, חוה שד אין דער זאָשינאַ וואָליאַ־גאַס... טראַכטנדיק אַזוי, בין איך טאַקע פאַרגאַנגען אין יענעם פערטל און אָנגעפרעגט אויף חוה שד. יאָ, זי איז נאָך דאָ, זי וואוינט טאַקע אין דער זעלבער גאַס, ביים שוסטער באָרעלאַ. איך האָב אייגנס אַראָפּגעריסן אַ קנעפּל פון מיינע שיך, און בין אַריין צום שוסטער ער זאָל עס מיר פאַרריכטן.

נאָך עטלעכע זייטיקע ווערטער פרעג איך אים, צי איך קאָן זען די פרוי, וואָס וואוינט ביי אים.

— פאַרוואָס ניט? חוה שד! — שרייט ער אַריין אין צווייטן חדר, וואָס דאַרף זיין אַ קיך — אַ סאָלדאַט וויל דיך זען.

זי איז אַרויסגעקומען — מיין ערשטע פרוי, וועלכע פלעגט זיך שטענדיק אַזוי פוצן מיט איר דריי־גאָרנדיקער רויטער פריזור — איז זי עס

באמת? ס׳איז אַריינגעקומען אַ נידעריקע, דיקלעך־צעפּלאַסענע יידענע מיט אַ שפּיציק בייכל, מיט צעשויבערטע האָר, וואָס זיינען שוין געווען אַש־גרוי, אָנגעטאָן אין אַלטע שמאַטעס. פונעם צעקנייטשטן פּנים האָבן אַרויסגעקוקט מאַטע, קראַנקע אויגן. זי האָט מיך ניט דערקענט. כ׳האָב זי געבעטן אַרויסגיין מיט מיר אַ ווײַלע. ניט ווייט פון הויז איז אונטער אַ קאַשטאַן־בוים געשטאַנען אַ באַנק. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, כ׳האָב ניט געקאָנט דאָס מויל עפענען.

— נו, זעלנער — האָט זי שטיל געזאָגט, כמעט מיט אַ זיפץ — וואָס ווילט איר: אַ טונקעלע, אַ בלאָנדע, אַ דיקע, אַ מאָגערע? וויפיל ווילט איר אויסגעבן?

הייסט עס — זי גיט זיך נאָך אַלץ אָפּ מיט אירע עסקים...

— דערקענסט מיך נישט, חוה שד?

— איר מאַכט חוזק? איך האָב שוין גענוג געקענט אין מיין לעבן, אייך קען איך נישט.

— איך בין דאָך סאַשקאַ, וועלכער פלעגט פאַר דיר שרייבן בריוו צו סאַניוטשקאַן.

ערשט איצט האָט זי אויפגעהויבן צו מיר די קראַנקע אויגן, געקוקט אַ ווײַלע און ענדלעך זיך דערמאָנט:

— יאָ, סאַשקאַ — גיט זי מיר די האַנט — סאַשענקאַ, אַוודאי ביסטו עס. האָסט שיינע בריוו געשריבן צו מיין סאַניוטשקאַן. און וואָס פאַר אַ געשיכטעס דו פלעגסט מיר פאַרלייענען פון די געלערנטע ביכער...

זי האָט מיך באַטראַכט מיט דעם לעצטן ביסל קאָקעטישקייט אין איר בליק:

— גאָט מיינער, ביסט דאָך געווען אַזאַ קליינער, אַ מאָגערער, איצט ביסטו אַ גאַנצער מאַן! מעגסט אָבער אויך זען מיין סאַניוטשקאַן. זי דינט אין אַ גבירישע הויז, ביי סייבאַלדן. און אַ בריה איז זי, און שיין, אַז מ׳קאָן אין איר נישט קוקן ווי אין דער זון! אַ פאַרשוין מיט אַלע מעלות. און אַ מיידל איז זי, אַ ריין, אומשולדיק מיידל, גאָט צו דאַנקען — נישט ווי איר זינדיקע מאַמע...

זי האָט זיך געווישט די נאָז מיט איר פאַרטוך.

— סאַשענקאַ, — אפשר? אפשר וואָלט אירביידע חתונה געהאַט? אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פאַר אַ פּאָרל איר וואָלט געווען! זי פלעגט מיך אויך שטענדיק פרעגן ווער ס׳האָט די בריוו צו איר געשריבן. שבת נאָכן עסן איז זי פריי — קום צוגיין, וועסט זיך באַקענען מיט איר — יאָ?

— יאָ, כ׳וועל זען צו קומען — האָב איך קוים אַרויסגעשעפּטשעט.

— ווייסט — האָט זי געזאָגט, באַמערקנדיק מיין פאַרלעגנהייט — דעמאָלט, ווען דו ביזט געווען אָן אַרבעט און איך האָב דיך אַריינגענומען

צו זיך, האָב איך אַלץ געטראַכט, אַז איך האָב מער קיינעם ניט אויף דער וועלט, אַחוץ סאַניושקאַן און דיך, מיינע צוויי קינדער. אפשר וועט עס טאַקע מקוים ווערן און איר וועט ביידע ווערן מיינע קינדער — — קום שבת נאָכן עסן...

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט און נאָכאַמאָל צוגעזאָגט צו קומען — און בין ווידער פאַרשוואונדן, ווי דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק — — און זי צום צווייטן מאָל אַנטוישט...

אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס דריטע „ווידערזען אין דער היים". נאָך דעם זעלבן נאָכמיטיק בין איך צוריקגעפאָרן מיט דער דעפּוטאַציע קיין קאָלאָמיי. ווען איך בין געזעסן מיט גיזעלאַן אין קופּעי, האָב איך איר דערציילט וועגן מיינע דריי ווידער־באַגעגענישן אין דער היים: מיט טשערנין, מיט מיין ברודער אין דאָרף, און מיט חוה שד.

— יאָ — זאָגט גיזעלאַ — דאָס איז דערפאַר, ווייל דו פילסט זיך מער נישט היימיש אין דיין היים.

— ניין, זאָג עס נישט — ווענד איך איין — אין דאָרף ווערביוועצע פיל איך זיך היימיש, דאָרט זיינען מיינע וואָרצלען.

— עט, וו־וואָרצלען! — פאַרהיקעט זיך גיזעלאַ פריינטלעך — אַ מענטש איז ניט קיין בוים. אַ מענטש באַוועגט זיך און קאָן אומעטום וואַקסן. דאָרט, וואו ער ווירקט און שאַפט, וואו ער פאַרליבט זיך, דאָרט שלאָגט ער זיינע וואָרצלען, דאָרט בליט ער, טראָגט זיינע פּירות, און נאָר דאָרט פילט ער זיך היימיש. דו מוזט צוריק אַהין, וואו דו געהערסט, וואו עס ציט דיך. וואָרצלען... נ־ניין, אַ מענטש איז ניט קיין בוים.

מיר האָבן שוין געשוויגן ביז קאָלאָמיי.

איבערגעריסן אַ פּראָבע

אין קאָלאָמיי האָט זיך איצט אַ סך געענדערט. איבער דער בעצירקס־האַופּטמאַנשאַפט, ווי איבערן מאַגיסטראַט און די קאַסערן, האָבן געווייעט אוקראַאינישע פאָנען. ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַן אוקראַאינישע רעגירונג. מיינס אַ חבר, וועלכער האָט געדינט מיט מיר ביי איין רעגימענט, טימ־טשוק, איז געוואָרן דער קאָמאַנדאַנט פון שטאָט. אין דער אייניעריקן־אָפּטיילונג פלעגן מיר צוזאַמען אונטערהאַלטן די אַנדערע. ער פלעגט שיין זינגען אוקראַאינישע פאָלקס־לידער און איז געווען אַ האַלבער שוישפּילער, פלעגן מיר צוזאַמען אונטערהאַלטן אונדזער גאַנצע אָפּטיילונג. מיר האָבן זיך שטענדיק זייער גוט פאַרהאַלטן און אויך איצט זיינען מיר געווען גרייט איינער דעם אַנדערן צו העלפן. אָבער אין דער פּאָליטיק זיינען מיר זיך

ווייט צעגאַנגען. לויט זיין מיינונג, זיינען איצט נאָר געווען צוויי מעגלעכ־קייטן פאַר מיר: אַריינצוטרעטן אין דער אוקראַינישער אַרמיי, אָדער וואָס גיכער צוריקפאָרן קיין בערלין. איך, פאַרשטייט זיך, בין געווען גרייט אויסצונוצן די צווייטע מעגלעכקייט. ער אָבער האָט מיר אויפגעוויזן, ווי וויכטיק עס איז פאַר דער באַפרייאונג פון אוקראַינע מיטצואַרבעטן מיט דער נייער רעגירונג און אויך מיטן העטמאַן פעטליורא און דעם גענעראַל וורַאנגעל — אַ סימבאָל פאַר אונדז ביידע: פאַר אים זיינען זיי געווען די באַפרייער פון זיין פאָלק, פאַר מיר — די מערדער פון מיין פאָלק! אָבער ווי חברים זיינען מיר געווען פריינטלעך איינער צום צווייטן און ער האָט מיר אויסגעשטעלט אַ „געמישטן" פּאַספּאָרט, וואָס האָט מיך באַרעכטיקט אי צו פאַרבלייבן אין קאַלאָמיי, אויב איך וויל, אי צו פאַרלאָזן קאַלאָמיי. האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט באַקאַנטע, און באַלד אין דער פרי האָט מיך שוין גיזעלאַ באַגלייט צום באַן. אויפן וועג האָב איך געגרן זיך צוגעהערט צו די רייד פון אַט דעם וואַרעמען מענטשן און קלוגער פרוי, וועלכע האָט געלעבט ווי נאָר פאַר יענעם. אירע לעצטע ווערטער אויפן באַן־הויף האָבן געקלונגען ווי אַן אָנזאָג, ווי אַ תורה, וואָס איך דאַרף פון איר ירשענען:

— פּאָליטיק איז אַ פּראָפעסיע, אַ וויסנשאַפט, אויב דו ווילסט — אַן עקאָנאָמישע וויסנשאַפט פאַר די פּראָבלעמען פון טאָג־טעגלעכן לעבן. מען מוז עס שטודירן אַ גאַנץ לעבן, און עס ליב האָבן, ווי דו האָסט ליב טעאַטער. פּאָליטיק איז דער וואָכנטאָג — קונסט איז שבת, יום־טוב. פּאָליטיק זאָרגט פאַרן גוף, קונסט פאַר דער נשמה. וואָס קאָנסטו זאָגן און אויפטאָן ביי אַ פאַרזאַמלונג? וואָס קאָן דער מענטש, משטייגס געזאָגט, בכלל אויסטראַכטן, בעת ער שטייט אַן אויפגערעגטער פאַר אַן עולם? אָבער ווי אַ שוישפּילער האָסטו אין זיך אַלע געפילן און געדאַנקען, וואָס דיכטער און קינסטלער פון אַלע פעלקער האָבן ווען עס איז געטראַכט און געחלומט. נעם מיך: אַט בין איך שוין צוואַנציק יאָר אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און וואָס פאַרשטיי איך פון דעם? אין אמתן בין איך ניט מער ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס וואָלט וועלן העלפן יענע, וועלכע זיינען נאָך מער הילפלאָז ווי איך. און ס'איז דאָך נישטאָ קיין אָרעמאַן אין דער וועלט, וועלכער זאָל ניט קאָנען העלפן איינעם, וואָס איז נאָך מער אָרעם פון אים.

— אָבער גיזעלאַ — האָב איך געזאָגט — איך וואָלט דאָך וועלן לעבן ניט בלויז פאַר זיך; איך וואָלט אויך וועלן העלפן.

— איך גלויב עס דיר, און ס'איז ריכטיק אַזוי. אָבער דו קאָנסט העלפן אויף דיין אייגענעם וועג. זע: ווען דו ווערסט אַ גוטער שוישפּילער, העלפסטו דאָך אויך דיין פאָלק. וואָרים דעמאָלט — קיבעצט זי מיך האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס — וועלן מענטשן זאָגן: „זעט אַ האַמלעט, אַ שיילאָק, אַ מעפיסטאָ! און ער שטאַמט פון גאַנץ אָרעמע יידן פון גאַ־

ליציע!״ גלויב מיר, די דאָזיקע מענטשן וועלן שוין דעמאָלט טראַכטן מיט אַ סך מער רעספּעקט וועגן דיין פאָלק. הייסט דאָס ניט געהאָלפן? יעדער דאַרף צוטראָגן בלויז זיין חלק.

איך בין אַריין אין צוג. כ׳האָב נאָך אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטערל, און מיטן ערשטן קאַטשע פון די רעדער האָבן גענומען זיך קאַטשען טרערן איבער מיין פּנים.

דער צוג איז געווען געפּאַקט מיט צוריקגעקערטע עסטרייכישע און דייטשע אָפיצירן און סאָלדאַטן. אַפילו דער הייצער און לאָקאָמאָטיוו־פירער זיינען געווען זעלנער. מיר האָבן זיך געפילט ווי אויף אַ שיף, וואָס איז ניט זיכער מיטן ים. באַלד הינטער סטאַניסלאַוו, אויפן וועג קיין סטרי, האָבן אונדז פאַרהאַלטן פּוילישע פּאַטרולן: געזוכט, גענישטערט, און עטלעכע שעה שפּעטער אונדז פריי־געלאָזן. אָבער ביי סטרי האָבן מיר ווידער געמוזט זיך אָפּשטעלן — ס׳איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ קאַמף וועגן דעם באַנהויף. מ׳האָט אונדז אָפּגעפירט אויף אַ נעבן־ליניע, וואו מיר זיינען געווען אַביסל געזיכערט קעגן די קוילן. אויפן צווייטן טאָג איז אין באַנהויף שוין געווען אַן אוקראַינישע פּאַטרול. אָבער אין דער געגנט איז אַלץ אָנגעגאַנגען אַ שיסעריי און מיר האָבן ניט געקאָנט פאָרן — ניט ווייטער און ניט אויף צוריק. באַלד זיינען די אוקראַינער אַוועק און מ׳האָט בכלל מער קיין מיליטער ניט געזען. נאָר דאָס פייפן פון פאַרבלאָנדזשעטע קוילן פון אַלע זייטן האָט געוויזן, אַז דער קאַמף פאַרן באַנהויף גייט נאָך אָן — אפשר אַ צוויי קילאָמעטער ווייט. מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצוגיין אין שטאָט. אויף די רעלסן זיינען געשטאַנען פאַרלאָזענע פראַכט־צוגן מיט מעל, צוקער, אויבסט און נאַפט. מענטשן פון אונדזער צוג און פון דער שטאָט האָבן פריי צוגענומען וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט: אייניקע האָבן אַוועקגעקאַטשעט פעסער מיט נאַפט, אַנדערע האָבן געשלעפּט זעק מיט אויבסט, מעל, אָדער צוקער.

איך האָב גענומען אַ זאַק מעל און, נאָך שעהן שלעפּן זיך, בין איך אַ פאַרשוויצטער אַריין אין שטאָט. ביי אַ הויז איז געשטאַנען אַ פרוי מיט דערוואַקסענע קינדער, און מיר האָבן באַלד אָפּגעמאַכט, אַז פאַרן זעקל מעל זאָל איך ביי איר וואוינען, ביז מיר וועלן קאָנען פאָרן ווייטער. מ׳האָט מיר אָפּגעגעבן אַ קליין צימערל און נאָך דעמזעלבן טאָג האָב איך געבאַקן ברויט. די פרוי איז געווען איבערגליקלעך, און אויך די שכנים האָבן זי מקנא געווען מיטן גליק, וואָס ס׳האָט זי געטראָפן. וואָרים אין סטרי האָט מען פונקט אַזוי געהונגערט ווי אין קאָלאָמיי. אַ טאָג שפּעטער האָב איך באַגעגנט דעם בלאָנדן שיין־רעדנער פון קאָלאָמיי. ער האָט איצט געטראָגן אַ טייערן פעלץ און דערציילט, אַז אויך ער איז געבליבן שטעקן מיט אַ צוג נאַפט פון דראָהאָביטש, וואָס ער האָט באַדאַרפט צושטעלן קיין טשעכאָ־

סלאָוואַקיע. אַנשטאַט מיט רעוואָלוציע, האָט ער איצט געהאַנדלט מיט נאַפט.

— מענטשן ביי פאַרזאַמלונגען נעמען היינט אַלץ אַזוי ערנסט — דער־קלערט ער מיר — פאַר דער מלחמה האָט מען זיי געקאָנט צוזאָגן גאָלדענע בערג, אָבער איצט וואָלטן זיי עס וועלן טאַקע תיכף האָבן! ווי יענער בלינ־דער טרעגער אין קאָלאָמיי — כאַטש נעם און פיר אים שוין אַריין פון די הינטערגעסלעך אין די אויבערשטע גאַסן! ניין, עס לוינט זיך שוין בעסער צו האַנדלען מיט נאַפט.

דער קאַמף וועגן באַנהויף אין דער שטאָט סטרי צווישן די פּאָליאַקן און אוקראַינער איז אַלץ ווייטער אָנגעגאַנגען, און די צוריקגעקערטע סאָל־דאַטן און די יידן האָבן זיך געפונען צווישן צוויי פייערן. די גאַליצישע יידן, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט געלעבט רואיק און צופרידן, האָבן פּלוצים דערפילט, אַז צוזאַמען מיט עסטרייך האָבן אויך זיי פאַרלוירן די מלחמה. וואָרים ביידע אַרמייען, די פּוילישע ווי די אוקראַינישע, האָבן געהאַט נאָר איין לאָזונג: בעי זשידאָוו! שלאָג יידן!

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ פּויליש רעגימענט פון פּאָזען — אין דייטשע מונדירן — און זיי האָבן פאַרנומען די שטאָט. אונדזערע אָפיצירן האָבן דערוויל אַרויסבאַקומען פון באַנהויף־קאָמאַנדאַנט אַ דערלויבעניש, אַז אונדזער צוג זאָל ווייטער פאָרן, און אין אַ וואָך אַרום זיינען מיר שוין געווען אין ווין. דאָ איז געווען די זעלבע אומאָרדענונג און אומזיכערקייט ווי אין גאַליציע, נאָר אין אַ גרעסערער מאָס: דעמאָנ־סטראַציעס, פאַרזאַמלונגען, שיסערייען — די שטאָט האָט געהונגערט. עס האָט זיך שטאַרק געלאָזט שפּירן, אַז עסטרייך איז זיך צעפאַלן. איך בין געגאַנגען צו אַ קאָמיסיע, וועלכע גיט אינפאָרמאַציע און אונטערשטיצונג פאַר געוועזענע סאָלדאַטן, און דאָ האָט מען מיר גאַנץ פּשוט דערקלערט, אַז איך בין נישט קיין עסטרייכער.

— אָבער איך האָב דאָך פיר יאָר געקעמפט פאַר עסטרייך — טענה איך.

— יאָ — זאָגט דער באַאַמטער גאַנץ רואיק — אַ שאָד, ס'איז געווען אַ טעות.

— איך האָב מעדאַלן, כ'בין אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט.

— איך באַדויער זייער, אָבער איר האָט געמאַכט אַ טעות.

— און ווען איך וואָלט צוליב אייך דערהרגעט געוואָרן?

— וואָלט עס, צום באַדויערן, אויך געווען אַ טעות.

— נו, גאָט צו דאַנקען וואָס איך האָב כאָטש דעם טעות ניט געמאַכט!

— האָב איך אים אַריינגעשריגן אין פּרצוף אַריין און בין אַוועק צו אַ שפּאַגל־נייעם קאָנסול פון אַן אוקראַאינישער רעגירונג.

פון די אוקראַאינער האָב איך באַקומען אַ פּאַספּאָרט, אָבער ניט קיין אונטערשטיצונג. אַ פאַרזאָרגטער, בלאָנקע איך איבער די ווינער גאַסן און

דערזע פּלוצים אַן אַפֿיש: „מאָיסי־גאַסטשפּילן אין דער נייער ווינער בינע“. איך בין תיכף אַוועק אין טעאַטער און געטראָפֿן מאָיסין ביי פּראָבע. און דער גרויסער שוישפּילער האָט מיך נישט געפֿרעגט צי בין איך אַן עסטרייכער, אַ פּאָליאַק, אַן אוקראַינער אָדער אַ ייד, צי האָב איך פּאַפּירן אָדער אַ פּאַס — ער האָט מיך האַרציק און וואַרעם באַגריסט ווי אַ ייִנגערן ברודער, וועלכער האָט איבערגעלעבט די מלחמה. דערנאָך האָט ער מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן טעאַטער־פֿאַרוואַלטער, און איך בין אַנגאַזשירט געוואָרן אויף דער צייט פֿון זיינע גאַסטשפּילן. האָב איך שוין ווידער געהאַט צו עסן און אַ פּלאַץ צום שלאָפֿן, און איך האָב אין טעאַטער באמת זיך דערפֿילט היימיש. די ווינער קריטיק האָט געשאָנקען אויפֿמערקזאַמקייט מיין שפּיגעלבערג אין „די רויבער“ (מיט מאָיסין אין פֿראַנץ מאָר), אָבער דאָס גרעסטע איבערלעבעניש פֿאַר מיר אין יענער צייט איז געווען גאַנץ עפּעס אַנדערש:

איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אַ קליין, צאַרט „ייִנגליש“ מיידל שפּילן אָפֿעליאַ אין „האַמלעט“. ס'איז שווער געווען צו זאָגן וואָס ס'האָט דאָמינירט אין איר אויסזען: אַ ברוין־רויטלעכער קאָפּ האָר, ווילד, ניט אָרגאַניזירט, אָבער צוגלייך אַ קלאָרער, הויכער דענקער־שטערן, פֿון וועלכן עס ווייעט רו. צוויי גרויסע, וואַרעמע, טונקל־ברוינע, פֿרעגנדיק־דערציילנדיקע אויגן, וואָס פֿאַרשטייען דאָס ניט־דערזאָגטע. אַ פֿול, האַלבקיילעכדיק מוילעכל ווי אַ קליין האַלב־לבנהלע. ווען זי עפֿנט עס, אַזוי שטיל, קרויזנדיק, איז נאָך איידער מען הערט עפּעס, הענגט שוין דער בליק געשפּאַנט אויף אירע ליפּן און מען הערט זיך אויפֿמערקזאַם צו. קודם הויבן אָן רעדן אירע אויגן, דערנאָך קומט אַזאַ ניט־דרייסטע האַנטבאַוועגונג, געצוימט־צוריקגעהאַלטן דורך די אַקסלען, און ערשט איצט ווערן ווערטער געבוירן אין איר האַלב־לבנה־מוילעכל. טונקל־געפֿאַרבטע, צייטיקע, גאַנץ באַשטימטע ווערטער. ווידער באַווייזט זיך אין אירע גרויסע אויגן אַ שטיפֿערישער גלאַנץ, וואָס איז אַ געמיש פֿון לייכטזין און אומעט, ווי אַ שמייכל און אַ לויב־געזאַנג פֿון אַ פֿרומען נאָכן גענעזן ווערן, נאָכן איבערלעבן אַ נס. זי האָט מיך שטאַרק דערמאַנט אָן מיין רבקהלען, מיין ערשטע ליבע, אָבער פֿון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט. אַ וועלט, צו וועלכער איך האָב ערשט געשטרעבט און אין וועלכער זי האָט זיך שוין געפֿילט אַזוי היימיש. אין דער משוגעים־סצענע קומט אָט דאָס אָפֿעליאַ־קינד אַרויף אויף דער בינע אַזוי ליבלעך־שטיל, שמייכלט ווי צו זיך אַליין, און אין אירע גרויסע אויגן שטייען טרערן — — אויפֿן לינקן אָרעם האַלט זי, פֿאַרזיכטיק ווי אַ קינד, אַ קאָלירפֿולן בוקעט, און מיט דער רעכטער האַנט פֿאַרטיילט זי פֿעלד־בלומען. אָבער אין אמתן האָט זי ניט קיין בוקעט און ניט קיין בלומען. מיט אַ ליידיקער האַנט פֿאַרטיילט זי פֿון אַ ליידיקן



קאַרל טאָמאַס — אין ערנסט טאָלערס פּיעסע „האָפּליאַ, מיר לעבן“ (בערלין, 1927/28)

אָרעם דעם גאַנצן ניט־בוקעט, און דאָך זיינען קיין פאַרביקערע, מער שמעקנדיקע בלומען אויף דער וועלט ניטאָ! צוקוקער און מיטשפּילער האַלטן־איין דעם אָטעם ביי אָט דעם וואונדערלעכן משוגעת פון אָט דעם פּאָעטישן שעקספּיר־קינד, די אָנפאַנגערין — עליזאַבעט בערגנער!

ווען די גאַסטשפּילן האָבן זיך געענדיקט, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין בערלין.ביים אַנהאַלטער־באַנהויף האָב איך אַרומגעכאַפּט אַ שטיינערנע זייל און זי געקושט. אַ דיקער בערלינער ביר־באַלעגאָלע שרייט צו מיר אַריבער פון זיין קאָזלע:

— מענטש איינער, — מיידלעך קוש, ניט קיין שטיינער!

— דאָס האָב איך מיר פאָרגענומען צו טאָן נאָך אין 1914, ווען איך בין אַוועק אין מלחמה!

— אויב אַזוי, מוזטו האַלטן וואָרט — שמייכלט ער גוטמוטיק.

1914 — און איצט איז 1919! דאָס ערשטע בין איך אַריין אין „קאַפע דעס וועסטענס“, וואו כ׳האָב געטראָפן אַ סך פריינט. איינגעשטעלט פאַר־בינדונגען מיט טעאַטערס, בין איך אין קורצן אַנגאַזשירט געוואָרן ווי דער ערשטער כאַראַקטער־שוישפּילער אין „מינכענער שוישפּילהויז“, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון דער באַרימטער שוישפּילערין הערמינע קערנער. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט „קאַבאַלע אונד ליבע“. איך האָב געשפּילט וואורם און באַקומען אַכט הונדערט מאַרק אַ חודש. נאָך די ערשטע צוויי וואָכן האָב איך געהאַט גאַנצע פיר הונדערט טעאַטער־פאַר־דינטע מאַרק אין קעשענע! איך בין אַוועק אין רעסטאָראַן „טאַרגעל־שטובען“ און זיך געהייסן געבן קאַוויאַר מיט שאַמפּאַניער — ווי עס שטייט געשריבן אין די ראָמאַנען. כ׳האָב איצט געהאַט אַן אייגן צימער, נייע פריינט, און האָב אַלע פערצן טעג געשפּילט אַ נייע קלאַסישע אָדער מאָדערנע הויפּט־ראָל. און די יאָרן, וואָס איך האָב פאַרלוירן אין דער מלחמה, זיינען אויך צונוץ געקומען: איך בין איצט געוואָרן קרעפּטיקער, דערוואַקסענער, אָבער ניט רואיקער. איך האָב ניט געקאָנט זיין רואיק. כ׳האָב געגוואַלדעוועט אויף דער בינע, געשריגן, ווי מ׳וואָלט מיך בראָטן אויף הייסע קוילן. אַזוי האָבן געשפּילט אַלע „יונגע“, וועלכע זיינען צוריק־געקומען פון מלחמה. מיר האָבן געטראָפן אַ פעטלעכע, פוילע וועלט, וואָס האָט געוואָלט „געניסן רו“ — האָבן מיר אַריינגעשריגן אין זייערע אויערן אונדזער אַנטוישונג, אונדזער פאַרצווייפלונג, אונדזער פּראָטעסט! די יוגנט אין דער דעמאָלטיקער קונסט האָט געשריגן. מיט פאַרשטאַרטע, סטילי־זירטע זשעסטן האָבן מיר אין טעאַטער „עקספּרעסיאָניסטיש“ זיך צעשריגן קעגן אַלטן דור, אַלטע פירעכצן און מנהגים, און באַזונדערס קעגן אונדזערע טאַטעס מיט די אַלטע טראַדיציעס! עס זיינען געשריבן געוואָרן הונדערטער פאָטער־ און זון־דראַמעס. „דער בעטלער“ פון ריינהאַרד זאָרגע, „די וואַנד־

לונג״ פון טאַלער, „דער זון״ פון האַזענקלעווער, „טאָמאַס וועגדט״ פון פויכטוואַנגער, „גאַז״ פון געאָרג קייזער, „פויקן אין דער נאַכט״ פון בערט ברעכט. הונדערטער אַזעלכע דראַמעס האָבן אַנגעקלאַגט, געשריגן, גע־טומלט, האָב איך אויך מיטגעשריגן און מיטגעטומלט. געשטיצט אויף מיינע דערפאַרונגען, האָב איך מיט הייסן באַגער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און זיך ניט געכאַפּט, אַז איך לעב אייגנטלעך אין אַ לאַנד, וואָס האָט פאַרלוירן אַ מלחמה און וואו אַ רעוואָלוציע איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. איך האָב געפּונען אַ געשענקט לעבן — יעדן אָוונט שטיי איך אויף דער בינע אין אַן אַנדערער ראָל — בין איך געווען באַרוישט פון גליק. כ׳בין אַריין אין אַ נייעם קרייז, זיך באַקענט מיט נייע מענטשן, יעדן אָוונט פאַרבראַכט ביי אַן אַנדערער אַטעליע־הוליאַנקע. אַ יוגנט איז אַהיימגעקומען אַנטוישט, באַטויבט מען זיך מיט סעקסועלע אָרגיעס!

אין טעאַטער איז דערווייל אַנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אַרבעט: מ׳האָט פאַרטיילט די ראָלן פון „דער סוחר פון וועגעדיג״, און איך האָב באַקומען די ראָל פון שיילאָק! פיר עלטערע כאַראַקטער־שוישפּילער האָבן געקעמפט פאַר אָט דער ראָל — אָבער מיר איז די ראָל צוגעזאָגט לויטן קאָנטראַקט, און איך האָב זי שוין אין האַרץ און נשמה, איך קען זי אויף די שפּיץ פינגער. איך ציטער פון אויפרעגונג, קאָן ניט שלאָפן דורך די נעכט, — מיין חלום, מיין לאַנג־יאָריקע בענקשאַפט דאַרף דערפילט ווערן!

ביי דער ערשטער פּראָבע וואַרפט מיט מיר ווי אין קדחת. דער רעזשי־סער איז אַ בלאָנדער, באַרישער יונגערמאַן, אַטאַ נעבעלטאַו, אַ רייך זינדל פון ברעמען. ער איז אויך דער געלט־געבער און דער געשעפטלעכער פאַר־וואַלטער פון טעאַטער. ער רעדט מיט אַ „ס״ און האַלט אין איין איבערחזרן „ס־פּיציקע ס־טיינער״ און „ס־טראַלענדיקע ס־טערן״. פאַר דער פּראָבע נעמט ער מיך אָוועק אין אַ זייט און מאַכט צו מיר:

— איר פאַרשטייט, מיט דעם שטיק ווילן מיר אָביסל אַ וויש טאָן די יידן איבער דער נאָז.

— פאַרוואָס? — ווער איך אויפגערעגט.

— פאַרוואָס ניט? — קוקט ער מיך אָן מיט פאַרדאַכט — איר זייט דאָך ניט אפשר . . .

— יאָ, יאָ, איך בין אַ ייד! — גיב איך אים אַ שריי אַריין אין פּנים, און ער, אַ צעטומלטער, נעמט אָפּטרעטן אויף צוריק און פאַלט שיער ניט אַריין אין אָרקעסטער.

די פיר אַלטע כאַראַקטער־שוישפּילער (איינער מיט אַ מאָנאָקל, אַ צווייטער אין ווייסע הענטשקעס), וועלכע האָבן זיך געריסן צו שפּילן שיילאָק, זיינען געקומען צו פּראָבע אָנגעברוגזטע, פאַרשלאָפענע. אָבער ווי נאָר זיי האָבן דערזען דעם צוזאַמענשטויס מיטן רעזשיסער, זיינען זיי

פּלוצים וואַך געוואָרן און גענומען פּראָוואָצירנדיק לאַכן. איך בין אַוועק פון דער פּראָבע.

די קינסטלערישע לייטערין, הערמינע קערנער, האָט אונדז גערופן צו זיך אין ביוראָ. זי איז געווען אַ גרויסע שוישפּילערין און איך האָב זי פאַרגעטערט — איך פלעג ממש קריגן האַרצקלאַפּעניש אין איר אַנוועזנהייט. זי האָט עס געוואוסט.

— איך בין זיכער — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק פול מיט חן — אַז איר האָט געמאַכט דעם סקאַנדאַל נאָר צוליב אַבערגלויבן.

— פאַרשטייט זיך, הערמינע — האָט דער הער נעבעלטאַו צוגעשטימט.

— איך טו עס אויך, ווען איך דאַרף שפּילן אַ וויכטיקע ראָל — שטימט, אַטאָ?

— ריכטיק, ריכטיק — האָט נעבעלטאַו ווידער צוגעשטימט.

— ווען אַ ראָלע געפעלט מיר זייער שטאַרק, מוז איך שטענדיק ביי דער ערשטער פּראָבע און ביי דער גענעראַל-פּראָבע מאַכן אַ סקאַנדאַל.

— אמת, אמת — האָט נעבעלטאַו זיך צעלאַכט.

אויך איך האָב גענומען לאַכן און אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס.

— פאַרשטייט זיך, אַז הער נעבעלטאַו האָט נאָר געמאַכט אַ שפּאַס מיט זיין באַמערקונג ביי דער פּראָבע — ניט אַזוי, אַטאָ?

— נאַטירלעך, הערמינע, נאָר אַ שפּאַס — האָט נעבעלטאַו געהאַלטן אין איין צושטימען.

— פאַרשטייט זיך, ווי אַנדערש! הער נעבעלטאַו — מאַכט זי — איז גענוג אינטעליגענט ער זאָל אַזאַ באַמערקונג ניט מיינען ערנסט. איז איצט, קינדער, גיט זיך די הענט, און מאָרגן וועלן מיר ווידער מאַכן פּראָבע. איך וועל אויך צוקומען צו פּראָבע.

און ס׳איז געבליבן ווי הערמינע קערנער האָט געהייסן.

שיילאָק

זיבעצן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען ליגנדיק אַן אויסגעשטרעקטער אויף דער הוילער ערד, האָב איך זיך באַקענט מיט שיילאָקן דורך אַ ראָמאַן פון קאַרל עמיל פראַנצאָז. כ׳האָב דעמאָלט געוויינט איבער שיילאָקס גורל און באַשלאָסן, אַז אַמאָל וועל איך אָנווענדן אַלע מיינע כוחות צו באַווייזן דער וועלט וואָס פאַר אַן אומרעכט ס׳איז שיילאָקן געשען. איצט בין איך אַלט געווען ניין-און-צוואַנציק און בין געשטאַנען אויף אַ פעסטן באָדן פאַר דער דערפילונג פון מיין חוב. צוועלף יאָר צייט האָב איך זיך גע־גריבלט אין דעם מענטש שיילאָק און אים ניט געקאָנט באַגרייפן. כ׳האָב

שײַלאָק (צײכענונג) — אין װיליאַם שעקספּירס „דער סוחר פֿון װענעדיג"
(בערלין, 1925)

געפּרואווט אים פאַרגלייכן מיט מיין טאַטן, דערנאָך מיט שימשעלע מילניצער, אָבער איך האָב צווישן זיי קיין גרויסע ענלעכקייט ניט געקאָנט געפינען. איז פאַראַן אפשר אַן ענלעכקייט צום באַנקיר יונגערמאַן? איך האָב דעם באַנקיר צו וויניק געקענט.

וויפיל מאָל איך האָב געלייענט, אָדער געזען דעם „סוחר פון װענעדיג״, האָב איך אַלץ געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַט דאָס טעאַטער־שטיק באַשטייט אייגנטלעך פון צוויי שאַפונגען: ערשטנס, פון יענער לוסטיק־פרעכער געזעלשאַפט אַרום דעם אַנטאָניאָ, וועמענס שוער־באַלאַדענע שיפן זעגלען איבער אַלע ימים. אין יענער געזעלשאַפט קערט אַ וועלט דער פאַרשייטער גראַציאַנאָ; דער אָרעמער פּראַנט באַסאַניאָ וויל דווקא חתונה האָבן מיטן רייכן מיידל אין בעלמאָנט, באַשווינדלענדיק צוליב דעם גאָט און לייט, און ווערט אַזוי אַרום אַ בעל־חוב ביז איבערן קאָפּ; דער זינגענדיק־טאַנצנדיקער לאָרענצאָ גנבעט אַוועק די טאָכטער, צוזאַמען מיטן געלט פון איר פאָטער. אַזוי ווערן, ביי לײדנשאַפטלעך־פאַרפירערישער מוזיק אונטערן בלויען הימל געפּראַוועט בעלער און מאַסקעראַדן אויפן חשבון פון רייכן מעלאַנכאָליקער אַנטאָניאָ. צו אָט דער צעלאָזענער וועלט געהערט אייגנטלעך אויך פּאָרשיאַ.

פון דער אַנדערער זייט לעבט אין ענגן געטאָ־געסל דער ייד שיילאָק. אַ פרעמדער אין שטאָט, מיט אַ געלער לאַטע אויף דער ברוסט, ווי אַ צייכן, אַז ער שטייט כמעט אויסערן געזעץ, לעבט ער אָפּגעזונדערט, אַליין, באַשיידן, אָן פאַראַדן און אָן סעודות, געטריי און איבערגעגעבן בלויז צו זיין אמונה, צו זיינע געשעפטן און צו זיין קליינער, צאַרטער טאָכטער, דזשעסיקאָ — דאָס איינציקע און ליבסטע, וואָס איז אים געבליבן נאָך זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, לאה. יאָרן־לאַנג אַן אלמן, האָט ער זיין גאַנצע ליבע צו דער פאַרשטאָרבענער איבערגעטראָגן אויף זיין איינציק קינד.

קומט צו אים אָט יענע אַנדערע וועלט, וואָס פאַרפאָלגט אים, וואָס שפּייט אים שטענדיק אין פּנים, און וויל ביי אים באָרגן געלט. טוט אים הנאה, וואָס זיינע שונאים דאַרפן אָנקומען צו אים, און ער זאָגט זיי ניט אָפּ; אָבער ער שטעלט זיי אַ גרויסן, שפּאַסיקן באַדינג: אויב דער שונא זיינער, וועלכער האָט אים ערשט לעצטן מיטוואָך געשפּיגן אין פּנים און אים געטריבן פון דער שוועל ווי אַ הונט, זאָל ניט קאָנען אים צוריקצאָלן דאָס געבאָרגטע געלט אין אַ באַשטימטער צייט און אויף אַ באַשטימטן אָרט, זאָל ער, שיילאָק, האָבן דאָס רעכט אויסצושניידן ביי אים אַ פונט פלייש פון לייב. אַ משוגענער אָפּמאַך, אַ חוצפהדיק־גראָטעסקער, וואָס קען נאָר אָנגענומען ווערן ווי אַ טײַוולשער שפּאַס. דאָס איז אָפּנים געווען שעקספּירס כוונה, ווען ער האָט באַצייכנט דאָס שטיק ווי אַ קאָמעדיע, אַ לוסטיקע ליבע־שפּיל. דער שפּאַס באַשטייט אין דעם, וואָס צוערשט באַ־

געגעבן די געליבטע אַ סך שטערונגען, מען פֿאַרביטערט זיי קודם דאָס לעבן דורך אַנגסט און געפֿאַר; ביז נאָך שווערער מי געלינגט זיי אַלץ צו באַצווינגען, און דאָס ליד פֿון זייער ליבע קלינגט צום סוף נאָך זיסער און גליקלעכער ווי אין „זומערנאַכט־חלום“, ווי אין „וואָס איר ווילט“ און „ווי איך געפֿעלט“. נאַטירלעך איז געווען נייטיק אין אַט דעם פֿריילעכן שפּיל, אין אַט דער לוסטיקער קאָמעדיע פֿון ווענעדיג, אַריינצושטעלן אַ שוואַרצע אינטריגאַנטן־פֿיגור, וואָס זאָל די געליבטע אָנשרעקן, — סטראַשען, כדי די אויפֿלייזונג פֿון 5טן אַקט זאָל זיך אָנהויבן מיטן פּאַטעטישן געזאַנג: „אין אַזאַ נאַכט...“, און זאָל זיך פֿאַרענדיקן מיטן חתונה־רינגל און שלאָפֿן־לייגן. קיין ספֿק ניט: שײַלאָק איז געווען אויסגעפּלאַנט ביי שעקספּירן בלויז ווי אַ שוואַרץ שרייפֿל אין קאָלירפֿולן געווערק, ווי אַ בייזער אָנשטעל צום לוסטיקן שפּיל. אָבער דאָ, אַט דאָ פֿאַרהאַקט זיך די וועלט: אויב אַזוי, פֿרעגט מען, ווי־זשע קומט עס, וואָס אין זיין פֿאַר־טיידיקונג גייט שײַלאָק איבער צו אַזעלכע שווערע, ערנסטע אָנקלאַגעס:

> „ווען איר שטעכט אונדז, ריננט ניט קיין בלוט?
> ווען איר קיצלט אונדז, לאַכן מיר ניט?
> ווען איר פֿאַרסמט אונדז, שטאַרבן מיר ניט?
> און ווען איר באַליידיקט אונדז, זאָלן מיר זיך ניט נוקם זיין?“

קאָן דאָ זיין נאָר אַ גאַנץ פּשוטער ענטפֿער: שעקספּיר האָט, פּונקט ווי דער רבונו־של־עולם, ניט באַשאַפֿן קיין פּאַפּירענע פֿיגורן, נאָר זיי געגעבן בלוט און פֿלייש! און ווען אַפֿילו דער דיכטער האָט ניט געקענט שײַלאָקן און אים אפֿשר אויך ניט ליב געהאַט, האָט אָבער דער קינסט־לערישער יושר פֿון זיין זשעני זיך אָנגענומען פֿאַר אַט דעם שוואַרצן פֿלעק און אים באַשאָנקען מיט זיין פֿאַרשווענדעריש־רייכן אוצר פֿון מענטש־לעכער גרויסקייט, פֿון זעלישער קראַפֿט און טיפֿער איינזאַמקייט, — קעגן וועלכן אַנטאָניאָס לוסטיק־זינגענדיקע, פּאַראַזיטיש־שווינדלערישע געזעל־שאַפֿט פֿון געלט־צאַפּער און פֿרויען־פֿאַרפֿירער קוקן אויס ווי באַנדיטן און רויבער.

ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, פֿאַרוואָס דעם מייסטערס קאַפּריז האָט אַריינגעשלעפּט שײַלאָקן אין אַט דער געזעלשאַפֿט. עס האָט מיר אָבער נאָך געמוזט קלאָר ווערן וואָס עס געשעט ווייטער מיט שײַלאָקן, נאָכדעם ווי עס פֿאַלט דער לעצטער פֿאַרהאַנג, ווען די שפּיל איז געענדיקט. וואָס טוט אונדזער שײַלאָק נאָכדעם, ווען דורך אַ דריידל, „ניט צו פֿאַרגיסן קיין טראָפּן בלוט“, עס ווערט ביי אים צוגענומען דאָס רעכט אויסצושניידן דאָס פֿונט פֿלייש, און ער פֿאַרלאָזט דאָס געריכט אַ געבראָכענער, שעפּ־טשענדיק די לעצטע ווערטער: „שיקט מיר די אַקטן, וועל איך אונטער־שרייבן“? וועט ער אונטערשרייבן? קאָן ער אונטערשרייבן? ער וועט

נאָך אפשר באין ברירה אונטערשרייבן, אַז ער האָט ניט מער קיין רעכט אויף זיין אַוועקגעבאָרגט פאַרמעגן; אָבער וועט אַ שיילאָק קאָנען אונטער־שרייבן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין אמונה און נעמט אָן אַן אַנדערע? קאָן מען בכלל בייטן אַ גלויבן, אַ וועלט־אַנשויאונג, ווי מען בייט אַ העמד? וואָלט עס מיין טאַטע געווען געטאָן, אָדער שימשעלע מילניצער? קיינמאָל נישט! זיי וואָלטן גיכער טויזנטערליי מיתות דורכגעגאַנגען, איידער דאָס צו טאָן. קיין פרומער גלויביקער, און בכלל קיין מענטש מיט כאַראַקטער, וועט זיין אמונה נישט בייטן — און זיכער ניט ביי זעכציק יאָר, ווי שיילאָק — אויב מען וויל ניט שטאַרבן פון איינזאַמקייט און פוסטקייט. ווי קאָן שיילאָק בייטן זיין גלויבן, ווען נאָך ביי דער פאַרהאַנדלונג אין געריכט זאָגט ער:

„ניין, נעמט אויך צו מיין לעבן,
שענקט עס מיר ניט!
מיטן אַפּירנעמען דעם פונדאַמענט,
אויף וועלכן מיין הויז איז געבויט,
נעמט איר דאָך אויך אַוועק מיין הויז.
ווען איר נעמט מיר צו די מיטלען,
מיט וואָס צו לעבן,
נעמט איר דאָך אויך מיין לעבן אַוועק.“

אויף דעם צעלאַכן זיך זיינע „איידעלע“ פייניקער, מאַכן חוזק פון אים און צעטיילן זיך, נאָך אין זיין אַנוועזנהייט, מיט זיין פאַרמעגן. און פאַר אָט דער „טובה“ זאָל ער נאָך בייטן זיין אַלטן גלויבן, זיין איינציקע מאָראַלישע קראַפט? ניין, דאָס וועט מיין שיילאָק ניט טאָן. אַ מענטש מיט שיילאָקס אינטעליגענץ און קראַפט קעמפט ביז צום לעצטן אָטעם־צוג מיט אַלע מיטלען, וואָס איז נויטיק, אַפילו מיט כיטרעקייט, אויב מ׳דאַרף. איך שטעל עס מיר פאָר אַזוי:

ווען דער געבראָכענער שיילאָק פאַרלאָזט דאָס אומיושרדיקע געריכט, איז שוין באַלד אָוונט. ער גייט לאַנגזאַם; אָבער ווי נאָר ער באַמערקט, אַז קיינער גייט אים ניט נאָך, איילט ער אויף גיך אויפצואוועקן זיין פריינט טובאַל און די אַנדערע יידן, וועלכע וואוינען אין געטאָ, און דערציילט זיי וועגן די נייע פאַרפאָלגונגען, וואָס טראָגן זיך אויף זיי. קיין הייזער אָדער ערד פאַרמאָגט ער ניט. נעמט ער צוזאַמען דאָס ביסל געלט און צירונג, וואָס איז אים נאָך געבליבן, דינגט נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַ שיפל און אַנטלויפט. ביז ער קומט־אָן קיין האָלאַנד, אין דער רייכער שטאָט אַמסטערדאַם, וואו עס געפינען זיך שוין אַ סך יידן, אַנטלאָפענע פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. ער בלייבט אָבער נישט דאָרט, נאָר וואַנדערט ווייטער איבער אונגאַרן, רומעניע, רוסלאַנד און פוילן, ביז ער קומט־אָן

קיין אוקראַינע, אין מזרח־גאַליציע, וואו ער טרעפט אַ הייליקן מענטש, אַ צדיק. אַ הויכער איז דער צדיק, אַ הדרת־פּנים, מיט אַ ווייס־גרעלער, לאַנגער באָרד און דיקע ברעמען איבער זיינע קלוגע אויגן; און אַ זקן איז ער, אַז מ'האָט אַזש מורא צו רעדן וועגן זיינע געשענקטע יאָרן. ער זיצט אַ דער־הויבענער אויף זיין אור־אַלטן פאָטער־שטול און גיט אָפּ שיילאָקן אַ פריינט־לעכן שלום עליכם. שיילאָק איז גערירט פון דעם צדיקס גוטסקייט און צוגעלאָזנקייט, און ער נעמט דערציילן וועגן זיין קינדהייט און יוגנט, וועגן זיין רייף־ווערן און וואַנדערן, ביז ער האָט חתונה געהאַט מיט לאהן, וועלכע האָט אים געבוירן אַ טאָכטער, דזשעסיקאַ, זיין איינציק אויג אין קאָפּ. ער דערציילט דעם רבין ווי לאה איז געשטאָרבן און זיין איינציק קינד האָט אים פאַרלאָזן, און ווי ער האָט איצט ווידער געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. אַלץ האָט ער דעם רבין אויסדערציילט. האָט דער זקן אים אויסגעהערט מיט אַ פאָטערלעך באַנעמען און דערנאָך צו אים לייט־זעליק געזאָגט:

— האָסט געענוג דורכגעמאַכט אין דיין לעבן, און ס'איז גוט וואָס דו ביזט געקומען אַהער. גוט וואָס דו ביזט געקומען. מיר לעבן דאָ צווישן פריינטלעכע מענטשן. זיי לאָזן אונדז פריי האַנדלען, דערלויבן אונדז צו זיין באַלמעלאָכעס און אַפילו באַאַרבעטן די ערד. אַרבעטן מיר און מיר דינען גאָט. און וואָלסטו דאָרט, אין די לענדער פון וואַנען דו קומסט, געוועזן זיך אַן עצה האַלטן, וואָלט מען דיר אויך געזאָגט, אַז ס'איז גלייכער זאָלסט קומען אַהער. וואָרים ס'שטייט בפירוש געשריבן: „משנה מקום משנה מזל", אין אַ נייעם אָרט העלפט גאָט...

— נו — האָט ער ווייטער געזאָגט מיט אַ זיפצנדיק שמייכעלע — געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס ביזט דאָ. און אָט איז די ערשטע עצה, וואָס איך וועל דיר געבן: זאָלסט נאָכאַמאָל חתונה האָבן, און דער רבונו דעלמא וועט דיך נאָך מזכה זיין מיט קינדער.

— טאָקע וועגן דעם, רבי — האָט שיילאָק קוים אַרויסגערעדט — בין איך געקומען צו אייך האַלטן אַן עצה.

— יאָ, זאָג איך, מיין זון — האָט דער רבי צוגעשטימט — און נעם אַ יידישע טאָכטער פון פאָלק, דווקא אַ באַלמעלאָכעס אַ קינד.

און שיילאָק איז אַוועק אַ דערהויבענער, פול מיט דאַנקבאַרקייט פאַר דער גוטער עצה.

האָט שיילאָק חתונה געהאַט אין אוקראַינע מיט אַ סטאָליערס אַ טאָכטער, און דער רבונו דעלמא האָט זיי געבענטשט און זיי מזכה געווען מיט קינדער. זיינען די קינדער אונטערגעוואַקסן אויף דער שוואַרצער פעטער ערד, וואָס זיי האָבן צעאַקערט, פאַרזייט און געשניטן, און האָבן מער ניט געהערט די לייכט־פאַרפירערישע מוזיק אונטער די אייביק־בלויע

הימלען פון דרום — נאָר די אַלט־יידישע ניגונים, געמישט מיט דעם לאַנג־אויסגעצויגענעם, סלאַווישן ליד — — און זיי זיינען אויסגעוואַקסן מיט ברייטע פלייצעס, אַרבעטזאַמע און נייגעריקע — —

דורות זיינען פאַרגאַנגען. האָט ביי אַ טייל פון זיי ווידער זיך דערוועקט די בענקשאַפט צו מערב, און זיי האָבן ווידער גענומען אויסוואַנדערן. האָבן זיי געפונען פאַרשיידענע פּרנסות, און איינעקע פון זיי זיינען געוואָרן שוי־שפּילער און ווידער אַנטדעקט ביי שעקספּירן זייער עלטער־עלטער־זיידן שיילאָק. זיי האָבן געקענט זיין ליידן־געשיכטע דורך די אומצאָליקע נסיונות פון זייערע עלטערן און אורעלטערן, און האָבן אים דערקענט דורך דער קרובהשאַפט פון האַרץ. און זיי האָבן געשפּילט זייער עלטער־עלטער־זיידן טראַגיש און פאַרטייאיש, שטיצנדיק זיך אויף שעקספּירס זשעני, וואָס האָט אָט די שוואַרצע, נעגאַטיווע פיגור באַשאַנקען מיט אַזוי פיל קראַפט און לעבן, מיט אַזאַ טיפן זין פאַר גערעכטיקייט און מענטשלעכער ווערדע. זיי האָבן אים געשפּילט מיטן חוש קעגן יענער בייזער געזעלשאַפט, וואָס האָט אים פאַרפאָלגט און באַליידיקט, און פאַר דער פּאָזיטיווער פאַר־טיידיקונג, וואָס זיין באַשאַפער האָט אים מיטגעגעבן.

און מען דאַרף אים שפּילן אַזוי לאַנג, ביז יעדע קינסטלעכע מחיצה צווישן מענטש און מענטש וועט פאַרטיליקט ווערן, ביז דער מענטש וועט זען אין זיין מיטמענטשן אַן אייגענעם ברודער, און וועט זיין חבר, דעם מיטמענטש, ליב באַקומען ווי זיך אַליין, און וועט נישט טאָן צו אים קיין זאַך, וואָס ער וואָלט זיך אַליין נישט וועלן טאָן.

מיט אָט די געפילן האָב איך געשפּילט די ראָל שיילאָק, נאָך וועלכער איך האָב אַזוי לאַנג געלעכצט — און מיט דעם איז דערפילט געוואָרן מיין ציטעריקער טרוים. ס'איז נאָך נישט געווען גענוי אַזוי, ווי איך האָב עס געוואָלט שפּילן, — אָבער מיט דער צייט וועט עס נאָך בעסער ווערן.

אַרטיקלען און רעדעס

פֿון אַלעקסאַנדער גראַנאַך

אַ ביסל קריטיק און זעלבסט־קריטיק

(ווי איך בין געפֿאָרן קיין אַמעריקע און ווי אַזוי איך בין צוריקגעקומען)

מיר אַלע מוזן אויפהערן צו באַאורטיילן וועגן זאַכן דורך פּריוואַט־פּערזענלעכע ברילן. אַ זאַך, וואָס וויל האָבן אַן אַלגעמיינע גילטיקייט, מוז געמאָסטן ווערן מיט אַן אַלגעמיין־גילטיקער מאָס. איך פֿאָדער דאָס אין דער גאַנצער שאַרפֿקייט קודם־כל פֿון זיך אַליין. און דערפֿאַר וויל איך מיינע איבערלעבענישן אין ניו־יאָרק נישט באַטראַכטן בלויז פֿון מיין פּריוואַטן שטאַנדפּונקט.

מען מוז האָבן די קראַפֿט אָנצוהויבן פֿון זיך אַליין. נאָר דורך אָפֿנ־האַרציקער זעלבסט־קריטיק, נאָר דעמאָלט, ווען מען נעמט זיך אַליין אונטער דער לופּע, נאָר דעמאָלט האָט מען דאָס רעכט אויך אויף אַנדערע צו קוקן דורכן שפּאַקטיוו, צו אַנאַליזירן און קריטיקירן.

אַלזאָ, הויב איך אָן צוערשט פֿון זיך אַליין. איך בין מיך מודה ומתוודה: מיין דראַנג צו שפּילן יידיש טעאַטער איז אַזוי צו זאָגן אַ „פּרויד־קאָמפּלעקס", און פֿון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט — אַ קליינבירגערלעכער קאָמפּלעקס.

צו אָט דעם „קאָמפּלעקס" קומען נאָך צו מיינע איבערלעבענישן אין פּוילן אין יאָר 1930. דאָ, חברים, לוינט זיך אַ ביסל לענגער אָפּצושטעלן. עס איז געווען געשמאַק און היימיש, ליב און וואַרעם. די נאַציאָנאַלע יידן האָבן זיך געפֿרייט ראַסעמעסיק, וואָס אַ מזרח־ייד באַווייזט די היטלערס דורך זיין קינסטלערישער באַגאַבונג די גלייכוואָרטיקייט — אויב נישט נאָך דעם „אתה בחרתנו"־ווערט פֿון זיין ראַסע. דעם יידישן פּראָלעטאַריער האָט עס אימפּאָנירט, וואָס איינער פֿון זיי, פֿון זייער אונטערדריקטן קלאַס, איז, אַריינשווימענדיק אין דער בירגערלעך־קינסטלערישער וועלט — דאָך געבליבן מיט זיי פֿאַרוואָרצלט.

די דאָזיקע וואַרעמע כוואַליעס האָבן מיך וואַרעם געחנפֿעט. איך האָב מיר אַ טראַכט געטאָן: דו ביזט אין דיינע בעסטע יאָרן. אין דיינע בענקשאַפֿטס־ראָלן האָסטו זיך שוין, ריין־האַנטווערקערלעך, אויסגעלעבט אויף דער דייטשער בינע. און איצט? איצט בלייבט דיר אַן איין־איינציקע מעגלעכקייט: זיך צו האַלטן. עס איז פֿיל לייכטער דערפֿאָלג צו האָבן, אײדער דערפֿאָלג צו האַלטן. דאָס ווייסן אַלע. און איך האָב מיר ווייטער געזאָגט: ביזט אויסגעוואַקסן אינדערפֿרעמד, ביזט געזונט געוואָרן, נעם דיין פּעקל און פֿאָר אַהיים. דערצייל, גיב און שענק דאָס, וואָס דו האָסט געלערנט, געזען אין דער גרויסער פֿרעמדער וועלט, דיינע דערפֿאַרונגען, דיין רייפֿקייט. געבן מאַכט גליקלעך.

האָט זיך אונטערגערוקט אַמעריקע. דאָס יידישע אַמעריקע. אָבער מיין גאַנצער אַריינפאָר קיין אַמעריקע איז געווען אַן אימפּראָוויזאַציע. איך האָב געזאָלט פאָרן קיין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט פּיסקאַטאָרן „דרייען" אַ פילם. איך האָב באַקומען אַ 3־חדשימדיקן אורלויב פונעם טעאַטער אין בערלין. צופעליק בין איך אָבער שטעקן געבליבן אין אַן אַנדערער אַרבעט און נישט געקאָנט מיטפאָרן מיט פּיסקאַטאָרן.

איז געקומען אַ ייד זילבערט קיין בערלין. שלום־עליכם, עליכם־שלום. און באַלד נאָכדעם גייט מען אַוועק אין אַמעריקאַנישן קאָנסולאַט און מען מאַכט דערפון אַ גאַסטשפּיל אין ניו־יאָרק.

זילבערט האָט מיך פאַרקויפט (ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן) גאָלדבערגן, גאָלדבערג — מיכאַלעסקאָן, און מיכאַלעסקאָ — צו זיין ווייב, און זיין ווייב האָט מיך פאַרקויפט צו אַלדי שוואַרצע יאָר.

אַ שפּיל געטאָן יום־כּיפּור ביינאַכט אין ניו־יאָרק פאַר יידן און יידענעס, וואָס זיינען געקומען פון וואָקסענע ליכט און האָבן געהאָפט צו הערן עפּעס אַ „פּריילעכס" אינעם אָפּערעטן־טעאַטער. און איך האָב דווקא געשפּילט געאָרג קייזערס „פון פרי ביז ביינאַכט".

עס האָט מיר קיינער נישט ווי געטאָן אין אַמעריקע, עס האָט מיך קיינער נישט באַליידיקט און עס האָט מיך קיינער נישט אַרויסגעטריבן פון דאָרט. איך בין נאָר דאָרטן שטיין געבליבן ווי אַ באָטשאָן אויף איין פוס און געבענקט „אַהיים" קיין בערלין, צו די גויים.

און אָט די בענקשאַפט צום „גויאישן" דייטשלאַנד איז שוין נישט געווען קיין אימפּראָוויזאַציע, איז שוין נישט געווען קיין פעלער.

וועט איר פרעגן פאַרוואָס? וועל איך אייך זאָגן: עס איז טאַקע פאַסקודנע ביי אונדז אין דייטשלאַנד איצט. אַ פאַשיסטישער שאַרלאַטאַן האָט געזאַמלט אַרום זיך אַ מחנה פון 13 מיליאָן מענטשן, יונגע מענטשן. די פאָן אָדער דאָס פּראָגראַם, אונטער וועלכער ער זאַמלט די דאָזיקע מענטשן, איז אַ זיס־גיפטיקע קרייטעכץ; אַ מישונג פון דעם רעאַקציאָנערסטן און עלטסטן גיפט, מיט וועלכן מען האָט פון תמיד אָן געשפּייזט אַ פינצטערע מאַסע. און מיר אַלע ווייסן, אַז אָט די דאָזיקע פינצטערע, הונגעריקע מאַסע, אָט דער ריזן־הונט וואַרט און לויערט אויף דעם ביין, וואָס מען זאָל אים צווואַרפן. מיר ווייסן, אַז דער ביין, וועלכן היטלער קאָן זיי צווואַרפן, דאָס זיינען די יידן אין דייטשלאַנד (נישט די גאָלדשמיטס, וואָס האָבן אים געגעבן געלט פאַר דער באַוועגונג!).

איך האָב פון דעם אַלעמען געוואוסט, זייענדיק אין ניו־יאָרק, און בין צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. פאַרוואָס? — זייט נישט ברוגז: איך בין צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, ווייל איך זע אין אָט דער פאַסקודנער באַוועגונג אַ באַציאונג צו אונדז. עס איז אַ באַציאונג פון האַס, פון קנאה,

אַ באַציאונג פון פאַרשטאָפּטע מוחות, אָבער ס'איז אַ באַציאונג, אַ ליידנשאַפטלעכע באַציאונג. די באַציאונג אָבער פון דער יידישער גאַס צום יידישן טעאַטער איז נישט קיין קנאה און נישט קיין שנאה, און ס'איז אויך נישט קיין ליבע־באַציאונג. עס איז אַ גלייכגילטיקייט, אַבסאָלוטע גלייכגילטיקייט. גלייכגילטיקייט איז אומפּראָדוקטיוו, אַ פּאַמעלעכער טויט. ווערן אַ קרבן פון אָט דער גלייכגילטיקייט האָב איך נישט געוואָלט און נישט געקאָנט. בין איך פון אָט דער גלייכגילטיקייט אַוועקגעלאָפן.

ווער איז אין דעם שולדיק? — דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. ווער איז שולדיק אינעם וועלט־קריג? ווער איז שולדיק, וואָס מיליאָנען מענטשן לויפן אַרום אויף דער וועלט אָן שום ציל, אָן אינהאַלט אין לעבן? ווער איז שולדיק אין דעם גאַנצן כאַאָס, אין דער סיסטעמלאָזיקייט, פּלאַנלאָזיקייט פון אונדזער איצטיקער עפּאָכע? די וועלט ברענט פון אַלע פיר זייטן. אַוודאי ווערט אויך פאַרברענט די יידישע גאַס און דאָס יידישע טעאַטער.

ס'איז אַ גרויסער טעות, ווען די, וואָס זיצן אין וואַרשע מיינען, אַז אין בערלין איז גוט. די בערלינער מיינען, אַז אין פּאַריז איז גוט, דאָרט ווידער מיינט מען, אַז אין לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק, אין אַרגענטינע, אין ערגעץלאַנד איז נאָך גוט. נישט אמת. ס'איז אומעטום נישט גוט. פּונקט אַזוי קינסטלעך, ווי מען האָט געצויגן די גרענעצן פון איין לאַנד צום אַנדערן, פּונקט אַזוי קינסטלעך זיינען זיי פאַרבונדן. די גאַנצע וועלט איז איין גוף. ווען דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פאַרדאַרבט זיך דעם מאָגן אויף דער בערלינער בערזע, לויפט אַרום דער ענגלישער פונט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ.

אַנטקעגן וואָס איז עס צו רייד געקומען? אַנטקעגן דעם, וואָס איך האָב מיך אויסגעטענהט וועגן מיין „קליינבירגערלעכן" קאָמפּלעקס צו שפּילן יידיש טעאַטער. אַז מען וויל, איז עס נישט קיין קליינבירגערלעכער, נישט קיין גרויסבירגערלעכער און נישט קיין פּרווידישער קאָמפּלעקס; אַז מען וויל, איז עס אַ פּראָסטע, ריין־מענטשלעכע בענקשאַפט. יאָ, אַז מען וויל. אָבער אַז מען וויל זיך נישט אַרויפציען קיין זיידענע הענטשקעס, איז עס אַזוי ווי איך האָב געזאָגט אין אָנהויב פון מיין אַרטיקל.

אין פּאַריז איז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאָרגעקומען אַ פּראָטעסטשטרייק פון אַלע פּאַריזער טעאַטערס און קינסטלער קעגן די צו־הויכע שטייערן. דאָס פּובליקום — שרייבט דער טעאַטער־שריפטשטעלער פראַנץ קלעמענס פון פּאַריז — האָט זיך אַפילו נישט קיין איין מינוט אויפגערעגט וועגן דעם דאָזיקן פאַל. פאַרוואָס? ווייל דאָס פּובליקום פילט זיך זייט יאָרן אָפּגענאַרט פון די טעאַטער־אונטערנעמער. די אונטערנעמער האָבן יאָרנלאַנג געשפּייזט דאָס פּובליקום מיט שונד, מיט פּאַסקודסטווע, מיט

כוליגאַנסטווע, — מען האָט געמאַכט פון טעאַטער־קונסט אַ טעאַטער־געשעפט. ביי אונדז אין בערלין רופט מען דאָס „אַמוזיר־אינדוסטריע". די לאַקריץ־זיסע האָליוואוד־ראַזשינקעס האָבן פאַרפלייצט די גאַנצע וועלט. די סוחרים, וואָס האָבן פריער געהאַנדלט מיט קנעפלעך און מיט שטאָף, האַנדלען איצט מיט מיידלשע פיס, מיט האָליוואוד־סחורות. דאָס טעאַטער, וואָס האָט געזאָלט זיין — לויט שילער — אַ מאָראַלישע אַנשטאַלט מיט אַ גייסטיקן אינהאַלט — איז געוואָרן, ווי אַ פּענכער, אָן אינהאַלט, אָן אידייע. דער קינסטלערישער פירער איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין היכל, פון טעאַטער, און געבליבן איז דער „פּובליסיטי־מען", דער פּראָפּאַגאַנדע־שעף און דער סוחר.

אַזוי איז עס אין פּאַריז, אַזוי איז עס אין בערלין, אַזוי אין לאָנדאָן, אַזוי איז עס אויף דער גאַנצער וועלט, און אַזוי איז עס אויך אויף דער יידישער גאַס.

קיינער איז נישט שולדיק, און מיר אַלע זיינען שולדיק. קיינער וויל נישט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און אויף אַלעמען ליגט אָבער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די גאַנצע וועלט איז קראַנק — און אויך דאָס יידישע טעאַטער. וועלנדיק ראַטעווען דאָס טעאַטער, נישט האָבנדיק דערביי אין זינען דאָס גאַנצע וועלט־סיסטעם, הייסט זיין אַ דאָן־קיכאָט און נישט קענען באַנעמען די זאַך אין איר גאַנצער טיפקייט. מען מוז זיך אַנטשליסן צו ווערן געזונט־מאַכן דעם גאַנצן קראַנקן גוף און ערשט דאַן וועט אויך אונדזער טעאַטער געהיילט ווערן.

מיט אַנדערע ווערטער: אויב דו ווילסט, ברודער, קעמפן און אויב דו מוזט קעמפן, חבר, טאָ מוזן מיר קעמפן פאַר באַנייען די וועלט. וועט געזונט ווערן די וועלט, וועט געזונט ווערן דאָס טעאַטער, דאָס פראַנצויזישע, דאָס דייטשע, דאָס פּוילישע און אויך דאָס יידישע טעאַטער!

און אין דער צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז מסוכן קראַנק — בין איך געפאָרן קיין אַמעריקע באַגליקן די יידישע גאַס מיט יידיש טעאַטער!...

מאַי, 1932

מיין קומען איצט קיין פּוילן

(רעדע, געהאַלטן אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ אין וואַרשע)

איך האָף און איך בין איבערצייגט, אַז מיין צוזאַמענטרעפן זיך דאָס ערשטע מאָל מיט אייך איז מער ווי אַ געוויינלעכע פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס דאַרף ברענגען מיט זיך אַ פּאָר פּרעסע־נאָטיצן. איך געפין פאַר נויטיק

זיך אַדורכרעדן מיט אייך ברייטער און אָפענער, ווייל איך בין געקומען אַהער מיט גרויסע אויפגאַבן. איך האָב זיך ערשט אומגעקערט צוריק צו יידן. איך בין מיט יידן און מיט דער גייסטיקער יידישער וועלט די גאַנצע צייט ענג געבונדן. איך בין שוין דאָ געווען מיט דריי יאָר צוריק. פאַראַן דאָ אויך צווישן אייך אייניקע חברים, וואָס קענען מיך גוט פון יאָרן פריער. איך בין קיינמאָל פון יידן נישט אַוועק, און דעריבער דאַרף איך איצט צוריק נישט קומען. די גאַנצע צייט פון מיין לעבן אין בערלין האָב איך געהאַט קאָנטאַקט מיט דער יידישער גייסטיקייט און נאָכגעפאָלגט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער קולטור־וועלט. איך מוז אייך זאָגן: איך האָב באַטראַכט דייטשלאַנד — ווי יעדער יונגער פאָרשער, וואָס פלעגט אַהין קומען צו לערנען זיך. עס איז געווען פאַר מיר אַן אוניווערזיטעט, וואו עס האָט געלוינט זיך צו לערנען. איך בין דאָרט פאַרבליבן אַ לאַנגע צייט, אָבער איך האָב געזוכט און פאַרזוכט נישט איינמאָל צו שפּילן יידיש טעאַטער. איך האָב אַמאָל, נאָך אין מיינע גאָר־יונגע יאָרן, געשפּילט דעם גאָרדין־רעפּערטואַר, און אַשס „מיטן שטראָם" און פּינסקיס „פאַמיליע צבי".

אויך איצט, נאָך דער היטלערישער איבערקערעניש, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו שפּילן ווייטער אין דייטשן טעאַטער, אָבער עס האָט מיך געצויגן אַהער, קיין וואַרשע. פאָרנדיק אַהער, בין איך פאַרפאָרן קיין ווין. דאָרט בין איך דעם ערשטן טאָג איינגעלאַדן געוואָרן צו שפּילן, און גע־שפּילט דאָרט אַ פּאָר חדשים מיט מאָיסי, און אַנדערע. איך האָב געהאַט איינלאַדונגען קיין פּראַג, געקאָנט מאַכן אַ וועלט־רייזע מיט יעסנערן, מיין רעזשיסער און דירעקטאָר פון די דייטשע שטאַטס־טעאַטערן.

איך באַרים זיך דאָ נישט פאַר אייך. איך וויל זיין אָפן. איך קום נישט צו אייך און צום יידישן טעאַטער אויף דער עלטער, מיט אַ ליסע־קאָפּ, אָן ציין, מיט ציטערדיקע קניען. דעריבער, אויב ס'וועט מיר געלינגען דאָ צו בויען און צו שאַפן עפּעס רעכטס, — וועל איך בלייבן און שאַפן; אויב נישט — וועל איך אַוועק צוריק. איך האָב וואו צו גיין צוריק.

איך קום צו אייך אָן שום פּרעטענציעס און אָן קיין שום טענות. איך בין דאָ אויך קיינעם גאָר ניט שולדיק. איך בין נישט נאָר אַרטיסט, איך בין אויך מענטש. טעאַטער ביי מיר איז נישט בלויז טעאַטער. טעאַטער איז דער לעצטער אויסוואוקס אויף אַ בוים מיט שטאַם, מיט צווייגן. ווען דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן איז דאָ אויף געהאַקטע צרות, איז ממילא אויך טעאַטער דאָ אין אַ שווערער, אומנאָרמאַלער לאַגע. ס'איז נישט מיין אויפגאַבע דאָ צו קריטיקירן דעם איצטיקן יידישן טעאַטער, אָבער מען דאַרף נישט צוגיין מיט קרעכצן און מיט זיפצן.

איך בין געקומען מיט הייסן ווילן צו בויען אין וואַרשע אַ גוטן יידישן טעאַטער. אין וואַרשע, וואו ס'איז דאָ דאָס בעסטע פּובליקום. איך

קען דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. דאָרט שפּילט מען דאָס רוב פּאַר אַן עלטערן עולם, וואָס געדענקט דאָס יידישע לעבן און יידיש פון די יונגע יאָרן. קיין יוגנט איז דאָרט, אינעם יידישן טעאַטער, כמעט נישטאָ. און דאָ, אין וואַרשע, האָב איך געטראָפן אַ באַגייסטערטע יוגנט. מיר, די פערציק־יאָריקע — דער דור, וואָס קען זעלבסטשטענדיק שאַפן — דאַרף און קען און מוז עס געבן דעם יונגן דור. דאָס איז אונדזער מאָראַלישע פליכט. פּונקט ווי מיר, אין אונדזערע יוגנט־יאָרן, האָבן גענומען פון דעם דעמאָלסדיקן עלטערן דור, פון די דעמאָלסדיקע פערציק־יאָריקע. פאַר אַזאַ באַגייסטערטער יוגנט לוינט זיך צו אַרבעטן. מיר זיינען פאַרפליכטעט צו געבן איר ערנסטע אויפפירונגען.

קומענדיק אַהער, וואָלט איך זייער לייכט געקאָנט שפּילן „אָטעלאָ", „קין", אָדער „האַפּליאַ, מיר לעבן!", — דעם גאַנצן רעפּערטואַר, וואָס איך האָב געשפּילט צענדליקער און הונדערטער מאָל אין בערלין. אַלס שויי־שפּילער וואָלט איך דאַן נישט געהאַט קיין ריזיקע. אָבער דאָס איז איצט נישט מיין אַמביציע און אויפגאַבע — צו קומען צו אייך בלויז אַלס שויי־שפּילער. איך טרעט דאָ אויף אין אַ ניי שטיק, וואָס נישט נאָר דער טינט איז פון דעם נאָך נישט אויסגעטרוקנט, נאָר אויך דאָס בלוט פון די קרבנות, איבער וועלכע עס איז געשריבן, איז נאָך נישט פאַרקילט. דער מחבר פון דעם שטיק „די געלע לאַטע" איז פרידריך וואָלף, וואָס האָט ביז אַהער נישט געקאָנט געבן זיין נאָמען אויף דער פּיעסע, וויל זיין פאַמיליע האָט נאָך געוואוינט אין דייטשלאַנד. אין דעם שטיק ווערט געשילדערט אַ פּראָפעסאָר אַ ייד, וואָס איז געווען אין קריג, געמיינט ביז אַהער, אַז ער איז אין דייטש־לאַנד איינגעוואָרצלט און אַז ער איז אין לאַנד באַטייליקט ווי אַ גלייכער. דער אַרבעטער, וואָס ווערט דאָרט אין לאַנד געפּייניקט, זאָגט אין דער פּיעסע: „איר יידן זענט אין אַ בעסערער לאַגע. אייך, אַז מען שלאָגט, טוט עס ווי די יידן אין אַנדערע לענדער, און זיי שרייען. און מיר ווערן דאָ דערשטיקט, און קיינער רופט זיך נישט אָפּ!" די דראַמע איז געשריבן דורך אַן עכטן דייטש, וואָס היטלער האָט אויסגעפונען, אַז זיין באָבע איז, אַ סברא, געווען אַ יידישע...

איך האָב ליב . . . געהאַט דייטשלאַנד. דאָס איצטיקע היטלעריסטישע דייטשלאַנד איז נישט דאָס אמתע דייטשלאַנד. איצט האָט די אונטערוועלט גענומען רעגירן מיטן לאַנד און פאָלק.

מיין לעגיטימאַציע איז ניט בלויז שוישפּילער, נאָר אויך געזעלשאַפט־לעכער מענטש, וואָס ווייסט די אַלע שוועריקייטן, וואָס ליגן אויפן וועג פון ערנסטן יידישן טעאַטער אין דער איצטיקער צייט. איך קום נישט אַהער צו כאַפּן דאָ אַ פּאָר דאָלאַרן, אָפּשפּילן און אַוועק פון דאַנעט. איך גיב אייך דאָס רעכט שפּעטער דערמאָנען מיר מיינע איצטיקע רייד, אויב איך וועל

לעווינע (צייכענונג פון דעם אומגעקומענעם קינסטלער פעליקס פרידמאַן)—אין ה. לייוויקס „קייטן" (וואַרשע, 1934).

סצענע פון פרידריך וואָלפס פיעסע „די געלע לאַטע" („פּראָפעסאָר מאַמלאָק"—געשפּילט אין וואַרשע, 1934).
פון רעכטס: אַלעקסאַנדער גראַנאַך (פּראָפעסאָר מאַמלאָק), העלענאַ באָרקאָווסקאַ (פרוי מאַמלאָק).

פאַרלירן דעם וועג, וואָס איך צייכן דאָ פאַר אייך, אָדער איך וועל אַרויף אויפן וועג פון שונד. איר קענט מיך דערנאָך אַלץ דערמאָנען, און מאָנען ביי מיר רעכענונג. איך וואָלט געוועזן אין אַ לאַגע, ווי אַ 30־יאָריקער וואָלט געשריבן צו זיך אַליין, דעם שפּעטער 50־יאָריקן, אַ בריוו, און דער 50־יאָריקער לייענט דערנאָך אָט דעם בריוו און ער זעט, צי ער איז טריי געבליבן דעם אַלעם, וואָס ער, דער 30־יאָריקער, האָט אַמאָל פאַר זיך אָנגעצייכנט.

און וואָס נאָך: איך פאַרלאַנג נישט פון אייך קיין גלויבן, סתם גלויבן אין מיר. איך וויל פון אייך נישט קיין קרעדיט. וואָס איך פאַרלאַנג — זאַכלעכע שטעלונג צו מיין צוקונפטיקער אַרבעט, צו מיינע אויפפירונגען.

איך וויל טאָן פּראָדוקטיווע אַרבעט אין דער פאַרוואַרלאָזטער יידישער טעאַטער־וועלט. איך וויל פּרובירן לייגן ציגל צו אַ גרויסאַרטיקן בנין. פאַר מיר איז טעאַטער אַ מאָראַלישער אַנשטאַלט. טעאַטער האָט קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן און האָט אויך קאָלאָסאַלע התחייבותן. נישט אומזיסט ווערט געשענקט אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט און אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד דעם טעאַטער. אויך דאָס פאַשיסטישע היטלעריסטישע דייטשלאַנד טראַכט כסדר וועגן דעם טעאַטער. טעאַטער איז אַ גאָר וויכטיקע אינסטיטוציע, און מען מוז דעם טעאַטער אויפריכטן ביי אונדז. אין דער קירכע גייט מען אויס מורא, מען גייט אַהין ווייל מען מוז; אין טעאַטער אָבער גייט מען ווייל מען וויל. ווען דער מאַסן־צושויער גייט אַהיים פון אַ שלעכטן טעאַטער, דאַן טראַכט ער פאַר זיך: ער האָט געגעבן אַמאָל זיין שכן מיט אַ מעסער אין זייט, אויסגעהאַקט אים די ציין, אָדער אָפּגעטאָן מיאוסע זאַכן — האָט ער דאָס זעלבע געזען באַרעכטיקט אינעם שלעכטן טעאַטער! אָבער פון אַ גוטער, ערנסטער פאָרשטעלונג גייט ער אַוועק אַ פאַרטראַכטער. אונטער דעם רושם פון דעם גוטן, הערלעכן, וואָס ער האָט געזען, האָט ער חרטה אויף דאָס אומווירדיקע, וואָס ער טוט אין לעבן. עס איז אַ צו פּראָסטער משל, אָבער אַן איינפאַכער משל איז אָפט נעענטער צום נמשל, ווי אַן אויס־געקליגלט וואָרט...

איך קום צו אייך פול מיט גלויבן, מיט לוסט און מיט קראַפט. און — אַן פּרעטענזיעס. איך קום נישט ווי אַ „סטאַר", וואָס טראַכט בלויז צו ווייזן זיך אין זיין אייגענער ראָל, און גענוג! ווי יעדער גייסטיקער מענטש, ווייס איך די שווערע חשבונות, וואָס מיר האָבן איצט מיט דער וועלט, מיט מענטש, מיט צייט־פּראָבלעמען, און דאָס דאַרף געפינען דעם אָפּקלאַנג אין טעאַטער.

איך בין גליקלעך איצט צו צאָלן אַן אַלטן חוב — עס איז מיין גרעסטער פּריוואַטער חוב, דער חוב פאַר מיינע ערשטע איבערלעבענישן, וואָס איך האָב געהאַט אין דעם יידישן טעאַטער. און אָט פאַר יענע טיפע

איבערלעבענישן אינעם יידישן טעאַטער בין איך שולדיק [אַ חוב] דעם יידישן טעאַטער און דעם יידישן עולם. דער פרילינג פון מיין לעבן איז געווען אונטער דעם הימל פונעם יידישן טעאַטער, פון דאָרט — די ערשטע צאַפּלדיקע קינסטלערישע אָנרעגונג. דערנאָך בין איך אַ פאַרשיכורטער געלאָפן קיין בערלין. נישט געפאָרן, נאָר געלאָפן. איך האָב געלערנט דאָרט לאַנג, און פיל געשפּילט. איך האָב לעצטנס געשפּילט מעפּיסטאָ אין צווייטן טייל „פאַוסט", וואָס ווערט געגעבן זעלטן אין בערלין, איין מאָל אין 50 יאָר. דאָס איז דאָס העכסטע, צו וואָס איך, אַלס דייטשער אַקטיאָר, האָב געקאָנט דערגרייכן. דערמיט האָב איך אָפּגעשלאָסן מיין קאַריערע אין דייטשן טעאַטער. האָב איך זיך געזאָגט: גראַנאַך, האָסט אָפּגעטאָן דיין אַרבעט אין דייטשן טעאַטער, איצט איז דיין אויפגאַבע — יידיש טעאַטער!

איך בין אָבער נישט קיין מאַרטירער און איך קום נישט אַהער קיין אויסגעשעפּטער. אדרבא, איך קום מיט אַלע כוחות און בין גרייט זיך אַריינ־וואַרפן אין דער אַרבעט. אָבער אַליין אַלץ טאָן קאָן איך נישט. איר מוזט אַלע צוהעלפן — די אַרטיסטן, די פרעסע, די געזעלשאַפטלעכע טוער. איך קען געבן פּלענער, איך קאָן שאַפן איניציאַטיוו, אָבער אַרבעטן לאָמיר אַלע אינאיינעם, קאָלעקטיוו.

די ערשטע אָנאָנסן וועגן מיין קומען זיינען געווען מיט פעטער שריפט. איך שעם זיך דערמיט. נישט דרוקן זיך מיט פעטע אותיות איז מיין אויפגאַבע דאָ, נאָר שאַפן דעם גוטן טעאַטער, וואָס זאָל דערפילן די גרויסע אויפגאַבע פון דערציאונג. מיר זיינען אַלע מחויב צו טאָן אָט די גרויסע אַרבעט, ווייל אַלע זיינען מיר פיל שולדיק אונדזערע יידישע מאַסן. איך וויל, אַז נישט נאָר גראַנאַך זאָל טראָגן די אחריות, נאָר דער גאַנצער אַנסאַמבל, די גאַנצע יידישע פרעסע, די גאַנצע יידישע גייסטיקע וועלט. אַלע לאָמיר צוטרעטן צו דער גרויסער און וויכטיקער אַרבעט פאַר אַ גוטן יידישן טעאַטער!

און דאָס איז אייגנטלעך דאָס ערשטע וואָרט מיינס ביים ערשטן צונויפ־טרעפן זיך מיט אייך אַלעמען! *)

*) אויף דער פרעסע־קאָנפערענץ זיינען געווען פאָרשטייער פון דער גאַנצער יידישער פרעסע און פונעם אַרטיסטן־פאַראיין, ווי אויך אַ ריי שריפטשטעלער און אַרטיסטן. די פרעסע־קאָנפערענץ איז געעפנט געוואָרן דורך ג. מייזיל. נאָך דער רעדע פון א. גראַנאַך, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן פון אַלע פאַר־זאַמלטע, האָבן גערעדט נח פרילוצקי, י. מ. ניימאַן, ב. שעפנער, אהרן צייטלין, ש. וואָלקאָוויטש, אלחנן צייטלין, נ. קאַנטאָראָוויטש, זרובבל, מ. ברין, אידאַ קאַמינסקי, דר. י. שיפּער. אין די רעדעס האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף פאַרשיידענע פראַגן פונעם יידישן טעאַטער, וואָס א. גראַנאַך האָט באַרירט אין זיין רעדע. די רעדנער האָבן כאַראַקטעריזירט גראַנאַכס קינסטלערישע פערזענלעכקייט און אַרויסגעזאָגט די האָפענונג, אַז אים וועט געלינגען אויפצושטעלן אין וואַרשע אַן ערנסטן טעאַטער.

וועגן דעם יידישן טעאַטער און פּובליקום

(אַ שמועס מיט אַ מיטאַרבעטער פון לאָדזשער „פאָלקס-בלאַט")

ס'איז נישט אַזוי לייכט צו שפּילן אויף דער יידישער גאַס יידיש טעאַטער. די סיבות זיינען באַקאַנט אויך אייך און אייערע לעזער. יידישע פינאַנסיסטן פינאַנסירן אַלץ אין דער וועלט, אַפילו נישט-יידישע טעאַטערן. אַרום דעם יידישן טעאַטער טרעפט מען מענטשן, וואָס ס'וואָלט גלייכער געווען ווען זיי האַנדלען מיט עליות, מיט זאַקן-בענדלעך, אָבער נישט מיט טעאַטער. מ'דאַרף נאָך אַן האָבן אַן אינטענסיווע און שווערע אַרבעט אויף דער יידישער גאַס, כדי איבערגעגעבענע אָפּערווילִיקע קולטור-טוער (פאַר וועלכע איך האָב דעם גרעסטן רעספּעקט) זאָלן זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ וויכטיקע אינסטיטוציע ס'איז טעאַטער, — סיי גייסטיק, סיי מאָראַליש, סיי דערציערִיש, און טאַקע אַלס פּרעסטיזש, אַלס גייסטיקער צענטער פון אַ פאָלק. מיר האָבן דאָס בעסטע טעאַטער-פּובליקום אין דער וועלט. ווען מען שפּרינגט אַריבער דעם קרייז פון שוועריקייטן, וואָס לייגן זיך יעדן אויף דעם וועג, ביז מען קומט צו צום שפּילן יידיש טעאַטער, האָט מען די גרעסטע סאַטיספאַקציע, וואָס ס'קאָן האָבן אַ פּראָדוצירנדער מענטש — דאָס יידישע פּובליקום.

מיינע איבערלעבענישן אויף דער יידישער גאַס אין פּוילן זיינען די שטאַרקסטע, וואָס אַ שוישפּילער קען האָבן. דאָס יידישע פּובליקום זעט מיט די קלאָרסטע אויגן, הערט מיט די ריינסטע אויערן און לעבט-איבער מיט קאָפּ און האַרץ די זיבלעכע און גייסטיקע עמאָציעס אויף דער בינע. איך גלויב, אַז אַזאַ רעזאָנאַנס פון יענער אַנאָנימער „פערטער וואַנט", אָנ-גערופן פּובליקום, איז בכוח אַ שוישפּילער צו דערהויבן, צו באַפרוכפּערן און העלפן איבערצוואַקסן זיך אַליין.

אין ווילנע איז צוליב דער „געלער לאַטע" געוואָרן מאָבּיליזירט די גאַנצע יוגנט. איך בין געקומען קיין ווילנע גראָד דעמאָלט, ווען ס'איז געפירט געוואָרן אַ קאַמף צווישן שונד און גוט טעאַטער. אַלץ וואָס קעמפט פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער האָט זיך מאָבּיליזירט. און נישט נאָר ווילנע האָט פון מיר געהאַט, — איך בין אַוועקגעפאָרן פון ווילנע מיט גרויסע איבערלעבענישן, אַז יידיש און יידישע קולטור איז מער ווי אַמביציע פון יחידים-יידישיסטן, נאָר יידיש איז אַ געווער אין קאַמף פון די יידישע מאַסן. לאָדזש איז אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. איך בין צום ערשטן מאָל אין דער שטאָט. כ'קען דאָ כמעט קיינעם נישט — נישט געזעלשאַפטלעך, נישט פּריוואַט, און פונדעסטוועגן איז דאָס טעאַטער די גאַנצע צייט געווען איבערפולט.

איך האַלט דעריבער, אַז דער דערפאָלג פון דער „געלער לאַטע" אין לאָדזש איז אַ סך אינטערעסאַנטער און גרעסער. ס'איז די ליניע פון גרויסשטעטיקייט. דער דערפאָלג איז אַן אַנאָנימער, דאָס הייסט — אַ זאַכלעכער, אַ טעאַטראַלישער, און דערפאַר האַלט איך לאָדזש ביז איצט פאַר דער בעסטער יידישער טעאַטער־שטאָט.

דאָס לעצטע וואָרט פונעם באַשולדיקטן שיילאָק

(רעדע, געהאַלטן אויפן „עפנטלעכן געריכט איבער שיילאָק", איינגעאָרדנט דורכן ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע, אין זאַל פונעם שטאָט־ראַט)

איידער איך טרעט־צו צו מיין פאַרטיידיקונג, וויל איך מאַכן איניקע וויכטיקע באַמערקונגען. קודם כל — מיין געשיכטע פון שיילאָק הויבט זיך נישט אָן מיטן אויפהויבן פונעם פאָרהאַנג און פאַרענדיקט זיך נישט מיטן פאַלן פונעם פאָרהאַנג. די טעג איז אַרויס אַ בוך פונעם באַוואוסטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער עדמאָן פלעג, מיטן נאָמען „יעזוס דערציילט פונעם איביקן ייד". דאָרט איז דאָ אַ זאַץ: „ווען דאָס יידנטום וואָלט צו זיין פאַרטיידיקונג געהאַט בלויז יידן, וואָלט אויף דער וועלט קיין אַנטיסעמיטיזם נישט געווען, ווייל ס'וואָלטן שוין בכלל קיין יידן נישט געווען." מיר, אַלס שיילאָק, איז זייער גוט, ווייל מיין שאַפער, דער פאָטער וויליאַם שעקספיר, איז אַ גוי. דעריבער זאָג איך מיינע אָנקלאָגער און מיינע פאַרטיידיקער, אַז זיי זיינען ביידע גערעכט, ווייל אין אַלע וויכטיקע זאַכן אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ יאָ מיט אַ ניין. איידער איך וועל אָנהויבן צו דערציילן פאַר אייך מיין געשיכטע אַלס שיילאָק, מיט די געהעריקע ציטאַטן פון מיין שאַפער־פאָטער, וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַן אינטערעסאַנט בוך, וואָס איז די טעג דערשינען אין אַ פראַגער דייטשן פאַרלאַג, מיטן טיטל „אינטערנאַציאָנאַלע אַנקעטע איבער יידן־האַס". עס זיינען אין בוך צונויפגעזאַמלט מיינונגען פון טויטע און לעבעדיקע גרויסע נישט־יידישע מענטשן, און אויך פון אַזעלכע, וואָס זיינען באַקאַנט דער וועלט ווי אַנטיסעמיטן. אָט איז אַ ציטאַט פון אַ בריוו, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשריבן צום דיסעלדאָרפער גראַנד־ראַבינער: „איך בין נישט צופרידן וואָס אין מיין קעניגרייך זיינען דאָ יידן, ווייל דורך זייער באַזונדערקייט צעשטערן זיי דעם איינהייטלעכן קערפער פון דער נאַציע. אָבער עס וואָלט נישט געווען אין איינקלאַנג מיט מיין לעבנס־פילאָזאָפיע זייער ראַסע און זייער רעליגיע צו פאַרפאָלגן." אַ ציטאַט פון לענין: „דעם האַס פון רואינירטן אַרבעטער־ און פויערים־קלאַס קעגן גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן באַמיט מען זיך אָפּצואווענדן אויף די יידן, כדי צו פאַרטונקלען דעם באַוואוסטזיין פונעם

אַרבעטער און אָפּצולענקן אים פֿונעםווירקלעכן שונא — פֿונעם קאַפּי־טאַליסט.״ האָן רינער שרייבט: „וואָלט היטלער, למשל, געקענט זיין געגנעאָלאָגיע פֿון דער מוטערס צד אויספֿאָרשן געגוג ווייט אויף צוריק, כדי פֿאַר זיך אַ באַפֿרידנדיקע אויסקונפֿט צו באַקומען? קאָן מען בכלל אַזוי טיף האָסן דעם שונא, ווען מ׳פֿילט אים נישט אין אייגן בלוט?״ דער גרויסער שריפֿטשטעלער געאָרג דוהאַמעל זאָגט: „איך טראַכט איבער דעם גאַנצן עלנט און איבער דער גאַנצער חרפּה (פֿונעם אַנטיסעמיטיזם) — איך בין אומגליקלעך, וואָס איך בין אַ מענטש.״ דער היסטאָריקער מאַמזען, וועלכן די נאַציס האָלטן פֿאַר זייער טעאָרעטיקער, אָבער זיי ציטירן קיינ־מאָל נישט זיין וואָרט: — „אַנטיסעמיטיזם איז דער יסוד פֿון דער קאַנאַליע״. דער בעלגישער שריפֿטשטעלער מאַרצל פֿאַן דיסט זאָגט: „די שווער־וואַגיקסטע אַרגומענטן האָבן אויף דער בעסטיע קיין שום ווירקונג נישט.״

איך האָב ספּעציעל ציטירט די ווערטער פֿון אָט די פּאָר „גויים״ וועגן אַנטיסעמיטיזם, ווייל ווען אַ ייד שרייט, איז ער נישט אָביעקטיוו, ס׳טוט אים וויי. די שאַנד פֿון אַנטיסעמיטיזם איז נישט קיין יידיש פּראָבלעם, עס איז אַן אַלגעמיין־מענטשלעך פּראָבלעם. אַנטיסעמיטיזם איז אַ שאַנד נישט פֿאַר יידן, נאָר פֿאַר מענטשן. און דערפֿאַר פֿיל איך זיך אַלס שיילאָק זייער גוט: נישט אַ ייד האָט מיך אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט מיט טיפֿע וויטיקן, נאָר אַ „גוי״ אַ זשעני.

גלייך, ביים אָנהויב, וויל איך זאָגן, אַז מיין פֿאָטער, וויליאַם, האָט מיך געזען ווי אַ שוואַרצן באַראָן אין אַ סטאַדע ווייסע אומשולדיקע, פֿריי־לעכע שאָף. איך האָב געזאָלט אין דער פֿריילעכער, קלינגענדיקער, פֿאָטישער, טרוימענדיקער וווּנעדיקער נאַכט זיין דער קאָנטראַפּונקט, די שוואַרצע כמאַרע, וואָס פֿאַרדעקט אַמאָל דעם הימל, כדי ווען די זון וועט זיך אַדורכרייסן, זאָל זי זיין נאָך שטראַלנדיקער און הערלעכער. אמת, מיין פֿאָטער וויליאַם שעקספּיר איז אין זיין פּריוואַט־געזעלשאַפֿטלעכער שטעלונג געווען צו מיר נעגאַטיוו. נאָר וואָס דען — ער איז געווען אַ זשעני.

מיינע הערן, ביים וואָרט „זשעני״ מוז איך אַביסל בלייבן שטיין, ווייל מ׳רעדט שוין איצט וועגן אַ גענִיאַלן פֿריזירער, אַ גענִיאַלן צושניידער, וועגן אַ גענִיאַלער מאָדיסטין, און מ׳פֿאַרגעסט, אַז אין דער מענטשלעכער גע־שיכטע זיינען געווען העכסטנס אַזויפֿיל זשעניען, וויפֿיל מ׳קאָן אָנציילן אויף אָט די צוויי הענט. אַ זשעני איז געווען לאַאָטסע און משה רבנו, און לעאָנאַרדאָ און מיקעל אַנדזשעלאָ, און בעטהאָווען, און געוויס אויך וויליאַם שעקספּיר, וואָס האָט געשאַפֿן אַזוי איינס און צוויי אויף אַ באַשטעלונג דעם „טרוים אין אַ זומער־נאַכט״, וואָס וועט אַזוי לאַנג לעבן און אַזוי לאַנג מענטשן באַגליקן, ווי לאַנג מענטשן וועלן ליבן; און ליבן וועלן מענטשן אַזוי לאַנג

ווי זיי ווילן לעבן; און אַזוי לאַנג ווי מענטשן ווילן לעבן, וועט מיט זיי לעבן דער זשעני שעקספּיר און זיי תמיד באַגליקן...

איך קער זיך אום צו שײלאָק. מיין פאָטער האָט פריוואַט־געזעלשאַפט־לעך געוואָלט מיך שלעכט באַהאַנדלען, אָבער דער זשעני אין אים האָט מיך אויסשטאַפירט אין מיינע פּאַרטיידיקונגס־סיטואַציעס מיט אַזוי פיל מענטש־לעכער ווירדע, מיט אַזוי פיל שטאָלץ, מיט אַזוי פיל געזונטן מענטשלעכן אימפּעט, אַז די ווייסע שעפּעלעך אַרום מיר ווערן אָפּט לעמעלעך און נאַריש און שוואַרצער און בייזער, ווי איך — דער שוואַרצער פלעק, וואָס ער האָט לכתחילה געוואָלט פון מיר מאַכן. דערפאַר זיינען אי מיינע באַ־שולדיקער, אי מיינע פאַרטיידיקער גערעכט. מיינע באַשולדיקער קאָנען זיך האַלטן אין דעם געזעלשאַפטלעכן שעקספּיר, און מיינע פאַרטיידיקער — קאָנען זיך שטיצן אויף דעם זשעני שעקספּיר, וועמען די אייביקע אינ־טואיטיווע גערעכטיקייט־מוזע האָט דיקטירט צו געשטאַלטיקן מיך גרויס און איינזאַם.

לאָמיר אַ קוק טאָן נאָכן אויפגיין פון פאָרהאַנג, וואָס ס'טוט זיך אין דעם שטיק: יונגעלייט לײדיקגייער, אָן וואָסער ס'איז באַשעפטיקונג, אָן וואָסערע ס'איז זאָרגן — מען רעדט, מען פּלאַפּלט — וועגן וואָס? ווי מ'האָט נעכטן ביינאַכט געגעסן און ווי מ'וועט היינט ביינאַכט עסן, וואָס פאַר אַ שפּיצלעך מ'האָט נעכטן ביינאַכט אָפּגעטאָן און מ'וועט אָפּטאָן מאָרגן, איבערמאָרגן. איינער פון די בחורים וויל פאָרן אַזש קיין בעלמאָנט, וואו ס'געפינט זיך נישט נאָר אַ שיין קלוג מיידל, נאָר אויך אַ רייכע, וואָס האָט גע־ירשנט אַ גרויס פאַרמעגן פון איר פאָטער. כדי אַהין צו פאָרן, וויל ער לייען ביי זיינעם אַ פריינט געלט. און וויפיל מיינט איר? נישט מער און נישט ווייניקער ווי דריי טויזנט דוקאַטן. און 50 איז אים ווייניק? און 100 איז אים ווייניק? יאָ! ער וויל קומען ווי אַ הויכשטאַפּלער, ער וויל איר אימפּאָנירן. איך ווייס, איך ווייס, מען רעדט צווישן זיך וועגן פּאָעזיע. אָבער איך, איך בין שײלאָק, און איך וואוין מיר אין אַן ענג געסל, איך בין געזעלשאַפטלעך נישט אָנערקענט, איך טראָג אַ געלן פלעק, און אַלע קליינע קינדער מעגן מיר נאָכוואַרפן שטיינער, אַלע דערוואַקסענע קאָנען מיך אויסלאַכן, און מיינע קאָנקורענטן, וואָס מאַכן ערגערע געשעפטן פון מיר, מעגן מיר שפּייען אין פּנים אַריין. איר פאַרשטייט? דער היטלערישער אַריער־פּאַראַגראַף האָט שוין דאַן עקזיסטירט אין קולטורעלן װענעדיק. איך ריר קיינעם נישט אָן, איך גיי צו קיינעם נישט. איך גיי מיר שטענדיק אָן דער זייט, מיין אייגענעם וועג. איך לעב איבער אַ שווערע צייט, ווייל מיין פרוי, לאה, וועלכע איך האָב שטאַרק ליב געהאַט, און וועלכע איז געווען אַ טייערע באַלעבאָסטע, איז געשטאָרבן, מיך איבערגעלאָזט אַליין מיט מיין 16־יאָריק מיידל יעסיקאַ. איך לעב נאָך צוריקגעצויגענער, נאָך

איינזאַמער. איך קום בלויז אין סינאַגאָגע, וואו ס'איז דאָ בלויז אַ מנין ייִדן. איך פיר נישט קיין לוקסוס־לעבן, איך לעב באַשיידן, איך פּראָווע נישט קיין בעלער, דערפאַר זאַמלט זיך ביי מיר אָן אַ היפּש פאַרמעגן. זיי, די אַנדערע, פּראָווען יאָ בעלער און לעבן ברייט, זיינען אויסברענגער, קוקן זיי מיט קנאה אויף מיין האָב און גוטס. און אַט גייען זיי צו מיר, און אַט קומען זיי טאַקע, און פאַרלאַנגען פון מיר, איך זאָל זיי לייען דריי טויזנט דוקאַטן. און אַט קומט צו מיר יענער פיינער, גרויסער קאָנקורענט מיינער, „רבי״ אַנטאָניאָ אַלייך, און אין אַ זייער נישט־העפלעכן טאָן פאַרלאַנגט ער פון מיר, איך זאָל אים לייען געלט. מיין מענטשלעכע ווירדע דערלויבט מיר נישט צו זיין העפלעך צו אַ מענטש, וועלכער האָט מיר ערשט דעם לעצטן מיטוואָך געשפּיגן אין פּנים אַריין און מיך אָנגערופן „הונט״. און איך פרעג אים דעריבער, האַלב אין שפּאַס: צי קאָן דען אַ הונט לייען געלט? ענטפערט ער מיר גראָב: איך קאָן דיר ווייטער שפּייען אין פּנים אַריין, ווייטער דיך טרעטן; ליי מיר דאָס געלט ווי אַ שונא! און איך זאָג: „מהיכי תיתי, איך ליי אייך דאָס געלט! מאַכט מיט מיר קאָנטראַקט, — זאָג איך צו אים מיט דעמאָנישן כח פון מיין גויאישן טאַטן, ווילִיאַם, — אַז אויב איר וועט מיר נישט אומקערן דאָס געלט אין דער און דער צייט, אויף דעם און דעם אָרט, ווי עס וועט פאַרצייכנט ווערן אין קאָנטראַקט, זאָל מיר דערלויבט זיין — לאָך איך אים אין פּנים אַריין — אויסצושניידן אַ פונט פלייש פון דעם טייל פון אייער קערפּער, וואָס איך וועל וועלן!״ אַ געפערלעכער, אַ פריילעכער, אַ וויציקער, אַ דעמאָניש־מענטשלעכער קאָנטראַקט. מען לאַכט און מען איז מסכים. יענער באַקומט דאָס געלט און מען גייט זיך פאַנאַנדער. איך קום אַהיים און טרעף מיין מיידל יעסיקאַ פאַרחלומט, ווייל די נאַכט אין ווענעדיק איז אָנגעפילט מיט ראָמאַנטיק, וואָס פאַרכישופט אַ האַרץ פון אַ 16־יעריק מיידל. איך ווער געוואויר, אַז אין דער נאַכט וועט זיין אַ גרויסע סערענאַדע, גרויסע בעלער וועלן זיין אין די גאַסן, און איך פיל — אַ שווערע כמאַרע הענגט איבער מיין קאָפּ, אַ שווערער גורל. איך מוז אַוועק פון דער היים. איך בעט זיך ביי מיין קינד, זי זאָל פאַרשליסן פון אינעווייניק דאָס הויז, זי זאָל פאַרשטאָפּן די פענצטער, זי זאָל זיך נישט צוהערן צו דער לייכטער, פאַרכישופנדיקער, פאַר־פירערישער מוזיק, וואָס פּאַסט פאַר זיי און נישט פאַר אונדז. מיר מוזן לעבן באַשיידן און שטיל. ווען איך בין שפּעטער געקומען אַהיים, טרעף איך מיין הויז חרוב, מיין קינד האָט מען אַרויסגעגנבעט. און נישט נאָר דאָס קינד, נאָר ווי אמתע גנבים און רויבער האָבן זיי אויך צוגענומען מיין האָב און גוטס. און מאַסקעס טאַנצן אַרום מיין שטוב, מאַכן פון מיר חוזק, און מ'שלעפּט מיך ביים קאַפּטן און מ'וואַרפט אין מיר שטיינער. און וואָס טיפער מיין אומגליק, און וואָס טיפער מיין צער, אַלץ לוסטיקער פרייען זיך

איבער מיר די לצים. איך פיל איצט, אַז אַלץ שווימט פון מיר אַוועק און איך מוז ראַטעווען מיין לעצט שטיקל מענטש אין מיר; און אַז ווען עס קומען די פריינט פון אַנטאָניאָ מיך אויסצושפּיאָנירן, צי ווען אַנטאָניאָ וועט נישט צוריקגעבן דאָס געלט, וועל איך טאַקע באמת פאַרלאַנגען דאָס פונט פליש פון אים — ס׳שריט דאָן פון מיר אַרויס די באַליידיקטע פאַר־וואונדעטע חיה: יאָ, איך מוז עס פאַרלאַנגען, כדי זיי זאָלן זען, אַז איין מענטש האָט קיין רעכט ניט אַזוי טיף צו באַליידיקן אַן אַנדערן מענטש. ווען איך האָב גערעדט צו זיי מיט גוטסקייט און מיט הכנעה, האָבן זיי צו מיר קיין אַכטונג נישט געהאַט. אָבער איצט, ווען זיי זעען, אַז איך שרעק זיך נישט און פאַרלאַנג מיינע רעכט, אימפּאָנירט עס זיי, און זיי הויבן אָן צו באַקומען דרך־ארץ פאַר מיר און פאַר מיין מענטשלעכער ווירדע.

און דאָ מוז איך אַריינפלעכטן אַ באַמערקונג: מיין גענ‍יאַלער גויאישער שאַפער האָט מיט זיין געזונטן גויאישן חוש געזאָגט: ווען איך וואָלט געווען אַ ייד, און מ׳טוט מיר אָן אַזוי פיל צער און פּלאָגן, וואָלט איך יאָ פאַר־לאַנגט דאָס פונט פלייש! און מיר געפעלט עס אויך, — דאָס איז געזונט: ס׳איז געפערלעך די קריסטלעכע טעזע אויפצושטעלן די אַנדערע באַק, ווען מ׳גיט דיר אַ פּאַטש — ווייל דער כוליגאַן גיט דיר טאַקע באַלד דעם צווייטן הילכיקן פּאַטש. אָבער ווען דו האַקסט אים אויס אַ צאָן נאָכן ערשטן פּאַטש, וואָלט עס אים מער איבערצייגט ווי אַלע מאָראַלישע טענה.

מיין באַשולדיקער האָט מיר דאָ פאָרגעוואָרפן, אַז איך בין געלט־גייציק, אַז איך ווינטש מיר, מיין טאָכטער זאָל ליגן טויט אויף דער ערד, אַבי דאָס צירונג זאָל זיין אין אירע אויערן. ער האָט אָבער פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז אין דער נאָענטסטער סעקונדע, ווען איך ווער געוואויר, אַז מיין טאָכטער האָט אין גענוי אַוועקגעגעבן דעם טערקיז־רינג פאַר אַ מאַלפּע, ווער איך שטיל און פאַרגעס אין מיינע פאַרלוסטן, און מיט די צאַרטסטע ווערטער, וואָס דער זשעני שעקספּיר האָט מיר געקאָנט אַריינלייגן אין מויל, זאָג איך: „ס׳איז געווען מיין טערקיז. איך האָב אים באַקומען פון לאה׳ן, ווען איך בין פאַר איר אַ חתן געוואָרן. איך וואָלט אים נישט אַוועקגעגעבן פאַר אַ גאַנצן וואַלד מאַלפּעס!" און אין דעם מאָמענט פאַלט פון אים אַראָפּ אַלץ, וואָס וואָלט אים געקענט מאַכן לעכערלעך. די ליבע פון שיילאָק איז פון אַ העכערער מדרגה, ווי ביי דער גאַנצער חבריא, וואָס האָבן ביי אים גע־גנבעט זיין טאָכטער, און דערצו נאָך — דאָס געלט. זיין צוגעבונדנקייט צו לאה׳ן איז ריין און ראָמאַנטיש, ווי דער חלום פון דער אייביקער זומער־נאַכט פונעם זעלבן שעקספּיר.

און אָט קום איך, נאָך די אַלע איבערלעבענישן, צום געריכט. מען וויל מיר געבן טאָפּלט געלט. אַנשטאָט דריי — גאַנצע זעקס טויזנט דוקאַטן.

און איך, דער פּראַקטיקאַנט, זאָג: „ווען יעדער דוקאַט וואָלט געווען זעקס־פאַך געטיילט, און יעדער טייל אַ דוקאַט, וואָלט איך אים נישט גענומען!"

איך שטיי פאַרן ווענעדיקער געריכט אַליין, איינזאַם — אַליין אַנטקעגן אַ פרעמד געריכט, אין אַ פרעמדער שטאָט, מיט פרעמדע געזעצן, פאַר פרעמדע באַשולדיקער און פרעמדע עדות. איך שטיי אַליין און קלאָג אָן און דערצייל זיי פון די שקלאַפן, וועלכע זיי באַהאַנדלען ערגער ווי זייערע איזלען, ווי זייערע חיות; פאַרוואָס זיי האָדעווען זיי מיט אַזעלכע שלעכטע שפּייזן, פאַרוואָס זיי לאָזן זיי ניט שלאָפן אויף אַזעלכע ווייכע געלעגערס, ווי זיי אַליין שלאָפן. פאַרוואָס פלאָגט איר זיי? אויף דעם וואָלט איר מיר געענטפערט: די שקלאַפן זיינען אונדזערע! און אַזוי אויך גיב איך אייך אָן ענטפער: דאָס פונט פלייש, וואָס איך פאַרלאַנג, איז טייער געקויפט. ס'איז מיינס, און איך מוז עס האָבן!

און אַזוי שטייט שעקספּירס שיילאָק מוטיק און שטאָלץ פאַרן געריכט קעגן אַן אויבערמאַכט איינער אַליין (עס געפינט זיך אַ רעזשיסער אַ חכם און נעמט אים אַוועק זיין איינזאַמקייט און גרויסקייט דורך זעקס שטאַטיסטן מיט אָנגעהאַנגענע בערדלעך; און אַזאַ מין רעזשיסער מיינט, אַז מען מוז שעקספּירס קאָסמישע גרויסקייט מל זיין און אויסבייטן אויף קליינגעלט!). יאָ, איינער אַליין קעמף איך ווייטער, ביז ס'קומט די שיינע פּאָרשיאַ, פאַר־קליידט ווי אַ יונגער ריכטער, און מאַכט אַ „דריי". אויב ס'איז פאַראַן אין שטיק אַ „יידישער דריי", קומט עס ניט פון שיילאָקן, נאָר גראָד פון יענער זייט, פון דער שיינער פּאַטישער קריסטלעכער פּאָרשיאַ. איר פאַרשטייט דעם דריי?—שיילאָק מעג שניידן, נאָר טאָר נישט פאַרגיסן קיין טראָפּן בלוט!—איך דריק צו אַן אויג און דערקען אָט דעם גנבישן פּשטל צווישן די אַנדערע גנבישע פּשטלעך, וואָס זיינען אויך מיר גוט באַקאַנט. איך גיב אויף דאָס שפּיל און וויל אַוועקגיין. „ניין! — זאָגט מען מיר — אַזוי גייסטו נישט אַוועק!" איך מוז בלייבן און אויסהערן דעם פּסק־דין ביזן סוף און אויסטרינקען דעם ביטערן טראָפּן פון דער אומגערעכטער גערעכטיקייט, וועלכע פאַלט אויף מיין קאָפּ ווי אַ שווערער האַמער. מען וויל ביי מיר צונעמען נישט נאָר מיין פאַרמעגן, פון וועלכן דער גרויסער „איידעלער" אַנטאָניאָ נעמט זיך צו די העלפט, און די אַנדערע העלפט זאָל באַקומען דער גנב, דער באַנדיט, וועלכער האָט אַוועקגעגנבעט ביי מיר מיין קינד. און נאָך מער: מען פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל מיין תורה אויסבייטן אויף אַ צלם, — איך זאָל זיך שמדן — דאָס אַלץ פאָדערן פון מיר די איידעלע לייט. ווערט מיר שוואַרץ פאַר די אויגן (נישט נאָר דערפאַר, וואָס אַ משומד בלייבט אַ יידישער משומד, ווייל דער אַריער־פּאַראַגראַף איז שוין דאַן אין ווענעדיק געווען איינגעפירט), און איך זאָג אויף אַלץ: יאָ, יאָ! — —

אַ צוזאַמענגעבראָכענער, אַן איינזאַמער, אַ צעוויטיקטער, אַ שטילער קריך איך אַרויס פון דעם שטיינערנעם אומגערעכטיקייט־פּאַלאַץ.*) איך קום אַרויס פון געריכט, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, און ווי נאָר דאָס געריכט פאַרשווינדט פון מיינע אויגן, הויב איך אָן צו גיין שנעלער און שנעלער. כ׳גיי צו מיינע פאַר יידן, וואָס לעבן אין ווענעדיק, איך וועק זיי אויף, און מיר דינגען אַ שיף און נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַנטלויפן מיר קיין האָלאַנד. דאָ טרעפן מיר שוין אָן אויף די יידן פון שפּאַניע, און ס׳איז שוין דאָרט ענג פאַר אונדז. און איך, שיילאָק, אויף מיינע עלטערע יאָרן, באַשליס צו וואַנדערן קיין מזרח. און איך קום אין די מקומות, וואו מיר לעבן איצט — קיין פוילן, אוקראַינע, רוסלאַנד. איך גיי דאָ צו אַ גרויסן רבין, און איך גיס אויס פאַר אים מיין שווער ביטער האַרץ. דער רבי גלעט מיך מיט זיינע אייביק גוטע און קלוגע אויגן, און זאָגט צו מיר שטיל: „שיילאָק, דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? האָב חתונה!“. און איך ווענד זיך פאַרשעמט צום רבין: „רבי, אָט טאַקע צוליב דעם האָב איך זיך געוואָלט מיט אייך באַראַטן!“ און דער רבי זאָגט: „נעם אַ געזונטע מויד, אַ באַל־מעלאָכעס אַ טאָכטער!“ האָב איך חתונה און איך האָב מיט איר אַ האַלב טוץ געזונטע יונגען. זיי הערן זיך שוין מער נישט איין אין פריילעכע לייכטזיניקע לידלעך פון ווענעדיק. מיר נעמען אויף דאָס טיפע מעלאַנכאָלישע ליד פון סלאַווישן מענטש, און מיר פאַרוואָרצלען זיך אין דער שוואַרצער, פעטער, סלאַווישער ערד. עס קומט אַרויס אַ געזונטער דור, אַ באַנייטער, אַ פרישער, אַ געמיש פון אַלטן גייסט און נייער זאַפטיקער ערד. און פון אָט דעם אַלטן שיילאָק שטאַמען דאַווידזאָן, רודאָלף שילדקרויט, פריץ קאָרטנער און אַלעקסאַנדער גראַנאַך. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע מיסיע אין דער וועלט: מיר באַנייען שיילאָקן, פון וועלכן מיר שטאַמען. מיר שפּילן אים פאַר גויים און פאַר יידן — נישט אָביעקטיוו, נאָר טאַקע סוביעקטיוו. מיר שפּילן אים לויט שעקספּיר דעם זשעני און נישט לויט שעקספּיר דעם געזעלשאַפטלעכן מענטש. מיר פאַרלאַנגען פאַר אונדז דאָס פונט פלייש — וואָס מיר פּאַסן אויף נישט מער, ווי אַ סימבאָל פון גערעכטיקייט — פאַר אַלע פייניקונגען און געברענטע לייד, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין און שטייען אויך איצט אויס, ווייל מיר זיינען אַ מינאָריטעט און געהערן צום טייל מענטשן אויף דער ערד, וועלכע מען אונטערדריקט און באַליידיקט. און מיר וועלן אַזוי לאַנג שפּילן שיילאָק רעוואָלוציאָנער און קעמפעריש, ביז אַלע אונטערדריקטע וועלן באַפרייט ווערן, און ס׳וועט אָנקומען אַ בעסערע צייט, מען וועט קיינעם נישט אונטערדריקן; נישט מיר — זיי, און נישט זיי — אונדז. און אַז ס׳וועלן

*) אויף אָט דעם טייל פון דער רעדע האָט גראַנאַך שפּעטער געבויט זיין לעצט קאַפּיטל אין בוך, „שיילאָק“. — י. מ.

אָפּגעשאַפט ווערן די סיבות, פאַרוואָס מען פאַרלאַנגט נקמה — אַ פונט פלייש, וועט ניט זיין נויטיק צו פאָדערן נקמה און דאָס פונט פלייש. און מיין פאַטערס לוסטיקע קאָמעדיע „דער סוחר פון ווענעדיק" וועט דאַן זיין אַ היסטאָרישער פאַרס, וועלכן מענטשן וועלן אַמאָל האַרציק און געזונט אויסלאַכן. אָבער ביז דאַן בין איך צופרידן, וואָס מיין פאַטער וויליאַם שעקספּיר איז נישט געווען קיין ייד, נאָר אַ גוי, און דער זשעני אין אים האָט געקאָנט אויפפּאַסן און שאַפן אַזאַ שיילאָק, און נישט קיין אַנדערן.

דער מאָראַלישער כח

(רעדע, געהאַלטן אויפן אָוונט לכבוד דעם קינסטלער הענעך באַרטשינסקי
אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין)

אין צווייטן טייל „פאַוסט" איז פאַראַן אַזאַ מין סצענע: פאַוסט האָט שוין געניאָסן פון לעבן כמעט אַלץ, וואָס מעפיסטאָ האָט אים צוגעזאָגט. שטייט ער אַ דערשיטערטער, אַן אויפגעטרייסלטער און פאַרלאַנגט פון מעפיסטאָן נאָך און נאָך איבערלעבענישן. מעפיסטאָ גיט אים אַ שליסל און שיקט אים אין די טיפסטע טיפענישן, אין סאַמע תהום פון איבערלעבונג. פאַוסט פרעגט ביי מעפיסטאָן: „וואוהין שיקסטו מיך, וואָס וועל איך דאָרט זען?" מעפיסטאָן אָבער איז שווער אַרויסצורעדן דאָס וואָרט, וואָס איז אַזוי פּשוט און אַזוי טיף, אַזוי איינפאַך און אַזוי רייך — ס'איז דאָס וואָרט „צו דען מיטערן" (צו די מאַמעס); עס מיינט — צו די וואָרצלען, צו די אָנהויבן פון אַלע געשטאַלטונגען, צו די נעסטן פון אַלע געבוירנ־ווערנדיקע געדאַנקען, צום בראשית פון יעדער פאָרם.

איבער אָט דעם פאַוסט־מאָטיוו זיינען שוין און וועלן נאָך אָנגעשריבן ווערן פיל קאָמענטאַרן.

פון דעם תהום קומט פאַוסט אַרויף צוריק מיט דער שיינער העלענאַ, מיטן סימבאָל פון גריכישער קולטור און שיינקייט, מיטן סימבאָל פון מענטשלעכער קולטור, מיטן סימבאָל פון מענטשלעכער ליבע, מענטשלעכער בענקשאַפט, מענטשלעכער גייסטיקייט.

דער זשעני געטע איז געווען דערשיטערט, ווען זיינע קינסטלערישע כוחות האָבן זיך געוואָרפן אָנצושעפּן און צו געשטאַלטיקן דעם געדאַנק און אַ פאָרם צוצוגעבן דער אייביקער מענטשלעכער בענקשאַפט, מענטשלעכער גייסטיקייט.

ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו ציען פאַרגלייכונגען צווישן דער דערשיטערונג פון אַ זשעני, אַ יחיד, און דער דערשיטערונג פון די מאַסן,

פון פעלקער, — די דערשיטערונג, וואָס מיר לעבן איצט אַלע איבער אין דער הײַנטיקער צייט.

אין דער צייט, ווען אַלע אָנשויאונגען און טראַדיציעס זײַנען אויפֿגעטרייסלט, אויפֿגערודערט, און יעדער מין, יעדער קלאַס, זוכט זיך צו ראַטעווען, זיך צו דערהאַלטן, — אין אַזאַ צייט שפּילט די מאָראַל פון די שיכטן און קלאַסן און ראַסן זייער אַ באַדייטנדיקע ראָל.

ווען מ׳לייענט באַריכטן וועגן פאַרשיידענע פֿאַרשער־עקספּעדיציעס, ספּאָרט־עקספּעדיציעס, שטויסט מען זיך תמיד אָן אויף דער וויכטיקייט פון דעם מאָראַלישן כּח פון אַזאַ עקספּעדיציע. ווײַל די מאָראַלישע קראַפט איז די נשמה פון אַזאַ מין פּאַרמעסט. דער מאָראַלישער אויסדויער פונעם ענגלענדער סקאָט האָט אים געזיכערט אייביקן רום, נישט געקוקט אויף זײַן מפּלה. און די מאָראַליש־צוווייפלהאַפטע האַלטונג פון דער נאָבילע־מאַנשאַפט האָט זיי געבראַכט חרפּה און בושה. דער מאָראַלישער כּח פון דעם אײַזברעכער „קראַסין", וועלכער האָט געראַטעוועט די איבערגעבליבענע נאָבילע־מאַנשאַפט, האָט דעם ראַטן־פאַרבאַנד געבראַכט אין דער וועלט מער כּבוד, מער נוצן, ווי טויזנטער פּראָפּאַגאַנדע־שריפטן.

אָט דער בײַשפּיל פון ספּאָרטלעכן, מאָראַלישן כּח, איבערגעזעצט און אַריבערגעפירט אין דער גײַסטיק־קינסטלערישער וועלט — איז זייער נאָענט, און עס שאַפט דאָס זעלבע בילד, הגם נישט אַזוי קאָנצענטרירט.

די דערשיטערונג פון דעם גײַסטיק־אינטעלעקטועלן שיכט יידישע קינסטלער איז אומגעהויער שטאַרק. אָבער מענטשן ווי הענעך באַרטשינסקי, זײַנען בכּח אויפֿצוהאַלטן אונדזערע מאָראַלישע כּוחות, — ווען מיר וואָלטן געווען מער באַשיידענער און אומבאַשיידענער. באַשיידענער — ווײַל מיר מוזן זיך אויסלערנען אָן קנאה און אָן שנאה צו אָנערקענען די לייסטונגען פון אונדזער נאָענטסטן שכן, בעת ער לעבט, אַרבעט און שאַפט. און אומבאַשיידענער — ווען מיר אַלע, קאָנצענטרירט אין גײַסטיקע צענטערן, וואָלטן נישט צעבראָכן איינער דעם אַנדערן די מאָראַלישע כּוחות, וואָס ס׳דאַרפן פאַרמאָגן אָנטיילנעמער אין פאַרשיידענע עקספּעדיציעס. מיר וואָלטן דעמאָלט פיל מער געקאָנט אויפטאָן פאַר אונדזערע מאַסן, ווי מיר אַליין שטעלן זיך פאָר.

אָט איז הענעך באַרטשינסקי אַרײַנגעקומען צו מיר הינטער די קוליסן נאָך אַ פאָרשטעלונג פון דער „געלער לאַטע". זײַן פּנים איז געווען אויפֿגעפלאַמט, רויט, די אויגן האָבן נאָך געברענט פון די איבערלעבענישן, און ער האָט צו מיר געזאָגט מיט אויפרעגונג:

— אונדז וועלן זיי בייקומען ?

מיר האָבן זיך ביידע צופרידן און גליקלעך איבערגעקוקט און האָבן געלאַכט.

מיר האָבן געלאַכט, ווייל מיר ביידע, — קומענדיק פון בערלין, וואו מיר האָבן איבערגעלעבט אַ רייך לעבן און לעבן איצט איבער זיכטבאַר און נישט־זיכטבאַר דעם פאַרברעכערישן איבערפאַל פונעם היטלערישן באַר־באַריזם, — מיר האָבן פאַרשטאַנען דורך אונדזערע בליקן, אַז כל־זמן מ׳גיט זיך נישט אונטער, אַז כל־זמן מע היט־אויף דעם מאָראַלישן כח, וועט מען אונדז נישט בייקומען!

און דאָס האָב איך געקלערט, ווען איך האָב באַטראַכט די בילדער־אויסשטעלונג פון הענעך באַרטשינסקי. ווייל ער איז, טראָץ זיינע יונגע יאָרן, אַ מייסטער (מ׳קאָן זיין צו דרייסיק יאָר אַ מייסטער און צו זיבעציק — אַ דילעטאַנט). די זאַפטיקייט, קלאָרקייט און לויטערקייט פון זיינע בילדער, אין וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל נישט „געאיזמעט", נאָר תמיד געווען געגנשטאַנדלעך און קרעפטיק און ערלעך. אַז ס׳זיצט ביי אים אַ פרוי מיט פאַרלייגטע הענט, מיינט מען, אַז מ׳זעט פאַר זיך ראָזע בערנדט פון האַופּטמאַנס פּיעסע מיט אָט דעם נאָמען. און אין זיין דייטשן לאַנד־שאַפט־בילד איז דאָ מער דייטשע לופט, מיט דייטשער אַטמאָספער, ווי ביי די טעאָרעטיקער פון „אַריזם", היטלער, געבעלס און רעהם. זיינע בילדער וועלן לעבן לענגער, ווי די באַרבאַרישע ליגנער פון הייטיקן רעזשים, וועלכע האָבן אים אַרויסגעטריבן פון דייטשלאַנד. ס׳וועט קומען די צייט, ווען פון זיי אַלעמען וועלן פאַרבלייבן בלויז זייערע מערדערישע נעמען, און באַרטשינסקיס בילדער וועלן דערציילן קולטור־היסטאָרישע און קינסט־לערישע טאַטזאַכן. די סימנים, וועלכע בלייבן איבער פון אונדז, זיינען אָפט וויכטיקער, ווי מיר אַליין. ווייל די „סלעכעס" [סליעדעס] און סימנים פון אונדז זיינען אונדזערע ווערק, און דאָס העכסטע, וואָס מיר קאָנען טאָן — איז שאַפן אונדזערע ווערק און דינען פאַר זיי.

ביי אונדז, אין דער יידישער גאַליציע, איז פאַראַן אַ גרויליקע קללה: „קיין סלעד זאָל פון דיר נישט בלייבן!" דער שטאָלץ פון אַן אָרעמער יידישער מאַמע, וואָס האָט 14 קינדער און די געדריקטקייט פון אַ רייכער יידישער מוטער [פרוי] אַ בעזדיעטיכע, דערקלערט זיך דורך אָט דעם באַגריף, אַז פון דער אָרעמער מאַמע בלייבט אַ סלעד, אַ דור, און פון דער בעזדיעטיכע — נישט.

מען מוז זאָרגן וועגן דעם קאָנטאַקט צווישן יידישן קינסטלער און די יידישע מאַסן. פון דעם קאָנטאַקט וואָלטן ביידע געוואונען. די יידישע מאַסן וואָלטן געוואויר געוואָרן וועגן די גרויסע דערגרייכונגען פון די יידישע קינסטלער, און די יידישע קינסטלער וואָלטן געשעפּט כוחות אויף ווייטער־דיקע אויפטוען. ווייל אַזוי פיל מוזן מיר שוין האָבן געלערנט פון דער איצטיקער צייט: אַז איינצל־גייער, אָפּגעשלאָסענע בעלי־גאווהדיקע איב־דיווידואַליסטן האָבן נישט נאָר קיין לעבנס־מעגלעכקייט, נאָר אויך נישט

קיין לעבנס־באַרעכטיקונג. אפשר וועלן מיר אין דער מפלה, וואָס מיר האָבן געליטן אין דייטשלאַנד, אַ סך פאַרלירן, און אַ סך האַלבע און גאַנצע פּחדנים און שוואַכע וועלן בלייבן אונטערוועגנס; אָבער די, וועלכע פאַרמאָגן די מאָראַלישע קראַפט, וועלן פון די איבערלעבונגען אַרויס געשטאַרקטע און געמוטיקטע.

געטע האָט געזאָגט: „וואָס מיך ניכט אומברינגט, מאַכט מיך שטאַרקער!". די באַרטשינסקיס וועט מען נישט אומברענגען. די באַרטשינסקיס וועלן פון די איבערלעבונגען אַרויס געשטאַרקטע.

איך דערמאָן מיך איצט אין אַ לעגענדע, וואָס גייט פון מויל צו מויל ביי אונדז און וואָס איך האָב געהערט אין מיין קינדהייט *): אַז משה האָט געפירט דאָס פאָלק ישראל דורך דעם מדבר, איז געווען צווישן יידן — ווי תמיד, דעמאָלט, פריער, היינט און מאָרגן — גרויסע, שטאַרקע, געזונטע יידן און קליינע יידעלעך, פּאַסקודנע יידעלעך. האָבן אָט די יידעלעך געהאַט צו אים טענות, געבענקט נאָך די „גוטע פיש פון מצרים" און גענומען זיך בונטעווען. זיי האָבן אָנגעוואוירן די מאָראַלישע קראַפט, וואָס איז נויטיק געווען פאַר זייער עקספּעדיציע פון מצרים קיין כנען. איינמאָל, אַ טאָג, אַז ס'האָט גענומען בליצן און דונערן, האָט משה אויפגעהויבן זיין האַנט און געזאָגט: גאָט רופט מיך, איך גיי צו אים און וואָס ער וועט מיר זאָגן, וועל איך אייך איבערגעבן.

און משה איז צוריקגעקומען און געזאָגט: גאָט האָט מיר אַזוי געזאָגט — אַ יעדער פון אייך זאָל נעמען אַ ריסקאַל און יעדער פון אייך זאָל גראָבן פאַר זיך אַ קבר און זאָל זיך אַריינלייגן אין קבר, און קיינער טאָר נישט פרעגן נאָכוואָס און פאַרוואָס, ווייל גאָט האָט אַזוי באַפוילן.

אין די אויערן פון יעדן האָט נאָך געהילכט דער דונער און פאַר זייערע אויגן האָבן נאָך געבלישטשעט די בליצן, און זיי האָבן מורא געהאַט צו פרעגן נאָך וואָס און פאַרוואָס. און זיי האָבן געגראָבן אַ יעדער פאַר זיך אַ קבר און זיך אַריינגעלייגט אין אים.

אויפן אַנדערן טאָג, אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, זיינען געבליבן ליגן צוויי דריטל טויטע. און צו דעם דריטל, וואָס איז אויפגעשטאַנען, האָט משה אַזוי געזאָגט: אַזוי האָט מיר גאָט געזאָגט — די פּחדנים מיט די האַלבע און פערטל און אַכטל קנעכטישע נשמות וועלן ליגן־בלייבן טויטע, ווייל זיי צווייפלען אין אַלץ אין דער וועלט. און נאָר די שטאַרקע, די מוטיקע, די מיט גלויבן און מיט מאָראַלישע כוחות, וועלן גיין אין לאַנד כנען.

אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פון

*) אָט די שילדערונג האָט גראַנאַך שפּעטער געניצט אין זיין קאַפּיטל „מיין רבי שימשעלע מילניצער". — י. מ.

באַרטשינסקיס אויסשטעלונג. ס׳האָבן זיך אין מיר געפּלאָנטערט אין קאָפּ די לעצטע איבערלעבענישן אין דייטשלאַנד און די אויפגאַבן, וואָס וואַקסן פון דעם אַרויס. פון די אַלע קערפּערלעכע און גייסטיקע קבֿרים, וואָס אַנדערע גראָבן פאַר אונדז און וואָס מיר אַליין גראָבן פאַר זיך — איז דאָך פאַראַן אַ גרויסער מאָראַלישער געווינס: די שוואַכע, די פּחדנים, די צוויפלער מוזן בלייבן אונטערוועגנס, אָבער מיר, די באַרטשינסקיס, וואָס מיר פאַרמאָגן דעם מאָראַלישן גלויבן און מאָראַלישן כּח — מיר גייען ווייטער אונדזער וועג, — דעם וועג, וועלכער פירט אַרויס פון אַלע פאַרבלענדענישן צו אַ קלאָרער, פרייער, ליכטיקער וועלט.

מאַקס פּאַלענבערג

ס׳בושעווען די נעכט אין דייטשלאַנד, — דער טויט איז דאָרט דער באַלעבאָס. נאָכדעם ווי די באַנדיטן האָבן אויסגעניזשטשעט דעם בעסטן טייל פון פאָלק, נעמען זיי זיך צו זיך אַליין: דער פירער־מערדער הרגעט זיין בעסטן חבֿר־מערדער אין בעט. אין מיטן פון די עקלהאַפטע שחיטות הערט מען פונעם טויט פון מאַקס פּאַלענבערג. און דאָס לעבן גייט טאַקע ווייטער, און די ציוויליזאַציע גייט ווייטער, אַלץ אַנטוויקלט זיך, — נישט נאָר דער איינצלנער, נאָר טאַקע אויך דער כּלל — די מענטשהייט גייט ווייטער, און די קונסט גייט ווייטער, איך מיין טאַקע די טעאַטראַלע קונסט.

פונעם פּורים־שפּילער ווערט אַ פאַרשטעלער, אַ קאָמעדיאַנט — אַ שוי־שפּילער, פונעם שוישפּילער ווערט אַ שוי־צייכענער, אַ שוי־מאָלער, אַ שוי־דיכטער. מאַקס פּאַלענבערג איז איינער פון די ערשטע שוי־צייכענער, שוי־דיכטער.

מאַקס פּאַלענבערג האָט געהאַט זייער אַ רייכע שוישפּילער־משפּחה: ער איז געווען אַ קאָמיקער און אַ טראַגיקער. ער איז געווען אין זיי ביידע גאָר גרויס. איך האָלט אים פאַרן גרעסטן אין אונדזער גענעראַציע. ער איז געווען אַ ברודער פון טשאַפּלין און גראַג, און אויך אַ ברודער פון שילדקרויט און מאָסקווין. יאָ, מאַקס פּאַלענבערג איז געווען דער ערשטער שוי־צייכענער, דער ערשטער שוי־דיכטער. און אַ חוץ דעם איז מאַקס פּאַלענבערג געווען דער גרויסער וואָרט־שעפער. ביי מאַקס פּאַלענבערגס שפּילן האָט מען געקאָנט לאַכן ווי ביי טשאַפּלין און גראַג, און וויינען ווי ביי שילדקרויט און מאָסקווין. אַ קליין מענטשעלע, קוים אַנצוזען, אָבער אַ כּח פון טייוולאָנים און רוחות. מיט אַ דעמאָנישן כּח, בייז און שטרענג און ווילד האָבן די קליינע, כּמעט רויטלעכע אויגעלעך געקאָנט בלישטשען — און הילפלאָז, סאַמעט־ווייך, ווי אַן איינזאַם באַשעפעניש אויף אַ יאַריד, האָט

ער געקאָנט זיפצן און שעפּטשען. אין פאַלענבערגן איז יעדע באַוועגונג, יעדער בליק, יעדער אָטעמצוג איבערגעזעצט און אויסגעביטן געוואָרן אויף קונסט־רענדלעך. אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן — איז געווען פאָרם. און כח האָט ער געהאַט איבער זיך, זיין מאַטעריאַל, זיין פּאַרציע־מענטש, ווי אַ ריז. אַזוי ווי דער מייסטער זשאָנגליער ראַסטעללי האָט געקאָנט שפּילן מיט באַלן, אַזוי האָט מאַקס פּאַלענבערג געקאָנט שפּילן מיט ווערטער. פון דעם אַלטן פאַרס פון קאַדעלבורג, „די שימעקשן", האָט ער דער מענטשהייט געשענקט די ערשטע גרויסע פּאַלענבערג־פיגור: זאַוואַדיל — און נאָר פאַר שלעכטע אויערן און אויגן איז ער געווען נאָר קאָמיקער. פאַלענבערג האָט צו ביליקן פאַרס געגעבן שעקספּירישן הינטערגרונט.

זיין זאַוואַדיל איז געווען מער ווי קאָמיש. זיין זאַוואַדיל איז געווען מער ווי שוי־שפּילעריי — דאָס איז געווען שוי־צייכענעריי, שוי־דיכטעריי. גאָט מיינער! וואָס האָט ער געמאַכט פון דעם אַלטן, פאַרשטויבטן קאַדעלבורג־טעקסט? וואָס זיינען דאָס געווען פאַר אַ ווערטער? דאָס איז געווען די רייכסטע קינסטלערישע עטימאָלאָגיע. ווי אַ ווויסנדורשטיקער וויסנ־שאַפטלער האָט זיך פאַלענבערג אַראָפּגעלאָזט אין דעם טיפסטן תהום פון אַ וואָרט, אַרויסגעריסן דאָס וואָרט פון זיין אורשפּרונג, באַהעפט עס מיט זיין צאַרטער נשמהדיקער פאַנטאַזיע, מיט אים, מיט דעם נייעם וואָרט־זין, אַוועקגעפלויגן העכער פון אַלע סטראַטאָספערעס־פליער — ווייל אין מאַקס פאַלענבערגס געשטאַלטונג האָט דאָס אומזיניקסטע וואָרט באַקומען אַ זין, דאָס נאַרישסטע איבערפלעכלעכסטע וואָרט פון אַ פאַרס האָט באַקומען אַ פּאָעזיע־תיקון. און פּאָעזיע, מיינע פריינט, פליט העכער פון סטראַטאָ־פליערס, פּאָעזיע פליט אין אַלע הימלען און אין אַלע צייטן. פאַלענבערג איז געווען אַ שוי־דיכטער, אַ שוי־פּאָעט.

לעבן דעם וואָרט־שעפערישן זשאָנגלירן פון ווערטער האָט פאַלענבערג געקאָנט נאָך עפּעס אַנדערש: ער האָט געקאָנט אַזוי שטיל ווערן אין די דראַמען פון שעקספּיר, טאָלסטאָי און מאָליער, אַז דעם צוהערער האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט. פאַלענבערג איז געווען איין־אַליין, צו קיינעם נישט ענלעך. ער האָט געקאָנט די פאַרביקסטע, זינלעכסטע, רייכסטע רייִנהאַרט־אינסצעניזאַציע נאָכמער באַרייכערן און דעם אינטעלעקטועלסטן גייסטיקן פיסקאַטאָר־ספּעקטאַקל — נאָכמער פאַרגייסטיקן. ער איז געווען אַזוי פיל־זייטיק און רייך, אַז אַ גאַנצע שוישפּילער־גענעראַציע וואָלט געקאָנט פון אים לעבן. ער האָט געקענט זינגען און טאַנצן אין דער אָפּערעטקע און קרעאירן די נייעסטע עקספּרעסיאָניסטישע ליטעראַטור. פאַראַיאָרן, ביי די זאַלצבורגער פעסט־שפּילן, האָט ער אונטער רייִנהאַרטן געשפּילט מעפיסטאָ אין „פאַוסט".

אינעם יאָר 1920 בין איך מיט אים געזעסן אויף גענעראַל־פּראָבע אין

ריינהאַרטס גרויסן שוישפּיל־הויז, וואו ווערנער קראַוס האָט, אונטער ריינ־האַרטס רעזשי, געשפּילט שיילאָק אויף אַ קאָמישן אופן, דאָס הייסט — אַנטיסעמיטיש. פאַלענבערג האָט געבערענט אין היילינקן פייער: „איר פאַר־שטייט — האָט ער געזאָגט צו מיר — די יידישע זשורנאַליסטן וועלן עס נאָך לויבן. איר וועט זען, ווייל אַ יידישער זשורנאַליסט האָט נישט קיין נאַציאָנאַלע און נישט קיין מענטשלעכע ווירדע. ער איז אַ זשורנאַליע!"

מאַקס פאַלענבערג איז געווען אויך גייסטיק זייער אינטערעסאַנט. ער איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער שרייבער. זייענדיק אַ מענטש פול מיט לעבנס־הונגער, האָט ער געמאַכט אַ וועלט־רייזע, און שטענדיק באַנייט זיין דענקען און פילן, זיין וועלט־אַנשויאונג — און זיך צוגעהערט צום דופק פון דער צייט.

די דייטשע רעאַקציאָנערע פרעסע האָט אים מיט שמוץ באַוואָרפן, ווען ער האָט ביי פּיסקאַטאָרן געשפּילט דעם סאָלדאַט שווייג. און איצט, נאָך זיין טראַגישן טויט, גייפערט אים נאָך די גענגסטער־שמאַטע, „דער אַנגריף", פון די נאַצי־פאַרברעכער אַזעלכע ווערטער: „מאַקס פאַלענבערג איז געשטאָרבן, איינער פון די יידישע שפּילער, וואָס האָט מיט זיך באַוויזן די פרעמדקייט פון יידנטום צו דער דייטשער קונסט. זיין שפּיל האָט גע־חוזקט איבער דער קינסטלערישער עטיק. אין אמתן איז פאַלענבערג געווען אַן עקלהאַפטער קאָזשאַליק־מאַכער, און ס'איז אים קיין זאַך נישט געווען הייליק. אין זיין שפּיצן־לייסטונג האָט ער געמאַכט חוזק פון זעלנער; דאָס איז זיין פיגור פונעם 'בראַווען סאָלדאַט שווייג'. דער מאַן פון דער אור־אַלטער אַפּערעטן־זינגערין פריצי מאַססאַרי האָט געהאַט אַלע גרונטן צו פאַרשווינדן פון דייטשלאַנד, וואָס וואָלט שוין פאַר אים קיינמאָל מער נישט געהאַט, און נישט דערלויבט, קיין שום פאַרווענדונג."

איר פאַרשטייט? די פאַשיסטישע בעסטיעס איז נאָך צו ווייניק, וואָס זיי מאָרדן הילפלאָזע מענטשן און פאַרטרייבן זייערע בעסטע כוחות פון קונסט, ליטעראַטור און וויסנשאַפט. ניין! נאָכן טויט שפּייען זיי נאָך זייער האַס־גיפט נאָך.

אַ שאָד, וואָס מאַקס פאַלענבערג האָט נישט דערלעבט דעם 30טן יוני, ווען די מערדער האָבן זיך אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער עקלהאַפטיקייט, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אַליין צו מאָרדן...

מאַקס פאַלענבערגס אָנדענק אַלס קינסטלער, אַלס געניאַלער וואָרט־שעפער און אַלס וואָרט־פּיאָנער וועט לעבן, און טאַקע אין דייטשן פאָלק. ווען פון די פאַשיסטישע מערדער וועט בלייבן בלויז נאָר אַ ליגנערישע לעגענדע, ווען די נאַכט וועט זיי פאַרשלינגען און קיין זכר פון זיי וועט נישט בלייבן — וועט מאַקס פאַלענבערג זיין אַ מאַנער, אַביישפּיל, אַ פאָר־בילד פון אונדזער אייביק־שיינער, אייביק־יונגער טעאַטראַלער קונסט.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך — מענטש און קינסטלער

פון נחמן מייזיל

1

זיינע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען און שילדערונגען האָט אַל. גראַנאַך גישט באַוויזן פאַרצוזעצן ווייטער, כאָטש עס איז אין אים געווען אַזאַ דראַנג וואָס־שנעלער אויסצודערציילן און אָפּצומאָלן אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין זיין רוישיקן און קאָלירפולן לעבן. ער האָט ממש געברענט, ווען ער האָט גענומען אַרויסברענגען פאַר זיינע נאָענטע די פאַר־שיידענע עפּיזאָדן און מאָמענטן פון דער רייכער אייגענער און אַרומיקער וועלט, וואו אים איז אויסגעקומען צו ווירקן און צו שאַפן. שוין פון די ערשטע פערציק קאַפּיטלען, וואָס זיינען אַריין אין דעם בוך, זעען מיר גאַנץ באַשיינפּערלעך סאַר אַ מייסטער אַל. גראַנאַך איז געווען צו שילדערן און צו דערציילן מיט אַזאַ אימפּעט און ברען. און ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס זיין לעבנס־גאַנג איז אַזוי פּלוצים און אַזוי אומזיניק איבערגעריסן געוואָרן. ער איז דאָך געווען אַזוי לעבעדיק און אַקטיוו און שאַפעריש, און ער האָט דאָך ערשט זיך פאַרמאָסטן אויף פאַרשיידנסטע ווערק און פּלענער סיי אויפן געביט פון טעאַטער און סיי אויפן געביט פון ליטעראַטור.

קרוב צו 25 יאָר האָב איך אים געקענט, געזען און געהערט אין לעבן און פון דער בינע, אים געזען אין בערלין, וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, ניו־יאָרק און האָליוואוד. געזען אים שפּילן טעאַטער אין די גאָר־געהויבענע דייטשע שטאַטס־טעאַטערן, געזען אים שפּילן אינעם יידישן טעאַטער אין וואַרשע, געזען אין די פאַרשיידענע פילמען, אָנגעהויבן פון די „ציגיינער", וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אין מאָסקווע־קיעוו, און אין די אַלע פאַר־שיידענע פילמען פון האָליוואוד. אָבער מער פון אַלץ האָב איך אים געקענט פון זיין היים, פון מיין היים אין וואַרשע, פון פיל פאַרשיידענע טרעפונגען און באַגעגענישן. אין לויף פון איבער 20 יאָר האָב איך כסדר געהאַט פון אים בריוו, פריער אין דייטש, דערנאָך אין אַ קרעפטיקן יידיש, און אויך פאַרעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" זיינע אַרטיקלען, וואָס ער האָט לכתחילה מיר געשיקט אין דייטש און שפּעטער אין יידיש.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך איז געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע און אימפּולסיוועסטע מענטשן, איינער פון די אָריגינעלסטע און אייגנאַרטיקסטע קינסטלער, וואָס איך האָב ווען געטראָפן.

ער איז געווען שטענדיק אינטערעסאַנט. ער האָט געלעבט אינעם שפּילן, און געשפּילט כסדר אינעם לעבן. ער איז געווען וואָס עס הייסט

אין העברייאיש אַ „מעין הנובע" — אַ קוואַל, וואָס הערט ניט אויף צו שלאָגן סיי זומער און סיי ווינטער. און ער איז געווען אייגן און אַליין אין זיין טראַכטן און פילן, אין אויפנעמען השפעות און אין ברענגען זיי צום אויסדרוק.

מענטשן, וואָס האָבן אים ווייניק געקענט, און פאַר וועמען ער פלעג „אַ שפּיל טאָן טעאַטער", האָבן געהאַט באַשלאָסן ביי זיך, אַז ער איז אַ מענטש פון אויסערלעכער פּאָזע, אַז „ער מאַכט שטיק", כדי צוצוציען צו זיך אויפמערקזאַמקייט. געוויס איז געווען אַ שטיק אמת אין דעם. אָבער אין תוך איז ער געווען אַן עכטער מענטש, וואָס האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם גאַנג אין לעבן און זיין אייגענעם שטייגער ווי צו רעאַגירן און אויפנעמען געשעענישן און ברענגען זיי צום אויסדרוק.

ווען ער וואָלט עס ניט געווען, וואָלט ער ניט געקאָנט דורכמאַכן אַזאַ מין אויסטערלישן וועג פון „שייקעלע ממזר", ווי מען האָט אים גערופן אין זיין שטעטל האָראָדענקאָ, ביז דעם באַרימטן „אַלעקסאַנדער גראַנאַך", — אַ וועג זייער און זייער אַ ווייטער און אַ שווערער.

דערגרייכט האָט ער עס ניט ווי סתם אַ „קונצנמאַכער", אָדער ווי אַ מייסטער־ווירטואָז, אַ פידלער, צי אַ זינגער, נאָר ער איז דורכגעגאַנגען אַ שווער, זייער שווער, האַרב און האַרט לעבן, איבער אָפּגרונטן און בערג, איבער ימים און אָקעאַנען. עס זיינען ניטאָ קיין מופתים און קיין נסים און אויך ניט קיין קפיצת־הדרך אין אָט דעם לאַנגן וועג, נאָר געוואַלדיקע אינערלעכע גבורה, שטאַרקער ווילן, קינסטלערישע נשמה און גרויסער אויסדויער פון אַ פּראָסט־פּשוטן מענטש, וואָס גייט אַלץ העכער און העכער פון שטאַפּל צו שטאַפּל.

פריער פון אַלץ — ער גופא, ווי ער איז געוואַקסן און דערגאַנגען פון דעם „העק" אַזש ביזן בערלינער שטאַאַטס־טעאַטער, שיער נישט ווי אין אַ „שונד"־ראָמאַן. מיר איז אויסגעקומען אים צו זען אין די פאַר־שיידענע דייטשע טעאַטערן, געזען אים ווי דעם סאַמע פּאָפּולערסטן שויי־שפּילער, דעם סטאַר. און דאָס מערקווירדיקסטע, וואָס אין די סאַמע בעסטע און דערפאָלגרייכסטע יאָרן, האָט ער אָנגעהאַלטן פאַרבינדונג, פּריינט־שאַפט מיט יידן, מיט יידישע שרייבער, מיט יידישע מאַסן אין בערלין. ער האָט שטאָלצירט מיט זיין יידישקייט, און באַטאָנט עס און זיך געגרויסט מיט דעם. נישט איין מאָל בין איך בייגעווען, צווישן די אַקטן אין זיין טעאַטער־גאַרדעראָב, און געזען ווי ער האָט שטענדיק פאַר די פאַר־שיידנסטע דייטשע שוישפּילער און פּראָפעסאָר אונטערגעשטראָכן זיין צו־געהעריקייט צו יידן און צו יידישער ליטעראַטור, צו יידיש שאַפן. זיין הויז אין בערלין, אָדער אין די שענסטע טיילן הינטער־בערלין, איז געווען אַ מין „בית־וועד" פאַר יידישע קינסטלער.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך איז געווען אין דעם אַמאָליקן רייכן יידישן בערלין אַ פיגור, אַ פערזענלעכקייט, אַן „אינסטיטוציע".

ער איז נישט פאַרבליבן בלויז אַ „גוטער ווירטואָז", דערביי זיך אַרומגעצוימט אין זיין פאַך און זיך באַמיט צו קלעטערן אַלץ העכער אויפן לייטער פון קאַריערע, ווי עס טרעפט אָפט מיט אַט־די אַלע, וואָס צייכענען זיך אויס אין עפּעס אַ געביט און האַלטן זיך דערביי. ער פלעג שטענדיק אויפטרעטן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן רעפּערטואַר אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, וואו ער איז געווען שטאַרק באַליבט. ער האָט שוין דאַן געפּרואווט שרייבן דייטש. און זיין יעדעס אַרטיקעלע האָט געהאַט חן, ברען, טעמפּעראַמענט און רעוואָלוציאָנערן איינשטעל.

איך געדענק, ווי צו עפּעס אַ גרויסער געטע־פייערונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דייטשער זאַמלבוך, און גראַנאַך האָט דאָרטן געהאַט אַן אַרטיקל. האָט מיר דאַן געזאָגט איינער אַ געטע־פאָרשער, אַז דער גראַנאַך־אַרטיקל איז פון די טיפסטע און אָריגינעלסטע אינעם דייטשן זאַמלבוך...

אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט זיך ווייט נישט אויסגעלעבט אין דעם דייטשן טעאַטער, ווי רייך און פאַרשיידן עס איז נישט געווען זיין סצעניש לעבן דאָרטן. עס האָט אים כסדר געצויגן צו יידן, צו יידישקייט. נאָך יעדן וויכטיקן אויפטריט אויף דער דייטשער בינע, איז ער געלאָפן אין דער „ראָמאַנישער קאַפע", וואו ס'איז דאַן געווען אַ מין „עיר מקלט" פון יידישע שרייבער און קינסטלער, וואו ס'זיינען געווען ה. ד. נאָמבערג, משה קולבאַק, דוד בערגעלסאָן, ז. שניאור און נאָך און נאָך. דאָרט האָט ער זיך ערשט פאַנאַנדערגעשפּילט אין אַלע קאָלירן און געלאָזט אין גאַנג זיין יידיש־שאַפערישע ענערגיע, וואָס איז געווען פאַרהאַמעוועט. דאָ, צווישן די יידישע קינסטלער, און אין דעם פּשוטן יידישן לשון, האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק זיין דראַנג פאַר יידישקייט. און ווי ער איז נישט געווען אַריינגעפלאָכטן אין דעם דייטשן בינע־לעבן, האָט ער אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט דער יידישער וועלט און לעבעדיק און אַקטיוו רעאַגירט אויף די וויכטיקסטע קולטור־שאַפערישע פּאַסירונגען און געשעענישן. און ווי נאָר עמעץ אַ שרייבער, אַ קינסטלער אָדער אַ יידישער טעאַטער־אַנסאַמבל איז געקומען אין בערלין, איז א. גראַנאַך געווען גליקלעך, יום־טובדיק און מעשה־באַלעבאָס באַמיט זיך אויפצונעמען די געסט אין זיין היימשטאָט און אַליין צוגעגרייט די פּאַסיקע שמחה, ווי אַ גאָר־נאָענטער מחותן.

2

עס געדענקען זיך גוט פאַרשיידענע אַזעלכע פאַלן, ווען א. גראַנאַך האָט אַליין, אויף אייגענעם חשבון אין די שענסטע פּלעצער אָדער אין זיין הויז

פייערלעך מקבל־פּנים געווען די געסט, מכבד געווען פון שענסטן און בעסטן און דאָס רוב אַליין צוגעגרייט אין קיך די געשמאַקסטע מאכלים און געשטעלט די טייערסטע משקה אויפן טיש פון זיין אייגענעם ווײַן־קעלער.

בעת די דערפּאַלגרייכע גאַסטשפּילן פונעם מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין בערלין איז א. גראַנאַך געווען ממש אויפן זיבעטן הימל, און ער האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אַ באַגייסטערטן אַרטיקל אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" (1928, נ׳ 20, ז׳ 390), וואו ער שרייבט צווישן אַנדערן: „איך באַגריס און דאַנק אייך. אַ דאַנק פאַר דער גרויסער איבער־לעבעניש פון אייער קונסט, פון אייער פאָרם, פון אייער מענטשלעכקייט, פון אייער איבערגעגעבנקייט, פון אייער זעלבסט־אָפּפערונג. איר דערפילט אַ מיסיע, וואָס יעדע מענטשן־געזעלשאַפט האָט דערפילט אין 20טן יאָר־הונדערט. איר לערנט און ווייזט דער בעסערער וועלט ווער די ייִדן־ראַסע איז, וועלכע כוחות און שטרעבונגען עס ליגן אין דער דאַזיקער ראַסע, און איר ווייזט דער וועלט דעם אורקוואַל, דאָס וועזן פון דער דאַזיקער ראַסע. די דאַזיקע ראַסע, וואָס יעדע ניי־אויפגעקומענע קבצנישע מלוכה מאַכט אויף איר אַ פּאָגראָמען, די ראַסע, וואָס מ׳קאָן אין דער „וועלט" ווי „פּראַ־צענטניקעס", „בלוטזויגער", „פּאַראַזיטן" און אויף וועמענס חשבון און פּלייצעס אַוואַנטוריסטן מאַכן תמיד קאַריערע." און א. גראַנאַך — אַליין אַ שוישפּילער — זאָגט דאָ אַזעלכע ווערטער וועגן שלמה מיכאָעלסן: „מיכאָעלס איז שוין נישט קיין פיגור, קיין טיפּ, ניין! ער איז די פאַר־קערפּערונג פון פיל דורות פון אָט דער ראַסע, וואָס ווײַנט שוין נישט מער. פון דעם זיפץ הערט מען שוין נישט דעם ווייטיק, נאָר די קראַפט, וואָס קאָן איבערטראָגן דעם ווייטיק און קאָן אים אויך באַזיגן..."

און ווי טרעפלעך א. גראַנאַך האָט כאַראַקטעריזירט דאָס סאָציאַלע, דאָס פּראָלעטאַרישע אינעם שפּילן: „אַ באַווײַז: „אין „200,000" ווערן אַרויס־געפירט רייכע און אָרעמע. וואו איז דיין האַרץ, קאָמעדיאַנט? ביים אָרעמען! אַלע רייכע האָבן ליסינעס, רעדן ברייטלעך, אומנאַטירלעך, זיי זיינען פעט, און ווען זיי ווילן זיך פאַרווילן, טאַנצן זיי אַ וואַלס — און ווי אַזוי זיי טאַנצן אים, — זיי באַגראָבן אים. זיי באַגראָבן אים איין מאָל און אויף אייביק. טויט. אַ סוף. וואַלס איז אַ וועלט־אַנשויאונג, וואָס מ׳מוז באַגראָבן. אָן תחית־המתים... דער גאַנצער לעבנס־כוח איז ביי די אָרעמע, זיי האָבן כח, חכמה, ליידנשאַפט, ווילדקייט, אַלץ, וואָס ס׳באַרעכטיקט צו באַהערשן די וועלט, זי אָפּצוירשענען — ווייל זיי האָבן אַפּעטיט. ווער ס׳האָט אַפּעטיט — דער זאָל לעבן!"

צום סוף פונעם אינטערעסאַנטן אַרטיקל, וואָס ס׳שלאָגט פון אים אימפּעט, ברען און חכמה, קומט זייער אַן אינטערעסאַנטער פּאַראַלליך צווישן די צוויי שוישפּילער מיכאָעלס און זוסקין מיט טיפע באַמערקונגען, וואָס

איצט — 20 יאָר נאָך דעם ווי זיי זיינען געשריבן — זיינען זיי טיף־מיינענדיק און שאַרפזיניק.

און אַט צעפלאַקערט זיך אַ קאַמף אין וואַרשע אַרום דער נייער שעקספּירישער „שיילאָק"־אויפפירונג, וואָס די „ווילנער טרופּע" אונטער דער רעזשי פון דר. מ. וויכערט גיט. עס דרוקן זיך אין דער פּרעסע און אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פאַרשיידענע אַרטיקלען פאַר און קעגן דעם ספּעקטאַקל, און א. גראַנאַך, וואָס האָט אַליין ניט איין מאָל געהאַט געשפּילט שיילאָקן, ווערט פונוויטענס אַריינגעצויגן אינעם העפטיקן געראַנגל און שיקט דורך די „ליט. בלעטער" אַ הייסן גרוס: „ערשטנס, בעט איך איך איבערצוגעבן דער ווילנער טרופּע מיט וויכערטן צו זייער 'שיילאָקן' מיין האַרציקסטן גליקוואונטש," און „נישט בלויז צום גרויסן קינסטלערישן געשעעניש, וואָס מען האָט געפונען דעם מוט און די שטויס־קראַפט אַרויסצוברענגען קינסטלעריש 'שיילאָקן' מיט אַ נייער קלאָרער קינסטלערישער פאָרם און מיט פּרינציפּיעלער יידישער און סאָציאַלער ווירדע. מיין מזל־טוב האָט אויך אַ שייכות צום רעזאָנאַנס — די זעקסטע וואָך. אַזוי איז עס: ווען איך שרייב דאָס, לייען איך אין די 'ליט. בלעטער', אַז 'שיילאָק' גייט שוין די זעקסטע וואָך... מיר אַלע דאָ זיינען זייער שטאָלץ און גליקלעך... די ווילנער טרופּע און דאָס יידישע פּובליקום האָבן זיך אַקרעדיטירט ווי אַן אייראָפּייאישע בינע. און דעריבער דער מזל־טוב!" („ליט בלעטער", 1929, נומ' 15, ז' 289).

לעבנדיק אין דייטשלאַנד, פאַרבונדן זיין גורל, זיין טעטיקייט מיט דער דייטשער בינע, האָט א. גראַנאַך שטאַרק געבענקט נאָך דער אמתער יידישער סביבה און אין לויף פון עטלעכע יאָר האָט ער אין זיינע בריוו און ביי די באַגעגענישן כסדר אויסגעדריקט דעם הייסן ווילן צו קומען קיין פּוילן, קיין וואַרשע, לכל הפּחות אויף אַ קורצן באַזוך. עטלעכע יאָר האָבן די פאַרהאַנדלונגען זיך געצויגן. א. גראַנאַך איז שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט אָפּמאַכן, פאַרנומען אין פאַרשטעלונגען, און ערשט אין אויגוסט 1930 באַוויזט ער צו פאַרווירקלעכן זיין לאַנגיאָריקן טרוים.

אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פונעם 8טן אויגוסט 1930 האָבן מיר אַזאַ קורצע נאָטיץ: „אַל. גראַנאַך, דער באַוואוסטער יידיש־דייטשער אַרטיסט, איז, נאָך אַ הפסקה פון אַ 20 יאָר, געקומען קיין גאַליציע צו באַזוכן זיינע קרובים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע, וואו ער איז האַרציק אויפגענומען געוואָרן דורך די יידישע אַרטיסטן און שריפטשטעלער. דער וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין גרייט אַן אָוונט פונעם באַוואוסטן אַרטיסט. די אַרויסטרעטונג פון א. גראַנאַך האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס ביים יידישן טעאַטער."

אינעם צווייטן נומער (פונעם 15טן אויגוסט 1930) האָבן מיר אין מיין

אַרטיקעלע „אַלעקסאַנדער גראַנאַך — צו זיין אויפטריט אין וואַרשע“, צווישן אַנדערע, פֿאָלגנדיקע שורות, וואָס ווייזן וואָס א. גראַנאַך איז דאָן געווען פֿאַר דער וואַרשעווער יידישער קולטור־וועלט: „ער איז אַ שטיק וואונדער. זיינע וואַרצלען, זיין שטאַם אין דער רוי־ערד פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן יידיש־גאַליציש שטעטל, און זיינע צווייגן, זיינע פּרוכטן — אין דעם רייכן דייטשן טעאַטער... אַ קינד פֿון דער אויסגעוויטיקטער, פֿיל־געפּלאָגטער יידישער אומה, ברענגט ער אַריין אין דער דייטשער סצענישער קונסט גבורה, מוסקולן, פּאַטאָס... יידן, איז מען געוואוינט, ברענגען אַריין אין דער פֿרעמדער קולטור איבערגעשפּיצטע ראַפֿינירטקייט, אויסגעמוחטע איינפֿאַלן, און ער, גראַנאַך, איז גראָד געקומען מיט פּשטות, מיט אוממיטלבאַרקייט, מיט אָפֿנהאַרציקייט. זיין פּשטות איז אָבער אָנגעלאָדן מיט פּולווער. אין דער געמאָסטן־געוואויגענער דייטשער בינע־קולטור איז גראַנאַך דער אויפֿרייסער, דער אויפֿברויזער, דער וועקער.“ און ווייטער: „צווישן די יידיש־דייטשע אַרטיסטן איז ער דער איינציקער, וואָס שטאָלצירט מיט זיין יידישקייט, מיט זיין יידיש רעדן. ער האָט קיינמאָל נישט געצווּנדן די בריקן, וואָס פֿירן אים פֿון זיין היים און בעיקר — צו זיין היים...“ דאָס אַרטיקעלע האָט זיך געענדיקט מיטן וואונטש: „הלוואי זאָל דאָס יידישע טעאַטער אַזוי גיך אויפֿגעריכט ווערן, אַז ס'זאָל קאָנען צוריקנעמען די גראַנאַכס פֿון די נישט־יידישע בינעס. דערווייל איז אונדזער אַלעקסאַנדער גראַנאַך ביי אונדז, אין דער יידישער וואַרשע, בלויז אַ גאַסט אויף אַ ווײַלע, נאָר אויף איין אויפֿטריט.“

א. גראַנאַכס באַזוך אין וואַרשע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקער קולטור־היסטאָרישער געשעעניש. און נישט אַזוי דער אָפֿיציעלער אויפֿטריט, ווי די פֿאַרשיידענע אונטערנעמונגען אַרום גראַנאַכס קומען קיין וואַרשע. מיר וועלן אַרויסנעמען גרעסערע אויסצוגן פֿון מיין אַרטיקל „גראַנאַך אין וואַרשע“, וואָס איז געשריבן געוואָרן אונטערן דירעקטן איינדרוק פֿון דעם באַזוך.

„עס וואָלט געווען נישט גענוגנד — האָב איך געשריבן אין די 'ליט. בלעטער', נומ' 34 (22 אויגוסט 1930) — ווען מיר גיבן בלויז אַ באַריכט־אָפּשאַצונג וועגן גראַנאַכס קאָנצערט אין וואַרשעווער 'פֿילהאַרמאָניע'־זאַל. ווייל סיי פֿאַר גראַנאַכן גופֿא, סיי פֿאַר דער ליטעראַרישער און אַרטיסטישער משפּחה אין וואַרשע איז דער קאָנצערט געווען נאָר אַ טייל, אַ פּרט אין דער גאַנצער גרויסער גראַנאַך־פֿאָרשטעלונג, וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע טעג און נעכט... ס'איז געווען אַ גראַנאַך־וואָך מיט כלערליי אַרויסטרעטונגען, צוזאַמענטרעפֿן, פֿייערלעכקייטן, וואָס האָבן באַוויזן פֿאַר אונדז גראַנאַכן דעם מענטש און קינסטלער און דורך וועלכע אויך גראַנאַך האָט שטאַרקער דערפֿילט דאָס אַרומיקע אין זיך.“ און ווייטער קומט אַזאַ כאַ־

ראַקטעריסטיק: „שייקעלע גראַנאַך האָט דערגרייכט צו אַלעקסאַנדער גראַנאַך נישט נאָר מיט כח, נאָר אויך מיט אינטעלעקט. נאָר די גליקלעכע צונויפפּאָרונג פון גבורה און פאַרשטאַנד, פון לעבן און חכמה האָבן געקאָנט שאַפן אַזאַ מין גראַנאַך... גראַנאַך, זאָגט מען אָפּט, איז אַ לעגענדע. ניין, גראַנאַך איז אַ פּראָבלעם. און אָט האָט זיך דאָס פּראָבלעם־גראַנאַך צונויפּגעשטויסן צום ערשטן מאָל פּנים אל פּנים מיט וואַרשע, מיט דעם אַלעם, וואָס לעבט און ווירקט אין דער יידישער וואַרשע, און ס׳איז געווען אויסערסט אינטערעסאַנט צוצוזען די קעגנזייטיקע השפּעות.״

איך דערצייל אינעם אַרטיקל וועגן אונדזער באַזוך אינעם יידישן „סקאַלאַ״־טעאַטער, „וואו אַ פול־געפּאַקטער זאַל, קאָפּ אויף קאָפּ, האָט געזען און זיך אַנטציקט פון אַ פּיעסע ׳סערקע קאָזאַק׳. ס׳איז געווען בעיקר אַ „גאַסן״־עולם, מיט ווילדע, „אומקולטורעלע״ אַנטציקונג־אויסדרוקן. אַ „פיינשמעקער״ שאָקירט עס, אָבער ער, גראַנאַך, וואָס איז דערצויגן געוואָרן די לעצטע יאָרן אויף דער בעסטער דייטשער בינע, ביים שענסטן „קולטורעלן״ דייטשן פּובליקום, האָט געוואַלדיק הנאה געהאַט און מקנא געווען דעם עולם, וואָס האָט אַזאַ מין פייערדיקן, לעבעדיקן, זינגענדיקן אַרטיסטן־געזינדל (און דער עיקר — אַננאַ יאַקובאָוויטש). ער האָט זיך נישט געקאָנט אָנלויבן פונעם פּובליקום, וואָס האָט מיט אַזאַ פרייד און יובעל אויפגענומען אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געטאָן אויף דער בינע... און ווען מ׳האָט בעת דער הפסקה פאָרגעשטעלט פון דער בינע גראַנאַכן, איז ער איינס און צוויי, מעשה־קאָמעדיאַנט, אַרויפגעשפּרונגען אויף דער בינע און געהאַלטן אַ פלאַם־פייערדיקע רעדע און צווישן אַנדערן אַראָפּגעדונערט: „טעאַטער איז יום־טוב, און ווער נויטיקט זיך נאָך אַזוי שטאַרק אין יום־טוב, ווי די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס זייער אינדערוואָכן איז אַזוי חושכדיק! די מיסיע פונעם יידישן אַרטיסט איז זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע, ער מוז שעצן זיין עולם, וואָס שענקט אים אַזוי פיל וואַרעמקייט, ליבע, וואָס מ׳טרעפט זעלטן אין אַן אַנדער טעאַטער. די בינע־ברעטער זיינען אַלע מאָל העכער פון דעם זאַל, וואו דער עולם זיצט. און אויך דאָס טעאַטער, דאָס שפּילן מוז זיין העכער...״

און אָט איז אַ באַשרייבונג פון דעם גרויסן גראַנאַך־קאָנצערט אינעם וואַרשעווער פּריצישן, אַריסטאָקראַטישן „פילהאַרמאָניע״־זאַל, וואָס גאָר־זעלטן האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן אים פאַר אַ יידישער אונטערנעמונג: „יום־טוב אין זאַל. געהויבענע שטימונג. 2,000 פון דעם בעסטן, וואָס די יידישע וואַרשע פאַרמאָגט. דערוואַרטונג. אַ קאַלט וואָרט פון אַלטער קאַציזנע. קילער. אָבער אָט קומט אַרויס א. גראַנאַך מיט זיין פעסטן טראָט, און מיט זיינע אויגן־שטורקאַצן צינדט ער ווידער אָן דעם עולם. פּרצעס ׳מאָניש׳. גראַנאַך האָט עס פיין אַדורכגעלייענט, אָבער ער איז נישט דער

רעציטאַטאָר, גראַנאַך איז אַרטיסט. און דעם אַרטיסט האָט מען ערשט דערזען, דערהערט אין דעם וואונדערבאַר־אַרויסגעבראַכטן 'פאַוסט'. אַ נייער מעפיסטאָ, אַ מענטשלעכער, אַ היינטצייטיקער מיט פלייש און ביין בלוט. נישט פאַטעטיש־פאַלש, נאָר איינעסנדיק־חוזקדיק, סמערדיאַ־קאָוויש... און אָט איז „שיילאָק". גראַנאַך שפּרינגט אויף פון זיין אָרט ביים טיש, דערנעענטערט זיך צו דער ראַמפּע און שפּילט־אויף אַ שטיק שיילאָק. עס האָט אַלעמען אויפגעציטערט. נישט קיין דערשלאָגענער, קריכעדיקער און אומבאַרעכטיקטער בלוט־דורשטיקער ייד, נאָר אַ שיילאָק מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, מיט צער און צאָרן, מיט האַס און פאַראַכטונג, וואָס שטייגט אין זיינע נקמה־געפילן, ביז ער דערגרייכט צו אומזין, וואָס האָט דאָך אַ זין, צום פונט פלייש, וואָס ער פאַרלאַנגט פון זיין שפּאָטער, האַסער... דאָ האָט זיך פאַר אונדז באַוויזן דער גרויסער אַקטיאָר, מיט זיינע גרויסע סצענישע מעגלעכקייטן, מיט דער קאָלאָסאַלער שטימע, וואָס פאַרמאָגט וואונדערבאַרע וויבראַציעס, און מיט דעם שווישפּילערישן טעמ־פּעראַמענט, וואָס שלאָגט אַרויס פונעם וואָרט, פון די באַוועגונגען, פון די האַוואַיעס. דער צוויי־טויזנט־קעפּיקער עולם איז געווען עלעקטריזירט, די התפּעלות האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה."

אין צווייטן טייל פונעם קאָנצערט האָט גראַנאַך אַדורכגעלייענט ווערע־קינדס דערציילונג „רבי עזרא" און איניקע זיינע לידער. און דערנאָך איז געקומען מ. ל. האַלפּערנס „גלאָט אַזוי", ה. ד. נאָמבערגס „אוי, ווי, כאַ־כאַ־כאַ", האַלפּערנס „גאָסן־פויקער" און שלום־עליכמס „קיין עין־הרע", וואָס גראַנאַך האָט צוגעטראָגן אויף אַ מייסטערישן אופן. און ווידער פאַר־גאַפונג ביים גרויסן עולם, און א. גראַנאַך זאָגט אין זיין אָפּשייד־וואָרט: „ס'איז דער גרעסטער יום־טוב, וואָס אַ פּשוט יידיש יינגל האָט ווען עס איז איבערגעלעבט!" יאָ, ס'האָט טאַקע אַלע אַריינגעבראַכט אין יום־טוב און באַגייסטערט די סמיכת־הפּרשיות פונעם באַלעגאַלעשן „קיין עין־הרע" מיט דעם געטעשן מעפיסטאָ, וואָס דאָס „יידיש יינגל" האָט אַזוי קונציק באַוויזן...

און אַ גרויסער באַנקעט אויף טלאָמאַצקע 13, אינעם ליטעראַטן־פאַר־איין, וואו יידישע אַקטיאָרן זיינען די הויפּט־רעדנער. באַגריסונגען, רעדעס, רירנדיקע ווערטער און אויך קלאָג־רייד אויפן שווערן גורל פונעם יידישן קינסטלער. און א. גראַנאַך ענטפערט מיט אַ גלענצנדיקער רעדע: „מ'האָט דאָ פיל מאָל דערמאָנט בעקער־יונג. אָבער דער בעקער־יונג איז געקומען צו דער בינע דורך אַרבעט. קונסט קומט פון קענען, און ווען קען מען? ווען מען אַרבעט. אַז מען אַרבעט פּראָדוקטיוו, איז גוט. שפּילן טעאַטער איז אַ גליק. דאָס לעבן איז צו־קורץ, צו־ווייניק. און דער אַרטיסט פאַר־לענגערט זיין אייגן לעבן... איז עס אַ מזל־זאַך, אַ גליק־זאַך, און דאָ קלאָגן

זיך גאָר שוישפּילער. מיר, שוישפּילער, האָבן אַ לאַנג לעבן. אין איין יאָר קאָנען מיר אַמאָל לעבן אין 8 ראָלן. עטלעכע הונדערט יאָר מאַכן מיר אַדורך אין אַ קורצער צייט. ס׳איז גוט און געשמאַק צו לעבן, אָבער מ׳דאַרף קאָנען לעבן. איינער האָט נאָר בלוט, אַן אַנדערער — בלויז אינטעלעקט. אינטעלעקט קאָן מען טרענירן, אָבער בלוט איז אַ גאָט־זאַך. ביידע צוזאַמען איז אַ גרויסער ענין.״ און דערנאָך האָט גראַנאַך גערעדט וועגן אַוועקגיין פונעם יידישן פאָלק און צוריקקומען: „אין געהאַקטע צרות וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט אינגאַנצן אַוועק פון יידן. די זעלבע בענקעניש, וואָס האָט מיך געצויגן צו דער בינע־קולטור, די זעלבע בענקעניש ציט מיך צוריק צו יידן. איך האָב טיפע וואָרצלען אין יידישן לעבן. איך האָב געפילט די נויטיקייט צו זען מיין היים, און איך פיל איצט: וויערזשבּאָוועץ, האָראָדענקאַ איז מיין ערד, וואַרשע — דער גייסטיקער צענטער. איך בין בייגעריק צו זען, ווי איך וועל עס איצט אויפנעמען. און איך בין גליקלעך, וואָס די פעדעם, וואָס זיינען קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן, בינדן מיך נאָך שטאַרקער צו צום יידישן לעבן, צום יידישן שאַפן.״

און אַ בילד, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. פאַרטאָג, ווען דער באַנקעט איז פאַרענדיקט געוואָרן, און דער עולם איז צוביסלעך אַוועק, הויבט ערשט אָן גראַנאַך צו לעבן. ער האָט נאָך ווייט נישט אויסגעלאָדן די אינעווייניקסטע ענערגיע, וואָס וואַכט אין אים. זעצט ער זיך אַוועק אינעם ערשטן צימער פון טלאָמאַצקע 13, וואו ס׳איז געווען דער „בופעט“. ער וואָרפט אַראָפּ דאָס רעקל, פאַרקאַשערט די אַרבל און לאָזט פריי זיינע צוויי געזונטע, פעסטע ברישע הענט און ער רעדט און דערציילט. שטיקער לעבנס, עפּיזאָדן פון אייגענער פאַרגאַנגענהייט, טשיקאַווע פּאַסירונגען לעבן־אויף אין זיין הייסן גליאיקן דערציילן. חברים פון דער יוגנט, מיידלעך, זיין פאָטער און ברידער, יידן און נישט־יידן פון זיין דאָרף, פון האָראָדענקאַ, פון לעמבערג, דער גימפּל־טעאַטער, בערלין, דייטשע בינע. אַ באַצויבערנדיקע פילם־לענטע ציט זיך, און אַלץ־נייע בילדער, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג...

אָט די אַלע סצענעס און געשטאַלטן האָט א. גראַנאַך געטראָגן אין זיך און זיי אַרויסגעבראַכט מיט אַ 15 יאָר שפּעטער אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך, וואָס ער האָט געשריבן מיטן זעלבן ברען און פיבער, ווי ער האָט אַמאָל עס דערציילט.

און אַ שמחה אינעם אַרטיסטן־פאַראיין אויף לעשנאַ 2, וואו ס׳האָט גלייך פון אָנהויב געהערשט אַ פייערלעכע טעאַטראַלישע אַטמאָספער, און אָנגעזעענע אַקטיאָרן האָבן גערעדט—אויסגעשפּילט רעדעס, ווידויס, ליבע־דערקלערונגען. ס׳האָבן גערעדט פ. באַראַטאָוו, אברהם מאָרעווסקי, זיגמונט טורקאָוו, מישאַ גערמאַן, אויך ג. מייזיל און אַנד. און דער עולם איז צע־

וואַרעמט און ווידעראַמאָל אַ פּרעכטיקע גראַנאַך־רעדע. ער טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן פונעם וואַרשעווער יידישן טעאַטער, פונעם עולם. ער האָט דאָ געפילט הייס בלוט. ער ענטפערט אויף די קלאָגעניש, אַז דעם יידישן שוישפּילער קומט אויס צו ליידן ביים יידישן טעאַטער. און גראַנאַך האָט געזאָגט: „אין ליידן ליגט דאָס גליק. אין שפּילן ליגט די באַלוינונג פאַר די שווערע מינוטן." און ווייטער האָט גראַנאַך אין זיין רעדע דערציילט וועגן די איינדרוקן, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון וואַרשע: „דער שטאַרקסטער איינדרוק — די קראַפּעווע אויפן קבר פונעם מאַרטירער ברוך שולמאַן. און ער האָט אויך געזען די פּירות פון אָט דער קראַפּעווע. יידישע קינדער אין די וועלטלעכע שולן און אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. אָט די קינדער, וואָס ביאַליק האָט וועגן זיי געזאָגט: 'מיר זאָלן זיין, יידישע קינדערלעך, פאַר אייערע כשרע אייגעלעך!' איך האָב גערעדט צו די קינדער ווי צו גרויסע. צו ריידע־באָבע רעדט מען ווי צו קינדער. אָבער קינדער הויבן ערשט אָן צו לעבן, הויבן ערשט אָן צו וואַקסן. און אָן קינדער דערמאָן איך זיך איצט, ווען איך בין צווישן אייך, יידישע אַרטיסטן. אַרטיסטן האָבן אייביקע קינדער־נשמות, נאָר מיט אַ קינדער־נשמה קאָן מען אויפטאָן, ברענגען גליק און ברכה דעם טעאַטער, דעם שאַפן." און מיט די ווערטער: „איר דאַרפט זיין שטאָלץ און גליקלעך, וואָס איר ברענגט אַריין מיטן יידישן טעאַטער זון, פרייד אינעם יידישן פאַרחושכטן לעבן", — האָט ער זיך געזעגנט מיט זיינע חברים־שוישפּילער.

אַזאַ איז געווען די גראַנאַך־וואָך אין דער יידישער וואַרשע, אין דער סביבה פון שרייבער, שוישפּילער און דעם יידישן עולם!

• • •

דעצעמבער 1930 פייערן מיר אין וואַרשע שלום אַשס 50סטן געבוירנ־טאָג און דעם 30־יאָריקן יובל פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. מיר גיבן אַרויס אַ רייכן יובילײ־נומער מיט דער באַטייליקונג פון נ. מייזיל, דר. א. גליקסמאַן, לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי, דר. י. שיפּער, א. מ. פוקס, דוד הערמאַן, דער טונקעלער. און אויך א. גראַנאַך שיקט זיין באַגריסונג, וואו ער שרייבט צווישן אַנדערן אַזעלכע טרעפלעכע ווערטער: „דאָס ווערק פון שלום אַש איז שוין איצט אַ קלאַסישער מאָנומענט. עס איז אַ באַוויז פון לעבנס־קראַפט און וואוקס פונעם יידישן פאָלקסטום און פון די יידישע אַרבעטס־מאַסן. שלום אַש איז דער דיכטער, וואָס אַראָפּלאָזנדיק זיך אין תהום פונעם אַלטאָג, איז בכוח געווען מיט זיין שאַפערישער ליכטיקער פאַנטאַזיע דעם אַלטאָג צו באַשטראַלן, צו באַשיינען, צו דערהויבן." „אַש — זאָגט ווייטער א. גראַנאַך — איז די פאַרקערפּערונג פון דער יידישער מאַסע — איר נביא. פּונקט ווי מ. גאָרקי האָט זיין „באָסיאַק" געאיידלט, דערהויבן, אַזוי האָט אַש דעם יידישן מענטש פונעם „קוילער־געסל" גע־

אײדלט, דערהױבן. בײדע די דיכטער, אַש און גאָרקי, בײדע זײ װײסן עס, אַז דער ײדישער גאַסן־מענטש און דער באַסיאַק זײנען ברידער, ברידער פון אײן גרױסער משפּחה... דעריבער איז דער 50־יאָריקער געבױרנטאָג פון שלום אַש אַ פֿאָלקס־יום־טוב, אַן אַרבעטער־יום־טוב.״ („ליט. בלעטער״, 1930, נומ׳ 51, ז׳ 346).

א. גראַנאַך האָט פֿאַרלאָזט װאַרשע מיטן װאונטש און באַשלוס בײ דער ערשטער מעגלעכקײט קומען אױף אַ לענגערער צײט און שפּילן ײדיש טעאַטער. אָבער דער צופֿאַל האָט געװאָלט, אַז ער זאָל אומבאַטראַכטערהײט און נישט־צוגעגרײט, זיך לאָזן אױף גאַסטשפּילן קײן אַמעריקע. און, צוליב פֿאַרשײדענע סיבות, אַרײנגעפֿאַלן אין אַ גאָר־נישט גינסטיקער אַטמאָספֿער, איז ער דאָרט מיט זײנע אױפֿטריטן אַדורכגעפֿאַלן. װעגן דעם איז פֿאַראַן אַ סך צו רעדן, און א. גראַנאַך גופֿא האָט לאחר־מעשה װעגן דעם דערצײלט אין זײן אַרטיקל „אַביסל קריטיק און זעלבסט־קריטיק״, געשריבן שױן אין אַ הומאָרפֿולן טאָן, אָבער דאָך מיט אַ טיפֿן װײטיק („ליט. בלעטער״, 1932, נ׳ 22). מיר ברענגען אין בוך אָט דעם אַרטיקל.

גראַנאַך איז שױן גוט תּופֿס די פֿאַרהעלטענישן, װאָס ס׳הערשן אינעם ײדישן טעאַטער און אין דער ײדישער קולטור־װעלט. װעגן דעם איז אַן עדות זײנער אַן אַרטיקל „װאו ליגט דער שװער־פּונקט״, װאו א. גראַנאַך רעדט אַרום זײער אינטערעסאַנט דעם טעאַטער־קריזיס, װאָס הערשט אומעטום. ער באַמיט זיך צו דערגרונטעװען צו די סימפּטאָמען. ער באַ־טאָנט דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן הינטערגרונט. „דער טעאַטער־קריזיס — זאָגט ער — איז פּונקט אַזױ אומגעהײער גרױס, װי דער װירט־שאַפֿטלעכער.״ ער רעדט װעגן „דער קאַרדינאַלער איבערשיכטונג אין די מאַסן״, — „מען איז אָדער ברױן אָדער רױט״, און ער פֿאַרלאַנגט, מען „זאָל די אַלע נאַקעטע פֿאַקטן אַרױקשטעלן אָפֿן און קלאָר״. ער טאַדלט די אַלע, װאָס „שטעלן זיך העכער איבער דעם מאַסן־פּראָבלעם״ און „פֿאַרקריכן אין דער ראָמאַנטיק פֿון זײערע אינערלעכע ד׳ אמות״. און ער לײגט פֿאָר די טעאַטער־דיסקוסיע צו פֿירן אױף אַן אַנדערן אופֿן, אױף אַן אַנדערער באַזע. „איך װײס — זאָגט ער — אַז דאָס זײנען נײע װעגן, און יעדער נײער װעג איז זײער שװער, אָבער דערפֿאַר גיט עס דאָס גליק פֿון באַנײיקײט און דעם כּח צו װירקן, צו שאַפֿן, צו לעבן און זיך אױסלעבן.״ („ליט. בלעטער״, 16 סעפּטעמבער 1932, נ׳ 38).

אין זײן אַרטיקעלע װעגן משה לײב האַלפּערן האָבן מיר זײן אינע־װײניקסטן פּראָטעסט קעגן דער מיטלמעסיקײט, קעגן די אומנאָרמאַלע באַ־דינגונגען, אין װעלכע דעם ײדישן קינסטלער קומט אױס צו לעבן. מיר האָבן דאָ אָפּקלאַנגען און נאָכװײען פֿון א. גראַנאַכס אומגעלונגענעם באַזוך אין דער ײדישער אַמעריקע.

עס רוקן זיך אָן אַלץ־מער די שווערע כמאַרעס פון פאַשיזם און נאַציזם, און וואָס־ווייטער ווערט אַלץ־שטיקנדיקער די לופט אין דייטשלאַנד, אין בערלין. עס מערן זיך די גזירות אויף יידן און ס׳הויבן זיך אָן די איבער־פאַלן פון די צעווילדעוועטע ברוינע יונגען אויף די יידישע מאַסן. עס ווערט אוממעגלעך ווייטער צו פאַרבלייבן אין דעם פאַרהיטלעריסטישן דייטש־לאַנד, און ווער ס׳קאָן נאָר פאַרלאָזט דאָס לאַנד, מיט וועלכן מ׳איז יאָרן געווען פאַרבונדן. אויך א. גראַנאַך, וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט אינעם בערלין פון קולטור־קינסטלערישן טעאַטער, מוז באַצייטנס אַנטרינען, כל־זמן ער איז נאָך אויף דער פריי און האָט נאָך די מעגלעכקייט אַרויס אַ לעבעדיקער, אַ גאַנצער. די לעצטע צייט איז ער אַן עדות פון דער ראַשיקער פאַרווילדערניש, וואָס פאַרכאַפּט אַלץ־ברייטערע שיכטן. דער נאַציזם שפּאַרט אָן אין אַזעלכע קרייזן, וועלכע זיינען ערשט נישט לאַנג פאַררעכנט געוואָרן פאַר דעמאָקראַטישע, פאַר סאָציאַליסטישע. עס ווערט נישט נאָר אומהיימלעך ווייטער צו פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד, נאָר לעבנס־געפערלעך.

און א. גראַנאַך, אַן אַנטוישטער אין דעם קולטורעלן דייטשלאַנד, אַ דערדריקטער, לאָזט איבער זיין גאַנצן האָב און גאָב, זיין פּרעכטיק אייגן הויז, זיינע אַלע דעראָבערטע מאַטעריעלע און גייסטיקע אוצרות און ער קומט, סוף 1933, קיין פּוילן. עס חזרט זיך מיט אים איבער, אויף אַ גאָר אַנדערן שטייגער, וואָס ס׳איז געשען מיט דער שעקספּירישער געשטאַלט, מיט שיילאָקן, וועלכן ער האָט נישט איין מאָל געפּרואווט געבן אַ סצענישן תיקון. און ווי ער איז נישט געווען אויפגעשווידערט און צעטרייסלט אין בערלין, ווערט ער אין וואַרשע גלייך אויפגעמונטערט און אויפגעלעבט. ער איז, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע שווערע איבערלעבענישן די לעצטע צייט אין בערלין, געווען פול מיט אימפּעט, מיט שאַפונגס־ענערגיע. אים ווילט זיך איצט צווישן די יידישע מאַסן אַ שפּיל טאָן טעאַטער, אַז „דער רוח זאָל עס נעמען!".

און ער רעדט דאָ צו אונדז, אין וואַרשע, אַזעלכע ווערטער: „יידן זיינען איצט דערשלאָגן, קליין געוואָרן אין די אייגענע אויגן, דאַרף מען זיי מוטיקן, אַריינגעבן אַ נייעם גלויבן. און ווער קאָן עס טאָן, אויב נישט טעאַטער? מ׳דאַרף אַרויפברענגען אויף דער בינע אַ נייעם רעפּערטואַר, מען דאַרף אַראָפּדונערן פון דער בינע נייע ווערטער!"

זיין קומען קיין וואַרשע איז געווען אַ וויכטיקע קולטור־געשעעניש. מ׳האָט געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען, אין אַ לייט־אַרטיקל אין די „ליט. בלעטער" האָבן מיר אים אויפגענומען מיט גאָר דער פרייד: „ס׳איז איצט די העכסטע צייט צו קומען צום יידישן מאַסן־עולם מיט דערהויבענע אויפפירונגען. פונדאַסניי אַנצינדן אויסגעלאָשענע ראַמפּע־ליכטער און

וואָרפן פון דער בינע אַנצינד־ווערטער. מיר לעבן איצט אין אַ שווערער, אָבער גלייכצייטיק אויפברויזנדיקער צייט. עס איז אַ גרויסער געראַנגל צווישן די פינצטערע און ליכטיקע כוחות. דער מענטש האָט גרויסע חשבונות מיט וועלט, מיט דער סאָציאַלער אָרדענונג, מיט זיך, — דאַרף טעאַטער זיך דערהייבן צו דער צייט און אויפנעמען אָט דעם אויפברויז, אָט דעם געראַנגל. דאָס לעבן אַרום איז גרוי, לאַנגווייליק — דאַרף דער מאַסע־מענטש געפינען אין טעאַטער באַגייסטערונג, פרייד, שאַפונגס־פרייד. טעאַטער דאַרף לערנען, דערהייבן. אונדזער אויפגאַבע איז — אַריינ־ברענגען אין טעאַטער נייע כוחות, נייעם פּאַטאָס, נייעם אינהאַלט... גראַנאַך האָט פיל כוחות, ער האָט גרויסע דערפאַרונג, ער ברענט מיט דעם ווילן אויפצוריכטן דאָס יידישע טעאַטער.״

אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אָנהויב יאַנואַר 1934, ביי דער באַטייליקונג פון פאָרשטייער פון אַלע יידישע צייטונגען און פון אָנגעזעענע טוער, האָט א. גראַנאַך אויספירלעך איבערגעגעבן די אויפ־גאַבן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין שפילן אין פוילן. אַנשטאָט גיין אויף אַן „אויסגעטראָטענעם״ וועג, אויפטרעטן אין פּיעסעס און אין ראָלן, וואָס ער האָט געשפילט הונדערטער מאָל אין בערלין, טרעט ער אויף אין אַ גאָר נייער פּיעסע, וואָס „נישט נאָר די טינט איז פון דעם נאָך נישט אויסגעטרוקנט, נאָר אויך דאָס בלוט פון די קרבנות, פון וועלכע ס׳איז געשריבן, איז נאָך נישט פאַרקילט״. דאָס איז געווען פרידריך וואָלפס „די געלע לאַטע״ („פּראָפעסאָר מאַמלאָק״), וואָס א. גראַנאַך האָט עס „אַרויס־געשמוגלט״ פונעם היטלער־לאַנד. א. גראַנאַך האָט באַטאָנט: „איך בין נישט קיין מאַרטירער, און איך קום נישט אַהער קיין אויסגעשעפּטער.״

און די אויפפירונג פון „די געלע לאַטע״ איז געווען נישט אַזוי אַ טעאַטער־שפּיל, נאָר אַ וויטיקדיקער אויסגעשריי. ס׳איז געווען ווי א. גראַנאַך וואָלט אָפּגעצאָלט זיין חוב דעם דייטשן יידנטום, — ער האָט פאַר־קערפּערט אין סצענישע געשטאַלטן די מוראדיקע איבערלעבענישן, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער פּיעסע. האַנס מאַמלאָק — אַ נייער מין יידישער איוב, און גראַנאַך האָט אים נישט געשפּילט, נאָר אויס־געוויטיקט. ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ טיף־דורכגעטראַכטע און שטאַרק־דורכגעפילטע געשטאַלט. פון זיין ערשטן באַווייזן זיך אויף דער בינע ביז זיין לעצטן אָטעם, יעדע באַוועגונג — אויפטרייסלענדיקע איבערלעבעניש. אַלע, — ער און דער עולם, — זיינען געווען גשפּאַנט און אָנגעצויגן. אויף דער בינע און אין דעם גרויסן קאַמינסקי־טעאַטער האָט זיך געפילט דער צער און צאָרן, דער גרויסער אומגליק און די טראַגיק, וואָס האָט אָנגענומען אַלץ־מער מוראדיקע פאָרמען.

„די געלע לאַטע״ און א. גראַנאַך אין דער ראָלע פון פּראָפ. מאַמלאָק

האָבן אַרויסגערופן גרויס פאַראינטערעסירונג צווישן דעם ברייטן יידישן עולם און גלענצנדע אָפּרופן אין דער פּרעסע. די מעשה־מאַמלאָק האָט אַריינגעטראָפן אין פינטל אַריין און אַנטפּלעקט די טראַגעדיע פונעם דייטשן יידנטום, און איז געווען אויך אַ וואָרנונג פון דעם וואַקסנדיקן פאַשיזם.

נח פּרילוצקי האָט אין „מאָמענט" געשריבן, אַז „דאָס שטיק האָלט כסדר אין שפּאַנונג, וואָס וואַקסט פון סצענע צו סצענע. א. גראַנאַך האָט אין האַנס מאַמלאָק געפונען אַ ברודער־נאַטור און אויף פולע הונדערט פּראָצענט זיך איבערגעקערפּערט אינעם העלד פון שטיק. דער פּראָפעסאָר איז אַן אָרגאַנישער צונויפגאָס פון אינטעלעקט און טעמפּעראַמענט, לאָגיק און געפיל. דער גאַסטראָלער אינטערפּרעטירט גענוי מיט מימיק, זשעסטן און באַוועגונגען דעם טיפּ, זיין כאַראַקטער און די איבערלעבונגען זיינע, ווי אָפּשפּילנדיק אויפן קלאַוויר אַ העראָאישע טראַגעדיע."

י. מ. ביימאַן אין „היינט" האָט באַטאָנט, אַז „די 'געלע לאַטע' איז אַ שטיק אבר מן החי, אַרויסגעריסן פון דערווירקלעכקייט. א. גראַנאַך האָט גערירט, מאָמענטנווייז דערשיטערט. ער שפּילט ווי אַ וואולקאַן, ער שרייט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה. ער צאַצקעט זיך נישט, ער ציקלט זיך נישט — ער האַמערט אויס מיט האַמער־קלעפּ."

אלחנן צייטלין האָט אין „אונדזער עקספּרעס" געזאָגט: „שוין זיין ערשטער אַרויסקום אויף דער בינע, זיין מערקווירדיקער גרים, זיין הילוך, די באַוועגונגען, איבערצייגן, אַז דו האָסט פאַר זיך אַן אַרטיסט פון גרויסן פאַרנעם."

נ. מייזיל אין די „ליט. בלעטער" האָט געשריבן: „דער ערשטער אַרויספאָר פון א. גראַנאַך איז מער ווי געלונגען. אַ באַוויז — די גע־וואַלטיקע באַגייסטערונג, וואָס האָט גלייך פון אָנהויב געשטראָמט פון דעם זאַל צו אים, די רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן איבערגעריסן כסדר דאָס שפּילן אינמיטן, און דאָס יובעלדיקע אַרויסרופן גראַנאַכן אומצייליקע מאָל נאָך יעדן אַקט."

ב. שעפנער אין „פאָלקס־צייטונג" האָט געשריבן, אַז „א. גראַנאַך פאַר־מאָגט אַ שפע פון קינסטלערישע מיטלען און אַ ברענענדיקן טעמפּעראַמענט, וועלכער רייסט זיך ווי צעשטורעמטע כוואַליעס און רייסט־מיט די צושויער".

אויך די אַלע איבעריקע יידישע און פּויליש־יידישע צייטונגען האָבן פאַרעפנטלעכט באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן דער פאַרשטעלונג, וואָס איז געגאַנגען אַן איבעררייס אַ 60 מאָל אין וואַרשע און עטלעכע חדשים כסדר אין פיל צענדליקער אַנדערע יידישע שטעט אין פּוילן.

פרידריך וואָלף, דער מחבר פון „די געלע לאַטע" (ווי אויך פון אייניקע אַנדערע דערפאָלגרייכע פּיעסעס, ווי „קאַלאַנע הונד", „דער אַרמע קאָנ־

ראַד", "ציאַנקאַלי", "ס.־אַ.־ס.־קראַסין"), וואָס איז דאָן געקומען ספּעציעל פון מאָסקווע צו זען די אויפפירונג פון זיין פּיעסע, איז געווען זייער צופרידן פון דער אויפפירונג און שפּילן. אויף אַן אָוונט, וואָס איז געווען אַראַנזשירט לכבוד אים ביי אונדז אין הויז, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּליבן פון דער פאַרשטעלונג און באַזונדערס פון גראַנאַכס מאַמלאַק. ער איז געווען גליקלעך וואָס זיין פּראָפ. מאַמלאַק האָט געפונען אַזאַ פאַרקערפּערער.

צום נייעם יידישן טעאַטער־סעזאָן, אַפּריל 1934, איז א. גראַנאַך אַריבער אין אַ נייעם טעאַטער. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אויפצופירן די פּיעסע "שלום שוואַרצבאַרד", וואָס אַלטער קאַציזנע האָט ספּעציעל אָנגעשריבן לויט זיין, א. גראַנאַכס, אויפטראַג און אָנווייזונגען. אָבער אַזוי ווי די וואַרשעווער צענזור האָט אין קיין פאַל, נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען, נישט געוואָלט דערלויבן אויפצופירן די פּיעסע, האָט א. גראַנאַך אויף שנעל, אין משך פון עטלעכע טעג, מיט אַ נייעם אַנסאַמבל געשטעלט ה. לייוויקס "קייטן", וואו ער האָט געשפּילט די ראָל פון לעווינע. א. גראַנאַך האָט באַוויזן ממש וואונדער. די אַקטיאָרן, וואָס האָבן אינעם "סקאַלאַ"־טעאַטער ערשט מיט אַ וואָך צוריק געשפּילט אין אַ מעלאָדראַמע, האָבן אונטער א. גראַנאַכס רעזשי און אונטער זיין פעסטער קינסטלערישער האַנט, אַרויסגעבראַכט אַן אינטערעסאַנטע פאַרשטעלונג. א. גראַנאַך האָט געשאַפן אַ פּרעכטיקע פיגור: געדעמפּטער פּאַטאָס, געשטיקטער אויפברויז. און אין אַלגעמיין — אַ שטאַרק און טיף סצעניש ווערק.

א. גראַנאַך לאָזט זיך אַנהויב מאַי אויף אַ טורנע איבער פּוילן. זיין ערשטע שטאָט איז ווילנע, וואו זיינע גאַסטשפּילן ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן טריאומף. אין ווילנע זיינען די וואָכן, וואָס א. גראַנאַך שפּילט דאָרט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין כסדרדיקע קולטור־פייערונגען און יום־טובן, אויף וועלכע א. גראַנאַך האַלט פלאַם־פייערדיקע רעדעס און ווערט ממש געטראָגן אויף די הענט פון דער פּראָגרעסיווער רעוואָלוציאָנערער יידישער יוגנט. אויך אין ווילנע מאַכט א. גראַנאַך פּרואוון אויפצופירן א. קאַציזנעס "שלום שוואַרצבאַרד", אָבער אָן דערפאָלג. די צענזור זעט אין אין דער פּיעסע "אַנטי־מלוכהשע" טאַטן און פּראָפּאַגאַנדע.

און פון ווילנע — קיין לאָדזש, וואו א. גראַנאַך טרעט אויף מיט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. אין "פאָלקס־בלאַט" שרייבט מען: "אונדז איז נאָך נישט אויסגעקומען צו זען ביז איצט אויף דער יידישער בינע אַזאַ פאַרנעם, אַזאַ גרויסקייט." און דערנאָך, נאָך עטלעכע וואָכן — קומט לעמבערג. אגב, איז א. גראַנאַך מיט זיין גאַנצן אַנסאַמבל אַראָפּגעקומען אין זיין היימשטאָט האָראָדענקאָ אויף אַ פאַרשטעלונג. שפּעטער קומען טאַרנאָפּאָל, טשאָרטקאָוו, זאַליעשטשיק, פּשעמישל, קראָקע א. אַ. נאָך אַ קורצן איבעררייס — קומען לובלין, ראַדאָם, קעלץ, טשענסטאָכאָוו, פּיעטריקאָוו, בזשעזשין,

פּאַביאַניץ, זדונסקאַ וואָליאַ, קאַליש, קאָלאָ, קוטנע, וולאָצלאַוועק, פּלאָצק, שעדלעץ, מעזריטש, בריסק, כעלם, זאַמאָשטש, לודמיר, קאָוועל, קאָזשיץ, לוצק, דובנע, הרובעשעיעוו, ראָוונע, סאַרנע, פּינסק, באַראַנאָוויטש, סלאָנים, נאָוואָגרודעק, לידע, סואוואַלק, לאָמזשע, אָסטראָלענקאַ, ביאַליסטאָק, גראָדנע און נאָך און נאָך.

א. גראַנאַך האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין באמת־טריאומפאַלן טור אין די גרעסערע און קלענערע שטעט פון פוילן, וואו ער האָט נישט נאָר אַריינגעבראַכט טעאַטראַלן יום־טוב, נאָר אַליין איז ער באַרייכערט געוואָרן מיט נייע דערפאַרונגען, ווען ער איז געקומען אין באַריר, אין קאָנטאַקט מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן, — א. גראַנאַך האָט שוין געהאַט אָנגעמערקט נייע פּלענער פאַר ווייטערדיקער טעטיקייט, ווי עס איז אויפגעקומען דער געדאַנק צו מאַכן אַ רייזע קיין ראַטנפאַרבאַנד. אין אַ שמועס מיט ציטונגס־פאַרשטייער האָט ער איבערגעגעבן: „מיין פאָרן קיין ראַטן־רוסלאַנד איז אויך אַ קולטור־פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע, וואָרים דער דייטשער טעאַטער, וואָס מ׳טרעט־צו צו בויען אין מאָסקווע, איז אַן ענטפער דעם דייטשן פאַשיזם, וואָס צעשטערט די קולטור־ווערטן. דאָרט זאָל אויפגעבויט ווערן אַ היים פאַר אַלדי כוחות, וואָס זיינען פאַר־טריבן פון דריטן רייך... איך האָב שוין לאַנג זיך געוואָלט באַקענען מיטן טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד, זאָל איך ביישטיין דעם יצר־הרע נישט אויס־צוניצן אַזאַ געלעגנהייט צו דערגרייכן מיין ציל אַרבעטנדיק, און נישט ווי אַ טוריסט?“

און דערווייל, איידער ער האָט באַוויזן צו רעאַליזירן זיין ווילן צו פאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד, האָט ער נישט געררוט. עס האָט אים ווידער געטריבן דער אימפּעט צו דער סצענע. שוין אַ מעשה פון וואָכן און חדשים האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן אַרויסצוברענגען אויף דער בינע די שלום שוואַרצבאַרד־דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּאַריז און וואָס האָט אין זיין צייט אויפגערודערט די וועלט. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין הייליקן חוב, נאָך מעשה־מאַמלאַק, באַוויזן די אַטמאָספער, די באַדינגונגען, די מאָטיוון, וואָס האָבן געבראַכט דעם שטילן פּאַריזער זייגערמאַכער שלום שוואַרצבאַרד צו נעמען אַ רעוואָלווער אין האַנט און נעמען נקמה פאַר יידיש בלוט. און מערקווירדיק: גראַנאַך איז געקומען צו דעם שוואַרצ־באַרד־פּראָבלעם דורך דער קליינער נאָוועלע פון אַנרי באַרביס, דורך זיין רעוואָלוציאָנערער אויסטייטשונג. זינט דאַן איז ער געווען באַהערשט פון אָט דער טעמע. נאָך אין בערלין האָט אים געלאָקט שוואַרצבאַרד, ער האָט אַפילו שוין געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט אייניקע דייטשע דראַמאַטורגן, זיי זאָלן פאַרפאַסן אַ דראַמאַטיש שטיק אויף דער טעמע. און דער דראַמאַ־

סצענע פון אַלטער קאַציזנעס פּיעסע „וועלט־געוויסן“ („שלום שוואַרצבאָרד“ — געשפּילט אין לאָדזש, 1935). פון רעכטס: אַלעקסאַנדער גראַנאַך (שלום שוואַרצ־באָרד), יצחק גרומבערג־טורקאָוו (אשר שוואַרצמאַן).

טורג י. רעהפיש, דער מחבר פון „דרייפוס", האָט שוין געהאַלטן ביים אָנשרייבן די פּיעסע.

מיר האָבן ביידע פיל מאָל גערעדט וועגן דעם אַלעמען, וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צום ענין־שוואַרצבאַרד, — שטיקער וועלטן זיינען דאָ פאַרוויקלט — עס איז די וועלט־מלחמה, דער בירגער־קריג, און פּראָס־קוראָוו, קיעוו, פּאַריז, — און אוקראַינע און פראַנקרייך, וואָס שלום שוואַרצ־באַרד גופא האָט אויף זיין אוממיטלבאַרן אופן אַרויסגעבראַכט אין זיין באַשיידן בוך. מיר האָבן באַגריפן די גרויסע געפאַרן ביים וועלן פאַרפאַסן אַ פּיעסע פון די אַלע גרויזאַמע פּאַסירונגען און געשעענישן. מ׳האָט באַ־דאַרפט אויסטיילן פון דער מאַסע פאַקטן די וויכטיקסטע פּונקטן, געבן די פּאַסיקע אויסטייטשונג פונעם געשעענעם און נישט אַריינפאַלן אין כראָניק־פאַרצייכענישן. די פינף שוואַרצבאַרד־שאָסן זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון פריערדיקע פּאַסירונגען און גלייכצייטיק אַרויסגערופן אָפּהילכן, אָפּ־קלאַנגען אין גאַר דער וועלט. און די אַלע הויפּט־פּערזאָנען, וואָס זיינען אויפגעטראָטן אויפן שוואַרצבאַרד־פּראָצעס, האָבן דאָך סימבאַליזירט מיט זיך סביבה, שיכט, צייט, פאָלק, דור.

גוטע פריינט האָבן אָפּגערעדט א. גראַנאַכן פון אָט דער גאַנצער „אַוואַנטיורע" — פון באַשטעלן אַזאַ פּיעסע און דערנאָך זי פּרוּוון אויפפירן ביי דער האַלב־פאַשיסטישער געזעצגעבערישער פּוילישער מאַכט. און די יידישע טעאַטער־אונטערנעמער האָבן געקנייטשט מיט די זייטן און נישט פאַרשטאַנען אָט דעם ווילדן עקשן א. גראַנאַך — אַנשטאָט צעפּאַקן זיין רייכן פאַרשיידנאַרטיקן אַלטן רעפּערטואַר־ און ראָלן־באַגאַזש, לאָזט ער זיך אויף צווייפלהאַפטע וועגן. אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. אונטער דעם פעסטן דרוק און איינפלוס פון א. גראַנאַך האָט אַלטער קאַציזנע זיך גענומען און אין משך פון עטלעכע וואָכן פאַרפאַסט די דראַמע „שלום שוואַרצבאַרד", וואָס ער האָט אָנגערופן אַ „סינטעטישער רעפּאָרטאַזש".*) ווען די פּיעסע איז געווען פאַרטיק, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע צענזור־שוועריקייטן זי אויפצופירן. אין לאָדזש, מיט דער הילף פון „לא יחרץ"־געלט, האָט מען באַוויזן צו קריגן אַ דערלויבעניש, אָבער דער נאָמען האָט געמוזט געענדערט ווערן אויף „וועלט־געוויסן". מ׳האָט לכתחילה נישט געמאָלדן וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך אין דעם נייעם שטיק, און ענדלעך האָט מען אָנהויב פעברואַר 1935 אין אַ מזלדיקער שעה אויפגעפירט דאָס שטיק. א. גראַנאַך האָט אַריינגעלייגט פיל אַרבעט אין דער אויפפירונג, רעזשיסירט, געשפּילט די הויפּט־ראָל און מיט זיין ברען און אימפּעט אָנגעשטעקט דעם

---

*) אין מיין אַרטיקל וועגן אַלטער קאַציזנע („פאַרגייער און מיטצייטלער", ז"ז 368־370) האָב איך דערציילט מערער וועגן דעם אַלעם. — נ. מ.

גרויסן אַנסאַמבל פון אַ ספּעציעל־צונויפגעשטעלטער טרופּע. ווי אַ שטיק „מחותן", ווי אַ שטיק מיט־שותף צו דער פאַרפאַסונג פון דער פּיעסע, האָב איך געהאַט ספּעציעלן נחת־רוח, ווען איך האָב צוגעזען די באַגייסטערונג און די אויפשיטערונג, וואָס די פּיעסע האָט אַרויסגערופן ביים טייערן יידישן מאַסן־עולם אין גרויסן לאָדזשער „ראַזמאַיטאָשטשי"־טעאַטער.

א. גראַנאַך האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די שוואַרצבאַרד־געשטאַלט אין אַלע אירע פאַרשיידענע איבערוואַנדלונגען. עס איז געווען אַ פאַמעלעכער שטייגן פון מענטשלעכער פערזענלעכקייט, אַן אַנוואוקס פון צער און צאָרן, וואָס אַט ווערט עס דערשטיקט און אַט ברעכט עס ווידער אויף, ביז דעם שטויס צום פּעטליורע־מאָרד. און ערשט דערנאָך הויבט זיך אָן די גרויסע דראַמע פון מענטש, זיינע באַגעגענישן מיט די אַלע פאַרשיידענע וויכטיקע פערזענלעכקייטן, וואָס ווערן פאַרוויקלט אינעם קאַמף פאַר דער שוואַרצ־באַרד־פאַרטיידיקונג. און ווידעראַמאָל האָט א. גראַנאַך זיך אַרויסבאַוויזן אין זיין שפּילן ווי אַ הייסער ייד, ווי אַ קעמפנדיקע נאַטור, ווי אַן אויפ־ברויזנדיקער מענטש. ער האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרק־דערשיטערנדיקן איינדרוק (גענויער האָב איך איבערגעגעבן דעם איינדרוק פון דער פאַר־שטעלונג אין אַן אַרטיקל אין די „ליט. בלעטער", נומ' 6, פעברואַר, 1935). ווי באַקאַנט, האָט א. גראַנאַך אויפגעפירט „שלום שוואַרצבאַרד" מיט עטלעכע יאָר צוריק אין לאָס־אַנדזשעלעס מיט דער דאָרטיקער דראַמאַטי־שער סטודיע. שוואַרצבאַרדן האָט געשפּילט דער דיכטער מאַרטין בירנ־בוים.

נאָך אַט דער אויפפירונג האָט א. גראַנאַך געשטעלט אין דעמזעלבן לאָדזשער טעאַטער וו. שעקספּירס „שיילאָק" און געשפּילט די שיילאָק־ראָל. ער האָט דאָרטן אויך געגעבן שלום אַשס „גאָט פון נקמה" און אויפגעטראָטן אַלס יאַנקל שאַפּשאָוויטש. מיר איז אויסגעקומען צו זיין אויף דער לעצטער געזעגענונגס־פאָרשטעלונג פון זיין „שיילאָק" אין לאָדזש. איך בין געווען זייער ביגעריק צו זען גראַנאַכן אין אַט דער ראָל, וועלכע ער האָט אַלע יאָרן, פון זיינע ערשטע אויפטריטן אויף דער דייטשער בינע, געהאַלטן פאַר זיין מענטשלעכן און יידישן חוב צו געבן אַן אַנדערע אויסטייטשונג און פאַרקערפּערונג. און ער האָט טאַקע אין זיין שפּילן אַרויסגעבראַכט אַ פול־בלוטיקן, שטאָלצן ייד, וואָס איז דורך די פאַרפאָלגונגען און דערנידערונגען דערפירט געוואָרן צו די אומזיניק־ווילדע נקמה־געפילן קעגן זיינע פייניקער און שפּאָטער. אין דער ראָל זיינען געווען אינטערעסאַנטע איבערגאַנגען פון דערשלאָגנקייט און אויפברויז, פון געפאַלנקייט און ווירדע. אין דעם לעצטן אַקט איז ער געווען ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, געברומט און גע־בלוטיקט און מיט פאַראַכטונג געקעמפט מיט זיינע שטאַרקערע קעגנער. צו די אַלע ראָלן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען א. גראַנאַך אין דייטשן

און אין יידישן טעאַטער אין פאַרשיידענע צייטן, איז די שיילאָק־ראָל זיכער איינע פון די שטאַרקסטע, קאָמפּליצירטסטע און טראַגישסטע.

און אַט — דעם 28טן אַפּריל, 1935 — נאָך קלענערע האַרציקע און אינ־טערעסאַנטע אָפּשייד־אָוונטן אין לאָדזש און אין וואַרשע, האָבן מיר באַגלייט א. גראַנאַכן צו דער באַן אויף זיין רייזע קיין ראַטנפאַרבאַנד. אויסער זיינע אַרבעטן און אויפטריטן אינעם קיעווער יידישן טעאַטער, האָט א. גראַנאַך אָנגענומען צו שפּילן די הויפּט־ראָל אינעם ערשטן סאָוועטישן פילם פונעם לעבן פון די ציגיינער, טאַקע אונטערן נאָמען „ציגיינער״. אַט דער פילם איז עד־היום, אַ 12 יאָר נאָך זיין דערשיינען, איינער פון די פּאָפּולערסטע סאָוועטישע פילמען און א. גראַנאַך אין זיין ראָל פונעם באַלעגוף דעם ציגיינער איז באמת אויסגעצייכנט. א. גראַנאַך איז אויך געווען אַ לעקטאָר אין דער דראַמאַטישער סטודיע אין קיעוו. אין מיין וואַרשעווער היים זיינען אומגעקומען צווישן אַנדערן הונדערטער אינטערעסאַנטע בריוו פון א. גראַנאַכן פון פאַרשיידענע צייטן, ווי אויך פון ראַטנפאַרבאַנד.

• • •

„אַט גייט אַ מענטש״ — הייסט א. גראַנאַכס אויטאָביאָגראַפיש ווערק. און מיר אַלע, וואָס זיינען געווען נאָענט און גוטברודעריש מיט גראַנאַכן, האָבן גוט צוגעזען און נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג, דאָס שטייגן, זיין בלאָנדזשען איבער וועגן־שטעגן, אָבער פון יעדער בלאָנדזשעניש האָט ער זיך מיט זיין געזונטן חוש און פאָלקס־אינסטינקט אַרויסבאַפרייט און אָנערקענט זיין טעות.

אַט מיש איך אין מיין זכרון סצענעס און עפּיזאָדן, וואָס זיינען פאַר־בונדן מיט אַט דעם מערקווירדיקן און צייטנווייז אַפילו אויסטערלישן מענטש, וואָס האָט זיכער געהאַט זיינע סתירות, וואַקלונגען, וועלכע אַ מענטש אין גיין קאָן נישט אויסמיידן. אָבער אין אַן אַרטיקל איז אוממעגלעך זיי אַרויסברענגען, עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט.

אַט ליגן פאַר מיר נאָך און נאָך אַרטיקעלעך, גליענדיקע, טעמפּעראַ־מענטפולע, וואָס זיין הייסע פעדער האָט אַרויסגעבראַכט דורך זיינע גרויסע, אָפּטמאָל־אוםגעלומפּערטע יידישע אותיות.

אַן אַרטיקעלע איבער יאַנקל אַדלער, דער אָריגינעלער מענטש און קינסטלער, וואָס איז אַנטרינען פון בערלין, פּאַריז קיין פוילן, קיין וואַרשע און לאָדזש (משטיינס־געזאָגט — דער דעמאָלסדיקער עיר־מקלט!). און אינעם ספּעציעלן יאַנקל אַדלער־נומער פון די „ליט. בלעטער״ (1935, נומ׳ 8) וואַרפט א. גראַנאַך אַרויס אַזעלכע ווערטער, ווי: „זאָל יאַנקל אַדלער ברענגען זיינע דערפאַרונגען, זאָל ער זיין דער מאָגער פון דער יידישער יוגנט. קוקט ווי די שכינה פון אייביקער גייסטיקייט רוט אויף אים און שטראָלט אַרויס פון זיינע טיפע, פריילעכע און פאַרשנדיקע אויגן.״ און

אַלעקסאַנדער גראַנאַך אין וו. שעקספּירס „שײַלאָק“
(געשפּילט אין ייִדיש, לאָדזש, 1935).

סצענע פֿון סאָוועטיש־רוסישן פֿילם „ציגײַנער“
(אַל. גראַנאַך, רעכטס, אין דער הויפּט־ראָל)

א. גראַנאַך רעדט וועגן די פעלקער און מלוכות, וואָס אָרגאַניזירן זייער פּאָליטיש, געזעלשאַפטלעך און קולטורעל לעבן אויף די פאַרשיידענע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן, — „און דאָס אַלץ דערהייבט און באַפעסטיקט דעם כבוד פון פאָלק". און ביי אונדז? „אַט איז אַ מענטש אַ קינסטלער אַוועק פון דער היים — קיינער האָט נאָך אים נישט צוריקגעשיקט, קיינער האָט אין ערגעץ אויף אים נישט געוואַרט." אָבער „יאַנקל אַדלער טראָגט אין זיך יענעם הייליקן פייער, וואָס איז אַ מיסיע, וואָס צווינגט אים צו אַנטפּלעקן דאָס אינערלעכע רייכטום פון דעם מין מענטש, וואָס לייקנט אָפּ אויפן שאַרפסטן אופן די ליגנס פון די אַלע דעמאַגאָגן, וועלכע ווילן איינרעדן דער וועלט ראַסן-שמאַכטעס און ראַסן-שמאַנצעס..."

און אינצווישן קורצע הפסקות און אַ פריידיק-גליקלעכער בריוו — אַ הייסע טיף-גראַנאַכישע באַגריסונג צום 600סטן נומער „ליט. בלעטער" (1935, נ' 48). דער בריוו איז פון מאָסקווע, און צווישן די אַלע רייד און גרוסן אַזאַ שורה: „ווען איך וואָלט זיך געקענט צעטיילן אויף צוואַנציק גראַנאַכס, וואָלטן אַלע צוואַנציק געווען פאַרטאָן מיט גליקלעכער קינסטלערישער אַרבעט."

און ווידער אַן איבעררייס. דער גורל פאַרטראָגט מיך קיין אַמעריקע און נאָך עטלעכע חדשים זיין דאָ אַ גאַסט אויף אַ ווייל, באַקום איך אַ טעלעגראַפישע ידיעה — גראַנאַך קומט... און אָט — די באַגעגעניש ביים אַראָפּגאַנג פון דער שיף. מיר ביידע אַרויסגעריסן און אויסגעוואָרצלט פון דער ברענענדיקער איירָאָפּע, און גאָר אַ טרעפונג אין ניו-יאָרק, ביים האַפן. ביידע פעסטע מענער צעכליפּען זיך ווי קינדער, ווי ווייבער...

און עס הויבט זיך פאַר א. גראַנאַכן אַן גלות-ניו-יאָרק נאָכן גרויסן איירָאָפּע-חורבן. און אין דעם גרויסן יידישן קינסטלערישן ניו-יאָרק, וואו אויף טריט און שריט איז דאָ מאַנגל אין שאַפערישע כוחות, קומט אויס א. גראַנאַכן אַרומצוגיין מיט אַ פעסטן און שטאָלצן (אָבער טיף-אינעווייניק אַ וואַקלענדיקער!) גאַנג פון „אני שלמה". און אַנשטאָט אָפענע טירן, אַנשטאָט אָפענע אָרעמס — אומצוטרוי, פאַרפרעמדקייט און — דאָס ערגסטע — אָפּוואַרטנדיקע פאַרזיכטיקייט. און ס'ווילט זיך נישט איצט, ווען א. גראַנאַך ליגט אונטער אַ פעסטן שטיין, דערציילן, אָנקלאָגן און שטראָפן מענטשן, אינסטיטוציעס... יאָ, די ערשטע צוויי-דריי יאָר אין אַמעריקע זיינען געווען פאַר א. גראַנאַכן שווערע, זייער שווערע, אומהיימלעכע.

איז אַנשטאָט יידיש טעאַטער, אַנשטאָט יידישע קולטור-סביבה — האָט ער געמוזט עוקר זיין קיין האליוואוד. אויך אַ שווערער וועג. אַנדערע ווערן דאָרט צעבראָכן, פאַלן אום אונטער דער שווערער משא, אָבער גראַנאַך, וואָס האָט געקאָנט פון אַ בעקער-יונג אַרויפשטייגן אויף די העכסטע שטאַפּלען פונעם בעסטן קינסטלערישן דייטשן טעאַטער, האָט אויך אין

האליוואוד אַנגעהויבן ווי אַ קליין קינד שטעלן פיס און זיך געלערנט גייז, און פון בילד צו בילד אַלץ געשטיגן אויפן לייטער פון דערפאָלג...

אַפּריל־מאַי 1944 בין איך געווען עטלעכע וואָכן אין האליוואוד, געווען אַ גאַסט ביי א. גראַנאַכן, און ביידע איבערגעלעבט אינטערעסאַנטע און שפּאַנענדיקע שעהען און טעג פון גייסטיקער און קינסטלערישער דער־הויבונג. דאָס מאָל האָט זיך אַלץ געדרייט אַרום די ערשטע צוואַנציק קאַפּיטלען פון זיין בוך, וואָס ער האָט פיבערדיק און באַגייסטערט און מיט אַ גאָר־הויכער טעמפּעראַטור געשריבן. אויך וועגן אָט די דערהויבענע טעג ווילט זיך שרייבן גאָר אויספירלעך...

אַלעקסאַנדער גראַנאַך איז שוין ווידער אין ניו־יאָרק אין פאַרבינדונג מיטן פאַרעפנטלעכן זיין בוך אין ענגליש, און אָט איז א. גראַנאַך אין אַ טעאַטער־אַנסאַמבל מיט פּרעדעריק מאַרטש. און ווידער באַגעגעניש, און די לעצטע באַגעגענישן אין זיין האָטעל, וואו מיר זעצן בשותפות איבער קאַפּיטלען פון זיין בוך פאַר דער „יידישער קולטור".

און איין מאָל אַ פאַרמיטאָג ביי אים אין האָטעל: מיר שמועסן אָפּ אויף מאָרגן זיך טרעפן. א. גראַנאַך באַדאַרף אָנשרייבן פאַרן פּרץ־נומער „יידישע קולטור" אַן אַרטיקל — אַ דערינערונג פון זיין באַזוך אין זאַ־מאָשטש, פּרצעס היימשטאָט, בעת זיינע גאַסטשפּילן מיט „די גאָלע לאַטע", און זיינע באַגעגענישן מיט די פּרץ־טיפּן, מיט מאָניש און באָנטשע שוייג און קראַנקן יינגל...

און מאָרגן פרי רוף איך אים אָפּ, און א. גראַנאַך ענטפערט מיר גאָר פון שפּיטאָל. „וואָס טוסטו אין שפּיטאָל ?" — „גאָרנישט, עפּעס וויטיקן, מעגלעך אַן אָפּעראַציע אויף בלינד־דאַרם, אָבער ס'איז אַ קלייניקייט! ווּעסטו מאָרגן קומען צו מיר ?"

און אויף מאָרגן איז שוין א. גראַנאַך נישט געווען צווישן די לעבעדיקע.

עס האָט זיך פאַרענדיקט דער גאַנג פון דעם לעבעדיקן אַלעקסאַנדער גראַנאַך.

ניו־יאָרק, דעם 20טן מערץ, 1948.

פונעם אַלעקסאַנדער גראַנאַך בוך־קאָמיטעט

האָראָדענקאָ, אַ קליין שטעטל אין מזרח־גאַליציע. פאַר דעם היטלע־ריסטישן בלוט־מבול האָט דאָס שטעטל געהאַט אַ באַפעלקערונג פון אַרום אַ טויזנט יידישע משפחות, וועלכע האָבן — ווי אַלע יידן אין פוילן — געלעבט אין אַ סביבה פון יידישער טראַדיציע און לעבנס־שטייגער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז האָראָדענקאָ אויך געוואָרן אַ צענטער פון קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

אַלע פּאַרטייען און באַוועגונגען האָבן געהאַט אַ נאָכפאָלגערשאַפט און אויך אָרגאַניזירטע גרופּעס אין האָראָדענקאָ. די אויסשטודירטע יוגנט, וועלכע האָט אין דעמאָלטיקן פוילן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך נוצלעך צו מאַכן אין זייערע פּראָפעסיעס, האָבן אויסגענוצט זייערע קענטע־נישן אויף צו לערנען די יוגנט. און אַזוי זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ העברייאישע שול, אַ שול פאַר מיידלעך „בנות יעקב", און אויך אַ יידישע פאָלקס־שול, די גרעסטע אין שטעטל. מיט דער הילף פון האָראָדענקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, האָט די בונדיסטישע גרופּע אין האָראָדענקאָ אויסגעבויט אַ שול־בנין, וועלכער האָט געהאַט אויך אַ זאַל פאַר אונטער־האַלטונגען, אַ ביבליאָטעק, אַ טעאַטער־זאַל מיט אַ בינע, וואו ס׳פלעגן אויפ־געפירט ווערן יידישע טעאַטער־שפּילן, אָפּגעהאַלטן ווערן לעקציעס, דעבאַטן, פאַרזאַמלונגען, און האָט געדינט ווי אַ צענטער פאַר אַלע קול־טורעלע און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן אין האָראָדענקער יידישן לעבן. אַדאַנק די האָראָדענקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, פלעגן אויך די קינדער קריגן אַ זאַטן מאָלצייט אין דער יידישער שול; שיך און מאַנטלען פלעגן זיי באַקומען פון זייערע אַמעריקאַנער קרובים און פריינט. (דער יונגער שוישפּילער בען באָנוס איז אַ גראַדואַנט פון אָט דער יידישער פאָלקס־שול אין האָראָדענקאָ.)

אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט ליב געהאַט זיינע לאַנדסלייט, און איבער־הויפּט די קינדער, וועגן וועלכע ער שרייבט אין זיין ערשטן בריוו פון האַליוואָוד אָט די האַרציקע ווערטער:

„האָראָדענקע, דו מיין היימישער הימל, דו מיין היימישע ערד און מיין היימיש קאָרן־ראַזעווע ברויט; אַלס קינד אַליין אַרומגעלאָפן אין דיינע בלאָ־טיקע אונטערגעסלעך מיטן סטענדל אין דרויסן (איך בעט איבער אייער כבוד); אום ווינטער זיך געגליטשט מיט די אויסגעקרימטע שטיוועלעך

און אום זומער געגנבעט אויבסט אין פרעמדע גערטנער (אַלע ייִנגלעך אויף דער גאַנצער וועלט גנבענען אויבסט פון פרעמדע גערטנער, זאָגט סטרינדבערג); געלערנט אין דײַן תלמוד־תורה־חדר, געגאַנגען אין דײַן באַראָן הירש־שול, און איך ווייס, אַז די האָראָדענקער קינדער פון דעמאָלט און פון הײַנט טראָגן אין זייערע הערצער אַ גרויסע בענקשאַפט. און די בענקשאַפט איז פאַרפונדעוועט און פאַרוואָרצלט אין אונדזער שוואַרצער, זאַפטיקער, האָראָדענקער ערד.

„און מיר אַלײן, קינדער פון יענעם שטעטעלע, טאָרן קיין מאָל ניט פאַרגעסן אונדזערע איצטיקע קינדער פון האָראָדענקע. דאָס זײַנען ניט נאָר אונדזערע קינדער, דאָס איז אונדזער אייגענע יוגנט, מיט אונדזערע אייגענע חלומות און בענקשאַפטן.

„אויב מיר העלפן הײַנט אונדזערע האָראָדענקער קינדער, גלײַכן מיר ניט נאָר אויס די חובות פון אונדזער אייגענער שווערער יוגנט, נאָר מיר העלפן לייגן די פאָדוואַלענע פאַר אונדזער אייגענער צוקונפט. אויב די גרויסע וועלט איז טראָגעדיק (שוואַנגער), מיט אַ נײַער בעסערער וועלט — איז האָראָדענקע טאַקע אַ קלײן שטעטעלע, — אָבער די וועלט באַשטייט פון גרויסע און קלײנע שטעטעלעך!

„דערפאַר מוזן מיר זיך צוזאָגן ביים הײַנטיקן יובילײ און געבן זיך דאָס וואָרט צו בלײַבן אין קאָנטאַקט און צו זײַן געטרײַ אונדזערע אָרעמע האָראָדענקער קינדערלעך, אַזוי, אַז זיי זאָלן זײַן שטאָלץ אויף זייערע פעטערס און מומעס אין אַמעריקע — און מיר זאָלן קענען זײַן שטאָלץ אויפן נײַעם געזונטן דור פון האָראָדענקע, דעם טייל פון אונדזער פאָלק!

האַליוואוד, דעם 3טן אָקטאָבער, 1939.״

מיט דער זעלבער ליבע און פאַרערונג שרײַבט גראַנאַך זײַנע ערשטע קאַפּיטלען פון זײַן בוך, וואו ער פאַראייביקט באמת דאָס שענסטע און דאָס מענטשלעכסטע, וואָס ער האָט געדענקט פון האָראָדענקאַ, ווען ער איז פון דאָרטן אַוועק אַ קלײן ייִנגל. עס איז אים באמת געלונגען צו פאַראייביקן פאַר דער געשיכטע די טיפן און כאַראַקטערן, וואָס אַלע פון אונדז געדענקען אַזוי גוט. מיט דעם האָט א. גראַנאַך פּאַקטיש געשטעלט אַ מאָנומענט די האָראָדענקער קדושים, וועלכע זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַצישע רוצחים.

די פּראָגרעסיווע האָראָדענקער, אַ פאַראיין פון לאַנדסלײַט, דריקט אויס אַ דאַנק צו אַלע מיטגלידער פון אַלעקסאַנדער גראַנאַך בוך־קאָמיטעט, ווי אויך צו אַלע לאַנדסלײַט און פרײַנט, וועלכע האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן גראַנאַכס בוך אין ייִדיש. אַ דאַנק דעם „איקוף״ מיט די חשובֿע מיט־אַרבעטער נחמן מײַזיל און יעקב מעסטל, וועלכע האָבן פּאַקטיש דורכ־

געפירט דעם גאַנצן פּראָיעקט — פון איבערזעצן דעם מאַנוסקריפּט פון דייטש אין יידיש, ביז רעדאַקטירן און אַרויסגעבן דעם בוך, וועלכער איז אַ וויכטיקער בייטראַג צו דער יידישער ליטעראַטור.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך בוך־קאָמיטעט
פון „פּראָגרעסיוון האָראָדענקער פאַראיין"

ברוך יצחק שפּירער, פּרעזיצער
יצחק אייזיק שעכטער, סעקרעטאַר
לייב קאָך, קאַסירער

ווילי׳ע אַפּפענבערגער
אייזיק י. באַהר
לייב וו. באַהר
שלום בן נון
יוסף ברעטלער
שרה טשאַרנע גאַנץ
לואיס גוטעל
מאָטל גוטעלעוויטש
טשאַרלס גליקסמאַן
מאַקס געלער
מאָטל גראַנאַך־גוטעלעוויטש
יוסף האָרנשטיין
שרה האַמער־דזשאַקלין
דוד האַאַס
הענעך יעקב הערמאַן
אָשר זילבער
ב. טשאַרלס
עדי טשאַרלס
יהודית טשעלין
משה יאַנקנער
אַלטער יורמאַן
עלסאַ לאַנגפאָרד
משה ליעבמאַן
עזריאל לעווי
חיים הירש מעלטצער
יוסף מעלטצער
יעקב מערבוים
חיה גיטל נעם
יחזקאל פידלער
איציק פעטנער
ה. י. צוקער
לייב קאָך
לייזער קאָך
דוד קוגעלמאַן
יעקב קוגעלמאַס
שלמה קעללער
רויזע ראָזענשטיין
פרומע רחל
יצחק אייזיק שעכטער
לאָוועש שעכטער
ברוך יצחק שפּירער
זעליג שפּירער
פּראָגרעסיווע האָראָדענקער — ליידים אָקזילערי